STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00392

YORBUKH ALEF

Permanent preservation of this book was made possible
by Rafael & Shirley Brand
in memory of
Rivka (Regina) & Joel (Joe) Ruttenberg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאָרבוך

א

וועלט פעדעראציע פון פוילישע יידן
אַמעריקאַנער עקזעקוטיווע, ניו־יאָרק

יאָרבוך

א

רעדאַקטאָר

ד"ר שמעון פעדערבוש

ניו־יאָרק

1964 תשכ"ד

דער בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון קולטור־פאָנד פון דער
קאָנפערענץ פאַר מאַטעריעלע פאָדערונגען קעגן דייטשלאַנד.

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

אינהאלט

הקדמה 7

ד"ר שמעון פעדערבוש
פוילן דער תורה־צענטער פון וועלט־יידנטום........................ 9

ד"ר יצחק לעווין
דער חרם אלס עקזעקוטיוו־מיטל פון „ועד ארבע ארצות"........... 76

נ. קאנטאראוויטש
די ציוניסטישע ארבעטער־באוועגונג אין פוילן..................... 110

מרדכי וו. בערנשטיין
דער „בונד" אין פוילן.. 158

ד"ר הלל זיידמאן
צו דער געשיכטע פון דער ווארשעווער קהילה..................... 223

ד"ר חיים שאשקעס
די קאאפעראטיווע באוועגונג אין פוילן........................... 278

יצחק גאטליב
פוילישע יידן אין דער פארמירונג פון לאטיין־אמעריקאנער קהילות 298

ד"ר רפאל מאהלר
מדיניות של שלטונות פולין הקונגרסית בתחום התרבות היהודית 319

זוכצעטל פון נעמען.. 365

PROF. A. TARTAKOWER
Jewish Migration in Poland 5

CONTENTS

Preface 7

S. FEDERBUSH
Poland as the Torah Center of World Jewry 9

I. LEWIN
The Executive Power of the "Vaad Arba Aratzath" 76

N. KANTAROWICZ
The Zionist Labor Movement in Poland 110

M. BERNSTEIN
The "Bund" in Poland 158

H. SEIDMAN
The Jewish Community in Warsaw 223

H. SHOSHKES
The Cooperative Movement in Poland 278

I. GOTLIB
The Role of Polish Jews in the Formation of the
Jewish Communities in Latin America 298

R. MAHLER
The Policy of Polish Authorities toward
Jewish Culture 319

Index 365

A. TARTAKOWER
The Polish-Jewish Migrations of Recent Times 5

הקדמה

דאָס יאָרבוך האָט די אויפגאַבע צו פאַרשן און אויפלעבן פאַר אונדז און פאַר די קומענדיקע דורות דאָס לעבן און שטרעבן פון דעם וואונדערלעכן שבט פון פאָלק־ישראל, וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין אונדזער געשיכטע ווי דאָס פוילישע יידנטום. הונדערטער וויכטיקע ספרים און געדענק־ביכער זענען דערשינען אין לעצטע יאָרן, וואָס זענען געווידמעט דער טראַגעדיע און חורבן פון איינצלנע קהילות און יישובים. ניט געקוקט אויף דעם וויכטיקן היסטאָרישן מאַטעריאַל, וואָס דידאָזיקע ליטעראַטור האָט צונויפגעזאַמלט, פעלן נאָך אַרומנעמענדיקע פאָרשונגען און באַשרייבונגען וועגן דער גאַנצער טויזנט־יאָריקער היסטאָריע פון יידישן יישוב אין פוילן; וועגן זיינע באַדייטנדיקע גייסטיקע דערגרייכונגען און זיין גרויסן חלק אין דער דערהאַלטונג און דערהייבונג פון אַלע תפוצות הגולה. דער יידישער קיבוץ אין פוילן איז דאָך פון דער באַשיידענער התחלה ווי אַ גרופע פון פאַראָרעמטע און אויסגעוואָרצלטע איינוואַנדערער אויסגעוואָקסן צו דער פירנדיקער ראָלע — צו דער „ריש־גלותא“, ווי דער גייסטיקער הויפט פון וועלט־יידנטום.

אָט־דער אויפשוואונג איז פאָרגעקומען אין אומגעווייגלעך־שווערע באַדינגונגען, וואָס רופט אַרויס דערשטוינונג; עס איז צו באַוואונדערן די אומאויסשעפּלעכע וויטאַליטעט און טיפן צובונד צו אונדזער גייסטיקער ירושה פון אָט־דעמדאָזיקן שווער־געפּרוּווטן יידישן ציבור. פון איין זייט רדיפות און נגישות, אָרעמקייט און דערנידעריקונג פון דרויסן, און פון דער אַנדערער זייט אַ גאָט־געבענטשט אינערלעך לעבן פון זעלבסט־ווערדע און גרויסע מענטשלעכע ווערטן, אָנגעפירט פון פאַרערטע שרי התורה, פון גייסטיקע פירשטן פון דורותדיקער איידלקייט; עס האָט געהערשט דער באַוואוסטזיין כי הם חיינו ואורך ימינו.

דער אָפגעפרעמדטער היינע האָט פון דערווייטנס דערשפּירט די גרויסקייט פון דער דערשיינונג און האָט זי אויסגעדריקט מיט די ווערטער:

„פעלקער זענען אויפגעקומען און אומגעקומען, מדינות האָבן געבליט און פאַרוועלקט, רעוואָלוציעס האָבן געבראָזט אין דער וועלט, אָבער זיי, די יידן, זענען געזעסן איינגעבויגן איבער דעם ספר, ניט באַמערקנדיק די ווילדע יאָגעניש פון דער צייט, וואָס האָט געשטורעמט איבער זייערע קעפּ".

אָבער ניט נאָר אויפן תורה־געביט. אויך אין די סעקולערע ספערן פון סאָציאַלן, פּאָליטישן, ווירטשאַפטלעכן לעבן און נאַציאָנאַלער דערוואַכונג זענען די פּוילישע יידן געווען אַ קוואַל פון דערמוטיקונג און אַ ביישפּיל פאַר אַלע אַנדערע יידישע קיבוצים.

דאָס יאָרבוך שטרעבט צו זיין אַ באַשיידענער צושטייער צו דער פיקסירונג און פאַראייביקונג פון אָט־די זעלטענע אויפטואונגען פון פּוילישן יידנטום. דערדאָזיקער ערשטער יאָרבוך פון דער וועלט־פעדעראַציע פון פּוילישע יידן איז אַן אָנהייב. מיר האָפן אין די קומענדיקע יאָרביכער אויסצוברייטערן די פאָרשונגען אויף אַלע גייסטיקע און סאָציאַלע דערשיינונגען פון פילפאַרביקן לעבן פון דעם טראַגיש־פאַרשניטענעם אָבער טיף־איינגעבאַקענעם אין אונדזער האַרץ פּוילישן יידנטום.

איך וויל דערביי באַזונדערס אויסדריקן אַ גרויסן יישר־כוח דעם באַוואוסטן שרייבער און פאָרשער מר. מרדכי וו. בערנשטיין פאַר זיין הילף און מיטאַרבעט אין קאָרעגירן און טעכנישער צוגרייטונג פון דעם יאָרבוך.

ניו־יאָרק, אדר, תשכ"ג

דער רעדאַקטאָר

הרב ד״ר שמעון פעדערבוש

* * * *

פוילן, דער תורה־צענטער פון וועלט־יידנטום

הקדמה

א. די ערשטע תורה־געלערנטע אין פוילן

ב. רבי יעקב פּאָלאַק

ג. רבי שלום־שכנא פון לובלין

ד. דער „שולחן־ערוך" פון רבי יוסף קאַרו

ה. פוילישע גאונים די באַגרינדער פון „שולחן־ערוך" רבי משה איסרלש, דער רמ"א

ו. רבי יהושע פאַלק — דער סמ"ע

ז. רבי דוד הלוי סגל — דער ט"ז

ח. רבי שבתי כהן — דער ש"ך

ט. רבי משה לימא — דער חלקת־מחוקק

י. רבי אברהם גאָמבינער — דער מגן־אברהם

יא. רבי שמואל — דער בית־שמואל

יב. רבי משה רבקיש — דער באר־הגולה

יג. רבי יוסף תאומים — דער פרי־מגדים

יד. שפּעטערע ווערק פון פוילישע גאונים אויפן „שולחן־ערוך":
א. רבי אלכסנדר־סענדער שור
ב. רבי יהונתן אייבשיץ
ג. דער ווילנער גאון רבי אליהו
ד. רבי אריה־לייב העלער
ה. רבי יעקב לאָרבערבוים
ו. רבי יהודה אשכנזי
ז. רבי חיים־מרדכי מרגליות
ח. רבי אברהם־צבי אייזנשטאַט
ט. רבי ישראל־מאיר הכהן

הערות

הקדמה

הגם די ליטעראַטור וועגן דעם חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום איז אַ פאַרצווייגטע, איז נאָך ביז היינט נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן דער היסטאָרישער צושטייער פון פוילישן יידנטום צו דעם אויספורעמען זיך פון גייסטיקן מהות פון אונדזער פאָלק אין משך פון די לעצטע פיר הונדערט יאָר. אַזוי ווי בבל איז נאָכן צווייטן חורבן פון ארץ־ישראל געוואָרן דער גייסטיקער מיטלפונקט פון יידישן פאָלק, און דערנאָך שפּאַניע, פראַנקרייך און דייטש־לאַנד, אַזוי איז פוילן געוואָרן אין דער לעצטער תקופה דער הויפּט־צענטער פון יידישער שעפערישקייט פון אַלע תפוצות־ישראל.

ס'איז געגוג צו דערמאָנען נאָר עטלעכע באַרימטע נעמען פון די פיל הונדערטער געלערנטע; נעמען פון גאונים אין תורה, פון פאָרשער אין חכמת־ישראל, פון גרויסע עטישע פערזענלעכקייטן, פון חסידישע צדיקים, פון פאַר־ערטע שרייבער און פאָעטן; בויער פון דער נייער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור, כדי צו באַוואונדערן די גייסטיקע כוחות וואָס זענען געווען פאַרבאָרגן אין דעם געיאָגטן און געפּלאָגטן יידישן ישוב אין פוילן.

פון די פוילישע גאונים, וואָס זייער תורה־אויטאָריטעט איז אָנערקענט געוואָרן אין דער גאַנצער יידישער וועלט, איז כדאי צו דערמאָנען:

רבי יעקב פּאָלאַק; רבי משה איסרלש — דער רמ״א; ר׳ יואל סירקיס — דער ב״ח; ר׳ שלמה לוריא — דער מהרש״ל; ר׳ יהושע פאלק — דער סמ״ע; ר׳ דוד הלוי — דער ט״ז; ר׳ שבתי כהן — דער ש״ך; רבי מרדכי יפה — דער „בעל־הלבושים״; רבי אברהם גאָמבינער — דער „מגן־אברהם״; ר׳ שמואל־אליעזר איידלש — דער מהרש״א; ר׳ אליהו — דער ווילנער גאון; ר׳ יהונתן אייבשיץ, געבוירן געוואָרן אין קראָקע — דער „אורים ותומים״; רבי אריה־ליב העלער — דער „קצות החושן״; רבי יעקב לאָרבערבוים פון ליסא — דער „נתיבות״; ר׳ צבי חיות; ר׳ יוסף תאומים — דער „פּרי־מגדים״; ר׳ יוסף־שאול הלוי נאַטאַנזאָן — דער „שואל ומשיב״; ר׳ יצחק שמעלקיס — דער „בית־יצחק״; ר׳ שלום־מרדכי שוואַדראָן — דער מהרש״ם; ר׳ ישראל־מאיר הכהן — דער „חפץ־חיים״; און פיל אַנדערע, וואָס זייערע ספרים האָבן געפורעמט גאַנצע דורות פון פאַרוואָרצלטער יידישקייט.

אויך די חסידישע באַוועגונג אין פוילן האָט אַרויסגעגעבן גרויסע עטישע געשטאַלטן און רעליגיעזע פירער, ווי ר׳ יעקב־יוסף — דער „תולדות״; רבי לוי־יצחק באַרדיטשעווער — דער „קדושת לוי״; רבי אלימלך ליזשענסקער — דער „נועם אלימלך״; ר׳ יעקב־יצחק — דער „חוזה פון לובלין״; ר׳ שמחה־בונם פון פשיסכא; ר׳ מנחם־מענדל פון קאָצק; ר׳ חיים האַלבערשטאַם — דער „דברי־חיים״; און פיל אַנדערע, וואָס זענען געווען אַ קוואַל פון אינ־ספּיראַציע און דערהויבונג פאַר די ברייטע פאַרפייניקטע מאַסן, פון גלות־

יאָך, און זענען אויך געווען די באַגרינדער פון דער וואונדערפולער חסידישער שיטה

אין דער יידישער וויסנשאַפט האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די באַרימטע גרינדער פון חכמת־ישראל, דענקער און פאָרשער, ווי ר׳ נחמן קראָכמאַל — דער רנ״ק; ר׳ יהודה ראַפּאַפּאָרט — שי״ר; און שפּעטער ר׳ שמואל פּאַזנאַנסקי, שמעון בערנפעלד, מאיר באַלאַבאַן, ר׳ משה שאָר און אַנדערע.

אין דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור האָבן זיך באַרימט געמאַכט די וואָרט־קינסטלערס און דיכטערס, ווי י. ל. פּרץ, דוד פרישמאַן, זלמן שניאור און יבדלו לחיים שמואל־יוסף עגנון און אורי־צבי גרינבערג.

אָט־די פילפאַרביקע שעפערישקייט איז געווען אַן אויסשטראַלונג פון דער געניאַליטעט פון יידישן מרכז אין פוילן, וואָס האָט באַלויכטן אַלע תפוצות־ישראל.

די קומענדיקע פּרקים באַשרענקען זיך בלויז אויף איין געביט פון די גרויסע קולטורעלע אויפטואונגען פון פוילישן יידנטום, דהיינו: צו דעם ריזיקן ווערק פון פוילישע גדולי־תורה, וואָס האָבן באַגרינדעט און פאָרפולקאָמט דעם באַרימטן קאָדעקס פון יידיש־רעליגיעזן געזעץ, דעם „שולחן־ערוך״, דאָס ווערק וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג אויף דער געשטאַלטונג און אַנטוויקלונג פון אונזער קולטורעלן און קהלישן שטייגער־לעבן אין דער גאָרער וועלט.

מיר וועלן זיך אָבער פריער קורץ אָפּשטעלן אויף דער פריערדיקער תקופה, וואָס האָט דערמעגלעכט דעם שפּעטערדיקן אויפשוואונג.

א. די ערשטע תורה־געלערנטע אין פוילן

טויזנט יאָר יידישע געשיכטע אין פוילן. — צוויי תקופות אין הרבצת־התורה. — שפּאַנישע „תקופת־הזהב״. — די צענטערס אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד. — דער ריב״ש וועגן דער וויכטיקייט פון די צוויי צענטערס. — דער אונטערגאַנג פון שעפערישקייט אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד. — דער אויפקום פון נייעם צענטער איידער עס פאַרשווינדט אַן אַלטער. — דער טרויעריקער מצב פון תורה אין דער ערשטער צייט פון יידישן יישוב אין פוילן. — ווי ר׳ אליעזר פון בעהמען באַשרייבט דעם מצב אין 12טן יאָרהונדערט. — די יידן אַלס אינטעלעקטועלער עלעמענט. — רעגירונגס־מטבעות מיט העברעאישע אויפשריפטן. — איינוואַנדערונג פון יידן פון דייטשלאַנד. — ערשטע תורה־געלערנטע אין 15טן יאָרהונדערט. — גאַליציע ווערט דער אָנהייב פון אַ מקום־תורה. — רבי לוי קיקניש, ר׳ אברהם בן־יחיאל און רבי קלמן מוורמיזא גרינדן ישיבות אין לעמבערג. — דער מהרש״ל וועגן דער באַדייטונג פון ר׳ קלמן פון וואָרמס. — רבי משה מינץ פון מגנצא אין פויזן. — ר׳ יחיאל לוריא און ר׳ אברהם לוריא, דער זיידע פון מהרש״ל, פאַרשפּרייטן תורה אין בריסק דליטא.

די טויזנט יאָר יידישע געשיכטע אין פוילן קען מען איינטיילן אין צוויי גלייכע תקופות בנוגע דעם תורה־פאַקטאָר אין יידישן לעבן: די ערשטע פינף

הונדערט יאָר, ווען עס האָבן זיך לאַנגזאַם אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען סימנים פון אַ תורה־לעבן, און די צווייטע פינף הונדערט יאָר, ווען תורה־שאַפונג און תורה־לערנען זענען געוואָרן דער דאָמינירנדיקער קולטורעלער כוח פון יישוב, און געבראַכט דערצו, אַז דאָס פוילישע יידנטום האָט איבערגענומען די גייס־טיקע פירערשאַפט פון כמעט דער גאַנצער יידישער צעשפּרייטונג.

ביז צום סוף פון פופצנטן יאָרהונדערט איז פוילן ניט געווען גערעכנט צווישן די באַוואוסטע תורה־צענטערס. יידיש קולטור־לעבן האָט זיך דעמאָלט קאָנצענטרירט בעיקר אין שפּאַניע, פראַנקרייך און טיילוויז אין דייטשלאַנד. אין צענטן יאָרהונדערט האָט שפּאַניע איבערגענומען פון בבל די גייסטיקע פירער־שאַפט פון די תפוצות־הגולה דורך אירע גדולי־התורה, ווי דער רמב״ם, דער רמב״ן, דער רשב״א און אַנדערע, ווי אויך די באַרימטע פּאָעטן און דענקער, ווי שלמה בן גבירול, יהודה הלוי, אברהם און משה אבן־עזרא, חסדאי קרשקש, יצחק אַברבנאל און פיל אַנדערע. עס איז די צייט וואָס איז באַקאַנט אַלס די „תקופת־הזהב״ — די גאָלדענע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע, וואָס האָט זיך טראַגיש פאַרענדיקט מיט דעם גירוש פון 1492.

אין פראַנקרייך איז אַנטשטאַנען אַ תורה־מרכז, וואו ס'האָבן געלעבט און געשאַפן רש״י און די בעלי־התוספות. אויך אין דייטשלאַנד איז אויפגעקומען אַ תורה־צענטער וואָס האָט אַרויסגעגעבן גרויסע פערזענלעכקייטן פאַרן יידנ־טום אין גאַר דער וועלט, ווי: רבי יהודה החסיד — דער מחבר פון „ספר־חסידים״, זיין גרויסער תלמיד רבי אליעזר מגרמיזא — דער בעל „הרוקח״, רבי מאיר מרוטנבורג, צו וועלכן אַלע יישובים און דער וועלט האָבן זיך גע־ווענדעט אין הלכה־פראַגן. אין פערצנטן יאָרהונדערט זענען באַרימט געוואָרן די דייטשע תורה־אויטאָריטעטן: רבי יעקב מולין — דער מהרי״ל; זיין תלמיד רבי יעקב ווייל—דער מהרי״ו און רבי ישראל איסרלין—דער „תרומת־הדשן״. די גרויסע באַדייטונג פון די צוויי יישובים פון פראַנקרייך און דייטש־לאַנד פאַרן יהדות איז אָנערקענט געוואָרן אויך פון די קהילות פון אַנדערע לענדער. דער גרויסער געלערנטער רבי יצחק בר־ששת, באַקאַנט מיט דעם נאָמען דער ריב״ש, וואָס האָט געלעבט אין פערצנטן יאָרהונדערט אין שפּאַ־ניע און שפּעטער אין אַלזשיר, שרייבט וועגן די צוויי תורה־צענטערס די זעלבע לויב־ווערטער, וואָס זענען אַמאָל געזאָגט געוואָרן אויף ציון און ירושלים: „כי מצרפת תצא תורה ודבר ה׳ מאשכנז״ [1]).

אינעם פופצנטן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַדייטנדע ירידה אין די דריי דערמאָנטע יידישע יישובים. דאָס שפּאַנישע יידנטום האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער מוראדיקער קאַטאַסטראָפע פון גירוש, וואָס איז באַ־טראַכט געוואָרן אַלס די גרעסטע יידישע טראַגעדיע זינט דעם חורבן פון בית־המקדש. ר׳ יצחק אברבנאל, דער מנהיג פון די פאַרטריבענע, באַצייכנט די קאַטאַסטראָפע פון שפּאַנישן יידנטום אַלס די שרעקלעכסטע, וואָס האָט גע־טראָפן דעם יידישן פאָלק אין דער תקופה פון גלות [2]).

אויך אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן די יידי־שע יישובים מחמת נייע גזירות און רדיפות, וואָס האָט אויך באַווירקט דעם גייסטיקן מצב. למדנות איז געוואָרן וואָס אַמאָל זעלטענער. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ יידישע אויסוואַנדערונג פון די לענדער, וואָס האָט אַרומגענומען אויך רבנים און למדנים, ווייל זיי זענען געצוואונגען געוואָרן צו זוכן אויסלענדישע קהילות פאַר זייערע טעטיקייטן. אַ גרויסער חלק פון די אימיגראַנטן זענען אויפגענומען געוואָרן אין פוילן אַדאַנק די „פּריווילעגיעס״ פאַר יידן פון די פוילישע מלכים [3]. די איינוואַנדערער האָבן פאַרגרעסערט דעם יידישן יישוב אין פוילן, און מיטגעהאָלפן צו עפענען דאָרט אַ נייע תקופה פאַר אַ תורה־יידנטום.

די חכמי־התלמוד האָבן שוין באַמערקט, אַז דער סוד פון יידישן המשך אין גלות באַשטייט אין דעם, וואָס נאָך איידער ס׳גייט אונטער אַ יידישער גייסטיקער צענטער אין איין לאַנד, שטייט שוין אויף אַ נייער צענטער אין אַן אַנדער לאַנד. אַזוי ווערט אָנגעוויזן, אַז אין דעם טאָג וואָס רבי יהודה הנשיא פון ארץ־ישראל איז נפטר געוואָרן, איז געבוירן געוואָרן אין בבל רב יהודה, וואָס האָט געגרינדעט אין פומבדיתא אַ נייעם תורה־צענטער [4] דאָס זעלבע האָט זיך ווידערהאָלט אין אָנפאַנג פון פופצנטן יאָרהונדערט. איידער ס׳זענען פאַרשוואונדן די לערנהייזער אין שפּאַניע, פראַנקרייך און דייטשלאַנד, איז אויפגעקומען דער גייסטיקער צענטער אין פוילן, וואָס האָט אָנגעהויבן אי־בערצונעמען די פירערשאַפט פון טראַדיציאָנעלן יידנטום פון דער גאַנצער וועלט. די דאָזיקע דאָמינירנדיקע שטעלונג פון פוילישן יידנטום האָט דער־גרייכט איר פולע אַנטוויקלונג אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, און האָט אָנגעהאַלטן ביז צום סאַמע חורבן פון יידישן יישוב אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין אָנהייב פון יידישן יישוב אין פוילן איז די תורה־קענטעניש געווען זייער ווייניק פאַרשפּרייט. דער יידישער לעבנס־שטייגער איז געווען אַ שטרענג־טראַדיציאָנעלער; די קהילות האָבן זיך געפירט לויט דער הלכה, זיי זענען אָבער געווען אָנגעוויזן אויף גייסטיקע פירער און רעליגיעזע אָנגע־שטעלטע פון אויסלאַנד. רבי אליעזר פון בעהמען, אַ תלמיד פון באַרימטן רבנו תם, באַשרייבט אין אַ תשובה פון צוועלפטן יאָרהונדערט דעם טרויעריקן מצב אויף פאָלגנדן אופן [5]:

„אין די מערסטע מקומות אין פּוילן, רוסלאַנד און אונגאַרן זענען נישט פאַראַן קיין לומדי־תורה מחמת זייער אָרעמקייט. זיי שטעלן אָן אַ מענטש וואו נאָר זיי קענען געפינען, כדי ער זאָל פאַר זיי זיין אַ חזן אָדער אַ מורה־הוראה, און אויך אַ מלמד פאַר זייערע קינדער. היות ניט יעדער קהילה איז בכוח צו באַצאָלן פאַר זייער אויפ־האַלט, האָבן זיי געשאַפן חזקות וואָס באַשטימען, אַז צו די קהילות געהערן די זאַמלונגען אין פורים און די נדבות אין שמחת־תורה און פון חתנים... און ווען דו ווילסט מבטל־

מאַכן דאָס אַלץ, וועלן די אָנגעשטעלטע ניט האָבן גענוג צום לעבן און וועלן פאַרלאָזן זייערע שטעלעס, און די יידן דאָרט וועלן בלייבן אָן תורה, אָן תפילה און אָן אַ מורה־הוראה".

ס'וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו דרינגען דערפון אַז דאָס יידישע לעבן אין פוילן איז דעמאָלט בכלל געווען פרימיטיוו און קולטורלאָז. אמת, מחמת זייער קליינער צאָל און זייער אָרעמקייט האָבן זיי אין דער ערשטער תקופה ניט באַוויזן אויפצושטעלן אייגענע חינוך־מוסדות און דערציען אייגענע רע־ליגיעזע פירער פאַר זייערע קהילות. אָבער אין פאַרגלייך מיט דער פוילישער באַפעלקערונג אין מיטלאַלטער איז דער יידישער יישוב שוין דעמאָלט גע־שטאַנען אויף אַ פיל העכערער מדרגה. די פוילישע הערשער האָבן באַטראַכט די יידן ווי דעם אינטעליגענטן עלעמענט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, און ניט געקוקט אויף דעם אַלגעמיין־הערשנדיקן פאָראורטייל קעגן די יידן זענען די הערשער אָפטמאָל געווען געצוואונגען זיך באַנוצן מיט יידן פאַר מלוכהשע אויפגאַבן, וואו עס האָט זיך פאַרלאַנגט אינטעליגענץ אָדער פאַכ־מענישע קענטעניש. ווי אַ ביישפיל דערצו קען דינען אַן אינטערעסאַנטער פאַקט, וואָס איך האָב מיך דערוואוסט זייענדיק דעם זומער אין מדינת־ישראל: דער נומיסמאט א. בונה פון ישראל האָט דעמאָלט דערהאַלטן אַ כתב־יד פון פוילישן פראָפעסאָר מאַריאַן גומאָווסקי, וואָס באַשרייבט 270 מטבעות מיט אַ העברעאישן טעקסט אויף זיי. די מטבעות זענען געמאַכט געוואָרן אין פוילן אין דער צייט פון הערשער מיעשקא דער דריטער און זיין זון. פראָפעסאָר גומאָווסקי באַווייזט אין זיין בוך, אַז אַט די העברעאישע מטבעות האָבן געדינט אַלס רעגירונגס־געלט, וואָס האָבן אָפיציעל קורסירט אין פוילן צווישן די יאָרן 1170 — 1295, דאָס הייסט אין משך פון 125 יאָר. אויף די מטבעות גע־פינען זיך די העברעאישע ווערטער און אותיות ברכה, מזל־טוב, משקא, קרול פאָלסקי, און אויף טייל אויך די נעמען „יוסף הכהן" און „רבי מנחם בן יעקב הנגיד". די דערשיינונג לאָזט זיך דערקלערן, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון די קרייץ־צוגן, וואָס האָבן חרוב געמאַכט פיל יידישע קהילות אין דייטשלאַנד. דעמאָלט זענען אַנטלאָפן אָנגעזעענע יידישע עסקנים קיין פוילן, וואו זיי האָבן אַדאַנק זייערע קענטענישן אָנגעהויבן צו שפּילן אַ באַ־דייטנדיקע ראָלע. עס איז דערביי כדאי צו באַטאָנען דעם כאַראַקטעריסטישן פאַקט, אַז די דאָזיקע יידישע אימיגראַנטן האָבן מיט שטאָלץ געוואָלט דעמאָנ־סטרירן זייער יידישן אָפשטאַם מיט דעם וואָס זיי האָבן אויסגעקריצט העברע־אישע ווערטער אויף מטבעות, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר דער גאַנ־צער פוילישער באַפעלקערונג. גלייכצייטיק מוז אָבער צוגעגעבן ווערן, אַז בנוגע תורה־געלערנטקייט זענען דעמאָלט פוילישע יידן געווען שטאַרק צו־ריקגעשטאַנען.

ערשט אינעם פופצנטן יאָרהונדערט הייבן זיך אָן צו באַווייזן אין פוילן איינצלנע תורה־פערזענלעכקייטן, וואָס זענען געווען באַקאַנט אויך אין אַנדערע

לענדער, אָבער דאָס זענען געווען למדנים און רבנים, וואָס האָבן איינגעוואָנ־דערט קיין פוילן פון אַנדערע מדינות [6]. די פוילישע פּראָווינץ, וואָס האָט זוכה געווען צו האָבן די ערשטע גדולי־תורה, איז געווען גאַליציע. אין מיטן פון פופצנטן יאָרהונדערט זענען אַריבערגעקומען קיין לעמבערג די פאָלגנדיקע צווי באַרימטע תורה־געלערנטע: רבי לוי בן יצחק קיקניש און רבי אברהם בן יחיאל:

רבי לוי קיקניש איז משמעות געקומען פון שפּאַניע תיכף נאָכן גירוש, ווייל שוין עלף יאָר נאָכן גירוש איז ער נפטר געוואָרן אין לעמבערג. אין דער קורצער צייט פון זיין ווירקן אין לעמבערג האָט ער אויפגעשטעלט אַ בית־דין און אַ ישיבה, וואָס זענען ווייזט אויס געווען די ערשטע אין פוילן. ער איז גע־ווען באַטראַכט אַלס אַ גאון אין תורה, און זיין השפּעה האָט זיך אויסגעשפּרייט אויך אויף אַנדערע יידישע ישובים. ער ווערט באַצייכנט אויף זיין מצבה אַלס „האלוף הגאון, עין הגולה, אב־בית־דין וריש מתיבתא, הרביץ תורה בישראל והעמיד תלמידים רבים״ [7]. ער איז נפטר געוואָרן אין 1503.

רבי אברהם בן יחיאל איז געקומען פון פּאָרטוגאַל צוזאַמען מיט זיין פאָטער. ער ווערט געלויבט אַלס „דער גרויסער דיין״ פון לעמבערג. אויף זיין מצבה ווערט ער אָנגערופן „האלוף הגדול בתורה, הדיין הגדול בלבוב, הרביץ תורה כל הימים ולמד את ישיבתנו״. ער איז נפטר געוואָרן אין לעמבערג אין עלטער פון 82 יאָר [8]).

פון דער זעלבער צייט איז באַקאַנט נאָך אַ גרויסער געלערנטער, וואָס האָט זיך באַזעצט אין לעמבערג, דהיינו: רבי קלמן מוורמיזא (וואָרמס). ער איז געווען רב און ראש־ישיבה אין לעמבערג 42 יאָר (1560—1518). ער האָט געלעבט אין די צייטן פון ר׳ יואל סירקיס, דעם ב״ח, און האָט געענטפערט תשובות אין הלכה צו פאַרשידענע מדינות. ער האָט מרביץ־תורה געווען אַחוץ אין פוילן אויך אין רייסען, וואָלין און ליטע. ער איז געווען פאַררעכנט צו די באַוואוסטע גדולי־הדור. אין תשובות רמ״א סימן ט״ו איז פאַראַן אַ גרויסע תשובה פון אים. רבי משה ברבי אלעזר, דער קראָקאָווער סופר, וואָס איז אליין געווען אַ באַדייטנדיקער תלמיד־חכם, שרייבט אין יאָר 1640, אין זיין הקדמה צום ספר „ים של שלמה״ פונעם מהרש״ל אויף חולין, וועגן דעם רבי קלמן פון וואָרמס:

> „זקן ויושב בישיבה, הדר ישראל וגאונו, מלכו ואדונו, כבוד הגאון מו״ה קלמן מווירמייזא, מנוחתו כבוד, אשר אור תורתו היתה זורחת בעיר ואם בישראל ק״ק לבוב יע״א״.

דאָס איז געשריבן געוואָרן 80 יאָר נאָך ר׳ קלמנס פּטירה, און איז אַ באַווייז, אַז נאָך דעמאָלט איז זיין נאָמען דערמאָנט געוואָרן מיט גרויס יראת־הכבוד. דער גאון ר׳ יוסף כ״ץ, דעם רמ״אס שוואָגער, שרייבט [9]), אַז ער האָט זיינס אַ פּסק געשיקט צו ר׳ קלמן קיין לעמבערג ער זאָל אים באַשטעטיקן [10]).

ס׳איז נאָך כדאי צו דערמאָנען, אַז בערך 40 יאָר נאָך ר׳ קלמן איז

געווען רב אין פויזן רבי משה מינץ פון מגנצא (מאינץ), באַקאַנט אין דער הלכה־ליטעראַטור ווי דער מהר״ם מינץ. ער האָט פון פויזן געענטפערט תשובות צו ווייטע מקומות. אויסערדעם ווערן נאָך דערמאָנט צוויי גרויסע למדנים, איינער ר׳ יחיאל לוריא, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין בריסק דליטא, און נאָך אים האָט דאָרט געלעבט רבי אברהם לוריא, דער זיידע פון מהרש״ל. די אַלע דערמאָנטע חכמי־תורה, וואָס זענען געקומען פון אַנדערע לענדער, האָבן פאַרזייט די ערשטע קערנער פאַר תורה. זיי זענען אָבער גע־ווען נאָר יחידים. דער אויפבלי פון תורה איז געקומען שפּעטער.

ב. רבי יעקב פּאָלאַק

דער איבערגאַנג פון גייסטיקער פירערשאַפט צום פּוילישן יידנטום. — ר״י פּאָלאַק אין נירנבערג. — זיין ישיבה אין פּראַג. — דער סיכסוך וועגן דין פון „מיאון״. — מוז פאַרלאָזן פּראַג. — דער רמ״א פסקנט ווי ר״י פּאָלאַק. — ער גרינדעט די ערשטע גרויסע ישיבה אין קראָקע. — די קעגנערשאַפט צום פּילפּול. — די פּילפּול־מעטאָדע העלפט פאַרשפּרייטן לימוד־התורה. — זיינע תלמידים באַפרייען זיך פון סאָפיסטישער חריפות. — מהר״ל מפּראַג, של״ה, ב״ח, מהרש״א, „חוות־יאיר״ פאַרדאַמען די „חילוקים״. — זיינע באַרימטע תלמידים.

אַן אַנטשיידנדיקער ווענד־פּונקט אין פּוילישן יידנטום איז געווען דאָס אָנקומען קיין פּוילן פון דעם באַוואוסטן גאון רבי יעקב פּאָלאַק. דאָס איז געווען אין יאָר 1492, אין יאָר פון דעם שפּאַנישן גירוש. און ווידער האָט זיך באַשטעטיקט די דערמאָנטע מיינונג פון די חכמי־התלמוד, אַז איידער ס׳ווערט צעשטערט איין יידישער צענטער, שטייט אויף אַן אַנדערער, וואָס נעמט איבער די גייסטיקע הנהגה. אין דעמזעלביקן יאָר, וואָס דאָס שפּאַני־שע יידנטום איז חרוב געוואָרן, איז אָנגעקומען קיין פּוילן דער, וואָס האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר אַ נייעם גרויסן מרכז־רוחני פאַרן גלות־יידנטום.

רבי יעקב פּאָלאַק איז דער ערשטער גרויסער געלערנטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין פּוילן, אין יאָר 1470. אין זיין יוגנט איז ער געפאָרן לערנען אין דער נירענבערגער ישיבה פון ר׳ יעקב מרגליות. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט דער שאַרפזיניקער און פּילפּוליסטישער מעטאָדע פון גמרא־לערנען, וועלכע ער האָט דאַן איבערגעפלאַנצט קיין פּוילן, און וואָס איז באַרימט געוואָרן מיטן נאָמען „חילוקים״. פאַר אַ געוויסער צייט איז ער דאַן געוואָרן רב אין פּראַג, וואו ער האָט געגרינדעט אַ גרויסע ישיבה. ער איז מפורסם געוואָרן אין דער יידישער וועלט אַלס גאון און פּוסק [11].

רבי יעקב פּאָלאַק האָט געמוזט פאַרלאָזן פּראַג צוליב אַ סיכסוך מיט אַנדערע רבנים וועגן דער הלכה פון „מיאון קטנה״. לויט דעם דין פון תלמוד [12], ווען קרובים פאַרהייראַטן אַ מינדעריעריק מיידל, קען זי דער־קלערן נאָך דער חתונה, אַז זי וויל ניט דעם מאַן, און די הייראַט איז בטל

אַפילו אָן אַ גט. אין יאָר 1492 האָט זיך געטראָפן אַזאַ פאַל מיט דער מינדער־יעריקער שוועסטער פון ר' יעקב פאָלאַקס ווייב. ר' יעקב פאָלאַק האָט גע־פסקנט לויטן תלמודישן דין, אַז זי איז באַפרייט פון איר מאַן אָן אַ גט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן מצד פּראָמינענטע רבנים, ווייל לויט אַן אָנגענומענער תקנה פון רבי מנחם ממערזעבורג פון זאַקסן אין דייטשלאַנד איז דער דין פון מיאון מער ניט גילטיק. דער פריער דערמאָנ־טער ר' יעקב מרגליות, דער רבי פון ר' יעקב פאָלאַק און אַנדערע רבנים פון פאַרשידענע מדינות האָבן געוואָלט לייגן ר' יעקב פאָלאַק אין חרם אויב ער וועט ניט צוריקציען זיין פסק [13]). רבי שלמה לוריא [14]) באַריכטעט אַז „אַדאַנק די חשיבות און גדלות האָט ר' יעקב פאָלאַק זיך געהאַלטן ביי זיין פסק וועגן מיאון, און האָט זיך ניט גערעכנט מיט די גזירות פון זיינע קעגנער, און די יונגע פרוי האָט געהייראַטעט אַן אַנדערן מאַן". אָבער מחמת דער אַלגעמיינער רבנישער קעגנערשאַפט האָט רבי יעקב פאָלאַק געמוזט אַוועק פון פּראָג, און האָט זיך באַזעצט אין קראָקע.

ס'איז אָבער אינטערעסאַנט, וואָס דער רמ"א, וועמענס רבי איז געווען אַ תלמיד פון ר' יעקב פאָלאַק, ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען, האָט פאַר־טיידיקט דעם מוטיקן קעמפער ר"י פאָלאַק, וואָס האָט געוואָלט באַשיצן די רעכט פון אַ מינדעריעריקער פרוי, וואָס דער מאַן וויל זי ניט באַפרייען דורך אַ גט. און אין זיינע הגהות צום „שולחן־ערוך" [15]) פסקנט ער, אַז דער דין פון מיאון איז גילטיק אויך היינט ווי אין די צייטן פון תלמוד, און פירט אויס: „וכן עשה מהר"ר יעקב פולק ז"ל מעשה בימיו, ודלא כיש מחמירין ואמרו שאין בת ממאנת בזמן הזה כלל" [16]).

קומענדיק קיין קראָקע האָט ר"י פאָלאַק געגרינדעט די ערשטע גרויסע ישיבה אין פּוילן. פון דער ישיבה זענען אַרויסגעקומען באַרימטע תורה־געלערנטע, וועלכע האָבן געשאַפן אַ נייע תקופה אין לימוד־התורה. די ישיבה האָט צוגעצויגן פילע תלמידים צוליב דער נייער מעטאָדע פון פּילפּוליסטי־שער חריפות, וואָס ר"י פאָלאַק האָט איינגעפירט. די נייע שיטה אין לערנען האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט פון אַלע גדולי־תורה, פון זיין צייט, ווי דער מהר"ל מפּראָג, דער של"ה הקדוש, דער ב"ח, דער מהרש"א. רבי יאיר־חיים בכרך, דער מחבר פון „חוות־יאיר", האָט געשריבן אַ באַ־זונדערן ספר, וואו ער פאַרדאַמט דעם פּילפּול אַלס אַ פעלשונג פון דער יידישער תורה [17]).

ניט געקוקט אויף די אַלע פּראָטעסטן האָט זיך דער פּילפּול גיך פאַר־שפּרייט אין די ישיבות. וויזט אויס, אַז ר' יעקב פאָלאַק האָט מיט זיין נייעם סיסטעם אַריינגעברענגט אַן עלעמענט פון גרעסערער גייסטיקער פאַראינטע־רעסירונג אין לערנען. די יוגנט איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם שאַרפזיניקן שפּיל, פון די וואונדערלעכע סאָפיסטישע שלעסער, וואָס דער פּילפּול האָט אויפגעבויט מיט פיל טאַלאַנט פון האָרשפּאַלטעריי. זיי זענען געפעלן די פאַנ־טאַסטישע אַנאַלאָגיעס צווישן פאַרשידענע הלכות, און פּלוצים דאָס אויסגע־

פינען דעם „חילוק״ צווישן די אַנאַלאָגיעס. דאָס אַלץ האָט באַלעבט און אַפילו דראַמאַטיזירט דאָס לערנען דורך לעבעדיקע און שאַרפע וויכוחים אין די ישיבות. ס׳איז געווען אָנגענומען, אַז דאָס „שאַרפט דעם מוח״ און דער־מעגלעכט די תלמידים אַליין צו ווערן שעפעריש אין אויפטאָן אייגענע חידושים. די קעגנער באַקלאָגן זיך, אַז די הויכע פּילפּול־דיסקוסיעס פון די תלמידים האָבן שטאַרק באַווירקט זייערע נאַאיווע עלטערן און דעם ברייטן עולם, וואָס האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ באַוויז פון טיפער למדנות. און פאַר־שטייען ניט אַז דאָס זענען בנינים אויפגעבויט אויף פאַלשע יסודות, און אַז דאָס קעמפּעריש חריפות פירט ניט צו עטישער שלימות, וואָס דאָס דאַרף זיין דער הויפּטציל פון לערנען תורת־אמת.

ניט געקוקט אויף דער באַרעכטיקטער קריטיק מוז מען מודה זיין, אַז דורך דעם פּילפּול איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער אינטערעס אין תורה־לערנען אין פּוילן, און צוליב דעם, דאָס פאַרמערן זיך פון ישיבות, פון וועלכע עס זענען אַרויסגעקומען גרויסע למדנים, וואָס האָבן זיך שפּעטער אָפּגעקערט פונעם פאַלשן חריפות, און האָבן צוריק אַרויפגעפירט דאָס לער־נען אויף די אַלטע, לאָגיש־באַגרינדעטע און מאָראַליש־אינספּירירטע וועגן פון תורת־ישראל. אַזוי־אַרום איז רבי יעקב פּאָלאַק געווען דער גרויסער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון שאַפערישן תורה־לעבן אין פּוילן, וואָס איז באַזונדערס פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך זיינע תלמידים, צווישן וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעהויבן די גאונישע און מאָראַלישע פּערזענלעכקייט פון רבי שלום שכנא פון לובלין, וואָס זיין ווירקונג איז באַזונדערס וויכטיק פאַר אונזער תקופה.

ג. רבי שלום־שכנא פון לובלין

זיין שיטה אין לערנען. — זיין השפּעה אויף זיין דור. — זיינע באַרימטע תלמידים. — זיין זון רבי ישראל וועגן דער גדלות פון פאָטער. — פאַרוואָס ער האָט ניט געשריבן קיין ספרים. — דער רמ״א וועגן זיין רבין. — ר׳ דוד גאַנז וועגן דער גרויסקייט פון ר׳ שלום־שכנא. — די גרעסטע תורה־אויטאָריטעטן פון זיין דור. — דער מהרש״ל וועגן דער צוציאונגס־קראַפט פון ר׳ שלום־שכנאס ישיבה. — היסטאָרישע ווירקונג פון ר׳ יעקב פּאָלאַק און ר׳ שלום־שכנא. — דאָס אַנטשטיין פון גדולי־תורה אין פּוילן. — „יוון־מצולה״ שילדערט דאָס תורה־לערנען פון אַלע שיכטן. — ר׳ נפתלי־הירש לאַנגלאַזי באַשרייבט די אָרעמקייט און די אהבת־התורה אין פּוילן. — דער גרויסער גייסטיקער פאַרשריט.

דער גאון רבי שלום־שכנא פון לובלין איז געווען אַ תלמיד־מובהק פון רבי יעקב פּאָלאַק. אָבער אין זיין וויכטיקער ישיבה וואָס ער האָט געגרינ־דעט אין לובלין, האָט ער ניט ממשיך געווען די שיטה פון פּילפּול. ער האָט אָנגעפירט מיט דער ישיבה ביז 1559. ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף די יידישע יישובים פון אַנדערע מדינות, און איז געוואָרן רעספּעק־טירט פון אַלע גדולי־הדור. זיינע צוויי באַרימטסטע תלמידים זענען געווען

רבי משה איסרלש, דער רמ״א, וועמענס פערזענלעכקייט און ווערק ווערן באהאנדלט ווערן אין קומענדיקן קאפיטל, און רבי מאיר פאדאווא, דער מהר״ם מפאדובה.

אין א תשובה פון זיין זון רבי ישראל צום רמ״א [18] באצייכנט ער זיין פאטער, וואס איז נפטר געווארן אין דעם טאג וואס די שאלה פון רמ״א איז אנגעקומען, מיט די ווערטער: „מאור הגולה, רוח אפינו משיח ה׳, רב הרבנים, גאון הגאונים, נשיא, הנקרא בשם קדשו מוהר״ר שלום המכונה שכנא זקצ״ל״. אין דערזעלביקער תשובה דערציילט ר׳ ישראל, אז פיל מאל האט ער און אנדערע לומדים געבעטן זיין פאטער, ער זאל ווערן א פוסק און פארעפנטלעכן ספרים אין הלכה, אבער דער פאטער איז געווען א גרויסער ענו און האט אים געענטפערט: „איך ווייס אז מ׳וועט זיך פארלאזן אויף מיינע פסקים, און איך וויל ניט, אז די גאנצע וועלט זאל זיך סומך זיין אויף מיר, און דעריבער זאל יעדער רב פסקנען לויט זיין מיינונג״ [19]). צום סוף פון דער תשובה באריכטעט ר׳ ישראל, אז זיין פאטער איז נפטר געווארן ראש חודש כסליו, שי״ט (1559), און אויף זיין מצבה ווערט אויף אים געזאגט „אשר הרביץ בישראל תורה יותר מכל אשר היה לפניו בדרי בתרא, והחזיר עטרה ליושנה, והעמיד תלמידים הרבה, עד שכל דייני ארעא מפיו חיים ומימיו שותים בתדירא״.

דער רמ״א, וואס איז געווען דער איידעם און תלמיד פון ר׳ שלום־שכנא, שרייבט וועגן אים: „הוא גולת הכותרת, עטרת תפארת, נחלת הנשארת, נר ישראל, ואורו יזהיר כזוהר השמים״. דער רמ״א באטאנט, אז אלע גדולי־תורה פון פוילן זענען ר׳ שלום־שכנאס תלמידים [20]). דאסזעלביקע באטאנט אויך ר׳ דוד גאנז, א תלמיד פון רמ״א. ער שרייבט אין זיין ספר „צמח דוד״ וועגן ר׳ שלום־שכנא: „הוא הרב הגדול, ראש גולת אריאל, מופלג על כל אנשי דורו, ושמעו יצא ממזרח שמש עד מבואו״.

פון די אלע שבחים קען מען דרינגען, ווי פארערט ער איז געווען אין זיין דור און אין שפעטערע דורות, אז אלע באדייטנדיקע רבנים און למדנים זיינען ארויסגעקומען פון זיין ישיבה און האבן זיך אונטערגעווארפן זיין אויטאריטעט. ער האט דערמיט באווירקט די שאפונג פון א גרויסן תורה־צענטער אין פוילן. זיין ישיבה איז געווען די גרעסטע און אנגעזעענסטע אין פוילן, און דער מהרש״ל האט זיך באקלאגט, אז פילע תלמידים האבן פארלאזט זיין ישיבה (ער רופט עס א „רעוואלוציע פון די תלמידים״), און זענען איבערגעגאנגען אין דער ישיבה „פון דעם זקן״, ר׳ שלום־שכנא.

פון די אלע באשרייבונגען קען מען דרינגען די מסקנה, אז רבי שלום־שכנא איז געווען באטראכט ווי דער גרעסטער תורה־אויטאריטעט אין זיין דור, און אז זיין ישיבה איז געווען פון היסטארישער באדייטונג פארן פוילישן יידנטום. די ווירקונג פון די צוויי גאונים, רבי יעקב פאלאק און ר׳ שלום־שכנא, האט זיך בולט געלאזט פילן אין גאנץ פוילן. אין משך פונעם זעכצנטן יארהונדערט, תיכף נאך דער פטירה פון ר׳ שלום־שכנא, זענען שוין

געווען אין פוילן אַ גאַנצע ריי פון באַרימטע גדולי־תורה, וואָס האָבן אָנגע־פירט מיט קהילות און ישיבות, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן פּראָמינענטע למדנים. צוליב זיי האָט דאָס תורה־לערנען אַריינגעדרונגען אויך צווישן ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. דער היסטאָריקער פון יענער תקופה ר׳ נתן־נטע האַנאָווער [21]) שילדערט דעם גרויסן אינטערעס פאַר תורה, אַז יעדער ייד אין פוילן איידער ער איז אַרויסגעגאַנגען יעדן טאָג צו זיין מסחר האָט געלערנט תורה ביי אַ למדן.

פון דערזעלביקער צייט האָבן מיר נאָך אַן אינטערעסאַנטע שילדערונג פון דער אָרעמקייט פון יידישן יישוב אין פוילן, און גלייכצייטיק פון זיין גרויסער איבערגעגעבנקייט פאַר לימוד־התורה. דער גאון ר׳ נפתלי־הירש לאַנגלאַזי איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון ווין אין דער צייט פון גירוש, און האָט איינגעוואָנדערט קיין פוילן. ער באַשרייבט, ווי די מלוכה־שטייערן האָבן ממש פאַראָרעמט די יידישע איינוואוינער, וועלכע זענען געווען באַרויבט פון יעדער חיונה, און טראָצדעם האָט דאָרט געבליט אַ וואונדערבאַר תורה־לעבן, וואָס שטראַלט אויס מיט אַ לעבעדיק יידישקייט אויך אויף אַנדערע יישובים [22]). פאַרגלייכט מען דעם מצב פון צוועלפטן יאָרהונדערט, וואָס איז געשילדערט געוואָרן פון אויבנדערמאָנטן רבי אליעזר פון בעהמען, אַז אין פוילן איז ניטאָ קיין זכר פון תורה, מיט דעם הויכן ניוואָ פון תורה־קענטעניש אינעם זעכצנטן און בפרט אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, זעט מען בולט די פּרוכט פון דעם גרויסן דערציאונגס־ווערק פון די ערשטע גאונים, וואָס האָבן דערהויבן דאָס פּוילישע יידנטום צו דער מדריגה פון תורה־פירער־שאַפט פון אַלע תפוצות־ישראל.

ד. דער „שולחן־ערוך" פון רבי יוסף קאַרו

פוילישע גאונים די פּאַקטישע פאַרמער פון „שולחן־ערוך". — ריטואַלע און סעקולערע דינים. — ר״י קאַרו פאַרפאַסער פון „שולחן־ערוך". — „שולחן־ערוך" נאָר אַלס קאָמפּענדיום צום „בית־יוסף". — קריטיק פון „שולחן־ערוך" דורך ספרדישע גאונים. — שטאַרקע קעגנערשאַפט צום „שולחן־ערוך" פון אַשכנזישע גאונים. — מאָטיוון פון דער קעגנערשאַפט. — מהרש״ל, ב״ח, מהרש״א, רבי מרדכי יפה, מהר״ם מלובלין וואָרענען זיך ניט פאַרלאָזן אויפן „שולחן־ערוך". — דער פני־יהושע קעגן פאַרהייליקונג פון „שולחן־ערוך". — פוילישע גאונים ראַטעווען דעם אויטאָריטעט פון „שולחן־ערוך". — זייערע ווערק ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון „שולחן־ערוך".

דאָס גרעסטע היסטאָרישע תורה־ווערק, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין פוילן איז אָן ספק דער „שולחן־ערוך" מיט זיינע מפרשים. אַדאַנק פוילישע גדולי־תורה איז דער „שולחן־ערוך" געוואָרן די אויטאָריטאַטיווע קאָדיפי־קאַציע פון גאַנצן רעליגיעזן געזעץ, וואָס האָט פאַרפליכטעט און געשטאַל־טעט דאָס גאַנצע טראַדיציאָנעלע יידנטום פון דער גאַנצער וועלט. אַדאַנק

די פוילישע גאונים, וואָס זענען געווען די פּאַקטישע באַגרינדער פון „שולחן־ערוך", איז פוילן דערהויבן געוואָרן צו ווערן דער גרעסטער תורה־צענטער פון די לעצטע דורות.

דער „שולחן־ערוך" נעמט אַרום סיי דאָס ציווילע און מלוכה־געזעץ, סיי דאָס מאָראַלישע און סיי דאָס ריטועלע געזעץ, ווייל לויט דער רעליגיעזער אויפפאַסונג קומען אַלע געזעצן און מיצוות פון איין געטלעכן אורשפּרונג און זענען גלייך פאַרפליכטנדיק. אַלע זענען פאַרבונדן מיט אַ שטראָף, אָדער בידי־אדם אָדער בידי־שמים. אַזוי־אַרום האָט דער „שולחן־ערוך" רעגולירט דאָס גאַנצע לעבן פון יהדות, סיי בין אדם למקום, און סיי בין אדם לחברו.

מיר זאָגן, אַז פוילישע געלערנטע האָבן באַגרינדעט דעם „שולחן־ערוך", הגם זיין ערשטער מחבר איז געווען דער ספרדישער גאון רבי יוסף קאַרו (1488—1575), און אויך דער נאָמען „שולחן־ערוך" שטאַמט פון אים. ער האָט אים פאַרענדיקט אין ארץ־ישראל אין יאָר 1555, און געדרוקט אין ווענעדיק אין יאָר 1565. און דאָך קען מען מיט זיכערקייט באַהויפּטן, אַז ווען ניט די ווערק פון די פוילישע גדולי־תורה ווי דער רמ״א, דער ט״ז, דער ש״ך און אַנדערע וואָלט דער „שולחן־ערוך" קיינמאָל ניט געוואָרן דער אָנערקענטער מורה־דרך פון גאַנצן רעליגיעזן יידנטום.

ראשית־כל האָט ר׳ יוסף קאַרו אַליין ניט פאַרפאַסט דעם „שולחן־ערוך" ווי אַ זעלבשטענדיקע קאָדיפיקאַציע פון אַלע הלכות, וואָס זאָלן זיין פאַרפליכטנדיק פאַר אַלע. ער האָט געוואָלט, אַז דער „שולחן־ערוך" זאָל נאָר זיין אַ מין קאָמפּענדיום פאַר די, וואָס האָבן פריער שוין דורכגעלערנט זיין ספר „בית־יוסף" אויפן „טור", כדי זיי זאָלן זיך קענען קורץ דערמאָנען די דינים, וואָס זענען באַריכות באַהאַנדלט געוואָרן אין „בית־יוסף". אין דער הקדמה צום „שולחן־ערוך" שרייבט טאַקע ר״י קאַרו, אַז דער ספר איז באַשטימט נאָר פאַר „תלמידים קטנים", וואָס קענען ניט לערנען די דינים אין „בית־יוסף". אין זיינע תשובות דערמאָנט ער נאָר דעם „בית־יוסף" אָבער קיינמאָל ניט דעם „שולחן־ערוך". פאַר רבנים און לומדים איז דער „שולחן־ערוך" ניט פאַרפאַסט געוואָרן, ווייל ס׳פעלן אין אים די מקורות פון די דינים, די מיינונגען פון די פריערדיקע פוסקים, און די מאָטיווירונג, פאַרוואָס ר״י קאַרו האָט אַזוי און ניט אַנדערש מכריע געווען צווישן די חילוקי־דעות פון די פוסקים. דער מהרש״ל איז גלייך אַרויסגעטרעטן קעגן די פסקים פון „שולחן־ערוך", מכוח אַ פּרינציפּיעלער איינווענדונג, דהיינו: אַז נאָר די דינים פון תלמוד פאַרפליכטן אַלע, דאַקעגן די הלכות פון די פוסקים נאָכן תלמוד קענען ניט אַנטשיידן ווערן פון „שולחן־ערוך", נאָר יעדער רב האָט דאָס רעכט צו פאָרשן דעם מקור און דעם מאָטיוו פונעם דין, און אַליין צו באַשטימען דעם לעצטן באַשלוס [3]). אויסערדעם האָבן אַלע גדולי־הדור באַהויפּטעט, אַז אָן דעם „בית־יוסף" קען מען גאָרניט פאַרשטיין דעם „שולחן־ערוך", וואָס פיקסירט קורץ דינים אָן דערקלערונג און אָן די נייטיקע באַגרינדונג.

דעם גרעסטן חסרון פון ר״י קארוס „שולחן־ערוך״ האבן די גדולי־הדור פון פוילן און אנדערע לענדער געזען אין דעם, וואס ער רעכנט זיך נאר מיט די מיינונגען און מיט די מינהגים פון דעם ספרדישן יידנטום, און איגנא־רירט די איינגעבירגערטע דינים און די איינגעשטעלטע מינהגים פון פוילן און דייטשלאנד, דאס הייסט פון די אשכנזים. זיי האבן ניט געוואלט מסכים זיין, אז מען זאל מיטן „שולחן־ערוך״ ארויפצווינגען אויף זיי אנטשיידונגען און מינהגים, וואס זענען פרעמד דעם אייראפעאישן יידישן יישוב און זייערע גדולים. בפרט איז דאס פוילישע יידנטום גייסטיק רייף געווארן, און האט מער ניט געוואלט אנערקענען די העגעמאניע פון די ספרדישע פוסקים. ס'איז געווען דער ערשטער שריט צום איבערנעמען די גייסטיקע פירער־שאפט פון פוילישן יידנטום, וואס האט זיך דעמאלט שוין אויסגעצייכנט מיט מער און פראמינענטערע גדולי־תורה ווי די ספרדישע קהילות, וואס זענען מחמת דעם גירוש אויך גייסטיק פיל אפגעשוואכט געווארן.

אפילו צווישן די ספרדישע רבנים געפינט מען אויסגעשפראכענע קעג־נער פון „שולחן־ערוך״. ר׳ יוסף ן׳ לב, דער ראש־ישיבה פון קאנסטאנטי־נאפאל, האט פארזאגט זיינע תלמידים ניט צו לערנען אין די ספרים פון ר״י קארו, ווייל דאס וועט פארמינערן זייער בקיאות [23]א). רבי יום־טוב צהלון פון צפת [24]) דריקט זיך אויס: „השולחן־ערוך הוא בשביל קטנים ועמי־הארץ״. ער האט געלעבט סוף פון זעכצנטן יארהונדערט [25]). אויך רבי יעקב קאסטרו (נפטר געווארן 1610) קריטיקירט דעם „שולחן־ערוך״ און שרייבט [26]), אז רבי יוסף קארו האט אים פארפאסט אין די עלטערע יארן, און רבי שמואל אבוהב [27]) האלט, אז דעם „שולחן־ערוך״ האבן די תלמידים פון ר״י קארו צוגעגרייט צום דרוק, און דעריבער זענען אין אים פאראן א סך טעותים.

אבער די גרעסטע קעגנערשאפט צום „שולחן־ערוך״ פון ר״י קארו איז געקומען פון די תורה־געלערנטע אין פוילן. מיר האבן שוין דערמאנט די מיינונג פון גרעסטן גאון פון דער צייט, ר׳ שלמה לוריא, דעם מהרש״ל (1510—1573), אז קיין מחבר איז ניט בארעכטיקט צו פארפליכטן אלעמען אנצונעמען זיינע אנטשיידונגען אין הלכה־פראבלעמען וואס זענען אויפגעקו־מען נאך דער תקופה פון תלמוד. בפרט קריטיקירט ער דעם „בית־יוסף״ פון ר״י קארו, וואס דינט אלס די מאטיווירונג פון די דינים פון „שולחן־ערוך״, אז ער האט פאוואריזירט די דעות פון רמב״ם און אנדערע ספרדישע פוסקים, און האט זיך ניט גערעכנט מיט די מיינונגען פון די פראנצויזישע בעלי־התוספות און אשכנזישע פוסקים, וואס אין פוילן פסקנט מען לויט זיי [28]).

אויך רבי יואל סירקיס (1561—1640), דער ב״ח, איז געווען קעגן דעם צו אנערקענען דעם „שולחן־ערוך״ ווי א לעצטן און ענדגילטיקן פוסק, און ווארנט, אז די וואס פארלאזן זיך אויפן „שולחן־ערוך״ פסקנען ניט לויט דער ריכטיקער הלכה, ווייל זיי ווייסן ניט די מאטיווירונג פון די דינים [29]). אויך רבי שמואל־אליעזר איידלש, דער מהרש״א (1565—1631), האט געשריבן מען טאר זיך ניט פארלאזן אויפן „שולחן־ערוך״ [30]). רבי מרדכי יפה, דער בעל־

הלבושים (1612—1530), האָט זיך אַנגעשלאָסן צו די קעגנער פון „שולחן־ערוך" [31]), רבי מאיר, דער מהר"ם מלובלין (1616—1558), באַריכטעט, אַז ער לערנט ניט דעם „שולחן־ערוך", ווייל מען קען זיך ניט סומך זיין אויף אים [32]).

באַזונדערס איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער פאַרהייליקונג פון „שולחן־ערוך" פון רבי יוסף קארו דער באַרימטער גאון רבי יהושע ב"ר יוסף (1578—1648), וואָס איז געווען רב אין לעמבערג און דערנאָך ראש־ישיבה אין קראָקע, דער מחבר פון שאלות ותשובות „פני יהושע", אַ תלמיד פון מהר"ם מלובלין און פון סמ"ע, און דער רבי פון ש"ך. פיל רבנים האָבן געהאַלטן, אַז מ'טאָר גאָרניט אָפּפרעגן אַ דין פון „שולחן־ערוך", און אַז עס איז אונדז האַרב אַ פּסק פון „שולחן־ערוך" מוזן מיר אָננעמען, אַז דאָס איז אונדזער שולד, וואָס מיר קענען ניט פאַרשטיין די טיפקייט פון ר"י קאַרו. דערויף האָט דער פּני־יהושע געענטפערט צום גאון רבי שמואל זיינוויל, רב פון נעשוויז, אַ גרויסער מאמין אין „שולחן־ערוך", אַז לויט אַזאַ אמונה

„קומט אויס, ווען איך זע בפירוש אַז דער ,שולחן־ערוך' האָט זיך טועה געווען, און ער איז מתיר אַ זאַך וואָס איז אסור, מוז איך אויך מתיר זיין דעם איסור? דער אייבערשטער זאָל אונז אָפּהיטן פון אַזאַ מיינונג, ווייל יעדער דיין דאַרף משפטן לויט זיין איינזען, און יעדער רב אין זיין דור איז אַן אויטאָריטעט ווי די פריערדיקע רבנים, און איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן אַ ספר מיט גרויסע אָפּפרעגונגען אויף די ראשונים און די אחרונים, ווייל אין תורה איז נישטאָ קיין אַפּשיי ווען מען מוז אויפדעקן דעם אמת, און איך בין זיכער, אַז דער גאון און חסיד ר"י קארו ז"ל וועט דאָס ניט נעמען פאַר שלעכט" [33]).

מיר האָבן ציטירט די קעגנערשאַפט צום „שולחן־ערוך" פון די גרעסטע תורה־אויטאָריטעטן פון יענעם דור, כדי צו באַווייזן, אַז דער „שולחן־ערוך" וואָלט ניט געווען אָנערקענט געוואָרן פון אַשכנזישן יידנטום, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען דער רוב מנין ורוב בנין פונעם פאָלק, ווען ער וואָלט געווען געבליבן באַגרענעצט נאָר צום טעקסט פון זיין מחבר ר' יוסף קאַרו. דאָס וואָס דער „שולחן־ערוך" האָט געקענט גובר זיין די גרויסע קעגנערשאַפט, און האָט זוכה געווען צו ווערן דער פאַרהייליקטער קאָדעקס פון גאַנצן רע־ליגיעזן יידנטום, איז צו פאַרדאַנקען די פּוילישע גדולי־תורה, וואָס האָבן דערגענצט און אויסגעפורעמט דעם „שולחן־ערוך" מיט זייערע גאונישע ווערק, וואָס זענען געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פונעם „שולחן־ערוך", און אים פאַרשאַפט דעם גרויסן פרעסטיזש אַלס דער פוסק־אַחרון פון דער הלכה. דער ערשטער פון די פּוילישע בויער פון „שולחן־ערוך" איז געווען רבי משה איסרלש, דער רמ"א, וועמענס ווערק ווערט באַהאַנדלט ווייטער.

ה. פוילישע גאונים די באַגרינדער פון „שולחן־ערוך"
רבי משה איסרלש, דער רמ"א

די הגהות פון רמ"א. — דער רמ"א פאַרשטאַרקט די אויטאָריטעט פון „שולחן־ערוך". — די קאָדיפיקאַציע פון רמב"ם און פון „שולחן־ערוך". — די השגות פון ראב"ד און די דערגענצונגען פון רמ"א. — אַדאַנק דעם רמ"א האָט אויפגע־הערט די קעגנערשאַפט צום „שולחן־ערוך". — דער של"ה און דער בעל משאת־בנימין, דער בעל מגיני־שלומה און ר' יהונתן אייבשיץ באַשטעטיקן די פּאָפּולאַ־ריטעט און פאַרלעסלעכקייט פון „שולחן־ערוך". — דער שערי־אפרים וועגן פאַרפליכטונג פון רבנים צו די קהילות צו פסקנען לויטן „שולחן־ערוך". — ר' בצלאל בן חיים קעגן רמ"א. — דער רמ"א אַלס מקיל. — דערלויבט זאַכן וואָס זענען פאַרבאָטן אין תלמוד. — איז מקיל כדי דערמעגלעכן יידיש לעבן צווישן קריסטלעכע פעלקער. — טרעט אַרויס קעגן מחמירים. — דערלויבט ווידער „מיאון". — פאַרטיידיקט דאָס פאַרהייראַטן מינדעריעריקע טעכטער צוליב סאָ־ציאַלע מאָטיוון. — רמ"א ווערט קראָקאָווער רב. — די הלכה־תשובות פון רמ"א. — אַ שאלה און תשובה צווישן ר"י קאָרו און דעם רמ"א. — פריינטשאַפט צווישן ביידע. — פאַרערט ר"י קאָרו אָבער פרעגט אים אָפּ. — מאָטיוון פון רמ"אס הגהות. — קעגן ר"י קאָרוס כלל צו אַנטשיידן לויט דריי פוסקים. — קריטיקירט דאָס איגנאָרירן אַשכנזישע פוסקים. — רמ"א שטיצט זיך אויף אַנגענומענע מינהגים. — לויבט פוילן, וואָס איז ניט אַזוי אַנטיסעמיטיש ווי דייטשלאַנד. — די לעגענדע פון „שם־הגדולים" וועגן רמ"אס לעבן און זיינע ספרים. — דער נוסח פון זיין מצבה.

די פאַרשפּרייטע קריטיק אויפן „שולחן־ערוך" פון ר' יוסף קאָרו, וואָס האָט באַדראָט זיין אויטאָריטעט אַלס רעליגיעזער קאָדעקס, און הויפּטזעכלעך כדי אויסצובעסערן דאָס, וואָס די קעגנער האָבן אַרויסגערוקט ווי פעלערן, האָט באַוואויגן ר' משה איסרלש, דעם רמ"א, צוצוגעבן זיינע הגהות און באַ־מערקונגען צום „שולחן־ערוך", וועלכע ער האָט גערופן „מפה", דאָס הייסט אַ „טישטוך" צום געגרייטן טיש דעם „שולחן־ערוך".

אויבנאויפיק קען זיך דוכטן, אַז דער רמ"א איז געקומען אָפּפרעגן דעם „שולחן־ערוך", אָבער אין דער אמתן האָט ער מיט זיינע הגהות אים געראַ־טעוועט פון פאַרגעסנקייט, ווי פיל אַנדערע ספרים מיט פּיסקי־הלכות. צוליב דעם רמ"א איז דער „שולחן־ערוך" אַנגענומען געוואָרן אויך אין אַשכנזישן יידנטום, און איז געוואָרן דער פּאָפּולערסטער ספר אין דער רעליגיעזער אויטאָריטעט אין אַלע געביטן פון ריטועלן און ציווילן געזעץ. ווען מען האָט געוואָלט אין די לעצטע דורות דעפינירן אַ ייד, וואָס איז טריי דער תורה און מיצוות, האָט מען געזאָגט ער איז אַ „שולחן־ערוך־ייד".

אויך דער רמב"ם האָט אַמאָל געשטרעבט צו קאָדיפיצירן דאָס רעלי־גיעזע געזעץ מיט זיין ספר „משנה־תורה", און דערמיט צו מאַכן איבעריק דעם שטודיום פון דער גמרא און שפּעטערע ספרים, ווי ער דריקט זיך אויס אין דער הקדמה צו „משנה־תורה" [34]:

„אַ מענטש קען לערנען פריער תורה־שבכתב, און דערנאָך

> וועט ער לערנען דעם ספר, און ער וועט וויסן דערפון גאַנץ תורה־שבבעל־פה, און דאַרף נישט לערנען קיין שום אַנדערן ספר צווישן זיי״.

דאָס איז אים אָבער ניט געלונגען. להיפך, זיין ווערק האָט גאָר גורם געווען, ווי דער מהרש״ל באַמערקט ריכטיק [35]), ס'זאָלן פאַרפאַסט ווערן נאָך הונדערטער ספרים, וואָס זענען זיך מתווכח מיטן רמב״ם.

צו דעם וואָס עס האָט געשטרעבט דער רמב״ם איז געלונגען דעם „שולחן־ערוך", וואָס האָט מיט זיין אַלגעמיינער אָנערקענונג באַפרייט אַ רב צו זיין בקי אין אַלע ספרים פון די פוסקים פאַרן „שולחן־ערוך". אחוץ לומדים, וואָס ווילן זיך פאַרטיפן אין דער גאַנצער הלכה־ליטעראַטור, איז היינט פּראַקטיש גענוג פאַר אַ רב צו געדענקען דעם „שולחן־ערוך", נאָכדעם ווי ער האָט געלערנט גמרא.

צו דעם דערפאָלג פון „שולחן־ערוך" פון ר״י קאָרו האָט באַזונדערס צוגעהאָלפן דער כאַראַקטער פון רמ״אס הגהות, וואָס זענען געווען גאַנץ אַנדערש ווי די הגהות פונעם ראב״ד אין רמב״מס ספר. דער ראב״ד האָט געשריבן זיינע איינווענדונגען, מיט דער אָפענער כוונה צו באַווייזן, אַז מען זאָל זיך ניט פאַרלאָזן אויפן רמב״ם אַליין אַלס איינציקן פוסק, נאָר מען מוז זיך באַקענען מיט די מקורות פון די הלכות און מיט די מיינונגען פון די אַנדערע פוסקים. דאַקעגן האָט דער רמ״א לרוב ניט אָפּגעפרעגט ר' יוסף קאָרו, נאָר האָט צוגעגעבן און דערגאַנצט און אויך קאָרעגירט די אַנטשיידונגען פון „שולחן־ערוך", און האָט אַזויאַרום נאָך געהאָלפן צו פאַרשטאַרקן דעם ענדגילטיקן אויטאָריטעט פון „שולחן־ערוך".

אַזוי איז עס אויך געשען אין דער ווירקלעכקייט. נאָכן רמ״אס דערגאַנצונגען האָבן זיך ראַדיקאַל געביטן די מיינונגען פון די אַשכנזים צום גונסטן פון „שולחן־ערוך". רבי ישעיה הלוי איש הורוויץ, באַקאַנט אַלס דער של״ה הקדוש (1558—1628), שרייבט [36]), אַז אין אַלע תפוצות ישראל, ווי אין פּוילן, בעהמען, מעהרן און דייטשלאַנד איז מען זיך נוהג צו פּסקענען ווי דער רמ״א. אַזוי באַריכטעט אויך דער תלמיד פון רמ״א רבי בנימין־אַהרון סאַלניק, וואָס האָט געלעבט אין דייטשלאַנד [37]), אַז אין גאַנץ דייטשלאַנד האָבן ייִדן אויף זיך גענומען זיך נוהג צו זיין לויט די לערונגען פון רמ״א.

דער דערמאָנטער גאון רבי יהושע פון קראָקע, מחבר פון ספר „מגיני שלמה" (1578—1648) שרייבט [38]) אַפילו, אַז די חכמי־התורה פון פּוילן זענען זיך נוהג, אַז מען טאָר ניט ענדערן קיין שום דין, וואָס איז געדרוקט אין „שולחן־ערוך" גלייך ווי אַ דין אין תורת־משה. אויך אין אַכצנטן יאָרהונדערט באַשטעטיקט רבי יהונתן אייבשיץ (1690—1764), אַז די חכמי־דור האָבן באַשלאָסן אָפּצוהיטן און צו פאָלגן אַלץ וואָס איז בקיצור געזאָגט אין „שולחן־ערוך" און אין די הגהות פון רמ״א, און לויט זיין מיינונג, איז דער „שולחן־ערוך" אַ געטלעך אינספּירירט ווערק [39]). און ר' אפרים הכהן

שרייבט אין זיין ספר „שערי אפרים“ (סימן קי״ג), אַז אין בראָד, גאַליציע, וואו ער איז געווען רב, האָט די קהילה באַשלאָסן, ניט אויפצונעמען קיין רב, וואָס וועט זיך ניט פריער פאַרפליכטן צו פסקנען לויטן „שולחן־ערוך“.

ס׳איז דערביי כדאי צו באַמערקן, אַז רבי בצלאל בן חיים, דער ברודער פון מהר״ל מפּראַג, האָט אין זיין ספר קעגן „שולחן־ערוך“ מיטן נאָמען „וויכוח מים חיים“ זיך באַקלאָגט אויפן רמ״א, וואָס שאַפט אָפּ די דייטשע מינהגים און פאַרבייט זיי מיט פּוילישע[40]. ער זעט דערין אַ טענדענץ צו אונטערוואַרפן דאָס דייטשע יידנטום אונטער דעם יאָך פון די פּוילישע רבנים. אין אמתן אָבער זיינען דעמאָלט די דייטשע מינהגים געווען כמעט אין גאַנצן אידענטיש מיט די פּוילישע, און דעריבער איז דער „שולחן־ערוך“ מיטן רמ״א וואַרעם באַגריסט געוואָרן פון די גדולי־תורה אין דייטשלאַנד, ווייל ער האָט זיי באַפרייט פון דער ספרדישער העגעמאָניע פון ר׳ יוסף קאָרו, און האָט צוריק איינגעשטעלט די דייטש־פּוילישע מינהגים און פּסקים[41].

אַ סך האָבן בטעות געמיינט, אַז דער רמ״א איז אַ מחמיר, אַז ער איז אַ שטרענגערער פּוסק ווי דער מחבר ר׳ יוסף קאָרו. אַזוי למשל שרייבט גרעץ[42], אַז די באַמערקונגען און דערגאַנצונגען פון רמ״א צום „שולחן־ערוך“ האָבן די טענדענץ מחמיר צו זיין. עס איז אָבער שוין באַוויזן געוואָרן די ניט ריכטיקייט פון דער אויפפאַסונג, ווייל בכלל איז דער רמ״א געווען אַ מקיל, און האָט פאַרלייכטערט פיל דינים, וואָס ר״י קאָרו האָט געאָסרט. ראשית האָט דער רמ״א איינגעפירט דעם פּרינציפּ פון „הפסד־מרובה“, וואָס באַדייט, אַז ווען ס׳האַנדלט זיך אין אַ גרעסערן מאַטעריעלן שאָדן, קען מען זיך פאַרלאָזן אויף מיינונגען וואָס דערלויבן די זאַך, הגם ר׳ יוסף קאָרו האָט אַנטשידן לויט די פּוסקים וואָס אָסרן.

דער רמ״א האָט זיך באַזונדערס גערעכנט מיט דעם מצב פון יידן אין גלות, ווי אַ מינדערהייט, וואָס איז אָנגעוויזן אויף דעם גוטן ווילן פון דער קריסטלעכער מערהייט, און האָט דעריבער מקיל געווען אין אַזעלכע דינים, וואָס קענען פאַרערגערן די באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן. ער האָט אין דער הינזיכט טיילמאָל אַפילו געפּסקנט קעגן דעם דין פון דער גמרא. אַזוי האָט ער דערלויבט יידן, וואָס קומען אָן אין אַ קריסטלעכער שטאָט און זעען ווי זיי פרייען זיך אין זייערס אַ יום־טוב, זיך צו באַטייליקן אין זייער שמחה, וואָס איז קעגן אַ בפירושדיקן דין פון תלמוד, כדי ניט אַרויס־צורופן אַנטי־יידישע געפילן, „ווייל מיר וואוינען צווישן זיי, און מוזן מיט זיי פירן מסחרים אַ גאַנץ יאָר“[43]. אַזוי האָט אויך דער רמ״א דערלויבט יידן אויסצולעשן אַ פייער וואָס איז אויסגעבראָכן אום שבת, וואָס איז פאַר־ווערט לויט דער גמרא, ווייל ניט לעשן אַ פייער באַדראָט אויך ניט יידישע הייזער, און דאָס קען פירן צו לעבנס־געפאַרן פאַר יידן. דעריבער איז אויך דערלויבט צו לעשן אום שבת אַ פייער פון אַ ניט־אידיש הויז[44].

אין אַלגעמיין איז דער רמ״א אַרויסגעטרעטן קעגן די „וואָס זוכן אויס קינסטלעכע ראיות אַבי מחמיר צו זיין, און האָבן ניט קיין איינזען אויף

יידיש געלט, אָבער די וואָס זיי איז טייער יידיש פאַרמעגן און זענען מקיל, די האָבן אויך אפשיי פאַרן כבוד פונעם באַשאַפער״ [45]). אויף אַן אַנדער אָרט שרייבט דער רמ״א [46]) צו איינעם, אַז ניט נאָר זאָל ער ניט מחמיר זיין אויף אַנדערע מענטשן, נאָר אַפילו אויף זיך אַליין איז ניט גלייך מחמיר צו זיין, און ציטירט דערביי דעם מאמר פון ירושלמי, אַז ס׳איז גענוג וואָס די תורה האָט פאַרבאָטן, און מען דאַרף ניט צוגעבן דערצו, ווייל ווען איי־נער איז פריי פון אַ רעליגיעזער פליכט און דאָך טוט ער זי, ווערט ער אָנ־גערופן אַ פּראָסטאַק.

אָבער ניט נאָר אין פּראָגן, וואָס האָבן באַדראָט דעם פרידלעכן קיום פון יידן צווישן קריסטלעכע פעלקער האָט דער רמ״א מקיל געווען מער ווי ר׳ יוסף קאַרו, נאָר אַפילו אין אַנדערע פאַלן האָט דער רמ״א זיך באַמיט צו געפינען אין דער הלכה־ליטעראַטור אַ פאַרלייכטערונג, רעכענענדיק זיך מיט די פאַרענדערטע באַדינגונגען פון זיין צייט. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז דער רמ״א האָט צוריקגעשטעלט דעם דין פון „מיאון״, כדי צו שיצן די רעכט פון מינדעריעריקע פרויען, אַז זיי קענען אַנולירן די חתונה אַפילו אָן אַ גט, אויב זיי זענען פאַרהייראַט געוואָרן דורך זייערע קרובים, הגם דער דין פון „מיאון״ איז דערקלערט געוואָרן פאַר ניט גילטיק דורך אַלע רבנים אין דער צייט פון ר׳ יעקב פּאָלאַק. דער רמ״א האָט אויך סאַנקציאָנירט אַ מינהג, אַז אַ פאָטער מעג חתונה מאַכן זיין מינדעריעריקע טאָכטער, הגם די גמרא האָט דאָס פאַרבאָטן [47]), ווייל אין זיין צייט האָבן עלטערן ניט געקענט פאַרהייראַטן זייערע פוליעריקע טעכטער, מחמת טאָמער וועלן זיי שפּעטער ניט זיין אימשטאַנד אויפצובריינגען די הויכע נדבים, וואָס זענען פאַרלאַנגט געוואָרן פון די עלטערן, און די שוועריקייטן צו געפינען אַ פּאַסיקן שידוך [48]).

דער רמ״א איז געווען — ווי שוין דערמאָנט — דער באַרימטסטער תלמיד פון גאון ר׳ שלום־שכנא פון לובלין, און איז אויך געוואָרן זיין איידעם. דער רמ״א איז געבוירן געוואָרן לערך 1530 אין קראָקע. זיין פאָטער ר׳ ישראל איז געווען פון די רייכע און אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן פון דער קהילה. ווען דער רמ״א איז פון דער לובלינער ישיבה צוריקגעקומען קיין קראָקע, איז ער דאָרט אויפגענומען געוואָרן אַלס רב, הגם ער איז נאָך געווען זייער יונג. ער איז באַלד נתפרסם געוואָרן אין גאַנץ פּוילן און אויס־לאַנד אַלס גרויסער תורה־אויטאָריטעט. אין „שאלות ותשובות רמ״א״ גע־פינען זיך תשובות צו די גרעסטע פון זיין דור, ווי דער מהרש״ל, מהר״ם מפּאַדובה און אַנדערע, און ער איז דעמאָלט אַלט געווען קוים 20 יאָר.

דערביי איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין די תשובות הרמ״א [49]) געפינט זיך אויך אַ שאלה פון ר׳ יוסף קאַרו פון צפת, דעם מחבר פון „שולחן־ערוך״, צום רמ״א, וועגן איינעם וואָס האָט איבערגעלאָזן אין דער צוואה געלט פאַרן יישוב אין ארץ־ישראל, אָבער די יורשים האָבן געוואָלט מבטל מאַכן די צוואה. ר״י קאַרו האָט געהאַלטן, אַז די צוואה איז גילטיק, און האָט אָנגע־פרעגט דעם רמ״א וועגן זיין מיינונג. אין דעם ענטפער פון רמ״א זעט מען,

ווי הויך ער האָט פאַרערט ר״י קאַרו, הגם ער האָט אָפּגעפרעגט פילע דינים פון זיין „שולחן־ערוך״. ס׳איז באַזונדערס מערקווירדיק, ווי נאָך דעם ווי דער רמ״א טיטולירט אים „הגאון הגדול מורינו ורבינו, אשר מימיו אנו שותים״ אאַ״וו. פאַרענדיקט ער מיט די ווערטער „כל החולק עליו כחולק על השכינה״, וואָס אין דער גמרא [50]) מיינט עס, אַז מ׳טאָר נישט אָפּפרעגן אַ רבין וואָס איז זיין לערער, אַזוי ווי ס׳איז פאַרבאָטן אָפּצופרעגן די רייד פון גאָט. און דאָך אין דערזעלביקער תשובה, גלייך ווי אין די הגהות אויפן „שולחן־ערוך״, האָט דער רמ״א אָפּט אָפּגענייגט פון די אַנטשיידונגען פון ר״י קאַרו. וויזט אויס, אַז דער רמ״א האָט באַטראַכט, אַז פאַרשונג פון דער הלכה איז אַ ניט פּערזענלעכער עניין; מען קען האָבן אַן אַנדערע מיינונג, דערביי ווערט אָבער ניט פאַרמינערט די פּערזענלעכע פאַרערונג צו דעם הלכה־קעגנער, ווייל דער קעגנער דאַרף גאָר זיין צופרידן, וואָס דער וויכוח מיט אים גיט אַ מעגלעכקייט צו באַלייכטן דעם פּראָבלעם פון אַלע זייטן און צו דערגרייכן דעם אמת.

לויט געוויסע באַריכטן [51]) איז די פריינטשאַפט צווישן ר״י קאַרו און רמ״א געווען זייער אַן ענגע. ר״י קאַרו האָט אין צפת געקויפט אַ טייערן כתב־יד פון אַ חומש פאַר 100 גאָלדענע מטבעות און האָט דעם כתב־יד געשיקט קיין קראָקע צום רמ״א. דער רמ״א האָט אַליין אָנגעשריבן פאַר זיך אַ ספר־תורה לויט דעם זעלטענעם כתב־יד.

דער רמ״א גיט אַליין אָן די מאָטיוון, וואָס האָבן אים באַוואויגן צו שרייבן זיינע הגהות צום „שולחן־ערוך״ און אָפּצואוויכן פון די הכרעות פון ר״י קאַרו: ערשטנס זענען די מינהגים פון פוילן אַנדערש ווי די אַנטשיידונגען פון ר״י קאַרו; צווייטנס, ר״י קאַרו האָט זיך געמאַכט אַ פּרינציפּ, אַז ער פאַרלאָזט זיך נאָר אויף דריי פוסקים: דעם רי״ף, דעם רמב״ם און דעם ראַ״ש, און פּסקענט תמיד לויט דעם רוב פון די דריי, אפילו דאָרט, וואו די אחרונים האָבן אַנדערש באַשלאָסן. דער רמ״א טרעט אַרויס קעגן דעם כלל, וואָס האָט גורם געווען, אַז אַ סך דינים פון „שולחן־ערוך״ זענען אין סתירה צו די אָנגענומענע הלכות „אין אונדזערע מדינות״; דריטנס, וואָס דער „שולחן־ערוך״ איגנאָרירט אין גאַנצן די מיינונגען פון חכמי־התורה פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד, „וואָס מיר שטאַמען פון זיי און זיי זענען אונדזערע לערערס״, און רעכנט זיך נאָר מיט די שפּאַנישע פוסקים; און פערטנס האָט דער רמ״א פיל געוויכט געלייגט אויפן מינהג, וואָס האָט ביי אים אַ גלייכע באַדייטונג ווי דער דין. ר״י קאַרו אָבער האָט ניט געלייגט קיין גרויס געוויכט אויף מינהגים, ניט אויף ספרדישע, און באַזונדערס ניט אויף אַשכנזישע [52]).

אין די צייטן פון רמ״א איז די יידישע עקאָנאָמישע לאַגע אין פוילן געווען זייער אַ שווערע, דאָך האָט דער רמ״א באַטאָנט, אַז אין פאַרגלייך מיט די רדיפות אויף יידן אין דייטשלאַנד איז דער מצב פון פוילישן יידנטום אַ פיל דערטרעגלעכערער. „ס׳איז בעסער — שרייבט ער — אַ טרוקן

שטיקל ברויט אין פרידן אין די לענדער, וואו זייער שנאה איז ניט שטאַרק קעגן אונדז ווי אין דייטשלאַנד״[53]).

דער רמ״א האָט אין קראָקע געגרינדעט זיין אייגענע ישיבה, פון וועלכער ס׳זענען אַרויסגעקומען באַרימטע למדנים און מחברים. אין יאָר 1553 האָט דעם רמ״אס פאָטער אויפגעבויט צום אָנדענקען פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי די באַוואוסטע שול אין קראָקע, וואָס איז שפּעטער אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען „בית־הכנסת של הרמ״א״, און איז דאָרטן געבליבן אַפילו נאָכן נאַצי־חורבן פון יידישן יישוב. דער רמ״א איז נפטר געוואָרן אין ל״ג בעומר אין יאָר 1572. הרב חיד״א[54]) ברענגט, אַז זיין זון האָט זוכה געווען צו זען דעם רמ״אס מצבה אין קראָקע, אויף וועלכער ס׳איז געשריבן, אַז דער רמ״א איז אַלט געווען נאָר 33 יאָר, איז נפטר געוואָרן אין יאָר של״ג (333), אין ל״ג בעומר. מאַנכע גיבן נאָך צו צו דער לעגענדע פון „דרייערס״, אַז ער האָט פאַרפאַסט 33 ספרים. אין אמתן איז דער רמ״א נפטר געוואָרן אין יאָר של״ב (1572), ווי עס איז אויסגעקריצט אויף דער מצבה, און איז אַלט געווען 42 יאָר, און אויך די צאָל 33 פון זיינע ספרים איז איבערגעטריבן. רבי יוסף כהן צדק שרייבט אין זיין ספר „קודש הילולים״, אַז אין זיין צייט, הונדערט יאָר נאָכן רמ״אס פּטירה, פאַרזאַמלען זיך פיל פאַרערער יעדעס יאָר ל״ג בעומר, די יאָרצייט פון רמ״א, ביי זיין קבר, וואָס איז אין דער נאָנט פון רמ״אס שול, וואו דער קראָקאָווער רב האַלט אַ דרשה, אין וועלכער ער פאַרענטפערט אַלע קשיות, וואָס מחברים פון ספרים האָבן געפרעגט אויפן רמ״א, באַווייזנדיק אַז „משה אמת ותורתו אמת״.

דעם רמ״אס ספרים זענען, אַחוץ די הגהות אויפן „שולחן־ערוך״, די פאָלגנדיקע: „דרכי משה״ אויפן „טור״; „תשובות רמ״א״; „מחיר יין״ אויף מגילת אסתר; „תורת העולה״ וועגן זיין אויפפאַסונג פון יהדות; „תורת חטאת״ אויף דינים פון איסור והיתר. אויסערדעם האָט ער געשריבן באַמערקונגען און הגהות אויף פאָלגנדיקע ספרים: „מרדכי״, „ראַ״ש״, „ספר יוחסין״, „זוהר״, „המזרחי״ פון ר׳ אליה מזרחי, ספר „איסור והיתר״ און אויפן ספר „שחיטה ובדיקה״ פון ר״י ווייל און אויפן „מורה נבוכים״[55]).

דער נוסח פון רמ״אס מצבה איז פאָלגנדיקער:

> „הי״ה נר המערבי הגאון הגדול בדורו מהר״ו משה רועה אבן ישראל, ביום ג״ל למספר בני ישראל גלה כבוד ישראל, משה היה רועה צאן ישראל, וממשה עד משה לא קם כמשה בישראל, וזאת תורת החטאת ותורת העולה, אשר שם משה לפני בני ישראל. שנת של״ב לפ״ק״.

ו. רבי יהושע פאַלק — דער סמ״ע

דער ערשטער פון די פּוילישע נושאי־כלים פון „שולחן־ערוך״. — דער פּרעסטיזש פון דער לעמבערגער קהילה שטייגט צוליב דעם סמ״ע. — דער

קראָקאָווער סופר ר׳ משה און דער ב״ח לויבן דעם תורה־צענטער אין לעמבערג. — דעם סמ״עס שווער ר׳ ישראל אַלס גרויסער נדיב און גרינדער פון דער ישיבה פונעם סמ״ע. — די ישיבה גיט אַרויס באַרימטע למדנים. — די פרוי פון סמ״ע אַ גרויסע מלומדת. — פוסקים זענען זיך מתווכח וועגן איר הלכהשן אויפטו. — די ראָל פון סמ״ע אין וועד ארבע ארצות. — תקנות פון סמ״ע וועגן נעמען פראָצענט. — די מחלוקת צווישן סמ״ע און מהר״ם מלובלין. — דער סמ״ע פאַרשטאַרקט די אויטאָריטעט פון „שולחן־ערוך״. — די אורזאַך פון מחבר זיין דעם „מאירת עיניים״. — דער סמ״ע קריטיקירט די, וואָס ווילן זיין תלמידי־חכמים נאָר מיטן וויסן פון „שולחן־ערוך״. — דער אויסגעצייכנטער סטיל פון סמ״ע. — דער סמ״ע שוואַכט אָפּ די קאָנקורענץ פון „לבוש״ צום „שולחן־ערוך״. — די ספרים פון סמ״ע.

דער ערשטער פון די באַרימטע פוילישע גאונים, גערופן די מפרשים אָדער די „נושאי־כלים״ פון „שולחן־ערוך״, וואָס זייערע ווערק זענען געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון „שולחן־ערוך״ און האָבן אים דערהויבן צום וויכטיקסטן ספר פאַרן גאַנצן רעליגיעזן יידנטום, איז געווען רבי יהושע פאַלק, וואָס איז באַקאַנט אַלס דער סמ״ע, וואָס איז די ראשי־תיבות פון זיין „ספר מאירת־עיניים״.

דער סמ״ע איז געבוירן געוואָרן אין מיטן פון זעכצנטן יאָרהונדערט, און נפטר געוואָרן אין לעמבערג אין 1614. ער איז געווען דער גרינדער פון דער לעמבערגער ישיבה, אַדאַנק וועלכער לעמבערג איז באַרימט געוואָרן אַלס דער ערשטער גרויסער צענטער פון תורה אין פוילן. מיר האָבן שוין פריער באַטאָנט, אַז לעמבערג איז שוין אין פופצנטן יאָרהונדערט געווען באַקאַנט מיט אירע גרויסע תורה־געלערנטע. אָבער דורך דער טעטיקייט און פערזענלעכקייט פונעם סמ״ע אין סוף פון זעכצנטן יאָרהונדערט איז נאָך מער געשטיגן דער שם פון אָט דער קהילה.

אַזוי באַריכטעט דער שרייבער רבי משה, אַ ברודערס זון פון רמ״א, אַז לעמבערג איז אַ שטאָט פול מיט לומדים, אַ קוואַל פון געלערנטקייט און חכמה און אַ יסוד פון אמונה [56]). רבי יואל סירקיס, דער מחבר פון „בית־חדש״ אויפן „טור״, גערופן דער ב״ח (1561—1640), וואָס איז געווען רב אין קראָקע, שרייבט אויך וועגן לעמבערג, אַז זי איז באַרימט מיט אירע גדולי־תורה, וואָס צייכענען זיך אויס מיט מעשים־טובים און צדקה, און וואָס האָבן באַלויכטן דאָס גאַנצע לאַנד [57]).

פון די לעמבערגער חכמי־התורה איז דער סמ״ע געווען דער גרעסטער. זיין שווער ר׳ ישראל אידלש איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה, און ער האָט געשענקט אַ הויז פאַר דער ישיבה פון זיין איידעם, און האָט אויסגעהאַלטן די ישיבה און אונטערשטיצט די תלמידים, כדי צו דערמעגלעכן דעם סמ״ע זיך אָפּצוגעבן אין גאַנצן מיט לימוד־תורה און הרבצת־תורה [58]). דער סמ״ע האָט ניט געוואָלט אָננעמען קיין שום רבנות־פּאָסטן, ווייל ער האָט באַטראַכט דעם אַמט פון ראש־ישיבה פאַר פיל וויכטיקער פאַרן רעליגיעזן יידנטום.

דער סמ״ע איז געווען דער תלמיד פון די צוויי גרעסטע געלערנטע אין

פוילן, פון רמ״א און מהרש״ל. פון סמ״עס ישיבה זענען אַרויסגעקומען באַ־קאַנטע תורה־געלערנטע, ווי די גאונים רבי יהושע בר יוסף פון קראָקע דער מחבר פון „מגיני שלמה״, ר׳ אַברהם ראַפּאַפּאָרט דער מחבר פון „איתן המזרחי״ און ר׳ ישכר־בער איילנבורג דער מחבר פון „באר־שבע״ און אַנדערע.

באַרימט איז אויך געווען זיין געלערנטע פרוי בילה, די איינציקע טאָכ־טער פון דערמאָנטן ר׳ ישראל. זי איז געווען איינע פון די פאַרערטע פרויען אין דער געשיכטע פון פוילישן יידנטום. דעם סמ״עס זון באַשרייבט די גע־לערנטקייט און איידלקייט פון זיין מוטער. זי האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו געניסן פון אַלע תענוגים פון דער וועלט, אָבער זי האָט זיך פון דעם אָפּ־געזאָגט. נאָך דער פּטירה פון איר מאַן דעם סמ״ע האָט זי געפאַסט יעדן טאָג במשך פון 17 יאָר, און אויף דער נאַכט נאָכן תענית האָט זי קיינמאָל ניט פאַרזוכט קיין פלייש. ביים לעבן פון סמ״ע האָבן זיינע תלמידים געגעסן ביי זיין טיש, און נאָכן עסן האָט מען גערעדט דברי־תורה. דעם סמ״עס פרוי האָט זיך אָפט באַטייליקט אין די תורה־שמועסן, און האָט איבערראַשט די תלמידים מיט איר גרויסן וויסן אין תורה. זי האָט אַליין מחדש געווען לומדי־שע חידושים און פירושים.

אין דער פּוסקים־ליטעראַטור ווערט ציטירט אַ דין וואָס זי האָט מחדש געווען, אַז ערב־יום־טוב זאָלן פרויען פריער מאַכן די ברכה אויף די ליכט און דאַן אָנצינדן די ליכט, ווייל לויטן דין מוז מען תמיד מאַכן אַ ברכה איידער מען טוט די מיצווה („עובר לעשייתן״), בלויז שבת מוז מען פריער אָנצינדן די ליכט און ערשט דאַן מאַכן די ברכה, ווייל ווען מ׳זאָל מאַכן פריער די ברכה, וואָלט מען דערמיט אויף זיך מקבל־שבת געווען, און מ׳וואָלט שוין דערנאָך ניט געטאָרט אָנצינדן די ליכט. דער „מגן־אַברהם״ [59]) איז ניט מסכים מיט דעם אויפטו פון מרת בילה דעם סמ״עס פרוי, און ענדיקט מיט אַן איראָנישער באַמערקונג „אין חכמה לאשה אלא בפלך״. דער גאון ר׳ יחזקאל לנדא אָבער טרעט אַרויס אין זיינע הגהות „דגול מרבבה״ קעגן „מגן אַברהם״ און נעמט זיך אָן פאַר דעם כבוד פון דער צדיקת און פירט אויס, אַז די הלכה בלייבט ווי זי און ניט ווי דער „מגן אַברהם״, און ענדיקט מיט די ווערטער: „והיא אשה נשאה לבה בחכמה״.

דער זון באַריכטעט נאָך דאָרט, אַז זיין מוטער האָט געלערנט יעדער וואָך די סדרה חומש מיט רש״י און אַנדערע מפרשים [60]).

דער סמ״ע האָט געשפּילט אַ פירנדיקע ראָל אין דעם „וועד ארבע ארצות״. ער איז געווען פאַרזיצער פון דער זיצונג פון וועד (אין יאָר שס״ז) אין לובלין, וואו זיינע תקנות וועגן פאַרבאָט צו לייען אויף פּראָצענט, וואָס ער האָט פאָרגעשלאָגן אין זיין „קונטרס־ריבית״ זענען אָנגענומען געוואָרן. ער איז אונטערגעשריבן אויף דעם איסור פון „וועד ארבע ארצות״ צו קויפן אַ רבנות־שטעלע פאַר געלט. אין דער צייט, וואָס דער סמ״ע איז געווען ראש־ישיבה אין לעמבערג איז דאָרט געווען רב דער גאון רבי מאיר, באַ־קאַנט אַלס דער מהר״ם פון לובלין. צוליב אַ מחלוקת וועגן אַ גט, וואָס איז

געגעבן געוואָרן אין ווין אין יאָר 1611, וואו דער מהר״ם האָט געפּסלט דעם גט און דער סמ״ע האָט מכשיר געווען, האָט דער מהר״ם געמוזט אויפגעבן זיין לעמבערגער רבנות, ווייל די לומדים און פירער פון דער קהילה האָבן פאַרטיידיקט דעם גרויסן אָבער באַשיידענעם סמ״ע קעגן די באַשולדיקונגען פונעם מהר״ם.

רבי יהושע פאַלק האָט פאַרפאַסט דעם „ספר מאירת־עיניים״ אויפן „שולחן־ערוך״ „חושן־משפט״ [61]) מיט דער כוונה צו פאַרשטאַרקן די אויטאָריטעט פונעם „שולחן־ערוך״ דורכדעם, וואָס ער וועט אָנגעבן די מקורות פון אַלע דינים און וועט אויפקלערן זייערע הלכהשע מאָטיוון. אין דער הקדמה צו זיין ספר שרייבט דער סמ״ע, אַז ר׳ יוסף קאַרו און זיין רבי, דער רמ״א, האָבן אַרויסגעגעבן דעם „שולחן־ערוך״ נאָר פאַר די, וואָס האָבן פריער שוין געלערנט דעם „טור״ און דעם „בית־יוסף״, און זענען שוין באַקאַנט מיט די מקורות און צילן פון די דינים, וואָס קומען פאָר בקיצור אין „שולחן־ערוך״, אַזוי, אַז ער האָט געזאָלט זיין נאָר אַ מין קאָמפּענדיום, כדי צו קענען זיך אין איילעניש דערמאָנען, וואָס זיי האָבן פריער געלערנט באריכות. אָבער — באַקלאָגט זיך דער סמ״ע — פון דעם איז גאָר אַרויסגעקומען אַ רעה, ווייל מען באַגנוגנט זיך בלויז מיט דורכלערנען דעם „שולחן־ערוך״, און ווייל זיי וויסן ניט פון וואַנען די דינים נעמען זיך, פאַרשטייען זיי אויך ניט זייער מיין. זיי האָבן ניט קיין אָנונג פון דער גמרא און פוסקים, און ווילן זיין תלמידי־חכמים בלויז פונעם „שולחן־ערוך״, און דעריבער זענען זיי זיך אַליין טועה און פאַרפירן אַנדערע [62]).

נאָכדעם ווי דער סמ״ע האָט פאַרפאַסט זיין פּירוש אויפן „טור״ מיטן נאָמען „דרישה ופרישה״, האָט ער איינגעזען די נויטווענדיקייט צו שרייבן זיין ווערק אויפן „שולחן־ערוך״. זיין סטיל איז קלאָר און אָנגענעם, און איז לייכט צו פאַרשטיין אָן באַזונדערע פּירושים. ער באַמיט זיך אָפּט אויסצוגלייכן די מיינונגען פון מחבר ר״י קאַרו און פון רמ״א, און באַלייכט יעדן דין פון „שולחן־ערוך״. דער סמ״ע איז געווען זייער פאַרערט אַלס גאון און צדיק, און דעריבער זענען זיינע אַנטשיידונגען אָנגענומען געוואָרן פון אַלע. זיין פּרעסטיזש האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך אין אַנדערע ריכטונגען. רבי מרדכי יפה האָט פאַרפאַסט זיינע „לבושים״ אויף אַלע דינים ווי דער „שולחן־ערוך״, אָבער ער האָט צו די דינים צוגעגעבן אויך די געהעריקע אויפקלערונגען, וואָס, ווי געזאָגט, האָבן געפעלט אין „שולחן־ערוך״. דער בעל „הלבושים״ האָט גערעכנט, אַז זיין ספר וועט פאַרדרענגען דעם „שולחן־ערוך״ און ער וועט ווערן דער אָנערקענטער קאָדעקס פון דער הלכה. דער סמ״ע אָבער ברענגט כסדר די פּסקים פונעם בעל „הלבושים״ און ווענדט זיי אָפּ [63]). דאָס האָט פיל אָפּגעשוואַכט דעם אָנזען פון בעל „הלבושים״ אין דער לומדישער וועלט, און האָט פאַרהאָלפן צום זיג פון „שולחן־ערוך״ אַלס דער איינציקער אויטאָריטאַטיווער פּוסק.

אַחוץ זיין ספר „דרישה ופרישה״ אויפן „טור״ און „ספר מאירת־עיניים״

אויפן „שולחן־ערוך" האָט דער סמ"ע מחבר געווען ביאורים אויפן ספר „דרכי משה" פונעם רמ"א, און תשובות, וואָס עטלעכע פון זיי ווערן געברענגט אין פאַרשידענע ספרים, ווי צום ביישפיל אין „גאוני בתראי", „תשובות הב"ח" און „משאת־בנימין". ווי דער סמ"ע באַריכטעט זענען אין דער שריפה פון זיין הויז אין לעמבערג פאַרברענט געוואָרן פילע כתבים, ווי זיינע חידושים אויף גמרא, אויפן רי"ף און ר"ן, אַ „קובץ תשובות" און אַ פירוש אויף חומש און רש"י. עס ווייזט אויס, אַז דעמאָלט איז אויך פאַרברענט געוואָרן זיין „ספר מאירת־עיניים" אויף די אַנדערע חלקים פון „שולחן־ערוך".

ז. רבי דוד הלוי סגל — דער ט"ז

די משפחה פונעם ט"ז. — זיין אָרעמע רבנות אין פּאָטיליטש. — דער ב"ח באַזוכט זיין איידעם. — די רבנות אין אָסטראָה. — די וואַנדערונגען פון ט"ז מחמת גזירת ת"ח. — שילדערונג פון דער הויכער מדריגה פון תורה אין פוילן פאַר דער גזירה. — די ברייטע יידישע אויטאָנאָמיע אין פוילן. — דער וועד ארבע ארצות. — די איידעלע מידות פון הכנסת־אורחים. — דער גרויסער אויפשטייג אין דעם יאָרהונדערט זינט ר' יעקב פּאָלאַק ביז גזירת ת"ח. — דער חורבן אין די יאָרן ת"ח־ת"ט. — אויסוואַנדערונג פון גדולי־תורה. — די אויפטרייסלונג דורך דער שבתי־צבי באַוועגונג. — דער צוריקקער פונעם ט"ז קיין פוילן. — זיין לעמבערגער רבנות. — די פּטירה פון ט"ז און דער נוסח פון זיין מצבה. — דער „טורי־זהב" אויף „אורח־חיים" און „יורה־דעה". — זיין אָנערקענונג אַלס אויטאָריטאַטיווער פוסק נאָך ביים לעבן. — די מאָטיוון פאַרן פאַרפאַסן זיין ספר. — וויל היילן די צעשפּליטערונג אין דער הלכה. — דער ט"ז ווערט אַן ענגער באַשטאַנדטייל פון „שולחן־ערוך". — דער „טורי־זהב" אויף „חושן־משפט" און „אבן־העזר" ווייניקער דערפּאָלגרייך. — די שליחות פון ט"ז צו שבתי־צבי. — דער ט"ז אַלס גאון און צדיק.

דער צווייטער לעמבערגער גאון, וואָס זיין ווערק איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון „שולחן־ערוך", איז געווען רבי דוד בן שמואל סגל הלוי, דער מחבר פון „טורי־זהב", אָפּגעקירצט דער ט"ז. ער איז געבוירן געוואָרן אין לודמיר, וואָלין, אין יאָר 1586, און נפטר געוואָרן אין לעמבערג אין 1667. זיין זיידע איז געווען דער לודמירער רב דער גאון ר' יצחק בצלאל. באַרימט איז אויך געווען דעם ט"זס עלטערער ברודער רבי יצחק הלוי, דער פאַרפאַסער פון שאלות ותשובות מהר"י הלוי. דער טורי־זהב האָט באַטראַכט דעם ברודער אַלס זיין הויפּט־לערער (רבו מובהק). ער האָט זיך צו אים געווענדעט ווי אַ תלמיד צו זיין רבין אין הלכה־פראַגן, און ער ציטירט אים אָפט אין זיינע ספרים.

נאָך זייער יונג איז דער ט"ז געוואָרן דער איידעם פון רבי יואל סירקיס, דעם ב"ח, און ער האָט אויך געלערנט אין זיין שווערס ישיבה. דער ב"ח האָט פאַרערט דעם ט"ז ווי אַ נייעם אויפגייענדיקן שטערן אין פוילישן יידנטום [63]א).

דער טורי־זהב האט שפעטער אנגענומען דאס רבנות אין דעם גאלי־צישן שטעטל פאטיליטש לעבן ראווא־רוסקא. דארט האט ער געליטן דחקות, און האט מקיים געווען די תורה מתוך עוני. אין יאר 1619, ווען דער ב״ח איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין קראקע, איז ער דורכגעפארן דורך פא־טיליטש, כדי צו באזוכן זיין אידעם, און מיט גרויס צער האט ער געזען די טרויעריקע לאגע פונעם ט״ז. קומענדיק קיין קראקע האט ער געשריבן צום ט״ז:

„ווען איך בין געווען ביי דיר, האב איך געזען דיין ארעמ־קייט, און איך בין מיך זייער מצער, וואס דו קענסט ניט זיצן און לערנען במנוחה, אבער איך האף, אז דער אייבערשטער וועט אויסברייטערן דיין גרענעץ — געמיינט: א ברייטער פעלד פאר זיינע טעטיקייטן — און איך שיק דיר א מתנה״ [64]).

דער ב״ח האט אים דאן געשיקט א מאטעריעלע שטיצע.

דער ט״ז האט דאן פארלאזן פאטיליטש און איז אויף א צייט אנגעקומען קיין פויזן. נאך דער פטירה פון ב״ח איז דער ט״ז אויפגענומען געווארן אלס רב און ראש־ישיבה אין אסטראה, וואלין, וואס האט געהאט א טראדיציע פון גרויסע רבנים ווי דער מהרש״ל און מהרש״א. פראמינענטע למדנים זענען געקומען אין דער ישיבה, כדי צו לערנען ביים ט״ז. צום באדויערן האט ער דארט ניט לאנג געקענט בלייבן, ווייל ס׳האט זיך דעמאלט אנגערוקט די גרויסע קאטאסטראפע פון שנת ת״ח (1648) מיט די גרויזאמע שחיטות אויף אידן מצד די ווילדע הארדעס פון כמיעלניצקיס קאזאקן, וואס האבן חרוב געמאכט אלע קהילות וואס האבן אנגעטראפן אויף זייער וועג. דעמאלט האבן געמוזט אנטלויפן פילע פוילישע גדולי־תורה, וואס האבן בארימט געמאכט דאס פוילישע יידנטום, און וואס אים אויפגעהויבן אויף א הויכע מדריגה פון נאבעלער יידישקייט און לומדות, וואס האט ניט געהאט זיינס גלייכן אין קיין שום אנדערע תקופה פונעם גלות.

וועגן דעם וואונדערלעכן מצב פון יידיש לעבן אין פוילן שרייבט דער היסטאריקער פון יענער צייט ר׳ נתן־נטע האנאווער אין זיין ספר „יוון־מצולה״, אז ס׳איז א באקאנטע זאך, אז אין קיין שום תפוצת־ישראל איז ניט געווען אזויפיל תורה ווי אין פוילן. אין יעדער קהילה איז געווען א ישיבה, און מ׳האט אויסגעהאלטן דעם ראש־ישיבה כדי ער זאל קענען לערנען מיט די תלמידים אן מאטעריעלע זארגן. דער ראש־ישיבה איז גע־זעסן און געלערנט יומם ולילה, און איז ארויסגעגאנגען נאר צום בית־הכנסת. יעדער קהילה האט אחוץ דעם געצאלט די בחורים פון דער ישיבה א וועכנטלעכן געהאלט זיי זאלן קענען לערנען ביים ראש־ישיבה אזוי לאנג ביז זיי זאלן אליין קענען ווערן ראשי־ישיבות [65]).

וועגן דער ברייטער אויטאנאמיע פון די יידישע קהילות אין פוילן, וואס זענען דעמאלט חרוב געווארן, באריכטעט האנאווער:

„דאָס געריכטס־וועזן איז געווען אין פּוילן ווי אַמאָל אין ירושלים פאַרן חורבן־הבית, ווען מען האָט איינגעשטעלט בתי דינים אין יעדער שטאָט . . . די פּרנסים פון ארבע־ארצות זענען געווען ווי די סנהדרין פון אַמאָל און זיי האָבן געהאַט די מאַכט צו משפּטן אַלע יידן אין פּוילן, צו מאַכן תקנות און צו באַשטראָפן לויט זייער איינזען, און יעדער ערנסטער סיכסוך איז פאַר זיי פאַרגעבראַכט געוואָרן צו משפּטן. ס'איז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען, אַז אַ משפּט צווישן יידן זאָל פאָרקומען פאַר ניט־יידישע ריכטער אָדער פאַר אַ פּירסט אָדער קעניג, און ווען אַ ייד איז געגאַנגען זיך פּראָצעסירן פאַר אַ ניט־יידישן ריכטער, האָט מען אים באַשטראָפט מיט גרויסע בזיונות, כדי מקיים צו זיין ואויבינו פלילים" [66]).

און אין סוף פון זיין „יוון־מצולה" שילדערט ער די מידות פון האַרציקע ברודערשאַפט און רעספּעקט פאַר תורה, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט ביי פּויליש יידן.

„ס'איז גאָרניט געווען קיין שיעור צו דעם גמילות־חסדים אין פּוילן — שרייבט האַנאָווער — קודם־כל אין הכנסת־אורחים. ווען ס'איז געקומען אַ תלמיד־חכם אָדער אַ דרשן צו גאַסט אין דער קהילה, הגם ס'איז געווען איינגעפירט צעטלען פאַר אַלע אַנדערע אורחים, וואו איינצושטיין, האָט אָבער דער תלמיד־חכם ניט געמוזט זיך מבזה זיין צו נעמען אַ צעטל, נאָר ער איז געגאַנגען צו אַ פּרנס פון דער קהילה, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן ביי אים צו וואוינען, און דער שמש פון דער קהילה האָט גענומען פון אים דעם קוויטל — אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג פון אַ רב אָדער אינסטיטוציע צו זאַמלען נדבות — און האָט דעם קוויטל פאַרגעלייגט פאַרן גבאי אָדער פּרנס־החודש, און מיהאָט דורכן שמש געגעבן דעם תלמיד־חכם אַ מתנה לויט זייער אָפּשאַצונג בדרך־כבוד, און דערנאָך האָט ער זיך נאָך געקענט אויפהאַלטן ביי אַ בעל־הבית וויפיל טעג ער האָט געוואָלט. און אַפילו די אורחים, וואָס האָבן יאָ באַקומען אַ צעטל, האָבן געקענט בלייבן ווי לאַנג זיי האָבן נאָר געוואָלט ביים בעל־הבית פונעם צעטל . . . און ער האָט באַקומען פון בעל־הבית עסן און טרינקען דריי מאָל אַ טאָג. און ווען די אורחים זענען אַוועקגעפאָרן, האָט מען זיי מיטגעגעבן צידה־לדרך, און מען האָט זיי אָפּגעפירט מיט פערד און וואָגן פון איין קהילה צו דער אַנדערער. ווען ס'זענען געקומען פון ווייטע לענדער אָדער מקומות בחורים אָדער יינגלעך, בעלי־בתים אָדער מיידלעך, האָט מען זיי תיכף

> אויסגעקליידט. ווער ס׳האָט געוואָלט זיין אַ בעל־מלאכה, האָט מען אים אַריינגעגעבן צו אַ בעל־מלאכה, און ווער ס׳האָט געוואָלט זיין אַ משרת, האָט מען אים פאַרשאַפט אַזאַ באַשעפטיקונג אין אַ הויז־ווירטשאַפט. ווער ס׳האָט געוואָלט לערנען, האָט מען פאַר אים געדונגען אַ מלמד, און ווען ס׳איז געווען אַ חשובער געלערנטער בחור, האָט אַ רייכער בעל־הבית אים אַריינגענומען צו זיך און פאַרהייראַט מיט זיין טאָכטער, געבנדיק אים טויזנטער גולדן נדן און אויסגעקליידעט מיט בגדי־מלכות, און אים געשיקט לערנען אין די גרויסע ישיבות. ווען ער איז צוריקגעקומען נאָך צוויי־דריי יאָר, האָט זיין שווער אויסגעהאַלטן אַ ישיבה אין זיין הויז פאַר אים און האָט באַצאָלט בעלי־בתים גרויסע למדנים זיי זאָלן עטלעכע יאָר לערנען אין דער ישיבה פון זיין איידעם, ביז ער איז אַליין געוואָרן אַ ראש־ישיבה אין אַ קהילה. און אַפילו ווען אַ יינגל איז נאָך ניט געווען צו דער צייט קיין חשובער בחור, אויב ער האָט נאָר געוויזן פעאיקייטן, האָט אַ רייכער ייד טיילמאָל אים פאַרזאָרגט מיט עסן און טרינקען און קליידונג און אַלץ וואָס ער האָט באַדאַרפט, ווי זיין אייגן קינד, און האָט אים געדונגען אַ מלמד ביז ער איז געוואָרן אַ פאַרטיקע כלי, און האָט אים דאַן גענומען פאַר אַן איידעם, און עס איז ניטאָ קיין גרעסערער גמילות־חסד פון דעם. אויך פאַר אָרעמע מיידלעך זענען געווען זייער שיינע איינריכטונגען אין יעדער געגנט. קיין שום אָרעם מיידל איז ניט אַלט געוואָרן קיין 18 יאָר, וואָס זאָל ניט האָבן חתונה געהאַט. און פילע נשים צדקניות האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער מיצווה" [67]).

דאָס איז געווען אַן אידעאַל יידיש טראַדיציאָנעל לעבן פאַר דער גזירת ת״ח. דערביי איז צו באַוואונדערן ווי אין משך פון קוים הונדערט יאָר, זינט דעם אָנקום פון ר׳ יעקב פּאָלאַק קיין פוילן, ווען תורה איז געווען אַ זעלטענע דערשיינונג, ביז דעם יאָר ת״ח, האָט דאָס פוילישע יידנטום דורכגעמאַכט אַזאַ גרויסע גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג, און איז געשטיגן פון אַ תורה־אָרעמען און קולטורעל־צוריקגעשטאַנענעם יישוב ביז צו דער גלאָריע פון גייסטיקער פירערשאַפט פון גאַנצן פאָלק פון דער גאָרער וועלט. ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז אין יענע צייטן זענען די תורה־געלערנטע געווען די איינציקע, וואָס האָבן משפיע געווען און גייסטיק דערצויגן די יידישע באַפעלקערונג, מוז מען קומען צו דער מסקנה, אַז דער וואונדער פון אַזאַ גיכן גייסטיקן אויפבלי פון פוילישן יידנטום איז דערמעגלעכט געוואָרן הויפּטזעכלעך אַדאַנק די גרויסע תורה־פּערזענלעכקייטן

ווי די מיטשאַפער פון „שולחן־ערוך", פון וועלכע דער טורי־זהב איז געווען איינער פון די באַליבטסטע און פּאָפּולערסטע גדולי־הדור.

די אַלע דערגרייכונגען זענען כמעט אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן אין דער קאַטאַסטראָפע פון די יאָרן ת"ח־ת"ט. די באַדייטנדיקסטע גדולי־תורה האָבן געמוזט פאַרלאָזן פּוילן, און צווישן זיי אויך דער ט"ז, רבי יונה תאומים מחבר פון „קיקיון דיונה", רבי אַהרון־שמואל קוידינאָווער מחבר פון „ברכת־הזבח", רבי חיים בוכנער מחבר פון „אור חדש" און פילע אַנדערע, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט קיין עסטרייך. קיין מעהרן ווידער האָבן זיך געראַטעוועט די ווילנער גאונים דער ש"ך און רבי אפרים כהן, רבי חנוך־העניך דרשן פון פויזן מחבר פון שו"ת „חנוך בית־יהודה" און רבי הילל בר נפתלי הערץ, שפּעטער באַקאַנט ווי דער זולקווער רב [68]). אַ טייל פון די באַרימטע רבנים זענען שפּעטער צוריקגעקומען קיין פּוילן, און אַ טייל זענען שוין פאַרבליבן אין די אַנדערע לענדער ווי רבנים און ראשי־ישיבות.

צו דער שרעקלעכער גזירת ת"ח, וואָס איז באַפאַלן פּוילישע יידן פון דרויסן, איז דעמאָלט צוגעקומען אַן אינערלעכע אויפטרייסלונג, וואָס האָט אונטערגעגראָבן אויך די גייסטיקע יסודות פון פּוילישן יידנטום, און דאָס איז געווען די באַוועגונג פון משיח־השקר שבתי־צבי (1676—1626).

נאָך אַ צייט זענען די פּראָמינענטע רבנים און ראשי־ישיבות צוריקגעקומען קיין פּוילן כדי צוריק אויפצובויען דאָס סאָציאַלע און גייסטיקע לעבן. עס איז צו באַוואונדערן ווי אין משך פון אַ פאַרהעלטענישמעסיק קורצער צייט האָט זיך דאָס פּוילישע יידנטום רעהאַביליטירט אַדאַנק דער אומגעבראָכענער אינערלעכער וויטאַליטעט. די גדולי־הדור וואָס זענען צוריקגעקומען האָבן ווידער אַנטוויקלט אַ גרויסע טעטיקייט פון הרבצת־התורה, און ס'איז זיי געלונגען צוריק אויפצושטעלן דעם גרויסן תורה־צענטער.

אויך דער טורי־זהב האָט זיך צוריקגעקערט קיין פּוילן. נאָכדעם ווי ער איז אַוועק פון אָסטראָה איז ער אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד. אַ צייט האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין פויזן, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד. אָבער ווי נאָר די לאַגע האָט זיך אַביסל באַרואיקט, איז ער צוריקגעקומען קיין פּוילן, און איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין לעמבערג, וואָס איז פון לאַנג געווען באַרימט מיט אירע גרויסע רבנים. דאָרט האָט ער אָנגעהויבן אַ נייע פּילפּאַכיקע טעטיקייט, און דאָרט האָט ער אויך פאַרענדיקט זיינע וויכטיקע ווערק אויפן „שולחן־ערוך". ער איז נפטר געוואָרן דאָרט אין יאָר 1667. די לעמבערגער קהילה האָט אים אויפגעשטעלט אַ מצבה מיט פאָלגנדיקן נוסח:

„היום כ"ו שבט שנת תכ"ז לפ"ק נטמן הגאון הגדול מאור הגולה, הרב הגדול בעל טורי־זהב מורינו ורבינו מו"ה דוד בן מו"ה שמואל הלוי, מחבר חיבורים יקרים, באור תורתו האיר לדור דורים על כל השולחן־ערוך וארבעה טורים. הן

בעודנו בחיים כבר זכה, כי נפסקה כמותו הלכה, הוראתו שלמה זכה וערוכה. תנצב״ה. העיר לאדמיר הרה וילדה, העיר קראקא גדלה שעשועיה, אוי נא לה ! אמרה לבוב, כי אבדה כלי חמדתה״.

דאָס הויפּט־ווערק פון רבי דוד סגל הלוי איז דער „טורי־זהב״, און אַזוי ווערט ער אויך אָנגערופן אָנשטאָט זייך פּריוואַטן נאָמען. דעם „טורי־זהב״ האָט ער פאַרפאַסט, ווי די מצבה באַריכטעט, אויף אַלע פיר חלקים פון „שולחן־ערוך״, אָבער אָנגענומען זענען געוואָרן די צווי חלקים אויף „אורח־חיים״ און „יורה־דעה״. דער „טורי־זהב״ ווערט געדרוקט צוזאַמען מיטן „שולחן־ערוך״, און איז אויך געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון „שולחן־ערוך״. זיין ספר אויף „יורה־דעה״ איז דערשינען נאָך ביים לעבן פונעם מחבר אין יאָר ת״ו (1646), און איז גלייך פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע קהילות און איז אָנגענומען געוואָרן פון די רבנים אַלס אַ פּוסק־אחרון. אין דער הקדמה שרייבט דער ט״ז, וואָס ס׳זענען געווען די סיבות, וואָס האָבן אים באַוואויגן צו פאַרפאַסן דעם ספר: „באַכדעם ווי כ׳האָב געזען, אַז רבי יוסף קאַרו האָט פאַרעפנטלעכט דעם „בית־יוסף״ אויפן „טור״, מחמת די חילוקי־דעות פון די פּוסקים נאָכן „טור״ האָבן באַדראָט די איינהייטלעכקייט פון דער הלכה. אָט־די געפאַר — שרייבט דער ט״ז — איז ווידער געוואָרן אַקטועל״. ווייל די גאונים פון זיין צייט ווי דער מהרש״ל, דער סמ״ע און אַפילו זיין שווער דער ב״ח האָבן אין זייערע חיבורים אַנטשידן הלכה־פּראָבלעמען יעדער איינער אויף אַן אַנדערן אופן, און „די תורה איז געוואָרן צעטיילט אויף פילע פאַרשידענע תורות״. דעריבער האָט דער ט״ז באַשלאָסן אויפצוקלערן די אַלע סתירות, כדי צו קומען צו אַ באַגרינדעטן פּסק־הלכה, און אַזוי־אַרום ווידער צו פאַראייניטלעכן דעם יידישן רעליגיעזן געזעץ. דער ט״ז ציטירט די מיינונגען פון די באַקאַנטע פּוילישע גאונים, דעם רמ״א, מהרש״ל, ר׳ מרדכי יפה, דעם סמ״ע און אַנדערע, און הגם ער באַציט זיך צו זיי מיט דעם געהעריקן יראת־הכבוד, פּרעגט ער זיי אָפּ, אויב ער גלויבט אַז זיי זענען ניט גערעכט, און מיט גרויס אַחריות שלאָגט ער פאָר זיינע אַנטשיידונגען. די רבנישע וועלט האָט אָנערקענט זיין טיפע און פאַרזיכטיקע פאָרשונג, און ווי עס איז באַטאָנט אויף דער מצבה, איז נאָך ביי זיין לעבן באַשטימט געוואָרן אין די יידישע קהילות, אַז די הלכה בלייבט ווי דער ט״ז.

דער „טורי־זהב״ אויף „אורח־חיים״ איז געדרוקט געוואָרן שוין נאָך דער פּטירה פונעם מחבר מיט דער הילף פון וועד ארבע הארצות. אויך דער חלק איז געוואָרן זייער באַליבט, און ווערט, גלייך ווי דער טייל אויף „יורה־דעה״, געדרוקט תמיד צוזאַמען מיטן „שולחן־ערוך״. אָבער אויך דאָ איז באַשטעטיקט געוואָרן דאָס אַלטע שפּריכוואָרט „הכל תלוי במזל אפילו ספר־תורה שבהיכל״ [69]), דאָס הייסט, אַז יעדער ספר האָט זיין באַזונדערן מזל.

אַזוי איז אויך געווען פאַרשידן דער גורל פון דעם ט״זס ספרים. בשעת די אויבנדערמאָנטע ספרים איז באַשערט געווען אַן אומדערוואַרטעטער דער־פאָלג, זענען די צוויי אַנדערע חלקים פון זיין ווערק, אויף „חושן־משפט״ און „אבן־העזר״, נישט אָנערקענט געוואָרן ווי אַן אומטיילבאַרער חלק פון „שולחן־ערוך״, און אויף די טיילן פון „שולחן־ערוך״ זענען אָנגענומען גע־וואָרן אַנדערע מפרשים פון פוילישע גאונים, וועלכע ווען באַהאַנדלט ווערן אין קומענדיקע קאַפּיטלען.

פונעם ט״ז זענען דערשינען נאָך אַנדערע ווערק, ווי „דברי־דוד״ אויף רש״י פון חומש, און „תשובות־דוד״.

אין די לעצטע יאָרן פונעם ט״ז איז אויפגעקומען, ווי דערמאָנט, די שבתי־צבי־באַוועגונג, וואָס האָט אין אָנפאַנג פאַרפירט אַפילו געוויסע רבנים. נאָך די שרעקלעכע יאָרן פון גזירת־ת״ח האָבן גלויביקע יידן געהאָפט אויף אַ נס־מן־השמים, וואָס זאָל זיי אויסלייזן פון זייערע גרויסע יסורים, און דעריבער האָט די פאַלשע משיחישע באַוועגונג געפונען אַ גינסטיקן באָדן ביי די מאַסן. ווייזט אויס, אַז דער ט״ז האָט געוואָלט אויסגעפינען, פונ־וואַנען עס נעמט זיך דער מיסטעריעזער כוח פון שבתי־צבי צו באַהערשן גרויסע יידישע יישובים און אַפילו געלערנטע און באַוואוסטע למדנים. מעגלעך, אַז ער האָט געהאָפט דורך אַ קאָנטאַקט מיט אים, צו קענען אים איבערצייגן, אַז זיין וועג וועט ניט ברענגען די גאולה, נאָר וועט נאָך פאַר־גרעסערן דיליידן פון די געפּלאָגטע ברידער.

יעדנפאַלס איז עס אַ פאַקט אַז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט דער ט״ז געשיקט צוויי שליחים צו שבתי־צבי, זיין זון ר׳ ישעיה סגל, אַ גרויסער תלמיד־חכם, און זיין שטיפזון הגאון ר׳ אריה־יהודה־לייב, דער מחבר פון שאלות־ותשובות „שאגת־אריה וקול־שחל״,ביידע אייניקלעך פונעם ב״ח, כדי זיך פּערזענלעך באַקענען מיט שבתי־צבי און מיט דעם מהות פון זיין באַוועגונג. מיר ווייסן, אַז די שליחים זענען צוריקגעקומען צום ט״ז און האָבן מיטגעבראַכט אַ באַגריסונגס־בריוו פון שבתי־צבי צום ט״ז מיט אַ מתנה, אָבער מער איז ניט באַקאַנט וועגן דעם שליחות. דער ט״ז איז דעמאָלט שוין געווען אַלט און שוואַך כדי זיך עפנטלעך צו באַטייליקן אין דעם קאַמף פון די גדולי־הדור, וואָס האָבן דעם שבתיאיזם מחרים געווען ווי אַ סכנה פאַרן גייסטיקן, און אַפילו פיזישן קיום פונעם פאָלק.

אין באַוואוסטזיין פונעם פאָלק איז דער טורי־זהב געבליבן דער גאוני־שער פוסק און די מאָראַלישע פּערזענלעכקייט וואָס האָט באַשיינט דאָס פוילישע יידנטום.

ח. רבי שבתי כהן — דער ש״ך

„שפתי־כהן״ אַלס גאונישע שאַפונג. — זיינע לערער. — אַ מיטגליד אין ווילנער בית־דין. — זיינע ווערק אויף „יורה־דעה״ און „חושן־משפט״. — פאַרטיידיקט די אויטאָריטעט פון „שולחן־ערוך״. — זיין ספר „הארוך״. — שילדערט זיין

גרויסע מי און פאַראַנטוואָרטונג ביים שרייבן זיין ספר. — די פּאָלעמישע שריפט „נקודות־הכסף" קעגן „טורי־זהב". — דעם ט"זס ענטפער אין „דף־אחרון". — דער „קונטרס־אחרון" פון ש"ך. — די קעגנערשאַפט צום ש"ך. — דער „מגיני־זהב" פאַרטיידיקט דעם ט"ז. — וועד ארבע הארצות פאַרפליכטעט אַלע צו פסקענען לויטן ט"ז. — ספר „הארוך" און „תקפו־כהן" פון ש"ך. — דעם ש"דס באַשרייבונג פון די שחיטות ת"ח אין „מגילת־עיפה". — דער קול־קורא אייג־צופירן דעם תענית כ׳ סיוון. — דעם ש"דס פיוטים און שירים. — „פועל־צדק" פון ש"ך אויף תרי"ג מיצוות. — בריוו פון ש"ך צו אַ קריסטלעכן געלערנטן. — אַנערקענונג פון ט"ז און ש"ך אַלס פוסקים־אחרונים.

רבי שבתי כהן, אָדער ווי מען רופט אים דער ש"ך, לויט די ראשי־תיבות פון זיין הויפּט־ווערק „שפתי־כהן", איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1621 אין שטעטל אַמסטיבעוו, וואו זיין פאָטער הגאון רבי מאיר איז געווען רב. שוין אין זיינע יינגערע יאָרן איז ער אין ווילנע באַרימט געוואָרן אַלס איינער פון די באַוואוסטע גאונים פון זיין דור. צוליב טיפקייט פון אַנאַליז, גייסטרייכע חריפות און ברייטע בקיאות אין דער גאַנצער הלכה־ליטעראַטור איז זיין ווערק „שפתי־כהן" אויפן „שולחן־ערוך" באַטראַכט געוואָרן אַלס אַן אויסערגעוויינלעכע שאַפונג, וואָס איז ראוי צו ווערן אַ באַשטענדיקער טייל פון „שולחן־ערוך".

דער ש"ך האָט געלערנט ביים גאון ר׳ יהושע בר יוסף, דעם מחבר פון „מגיני שלמה", ווען ער איז געווען רב אין טיקטין, פוילן, און האָט ממשיך געווען זיין לערנען ביי אים אויך ווען זיין רבי איז געוואָרן דער ראש־ישיבה אין קראָקע. דאָרט האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם באַ־קאַנטן פרנס און גביר ר׳ וואָלף, אַן אייניקל פון רמ"א. ער איז אויך געווען אַ תלמיד פון קראָקאָווער רב דעם באַרימטן גאון ר׳ יהושע־העשל בר יעקב. ער איז דאַן אַנגעקומען קיין ווילנע, און אַלס זייער יונגער מענטש איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס אַ מיטגליד אין דעם ווילנער בית־דין פון גאון דעם מחבר פון „חלקת־מחוקק" אויפן „שולחן־ערוך" „אבן־העזר".

ווען ער איז קוים אַלט געווען 24 יאָר האָט ער אין קראָקע שוין פאַר־עפנטלעכט זיין ספר „שפתי־כהן" אויף „יורה־דעה" אין יאָר 1664. זיין ספר אויף „חושן־משפט" איז דערשינען שפּעטער. די צוויי ווערק זענען גלייך נאָך זייער דערשיינען באַטראַכט געוואָרן אין די לומדישע קרייזן אַלס דאָס פולקאָמענסטע תורה־ווערק פון זיין צייט. דער ש"ך באַמיט זיך מיט פיל שאַרפזין אויסצוגלייכן די פאַרשידענע מיינונגען פון רמ"א און פון מחבר פון „שולחן־ערוך" ר׳ יוסף קארו, אָבער טיילמאָל ווייכט ער אויך אָפּ פון זייערע אַנטשיידונגען און קומט צו אייגענע באַשלוסן. אָבער אײדער ער דריקט אויס זיין אייגענע מיינונג ווייזט ער אָן אויף די דעות פון פילע פריעדיקע פוסקים. דערביי פאַרפעלט ער ניט אויך אָפּצופרעגן טיילמאָל אַפילו די קדמונים ווי דעם רמב"ם, רא"ש און טור, אויב ער איז איבער־צייגט, אַז זיי זענען ניט גערעכט.

בכלל פאַרטיידיקט דער ש"ך דעם „שולחן־ערוך" און דעם רמ"א, און

באמת זיך צו באַווייזן, אַז די קעגנערשאַפט צום „שולחן־ערוך" במשך פון צוויי דורות זענען ניט בארעכטיקט. דערמיט האָט דער ש"ך פיל מיטגע־האָלפן צו פאַרשטאַרקן די אויטאָריטעט פון „שולחן־ערוך" אין אַלע יידישע יישובים.

איידער ער איז צוגעטרעטן צו שרייבן דעם „שפתי־כהן" האָט ער פאַר־פאַסט זייך ספר „הארוך", וואו ער האָט צונויפגעזאַמלט אַלע מיינונגען פון די פוסקים און זיי אַנאַליזירט. דאָס איז געווען אַ פאַרבאַרייטונג צו זיין קלאַסיש ווערק „שפתי־כהן" אויף „יורה־דעה". זיין טיף פאַראַנטוואָרטלעכ־קייטס־געפיל ביים שרייבן זיין „שפתי־כהן" קען מען זען אין זיין הקדמה צו דעם ספר, וואָס לויטעט:

„ווער ס׳איז ניט געווען אין מיין מחיצה, וועט ניט גלויבן, ווען מען וועט אים דערציילן וועגן דער גרויסער מי, וואָס איך האָב געהאַט ביים פאַרשן דעם תלמוד און פוסקים, ביז איך האָב אויסגעפונען די ריכטיקייט. איך האָב אונטערזוכט אַלע אַספּעקטן און נעבן־אַספּעקטן פון יעדן פּראָבלעם ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל נאָר הונדערט איין מאָל. און וויפיל איך האָב מיך באַמיט! איך האָב מיך ניט באַשעפטיקט מיט קיין שום אַנדערע זאַך. איך האָב ניט געגעבן קיין שלאָף צו מיינע אויגן און קיין דרימל צו מיינע ברעמען פילע יאָרן ביז איך האָב פאַרווירקלעכט מיין געדאַנק, איך האָב מברר געווען און אַלץ אָפּגעוואויגן אויף דער וואָגשאָל" [70]).

דער ספר „שפתי־כהן" איז אַרויס אין דערזעלביקער צייט וואָס דער „טורי־זהב" אויף „יורה־דעה". דער ש"ך איז איבערראַשט געוואָרן, ווען ער האָט זיך דערפון דערוואוסט, און האָט זיך געשראָקן אַז דער ט"ז זאָל ניט פאַרטונקלען זיין ספר, ווייל דער ט"ז איז געווען עלטער און מער באַקאַנט, און זיינע גרויסע תלמידים וועלן דאָך פאַרשפרייטן דעם ספר פון זייער רבין. דער ש"ך האָט דעריבער פאַרפאַסט אַ פּאָלעמישן ספר מיטן נאָמען „נקודות־הכסף", אין וועלכן ער פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפּונקט דאָרט וואו דער ט"ז איז מחולק מיט אים, און פרעגט אָפּ די אַנטשיידונגען פון ט"ז. דער ש"ך פאַרענטפערט זיך אין דער הקדמה, אַז ער האָט פאַרפאַסט זיין שריפט ניט חלילה מחמת ער זאָל האָבן געהאַט וועלכן ס׳איז פאַרדרוס אָדער שטרייט מיטן ט"ז.

„ווייל ס׳איז דאָך באַקאַנט, אַז צווישן אונדז איז מקויים גע־וואָרן וואָס חז"ל זאָגן, אַז ווען תלמידי־חכמים שפּאַרן זיך אין לערנען, צום סוף בלייבן זיי די בעסטע פריינט. דער ט"ז — שרייבט דער ש"ך — איז ביי מיר איינגעשטאַנען דריי טעג און איך האָב אים אַרויסגעוויזן אַזויפיל פאַרערונג, אַז מען קען זיך גאָרניט פאָרשטעלן, און ער האָט אין מיר

> אויך נוהג־כבוד געווען און האָט מיך געקושט, און האָט זיך מיט מיר זייער געפרייט. גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב געשריבן מיין ספר „נקודות־הכסף" נאָר לשם־שמיים, כדי מברר צו זיין און דערגיין דעם אמת. איך בעט די תורה־לערנער, אַז יעדער, וועלכער האָט אַן אָפּפרעגונג אָדער קשיות אויף מיר, זאָל ער זיי אויפזאַמלען אין אַ ספר פאַרן אמת ווענן, און ווען מעגלעך זאָל ער מיר דאָס מודיע זיין"[71]).

ווען דער ט"ז האָט געזען דעם „נקודות־הכסף" איז אים וואַרשיינלעך ניט אָנגעשטאַנען זיך מתווכח צו זיין מיט אַן אומבאַקאַנטן און יונגן מענטשן, ווי דער ש"ך איז נאָך דעמאָלט געווען. דעריבער האָט ער צוגעשריבן אַ „דף־אחרון" צו זיין ספר, וואו ער פרעגט אָפּ די אָנגריפן פון „נקודות־הכסף", אָבער ער דערמאָנט ניט דעם נאָמען פונעם ש"ך און ניט דעם „נקודות־הכסף", נאָר שרייבט „מאַנכע זענען זיך טועה" אָדער „מען פרעגט" אדג"ל. דערויף האָט דער ש"ך ווידער געענטפערט מיט אַ נייעם צוגאָב צו זיין ספר מיטן נאָמען „קונטרס־אחרון", אין וועלכן ער שלאָגט אָפּ די אָנגריפן פונעם ט"ז אויף אים.

דער גרויסער דערפאָלג פון ספר „שפתי־כהן", וואָס גלייך נאָך זיין דערשיינען איז ער געוואָרן זייער פאָפּולער און מען האָט אָנגעהויבן צו פּסקענען לויט זיינע אויספירונגען, האָט אַרויסגערופן אַ קנאת־סופרים ביי טייל עלטערע למדנים. צווישן די קעגנער פון ש"ך זענען אויך געווען תלמידים פונעם ט"ז, וואָס האָבן זיך געוואָלט אָננעמען פאַר דעם כבוד פון זייער אַלטן רבין, ווייל אין קעגנזאַץ צום ש"כס דערקלערונג אין דער אויבן־ציטירטער הקדמה צום „נקודות־הכסף", האָט ער, לויט דער מיינונג פון ט"זס תלמידים, ניט ווי געהעריק נוהג־כבוד געווען קעגן דעם ט"ז אין זיינע צוויי חיבורים „נקודות־הכסף" און „קונטרס־אחרון". באַזונדערס איז דער גאון ר' יואל, רב אין שעברשין, אַן אייניקל פון ט"ז, אַרויסגעקומען מיט דעם ספר „מגיני־זהב", אין וועלכן ער פאַרטיידיקט דעם ט"ז קעגן די השגות פון ש"ך. ר' יואל האָט זיין ספר אַפילו פאַרגעלייגט פאַר דעם וועד ארבע הארצות אין לובלין, וועלכער האָט געגעבן זיין הסכמה אויף דעם ספר צו דרוקן מיט אַן אויסדריקלעכער וואָרענונג צו אַלע קהילות, אַז מען זאָל ניט אָפּווייכן פון די פּסקים פונעם ט"ז. אין דער דערקלערונג, וועלכע איז אונ־טערגעשריבן געוואָרן אין נאָמען פון וועד ארבע ארצות דורך די גאונים ר' צבי־הירש ב"ר זכריה אב"ד פון לעמבערג והגליל, ר' ישראל ב"ר שמואל רב און ראש־ישיבה פון לוצק, וואָס איז געווען אַ תלמיד און אַ קרוב פון ט"ז, און ר' יוסף יוסקי רב פון שידלאָוו, ווערט געזאָגט, „אַז ס'איז ענדגיל־טיק באַשלאָסן געוואָרן, אַז די הלכה בלייבט ווי דער ט"ז, און מען זאָל גאָר־ניט אַכטונג געבן אויף די אָפּפרעגונגען פון „נקודות־הכסף", ווייל אויף דעם אַלעם האָט שוין געענטפערט דער „מגיני־זהב". דעריבער האָבן אין

דער הייליקער פאַרזאַמלונג פון „וועד ארבע ארצות״, וואָס איז פאָרגעקומען אין לובלין אין יריד גראָמניץ, ביום ד׳, י״ב אדר, תמ״ג לפ״ק, די דערמאָנטע גאונים אַרויסגעגעבן די דערקלערונג, כדי עס זאָל אָפּגעהיטן ווערן אין די קומענדיקע דורות״ [72]).

צווישן די קעגנער פון ש״ך זענען געווען אַפילו זיינע צוויי מחותנים די גאונים ר׳ שמואל קוידינאָווער דער מחבר פון „ברכת־הזבח״, און ר׳ גרשון אשכנזי דער „עבודת־הגרשוני״, וואָס האָבן אין זייערע ספרים געוואָרנט זיך ניט צו פאַרלאָזן אויף די אויספירונגען פון ש״ך.

טראָץ די חילוקי־דעות צווישן ט״ז און ש״ך, זענען ביידע אָנערקענט אַלס פאַרלעסלעכע אויטאָריטעטן פאַרן יידישן ריטואַלן געזעץ, און זייערע ווערק זענען געוואָרן ענג פאַרבונדן מיטן „שולחן־ערוך״. די דאָזיקע צוויי באַרימטע פוילישע גאונים ווערן דעריבער מיט רעכט באַטראַכט ניט נאָר ווי דערקלערער און פאַרטייטשער פון „שולחן־ערוך״ נאָר אויך ווי זיינע מיטבויער.

אַחוץ די דערמאָנטע ספרים „שפתי־כהן״, „נקודות־הכסף״ און ספר „הארוך״ האָט דער ש״ך פאַרפאַסט דעם ספר „תקפו־כהן״ אין משך פון איין חודש. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ ספר „גבורת־אנשים״ וועגן דינים פון אַ גט *[72]), און צום סוף פון דעם ספר האָט ער צוגעדרוקט תשובות און חידושים פון זיין פאָטער רבי מאיר. אויסער זיינע הלכה־ווערק האָט ער אויך פאַרפאַסט קינות צום חורבן כ׳ סיוון, און די שריפט „מגילה עפה״ וועגן די שחיטות פון די יאָרן ת״ח ת״ט.

אין „מגילת־עפה״ אַנטפּלעקט זיך דער ש״ך אַלס אַ זייער באַגאַבטער שרייבער, אַחוץ זיינע גאונישע פעאיקייטן אין הלכה. מיט טיפער דערשי־טערונג און איינדרוקספולער שילדערונג באַשרייבט ער דאָרט די טראַגישע געשעענישן פון גזירת־ת״ח, וואָס דערמאָנען זייער אָפט די באַרבאַרישע פאַברעכנס פון די נאַציס ימ״ש. די „מגילת־עפה״ איז געשריבן אין דער פאָרעם פון אַ קול־קורא צום יידישן פאָלק, אַז מען זאָל באַשטימען דעם טאָג פון כ׳ סיוון אַלס נאַציאָנאַלן טרויער־טאָג, צו ערן דעם אָנדענקען פון די קדושים וואָס זענען אומגעקומען אין נעמיראָוו פון כמיעלניצקיס היידאַ־מאַקעס. דער דאָזיקער פאָרשלאָג פון ש״ך איז אויך אָנגענומען געוואָרן פון וועד ארבע הארצות, און אָפּגעהיטן געוואָרן פון פילע יידישע קהילות. נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך אַלס קינד בייגעוואוינט דאָס אָפּהיטן פון דעם תענית און דאָס לייענען פון דער קינה פון ש״ך בציבור, אין ראַוואַ־רוסקאַ פון מזרח־גאַליציע. די קינה האָט געהאָנגען אין אַ ראָם אין דאָרטיקן בית־מדרש.

דער ש״ך באַשרייבט, ווי די רוצחים האָבן אין דער קהילה האָמעל פאַר־זאַמלט אַלע יידן אויף איין פלאַץ, מ׳האָט זיי געצוואונגען זיך אויסצוטאָן נאַקעט און זעצן זיך אויף דער ערד, און ווי די יידן און זייערע פרויען האָבן זיך געפילט דערנידעריקט און פאַרשוועכט. מ׳האָט זיי אויפגעפאָדערט

זיי זאָלן זיך שמדן, וועט מען זיי לאָזן לעבן און צוריקגעבן זייער פאַרמעגן. די יידן האָבן אַרויסגעוויזן אַ הייליקן הערָאָאיזם, האָבן ווידוי געזאָגט, און האָבן געזאָגט, דאָס אַלץ קומט אויף זיי ווייל זיי האָבן געזינדיקט. די רוצחים האָבן געזען, אַז די יידן בלייבן טריי זייער אמונה, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייען, אַז די יידן זענען אַליין שולדיק אין זייער טויט דורך זייער עקשנות ניט צו דינען דעם גאָט פון די רוצחים. דערויף האָבן די יידן געענטפערט: פאַרוואָס הרגעט איר אונדז ניט תיכף, מיר וועלן דאָך קיינמאָל ניט פאַר־לאָזן אונדזער גאָט. און דעמאָלט זענען די גוים באַפאַלן די יידן און האָבן אויסגעמאָרדעט אַלע מענער, פרויען און קינדער[23]). דער ש״ך דערציילט דאָרט אויך, ווי אין איין שטאָט האָט מען אַריינגעוואָרפן 1500 לעבעדיקע יידישע קינדער אין אַ גרוב, און זיי לעבעדיקע באַגראָבן, בשעת די קינדער האָבן זיך געראַנגלט וועלנדיק זיך ראַטעווען. דער ש״ך ענדיקט די שרעק־לעכע שילדערונג מיט אַן אויסגעשריי: „העל אלה תתאפק ה׳ ותחשה יה, שוכן ערבות!״

ער האָט אויך געשריבן פיוטים און שירים אין סטיל פונעם מיטלאַל־טער, הקדמות און פערזן צום „שפתי־כהן״, אַ געדיכט צום דערשיינען פון אָט־דעם ווערק און אַ שיר לכבוד זיין פאָטער. ער האָט אויך פאַרפאַסט אַ שיר „פועל־צדק״ אויף די תרי״ג מיצוות פון דער תורה, לויטן רמב״ם, און אים פאַרטיילט אין זיבן חלקים פאַר די זיבן טעג פון דער וואָך, און אַ פירוש אויף דער הגדה של פסח.

ס׳איז כדאי נאָך צו דערמאָנען אַ דאָקומענט, וואָס געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון דער לייפּציגער אַקאַדעמיע, וואָס באַווייזט דעם אינטערעס פונעם ש״ך אין וועלטלעכע וויסנשאַפטן. דאָס איז אַ בריוו דאַטירט „העלישוי ביום ג׳ פאבראואר 1660״, וואָס דער ש״ך האָט געשריבן צו אַ קריסטלעכן געלערנטן, וועלכן ער טיטולירט „אָהובי כלבבי הפילוסוף וואַלנטיני ווידריך״. דער ש״ך איז מודיע, אַז ער האָט געשיקט דעם בוך פון אליהו בחור, און אַז ער איז באַרייט אים צו שיקן אויך אַנדערע ביכער, און בעט דעם גע־לערנטן, ער זאָל אים דערפרייען מיט מער פון זיינע שריפטן און זיינע וויכטיקע ווערק, וואָס וועט אים דערקוויקן אויף זיין עלטער.

אַזוי ווי דער „יורה־דעה״ האָט צוליב דעם ט״ז און ש״ך געוואונען די אַלגעמיינע אָנערקענונג, אַזוי זענען אויך די אַנדערע דריי חלקים פון „שולחן־ערוך״ דערהויבן געוואָרן צו דעם סאַנקציאָנירטן קאָדעקס פון רעליגיעזן געזעץ אַדאַנק אַנדערע גרויסע פּוילישע תורה־געלערנטע, וועלכע וועלן באַ־האַנדלט ווערן אין די קומענדיקע פרקים.

ט. רבי משה לימא — דער חלקת־מחוקק

קראָקאָווער גאונים. — זיינע לערער. — רב אין סלאָנים און דאַן אין ווילנע. — באַרימטע תלמידים פון זיין ישיבה. — זיין גאוניש ווערק. — יראת־הכבוד פאַר

עלטערע פוסקים. — וויל ניט אַנטשיידן קאָנטראָווערסאַלע הלכה־פראַגן. — „חכם־צבי״ וועגן חלקת־מחוקק קאָמפּעטענץ אַלס פוסק. — ווערט אַלגעמיין אָנערקענט אַלס אויטאָריטעט. — די תלמודישע באַשטימונג מקיל צו זיין אין עגונה־פּראָבלעמען. — וויל זיך ניט מישן אין היתרים פון עגונות פון אַנדערע מקומות. — אָנערקענט אַלס הלכה־אויטאָריטעט. — מיטשאַפער פון „שולחן־ערוך״.

רבי משה לימא איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1604. ער האָט געלערנט אין קראָקע, גלייך ווי שפּעטער דער ש״ך, ביים גאון און ראש־ישיבה ר׳ יהושע ב״ר יוסף דעם מחבר פון „מגיני־שלמה״, און איז געווען אַ חבר פון קראָקאָווער ר׳ יהושע־העשל ב״ר יעקב, באַקאַנט אַלס דער רבי ר׳ העשל. אין יאָר 1637 איז ער געווען רב אין סלאָנים, פון דאָרט איז ער אויפגע־נומען געוואָרן אַלס ווילנער רב לערך אין יאָר 1650. פון זיין ווילנער ישיבה זיינען אַרויסגעקומען גדולי־תורה ווי ר׳ אפרים כהן דער מחבר פון „שערי־אפרים״ און ר׳ אהרן־שמואל קוידינאָווער דער בעל „ברכת־הזבח״. ווי שוין דערמאָנט איז דער ש״ך געווען אַ מיטגליד פון זיין ווילנער בית־דין. אין די לעצטע יאָרן איז ער געווען רב אין בריסק דליטא, און איז דאָרט נפטר געוואָרן לערך אין יאָר 1657 אין עלטער פון 53 יאָר.

זיין ספר „חלקת־מחוקק״ אויפן „שולחן־ערוך״ „אבן־העזר״ צייכנט זיך אויס מיט גרויס חריפות, טיפע געלערנטקייט און שאַרפן קריטישן אַנאַליז. ער אונטערשיידט זיך פון ט״ז און ש״ך הויפּטזעכלעך מיט דעם, וואָס בשעת די צוויי זענען אָנערקענט אַלס פוסקים, וואָס אַנטשיידן אַליין הלכה־פּראָבלע־מען, איז דער חלקת־מחוקק אַמייסטן נאָר אַ מפרש און דערקלערער פון „שולחן־ערוך״, און נאָר זעלטן טרעט ער אויף אַלס זעלבשטענדיקער פוסק. דאָך איז ער געווען פאַררעכנט אויך אַלס פוסק, און דער גאון ר׳ צבי אשכנזי ברענגט אין זיינע שאלות־ותשובות „חכם־צבי״ אין נאָמען פון זיינע עלטערן, אַז דער חלקת־מחוקק איז געווען באַרימט אויך אַלס קאָמפּעטענטער פוסק, און אַז אַלע רבנים האָבן אָנגענומען זיינע אַנטשיידונגען.

ר׳ משה לימא האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיין ספר אויפן גאַנצן „אבן־העזר״. ער דערגרייכט נאָר ביז סימן קנ״ו פון „אבן־העזר״. אין יאָר 1670, שוין נאָך דער פטירה פון ר׳ משה, האָט זיין זון ר׳ רפאל איבערגע־דרוקט דעם „חלקת־מחוקק״ אינאיינעם מיטן „שולחן־ערוך״. זינט דעמאָלט איז ער כסדר געדרוקט צוזאַמען מיטן „שולחן־ערוך״.

דער חלקת־מחוקק באַציט זיך מיט גרויס יראת־הכבוד צו די פריער־דיקע פוסקים, ווי אויך צום מחבר פון „שולחן־ערוך״ ר׳ יוסף קארו און צום רמ״א, און האָט קיינמאָל ניט געוואַגט מקיל צו זיין אין אַ דין, קעגן דעם „שולחן־ערוך״. אין זיין באַשיידנקייט האָט ער אויסגעמיטן ווי נאָר מעגלעך צו אַנטשיידן הלכה־פראַגן, אין וועלכע די פוסקים זענען מחולק. נאָך פון דער צייט פון תלמוד איז באַשטימט געוואָרן, אַז די תורה־געלערנטע דאַרפן זיך באַמיען צו געפינען ווי ווייט מעגלעך אַ היתר אין דער הלכה, כדי צו באַפרייען אַ פרוי פון די „קייטן פון עגונהשאַפט״, אין פאַל דער מאַן

איז פאַרשוואונדן און קען ניט געבן קיין גט צו זיין פרוי. אָבער אַפילו אין פראַגן פון עגונה האָט דער חלקת־מחוקק זיך ניט באַטראַכט אַלס קאָמפּע־טענט צו זיין אַ פוסק. און אַזוי שרייבט ער אין זיין ספר: „אין אמתן בין איך פון די וואָס האָבן מורא צו פסקענען, און יעדער עגונה, וואָס געהערט ניט צו דער יוריסדיקציע פון מיין בית־דין, דערווייטער איך זיך אַפילו זיך מצטרף צו זיין צו אַנדערע מתיר צו זיין" [74]).

גראָד צוליב זיין עניוות און זיין גאונות אין תורה איז דער „חלקת־מחוקק" אָנגענומען געוואָרן, קעגן דעם ווילן פון זיין מחבר, אַלס אַן אומ־באַשטריטענע אויטאָריטעט אויפן געביט פון רעליגיעזן חתונה־רעכט, און ער ווערט פאַררעכנט אַלס איינער פון די מיטשאַפער פון „שולחן־ערוך".

י. רבי אברהם גאָמבינער — דער מגן־אברהם

מלמד אין קאַליש. — ווערט אויפגענומען אַלס דיין. — דעם ש"ךס באַזוך אין קאַליש. — דער ש"ך מאַכט באַקאַנט די גרויסע לומדות פון באַשיידענעם מג"א. — דער מג"א לעבט אין דחקות. — ווערט באַרימט ערשט נאָך זיין פטירה. — די זכייה געדרוקט צו ווערן מיטן „שולחן־ערוך". — אַנדערע מחברים באַמיען זיך אומזיסט צו דערגרייכן די זכייה. — די פאַרגעסענע מפרשים אויף „שולחן־ערוך" „נחלת־צבי", „עולת־תמיד", „באר־מים־חיים" און „קול־יהודה". — דער זון ר' חיים דרוקט דעם „מגן־אַברהם". — דער מג"א פאַרטיידיקט די אַנטשיידונ־גען פון „שולחן־ערוך". — דער ספר מאַכט באַרימט דעם כמעט אומבאַקאַנטן מחבר. — ר' ליב שרהס און ר' יעקב־יצחק גאָמבינער דריקן אויס גרויס פאַרערונג פאַרן מג"א. — „זית־רענן" אויף „ילקוט־שמעוני" און דרשות־ספר „שמן ששון". — מג"א אַלס פאַרפאַסער פון פיוטים.

רבי אברהם אבלי גאָמבינער ב"ר חיים הלוי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1637 אין שטעטל גאָמבין לעבן קאַליש, פוילן. ווען ער איז אַלט גע־ווען אַכצן יאָר איז זיין גאַנצע משפחה דערמאָרדעט געוואָרן דורך כמיעל־ניצקיס באַנדעס. ווייזט אויס, אַז דעמאָלט האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין ליסע און איז שפּעטער צוריקגעקומען צו זיין געבוירן־געגנט, קיין קאַליש. דאָרט איז ער געוואָרן ראש־ישיבה און אויך דיין אין דעם בית־דין פון קאַלישער רב ר' ישראל שפּירא, אַ זון פון באַקאַנטן מקובל ר' נתן שפּירא פון קראָקע, דער מחבר פון „מגלה־עמוקות".

אין אָנפאַנג איז דער מגן־אברהם, מיר וועלן אים קורץ באַצייכענען אַלס מג"א, געווען אַ באַשיידענער מלמד. ער האָט ניט באַקליידעט קיין שום הויכע רבנישע אַמטן, און קיינער האָט ניט געוואוסט אפילו אין זיין וואוינ־אָרט פון זיין גרויסער געלערנטקייט. איינמאָל איז ער אָבער צופעליק נתפרסם געוואָרן מיט זיין למדנות. דאָס איז געשען ווען דער ש"ך איז געקומען קיין קאַליש חתונה צו מאַכן זיין זון ר' משה מיט אַ טאָכטער פון אַ קאַלישער אָנגעזעענעם בעל־הבית. מען האָט דעם ש"ך, ווי דער מינהג איז געווען,

מכבד געווען מיט אַ דרשה אין דער שול. דער ש״ך האָט דעמאָלט געפרעגט אַ האַרבע קשיא אין לערנען, וואָס קיינער פון די אָנוועזנדיקע לומדים האָט ניט געקענט פאַרענטפערן. ס׳איז אָבער דערביי געווען אַ תלמיד פון מג״א, און ער האָט איבערגעגעבן צו זיין רבין, דעם מג״א, די קשיא פון ש״ך, וועלכע דער מג״א האָט גלייך פאַרענטפערט. ווען דער ש״ך האָט זיך דער־פון דערוואוסט, האָט ער גלייך געשיקט רופן דעם „מלמד״. נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיט אים מפלפל געווען אַ לענגערע צייט, איז דער ש״ך דער־שטוינט געוואָרן פון דער אומגעוויינלעכער לומדות פון מג״א. דעמאָלט איז דער מג״א נתפרסם געוואָרן אַלס אַ גדול־בתורה, און די שטאָט האָט אים אויפגענומען פאַר אַ דיין.

רבי אַברהם גאָמבינער האָט געלעבט אין גרויס דחקות, און אַ גאַנץ לעבן געליטן יסורים. אפילו נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן קאַלישער דיין, איז ער געבליבן אומבאַקאַנט אין דער רבנישער וועלט. אין זיין צוריקגע־צויגנקייט און אַנאָנימיטעט האָט ער אָנגעשריבן זיין באַרימט ווערק דעם „מגן־אברהם״ אויפן „שולחן־ערוך״ „אורח־חיים״ מיט אַזאַ גאונות, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס באַוואונדערונג ביי די גדולי־תורה. און גראָד דער שטי־לער און פאַרגעסענער מג״א, האָט שפּעטער זוכה געווען צו אַן ערנפּלאַץ אין דער תורה־ליטעראַטור, וואָס פילע גרויסע און באַרימטע מחברים האָבן דערצו געשטרעבט און עס ניט דערגרייכט, דהיינו געדרוקט צו ווערן צו־זאַמען מיטן „שולחן־ערוך״ און אַזויאַרום צו ווערן איינער פון די גאונישע בויער פון „שולחן־ערוך״.

כדי ריכטיק צו פאַרשטיין די באַדייטונג פאַר אַ פאַרפאַסער געדרוקט צו ווערן צוזאַמען מיט דעם טעקסט פון „שולחן־ערוך״, איז נייטיק צו דער־מאָנען, אַז דער פאַקט וואָס גראָד די אויבנדערמאָנטע גאונים, דער סמ״ע, דער ט״ז, דער ש״ך און דער חלקת־מחוקק זענען געוואָרן טיילן פונעם גע־דרוקטן „שולחן־ערוך״, איז ניט געשען צופעליק, נאָר איז געווען אַ פּועל־יוצא פון אַ היסטאָרישער סעלעקציע. פון פילע אַנדערע הלכה־ווערק, וואָס זענען אין דערזעלביקער צייט דערשינען, זענען נאָר די, וואָס ווערן גע־דרוקט מיטן „שולחן־ערוך״, סאַנקציאָנירט געוואָרן פונעם רעליגיעזן יידנ־טום ווי פאַרפליכטנדיקע פּוסקים, בשעת אַנדערע ספרים פון באַרימטע לומדים פון דערזעלביקער תקופה זענען געוואָרן אַ טייל פון דער גרויסער הלכה־ליטעראַטור אין וועלכער ס׳זענען פאַראַן הונדערטער ווערק, וואָס ווערן זעלטן געלערנט, און אָפט אַפילו פאַרגעסן. די פאַראייניקונג מיטן „שולחן־ערוך״ האָט פאַרזיכערט דעם ספר די „אומשטערבלעכקייט״ אין דער רבנישער און לומדישער וועלט. ווייזט אויס, אַז די קוואַליפיקאַציעס פון לומדות אַליין זענען ניט געווען גענוג דערצו, עס איז אויך געווען פיל אָפּהענגיק פון דער רעליגיעזער און עטישער פערזענלעכקייט פונעם מחבר.

פון די ספרים אויפן „שולחן־ערוך״, וואָס זענען ניט געוואָרן די אַזוי־גערופענע „נושאי־כלים״ פון „שולחן־ערוך״, איז כדאי צו דערמאָנען דעם

ספר „נחלת־צבי״ און „עטרת־צבי״, וואָס איז דערשינען פון ר׳ יוסף כץ אין יאָר 1606 און באַרימט מיט זיין שאַרף־לומדישן אינהאַלט. מ׳האָט אָבער חושד געווען, אַז דער ספר איז פאַרפאַסט פון זיין פאָטער און ניט פון אים [75]). אין יאָר 1661 איז דערשינען אין אַמסטערדאַם, מיט דער הסכמה פון וועד ארבע הארצות, אַ ספר „עולת־תמיד״ אויף „שולחן־ערוך״ „אורח־חיים״ פון דעם גאון ר׳ שמואל ב״ר יוסף, אַ דיין פון קראָקע. דער ספר איז בשעתו זייער געלויבט געוואָרן, אָבער ער איז נאָר איין מאָל געדרוקט געוואָרן. ער ווערט אָפט דערמאָנט און אָפּגעפרעגט פונעם מג״א, און איז דאַן גאַנץ פאַרגעסן געוואָרן. אויך דער גאון און מקובל ר׳ דוד לידא פון לעמבערג, רב אין פאַרשידענע פוילישע קהילות, האָט פאַרפאַסט אַ ספר „באר־מים־חיים״ אויף „שולחן־ערוך״ „אורח־חיים״, און די גרעסטע רבנים פון זיין צייט האָבן געגעבן הסכמות אויפן ספר, אָבער איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן.

דאָסזעלביקע איז געשען מיטן ספר „קול־יהודה״ אויף „אורח־חיים״ פון גאון ר׳ יהודה יודל, רב פון קאָוולי אין ליטא. ער האָט געשיקט אַ שליח מיט געלט צו ר׳ משה בהראש פון שיניווי, אַן איידעם פון ט״ז זון ר׳ ישעיה, און ביידע האָבן אָפּגעמאַכט צו דרוקן דעם „שולחן־ערוך״ „אורח־חיים״ מיט ביידע פירושים, פון רעכטס דעם ט״ז און פון לינקס דעם „קול־יהודה״, אָבער אויך דערפון איז גאָרניט אַרויסגעקומען, און דער „קול־יהודה״ איז בכלל ניט געדרוקט געוואָרן. נאָר דער „מגן־אברהם״ האָט זוכה געווען צוזאַמען מיטן „טורי־זהב״ פאַראייביקט צו ווערן אויף ביידע זייטן פון „אורח־חיים״ פון רבי יוסף קאַרו און רמ״א.

רבי אַברהם האָט פאַרפאַסט דעם „מגן־אברהם״ ווען ער איז געווען בלויז 30 יאָר אַלט, און געדרוקט איז ער געוואָרן ערשט נאָך זיין פטירה אין יאָר 1692 דורך זיין זון ר׳ חיים און דעם באַוואוסטן ערשטן אידישן ביבליאָגראַף, מחבר פון „שפתי־ישנים״ און „שפתי־חכמים״ אויף רש״י, ר׳ שבתי באַס, אין דירנפורט. זינט דעמאָלט איז דער „מגן־אברהם״ תמיד גע־דרוקט געוואָרן מיטן „שולחן־ערוך״, און איז געוואָרן איינער פון די באַ־ליבטסטע מפרשים און פוסקים פון „שולחן־ערוך״.

דער מג״א באַציט זיך צום „שולחן־ערוך״ פון ר״י קאַרו און רמ״א מיט גרויס רעספעקט, און באַמיט זיך אויסצוגלייכן די חילוקי־דיעות צווישן זיי. ער פאָלעמיזירט מיט די וואָס ווילן אָפּפרעגן דעם „שולחן־ערוך״, און פירט אָפּט אויס: „פאַר אונדז זענען גילטיק נאָר די ווערטער פון ׳שולחן־ערוך׳״ [76]). דאַקעגן פרעגט ער זייער אָפט אָפּ די אַנטשיידונגען פון ספר „עולת־תמיד״, ווי מיר האָבן שוין פריער באַמערקט. טייל האַלטן, אַז דער מג״א האָט באַ־טראַכט דעם „עולת־תמיד״ אַלס ערנסטן קאָנקורענט צו זיין ספר, אָבער לויט די באַשיידענע און ריינע פערזענלעכקייט פון מג״א קען מען מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז די קריטיק אויפן „עולת־תמיד״ איז ניט געווען מאָטיווירט דורך פערזענלעכע אינטערעסן.

גלייך נאָכן דערשיינען איז דער מג״א באַוואונדערט געוואָרן פון אַלע לומדים צוליב זיין שאַרפקייט און בקיאות אין דער גאַנצער פאַרצווייגטער תלמודישער און פוסקים־ליטעראַטור. זיין סטיל איז פּרעציז און קורץ, טיף, אָבער גלייכצייטיק זאַכלעך. ער פּאַסט אויף זיין אויפגאַבע ניט נאָר אַלס אַ מפרש פון „שולחן־ערוך״, נאָר אויך אַלס פּוסק, און נאָכדעם ווי ער קלערט אויף אויספירלעך די הלכה־קוואַלן אַנטשיידט ער, וועלכע מיינונג איז די ריכטיקע. דער מג״א איז דער איינציקער צווישן די „נושאי־כלים״ פון „שולחן־ערוך״, וואָס האָט זוכה געווען, אַז אַ פּירוש אויף אים איז צוגע־דרוקט צום „שולחן־ערוך״ גופא. דאָס איז דער „מחצית־השקל״ פון ר׳ שמואל הלוי קעלין פון בוסקאָוויץ, וואָס דערקלערט כמעט יעדן זאַץ פון מג״א, וואָס איז געוויינלעך זייער קורץ געפאַסט.

דער מג״א ווערט פאַרערט פון אַלע שיכטן פון תורה־יידנטום. ר׳ לייב שרהס האָט פאַר זיין פּטירה זיך אויסגעדריקט אויפן מג״א: „ר׳ אַבעלי איז געווען אַן אמתער גאון, אַן אמתער מקובל און אַן אמתער צדיק״. דער ליסער רב ר׳ יעקב יצחק גאָמבינער, דעם מגן־אברהמס רבי און קרוב, שרייבט אויפן מג״א: „ער איז געווען ניט איינער פון די פּוסקים אין לעצטע דורות, נאָר ווי איינער פון די ערשטע גאונים... אַ בקי בכל חדרי תורה... דאָס איז געווען ניט אַנדערש ווי אַ געטלעכע אַנטפּלעקונג״. דער גאון ר׳ יונה לאַנד־סופר האָט באַפוילן זיין זון, ער זאָל לערנען דעם „מג״א״, ווייל די הלכה בלייבט תמיד ווי ער האָט געפּסקנט.

חוץ דעם ספר „מגן־אברהם״ אויף „אורח־חיים״ האָט רבי אברהם גאָמ־בינער פאַרפאַסט חידושים אויך אויף די איבעריקע דריי חלקים פון „שולחן־ערוך״, וואָס זענען ניט געדרוקט געוואָרן. ער האָט אויך מחבר געווען אַ פּירוש אויף דעם מדרש „ילקוט־שמעוני״ מיטן נאָמען „זית־רענן״, אַ זאַמ־לונג פון דרשות „שמן־ששון״. ער האָט אויך געשריבן פּיוטים, צווישן וועלכע ס׳געפינט זיך די קינה, וואָס הייבט זיך אָן „ארץ־ישראל היו בה עשר קדושות״, און וואָס מען פלעגט זאָגן אום תשעה־באב. דער אַקראָסטיכאָן פון דער קינה איז „אברהם ברבי חיים קדוש״.

רבי אברהם גאָמבינער ז״ל איז נפטר געוואָרן אין קאַליש, אין יאָר 1683, אין יונגן עלטער פון קוים 43 יאָר.

יא. רבי שמואל — דער בית־שמואל

זיינע לערער אין קראָקע. — די רבנות אין שידלאָוו. — די ערשטע אויפלאַגע פונעם „בית־שמואל״. — די אורזאַך מחבר צו זיין דעם ספר. — ווייניק אינטערעס פון מחברים פאַרן „אבן־העזר״. — וויל ניט זיין קיין פּוסק. — זיין איינזאַמקייט אין שידלאָוו. — די רבנות אין דער דייטשער שטאָט פיורדאַ. — גיט אַרויס צווייטע און פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון „בית־שמואל״. — קריטיקירט אַלטע פּוסקים. — פּסקענט טיילמאַל קעגן דין פון „שולחן־ערוך״. — פּאָפּולערער

סטיל, קורצגעפאַסטע, טיפע קלאָרע אויספירונגען. — ווערט אָנגענומען אַלס פוסק און אַלס אַ טייל פון „שולחן־ערוך״. — שליסט אָפּ די ריי פון פוילישע מיטבויער פון „שולחן־ערוך״.

רבי שמואל ב״ר אורי־שרגא־פייבוש איז געבוירן געוואָרן אין ווייִדסלאַוו, פוילן, לערך אין יאָר 1650. אין דער יוגנט האָט ער געלערנט, גלייך ווי דער חלקת־מחוקק און דער ש״ך, ביים גאון און קראָקעווער רב ר׳ יהושע ב״ר יעקב, און נאָך דער פטירה פון דעם רבין ביים פאָלגנדיקן רב פון קראָקע ר׳ אריה־ליב ב״ר זכריה־מענדל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן זיין שוועער [77]). זיין ערשטע רבנות איז געווען אין שידלאָוו, פוילן, דאָרט האָט ער אויך פאַרפאַסט זיין ווערק „בית־שמואל״ אויפן „שולחן־ערוך״ „אבן־העזר״, וואָס איז דערשינען אין דירנפורט אין יאָר 1680. שפּעטער, אין יאָר 1691, איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין דער דייטשער שטאָט פיורדאַ.

אין דער הקדמה צום „בית־שמואל״ שרייבט ער, אַז די סיבה פאַרוואָס ער האָט פאַרפאַסט זיין ספר אויף „אבן־העזר״ איז געווען, ווייל אויף אַנדערע טיילן פון „שולחן־ערוך״ זענען פאַראַן פילע מפרשים, אָבער דער „אבן־העזר״ איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, און קיינער האָט זיך ניט באַמיט דעם חלק פון „שולחן־ערוך״ צו דערקלערן. אפילו דער חלקת־מחוקק האָט ניט באַוויזן ער זאָל זיין פירוש אויסברייטערן אויפן גאַנצן „אבן־העזר״, און איז שטיין געבליבן אינמיטן. דעריבער האָט ער עס באַטראַכט אַלס אַ חוב אָנצושרייבן דעם „בית־שמואל״. ערשט דערנאָך האָט ער זיך דערפרייט צו זען, אַז ס׳איז געדרוקט געוואָרן דער „טורי־זהב״ אויך אויף „אבן־העזר״, אין וועלכן פילע אויספירונגען שטימען איין מיט זיינע אייגענע.

ר׳ שמואל באַטאָנט אויך, אַז זיין מיין איז ניט געווען צו זיין אַ פוסק און צו באַשטימען אין זיין ספר ווי די הלכה בלייבט. ער האָט נאָר געוואָלט אויפקלערן די דיעות פון פריערדיקע חכמים, כדי אַנדערע זאָלן קענען דערנאָך באַשטימען ווי די הלכה בלייבט. ער האָט געבעטן מ׳זאָל זיך ניט פאַרלאָזן אויף זיין ספר, ווייל ער האָט אים געשריבן אין שידלאָוו, וואו ער איז געווען אַליין אָן אַ חבר אָדער אַ תלמיד, ער זאָל זיך מיט זיי דורכשמועסן און באַראָטן אין די הלכה־פּראָבלעמען. נאָכדעם אָבער ווי ער איז אָנגעקומען קיין פיורדאַ, האָט ער מיט זיינע תלמידים נאָכאַמאָל איבערגעלערנט דעם „אבן־העזר״ מיט גרויס עיון, און האָט צוגעגעבן פיל הוספות צו זיין ספר. די צווייטער אויפלאַגע פון „בית־שמואל״ איז דערשינען אין יאָר 1694. די ערשטע אויפלאַגע איז קיינמאָל מער ניט געדרוקט געוואָרן, ווייל דער מחבר אַליין האָט דערקלערט, אַז דער עיקר איז די צווייטע פאַרבעסטער אויפלאַגע [78]).

דער בית־שמואל ווייזט אָן אויף די מקורות, פונוואַנען די דינים פון „שולחן־ערוך״ שטאַמען. ער אונטערזוכט גרינטלעך די מיינונגען פון די פוסקים, און וואו ער געפינט, אַז דער תלמוד איז דערצו ניט מסכים, פרעגט ער אָפּ אפילו פריערדיקע פוסקים. ווייזט אויס, אַז אין זיין צייט איז שוין

ניט געוועזן נייטיק צו קעמפן קעגן די קעגנער פון „שולחן־ערוך", ווייל ער איז שוין פון אַלע באַטראַכט געוואָרן אַלס דער קאָמפּעטענטער קאָדעקס פון יהדות, און דעריבער באַשעפטיקט זיך דער „בית־שמואל" ווייניק מיט די ספרים, וואָס זענען אַרויסגעטראָטן קעגן די אָנערקענונג פון „שולחן־ערוך". פאַרקערט, דער בית־שמואל טרויט זיך טיילמאָל אָפּצופרעגן דינים פון „שולחן־ערוך" אַזויווי ער קריגט אָפט אויף מיינונגען פון אַנדערע גדולי־תורה. ער באַנוצט זיך מיט די אויסדרוקן קעגן „שולחן־ערוך": „ודבריו תמוהין בעיני מאד" [79]), „ולא כהרב רמ"א" [80]), „טעות היא" [81]).

דער „בית־שמואל" איז געשריבן אין ריינעם און לייכטן סטיל, זיינע אויספירונגען זיינען קורץ און זאַכלעך. ער האָט ניט גערן לאַנגע פּילפּולים, נאָר ברענגט אַרויס קלאָר די מיינונגען פון די פריערדיקע פוסקים און צום סוף דערקלערט ער זיין מיינונג. אָבער אפילו קעגן די, וואָס ער פרעגט זיי אָפּ, באַציט ער זיך מיט געהעריקער אַכטונג. הגם דער בית־שמואל באַטאָנט, ווי שוין אויבן דערמאָנט, אַז זיין כוונה איז ניט צו זיין אַ פוסק, איז ער אָנגענומען אַלס אַזעלכער, גלייך ווי די אַנדערע „נושאי־כלים" פון „שולחן־ערוך", און מען פסקנט לויט זיינע אַנטשיידונגען אין אַלע ענינים פון רעליגיעזן חתונה־רעכט.

אַלס אַ דערקלערער פון „שולחן־ערוך" ווערט דער „בית־שמואל" באַטראַכט ווי דער בעסטער פון אַלע מפרשים צוליב זיין פּאָפּולערער שפּראַך, אַלגעמיינער פאַרשטענדלעכקייט, טראָץ דעם טיפן דורכדרינגען פון די פּראָבלעמען. אין זיין חיבור וועגן נעמען אין גיטין מיטן טיטל „ליקוטי־שמות" האָט ער געלייגט דעם גרונטשטיין פון דעם הלכה־געביט, וואָס איז דאַן אויסגעוואַקסן צו אַ גאַנצער ליטעראַטור.

מיטן „בית־שמואל" איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן די ריי פון די פּוילישע גאונים, וואָס זייערע ווערק זענען געוואָרן אינטעגרירט מיטן „שולחן־ערוך" ניט נאָר אַלס זיינע מפרשים, נאָר אויך אַלס די מיטבויער פון דעם וויכטיקסטן רעליגיעזן ספר זינט די צייטן פון תלמוד.

יב. רבי משה רבקיש — דער „באר־הגולה"

רבי משה רבקיש אַלס פּליכטלינג אין די יאָרן ת"ח־ת"ט. — זיין צידקות. — טראָץ שרעקלעכע רדיפות פאָדערט ער עטיש באַהאַנדלען ניט־יידן. — היינטיקע קריסטן ניט געצנדינער. — אָפּגעבן אַן אבידה צו גויים און זיי ראַטעווען פון גע־פאַרן. — וואָרנט, אַז אומערלעך געלט האָט ניט קיין קיום. — פאַרקויפט שטוב־זאַכן צו העלפן הונגעריקע. — אַ מעשה מיט זיין פּרויס מנורה. — יידן מוזן וואָרענען גויים ניט צו לייען געלט צו אומערלעכע יידן. — דער „באר־הגולה" ווייזט אָן די מקורות פון די דינים אין „שולחן־ערוך". — „באר־הגולה" אַלס מפרש און פוסק אין „חושן־משפט". — שטעלט ווידער איין דעם קאָנטאַקט מיט דער הלכה־ליטעראַטור. — פאַרזיכערט דעם המשך פון דער שאַפונג פון תורה־שבעל־פה.

רבי משה רבקיש ב״ר נפתלי־הירש סופר פון ווילנע האָט געלעבט אין די צייטן פונעם ש״ך, דאָס הייסט לערך אינמיטן פונעם זיבעצנטן יאָרהונ־דערט. אין זיין ערשטער הקדמה צום ספר „באר־הגולה״ שילדערט ער, ווי ער האָט געמוזט איבערלאָזן אויף הפקר זיין היים און פאַרמעגן און אַנט־לויפן פון כמיעלניצקיס רוצחים בלויז מיט זיין שטעקן און מיט דעם זעקל מיט תפילין. אויף קיין שום זאַך האָט ער זיך ניט אַזוי מצער געווען ווי אויף דעם פאַרלוסט פון זיין גרויסער ביבליאָטעק, וועלכע ער האָט באַ־טראַכט אַלס זיין טייערסטן אוצר, באַזונדערס וויל דאָס זענען געווען ספרים, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין פאָטער און פיל וואָס ער האָט אַליין צונויפ־קויפט. ער מיט די אַנדערע פליטים האָבן אויפן וועג ביטער געוויינט ביז זיי האָבן דערגרייכט די גרענעץ פון פרייסן. אָבער אויך אין פרייסן האָבן זיי ניט געפונען קיין מנוחה, און מ׳האָט פון זיי דאָרט די הויט געריסן [82]. אין זיין צווייטער הקדמה פון יאָר 1658, געשריבן אין אַמסטערדאַם י״ט אלול, תח״י לפ״ק, זעען מיר, אַז אין דעם יאָר איז ער געווען אַ פליט אין אַמסטערדאַם [83].

ר׳ משה איז געווען באַקאַנט אין ווילנע ניט נאָר אַלס גדול־בתורה נאָר אויך ווי אַ צדיק, און מ׳האָט אים גערופן אין ווילנע „החסיד״. זיין הויכע מאָראַלישע מדריגה קען מען זען דערפון, אַז טראָץ די רדיפות און יסורים, וואָס ער האָט געליטן פון די קריסטלעכע באַנדעס פון כמיעל־ניצקי, און די מוראדיקע אכזריותן, מיט וועלכע זיי האָבן אומגעבראַכט גאַנצע יידישע קהילות, האָט ער אין זיין ספר געוואָרנט זיך צו באַגיין מיט די גויים ערלעך, זיי צו ראַטעווען פון אַ סכנה און באַשיצן זייער פאַרמעגן. ער איז דערמיט געווען אַ ליכטיקער ביישפיל פון תורה־געלערנטקייט און נאָבעלער מענטשלעכקייט, וואָס האָט זיך באַפרייט פון יעדן געפיל פון נקמה. מיר ווילן דאָ געבן אַ פּאָר ביישפילן פון זיין גרויסמוטיקייט און עטי־שער דערהויבנקייט.

> „ווען איינער גיט צוריק אַ גוי אַ פאַרלוירענע זאַך, כדי דאַדורך מקדש־השם צו זיין, זיי זאָלן באַשיצן יידן, און זאָלן זען, אַז יידן זענען בעלי־אמונה, איז דאָס אַ זייער לויבנס־ווערטע טאַט. אַזוי איז אויך דער דין ווען מען גיט צוריק אַ גוי אַ טעות וואָס ער האָט געמאַכט, באַצאָלנדיק מער ווי עס קומט. און איך שרייב דאָס פאַר קומענדיקע דורות, אַז איך האָב געזען ווי פילע זענען גרויס און רייך געוואָרן מיט אָפּנאַרן גויים, און זיי האָבן ניט מצליח געווען, און פון זייער פאַרמעגן איז געוואָרן גאָרניט און האָבן נאָך זיך ניט איבער־געלאָזן קיין ברכה. אָבער פילע וואָס האָבן מקדש־השם געווען און האָבן צוריקגעגעבן אַ טעות פון אַ גוי זענען גרויס און רייך געוואָרן און האָבן מצליח געווען און האָבן איבערגעלאָזן פאַרמעגנס פאַר זייערע קינדער״ [84].

דאָסזעלבע חזרט ער איבער אויף אַן אַנדער שטעלע[85], אַז מען איז פאַרפּליכטעט צוריקצוגעבן צו אַ גוי, ווייל די קריסטן פון היינטיקע צייטן גלויבן אין באַשעפער פון דער וועלט, און זייער געזעץ פאַרפּליכטעט אויך יעדן אָפּצוגעבן זיין אבידה.

אין ווילנע האָט מען דערציילט, אַז דער באר־הגולה האָט אַ גרויסן טייל פון אָרעמען געהאַלט צעטיילט צו נויטבאַדערפטיקע. איינמאָל אין אַ הונגער־יאָר, ווען די נויט איז געווען זייער גרויס, האָט ער פאַרקויפט זיינע שטוב־מעבל און די צירונג פון זיין פרוי, כדי צו אונטערשטיצן די אָרעמע. די פרוי האָט געהאַט אַ זילבערנע מנורה, וואָס איז איר זייער טייער געווען, ווייל ס'איז געווען אַ ירושה פון איר פאָטער, האָט זי די מנורה באַהאַלטן, דער באר־הגולה זאָל אויך זי ניט פאַרקויפן. נאָך דעם הונגער־יאָר האָט די פרוי אַרויסגענומען די מנורה פריליך, כדי אָנצוצינדן אין איר די שבת־ליכט. ווי דער באר־הגולה האָט דאָס דערזען, האָט ער פאַרחלשט, און ווען ער איז געקומען צו זיך האָט ער זיך באַגאָסן מיט טרערן און האָט אויסגערופן: „ווײ, ווײ, וויפל יידישע נפשות וואָלט איך געקענט מחיה זיין פאַר דעם פרייז פון דער מנורה"[86].

דער באר־הגולה באַטאָנט, אַז די קריסטלעכע פעלקער, וואָס יידן וואוי־נען צווישן זיי היינט, גלויבן אין די רעליגיעזע עיקרים, און זיי בעטן צום באַשעפער פון הימל און ערד, און דעריבער

> „מוזן מיר זיי ראַטעווען פון אַ סכנה, און מיר זענען אַפילו מחוייב מתפלל צו זיין פאַר זייער וואויל ... און מיר בעטן פאַר דעם שלום פון דעם מלכות און אירע פירער, און פאַר זייער הצלחה און פאַר אַלע זייערע מדינות. און דער רמב"ם זאָגט, אַז די הלכה בלייבט ווי רבי יהושע[87], אַז די חסידי אומות־העולם האָבן אַ טייל אין דער קומענדיקער וועלט"[88].

אַזוי פאַרדאַמט אויך דער באר־הגולה יידן, וואָס אַנטלויפן און באַצאָלן ניט זייערע חובות צו גויים: „און עס האָט זיך שוין איינגעשטעלט דער מינהג און די תקנה, אַז די מנהיגים פון די קהילות שטייען אויף דער וואַך מען זאָל ניט באַגיין קיין פאַלשקייט אָדער אַן עוולה צו גויים, און מען רופט אויס און מען גיט דערלויבעניש מפרסם צו מאַכן און אויפמערקזאַם צו מאַכן די גויים אויף מענטשן וואָס נעמען אויף באָרג אָדער לייען געלט מיט דער מיינונג ניט צו באַצאָלן, און דאָס וואָרענען ווערט געטאָן מיט דער צו־שטימונג פון די יידישע פירער"[89].

דער באר־הגולה האָט זיך אין אָנהויב באַגרענעצט נאָר אָנצוגעבן די קוועלן פון דער גמרא און די פוסקים, פונוואַנען דער „שולחן־ערוך" האָט אַרויסגענומען די דינים. אָבער אויף „אבן־העזר" און נאָך מער אויפן „חושן־משפט" האָט ער פיל אויסגעברייטערט די ראַם פון זיין ספר, אַזוי אַז אַחוץ צו דינען אַלס אַ „מראה־מקום", איז ער אויך אַ מפרש, און טיילמאָל אפילו

אַ פּוסק. אין זיין הקדמה באַגרינדעט ער די ענדערונג אין כאַראַקטער פון „באר־הגולה" אויף „חושן־משפט", ווייל דאָס ציוויל־רעכט, די „דיני־ממונות", זענען אין דער קאָמפּעטענץ פון יעדן בית־דין, און ווערט פיל גענוצט, דעריבער האָט ער מאריך געווען אין „חושן־משפט" מער ווי אין אַנדערע טיילן פון „שולחן־ערוך".

הגם דער באר־הגולה ווערט געוויינלעך ניט פאַררעכנט צו די „נושאי־כלים" פון „שולחן־ערוך", וועלכע מיר האָבן ביז איצט באַשריבן, האָט ער אָבער זוכה געווען צו ווערן געדרוקט מיטן „שולחן־ערוך", און האָט אויך מיטגעהאָלפן אים צו פּאָפּולאַריזירן. ער האָט דער עיקר אַרויסגענומען דעם „שולחן־ערוך" פון זיין אַנאָנימיטעט, מחמת די דינים אין אים דערשיינען ווי איזאָלירטע און אַבסטראַקטע הלכות, אָן מאָטיווירונג און אָן די נעמען פון די חכמים, וואָס האָבן אורשפּרינגלעך די דינים באַגרינדעט. דורך דעם אויפדעקן די תלמודישע און די פּוסקים־קוועלן איז דער „שולחן־ערוך" ווידער איינגעגלידערט געוואָרן אין דער קייט פון דער אַלטער הלכה־ליטעראַטור. אַזויאַרום האָט דער באר־הגולה דערמעגלעכט די למדנים זאָלן אויספאָרשן און קאָנטראָלירן די דינים פון „שולחן־ערוך" אויב זיי שטימען אין מיט די אַלטע מקורות. דערמיט איז ווידער אויפגעפּנט געוואָרן דער וועג פאַרצוזעצן דעם גאַנג פון תורה־שבעל־פּה, וואָס לויט איר אינערער מהות קען זי קיינמאָל ניט דעפיניטיוו קאָדיפיצירט און אָפּגעשלאָסן ווערן, ווייל ס'איז איבערגעלאָזט פאַר די געלערנטע פון יעדן דור אויפסניי צו באַטראַכטן יעדער הלכה אין ליכט פון די פאַרענדערטע פאַרהעלטענישן פון זייער צייט, כדי צו פאַרזיכערן, אַז די הלכה איז אַ תורת־חיים, לויט דעם געבאָט פון דער תורה „וחי בהם"[60].

און אַזוי איז עס ווירקלעך געשען, און די קלאַסישע מיטבויער פון „שולחן־ערוך", אָנגעהויבן פון רמ"א און פאַרגעזעצט דורך די שפּעטערע פּוילישע גאונים, דער סמ"ע, ט"ז, ש"ך, חלקת־מחוקק, מגן־אברהם, בית־שמואל און צום טייל אויך דער באר־הגולה האָבן זיך דערלויבט צו אונטערזוכן די אַנטשיידונגען פון ערשטן מחבר פון „שולחן־ערוך" ר' יוסף קאַרו אין ליכט פון די אויספירונגען פון די עלטערע חכמים און פּוסקים, און האָבן פילמאָל אפילו אָפּגעוויכט פון דער מיינונג פונעם ערשטן מחבר פון „שולחן־ערוך", אַזוי אַז דער באַגריף „פּסק פון 'שולחן־ערוך'" שליסט אין אויך די שפּעטעדיקע מפרשים און מיטבאַגרינדער פון „שולחן־ערוך".

יג. רבי יוסף תאומים — דער „פּרי־מגדים"

דער פּרי־מגדים אַלס מלמד. — זיין אין לעמבערג און רב אין פראַנקפורט ד'אָדער. — פאַרערונג פון פריערדיקע פּוסקים. — זיינע באַרימטע הקדמות צו זיינע ספרים. — חסידישע אדמו"רים באַוואונדערן דעם „פּרי־מגדים". — שילדערט זיין פאָטער. — דערקלערט אַז זיין בקי מיינט ניט געלערנטקייט. — פאַרגלייכט

זיך צו אַן אָרעמאַן וואָס געניסט פון רייכע טישן. — אַנטלויפט פון זיין אָרעמקייט צום ספר. — רעהאַבּיליטירט דעם אין חרם געלייגטן „פרי־חדש". — דרוקט דעם „פרי־מגדים" „יורה־דעה" אין בערלין. — דניאל יפה האַלט אים אויס אין זיין בערלינער בית־מדרש. — דוד פרידלענדער אינטריגירט ביי זיין שווער דניאל יפה קעגן „פרי־מגדים". — זיינע אַנדערע ספרים „פורת־יוסף", „גינת־ורדים", „תיבת־גומא", „רב־פנינים", „שושנת־העמקים". — פירושים „משמרת־שלום" און „גנזי־יוסף" אויפן „פרי־מגדים".

נאָך דער תקופה פון די „נושאי־הכלים" פון „שולחן־ערוך", האָבן ממשיך געווען זייער שאַפונג אַ ריי באַרימטע פוילישע גאונים, וואָס אויך זייערע ווערק זענען אָפט געדרוקט געוואָרן צוזאַמען מיטן „שולחן־ערוך". דער אַממייסטן פּראָמינענטער פירוש אויפן „שולחן־ערוך", ניט נאָר אויף דעם טעקסט פון ר' יוסף קאָרו און רמ"א, נאָר אויך אויף אַלע זיינע מפרשים, איז געווען דער „פרי־מגדים" אויף „אורח־חיים" און „יורה־דעה", פאַרפאַסט פון רבי יוסף תאומים ב"ר מאיר תאומים. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1727 אין גאַליציאַנער שטעטל שטשעריץ לעבן לעמבערג, און איז נפטר גע־וואָרן אין פראַנקפורט־ד'אָדער אין יאָר 1792.

גלייך ווי דער מגן־אברהם איז אויך דער פרי־מגדים געווען פריער אַ מלמד אין קאָמארנא און אין לעמבערג. ער האָט תמיד דערמאָנט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ מלמד, אפילו אין די ציטן, ווען ער איז שוין געווען אַ באַוואוסטער רב. אין זיין הקדמה צום „פרי־מגדים" שרייבט ער אויף זיך מיט גרויס באַשיידנקייט: „אני הדל והצעיר יוסף מלמד תינוקות הייתי בק"ק לבוב, והעמדתי תהלה לאל תלמידים חשובים". הגם די מלמדות איז סאָציאַל ניט געווען פון די הויכגעאַכטעטע פּראָפעסיעס, האָט ער זיך מיט אַ כיוון תמיד אונטערגעשריבן „יוסף מלמד" אָדער „יוסף מקרי־דרדקי מלבוב", און ניט צום ביישפּיל רב פון פראַנקפורט, ווייל ער האָט באַטראַכט פאַר אַ הייליקע און געאַכטעטע אויפגאַבע צו לערנען תורה מיט יידישע קינדער.

זיין ענוות ווייזט זיך אַרויס אויך אין זיין באַציאונג צו עלטערע פּוסקים. ווען ער וויל אַמאָל אויסדריקן אַן אַנדערע מיינונג ווי דער ט"ז אָדער ש"ך, פאַרענטפערט ער זיך פריער מיט די ווערטער „ווען נישט זייערע הייליקע ווערטער, וואָלט איך געמיינט אַזוי צו זאָגן..." די הויפּט־אויפגאַבן פון זיין ספר האָט ער געזען אין דעם צו דערקלערן דעם ט"ז און ש"ך, און אויך צו דערגאַנצן די דינים, וואָס זענען פון זיי אויסגעלאָזן געוואָרן.

כדי ברייטער און טיפער אויפצוקלערן די אַלגעמיינע יסודות פון די הלכות פון „שולחן־ערוך", האָט דער פרי־מגדים פאַרפאַסט סיסטעמאַטישע הקדמות צו פאַרשידענע גרופּן פון דינים. באַזונדערס מוז דערמאָנט ווערן די זייער אינטערעסאַנטע „פתיחה כוללת" אויף „אורח־חיים", וואו ער באַ־האַנדלט ניט נאָר הלכה־פראַגן, נאָר אויך פּראָבלעמען פון אַנדערע געביטן פון יידישער ליטעראַטור מיט אַ וויסנשאַפטלעכער גרינטלעכקייט.

מיט דער צייט איז דאָס ווערק געוואָרן באַרימט און באַוואונדערט פון אַלע לומדישע קרייזן, און ער איז געוואָרן אָנערקענט אַלס פּוסק־אחרון, און יעדער רב האָט זיך גערי‌כטעט לויט זיינע אַנטשיידונגען. אין גאַליציע און אויך אין טייל אַנדערע מקומות, האָט מען פאַרלאַנגט פון לערנערס, וואָס האָבן געוואָלט דורכגיין אַן עקזאַמען צו באַקומען סמיכה פאַר רבנות, צו געדענקען דעם „פרי־מגדים" ניט ווייניקער ווי דעם ט"ז און ש"ך.

דער „פרי־מגדים" האָט זיך דערוואָרבן גרויס אַכטונג אויך אין דער חסידישער באַוועגונג, הגם ער אַליין, וואָס האָט געלעבט אין די צייטן פון בעש"ט דעם באַגרינדער פון חסידיזם, איז ניט געווען קיין חסיד פון דער נייער באַוועגונג. דער צדיק ר' יחיאל־מיכל פון זלאָטשאָוו [91]) האָט געזאָגט, אַז „פון הימל איז באַשטימט געוואָרן, אַז די הלכה זאָל בלייבן ווי דער פרי־מגדים, ווייל ער האָט געלערנט תורה אין ריינקייט און נאָר צוליב גאָט דעם האַר פון דער וועלט". דער גאון און חסידישער רבי ר' חיים האַלבערשטאַם [92]) דריקט זיך אויס מיט באַגייסטערונג וועגן פרי־מגדים, אַז „זיינע ווערטער עפענען די אויגן, פון זיינע רייד שטראַלט אויס אַ וואונדערלעכע קדושה, מיט מייסטערהאַפטיקע שאַרפקייט, לאָגיק און בקיאות".

וועגן זיין יוגנט און טעטיקייט אין לעמבערג שרייבט דער פרי־מגדים [93]):

> „מיין געבוירן־שטאָט איז שטעריץ, דריי מייל פון לעמבערג, און ווען מיין פאָטער הרב ר' מאיר ז"ל ב"ר יוסף פון סווירז און מיין מוטער די רבנית מרת גיטל שתחיה, טאָכטער פון הקצין ר' שלום ז"ל פון שטעריץ, זענען געפאָרן קיין לעמבערג זיך דאָרט באַזעצן, בין איך אַלט געווען אַ האַלב יאָר. אין לעמבערג בין איך אויפגעוואַקסן, איך בין דאָרט געוואָרן מגיד און מורה־הוראה אין משך פון לערך זיבן יאָר אַלס נאָכפאָלגער פון מיין פאָטער ז"ל".

דעם פאָטער באַשרייבט ער גענויער אין דער הקדמה צו זיין ספר „המגיד", וואָס איז נאָך אין מאַנוסקריפּט [94]):

> „סיאיז באַקאַנט דאָ און אין אַנדערע גרויסע קהילות, אַז מיין פאָטער הרב החסיד ז"ל האָט זוכה געווען און האָט מזכה געווען פילע מיט זיינע מוסר־דרשות, וואָס ער האָט עפנטלעך געהאַלטן, און פילע תקנות און גוטע אויפפירונגען וואָס ער האָט איינגעפירט אין פאַרשידענע קהילות, ווי עס איז אַלגעמיין באַוואוסט. ער איז נפטר געוואָרן מיט אַ גוטן נאָמען דאָ אין לעמבערג בשנת תקל"א לאלף השישי, יום ב', י"ט תמוז. נאָך פיר יאָר — ווייל איך בין נישט געווען אין דער היים זייענדיק אין בערלין כדי צו דרוקן מיין ספר „פרי־מגדים" אויף יורה־דעה — האָט מיך דער הייליקער קהל פון לעמבערג אויפגענומען אַלס אַ מגיד און נאָכפאָלגער פון מיין פאָטער.

> איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן זיי געטאָן פאַרן כבוד פון מיין פאָטער, וואָרום ווי קום איך צו דעם ? איך, אַ קליי־נער זון פון אַ גרויסן פאָטער, האָב ניט דערגרייכט אין אַלע עניינים צו איינעם פון די קלענסטע פון זיינע תלמידים... איך באַזיץ ניט קיין תורה און ניט קיין חכמה, און אַפילו אין דעם, וואָס איך האָב אין מיין גאַנץ לעבן געלערנט גמרא און פוסקים, האָב איך זייער ווייניק דערגרייכט"[95]).

אויף דער מצבה פון זיין פאָטער אין לעמבערג איז געווען אויסגע־קריצט דער טיטל: „מאיר עיני חכמים בהלכה, צנא מלא ספרי, תני ומתני".

דער פרי־מגדים האָט ניט געוואָלט, אַז מ׳זאָל מיינען אַז ער איז אַ גרויסער געלערנטער, ווייל ער ציטירט פילע מחברים אין זיין ספר, און דעריבער באַטאָנט ער אין דער הקדמה, אַז היינט זענען פאַראַן טעכנישע מיטלען ווי מען קען לייכט ווערן אַ בקי, און מען זאָל ניט מיינען אַז ער האָט אַליין דורכגעלערנט די אַלע ספרים וואָס ער דערמאָנט[96]). צו זיין פריינט דעם מלמד עקיבא בנימין אַפּעלירט ער, ער זאָל זיך ניט יאָגן נאָך אַן אילוז־זאָרישן כבוד, ווייל וואויל איז דעם וואָס לערנט מיט קינדער לשם־שמים[97]).

זיין אמתע באַשיידנקייט און יראת־הכבוד פאַר די פריערדיקע תורה־געלערנטע שיינט אַרויס פון זיין פאָלגנדיקן משל:

> „איך בין גלייך צו אַן אָרעמאַן, וואָס האָט באַקומען אַ דער־לויבעניש פון די מלכים ושרים אַריינצוגיין יעדן טאָג אין זייערע פּאַלאַצן און שלעסער אין דער צייט פון די סעודות, צו קענען קלויבן פאַר זיך די רעשטלעך פון זייערע מאכלים. ווען ער האָט זיך דאָרט צוגעוואוינט, האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אויך זייערע וואונקען און אָנדייטונגען, פון וועלכע ער האָט הנאה געהאַט. טיילמאָל האָט דער אָרעמאַן געפונען אין די פּאַלאַצן אַ שיינעם שטיין, און טיילמאָל באַקומט ער פון זיי אַלטע קליידער, קליינע שטאָף־רעשטלעך, און ער מאַכט זיך דערפון אַ קלייד, מיט וועלכן ער פרייט זיך און באַרימט זיך מיט דער פּילפּאַרביקייט פון דעם קלייד. אַזוי בין אויך איך מיט מיין שרייבן, וואָס איז דער בגד פאַר מיין נשמה, וואָרום מיט וואָס זאָל איך קומען אויף דעם עולם־האמת, ווען ניט מיט דעם ביסל, וואָס איך האָב צוזאַמענ־געקליבן פון די ספרים פון די חכמי־התורה און פון דער שיינקייט פון זייערע פּערל"[98]).

מיר האָבן שוין דערמאָנט מיט וועלכער פאַרערונג דער פרי־מגדים באַציט זיך צום ט"ז און ש"ך. ער באַטאָנט, אַז ער האָט מיט זיין ספר חלילה ניט געמיינט אָפּצופרעגן דעם ט"ז און ש"ך. פאַרקערט, זיין גאַנצע מי איז געווען צו דערקלערן און באַקרעפטיקן זייערע ווערק, ווייל „זיי האָבן מיט

דעם ליכט פון זייער תורה פאַרלויכטן די וועלט". „פיל מי און פיל צייט האָב איך אָפּט געווידמעט צו פאַרשטיין איין שטעלע פון זייערע ספרים, ביז איך האָב פאַרשטאַנען זייערע ווערטער, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן אין וואָרהייט און גערעכטיקייט אָבער זייער קורץ, לויט זייער ברייטן פאַר־שטאַנד" [99]).

אין אַן אַנדערן בריוו צו אַ מלמד שילדערט ער זיין טרויעריקע לאַגע, און נאָר אין לערנען האָט ער געפונען דערלייכטערונג: ווען זיין פרוי האָט פון אים געמאָנט ברויט און קליידונג פאַר די קינדער, דעמאָלט עפנט ער אַ ספר און לערנט, און דער ספר איז זיין מקום־מקלט זיך צו ראַטעווען פון אַלדאָס שלעכטס [100]).

דער פּרי־מגדים שרייבט מיט גרויס דרך־ארץ ניט נאָר וועגן די פּוי־לישע גאונים פון „שולחן־ערוך" נאָר אויך וועגן די ספרדישע גדולי־תורה. כאַראַקטעריסטיש איז זיין באַציאונג צום גאון ר' חזקיה די סילוא, דעם מחבר פונעם „פּרי־חדש", וואָס האָט זייער שטאַרק אָנגעגריפן דעם מחבר פון „שולחן־ערוך" ר' יוסף קאַרו. אין זיין הקדמה צום „פּרי־חדש" אויף „יורה־דעה" שרייבט ער: „איך האָב אויפגעהויבן מיין האַנט אויף הרב המובהק ר' יוסף קאַרו און רמ"א, און איך האָב אויף זיי וויכטיקע אָפּפרע־גונגען" [101]). ווען דער „פּרי־חדש" איז דערשינען, האָט ער אַרויסגערופן אַ שטורעם צווישן די רבנים, ווייל ער האָט זיך דערלויבט מקיל צו זיין אין פיל דינים, וואָס פריערדיקע פּוסקים האָבן מחמיר געווען. דער עיקר איז ער קריטיקירט געוואָרן מחמת זיין גרינגשעצנדיקער באַציאונג צו ר' יוסף קאַרו, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען פאַרהייליקט אין דער תורה־וועלט, און באַזונדערס ביי די ספרדים. די אויפרעגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט דעם ספר „פּרי־חדש" געלייגט אין חרם אַריין. אין קאַיראָ האָבן זיך רבנים פאַרזאַמלט און האָבן אויסגערופן אַ חרם, ניט אויף ר' חזקיה די סילוא אַליין, אָבער אויף זיין ספר „פּרי־חדש", אַז מען טאָר אים ניט לער־נען ניט צייטווייליק און ניט שטענדיק [102]).

דער פּרי־מגדים האָט אָבער ניט מסכים געווען, אַז מ'זאָל אַ גאון אין תורה מחרים זיין זיין ספר, ווייל ער האָט אין הלכה־פראַגן קריטיקירט אַנ־דערע פּוסקים. און דעריבער ציטירט דער פּרי־מגדים זייער אָפּט די מיינונג פון פּרי־חדש צוזאַמען מיט די אַנטשיידונגען פון ט"ז און ש"ך, רעכענענ־דיק זיך מיטן פּרי־חדש גלייך ווי מיט אַנדערע באַרימטע פּוסקים. דערמיט האָט דער פּרי־מגדים רעהאַביליטירט דעם פּרי־חדש, אַזוי אַז אין טייל אויפ־לאַגן איז דער „פּרי־חדש" געדרוקט געוואָרן צוזאַמען מיטן „שולחן־ערוך", הגם ס'זענען אויסגעלאָזן געוואָרן די צו־שאַרפע אויסדרוקן קעגן ר' יוסף קאַרו און רמ"א. צוליב דער טאַט פון פּרי־מגדים האָבן אַלע געענדערט זייע־רע נעגאַטיווע שטעלונגען צום פּרי־חדש, אויף וואָס ס'ווייזט אָן הרב חיד"א אין „שם־הגדולים" [103]).

אין יאָר תקל"א (1770) האָט ר' יוסף תאומים געדרוקט אין בערלין זיין

ספר „פרי־מגדים" אויף „יורה־דעה". דאָרט איז ער אויפגענומען געוואָרן אין בית־מדרש פון ר' דניאל יפה, וועלכער האָט אויסגעהאַלטן אַ צאָל תלמידי־חכמים זיי זאָלן זיצן און לערנען אָן דאגת־פרנסה. דער פרי־מגדים האָט זיך דערפרייט מיט דער גרויסער ביבליאָטעק פונעם בית־מדרש, און ער דריקט אויס אין דער הקדמה צו זיין ספר „נוטריקן" זיין דאַנקבאַרקייט דערפאַר צו ר' דניאל יפה[104]). דניאל יפה איז אָבער געווען דער שווער פון דעם פירער פון די בערלינער משכילים דוד פרידלענדער, וועלכער האָט באַאיינפלוסט זיין שווער קעגן פרי־מגדים, ווייל ער איז געווען קעגן פריד־לענדערס רעפאָרם־באַשטרעבונגען. ווייזט אויס, אַז דאָס האָט באַוואויגן דעם פרי־מגדים אָנצונעמען די שטעלע פון זיין פאָטער אין לעמבערג אַלס מגיד און מורה־הוראה. פון לעמבערג איז ער איינגעלאַדן געוואָרן אַלס רב קיין פראַנקפורט ד'אָדער, און דאָרט איז ער נפטר געוואָרן אין יאָר תקנ"ב (1792).

אין זיינע יוגנט־יאָרן האָט ער פאַרעפנטלעכט דעם „פורת־יוסף" אויף די מסכתות יבמות און כתובות, און „גינת־ורדים", וואָס האַנדלט וועגן מעטאָדאָלאָגישע כללים פאַר דער פאָרשונג פון תלמוד. אין יאָר תקל"א האָט ער, ווי דערמאָנט, אַרויסגעגעבן אין בערלין דעם „פרי־מגדים" אויף „יורה־דעה", און אין תקמ"ז אויף „אורח־חיים". ביידע טיילן זענען שפעטער גע־דרוקט געוואָרן צוזאַמען מיטן „שולחן־ערוך" אין אַלע גרעסערע אויפלאַ־געס. אין זיין הקדמה צום „פרי־מגדים" דערמאָנט ער זיינע ספרים וואָס זענען עד היום ניט דערשינענע, ווי די דרשות־ספרים „המגיד" און „הזמנים", די ספרים „תיבת־גמא" און „רב־פנינים" אויף פאַרשידענע גמרות, „שושנת העמקים", „פרשת דרכים" און שו"ת „חילוקא דרבנן".

אויפן „פרי־מגדים" אַליין, וואָס איז פאַרפאַסט אין אַ קורצער שפראַך, זענען דערשינען פירושים, כדי צו מאַכן אים מער פאָפולער און פאַרשטענד־לעך. אַזוי איז דערשינען אַ ספר „משמרת שלום", אַ פירוש אויפן „פרי־מגדים" „יורה־דעה", און „גנזי־יוסף" פון הרב יוסף אַלטר דיין אין מאַגע־ראָוו־גאַליציע, אַ פירוש אויף דער „פתיחה כוללת" פון „פרי־מגדים".

יד. שפעטערע ווערק פון פוילישע גאונים אויפן „שולחן־ערוך"

רבי אלכסנדר שור, דער „תבואת־שור". — רבי יהונתן אייבשיץ, דער מחבר פון „כרתי ופלתי" און „אורים ותומים". — דער ווילנער גאון און זיין „ביאור־הגר"א". —רבי אריה־ליב העלער, דער „קצות־החושן". — רבי יעקב לאָרבער־בוים, דער „נתיבות־המשפט" און „חוות־דעת". — רבי יהודה אשכנזי, דער „באר־היטב". — רבי חיים־מרדכי מרגליות, דער „שערי־תשובה". — רבי אפרים־זלמן מרגליות, מחבר פון „יד־אפרים". — רבי צבי אייזנשטאדט, דער „פתחי־תשובה". רבי ישראל־מאיר הכהן דער חפץ־חיים, מחבר פון „משנה־ברורה". — די גאַלעריע פון פוילישע גאונים. — אַן אייביקער מאָנומענט פאַרן פוילישן יידנטום.

א. רבי אלכסנדר סענדר שור — דער „תבואות־שור"

האָט פאַרפאַסט זיין ספר „תבואת־שור" אויף „יורה־דעה" אין יאָר תצ"ג (1733). האָט געלעבט אין זאָלקווע, גאַליציע, און דאָרט נפטר געוואָרן אין יאָר 1737. דער ספר „תבואת־שור" באַשטייט פון איין טייל „שמלה חדשה", וואָס אַנטהאַלט דינים בקיצור, און פון אַ צווייטן טייל „תבואת־שור", וואו די דינים ווערן ברייט באַגרינדעט. דער ספר ווערט פיל דערמאָנט אין „פרי־מגדים", און איז פאַררעכנט צו די פאַרלעסלעכע פוסקים, בפרט אין הלכות טריפות.

ב. רבי יהונתן אייבשיץ — דער „כרתי ופלתי" און „אורים ותומים"

פון די גרעסטע גאונים וואָס דאָס פוילישע יידנטום האָט אַרויסגעגעבן. געבוירן אין קראָקע אין יאָר 1690. ער איז דער מחבר פון די באַרימטע ספרים „כרתי־ופלתי" אויף „שולחן־ערוך" „יורה־דעה" און „אורים־ותומים" אויף „חושן־משפט". דער שאַרפזיניקסטער און טיפסטער אַנאַליטיקער צווישן די מחברים פון פירושים אויפן „שולחן־ערוך". ער איז פאַרערט ניט אַזוי אַלס פוסק ווי צוליב דער קונסטבאַרער סטרוקטור פון זיינע פילפולים מיט גאונישע חריפות און בקיאות.

אין עלטער פון 18 יאָר איז ער שוין געווען באַקאַנט אַלס גרויסער עילוי און איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין יונגבאַנצלי, בעהמען. דאַן איז ער דערווילט געוואָרן אַלס רב און ראש־ישיבה אין פראַג. אין יאָר תק"א (1741) איז ער אַנגעקומען אַלס רב אין מעץ, און אין תק"י (1750) איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין די שטעט אַלטונא־האַמבורג־וואַנדסבעק (אה"ו), און דאָרט איז ער נפטר געוואָרן. אין דער באַקאַנטער מחלוקת פון ר' יעקב עמדין, וואָס האָט אים חושד געווען אַלס אַנהענגער פון שבתי־צבי, האָט דער וועד ארבע ארצות און אַנדערע באַרימטע רבנים פאַרטיידיקט ר' יהונתן, און האָבן אַרויסגעגעבן אַ חרם אויף די, וואָס דערלויבן זיך צו פאַרדעכטיקן דעם גרויסן גאון און צדיק. דער עכאָ פון דער מחלוקת הערט זיך נאָך אין אונדזער צייט, ווי די שאַרפע פאַלעמיק צווישן פראָפ. שלום פון דער ירושלימער אוניווערזיטעט און די פאַרערער פון ר' יהונתן. זיינע ספרים אין הלכה און אין דרוש („אהבת יונתן" און „יערות דבש") געהערן צו די באַשטענדיקע גרויסע ביישטייערונגען פון דער תורה־ליטעראַטור.

ג. דער ווילנער גאון רבי אליהו — דער „ביאור־הגר"א"

כמעט אין דערזעלביקער צייט (1797־1720) האָט געלעבט דער גרעסטער גאון פון די לעצטע דורות רבי אליהו פון ווילנא, קורץ גערופן דער

הגר״א. זיין „ביאור הגר״א" אויף אַלע טיילן פון „שולחן־ערוך" איז דערשינען ערשט נאָך זיין פּטירה, און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן צוזאַמען מיטן „שולחן־ערוך". זיין הויפּט־אויפגאַבע מיט זיין ספר איז געווען צוריק צו פאַרבינדן דעם „שולחן־ערוך" מיטן תלמוד, און דער ווילן צו באַווייזן, אַז אַלע הלכות פון די שפּעטערדיקע פּוסקים האָבן זייער אורשפּרונג אין דער אַלטער תלמודישער ליטעראַטור, און זענען דעריבער פאַרפליכטנדיק פאַר אַלע דורות. זיין סטיל איז פּרעציז און זייער קורץ. ער קען אַמאָל אָנווייזן אויף אַ מאמר אין תלמוד בבלי אָדער ירושלמי, און דערמיט פאַרענטפערן פילע שוועריקייטן, וואָס זענען לאַנג דיסקוטירט געוואָרן אין פילע ספרים. ער ווערט פאַרערט אַלס די גרעסטע תורה־אויטאָריטעט, בקי אין אַלע צווייגן פון דער יהדות־ליטעראַטור פון אַלע דורות, און אויך אַלס צדיק. טראָץ דעם וואָס ער האָט די חסידישע באַוועגונג מחרים געווען, האָט רבי שניאור זלמן, דער גרינדער פון חב״ד־חסידיזם, אָנגעזאָגט אים צו באַטראַכטן אַלס גאון וקדוש. דער „ביאור־הגר״א" האָט נאָך מער באַפעסטיקט דעם אָנזען פון „שולחן־ערוך" מיט דעם וואָס ער האָט אים געגעבן די סאַנקציע פון די חכמי־התלמוד.

ד. רבי אריה־ליב העלער — דער „קצות־החושן"

רבי אריה־ליב הכהן העלער ב״ר יוסף איז געבוירן אין קאַלוש, גאַליציע, אין יאָר 1745. פריער איז ער געווען רב אין גאַליצישן שטעטל ראָזניאַטאָוו, און אין יאָר 1788 איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין סטרי. זיין ספר „קצות־החושן" אויף „שולחן־ערוך" „חושן־משפט" איז דערשינען אין לעמבערג אין דעמזעלביקן יאָר וואָס זיין רבנות אין סטרי האָט זיך אָנגעהויבן, אין יאָר 1788, און גלייך איז דער ספר באַרימט געוואָרן אַלס איינער פון די קלאַסישע ווערק אין דער הלכה־פאָרשונג. דער „קצות־החושן" איז פאָרמעל אַ פּירוש אויפן „שולחן־ערוך" און ער באַציט זיך אויף די דינים פון „שולחן־ערוך". אין אמתן אָבער באַשרענקט ער זיך ניט אין דער ראַם, נאָר פאַרקניפּט זיינע אָפּהאַנדלונגען מער מיטן תלמוד און עלטערע פּוסקים. ער באַמיט זיך מייסטנס צו געפינען שאַרפע דעפיניציעס פון די הלכות, און מיט אומגעווינלעכער טיפקייט און בקיאות ברענגט ער אַרויס די מיינונגען פון די קדמונים. ער קאָנצענטרירט זיך אָבער ניט אין דערגרייכן הלכות־אָנטשיידונגען, אַזוי אַז ער ווערט ניט באַטראַכט אַלס אַ פּוסק, נאָר אַלס אַ גאון אין תורה־שאַפונג. דער באַקאַנטער חוקר אין חכמת־ישראל ר׳ שלמה יהודה ראַפּאַפּאָרט (שי״ר) איז געווען זיין איידעם, און האָט אַרויסגעגעבן זיין ספר „אבני־מלואים" אויף „שולחן־ערוך" „אבן־העזר". צום סוף פון דעם ספר איז אויך פאַראַן אַ פּילפּול פון שי״ר. דער „קצות" האָט אויך פאַרפאַסט דעם „שב שמעתתא", אָפּהאַנדלונגען וועגן תלמודישע שיטות. די אַלע ספרים זיינען געוואָרן זייער באַליבט אין די לומדישע קרייזן.

ער האָט זיך באַצויגן מיט גרויס אַכטונג און פריינטשאַפט צום „נתיבות־המשפט״, וואָס האָט אָפּגעפרעגט אָפּט זיינע אויספירונגען אין „קצות־החושן״, און אין זיין שריפט „משובב נתיבות״, געדרוקט צום סוף פון „אבני־מלואים״, פאַרטיידיקט ער זיך קעגן דער קריטיק פון „נתיבות־המשפט״. דערביי ווייזט ער אַרויס זיין באַשיידנקייט און יראת־הכבוד פאַר זיין קעגנער [105]). ער האָט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט, אַזוי, אַז ער האָט ניט געהאַט אפילו קיין שרייב־טיש, און האָט זיינע ספרים געשריבן אויף אַ ברעט וואָס איז געלעגן אויף צוויי פעסער. ער האָט זוכה געווען אַז זיין הויפּט־ווערק „קצות־החושן״ זאָל געדרוקט ווערן צוזאַמען מיטן „שולחן־ערוך״. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1813.

ה. רבי יעקב לאָרבערבוים — דער „נתיבות־המשפט״

רבי יעקב ב״ר יעקב משה לאָרבערבוים איז געווען אַן אייניקל פונעם „חכם־צבי״. אין יאָר 1807 איז ער געוואָרן רב אין קאַלוש, גאַליציע [106]). אין יאָר 1809 איז ער דערוויילט געוואָרן אין ליסע (לעשנאָ) אַלס רב און ראש־ישיבה, וועלכע איז געוואָרן באַרימט אונטער זיין פירונג. ער איז דאַן גע־וואָרן רב אין סטרי, גאַליציע, וואו ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1832. ער איז מפורסם געוואָרן אַלס גאון און פוסק דורך זיין ספר „חוות־דעת״ אויף „יורה־דעה״, דערשינען אין לעמבערג אין 1799, און „מקור־חיים״ אויף הלכות פסח, דערשינען אין זאָלקעוו אין 1807. דער „נתיבות־המשפט״ און דער „חוות־דעת״ זענען אָנערקענט אַלס ספרים, וואָס געהערן צו דער פוסקים־ליטעראַטור, הגם זיי צייכענען זיך אויך אויס מיט טעאָרעטישע אָפּ־האַנדלונגען ווי דער „קצות־החושן״.

זייער פּאָפּולער איז געוואָרן זיין פירוש אויפן סידור „דרך־החיים״, וואָס איז איבעראַל באַקאַנט אַלס „דעם ליסער רבס סידור״.

ו. רבי יהודה אשכנזי — דער „באר־היטב״

רבי יהודה ב״ר שמעון אשכנזי, דיין אין טיקטין, פוילן, באַקאַנט אויך מיטן נאָמען ר׳ יהודה טיקטין אָדער מהרי״ט, האָט געלעבט אין דער ערשטער העלפט פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט. ער האָט פאַרפאַסט דעם „באר־היטב״ אויף דריי חלקים פון „שולחן־ערוך״, אויף „אורח־חיים״, „יורה־דעה״ און „אבן־העזר״, און איז אָפּגעדרוקט צוזאַמען מיטן „שולחן־ערוך״ כמעט אין אַלע אויפלאַגעס.

דער „באר־היטב״ איז געוואָרן זייער פאַרשפּרייט, ווייל ער גיט איבער בקיצור די דיעות פון די „נושאי־כלים״ פון „שולחן־ערוך״, ווי דער ט״ז, ש״ך, סמ״ע און אַנדערע, און ברענגט אויך פסקים פון שפּעטערדיקע מחברים. די וואָס קענען זיך ניט פאַרטיפן אין דעם אויספירלעכן משא־ומתן פון די

קלאַסישע מפרשים פון „שולחן־ערוך“, געפינען אין „באר־היטב“ קורצע סו־מירונגען פון אַלע אַנטשיידונגען.

דער „באר־היטב“, וואָס ווערט געדרוקט מיטן „שולחן־ערוך“ „חושן־משפט“, איז ניט פון ר׳ יהודה אשכנזי, נאָר פון ר׳ זכריה־מענדל פון בעלז, איז זייער ענלעך צום „באר־היטב“ אויף „אורח־חיים“, „יורה־דעה“ און „אבן־העזר“ פון ר׳ יהודה אשכנזי. אַחוץ די חיבורים מיטן נאָמען „באר־היטב“ איז פריער נאָך דערשינען אַ „באר־היטב“ פון ר׳ ישעיה ב״ר אברהם הלוי, אַן אייניקל פון טורי־זהב, און האָט אויך געלעבט אין פוילן אין סוף פון זעכצנטן יאָרהונדערט, און ר׳ יהודה אשכנזי ציטירט אים אָפט אַלס „הבאר־היטב אשר לפני“.

ז. רבי חיים־מרדכי מרגליות — דער „שערי־תשובה“

רבי חיים־מרדכי מרגליות, ברודער פון גאון ר׳ אפרים־זלמן מרגליות, איז געווען רב אין דובנא, פוילן. האָט פאַרפאַסט דעם „שערי־תשובה“ אויף „אורח־חיים“, וועלכער אַנטהאַלט פּסקים פון איבער צוויי הונדערט פוסקים, אַרויסגענומען פון זייערע שאלות־ותשובות, וואָס זענען מייסטנס פאַרפאַסט געוואָרן נאָכן „שולחן־ערוך“ און זיינע מפרשים. טיילמאָל דריקט דער „שערי־תשובה“ אויך אויס זיין אייגענע מיינונג אין פראַגעס, וואָס זענען געבליבן ניט פאַרענטפערט מחמת חילוקי־דיעות צווישן די מחברים. דער „שערי־תשובה“ איז געוואָרן אַ נוצלעך ווערק, וואָס איז געדרוקט אין „שולחן־ערוך“ און ווערט געשעצט פון אַלע רבנים און לומדים.

רבי אפרים־זלמן מרגליות פון בראָד, גאַליציע, האָט צוגעגעבן צום „שערי־תשובה“ פון זיין ברודער דעם „יד־אפרים“, וואָס ציטירט טייל פוסקים, וואָס קומען ניט פאָר אין „שערי־תשובה“, און ער אַנטשיידעט אַליין אָפט פראַגעס אין הלכה. ער איז באַקאַנט פון זיינע אַנדערע וויכטיקע ספרים אַלס גאון און פוסק, באַזונדערס זיין גרויס ספר שאלות ותשובות „בית־אפרים“, „טיב־גיטין“, „מטה־אפרים“ אויף דינים פאַר חדשים אלול און תשרי און „שם־אפרים“ אויף חומש. ער פלעגט זיך אונטערשרייבן „זעירא דמן חבריא“, ווייל ער, וואָס איז געווען אַ בעל־הבית און האָט ניט געוואָלט אַננעמען אַ רבנות־פּאָסטן, האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם קלענסטן פון די באַרימטע „חכמי־בראָד“. ער איז אויך געווען אַ בעל־מליצה, און זיין הקדמה צום „בית־אפרים“ „חושן־משפט“ הויבט ער אָן מיט אַ קינסטלעכער מליצה, אין וועלכער יעדעס וואָרט הויבט זיך אָן מיט אַן אלף ווי „אומר אפרים“ אאַז״וו.

ח. רבי אברהם־צבי אייזנשטאַט — דער „פּתחי־תשובה“

רבי אברהם־צבי־הירש ב״ר יעקב אייזנשטאַט איז געבוירן אין ביאַלי־סטאָק, פוילן, אין יאָר 1812. ער שרייבט, אַז ער האָט פאַרפאַסט דעם „פּתחי־

תשובה" לויטן מוסטער פון „שערי־תשובה" אויף „אורח־חיים". דער „פתחי־תשובה" איז אויף „שולחן־ערוך" „יורה־דעה", געדרוקט 1840, אויף „אבן־העזר" דערשינען 1862 און אויף „חושן־משפט" 1876. ער ציטירט פסקים פון 180 שאלות־ותשובות־ספרים, און ער איז זיך געוויינלעך ניט מתווכח מיט זיי. ער האָט שפּעטער צוגעגעבן אַן הוספה צום „פתחי־תשובה" מיטן נאָמען „נחלת־צבי", וואו ער דיסקוטירט טייל אויספירונגען פון פוסקים וואָס זענען דערמאָנט אין „פתחי־תשובה" און קומט צו זיינע אייגענע באַשלוסן. דער „פתחי־תשובה" אויף „יורה־דעה" און „אבן־העזר" זענען דערשינען ביי זיין לעבן, אויף „חושן־משפט" ערשט נאָך זיין פטירה.

דער „פתחי־תשובה" איז זייער פּאָפּולער ביי די בעלי־הוראה און לומדים, ווייל ער האָט, ווי דער „שערי־תשובה", דערגאַנצט דעם „שולחן־ערוך" מיט די אַנטשיידונגען פון שפּעטערדיקע פוסקים, וואָס באַהאַנדלען הלכה־פּראַגעס, וואָס זענען אַקטועל געוואָרן אַלס פועל־יוצא פון נייע באַדינגונגען וואָס זענען אַנטשטאַנען אין די הונדערטער יאָרן זינט דעם „שולחן־ערוך". דער „פתחי־תשובה" איז געדרוקט צוזאַמען מיטן „שולחן־ערוך". ער האָט אויך געשריבן תשובות אין הלכה, וואָס עטלעכע פון זיי זענען געדרוקט אין רבנישע ספרים פון זיין צייט, און האָט פאַרעפנטלעכט „סדר־גיטין־וקידושין".

רבי צבי אייזנשטאַט איז געוואָרן רב פריער אין ברעסטאָוויץ, גראָדנער גובערניע, אין יאָר 1836, און דאַן אין אוטיאַן, קאָוונער גובערניע, אין יאָר 1856. מחמת אַ קראַנקייט איז ער געפאָרן קיין קעניגסבערג צו דאָקטוירים, און איז דאָרט נפטר געוואָרן אין יאָר 1868.

ט. רבי ישראל־מאיר הכהן — דער „משנה־ברורה"

דער לעצטער פון די פוילישע גדולי־תורה וואָס האָבן דערגאַנצט דעם „שולחן־ערוך" איז געווען דער גאון און צדיק רבי ישראל־מאיר ב"ר אריה־זאב הכהן פון ראַדין, ווילנער גובערניע, וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען „דער חפץ־חיים" לויט זיין ספר מיט דעמזעלביקן נאָמען.

דער חפץ־חיים איז געבוירן אין יאָר תקצ"ט (1839) אין זשעטל, גראָדנער גובערניע, פּוילן, און איז נפטר געוואָרן אין ראַדין אין יאָר 1933 [107].

זייער יונג איז ער געקומען מיט זיינע עלטערן קיין ווילנע און דאָרט געלערנט אין אַ ישיבה. ער איז דאַן אויפגענומען געוואָרן אין ראַדין. ער האָט געשטעלט די באַדינגונג, אַז ער וועט נישט נעמען קיין געהאַלט פאַרן רבנות, אָבער די בעלי־בתים זאָלן אים פאָלגן אין רעליגיעזע ענינים, און אַז די קהילה זאָל אים אין פאָראויס מוחל זיין, אויב ער וועט זיך טועה זיין אין אַ דין־תורה. נאָכדעם אָבער ווי בעלי־בתים האָבן ניט געוואָלט מקיים זיין זיינס אַ פּסק אין אַ דין־תורה, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות, און איז געבליבן אין ראַדין אַלס איינער פון די בעלי־בתים. זינט דעמאָלט האָט ער ניט געוואָלט אָננעמען קיין שום רבנות, נאָר האָט זיך מפרנס געווען

פון אַ געוועלב (אַ סטאָר). זיין פרוי האָט מסכים געווען צו פירן דאָס געשעפט און ער זאָל זיצן און לערנען, נאָר יעדן אויף דער נאַכט האָט ער געפירט די חשבונות פון מסחר. שפּעטער האָט ער געעפנט אַ ישיבה אין ראַדין, וואָס איז געוואָרן באַרימט דורך דעם חפץ־חיימס שיעורים אין הלכה און אין עטישער התנהגות. ער האָט ניט געוואָלט געווילט ווערן צו קיין שום פּאַרטייאישער פירערשאַפט, אָבער ער איז געווען באַטראַכט אַלס דער גייסטיקער מנהיג פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום. וועגן זיין צידקות האָבן זיך געשאַפן פאַרשידענע לעגענדעס אפילו ביי זיין לעבן, וואָס באַווייזט די גרויסע פאַרערונג פאַר זיין מאָראַלישער פּערזענלעכקייט.

אין יאָר 1873 האָט ער פאַרעפנטלעכט אין ווילנע דעם „חפץ־חיים" וועגן דעם פאַרבאָט פון לשון־הרע און רכילות. דעם ספר האָט ער אָפּגעדרוקט אַנאָנים, ניט אָנגעבנדיק זיך אַלס מחבר, און איז אַרומגעפאָרן אין די שטעט צו פאַרשפּרייטן דעם ספר. מ'האָט געמיינט, אַז ער פאַרקויפט אַ ספר פון אַן אַנדערן מחבר. אין יאָר 1877 האָט ער אַרויסגעגעבן זיין ספר „שמירת־הלשון", אויך אַנאָנים. בשעת אין „חפץ־חיים" האָט ער באַהאַנדלט די עבירה פון לשון־הרע פון הלכהשן שטאַנדפּונקט, איז דער „שמירת־הלשון" באַזירט אויף דער תלמודישער אגדה און שפּעטערדיקע מוסר־ספרים. אין תרמ"א (1881) האָט ער פאַרפאַסט דעם ספר „מחנה־ישראל", ווי יידישע זעלנער אין דער רוסישער אַרמיי זאָלן אָפּהיטן יידישקייט.

אין תרמ"ג (1884) איז דערשינען דער ערשטער באַנד פון הלכה־ספר „משנה־ברורה" אויף „שולחן־ערוך" „אורח־חיים", און ערשט אין יאָר תרס"ז (1907) איז אַרויסגעקומען דער זעקסטער און לעצטער באַנד. דער ספר האָט צוויי טיילן, „משנה־ברורה", וואָס אַנטהאַלט בלויז קורצע דינים, און דער „ביאור־הלכה", וואו ס'ווערן דערקלערט די שיטות פון די פּוסקים און באַגרינדעט אויספירלעך זיין אַנטשיידונג אין „משנה־ברורה". ער שרייבט אין דער הקדמה, אַז דעם ספר האָט ער געשריבן נאָר פאַר פּשוטע יידן און יוגנט, און ניט פאַר למדנים. ער באַקלאָגט זיך, אַז דער „פּתחי־תשובה" האָט אויסגעלאָזן פיל וויכטיקע פּוסקים, און אַז אַפילו דער „פּרי־מגדים" ווערט דאָרט ניט דערמאָנט [108].

אַזוי האָט דער חפץ־חיים ווירדיק אָפּגעשלאָסן די וואונדערלעכע גאַלעריע פון די פּוילישע גאונים, וואָס האָבן געבויט און פאַרברייטערט דעם „שולחן־ערוך", און דערביי געמאַכט דעם יידישן יישוב אין פּוילן פאַר דעם הויפּט־צענטער פון תורה פון אַלע תפוצות־ישראל אין משך פון די לעצטע פיר הונדערט יאָר.

די דאָזיקע גרויסע תורה־שאַפונג וועט בלייבן אַן אייביקער ליכטיקער מאָנומענט פון די גייסטיקע און מאָראַלישע ווערטן פון דעם גרויסן פאַרשניטענעם פּוילישן יידנטום.

הערות:

1) שו״ת הריב״ש, סימן שע״ו.

2) אין דער הקדמה צו זיין פירוש אויף מלכים שרייבט דער אברבנאל: „ותהי חרדה גדולה... אשר כמוה לא נהיתה מיום גלות יהודה מעל אדמתו אל אדמת נכר״.

3) אין די תשובות פון רבי יעקב מולין, דעם מהרי״ל (1427־1365) געפינט זיך אַ תשובה פון ר׳ מיישטרלין, אין וועלכער ער דערציילט: „ביושבי תחת המלך מפולין מלכות קרקוב וסביבותיה, אשר מקדם ומאז חשבו לפליטה לבני גולה״.

4) קידושין, ע״ב: „כשמת רבי — בארץ ישראל — נולד רב יהודה — בבבל... שנאמר (קוהלת, א) וזרח השמש ובא השמש, עד שלא כבתה שמשו של עלי, זרחה שמשו של שמואל הרמתי״.

5) געדרוקט אין ספר „אור זרוע הגדול״, סימן קי״ג.

6) זע: „כלילת יופי״ פון ר׳ חיים־נתן דעמביצער, דף ל״ו.

7) שלמה בובער: „אנשי שם״, עמוד 131.

8) דאָרט, עמוד א׳.

9) אין זיין ספר „שארית־יוסף״, סימן א׳.

10) „כלילת־יופי״, דף ל״ז.

11) אין די הוספות צום ספר „יוחסין״ שרייבט אויף אים דער רמ״א: „שמעו יצא מסוף עולם עד סופו״.

12) יבמות, ק״ז.

13) שו״ת מהר״י מינץ, סימן יג.

14) מהרש״ל: „ים של שלמה״, יבמות פי״ג.

15) רמ״א „אבן־העזר״, סוף סימן קנ״ה.

16) מאיר באַלאַבאַן אין זיין אַרטיקעל „יעקב פּאָלאַק דער בעל חילוקים אין קרקאו אונד זיינע צייט״ (מאָנאַטסשריפט פיר געשיכטע אונד וויססענשאַפט דעס יודענטומס, 1913, זייט 200) צווייפלט אויב ר״י פּאָלאַק איז בכלל אַמאָל געווען רב אין פּראַג, און דריקט זיך אויס: „אויב יעקב פּאָלאַק ווירקליך אין פּראַג ראַבבינער געוועזן איזט, קעננען וויר ווידער בעיאַהען נאָך פערניינען״. באַלאַבאַן וויל אויפווייזן, אויפן גרונט פון אַרכיוו־דאָקומענטן, אַז די מחלוקת וועגן „מיאון״ איז גאָר פּאַרגעקומען אין קראָקע און ניט אין פּראַג, און אין קראָקע האָט ער מתיר געווען זיין שוועגערין צו הייראַטן נאָכאַמאָל. לײַדער מוז פעסטגעשטעלט ווערן, אַז דער באַוואוסטער היסטאָריקער באַלאַבאַן האָט דאָס מאָל ניט ריכטיק פאַרטייטשט די דאָקומענטן, און האָט ניט געוואוסט פון דעם רייכן מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין דער שאלות־ותשובות־ליטעראַטור פון יענער צייט בנוגע דעם פסק פון ר״י פּאָלאַק, פון דעם לאַנגן וויכוח אין די תשובות־ספרים, למשל אין די תשובות מהר״י מינץ סימן י״ג און אַנדערע, ווערט בפירוש דערמאָנט, אַז דער סיכסוך וועגן „מיאון״ איז פאָרגעקומען אין פּראַג, וואו ר׳ יעקב פּאָלאַק איז געווען רב און ראש־ישיבה, און ערשט נאָכדעם ווען ער איז געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן פּראַג איז ער אָנגעקומען קיין קראָקע. די „יוניווערסאַל דזשואיש ענציקלאָפּעדיע״ האָט זיך, ווייזט אויס, געשטיצט אויף באַלאַבאַנס שטודיע, און האָט זיך דעריבער אין דער ביאָגראַפיע פון ר׳ יעקב פּאָלאַק פאַרפּלאָנטערט אין אומפּינקטליכקייטן. זע וועגן דעם אויך אין צינבערגס „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״, ניו־יאָרק 1943, באַנד 5, זייטן 39־34.

ס׳איז נאָך כדאי צו באַמערקן, אַז הגם ר׳ יעקב פּאָלאַק איז געווען אַ מוטיגער קעמפער פאַר זיין איבערצייגונג, און האָט ניט מוותר געווען אויף זיין אמת טראָץ די דראָאונגען פון רבנים, אַז מ׳וועט אים לייגן אין חרם, אויב ער וועט ניט צוריקנעמען זיין פסק, און איז אַפילו געווען גרייט צו פאַרלירן זיין רבנות אין פּראַג איידער צו פאַרלייקענען זיין מיינונג, איז ער אָבער גלייכצייטיק געווען אַ גרויסער עניו, און האָט ניט געוואָלט איבערלאָזן קיין ספר אין הלכה, הגם ער האָט געענטפערט פילע תשובות אויף שאלות

וואָס זענען אָנגעקומען צו אים פון ווייטע קהילות. אַזוי באַריכטעט ר׳ ישראל, דער זון פון גאון ר׳ שלום־שכנא פון לובלין, אַז זיין פאָטער האָט אים דערציילט, אַז זיין רבי, ר׳ יעקב פּאָלאַק, האָט ניט געשריבן קיין שום ספר און האָט אויך ניט איבערגעלאָזן קיין אָפּשריפטן פון זיינע תשובות, ווייל ער האָט ניט געוואָלט, אַז רבנים זאָלן זיך פאַרלאָזן אויף זיינע אָנטשיידונגען. זע תשובות רמ״א, סימן כ״ה.

17) אין מיין אַרבעט „שיטת הפילפול וריביה״, וואָס דערשיינט בקרוב, איז אויספיר־לעך געשילדערט דער געראַנגל פון די גדולי־תורה קעגן דעם פּילפּול.

18) תשובות רמ״א, סימן כ״ה.

19) דאָרטן תשובות רמ״א בתשובה מר׳ ישראל בן ר׳ שלום־שכנא: „וכן קיבלתי הלכה למעשה מאדוני מורי אבי הגאון רבן ומאורן של כל בני הגולה מהר״ר שלום המכונה שכנא זקצ״ל... אשר העמיד תלמידים הרבה, מסוף העולם עד סופו מפיו חיים ומימיו שותים. וחי נפשי לעולמים בזיבנין סגיאין ביקשתי עם הרבה לומדים ממנו, שייעשה פוסק, ותשובתו היתה מחמת רוב חסידותו וענותנותו, אשר היה עניו יותר מכל האדם אשר על פני האדמה, ואמר: „יודע אני דשוב לא יפסקו כי אם כאשר אכתוב, מטעם דהלכה כבתרא, ואין רצוני, שיסמכו העולם עלי... ואין לדיין כי אם מה שעיניו רואות, לכן יעשה כל אחד כפי הוראת שעה כאשר עם לבבו״. ומהאי טעמא לא עשה נמי רבו הגאון מהרי״ף — רבי יעקב פולאק — שום ספר. גם שום תשובה, ששלחו למרחוק, לא העתיקו בביתם אלו הגאונים מהאי טעמא, אף כי נחשב בעיניהם כיוהרא״.

20) בהוספת הרמ״א לספר יוחסין: „אשר כל גדולי ארץ הזאת הם תלמידיו״.

21) נתן־נטע הנובר: „יון מצולה״.

22) אין דער הקדמה צו זיין ספר „נפתלי אילה שלוחה״ אויף מדרש רבה שרייבט ער: „והנה אברך על הרעה מעין הטובה, אשר הגלה אותי ה׳ בתוך הגולה... מגלות ווינא... ויצאתי בפחי נפש, ובאתי למדינת פולין, ששם תורה וגדולה בקנה אחד עולות, ומשם תצא תורה ואורה, כי הם מרביצים תורה בישראל גם מרוב עוני ומרוב עבודה קשה, ובפרט עול המדהבה, ורוב מסים וארנוניות וכסף הגלגולת, וכל כסף המתוכנן יבא לבית האוצר, ועשרה מתכסים בטלית אחת ועוסקים בתורה״.

23) הקדמה צו זיין ספר „ים־של־שלמה״: „מימות רבינאי ורב אשי אין קבלה לפסוק כאחד מן הגאונים או מן האחרונים, אלא מי שיוכשרו דבריו להיות מיוסדים במופת חותך על פי התלמוד והירושלמי והתוספות, במקום שאין הכרע בתלמוד״.

23*) הרב חיד״א אין „שם־הגדולים״, מערכת־ספרים, ערך „בית־יוסף״.

24) שו״ת רי״ט צהלון, סימן ס״ז.

25) שם, סימן ל״א, שרייבט ער אַז אין יאָר ש״מ (1580) איז ער נאָך געווען אַ יונגערמאַן.

26) ר׳ יעקב קאַסטרו, שו״ת „אהלי־יעקב״, סימן כ׳.

27) אין זיין ספר שו״ת „דבר־שמואל״, סימן רנ״ה.

28) מהרש״ל אין דער הקדמה צו זיין ספר „ים־של־שלמה״: „ה׳בית־יוסף׳ עשה פשרות בעניני פסקי הלכות מדעתו בסברת הכרס ברוב פעמים באיסור והיתר נגד הקבלה אשר קיבלנו ונהגנו עד הנה. והתלמידים הולכים אחר דבריו ופסקיו, ולא ידעו כי בנפשם הוא. שהוא הכריע כמה פעמים נגד התוספות והפוסקים, אשר אנו נוהגים לפסוק כוותיהו. ומאחר שראו שכן כתוב בספרו אמרו: כן כתב הקארו להדיא. כי כך הענין הרע אשר לפנינו, מה שכתוב בספר יאמינו. ואם יעמוד איש חי וצווח ככרוכיא שאין הדין כן בראיות גמורות או אפילו בקבלה, לא יחושו לדבריו, ובפרט האידנא, שבעוונותינו הרבים הנסמכים מרובים והלומדים מעטים, ומשום הכי תופסים דברי הספר... ובזה השוו הקטנים לגדולים והנערים לזקנים״.

29) שו״ת הב״ח, סימן פ׳: „כבר ידעת, שאותם הנמשכים להורות הוראות על פי שולחן־ערוך הם מורים בתורה שלא כהלכה, כי לא ידעו שורש של הוראה, מבטן מי יצאו הפסקים, ובודים טעמים מלבם, ועל ידי כך מרבים מחלוקות בישראל״.

30) מהרש״א, סוטה כ״א: „ובדורות הללו אותם שמורים הלכה מתוך השולחן־ערוך, והרי הם אינם יודעים טעם הענין של כל דבר, אם לא ידקדקו מתחילה בדבר מתוך התלמוד, שהוא שימוש תלמידי־חכמים, וטעות נפלה בהוראותיהם, והרי הם בכלל מבלי עולם, ויש לגעור בהם״.

31) ר׳ מרדכי יפה אין זיין ספר „לבוש״ על או״ח: „קצור קצרה ידו בו — בשולחן־ערוך — מאד, ולא יספיק כלל למעיינים, כי יקראו בו כקורא בספר החתום, וכחלום בלי פתרון, וכאילו היה הכל הלכה למשה מסיני, בלי שום טעם בצירוף... כי הוא המשיך וכתב רוב הדינים על פי דעת הרמב״ם ז״ל, מפני שנוהגים בו בארצות ישמעאל, אשר הוא הרב בית־יוסף ז״ל היה מנהיגם בראשם, ובאלו הארצות ברוב אין נוהגים כן״.

32) תשובות מהר״ם מלובלין, סימן י״א: „אין ממנהגי ודרכי להיות עסקי בדברי בעלי השולחן־ערוך, וקל־וחומר לבנות יסוד באיזו הוראה על דיקדוק סודות דבריהם, כי לא ניתנו מרועה אחד, רק הם דברים נקלטים מדברים נקלטים נפרדים, שכמה פעמים לא יצדק חיבור״.

33) שו״ת „פני־יהושע״, סימן ג״ב: „לפי מנהג חכמי מדינתנו יצ״ו, דבדבר שנדפס בשולחן־ערוך אין לשנות ח״ו כתורת משה... ולפי דעת מעכ״ת, אשר אנו מחויבים לתלות בקוצר דעתנו, אם כן אם אמצא דבר היתר בשולחן־ערוך, אשר נראה לי מכות קושיא גדולה שהוא אסור, מחויב אני להתיר את האיסור, או לשלמו מכיסו? רחמנא ליצלן מהאי דעתא, ואין לדיין אלא מה שעיניו רואות, ויפתח בדורו כשמואל בדורו... וכבר התחלתי תהלה לאל לחבר השגות גדולות על הראשונים ועל האחרונים, כי אין משוא־פנים בדברי אלקים־חיים, ומובטח אני בהגאון החסיד רבינו „בית־יוסף״ זללה״ה שלא ירע בעיניו״.

34) „לפי שאדם קורא בתורה־שבכתב תחילה, ואחרי כן קורא בזה, ויודע ממנו תורה־שבעל־פה כולה, ואינו צריך לקרא ספר אחר ביניהם״.

35) אין זיין ספר „ים־של־שלמה״.

36) אין זיין ספר „שני־לוחות־הברית״, דף קכ״ח, דפוס ברסלוי: „כבר נתפשט בכל תפוצות ישראל שבחוצה לארץ, במלכות פולניא ופיהם ומעהרין ואשכנז לפסוק כרבינו הרמ״א ז״ל״.

37) אין זיין ספר „משאת־בנימין״, סימן כ״ז: „בכל מדינת אשכנז קימו וקיבלו עליהם דברי רבינו הרמ״א, ובתריה אנו נגררים״.

38) אין זיינע תשובות „פני־יהושע״: „לפי מנהג חכמי מדינתנו יצ״ו בדבר שנדפס בש״ע אין לשנות ח״ו כתורת־משה״.

39) אין זיין ספר „אורים־ותומים״, קיצור תקפו־כהן, סימן קנ״ג: „וקיימו וקיבלו חכמי הדור לשמור ולעשות כל האמור במטבע הקצר בש״ע והגהות רמ״א, ולדעתי אין ספק, כי הכל בכתב מיד ה׳ השכיל על ידם״.

40) „הוא מבטל מנהגי אשכנז, ומחליפם במנהגי פולין״.

41) זע: חיים טשרנוביץ: „תולדות הפוסקים״, ח״ג: הרמ״א.

42) „יודישע געשיכטע״, באַנד VII, זייט 454. אויך שפ״ר, דער העברעאישער איבער־זעצער פון גרעץ, דריקט זיך אויס: „רוב הגהותיו של הרמ״א נוטות להחמיר״.

43) רמ״א יו״ד, סימן קמ״ח, סעיף י״ב: „ועוד דאית בזה משום איבה, אם נפרוש עצמנו מהם ביום חגם, ואנו שרוים ביניהם, וצריכים לשאת ולתת עמהם כל השנה, ולכן אם נכנס לעיר ומצאם שמחים ביום חגם, ישמח עמם משום איבה״.

44) רמ״א או״ח, סימן של״ד, סעיף כ״ו: „וכל הדינים הנזכרים בדיני הדליקה, הני מילי בימיהם, אבל בזמן שאנו שרויין בין אינם יהודים כתבו ראשונים ואחרונים ז״ל, שמותר לכבות דליקה בשבת, משום שיש בה סכנת נפשות, והזריז הרי זה משובח... בחשש סכנת ספק מותר לכבות אפילו הדליקה בביתו של אינו יהודי, וכן נוהגין״.

45) רמ״א, תשובות סימן כ״א: „המקפל כל תנאי דעלמא להדדי להחמיר באיסור דרבנן, לאבד ממון של ישראל״. מיט די ווערטער קריטיקירט ער איינעם אַ שואל, און פירט אויס: „והמקיל וחס על ממונן של ישראל חס ג״ב על כבוד קונו, ויתענג על רוב שלום״.

46) שו״ת רמ״א, סימן נ״ד: „ואי משום שמחמיר על עצמו, כבר אמרו בירושלמי (נדרים, פ״ט, ה״א) לא דייך מה שאסרה לך תורה, אלא שאתה מבקש לאסור עליך דברים אחרים, ואמרו (ירושלמי ברכות, ספ״ב) כל הפטור מן הדבר ועושהו נקרא הדיוט״.

47) קידושין, מ״א: „אסור לאדם שיקדש את בתו כשהיא קטנה, עד שתגדל ותאמר בפלוני אני רוצה״.

48) רמ״א אה״ע, סימן ל״ז, סעיף ח׳: „יש אומרים, דנהוגין בזמן הזה לקדש בנותינו הקטנות, משום שאנו בגלות, ואין לנו תמיד סיפוק כדי צרכי נדוניא, גם אנו מתי מעט, ואין מוצאין תמיד זיווג הגון, וכן נוהגין״.

49) שו״ת רמ״א, סימן מ״ז־מ״ח.

50) סנהדרין, ק״י: „כל החולק על רבו כחולק על השכינה״.

51) געבערענגט אין „מדי־חודש־בחדשו״ פון הרב י. ל. מיימון, ח״ח, זייט 121, ניט אָנגעבנדיק קיין מקור דערצו.

52) אין דער הקדמה צו זיינע הגהות אויפן „שולחן־ערוך״ שרייבט דער רמ״א: „ולא זה השולחן אשר ערך לפני ה׳, ולא נתנו עדיין לבני אדם אשר במדינות אלה, אשר רובי מנהגיו במדינות אלו לא נהוגין כוותיה... כל שכן מן הכלל שכלל הגאון הזה לעצמו, לפסוק אחרי הרי״ף והרמב״ם במקום שרוב האחרונים חולקים עליהם, ועל ידי זה נתפשטו בספריו הרבה דברים שאינן אליבא דהלכתא לפי דברי החכמים, שמימיהם אנו שותים, שהם הפוסקים המפורסמים בבני אשכנז וצרפת... אשר אנו מבני בניהם... ובזה יסתרו כל מנהגי המדינות... על כן ראיתי לכתוב דעת האחרונים עם המקומות שלא היו נראין לי דבריו... ובכל מקום שידעתי שאין המנהג כדבריו, אחקרהו ואמצאהו ואכתוב והכי נהוג״.

53) תשובות רמ״א, סימן צ״מ: „עדיף טפי פת חרבה ושלוה בה במדינות אלו, אשר אין שנאתן גוברת עלינו כמו במדינת אשכנז״.

54) אין זיין „שם־הגדולים״, ערך ר׳ משה איסרלש.

55) אָפּגעדרוקט אין „מדי־חודש־בחדשו״ פון רי״ל מיימון, ח״ג, זייט 44־47.

56) אין זיין הקדמה צום ספר „ים־של־שלמה״ פון מהרש״ל: לבוב היא „עיר מלאה חכמים וסופרים, ושם הוא מקור החכמה ומעין התבונה, אבן פנה ויסוד האמונה״.

57) תשובות הב״ח, סימן ע״ב: „עיר כלילת יופי קרתא עליזה, קריה נאמנה, המלאה חכמים גדולים בתורה ובמעשים טובים, בצדקה ובגמילות חסדים, והארץ האירה מכבודם״.

58) אין דער הקדמה צו זיין „ספר מאירת־עינים״ שרייבט דער מחבר וועגן זיין שווער, אַז ער האָט אָנגערופן זיין ספר „דרישה ופרישה״ צוזאַמען מיטן „מאירת־עינים״ מיטן נאָמען „בית־ישראל״: „כדי להיות שם חמי ז״ל הנדיב נקרא עליו. ועל הטוב יזכר שמו, כי הוא המוציא אותי לכל הג״ל על ידי בית המדרש שבנה לי והספקתו שהספיק להלומדים. זה עשרים וחמש שנים שעסקתי בחיבורי זה, נוסף על כל הטובות שעשה לכלל ישראל בבנין כמה בתי כנסיות בקהילות שהיה שם מימיו, כמה ספרי תורה וכלי הקודש שנתן לכתוב ולתקן והקדישן, והשיא כמה וכמה בתולות קרובות ורחוקות והפריז בנדוניתן, וידו היתה רווחה וביתו פתוח לעניים וללומדי תורה, וגם עשה כיס גדול לעניי ארץ ישראל״.

59) או״ח, סימן רס״ג, ס״ק י״ב.

60) רי״ל מיימון ברענגט אין „מדי־חודש־בחדשו״, חלק ח׳, עמוד 125 אַן אינטערע־סאַנט וואָרט פונעם סמ״עס וועגן אויפן פסוק (בראשית, לב, ה) „עם לבן גרתי״, דער־קלערט רש״י: „לא נעשיתי שר וחשוב אלא גר, אינך כדאי לשנא אותי על ברכת אביך שברכני הוה גביר לאחיך, שהרי לא נתקיימו בי״. איז דאָך שווער צו פאַרשטיין פונוואַנען נעמט דאָס רש״י? דערויף האָט די מלומדת בילה געענטפערט, אַז דאָס וואָרט „גביר״ איז צוזאַמענגעזעצט פון וואָרט „גר״ דער ערשטער און לעצטער וואָרט פון „גביר״ און פון מיטלערן וואָרט „בי״. דאָס האָט יעקב געמיינט, אַז פון וואָרט גביר איז ניט מקוים געוואָרן „בי״, אַזוי־אַרום איז דערפון געבליבן נאָר „גר״. דעריבער האָט ער געזאָגט לא נעשיתי אלא „גר״.

61) הרב חיד"א שרייבט אין זיין „שם־הגדולים", מערכת־ספרים, ערך מאירת־עינים, אות כ׳: „כמדומה לי שראיתי, שחיבר ספר מאירת־עינים על שולחן־ערוך שאר החלקים". אין דער אמתן דערמאָנט דער סמ"ע אַליין, אַז ער האָט פאַרפאַסט זיין ספר ניט נאָר אויף „חושן־משפט" נאָר אויך אויף אַנדערע חלקים פון „שולחן־ערוך". זע סמ"ע חו"מ, סימן קצ"ד, ס"ק א׳, וואו ער שרייבט: „ועיין מה שכתבתי בדרישה ובסמ"ע ביורה דעה".

62) ער שרייבט דאָרט „כל שפוסקים מתוך דברי השולחן־ערוך הסתום והחתום, אינם מבינים גוף הדברים על בורים הכתובים לפניהם".

63) בשו"ת „פני־יהושע" [תלמידו של הסמ"ע וזקנו של הגאון פני־יהושע על הש"ס] ח"ב סוף סי׳ י"ח כתב וז"ל „ומה שהקשית על הרב מ׳ מרדכי יפה ז"ל סי׳ צ"ג, הנה אהובי אין דרכי ללמוד בספרו כלל כי אני מתלמידי הגאון מו׳ בעל הסמ"ע ז"ל שהשרישני שלא לפסוק [כמותו] מטעמים נכונים שכתב בהקדמת הסמ"ע וא־ל אלקים יודע כי יש לי השגות עליו למאות אלא שאין רצוני להשיב עליו".

63*) אין תשובות הב"ח, סימן קי"ג, שרייבט ער וועגן זיין איידעם: „עוקר הרים וטוחנן זה בזה בפלפולא, בהיכלו אומר כבוד כולו... קדוש יאמר לו, הוא חתני ראש מתיבתא ואב"ד האלוף כמהור"ר דוד סגל, נרו ונר זרעו יאיר עד ביאת הגואל".

64) שו"ת ב"ח החדשות, סימן י"ז: „עת הייתי אצלך בק"ק פאטליטשא ראיתי את עניך, ומאד צר לי, כי לא תוכל לשבת על התורה במנוחה, אך אקוה, כי ירחיב ה׳ את גבולך, ואשלח לך מתנה".

65) אין „יון־המצולה" ווערט דערציילט: „המפורסמות אין צריכין ראיה, שלא היה כל כך הרבה תורה בכל תפוצות ישראל כמו במדינת פולין. בכל קהילה וקהילה היו תופסין ישיבות, והיו מרבין שכר לראש־ישיבה שלהם, כדי שיוכל לתפוס ישיבה בלא דאגה ולהיות תורתו אומנותו. ולא יצא הראש־ישיבה מפתח ביתו לחוץ, אם לא מבית־המדרש לבית־הכנסת, וישב תמיד יומם ולילה ועסק בתורה. וכל קהילה וקהילה היו מחזיקים בחורים ומספיקים להם ממון דבר קצוב בכל שבוע שילמדו אצל הראש־ישיבה, והיו כולם חכמים, והיו לומדים בתמידות שיבואו גם כן לידי מעלה זו להיות ראש־ישיבה באיזו קהילה, ומתוך שלא לשמה בא לשמה, ומלאה הארץ דעה".

66) „עמוד הדין היה במדינת פולין כמו שהיה לפני חורבן הבית בירושלים, שהיו מושיבין בתי־דינין בכל עיר ועיר... והפרנסים בארבע ארצות היו כמו סנהדרין בלשכת הגזית, והיה להם כח לשפוט כל ישראל שבמדינת פולין ולגדור גדר ולתקן תקנות ולענוש אדם לפי ראות עיניהם. וכל הדבר הקשה יביאו אליהם וישפטו הם. ומעולם לא בא דין ישראל לפני דייני עכו"ם ולא לפני שום שר ולא לפני המלך יר"ה, ואילו היה הולך בר ישראל לדון לפני דייני עכו"ם, היו מענישים אותו בחרפות גדולות לקיים ואויבינו פלילים".

67) דער אָריגינעלער טעקסט פון דער באַשרייבונג איז דער פאָלגנדיקער: „היה אין שיעור לגמילות חסדים שבמדינת פולין. בראש הכנסת־אורחים: אם בא חכם או דרשן אחד אורח, אף בקהילות שהיו פתקין בשביל האורחים, לא היה צריך תלמיד־חכם לבזות כבודו לקבל פתק, רק הלך לאיזה פרנס מקהילה להתארח כאשר ייטב בעיניו, ובא שמש הקהילה ולקח „הקיבוץ" מאתו, והראה הקיבוץ אל הגבאי או אל פרנס החודש אשר יהיה בימים ההם, ונתנו לו מתנה כפי ראות עיניהם, ושולחין לו עם השמש דרך כבוד, והתארח אצל בעל־הבית אחד כמה ימים שירצה. וכן שאר האורחים שקיבלו פתקין היו נותנים לו פתק אחד והתארח אצל בעל־הבית אחד אשר עלה בגורלו כמה ימים שירצה האורח, ולכל הפחות היה פתק אחד שלשה ימים, ונתנו לו אכילה ושתיה ערב בוקר וצהרים. ואם היו רוצים לילך לדרכם, היו נותנים להם צדה לדרך ושולחין אותם על סוס ועגלה מן קהילה לקהילה. ואם באו מארץ מרחקים או ממקומות אחרים בחורים או נערים או בעלי־בתים או בתולות, היו מלבישים אותם מיד. ומי שרצה לעשות מלאכה היו נותנין לבעל מלאכה, ומי שרוצה לשרת היו נותנין לבית לשרת, ומי שרוצה ללמוד היו שוכרים מלמד שילמוד אצלו, ואחר כך כשנעשה בחור חשוב וקראו עשיר אחד לביתו ונתן לו בתו וכמה אלפים זהובים לנדוניא והלבישו בגדי מלכות, מאן מלכי רבנן, ושלח אותו לאחר נשואין ללמוד חוץ לביתו בישיבות

גדולות. אחר כך כשבא לביתו אחר ב׳ או ג׳ שנים היו חמיו שלו מחזיק לו ישיבה בביתו, והיה מפזר ממון לבעלי־בתים חכמים גדולים שילכו אליו לישיבה כמה שנים עד שנעשה גם כן ראש־ישיבה באיזו קהילה. ואף כשלא היה הנער בחור חשוב באותו זמן רק כשהיה לו לב טוב ללמוד שאפשר יהיה חכם כשילמוד, בא לפעמים עשיר אחד שהיתה לו בת קטנה, ונתן לו אכילה ושתיה ומלבושים וכל צרכו כמו לבנו, ושכר לו מלמד עד שנעשה כלי מוכן ואח״כ נתן לו בתו כנ״ל, אין לך גמילות חסד גדול מזה. וכן לבתולות עניות היו תיקונים יפים עד מאד בכל מדינה, ולא הגיעה שום בתולה עניה לבת י״ח שנה שלא נישאת לאיש, והרבה נשים צדקניות עוסקות במצוה זאת״.

68) „כלילת־יופי״ פון רבי נתן־נטע דעמביצער, זייט נ״ז.

69) זוהר, פרשת נשא.

70) „מי שלא היה אתי במחיצתי לא יאומן כי יסופר לו מגודל התלאה, שהיתה עלי בחיפוש בים התלמוד והפוסקים עד כי העמדתי הכל על בורו, וחזרתי על צדדים וצדי־צדדים לא פעם אחת ושתים, אל מאה פעמים ואחת, וכמה יגיעות יגעתי, לא עסקתי בשום עסק אחר, לא נתתי שינה לעיני ולעפעפי תנומה שנים רבות, עד אשר הוצאתי מכח אל הפועל את מחשבתי, ובירַרתי ושקלתי הכל בכף מאזנים״.

71) אין אָריגינאַל: אל יעלה על לב הקורא בספרי „נקודת־הכסף״, שמפני שהיה לי חס ושלום איזו מחלוקת עם בעל „טורי־זהב״, או שיש לי בלבי טינא עליו, חיברתי השגותי על ספרו, כי הלא נודע לכל כי נתקיים בנו „את והב בסופה״ (הכוונה למאמר בקידושין ל׳, שדרשו „והב בסופה״ אהבה בסוף של מלחמת התורה), והתורה מחזרת אחרי אכסניא שלה, כי נעשיתי אכסניא לבעל „טורי־זהב״, והיה אצלי שלשה ימים וכיבדתיו כבוד גדול אשר לא יאומן כי יסופר, וגם הוא נתכבד בי הרבה, עד שנשקני על ראשי, ושמח בי ממש כשמחת בית־השואבה. ואל אלקים הוא יודע ועד, שלא חיברתי ספר „נקודות־הכסף״ הלז רק לשם שמים לברר וללבן האמת. ואני מחלה את פני בעלי התורה, כל מי שיודע איזו השגות או תפיסות או קושיות עלי, ילקטן לאחת אחת ויחבר מהן ספר רשום בכתב אמת, ואם אפשר להודיעני, יודיעני״.

72) „באו להכריע בהחלטה גמורה לפסוק כבעל הט״ז, ושלא להשגיח כלל על השגות בעל „נקודות־הכסף״ אף באותן מקומות, שלא יישב אותם נכדו הנ״ל — בעל מגיני־זהב — מפני שהיה טרוד מאד במשנתו, ולא היה סיפוק בידו לישב כל דבר על אופניו, וכל בעל נפש יעיין בעצמו לישבם, וידונו את דברי בעל הט״ז מעוטם אחר רובם כאשר נתישבו על פי נכדו הנ״ל. כללו של דבר, שאין להוציא דברי בעל הט״ז מחזקתן מחמת השגות בעל נקודות־הכסף מדין שהוא אחרון, מפני שני טעמים, האחד שהוא זקן ויושב בישיבה ומוחזק למופלג וגדול הדור, והשני הוא החיבור נאה של נכדו הרב הנ״ל המישב השגות נקודות־הכסף הנ״ל ברוב השגותיו... וכדי להיות למשמרת לדורות הבאים באו על החתום גאוני ד׳ ארצות בהתוועדות קודש בלובלין, ביריד גראמניץ, ביום ד׳, י״ב אדר, תמ״ג לפ״ק״.

72*) אויף דעם „שולחן־ערוך״ „אבן־העזר״, סימן קנ״ד.

73) אין אָריגינאַל: „ואז הקיפום הריקים בחצי גורן עגולה והפשיטום ערומים והושיבום לארץ, והיו היהודים בושים וגם נכלמים כשה לטבח יובלו כרחל לפני גוזזיה נאלמים. ואז דברו הריקים אל היהודים דברים טובים ונחומים: למה תהיו נהרגים, נחנקים ונשחטים, כפר בן בקר תמים על אלוהיכם אשר שפך חמתו עליכם מבלי רחמים, הלא טוב לכם עבוד אלהינו הפסילים והצלמים, והיינו לעם אחד, יחדיו נהיה תמים... ותהיו עשירים גדולים ושרים רמים. וזרע קודש אמונים, אשר נהרגים על ה׳ כל הימים, מאסו בחיי עולם הזה, בחורים ובתולות וזקנים שבים ועלומים... וצעקו בצעקה גדולה ומרה לאל עליון שוכן במרומים שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד מלך עולמים... וצדקו עליהם את הדין ואמרו: הצור פעלו תמים... ויאמרו אליהם היהודים, למה תאחרו להרגנו, הלא לא נשמע בקולכם, ולא נאמר למעשה ידינו אלהינו, כי אחד הוא אלהינו בשמים ובארץ... ואז הרימו הריקים בהם יד, ויהרגו אותם בעוונינו, ויעשו הרג רב באחינו בני בריתנו, בבנינו, בבנותינו, בנעורינו ובזקנינו״.

74) „חלקת־מחוקק", „אבן־העזר", סימן י"ז, ס"ק י': „אך באמת תמיד מיראי הוראה אני, וכל עגונה שאינה יושבת תחת יד בית־דין שלי אני מרחיק עצמי מזה אפילו להיות סניף להתיר".

75) „כלילת־יופי", עמוד 30.

76) „אנו אין לנו אלא דברי השולחן־ערוך".

77) „בית־שמואל", „אבן־העזר", סימן נ"א, ס"ק י'.

78) זע „שם־הגדולים" פון הרב חיד"א, מערכת־גדולים, ערך שמואל.

79) „בית־שמואל", סימן מ"ה, ס"ק א'.

80) שם, סימן כ"ח, ס"ק י"א.

81) שם, סימן ב', ס"ק ה'.

82) אין אָריגינאַל: „במקלי בימיני יצאתי וכיס תפילין אחזתי, ובשמאלי ספר זכרונות תפסתי... את ביתי מלא כל טוב עזבתי ונטשתי את נחלתי, וביותר אוצר כלי חמדה בית מלא ספרים הן מירושת אבא מארי ז"ל הן מאשר זכני ה' לקנות — והתהלכנו באשר התהלכנו, ותבקע הארץ לקול המיית הבוכים, וגם עיני נגרה ולא תדמע כמים הנשפכים, ובאנו לקצה מדינת זאמוט לגבול פרייסין, וגם שם לא שקטנו, עורינו מעלינו הפשיטו".

83) „כה דברי הטרוד וגולה ממקומו הצעיר משה בן למוהר"ר נפתלי־הירש סופר זצ"ל מק"ק ווילנא, פה אמשטרדם, יום ד', בטו"ב לירח אלול, תח"י לפ"ק".

84) „באר־הגולה", „חושן־משפט", סימן שפ"ח, סעיף א': „אם החזיר האבידה לקדש את השם, כדי שיפארו את ישראל, וידעו שהם בעלי אמונה, הרי זה משובח, וכן הדין בהחזרת הטעות שטעה העכו"ם מעצמו. ואני כותב זאת לדורות, שראיתי רבים גדלו והעשירו מן טעות שהטעו עכו"ם ולא הצליחו, וירדו נכסיהם לטמיון, ולא הניחו אחריהם ברכה. ורבים אשר קדשו ה' והחזירו טעות העכו"ם גדלו והעשירו והצליחו, והניחו יתרם לעולליהם".

85) שם, סימן רס"ו, סעיף ב': „נראה לפי עניות דעתי, דלא אמרה רב — בתלמוד שאין להחזיר אבידה לעכו"ם — אלא בגויים עובדי עבודה־זרה, ולא בגויים שבזמן הזה, שמודים בבורא עולם, ונימוסיהם להחזיר אבידה".

86) הרב י. ל. מיימון: „שרי־המאה", ח"ב, עמוד 19, שרייבט, אַז ער האָט דאָס געהערט פון אַן אַלטן מאַן אין ווילנע.

87) סנהדרין, ק"ה.

88) „באר־הגולה", „חושן־משפט", סימן תכ"ה, סעיף ה': „אבל אלו הגויים, אשר אנחנו אומה ישראלית גולים בצל שלהם ומפוזרים ביניהם, הם מאמינים בחידוש העולם וביציאת מצרים ובכמה עיקרי הדת, וכל כוונתם לעושה שמים וארץ, לא די שאין איסור להצילן, אלא אפילו אנחנו חייבים להתפלל בשלומם... ועל משמרתנו אנחנו עומדים להתפלל תמיד על שלום המלכות והשרים והצלחתם ומקומות ממשלתיהם, וכתב הרמב"ם, דהלכה כר' יהושע, דחסידי אומות העולם יש להם חלק לעולם הבא".

89) שם, סימן שפ"ח, סעיף י"ב: „וכבר פשט התיקון והמנהג, שמנהיגי הקהילה יצ"ו עומדים על המשמר שלא לעשות שקר ועוולה לגויים, ומכריזים ונותנים רשות לפרסם ולגלות לגויים על האנשים אשר לוקחים בהקפה או לוים בהלואה ואין דעתם לשלם, והכל מדעת המנהיגים".

90) ויקרא, י"ח.

91) ציטירט אין ספר „עצי־עדן" פון קאָמארנער רבין אין זיין הקדמה צו סדר זרעים: „הכריזו עליו ברקיע, שיזכה לקבוע הלכה כמותו, על שלמד בטהרה לשם אל עולם".

92) שו"ת „דברי־חיים", סימן כ"ב: „דברי פרי־מגדים בכל מקום הם קלורין לעינים, ודבריו מתלהבים בקדושה נפלאה ובחריצות בפלפול וסברא ובקיאות".

93) אין דער הקדמה צו זיין ספר „נטריקן": „עיר מולדתי בק"ק שטעריץ, סמוך ונראה לק"ק לבוב־לעמבערג שלש פרסאות, ואבי הרב אדוני מהר"ר מאיר ז"ל במהר"ר יוסף מק"ק סווירז ואמי מורתי הרבנית הצנועה מרת גיטל תחי', ואז הייתי בן חצי שנה,

ובלבוב נתגדלתי והייתי שם מגיד מישרים ומ״ץ בערך שבע שנים ממלא מקום אדוני אבי הרב ז״ל.

94) ציטירט פונעם כתב־יד אין „שרי־המאה״ פון הרב י. ל. מיימון, ח״א, זייט 75.

95) אין אָריגינאַל: „ידוע מעלת אדוני אבי הרב החסיד ז״ל פה ובשאר קהילות גדולות, אשר זכה וזיכה הרבים בתוכחותיו ומוסריו שדרש ברבים, וכמה תקנות והנהגות טובות שתיקן בכמה קהילות, כאשר ידוע לרבים. ונפטר בשם טוב פה לבוב בשנת תיו קוף למד לאלף השׁשי, יום ב׳, י״ט תמוז. ואחר ארבע שנים — כי לא הייתי בביתי ועסקתי בדפוס ספרי פרי־מגדים ליורה־דעה בברלין — קבלוני קהל קודש לבוב למגיד מישרים למלאות מקומו. וידעתי כי בשביל אבא מארי עשו זה, ומה לתבן את הבר? אנא חלא בר חמרא לא הגעתי בכל הענינים לאחד מקטני תלמידיו... אין בידי לא תורה ולא חכמה, ואף כמה שעסקתי בכל ימי בגפ״ת ופוסקים מעט מזעיר מה שעלה בידי״.

96) ער שרייבט: „ואם לפעמים יראה המעיין איזו בקיאות בספרים שחיברתי, גנוב הוא אתי בתחבולות והמצאות, כי תהלה לאל עתה ספרי הדפוס מצויים בתכלית היופי עם מראה־מקומות כמו „מסורת־הש״ס״ ו„עין־משפט״.

97) „אומר אני לך, ידידי המלמד החשוב, עשה ואל תתאוה לכבוד מדומה. אשרי מי שלומד עם התינוקות לשם שמים״.

98) אין דער הקדמה צום „פרי־מגדים״ „אורח־חיים״: „ואני דומה לעני, אשר ניתנה לו רשות מאת המלכים והשרים לילך בחצריהם וטירותיהם יום יום לעת האוכל ללקוט משיורי הסעודה, ומתוך הרגלו שם מכיר ברמזים וקריצותם ונהנה מהם. ולפעמים מוצא שם דרך הילוכו איזו אבן יקרה בחצרם, וגם לוקח מהם בגדים ישנים, חתיכות קטנות אין בהן שלש על שלש ועושה לו בגד מהן, וׄשש ומתפאר בגוונין הרבה. כן אני במיליי, והוא בגד לנפשי, במה אשכב, אם לא במעט שחנני ה׳ ממה שלקטתי מאמריהם ויופי הפנינים שלהם״.

99) אין דער הקדמה צום „פרי־מגדים״ „יורה־דעה״: „הגאונים המפורסמים בעל הט״ז והש״ך ז״ל, אשר הארץ ומלואה האירו באור תורתם על השולחן־ערוך... חס ושלום אל יעלה על דעת שום אדם, שאני באתי לסתור ולהקשות על דבריהם ז״ל... אדרבה אני מחזק ומאשר דבריהם בכל מה דאפשר, וכמה טרחות טרחתי וכמה זמן ועידנים עיינתי במקום אחד עד שהבנתי דבריהם הנאמרים באמת וצדק בקיצור מופלג כפי רוחב שכלם״.

100) אין דערזעלביקער הקדמה: „כאשר עקרת הבית צועקת ללחם לפי הטף ושמלה בלי חמלה, הן המה יסורים שאינם של אהבה, אז אני פותח הספר ולומד, והוא עיר מקלטי להנצל מכל רע״.

101) „הרב המובהק מהרי״ק והרב מהרמ״א עליהם ידי הגיפותי והשגות נכבדות עליהם השגתי״.

102) שו״ת „גנת־וורדים״ לר׳ אברהם הלוי, ח״א, סימן י׳: „מפני ששלח — הפרי־חדש — רסן לשונו לדבר תועה על גדולי ישראל ועל רבנו בית־יוסף, וכתב שטעה כדבר איש על תלמיד קטן, וקבצו חכמי־ישראל, וגם שני רבנים הנמצאים מארץ אחרת, ועלתה הסכמתם לבלי לשלוח יד במחבר עצמו... וגזרו והחרימו שלא יקרא אדם בספר הלז לא קריאת עראי ולא קריאת קבע״.

103) „שם־הגדולים״, מערכת־גדולים, ערך חזקיה: „וכבר ידוע הסכמת מצרים שלא ללמוד ספרו (פרי־חדש)... וכיום הזה כל חכמי־ישראל שותים בצמא את דבריו״.

104) „בזמננו זה הגביר הקצין כבוד מה״ר דניאל ברלין יפה עשה ויפה אמר, גם אותי הכניס בבית־מדרשו כמה שנים ולמדתי שם מה שאהבה נפשי בספרים רבים אשר יש שם, והמניח כתר תורה על ראש נדיב זה לא משתבש״.

105) ס׳איז ווערט צו ציטירן זיינע ווערטער אין דער הקדמה צום „משובב־נתיבות״: „רב גיל מלאתי עוד אחרי רואי, כי אחד מאנשי־שם ומעלה, גדול בתורה כאחד מגאוני זמננו שקם על ספרי, איזן וחיקר במאמרי, ושם כל מעייניו בו, הוא ידידי ומכרי הרב הגאון בעל המחבר ספר „נתיבות־המשפט״ על חושן־משפט חלק ראשון, ותקטן עוד זאת בעיניו עד כי שם אל לבו לצרף דברי במצרף הבחינה להגות ממני כל סיג ודופי, כפי דעתו,

ולירות בחיצי השגותיו על כל אשר לא נכון בעיניו. אולם נפרדות ושונות הנה מחשבות בני אדם בכל דבר השכל, ואף כי בחכמת־התלמוד העמוקה מני ים, לא אשר ירחיק האחד ירחיקו הכל, וכאשר בינותי בטענותיו ואמצא אותן בלתי משקיפות ובלתי מגיעות אל המטרה, אמרתי לכתוב תשובותי על ספרו״.

106) אין יוניווערסל דזשואיש ענציקלאָפּעדיא איז בטעות אָנגעגעבן קאַליש אין קאָנ־גרעס־פּוילן. ריכטיק איז קאלוש אין גאַליציע. זע „לתולדות הגאון בעל „חוות־דעת״ ז״ל, פון ד״ר יצחק לעווין אין יובל־בוך לכבוד הרב ד״ר יונג, ניו־יורק, תשכ״ב.

107) זע: „החפץ־חיים״, חייו ופעלו, מאת הרב מ. מ. ישר, הוצאת נצח, תל־אביב, תשכ״א.

108) וועגן „פרי־מגדים״ שרייבט ער: „אשר הוא ספר נכבד מאד, אשר בו בכל סימן ענינים מחודשים למעשה, ונתפשטו הוראותיו בישראל״, און דעריבער וואונדערט ער זיך, וואָס ניט דער „שערי־תשובה״ און ניט דער „פתחי־תשובה״ ציטירן אים, און דאָס איז געווען איינע פון די סיבות וואָס האָבן אים באַוואויגן צו פאַרפאַסן דעם „משנה־ברורה״.

ד״ר יצחק לעווין

* * * *

דער חרם אַלס עקזעקוטיוו־מיטל פון „וועד ארבע ארצות״

1. איינלייטונג

2. די פאַרשידענע מינים פון חרם

3. די קאָנסעקווענצן פון חרם

4. די שטראָפן פאַר עובר זיין דעם חרם

5. פאַר וואָס האָט מען אַריינגעלייגט אין חרם

6. דער חרם אין דער האַנט פון אַ יחיד

7. דער חרם אויף באַנקראָטניקעס

8. די אָפּגעשוואַכטע אויטאָריטעט פון חרם אין 17טן יאָרהונדערט

הערות

1. איינלייטונג

עס איז ליידער נאָך נישטאָ קיין אויסשעפּנדיקע פאָרשונג וועגן „וועד ארבע ארצות", וועלכן גרעץ באַטראַכט אַלס איינע פון די וויכטיקסטע שאַפונגען פון יידישן פאָלק במשך דער גאַנצער גלות־געשיכטע[1]). יידישע היסטאָריקער האָבן, וואָס אַן אמת, באַהאַנדלט אַ גאַנצע ריי פון פּראָבלעמען אין שייכות מיט די אַקטיוויטעטן פון „וועד", אָבער אַ סינטעטישע אַרבעט וועגן אים איז נישטאָ.

די וואַרשיינלעכע סיבה איז דער פאַקט, וואָס עס פעלט אונדז דער וויכטיקסטער מקור פאַר אַזאַ פאָרשונג — דער פּינקס פון „וועד ארבע ארצות" גופא. עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז אַזאַ פּינקס האָט עקזיסטירט; דער „וועד" האָט פון ערשטן אויגנבליק פון זיין עקזיסטענץ נאָטירט זיינע באַשלוסן. וואָלטן מיר געהאַט דעם פּראָטאָקאָל־בוך, וואו דידאָזיקע באַשלוסן זיינען געוואָרן אויפגעשריבן, דאַן וואָלט שוין לאַנג געווען אַ סינטעטישע אַרבעט וועגן „וועד". אָבער דער פּינקס איז פאַרשוואונדן. עס זענען פאַרבליבן בלויז דריי בלעטער פון אַן אָריגינעלן פּינקס פון „וועד ארבע ארצות" אין דער שטאָט דובנא. מען קען אָננעמען, אַז עס זענען לכתחילה געווען איניקע אָריגינעלע אָפּשריפטן פון דאָזיקן פּינקס, דאָס הייסט, אַז אין איניקע שטעט האָט מען געהאַלטן אין די קהילה־אַרכיוון קאָפּיעס פון פּינקס, אָבער פון אַלע קאָפּיעס זענען פאַרבליבן נאָר די דריי בלעטער אין דובנע. שמעון דובנאָוו האָט געהאַט די דאָזיקע בלעטער און ער האָט זיי איבערגעגעבן דעם ייוו"אָ אין ווילנע.

עס זענען אָבער פאַרבליבן הונדערטער, אפשר נאָכמער, נאָטיצן וועגן „וועד ארבע ארצות" אין אַנדערע מקורים. כמעט יעדע יידישע קהילה אין פּוילן האָט אין איר לאָקאַלן פּינקס אַמאָל פאַרנאָטירט עפּעס וועגן אַ באַשלוס פון „וועד ארבע ארצות". עס איז אויך פאַרבליבן אַ שלל מיט ידיעות וועגן אים אין אָפיציעלע פּוילישע דאָקומענטן און אין יידישע ספרים, ווי שאלות־ותשובות, אָדער הסכמות צו ספרים, וועלכע דער „וועד" האָט געגעבן. פון די אַלע מקורים האָט ישראל היילפּרין צונויפגעשטעלט דעם „פּינקס וועד ארבע ארצות", וועלכער איז געדרוקט געוואָרן אין ירושלים אין יאָר תש"ה (1945). דערדאָזיקער פּינקס איז, ווי עס ווערט געזאָגט אין אונטער־קעפּל פון ספר, „אַ צונויפקלייב פון תקנות, פאַרשרייבונגען און נאָטיצן". דאָס איז אַ ווערטפולע אַרבעט, אַ פרוכט פון לאַנגע יאָרן מי און מאַטערניש, אָבער ליידער קען דאָס נישט פאַרטרעטן דעם אָריגינעלן פּינקס, וואָס איז פאַרשוואונדן.

מיר וואָלטן דאָ געוואָלט געבן אַן איבערבליק וועגן איין אַספּעקט פון דער טעטיקייט פון „וועד ארבע ארצות" און צו דעם צוועק באַנוצן סיי דעם

„פינקס וועד ארבע ארצות" פון היילפרינען, סיי אַנדערע מקורים, וועלכע זענען אונדז איצט צוגענגלעך. דאָס איז די עקזעקוטיוו־מאַכט פון „וועד". דער „וועד ארבע ארצות", אַלס העכסטער אויסדרוק פון יידישער אויטאָ־נאָמיע אין פוילן, האָט געהאַט, און האָט געמוזט האָבן, אַ מעגלעכקייט אויפצו־צווינגען זיינע באַשלוסן אויף יחידים און אויף די איינצלנע קהילות. וויאַזוי איז דאָס געמאַכט געוואָרן? דער „וועד" האָט זיך צו דעם צוועק באַנוצט מיטן חרם.

וועגן חרם איז פאַראַן אַן אַרבעט פון שרייבער פון דידאַזיקע שורות, אין דער פוילישער שפּראַך, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין לעמבערג אין יאָר 1932 [2]). דידאַזיקע אַרבעט, הגם זי באַהאַנדלט מער די צושטאַנדן אין ליטע, באַריקזיכטיקט אויך די פאַרהעלטענישן אין פוילן. די סיבה, פאַרוואָס ליטע איז בעיקר אין מיין בוך געוואָרן באַהאַנדלט, איז אַ גאָר פּשוטע: ווייל וועגן ליטע האָבן מיר דעם ערשטן מקור, וועלכער פעלט אונדז לגבי פוילן. דער פּינקס פון דעם ליטווישן וועד, וועלכער איז זינט דעם יאָר 1623 געווען זעלבשטענדיק און האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעריסן פון „וועד ארבע ארצות", איז פאַרבליבן אין גאַנצע דריי קאָפּיעס [3]). אויפן סמך פון דאָזיקן מקור איז געווען מעגלעך אָנצושרייבן אַ גענויע מאָנאָגראַפיע וועגן דעם באַנוצן זיך מיטן חרם אין ליטע.

מיר וועלן אַריינעמען אין אונדזער איצטיקער אַרבעט אויך אַן איבער־בליק וועגן חרם לויטן יידישן דין. אַזויווי די קאָדיפיקאַציע פון יידישן דין אין „שולחן־ערוך" איז צושטאַנד געקומען כמעט אין דערזעלבער צייט ווי עס האָט אָנגעהויבן זיין עקזיסטענץ דער „וועד ארבע ארצות" (אין דער צווייטער העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט), איז קלאָר, אַז דער דין אין „שולחן־ערוך" מיט די הגהות פון ר' משה איסערלש (דער רמ"א) איז געווען דער וועגווייזער פאַרן „וועד". מיר וועלן, נאַטירלעך, אויך זיך שטיצן, וואו עס איז נייטיק, אויף די באַשלוסן פון „וועד מדינת ליטא", ווייל זייער אָפּט איז די טעטיקייט פון דאָזיקן ליטווישן „וועד" געווען אַ פּאַראַלעלע צום „וועד ארבע ארצות".

2. די פאַרשידענע מינים פון חרם

עס זענען געווען פאַרשידענע סאָרטן פון חרם. שוין די באַצייכענונג אַליין האָט געוויזן, אַז עס איז נישטאָ קיין איינהייטלעכקייט בנוגע דערדאָזיקער שטראָף: חוץ דעם וואָרט „חרם", האָט מען זיך באַנוצט מיט נאָך צוויי אַנדערע באַצייכענונגען, „נידוי" און „שמתא". צוזאַמען האָט מען טיילמאָל די דריי סאָרטן אָנגערופן מיט די ראשי־תיבות „נח"ש" (נידוי, חרם, שמתא) און מען האָט אָפּט ציטירט דעם פּסוק אין קוהלת (י', ח') „ופורץ גדר ישכנו נחש", בשעת מען האָט אָנגעזאָגט די שטראָף, ווייל דאָס וואָרט „נחש"

(די שלאַנג) האָט דעמאָלט געדאַרפט ווערן פאַרשטאַנען אַלס די ראשי־תיבות פון „נידוי", „חרם" און „שמתא".

וואָס איז דער חילוק צווישן די דריי סאָרטן?

לכתחילה איז „נידוי" געווען אידענטיש מיט „שמתא" און ביידע האָבן געדאַרפט ווערן פאַרשטאַנען אַלס ערשטע, עטוואָס לייכטערע שטופע פון דער שטראָף. „חרם" איז געווען די צווייטע און העכערע שטופע.

אין די „תשובות הגאונים" געפינען מיר די פראַגע: „וואָס איז חרם און וואָס איז שמתא?" — און דערויף קומט פאָלגנדיקע תשובה: „שמתא מיינט, אַז מען לייגט עמעצן אַריין אין נידוי און מען שרייבט אויף אים אַ פּתיחה (ד"ה אַן אָנהייב). נאָך דרייסיק טעג, אויב דער מענטש געפינט זיך אין נידוי און ציט זיך נישט צוריק (פון פאַרברעכן), שרייבט מען אויף אים אַ חרם און מען שליסט אים אויס פון כלל־ישראל".

דער רמב"ם אין זיין „משנה תורה" (הלכות תלמוד תורה, פרק ז') האָט אויך אָנגענומען אַז „נידוי" און „שמתא" זיינען איינס און דאָסזעלבע, נאָר לויט אים איז דאָס אַריינוואַרפן עמעצן אין „נידוי" פאַרגעקומען דורך אַ דערקלערונג, אַז „פלוני יהיה בשמתא". פון דעם זעט מען, אַז די פּאָפּולערע באַצייכענונג איז געווען „נידוי" און די אייגנטלעכע פאָרמולע האָט דווקא געקענט זיין דאָס וואָרט „שמתא". אויך לויטן רמב"ם איז „חרם" די צווייטע שטאַרקערע פאָרם פון דער שטראָף. דער „שולחן־ערוך" איז נאָכגעגאַנגען דעם רמב"ם, אָבער מיט געוויסע ענדערונגען: דער „נידוי" איז פאַרבליבן די ערשטע און לייכטערע שטופע, וואָס האָט געדאַרפט ווערן איבערגע־חזרט נאָך דרייסיק טעג. ערשט נאָכן צווייטן „נידוי" און נאָך די צווייטע דרייסיק טעג איז געקומען די ריי אויפן „חרם". עס ווייזט אויך אויס, אַז די פאָרמולע ביים „נידוי" איז נישט געווען: פלוני יהיה בשמתא", נאָר „פלוני יהיה בנידוי".

חוץ די צוויי פאָרמען, זענען געווען נאָך צוויי: איינע אַ גאָר לייכטע, וואָס האָט זיך גערופן „נזיפה", און איינע אַ גאָר שווערע, וואָס האָט זיך גערופן „חרם־הגדול" אָדער „חרם יהושע בן נון" אַלס רמז אויפן חרם, אין וועלכן יהושע האָט אַריינגעוואָרפן די שטאָט יריחו).

די „נזיפה" איז געווען אַן איין־טאָגיקע (עווענטועל: זיבן־טאָגיקע) אָפּ־שליסונג פון באַשטראָפטן פון פאַרקער מיט דער דרויסנדיקער וועלט. די קאָנסעקווענצן פון חרם זיינען נישט אָנגעגאַנגען.

דער „חרם־הגדול" האָט זיך אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע סאָרטן נאָר מיט דעם, וואָס ביים פאַרעפנטלעכן אים האָט מען עס געמאַכט נאָך שטרענגער, מיט באַזונדערע חומרות.

נאָך אַ וואָרענונג, וואָס האָט ביי געלט־ענינים געדאַרפט פאָרקומען דריי מאָל, ביי ענינים פון עובר־זיין אויף אַן איסור איין מאָל, איז דער חרם געוואָרן שריפטלעך פאַרעפנטלעכט אויף דער טיר פון דער שול. טייל־מאָל האָט דאָס אויסקלעפן דעם צעטל געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַן עפנט־

לעכער התראה, טיילמאַל איז עס געווען אַ מין באַקאַנטמאַכונג, אַז דער חרם איז געוואָרפֿן געוואָרן.

ווען דעם, וויאַזוי עס איז פֿאָרגעקומען דאָס וואָרפֿן פֿון אַ חרם, דער־ציילן אונדז די פּינקסים פֿון די יידישע קהילות אין פּוילן. מען האָט אַרויס־גענומען אין שול די ספר־תורהס פֿון ארון־הקודש ווען מען האָט געוואָרפֿן אַ „חרם" אָדער אַ „חרם־הגדול"; דאַקעגן ביי אַ „נידוי" האָט מען דאָס נישט געטאָן. טיילמאַל רעדט זיך פֿון זיבן ספר־תורהס, וועלכע מען פֿלעגט אַרויסנעמען ביי אַ חרם.

דאַן האָט מען געבלאָזן שופר און אויסגעלאָשן די ליכט.

טיילמאַל האָט מען געבראַכט אין שול די מיטה, אויף וועלכער מען פֿלעגט טראָגן אַ „בר־מינן" ביי אַ לוויה. די מיטה האָט סימבאַליזירט דעם טויט, צו וועלכן דער מוחרם איז געווען פֿאַראורטיילט. נאָכן אויסרופֿן דעם חרם פֿלעגט מען טיילמאַל שיטן ערד אויף דער מיטה, כדי צו סימבאַליזירן דאָס באַגראָבן פֿון מוחרם.

דאָס וואַרפֿן פֿון חרם אָדער נידוי איז פֿאָרגעקומען אין די טעג פֿון קריאת־התורה (מאָנטיק אָדער דאָנערשטיק), נאָך שחרית. עס פֿלעגט אויך פֿאָרקומען ערב־ראש־חודש (ביי „יום־כיפור־קטן") אָדער אין ראש־חודש גופא.

ווען וואַרפֿן אַ חרם אין שבת איז נישטאָ קיין איינהייטלעכע מיינונג ביי די פּוסקים. דער רמב"ם און ר' יוסף קאַרו זאָגן, אַז מען טאָר דאָס נישט טאָן; אין די תשובות הגאונים געפֿינען מיר, אַז מען מעג יאָ. דער רשב"א האָט געוואָרפֿן אין אַ שבת דעם באַרימטן חרם קעגן די, וואָס שטודירן (אין נישט דערלויבטן עלטער) פֿילאָסאָפֿיע אָדער נאַטור־וויסנשאַפֿטן. אין פּוילן איז געווען פּראַקטיצירט, אַז מען האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ חרם (און מסתמא אויך נידוי) גראָד אין אַ שבת. מען קען נאַטירלעך אָננעמען, אַז דעמאָלט זיינען אָפּגעפֿאַלן יענע טיילן פֿון צערעמאָניאַל, וואָס זיינען נישט געווען דערלויבט אין שבת (למשל: דאָס פֿאַרלעשן ליכט אָדער תקיעת־שופר).

מיר געפֿינען ידיעות וועגן אַ חרם, וואָס איז געוואָרן געוואָרפֿן אין ראש־השנה און אַפֿילו אין יום־כיפור. דער רמ"א זאָגט, אַז עשרת־ימי־תשובה טאָר מען נישט מחרים זיין, אָבער עס ווייזט אויס, אַז דאָס האָט זיך באַצויגן נאָר צו אַ חרם וועגן געלט־ענינים.

ווען דער חרם איז געוואָרן פֿאַרעפֿנטלעכט און מען האָט שוין געהאָט אויסגעקלעפּט די ידיעה וועגן דעם אויף דער טיר פֿון דער שול (וואָס האָט טיילמאַל געקענט נאָך פֿריער פֿאָרקומען), פֿלעגט מען צעשיקן בריוו צו די אַרומיקע שטעט און זיי מודיע געווען וועגן וואָרפֿן פֿון חרם. דאָס האָט געהאַט דעם צוועק צו וואָרענען די אַרומיקע קהילות, אַז זיי זאָלן האַלטן דעם מוחרם אין אָפּזונדערונג, אויב ער זאָל זיך ביי זיי באַווייזן.

די פֿאַרעפֿנטלעכונג פֿון חרם איז נישט פֿאָרגעקומען איין מאָל, נאָר איז איבערגעחזרט געוואָרן. די צווייטע און דריטע פֿאַרעפֿנטלעכונג האָט

געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ הכרזה, אַז דער מענטש געפינט זיך נאָך אַלץ אין חרם. דער רעגולערער צערעמאָניאַל, וואָס איז געווען פּראַקטיצירט ביים ערשטן פאַרעפנטלעכן, איז נישט געווען מער נייטיק.

וואָס איז געווען דער טעקסט פון חרם?

אָט איז אַ פּאָפּולערער נוסח:

„לויט דער גזירה פון די וואַכנדיקע מלאכים און דעם באַפעל פון די הייליקע, לייגן מיר אין חרם און באַשווערן און לייגן אין נידוי און שמתא און פאַרשעלטן, אויף דער דעה פון ג־ט און פון קהל —

„מיט דערדאָזיקער ספר־תורה און די 613 מיצוות, וואָס געפינען זיך אין איר —

„מיטן חרם, וואָס יהושע האָט געוואָרפן אויף יריחו [3]),

„מיט דער קללה, וואָס אלישע האָט געוואָרפן אויף די יינג־לעך [4]),

„מיט דער קללה, וואָס ער האָט געוואָרפן אויף גחזין [5]),

„מיט דער שמתא, וואָס ברק האָט געוואָרפן אויף מרוזן [6]),

מיט דער שמתא, וואָס עס האָבן געוואָרפן די אנשי־כנסת־הגדולה,

„מיט דער שמתא, וואָס ר׳ יהודה בר יחזקאל האָט געוואָרפן אויף דעם קנעכט [7]),

„און מיט אַלע חרמות, קללות, נידויים און שמתות, וואָס זענען פאָרגעקומען פון די טעג פון משה רבינו ביז איצט,

„אין נאָמען פון אתריאל...; אין נאָמען פון מיכאל, דעם גרויסן שר; אין נאָמען פון מטטרון...; אין נאָמען פון סנדלפון...; אין נאָמען פון די גלגלים און אופנים און די חיות־הקודש און די מלאכי־השרת; אין נאָמען פון אַלע הייליקע מלאכים, די משרתי־עליון —

„פלוני בן פלוני אָדער פלונית בת פלוני [8]),

„פאַרשאָלטן זאָל ער זיין פון ג־ט, דעם אלקי ישראל, יושב־הכרובים,

„פאַרשאָלטן זאָל ער זיין פון פאָרכטיקן שם, וואָס גייט אַרויס פון כוהן־גדולס מויל אין יום־כיפור,

„פאַרשאָלטן זאָל ער זיין אין הימל און אין דער ערד,

„פאַרשאָלטן זאָל ער זיין פון ג־ט און פון מיכאלן און פון מטטרון און פון אכתריאל און די שרפים און די אופנים און די חיות־הקודש און די מלאכי־השרת, וואָס דינען דעם אַלמעכטיקן מיט קדושה און מיט טהרה,

„אויב ער איז געבוירן געוואָרן אין חודש ניסן, וואָס דער

נאָמען פון זיין מלאך, וועלכער שטייט אין שפּיץ פון זיין
גרופּע און זיין מזל איז אוריאל — זאָל ער זיין פאַרשאָלטן
פון אים און פון זיין גאַנצער גרופּע!
„אויב ער איז געבוירן געוואָרן אין חודש סיון...[9])
זיין מזל איז צפניאל — זאָל ער פאַרשאָלטן ווערן פון אים
און פון זיין גאַנצער גרופּע!
„אויב ער איז געבוירן געוואָרן אין חודש סיון, וואָס...[9])
„אויב ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ זונטיק — דאַן זאָל
ער ווערן פאַרשאָלטן פון מלאך אדוניאל!
„אויב ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ מאָנטיק — דאַן...[10])
„אויב ער איז געבוירן געוואָרן אין דער תקופה פון פרילינג
—זאָל ער ווערן פאַרשאָלטן פון מלאך אליגאל![11])
„זאָל ער זיין פאַרשאָלטן פון די זיבן היכלות און פון די
שרי־התורה..." [12])

נאָך דערדאָזיקער פאָרמולע פון חרם, וואָס בעת איר דורכלייענען אין שול האָט דער פאַרשאָלטענער געדאַרפט זיין דערביי (צוזאַמען מיט זיין מישפּחה), האָט מען געזאָגט אַ „מי־שברך", וואָס האָט געלויטעט אַזוי:

„מי שברך אברהם יצחק ויעקב משה ואהרן דוד ושלמה ונביאי ישראל וחסידי עולם הוא יברך כל הקהל הקדוש הזה עם כל קהילות הקודש לבד מי שעובר על החרם הזה, המקום ברחמיו ישמרם ויושיעם ויצילם מכל צרה וצוקה ויאריך ימיהם ושנותיהם וישלח ברכה והצלחה בכל מעשה ידיהם ויגאלם בקרוב עם כל ישראל חברים וכן יהי רצון ונאמר אמן" [12]*).

3. די קאָנסעקווענצן פון חרם

נאָכדעם ווי אַ חרם אָדער נידוי איז געוואָרן געהעריק פאַרעפנטלעכט, האָט ער אָנגעהויבן צו ווירקן. חוץ דעם שטאַרקן פּחיתות־הכבוד, וואָס דער חרם אָדער דער נידוי האָט גורם געווען פאַרן מוחרם אָדער מנודה, איז געווען אַ גאַנצע ריי פון קאָנסעקווענצן, וועלכע האָבן געהאַט דעם ציל אָפּצוזונדערן דעם מענטש פון דער געזעלשאַפט.

קודם־כל האָט מען נישט געטאָרט זיך געפינען אין די ד' אַמות (פיר איילן) פון אַ מנודה (און נאַטירלעך אויך פון אַ מוחרם). פיר איילן פון יעדן צד (דאָס הייסט, בסך־הכל אַ שטח פון אַכט איילן) זענען געווען פאַרבאָטן צו באַטרעטן. אויב אָבער אַ מוחרם אָדער אַ מנודה זענען צו־געקומען צו אַ מענטש, האָט יענער נישט געדאַרפט אַנטלויפן. דאַקעגן אין

דער דירה פון אַ מנודה האָט מען בכלל נישט געטאָרט אַריינגיין, ווייל דאָס האָט זיך גערעכנט אַלס זיינע „פיר איילן".

פון דעם איסור צו דערנעענטערן זיך צו די ד' אַמות פון אַ מנודה האָט זיך אַנטוויקלט דער פאַרבאָט, אַז ער טאָר נישט אַריינקומען אין אַ שול. ווייל הגם מען האָט פון אים נישט געדאַרפט אַנטלויפן, אָבער מען האָט דאָך נישט געטאָרט צו אים צוקומען, דעריבער האָט דאָס געמוזט גורם זיין אַ שטופעניש אין דער שול, וואָס מען האָט געוואָלט אויסמיידן. די אַנוועזנהייט פון אַ מנודה אָדער מוחרם אין שול האָט נאָך נישט גורם געווען, אַז מען זאָל מוזן אויפהערן צו דאַווענען, הגם מען האָט אים נישט געטאָרט מצרף זיין צו מנין און אויך נישט צום בענטשן מזומן. לויטן רמ"א[13]), האָט מען זיך נוהג געווען אַרויסצוטרייבן אַ מנודה פון שול, כדי עס זאָל נישט זיין צוליב אים אַ שטופעניש אין שול.

די משפחה (פרוי און קינדער) פון מנודה האָבן געמעגט זיין אין זיינע ד' אַמות. אויך דאָס הויז־געזינד איז געווען אַרויסגענומען פון פאַרבאָט.

דער מינהג אַרויסצוטרייבן אַ מנודה פון שול איז געוואָרן פאַרקרעפטיקט אין ליטע. אין יאָר 1639 האָט דער „וועד מדינת ליטא" באַשלאָסן, אַז דריי טעג נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם חרם דאַרף מען אַרויסהענגען אַ צעטל מיטן נאָמען פון מוחרם אויף דער טיר פון דער שול און כל־זמן מען וועט אים נישט אַראָפּנעמען פון דער טיר, טאָר דער מענטש נישט אַריינקומען אַהין[14]). אין יאָר 1662 האָט מען דעמדאָזיקן באַשלוס נאָך פאַרשאַרפט. מען האָט פעסטגעשטעלט, אַז די מוחרמים קומען מיט געוואַלד אַריין אין די שולן, דעריבער האָט מען אויפגעפאָדערט די לאָקאַלע מנהיגים, אַז זיי זאָלן דאָס נישט דערלאָזן און תיכף אַריינזעצן אין תפיסה אַ מוחרם, וואָס וועט זיך אַריינרייסן אין אַ שול. מען האָט נאָך צוגעגעבן, אַז אויב אַ קהילה־מנהיג אַליין וועט אַריינפאַלן אין אַ חרם, דאַן ליגט דער חוב אויפן רב צוזאַמען מיטן חזן און מיטן שמש, אַז זיי זאָלן נישט דערלאָזן דעם מנהיג־מוחרם אַריינקומען אין דער שול[15]).

די פאַרבינדונג מיטן מנודה אָדער מוחרם איז געווען פאַרבאָטן נישט בלויז דורך דער פליכט זיך צו דערווייטערן פון זיינע ד' אַמות. מען האָט נישט געטאָרט צוזאַמען מיט אים עסן. מען האָט אָבער געמעגט מיט אים ריידן, אויסער אויב דאָס איז געווען באַזונדער פאַרבאָטן דורכן בית־דין. דאָס ריידן מיט אַ מנודה האָט נישט געטאָרט האָבן דעם כאַראַקטער פון אַ פריינטלעכן שמועס, נאָר זיך געדאַרפט באַשרענקען אויפן נייטיקסטן.

בנוגע צווי פּרטים, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צום פאַרבאָט אָנצוהאַלטן וועלכן קאָנטאַקט מיט אַ מוחרם, איז געווען אַ חילוק, צי יענער איז געווען אין אַ חרם אָדער אין אַ נידוי. די פּרטים זיינען געווען:

1. צי מעג מען אים לערנען אָדער פון אים לערנען?
2. צי מעג מען מיט אים האַנדלען?

לגבי אַ מנודה איז אויףביידע פראַגן געענפערט געוואָרן מיט אַ „יאָ״, לגבי אַ מוחרם — מיט אַ „ניין״.

דער פאַרבאָט צו האַנדלען מיט אַ מוחרם איז געוואָרן באַזונדער באַטאָנט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. אין אַ חרם, למשל, וואָס איז געוואָרן געוואָרפן אין פויזן אין יאָר 1691, האָט מען אויסדריקלעך געזאָגט, אַז מען טאָר מיט קיין מענטשן, וואָס וועט עובר זיין אויף דעם חרם, נישט האַנדלען (נישט קויפן און נישט פאַרקויפן); אויב ער איז אַ בעל־מלאכה, טאָר מען אים קיין שום אַרבעט נישט געבן און אויך אים בכלל נישט באַשעפטיקן [16]).

אין שייכות מיטן פאַרבאָט פון אָנהאַלטן וועלכן קאָנטאַקט מיט אַ מוחרם שטייען אייניקע אויסדרוקן, וועלכע מיר געפינען ביים וואַרפן אַ חרם: „פתו פת כותי, יינו יין נסך״. מיט דעם האָט מען דערקלערט, אַז מען טאָר נישט עסן זיין ברויט און נישט טרינקען זיין וויין. טיילמאָל איז אויך געווען צוגעגעבן: „שחיטתו שחיטת נכרי״ אָדער „שחיטתו נבילה״. דאָס האָט געמיינט, אַז ער האָט נישט געטאָרט שעכטן אויף כשר און אויב ער האָט עס יאָ געטאָן, דאַן איז עס געווען באַטראַכט ווי די שחיטה פון אַ גוי, דאָס הייסט — נבילה.

אָבער די צוגאָבן זענען נישט געווען קיין אויטאָמאַטישע קאָנסעקווענצן פון יעדן נידוי אָדער חרם. דאָס איז נאָר געווען אַ באַזונדערע פאַרשאַרפונג. לויטן שולחן־ערוך, זענען באַזונדערע פאַרשאַרפונגען דערלויבט און געהערן צו דער קאָמפּעטענץ פון בית־דין.

די אָפּזונדערונג פון כלל, וועלכע איז געווען דער אייגנטלעכער צוועק פון חרם און פון נידוי, האָט זיך נישט געענדיקט אפילו ווען דער מענטש איז געשטאָרבן. דער חרם האָט געהאַט זיינע קאָנסעקווענצן אויך נאָכן טויט פונעם מוחרם אָדער פונעם מנודה. עס קען זיין, אַז די דאָזיקע קאָנסעקווענצן זענען נאָך געווען שרעקלעכער, ווי די אָפּזונדערונג ביים לעבן.

דער דין איז געווען, אַז נאָכדעם, ווי אַ מנודה אָדער מוחרם איז געשטאָרבן, האָט מען געדאַרפט אַרויפלייגן אַ שטיין אויף דעם אָרון זיינעם. די קרובים האָבן נישט געדאַרפט זיך קריעה־רייסן, אויך אַנדערע דינים פון טרויער נאָכן טויט זיינען נישט געווען חל. מען האָט אָבער אויסדריקלעך באַטאָנט, אַז דאָס איז נאָר געזאָגט געוואָרן אין פאַל, ווען דער חרם אָדער נידוי זענען געווען צוליב אַ פאַרברעכן קעגן דת; אויב די סיבה איז געווען געלט (למשל: אַ נישט־באַצאָלטער חוב), דאַן האָט זיך אַלץ געענדיקט מיטן טויט. פונקט אַזוי, ווען דער פאַרברעכן איז געווען קעגן דת, אָבער דער מענטש האָט פאַרן טויט אַרויסגעוויזן חרטה, אין ביידע פאַלן האָט מען אפילו געקענט האַלטן הספדים נאָכן פאַרשטאָרבענעם, שוין נישט ריידנדיק וועגן קריעה־רייסן, שבעה־זיצן אאַז״וו.

אַז מען האָט נישט געמיינט קיין קאַטאָוועס מיט די באַשטימונגען וועגן אָפּזונדערן אַ מוחרם נאָכן טויט, קען מען זען פון אַ באַשלוס פון „וועד מדינת ליטא״ פון יאָר תנ״ה (1695), וועלכער האָט אָנגעזאָגט, אַז „די זינד

בלייבט אָפּגעהיטן צום טאָג פון דער אָפּרעכענונג, אַז מען זאָל זיך נישט מתעסק זיין מיט זיין (ד״ה דעם מוחרמס) קבורה, אַז מען זאָל זיינע זין נישט לאָזן זאָגן קיין קדיש און נישט אויפשטעלן קיין מצבה״.

לויט אַן אַלטן מקור, האָט מען נישט געטאָרט מאַכן אַ מוחרם קיין לוויה, די קרובים האָבן זיך געדאַרפט אָנטאָן אין ווייסע קליידער און אַלע האָבן זיך געדאַרפט פרייען, אַז דער מענטש איז געשטאָרבן.

האָט מען יאָ געמאַכט דעם מוחרם אַ לוויה, דאַן האָט זי זיך גערופן „קבורת־חמור״. דער אויסדרוק געפינט זיך אין אַ סך תשובות־ספרים פון פוילן און אויך אין די באַשלוסן פון „וועד ארבע ארצות״ און „וועד מדינת ליטא״. ער איז אויך געווען באַקאַנט ביי נישט־יידן [17]). דער מקור פון אויס־דרוק איז אין ספר ירמיהו כ״ב, י״ט, וואו עס שטייט אַזוי וועגן יהויקים בן יאשיהו מלך יהודה: „קבורת חמור יקבר סחוב והשלך מהלאה לשערי ירושלים (ער וועט באַגראָבן ווערן מיט אַ באַגרעבעניש פון אַן אייזל, מען וועט אים שלעפּן און אַוועקוואַרפן, אַוועק פון די טויערן פון ירושלים).

אין וואָס איז באַשטאַנען קבורת־חמור״?

במשך דער צייט האָבן זיך אויף אַ „קבורת־חמור״ צוזאַמענגענומען פאָלגנדיקע מינהגים:

1. די חברה־קדישא האָט זיך נישט מתעסק געווען מיטן בר־מינן;
2. מענטשן זענען נישט נאָכגעגאַנגען דער מיטה;
3. מען האָט אַרויפגעלייגט אַ שטיין אויפן אָרון;
4. מען האָט מבזה געווען דעם בר־מינן בשעת ער איז אַריבערגעפירט געוואָרן אויפן בית־עולם;
5. מען האָט קובר געווען דעם מת הינטער דעם גדר פון בית־עולם אָדער לפּחות וויט פון אַנדערע קברים;
6. מען האָט נישט געטאָרט אויפשטעלן קיין מצבה אויפן קבר;
7. מען איז נישט געזעסן קיין שיבעה;
8. מען האָט נישט געלאָזט זאָגן קיין קדיש די זין.

דער פּחד פאַר „קבורת־חמור״ איז געווען געוואַלדיק גרויס. ווען מען האָט אַמאָל, אין 18טן יאָרהונדערט, פאַרשריבן אין לאָנדאָן, אין ענגלאַנד, אין אַ פּינקס, אַז אַ געוויסער רייכער ייד, וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט, וועט באַגראָבן ווערן מיט אַ „קבורת־חמור״, האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט פאַר 800 טאָלער געקויפט אַן אייגענעם בית־עולם, כדי מען זאָל נישט קענען אויספירן דעם פּסק נאָך זיין טויט.

ווי אַזוי מען האָט מבזה געווען דעם מת, וואָס איז געווען פאַראורטיילט צו אַ „קבורת־חמור״, דערציילט אַ נאָטיץ אין פּראָפ׳ אַספּס בוך „העונשין אחרי חתימת התלמוד״. די נאָטיץ שטאַמט פון נישט קיין אַלטער תקופה, אָבער זי איז כאַראַקטעריסטיש: דעם מת האָט מען געלאָזט דורך גויים אַפּוואַשן אין שמוציקן וואַסער, דאַן האָט מען אים אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָגן פון אָפּפאַל, אַרויסגעריסן איין ראָד פון דעם וואָגן און איינגעשפּאַנט

אַן אַלט פערד, וואָס האָט לאַנגזאַם געצויגן דעם וואָגן איבער דער שטאָט. נאָך דעם וואָגן זענען נאָכגעלאָפן הינט. מען האָט אַרויפגעוואָרפן אויף דעם וואָגן עסן פאַר די הינט, וועלכע פלעגן זיך וואַרפן אויף דעם וואָגן. נאָכן אָנקומען פון דער „לוויה" אויפן בית־עולם, האָט מען באַגראָבן דעם מת הינטערן גדר.

חוץ די קאָנסעקווענצן פאַרן מוחרם און מנודה אַליין — סיי ביים לעבן סיי נאָכן טויט — זענען געווען אויך היפּשע צרות פאַר זיין משפחה.

קודם־כל האָט דאָס בית־דין געהאַט אַ רעכט צו באַשטימען, אַז מען זאָל נישט מל זיין די קינדער פון מנודה און מוחרם. אַ שאלה איז געווען, צי מען האָט דאָס געקענט אויך טאָן ביי אַ קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן נאָך פאַרן וואַרפן דעם חרם. אַז דאָס רעכט אָפּצוזאָגן די מילה פאַר די קינדער פון די מוחרמים איז געוואָרן פּראַקטיש אויסגעפירט, קען מען זען פון אייניקע באַשלוסן פון „וועד מדינת ליטא" (פון יאָר 1697 און 1752), וועלכע דערמאָנען דאָס אויסדריקלעך [18]). אין קראָקע האָט מען אין יאָר 1595 מיט דעם געדראָט די ידישע פּאַרמיטלער ביי דער „שליאַכטע" (די נאָבל־לייט) [19]).

ווייטער האָט מען געקענט אַרויסטרייבן די קינדער פון אַ מוחרם אָדער מנודה פון דער שולע. קעגן דעם איז אַפילו געווען אַן אָפּאָזיציע (דער מהרש"ל); מען האָט זיך נוהג געווען, אַז בלויז קליינע קינדער האָט מען צוריקגעשיקט, ווייל פאַר זיי האָט געדאַרפט זאָרגן דער מוחרם. די עלטערע קינדער זענען שוין געווען נישט־אָפּהענגיק פון אים.

מען האָט געקענט אויך אַרויסוואַרפן די פרוי פון מוחרם אָדער מנודה פון שול. אַ ווייטערדיקע קאָנסעקווענץ פאַר די מיטגלידער פון דער משפחה איז געווען, אַז מען האָט אויך זיי אָפּגעזאָגט די קבורה צוליבן מאָטיוו, ווייל דערפאַר האָט געדאַרפט דאגהנען דער מוחרם. בנוגע דעם זענען אויך געווען חילוקי־דעות.

טיילמאָל איז מען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט פאַרבאָטן מסדר־קידושין צו זיין ביי די קינדער פון אַ מוחרם און אויך אַסרן די שידוכים מיט זיי.

דער מוחרם אַליין איז געווען, אין געוויסע פאַלן, פּסול לעדות. זיין שבועה האָט קיין ווערט נישט געהאַט .ער האָט געהאַט אַליין די פליכט נישט צו שערן זיך די האָר און בכלל נוהג צו זיין ווי אַן אָבל.

4. די שטראָפן פאַר עובר זיין אויף אַ חרם

אויב אַ ייד איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם, דאַן האָט ער געדאַרפט זיין אָפּגעזונדערט פון כלל. וואָס איז אָבער געשען ווען ער האָט עובר־געווען אויפן חרם און זיך אַליין נישט אָפּגעזונדערט און וואָס האָט מען געדאַרפט טאָן מיט איינעם, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט אַ מוחרם?

דער מוחרם אַליין האָט געקענט עובר־זיין אויפן חרם אויף צוויי אופנים: אָדער ער איז אַקטיוו אויפגעטראָטן קעגן די נאָרמאַלע קאָנסע־קווענצן פון אַ חרם, אָדער ער האָט זיך פאַרהאַלטן פּאַסיוו און זיך נישט באַמיט, אַז מען זאָל אים באַפרייען פון חרם. אַ זייטיקער מענטש האָט, נאַטירלעך, געקענט עובר־זיין אויף אַ חרם נאָר דורך אַן אַקטיוון אויפטרעטן קעגן חרם, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק דורך אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיטן מוחרם.

דער דין איז, אַז אויב „זלזל בנידויו ובחרמו צריך לנהוג איסור כימים שנהג היתר קודם שיתירוהו" (שולחן־ערוך", יורה דעה, סימן של"ד, סעיף כ"ח). מען קען נישט אַראָפּנעמען דעם חרם אָדער דעם נידוי אויב עס איז נישט פאַרפולט געוואָרן די צאָל טעג, בעת וועלכע דער מענטש האָט געדאַרפט פאַרבלייבן אין חרם. אויב, למשל, במשך פינף טעג האָט ער אַליין נישט אָפּגעהיט די דינים פון אָפּגעזונדערטקייט אָדער פון זיין פער־זענלעכע התנהגות, דאַן האָט זיך אויטאָמאַטיש די דויער פון חרם פאַר־לענגערט מיט פינף טעג. אָבער דער „שולחן־ערוך" האָט אויף אַן אַנדער אָרט (יורה דעה, סימן ר"ה, סעיף ד') געזאָגט פאַרקערט, אַז „מי שעבר על נידוי אין צריך לנהוג איסור כימים שנהג בהם היתר". דידאָזיקע סתירה האָט ר' שבתי כהן (דער ש"ך) אויפגעקלערט אויף פאָלגנדיקן אופן: דאָס נישט־אָפּהיטן, וואָס דאַרף גורם זיין אַ פאַרלענגערונג פון חרם, באַציט זיך צום חרם גופא, אָבער נישט צו די פּערזענלעכע קאָנסעקווענצן פון חרם פאַרן מוחרם.

דאָס פּאַסיווע פאַרהאַלטן זיך פון מוחרם האָט געהאַט אַ באַזונדערע באַדייטונג דאָרט, וואו דער חרם האָט געהאַט אַ מאַטעריעלן צוועק. אויב, למשל, ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ חרם צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט באַצאָלט די חובות, דאַן איז דאָס פּאַסיווע פאַרהאַלטן זיך פון מוחרם געווען אַ באַווייז, אַז ער האָט נישט בדעה צו באַצאָלן דעם חוב. דאָס האָט, נאַ־טירלעך, געפאָדערט ווייטערדיקע שריט פון דער געזעלשאַפט לגבי אים.

דער „וועד מדינת ליטא" האָט באַלד אויף דער ערשטער סעסיע פון זיין גרינדונג, אין יאָר שפ"ג (1623) באַשלאָסן אָט וואָס:

> „אַ מוחרם, וואָס וועט זיך ניט באַפרייען פון חרם במשך דרייסיק טעג, און דאָס נאָענטסטע בית־דין צו אים וועט איינזען, אַז ער איז חוצפהדיק הגם ער קען באַצאָלן דעם חוב — דאַן קען מען אָננעמען קעגן אים שריט אין ניט־יידישן געריכט. אויב דאָס וועט אויך ניט נוצן און ער וועט פאַרבלייבן ביי זיין חוצפה און זיך ניט באַפרייען פון נידוי אַזוי אַז דאָס וועט זיך פאַרציען אַ פערטל יאָר — דאַן גיט מען דאָס רעכט אים אויסצודינגען זיין אוראָנדע און אים שעדיקן מיט אַלע מעגלעכקייטן" [20]).

די שטראָף פאַר ניט־באַאַכטן דעם חרם איז, ווי מיר זעען, געווען אַ צווייפאַכע: ערשטנס, האָט מען דערלויבן צו קלאָגן דעם מענטש אין מלוכהשן געריכט [21]) (מען האָט דערביי אויסדריקלעך באַוואָרנט, אַז אויב דאָס ניט־צאָלן איז ניט צוליבן וועלן עובר־זיין אויף אַ חרם, נאָר צוליב אָרעמקייט, דאַן „דין ישראל יעשו לו ולא יותר"); צווייטנס, האָט דער מוחרם פאַרלאָרן זיינע חזקות, וואָס איז געווען זייער אַ האַרבע שטראָף.

דער „וועד מדינת ליטא" האָט אויף אַ שפּעטערדיקער סעסיע, אין יאָר תכ"ב (1662), באַשלאָסן, אַז מוחרמים, וואָס זענען עובר אויפן חרם און קומען מיט געוואַלט אין די שולן, דאַרפן ווערן באַשטראָפט מיט תפיסה [22]).

אין די לענדער, וואו עס איז געווען אַ שטאַרקע יידישע אויטאָנאָמיע, האָט אַ פּאַסיוו פאַרהאַלטן זיך פון מוחרם געהאַט שווערע קאָנסעקווענצן מצד דער מלוכה. מען האָט באַשטראָפט פאַר אַזאַ עובר־זיין אויפן חרם מיט זייער דראַסטישע מיטלען. ר' יוסף קאָלאָן, באַקאַנט אונטערן נאָמען „מהרי"ק" (1420—1480), וועלכער האָט געלעבט אין פראַנקרייך און איטאַליע, זאָגט, אַז ווער עס האָט זיך געפונען במשך דרייסיק טעג אין אַ חרם און מען האָט אים ניט באַפרייט פון דעם, האָט פאַרלאָרן זיין פאַרמעגן לטובת דער מלוכה. אין פוילן איז געווען נאָך שטאַרקער די שטראָף פאַרן ניט־באַפרייען זיך פון חרם. לויט קעניגלעכע דעקרעטן פון יאָר 1527 און 1551, האָט געדראָט נאָך אַ חודש פאַרבלייבן אין חרם: טויט־שטראָף פאַרן מוחרם צוזאַמען מיט קאָנפיסקירן זיין גאַנץ פאַרמעגן פאַרן קעניגלעכן אוצר [23]). צי דאָס איז אויך פראַקטיש געוואָרן פאַרווירקלעכט, איז שווער צו זאָגן. דאָקומענטאַרישע באַווייזן אויף דעם זענען ניט פאַראַן.

זייער וויכטיק איז פאַר אונדז די פראַגע: וויאַזוי האָט מען זיך נוהג־געווען מיט איינעם, וואָס האָט עובר־געווען אויף אַ חרם דורכדעם, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיטן מוחרם? דאָס איז אייגנטלעך געווען דער הויפּט־פּראָבלעם, אין שייכות מיט אַ געוואָרפענעם חרם, ווייל דער מוחרם גופא איז דאָך געווען אַ זינדיקער, וועלכן מען האָט געוואָלט — דורכן חרם — אויסשליסן פון דער געזעלשאַפט. ממילא איז געווען העכסט־וויכטיק, אַז די געזעלשאַפט זאָל דעם חרם רעספּעקטירן. אויב דאָס איז ניט געשען, דאַן האָט דער גאַנצער חרם ניט געהאַט קיין באַדייטונג.

דער „שולחן־ערוך" איז, אויף אַ מערקווערדיקן אופן, נישט אַזוי האַרב בנוגע מענטשן וועלכע האַלטן אָן דעם קאָנטאַקט מיט אַ מוחרם. אויסדריקלעך ווערט געזאָגט, אַז „הגם מען טאָר נישט עסן און טרינקען צוזאַמען מיט אַ מוחרם, דאָך ווער עס עסט און טרינקט מיט אים האָט נישט אַליין דעם דין פון אַ מנודה" (יורה־דעה, סימן של"ד, סעיף ה'). גלייכצייטיק איז אָבער באַשטימט געוואָרן (דאָרט, סעיף ט'), אַז דער בית־דין איז באַרעכטיקט, אויב דער פאַרברעכן פון מוחרם איז גאָר גרויס, צו באַשטימען, אַז אויך דער, וואָס עסט און טרינקט מיט אים אָדער געפינט זיך אין זיינע ד' אמות, איז אין חרם.

דידאָזיקע באַרעכטיקונג איז געוואָרן אויסגענוצט, כדי צו פאַרשטאַרקן די אויטאָריטעט פון חרם אין פוילן און אין ליטע.

דער „וועד מדינת ליטא" האָט אין יאָר 1667 דערמאָנט, אַז „עס שטייט פאַרשריבן אין פּינקס פון דער מדינה, אַז ווער עס איז עובר אויף אַ חרם (דורך אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיטן מוחרם), דער איז אין חרם גלייך ווי יענער" [24]). מיר זעען, אַז עס איז געווען שוין אַן אַלטע תקנה, אַז פאַר עובר־זיין אויף אַ חרם — קומט אַ חרם. דער „וועד" איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דערדאָזיקער תקנה, ווייל נאָר אַזוי־אַרום האָט מען געקענט איינקאַסירן די שטייערן, וועלכע דער וועד האָט אַרויפגעלייגט; די, וואָס האָבן נישט באַצאָלט די שטייערן, זיינען געוואָרן באַשטראָפט מיט אַ חרם, און אויב דער חרם איז געוואָרן נישט אויסגעפירט פון דער אויסער־לעכער וועלט, איז אין אים קיין שום תקיפות ניט געווען. די איינציקע מעגלעכקייט איז געווען צו דראָען מיט אַ חרם אַלע, וואָס וועלן עובר־זיין אויף דעם חרם קעגן די ווידערשפּעניקע שטייערצאָלער.

נאָך שאַרפער האָט מען באַשטראָפט יענע, וואָס האָבן עובר־געווען אויף אַ חרם קעגן אַ מענטש, וועלכער האָט נישט באַצאָלט זיינע חובות. מען איז דאָ געגאַנגען צום העכסטן פונקט ממש: מען האָט געהייסן פשוט יענעם מענטש, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיטן מוחרם — באַצאָלן דעם חוב! די לאָגיק איז אַ פשוטע: אויב מען האָט גערעכנט צו צווינגען דעם מוחרם, אַז ער זאָל באַצאָלן דעם חוב, דורך דעם, וואָס די געזעלשאַפט וועט זיך פון אים אָפּזונדערן — דאַן שטערט דאָך דער מענטש, וואָס האַלט אָן אַ קאָנטאַקט מיטן מוחרם, דאָס דערגרייכן פון דאָזיקן ציל; ממילא זאָל ער אַליין באַצאָלן דעם חוב־!

דער „וועד מדינת ליטא" האָט אויף זיין ערשטער סעסיע, אין יאָר 1623, גאַנץ קורץ און שאַרף דאָס באַשטימט:

> „אַ מענטש, וועלכער וועט זיך פאַרזינדיקן קעגן אַ חרם דורך דעם, וואָס ער וועט נישט נוהג זיין די דינים פון חרם לגבי דעם מוחרם, און וועט — נאָכדעם ווי עס וועט באַקאַנט ווערן, אַז יענער איז אין חרם — ריידן מיט אים אָדער האַנדלען מיט אים אָדער מצרף זיין אים צו מנין אָדער צו אַן אַנדערן דבר שבקדושה, אָדער בנוגע אַנדערע דינים פון חרם — איז פאַרפליכטעט צו באַצאָלן דעם חוב דעם תובע" [25]).

גאַנץ ענלעך צו דערדאָזיקער אויסערגעוויינטלעך שאַרפער באַשטראָ־פונג פון אַ מענטש, וואָס איז עובר אויף אַ חרם דורך ריידן אָדער האַנדלען מיט אַ מוחרם, איז די תקנה פון „וועד ארבע ארצות" פון יאָר 1642, אַז אויב די „פרנסים האַלטן נישט דעם דין פון אַ מוחרם לגבי אַ באַנקראָט־ניק" [26]) — דאַן קען מען פון זיי מאָנען דעם חוב. דאָ האָט זיך אָבער

וואַרשיינלעך נישט געהאַנדלט בלויז וועגן אַ פּשוטן עובר־זיין אויף אַ חרם דורך ריידן אָדער האַנדלען מיטן מוחרם, נאָר וועגן אַן אַלגעמיינעם אָנהאַלטן פון אַלע דינים פון חרם לגבי אַ באַנקראָטניק.

די פליכט פון פרנסים און רבנים, אַז זיי דאַרפן זיך באַמיען, אַז די דינים פון חרם זאָלן ווערן אָפּגעהיט דורך דער געזעלשאַפט לגבי אַ מוחרם, איז געוואָרן אייניקע מאָל דערמאָנט אין די באַשלוסן פון „וועד אַרבע ארצות" און „וועד מדינת ליטא". אין דעם דערמאָנטן באַשלוס פון ליטווישן וועד פון יאָר 1667 רעדט זיך אויסדריקלעך דערפון, אַז

„די פרנסים און אַנדערע מנהיגים פון די קהילות זענען שולדיק, און די חזנים, שמשים און אויך די רבנים זענען גורם דאָס אַלץ (ד״ה דאָס עובר־זיין אויפן חרם), ווייל זיי האַלטן נישט איין די חרמים לויט די שריפטלעכע אָנווייזונגען".

מיט אַנדערע ווערטער: די אָנפירערשאַפט פון אַ לאָקאַלער קהילה איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, אַז די געזעלשאַפט זאָל נישט באַגאַטעליזירן די דינים וועגן אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט אַ מוחרם.

אינטערעסאַנט איז, אַז אין יאָר 1761 האָט מען געוואָרפן אַ חרם אויף גאַנצע קהילות אין קרייז פון האָראָדנע (גראָדנע). מען האָט אין דעם פאַל נישט געטאָרט אויספירן קיין רבנישע פונקציעס אין אַזאַ קהילה. אויב עס האָט ווער דאָס יאָ געטאָן און עובר געווען אויפן חרם, דאַן נישט בלויז וואָס דער באַטרעפנדיקער רב אָדער מורה־הוראה איז אַליין אַריינגעפאַלן אין חרם, אָבער ער איז אויך געווען פערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן חוב פון דער קהילה לגבי דער צענטראַלער קהילה פון הוראָדנע. אַזוי ווייט איז מען געגאַנגען מיטן באַשטראָפן פאַר עובר־זיין אויף אַ חרם [27]).

5. פאַר וואָס האָט מען אַריינגעלייגט אין חרם:

די שרעקלעכע שטראָף פון חרם, וואָס איז געווען געגליכן צו אַ געזעלשאַפטלעכן טויט, איז געוואָרן באַנוצט דורך די יידישע אויטאָנאָמע אינסטאַנצן (רבנים און קהילה־פירערשאַפט) אין פוילן און ליטע מיט דער אויסדריקלעכער הסכמה פון מלכות. מיר האָבן שוין אויפגעוויזן אין אַן אַנדערער אַרבעט [28]), אַז די פוילישע מלכים האָבן געהאַט זייער אייגענעם אינטערעס אין פאַרשטאַרקן דעם כוח פון חרם, ווייל דורך דעם האָבן זיי געהאַפט איינצוקאַסירן זייערע אייגענע שטייערן און אָפּצאָלן פון די יידן. אָבער עס פרעגט זיך: וועו האָבן יידן אַליין, אָן דעם פאַרלאַנג פון דער מלוכה־אַדמיניסטראַציע, זיך באַדינט מיטן דאָזיקן מיטל צו באַשטראָפן די ווידערשפעניקע?

כדי צו ענטפערן אויף דער שאלה מוזן מיר, קודם־כל, צוריקגיין צום הויפט־מקור פון יידישן געזעץ, לויט ווי ער איז געווען אָנגענומען אין פוילן. דאָס איז דער „שולחן־ערוך" פון ר׳ יוסף קאַרו מיט דער „מפה" פון ר׳ משה איסרלש. דער „וועד אַרבע ארצות" און דער „וועד מדינת ליטא", ווי אויך די שפּעטערדיקע פּוילישע און ליטווישע גדולים, האָבן צוגעגעבן אַ סך פּרטים בנוגע דער פאַרווענדונג פון חרם. עס איז אָבער, נאַטירלעך זייער וויכטיק זיך צו באַקענען מיט דעם, וואָס איז געווען דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר אַלע הוספות — מיט די פאַרשריפטן פון „שולחן־ערוך" גופא.

אין חלק „יורה־דעה", סימן של"ד, סעיף מ"ג, ווערן דורך ר׳ יוסף קאַרו צוזאַמענגענומען פאַלגנדיקע 24 פאַרברעכנס, פאַר וועלכע עס קומט די שטראָף פון חרם:

1. פאַר מבזה־זיין אַ תלמיד־חכם, אַפילו נאָך זיין טויט.
2. פאַר מבזה־זיין אַ שליח־בית־דין.
3. פאַר אָנרופן אַ צווייטן „קנעכט".
4. פאַר מזלזל־זיין אין אַ דין פון די חכמים און אַוודאי פון דער תורה.
5. פאַר אָפּזאָגן זיך צו קומען צום בית־דין, ווען מען איז געוואָרן צו דעם אויפגעפאָדערט.
6. פאַר ניטש מקיים־זיין אַ פּסק פון בית־דין.
7. פאַר האַלטן ביי זיך אַ שעדלעכע זאַך (ווי, למשל, אַ בייזן הונט אָדער אַ שוואַכן לייטער).
8. פאַר פאַרקויפן באָדן אַ נישט־ייד, הגם עס איז געווען אַ יידישער בר־מיצרא.
9. פאַר זאָגן עדות קעגן אַ ייד אין אַ נישט־יידישן געריכט, צוליב וואָס דער ייד האָט פאַרלוירן געלט קעגן דעם יידישן דין.
10. פאַר נישט־אָפּשיידן די מתנות־כהונה אויב מען איז אַליין אַ כוהן און אַ קצב.
11. פאַר מחלל־זיין דעם צווייטן טאָג יום־טוב (דעם „יום־טוב שני של גליות").
12. פאַר טאָן אַן אַרבעט ערב־פּסח נאָך האַלבן טאָג.
13. פאַר דערמאָנען גאָטס נאָמען אָן אַ גרונד.
14. פאַר גורם־זיין, אַז דער כלל זאָל עסן אַ קרבן („קדשים") מחוץ דעם בית־המקדש.
15. פאַר ברענגען דעם כלל־ישראל צו אַ חילול־השם.
16. פאַר מאַכן אַן עיבור־יאָר און פעסטזעצן די חדשים אין חוץ־לאָרץ.
17. פאַר ברענגען אַ צווייטן צו אַ מיכשול (עובר זיין אויף „לפני עור לא תתן מכשול").
18. פאַר אויפהאַלטן דעם כלל פון מאַכן אַ מיצווה.
19. פאַר אַרויסגעבן אַ טריפה בעת מען איז אַ קצב.

20. פאַר נישט־ווייזן דעם חלף צו אַ חכם בעת מען איז אַ קצב.
21. פאַר באַנעמען זיך נישט זיטלעך.
22. פאַר אויפרעכט־דערהאַלטן אַ געשעפטלעכן קאָנטאַקט מיט זיין גע׳גט׳ער פרוי, צוליב וואָס עס קען קומען צו געשלעכטלעכע באַציאונגען.
23. פאַר אַ שלעכטן שם אויב מען איז אַ תלמיד־חכם.
24. פאַר אַן אומבאַגרינדעטן אַריינלייגן אַ צווייטן מענטש אין חרם.

די אַלע 24 פאַרברעכנס זיינען דערמאָנט אין תלמוד. עס האָט זיי אויס־גערעכנט דער רמב״ם אין „משנה־תורה״, ספר מדע, הלכות תלמוד־תורה, פרק שישי, הלכה י״ד. זיי זענען דאַן איבערגעגאַנגען אין „טור״, יורה־דעה, סימן של״ד, און לסוף אין „שולחן־ערוך״, וועלכער איז, ווי באַוואוסט, אויפגעבויט אויפן מוסטער פון „טור״.

מען קען לייכט באַמערקן, אַז שוין די 24 אויפגעציילטע פאַרברעכנס זענען געווען גענוג, כדי צו געבן דעם בית־דין פולע פרייהייט פון דיספּאָנירן איבערן חרם. אויב מען האָט דערקלערט, אַז פאַר מבזה־זיין אַ שליח־בית־דין, פאַר אָפּזאָגן זיך פון קומען צום בית־דין אָדער פאַר נישט מקיים־זיין אַ פּסק פון בית־דין קומט צו באַשטראָפן מיטן חרם, איז ממילא דער בית־דין געוואָרן באַרעכטיקט צו באַנוצן זיך מיט אָט־דעם וואָפן כמעט אָן באַשרענקונגען.

אָבער דער חרם איז געווען נישט בלויז אַ שטראָף, וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף אַ מענטש, וועלכער איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן. מען האָט זיך מיט באַנוצט אויך אויף אַן אַנדערן אופן.

דער חרם האָט פאַרטראָטן אַ שבועה. אָנשטאָט צו שווערן, האָט מען „מקבל בחרם״ געווען, אַז אַ געוויסע באַהויפּטונג איז אמת. די פּראַקטישע באַדייטונג פון אַזאַ דערקלערונג איז געווען, אַז מען האָט זיך אַליין אונ־טערגעוואָרפן אַ חרם אויב די דערקלערונג זאָל זיין שקר [29]).

אַ ווייטערדיקער שריט איז געווען די באַנוצונג פון חרם אויף אַזאַ אופן: מען האָט אויפגעפאָדערט „בחרם״, אַז דער באַטרעפנדיקער מענטש זאָל זאָגן אַלץ, וואָס ער ווייסט וועגן אַ געוויסן ענין. נאָך אַ שריט ווייטער איז געווען, ווען מען האָט אונטער אַ חרם אויפגעפאָדערט יעדן איינעם, וואָס ווייסט וועגן דעם ענין, אַז ער זאָל קומען צום בית־דין און עס דער־ציילן. אַזוי האָט מען פּרובירט צו דערגרייכן ידיעות וועגן געגנבעטע זאַכן. ווער עס האָט געוואוסט עפּעס וועגן דער גניבה, האָט געהאַט די פליכט צו מעלדן דעם בית־דין; אויב ער האָט דאָס נישט געטאָן, איז ער געווען אין חרם. ענלעך איז געווען, ווען אַ פּאַרטיי האָט נישט געוואוסט, וואו עס געפינט זיך אַן עדות, וועלכער איז פאַר איר וויכטיק; דער דיין האָט געדאַרפט „מטיל־חרם״ זיין, אַז דער עדות זאָל זיך מעלדן. דער עדות, וואָס האָט זיך נאָכדעם נישט געמאָלדן, איז אַריינגעפאַלן אין חרם [30]).

צו דער קאַטעגאָריע געהערט דער חרם, וועלכן מען האָט געוואָרפן אויף יענע, וואָס ברענגען אַנדערע בחינם צו אַ שבועה [31]). לכתחילה האָט דער,

וואָס האָט געשוואוירן, אַליין געהאַט צו דערקלערן, אַז „יענער, וואָס מאָנט זיך ביי אים עפּעס בחינם, כדי אים צו ברענגען צו אַ שבועה, זאָל זיין אין חרם"; די קעגן־פּאַרטיי האָט געדאַרפט נאָכזאָגן „אָמן" און ממילא האָט זי אויף זיך מקבל געווען דעמדאָזיקן חרם.

במשך דער צייט האָט זיך אָט־דער אופן פון באַנוצן דעם חרם — ווי אַן ערזאַץ פון אַ שבועה אָדער כדי אַרויסצובאַקומען געוויסע ידיעות — זייער פאַרשפּרייט. כדי צו געבן אַ באַגריף וועגן דעם, איז כדאי צו ציטירן אַ פּראַקטישן פאַל פון זעכצנטן יאָרהונדערט, לויט ווי עס דערציילט אים ר' מאיר בן גדליה פון לובלין (דער מהר"ם מלובלין) אין זיינע תשובות (נ"ח).

אַ חשובער ייד — שרייבט דער מהר"ם מלובלין — וואָס האָט תמיד געהאַט דעם שם פון אַן ערלעכן מאַן, האָט איינמאָל, אין אַ געוויסער שטאָט, געהאַנדלט מיט אַ סחורה, וועלכע איז דאָרט נישט געווען געהרן געזען („נרצית"). די בעלי־בתים פון דער שטאָט האָבן געוואָלט אַרויסבאַקומען די סחורה פון יענעם יידן. זיי האָבן אים דעריבער געפרעגט „בחרם", צי ער האָט נאָך עפּעס פון דער סחורה ביי זיך. דער ייד האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים באַשטראָפן, אויב ער וועט מודה זיין, אַז ער האָט נאָך ביי זיך פון דער פאַרבאָטענער סחורה. ער האָט דעריבער געלייקנט; אָבער די בעלי־בתים האָבן געמאַכט אַ רעוויזיע ביי אים אין שטוב און געפונען די קאָנטראַבאַנדע. ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דער שטראָף, וואָס האָט אים געדראָט, ווייל ער האָט געהאַט גרויסע פאַרבינדונגען אין לאַנד. אָבער עס איז פאַרבליבן די פראַגע פון חרם, וועלכן ער האָט עובר געווען. מען האָט אים געוואָלט דערקלערן אַלס „חשוד על השבועה", ד"ה ווי אַ מענטש, וואָס מען קען אים נישט גלויבן אויף זיין שבועה (דער דין איז, אַז אין אַזאַ פאַל שווערט זיין קעגן־צד).

עס איז, נאַטירלעך, פאַר אונדז אין דעם מאָמענט נישט וויכטיק, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט יענעם יידן. מיר נעמען נאָר אַרויס פון דעם פאַל, אַז עס איז געווען דער שטייגער, אַז אייניקע בעלי־בתים פון אַ שטאָט („מקצת בעלי־בתים", ווי עס שרייבט דער מהר"ם מלובלין) זאָלן קענען צווינגען אונטער אַ חרם וועמען עס איז, אַז ער זאָל עפּעס אויסזאָגן אָדער אַפילו ברענגען. די יורידישע פאָרם איז משמעות געווען, אַז יענער האָט מיטן וואָרט „אָמן" אַליין זיך אונטערגעוואָרפן אַזאַ מין חרם.

צוליב דעם צו־אָפט באַנוצן זיך מיטן חרם אויף אַרויסצובאַקומען ידיעות, איז זיין אויטאָריטעט געפאַלן. קיין וואונדער נישט, אַז מען האָט זיך אַרומגעזען, אַז מען טאָר נישט דערלאָזן צו מאַכן געברויך פון חרם ביי יעדער „קליינינקייט". דער „וועד מדינת ליטא" האָט דעריבער באַשלאָסן אין יאָר שפ"ח (1628), אַז „מען טאָר נישט מטיל חרם זיין אין שול נאָר אויף גרויסע זאַכן... און אויך דאָס נאָר לויט דער דעה פון רב מיט קהל" [63].

מען פעלגט באַקרעפטיקן דעם חרם, וואָס האָט ערזעצט אַ שבועה, דורך צוגעבן וואָס מער קללות אויפן עובר. אַפילו ווען דער מענטש אַליין

האָט אויף זיך עפּעס מקבל בחרם געווען, האָט ער אויסגערעכנט אַ פּעקל קללות, וואָס האָבן אויף אים געדאַרפט פאַלן. אינטערעסאַנט זיינען די דאָזיקע חרמים, וואָס מען געפינט אין פּוילישע דאָקומענטן. אַלס משל קען דינען דער פאָלגנדיקער נוסח פון אַ קבלה בחרם פון שטייער־אויסמעסטער: [33])

„אויב מיר האָבן נישט ריכטיק פאַרשריבן און וועמען אויסגעלאָזט, זאָל אונדז גאָט באַשטראָפן, וואָס האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד, די לופט און די קרייטער; זאָל אונדז גאָט פאַרניכטן, וועלכער האָט בעתן מבול אַכט מענטשן געראַטעוועט; זאָל אונדז גאָט פאַרניכטן, וואָס האָט פינף שטעט, סדום און עמורה, פאַרברענט מיטן פייער פון גיהנום; זאָל אונדז גאָט פאַרטיליקן, וואָס האָט גערעדט מיט משהן פון ברענענדיקן דאָרן־בוש, וואָס האָט געגעבן משהן די תורה, וועלכע ער אַליין האָט אויסגעקריצט אויף די לוחות; אויב דאָס איז נישט אמת, זאָל אונדז גאָט פאַרניכטן, וואָס האָט דערטרונקען פרעהן אין רויטן ים און געבראַכט די יידן צו אַ לאַנד, וואָס רינט מיט האָניק און מילך. אויב מיר האָבן נישט ריכטיק געזוכט, זאָל אונדז גאָט פאַרניכטן, וואָס האָט געשפּייזט די יידן אין דער מדבר מיטן מן, זאָל ער אונדז פאַרניכטן און שיקן אין גיהנום מיטן לייב און מיט דער נשמה. אויב מיר זאָגן נישט דעם אמת, זאָל אונדז די ערד פאַרשלינגען, וואָס האָט אַריינגענומען דתן און אבירם, און זאָל אויף אונדז קומען די צרעת, וואָס איז אַוועק פון נעמן און אַריין אין גחזין. אויב מיר זאָגן שקר, זאָלן מיר ווערן פאַרטיליקט פון דער תורה, וואָס גאָט האָט געגעבן צו משהן אויפן באַרג סיני דורך די עשרת־הדיברות און זאָל אויף אונדז קומען די שטראָף, וואָס איז אָנגעזאָגט אין די פינף חלקים פון דער תורה אויף יענע, וואָס טוען פאַלש שווערן. ווי דאָס ווייב פון לוטן, זאָלן מיר זיך איבערדרייען אין אַ שטיק זאַלץ; אַ בלוטיקע קראַנקייט זאָל אונדז קיינמאָל נישט פאַרלאָזן און אין די אויגן פון אַלע מענטשן זאָלן מיר פּלאַצן. אַ גרויסע קרענק זאָל אונדז אַריינכאַפּן, מיר זאָלן שוין קיינמאָל נישט זיין קיין קינדער פון אַברהם אָבינו, גאָט זאָל אונדז אויף אייביק שענדן און פאַרדאַמען און די טייוולאָנים זאָלן אונדז שלעפּן אין גיהנום מיט לייב און לעבן!...“

מען קען זיך גריילעך פאָרשטעלן, אַז נאָכן אָפּזאָגן אַזאַ נוסח איז פאַרגאַנגען דער חשק פון זאָגן נישט־אמת.

6. דער חרם אין דער האַנט פון אַ יחיד

אין מיטלאַלטער איז געווען אָנגענומען, אַז ווען איינער איז געווען שולדיק געלט אַ צווייטן און נישט געוואָלט באַצאָלן דעם חוב, האָט דער מלווה פשוט געקענט לייגן אַליין דעם לווה אין חרם.

דער „שולחן־ערוך" זאָגט דאָס נאָך קלאָר (יורה־דעה, סימן של"ד, סעיף מ"ו):

„אויב ראובן איז חייב שמעונען געלט און ער זאָגט זיך אָפּ אים צו באַצאָלן, דאַן איז דער חרם, אין וועלכן שמעון האָט אַריינגעלייגט ראובנען, כדי אַרויסצובאַקומען זיין געלט, אַ ריכטיקער חרם".

אָבער שוין דער רמ"א זאָגט אין זיין הגהה צום דאָזיקן סעיף, אַז

„מאַנכע זאָגן, אַז מען קען זיך נישט אַליין פסקענען קיין דין, כדי מחרים צו זיין אַ צווייטן וועגן געלט־ענינים, און אַזוי איז דער עיקר".

דאָס הייסט, די הלכה בלייבט, אַז דער מלווה אַליין קען גארנישט טאָן. אלא וואָס דען? ער מוז זיך ווענדן צום בית־דין. דער בית־דין גיט אים דעם שוץ און דער בית־דין באַנוצט דעם חרם, כדי דער בעל־חוב זאָל זיך דערמאָנען אין זיין פליכט.

וועגן דער פּראָצעדור פון איינמאָנען דעם חוב מיטן כוח פון חרם האָבן מיר גאַנץ גענויע פאַרשריפטן. דאָס יידישע רעכט האָט אויסגעאַרבעט אויף אַ וואונדערבאַרן אופן דעם געזעצלעכן וועג, אין וועלכן עס דאַרף גיין דער מלווה, כדי דעם ווידערשפּעניקן בעל־חוב צו צווינגען, אַז ער זאָל באַצאָלן דעם חוב. די יידישע זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין פּוילן האָט דידאָזיקע פאַרשריפטן נאָך דערגענצט.

וואָס זאָגט, קודם־כל וועגן דעם דאָס יידישע רעכט?

לויטן „שולחן־ערוך" (חושן־המשפט, סימן צ"ח), אויב דער לווה האָט געמאַכט אַן איינוווענדונג קעגן אַ שטר־חוב (וועקסל) און דערקלערט, אַז ער איז געפעלשט, דאַן ווענדט זיך, קודם־כל, אין דעם, וועלכן איינדרוק די טענה פון לווה האָט געמאַכט אויפן בית־דין. איז דער איינדרוק געווען אַ גינסטיקער, ד"ה אַז דאָס בית־דין גלויבט אין דער וואַרשיינלעכקייט פון דער טענה, דאַן דאַרף מען דעם לווה געבן אַ צייט, במשך וועלכער ער מוז ברענגען זיינע באַווייזן צום בית־דין. געוויינטלעך איז די צייט דרייסיק טעג. נאָכן פאַרבייגיין דעם זמן, אויב די באַוויזן זיינען נישט געוואָרן צוגעשטעלט, וואַרט מען נאָך אַ וואָך [34], און דערנאָך הויבט שוין אָן צו אַרבעטן דער חרם.

דער ערשטער אַקט פון חרם רופט זיך „פּתיחה" — דער „אָנהייב". דאָס איז געווען אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג, אַז דער בעל־חוב איז געוואָרן

אַריינגעלייגט אין ערשטן און לייכטערן צושטאַנד פון אַ חרם, וועלכער האָט זיך גערופן „נידוי".

במשך פון נײַנציק טעג האָט דער לווה געדאַרפט דאַן אַרויסווייזן זיין חרטה. אַ סברא, אַז נאָך זעכציק טעג האָט מען געדאַרפט פאַרשטאַרקן דעם „נידוי" און מאַכן פון אים אַ ריכטיקן און פולן „חרם".

נאָך די נײַנציק טעג, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער חרם ווירקט נישט אויפן ווידערשפּעניקן בעל־חוב, האָט דער בית־דין געדאַרפט אַראָפּ־נעמען דעם חרם און אַרויסגעבן אַ דאָקומענט, וואָס האָט זיך גערופן „אדרכתא"; מיט דעם האָט מען געגעבן דעם מלווה כוח צו פענדן דעם לווהס נכסים פאַרן נישט־באַצאָלטן חוב. דאָס איז אַלזאָ געווען אַ יסוד פאַר דער עקזעקוציע פון חוב. אויב עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער לווה האָט זיין אומבאַוועגלעכן באַזיץ אַוועקגעגעבן נאָכדעם ווי ער האָט גענומען די הלוואה, האָט דער בית־דין געדאַרפט ענדערן די „אדרכתא" אין אַן אַנדערן שטר, וואָס האָט זיך גערופן „טירפא". דערדאָזיקער דאָקומענט האָט געגעבן דעם מלווה דאָס רעכט גובה צו זיין דעם חוב אַפילו פון אַזעלכע נכסים פון לווה, וואָס זיינען שוין געווען אין באַזיץ פון דריטע פּערזאָנען.

וואָס איז, אויב דער לווה מאַכט נישט קיין איינווענדונג קעגן שטר (וועקסל), נאָר ער זאָגט, אַז ער וויל האָבן אַ געוויסע צייט, כדי צו קענען באַצאָלן דעם חוב ? — אין דעם פאַל דאַרף מען אים באַשטימען אַ זמן פון דרייסיק טעג. דערדאָזיקער זמן קען, לויט דעם איינזען פון דיין, ווערן פאַרלענגערט אָדער געקירצט (חושן־המשפט, סימן ק'). נאָך די דרייסיק טעג שטעלט דער בית־דין אויס אַן „אדרכתא" און בנוגע דעם חרם דאַרף מען אונטערשיידן צוויי מעגלעכקייטן: 1. אויב דער לווה באַצאָלט נישט סתם, דאָס הייסט, ער האָט פּשוט נישט קיין געלט, אָבער ער לייקנט נישט זיין פליכט צו באַצאָלן, דאַן ווערט ער נישט אַריינגעלייגט אין חרם. אָבער 2. אויב ער דערקלערט, אַז ער וויל נישט באַצאָלן, דאָס הייסט, אַז ער ווייזט אַרויס ווידערשפּעניקייט, און די „אדרכתא" האָט נישט גענוצט (ווייל דער לווה האָט נישט קיין אומבאַוועגלעכן באַזיץ), דאַן לייגט מען אים אַריין (נאָך אַ דרייפאַכיקער וואָרענונג — מאָנטיק, דאָנערשטיק און מאָנטיק) אין „נידוי". ער בלייבט אין „נידוי" דרייסיק טעג. נאָך דרייסיק טעג ווערט דער „נידוי" באַנייט. נאָך ווייטערדיקע דרייסיק טעג ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ „חרם".

אויב דער לווה מאַכט נישט קיין איינווענדונג קעגן שטר און פאַרלאַנגט אויך נישט קיין צואָב־זמן אויף צו קענען באַצאָלן דעם חוב, נאָר ער זאָגט „אין לי" (איך האָב נישט פון וואַנען צו באַצאָלן), דאַן דאַרף ער שווערן אַז ער האָט באמת גאָרנישט און אויך אַז ער האָט נישט אַוועק־געגעבן זיין פאַרמעגן צו אַנדערע. אָבער צו דער שבועה ווערט נאָר צוגע־לאָזט איינער, וואָס האָט אַ גוטע רעפּוטאַציע. אויב ער איז באַקאַנט אַלס שווינדלער, דאַרף ער געלייגט ווערן אין חרם (חושן־המשפט, צ"ט, סעיף ה').

מיט דער שבועה „אין לי" איז פאַרבונדן אַן אַלגעמיינער חרם קעגן אַלע, וואָס ווייסן פון וועלכן עס איז פאַרמעגן פון באַטרעפנדיקן בעל־חוב און דערציילן נישט דעם בית־דין וועגן דעם.

אַזוי ווייט די פאַרשריפטן פון יידישן רעכט, לויט ווי עס איז געוואָרן קאָדיפיקירט אין „שולחן־ערוך" פון ר' יוסף קאַרו מיט דער „מפה" פון ר' משה איסרלש. וואָס האָט צו דעם צוגעגעבן די יידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג אין פוילן און ליטע?

מיר האָבן גאַנץ גענויע ידיעות וועגן דעם פון ליטווישע קוואַלן. דער „וועד מדינת ליטא" האָט היפש פאַרשטאַרקט און פאַרשנעלערט די פּראָצעדור פון איינמאָנען דעם וועקסל־חוב דורכן חרם, און מסתמא איז אין פוילן געווען אַן ענלעכע לאַגע.

אין יאָר שפ"ג (1623) איז געוואָרן באַשלאָסן אויף דער ערשטער סעסיע פון „וועד מדינת ליטא" אין בריסק אָט וואָס:

דער שטר, וועלכן דער מלווה האָט געוואָלט פּרעזענטירן דעם לווה, האָט אים געדאַרפט געוויזן ווערן דורכן שמש. אויב דער לווה האָט געהאַט אַן איינווענדונג, האָט ער געדאַרפט זיך מעלדן ביים בית־דין במשך אַ „מעת־לעת", דאָס הייסט 24 שעה. אויב דער לווה האָט במשך פון 24 שעה זיך נישט געשטעלט צו אַ בית־דין, דאַן האָט דער שמש געדאַרפט תיכף פאַרעפנטלעכן אַ חרם קעגן אים, פּונקט ווי ער וואָלט געווען שוין צוגע־פּסקנט דורך אַ בית־דין [35].

עס איז קלאָר, אַז די פאַרהעלטעניש־מעסיק לאַנגע טערמינען פון „שולחן־ערוך" האָבן ביי די געענדערטע ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין פוילן און ליטע נישט געקענט ווערן איינגעהאַלטן. דעריבער האָט מען זיי פאַרקירצט ביז אויף איין „מעת־לעת". מען האָט אויך נישט געוואָלט וואַרטן אויף אַ פּסק פון בית־דין. דער שמש האָט אַליין געדאַרפט לאָזן אין גאַנג די פּראָצעדור פון חרם.

דער טעמפּאָ פון ווירטשאַפטלעכן לעבן איז אין פוילן און ליטע אָבער נאָך שנעלער געוואָרן און דעריבער האָט דער ליטווישער „וועד" בערך הונדערט יאָר שפּעטער, אויף דער סעסיע אין אַמדור אין יאָר ת"פ (1720), אָנגענומען נייע ענדערונגען וועגן באַדינען זיך מיטן חרם ביים איינמאָנען אַ וועקסל־חוב. מען איז צוריקגעגאַנגען צו דער אורשפּרינגלעכער קאָנ־צעפּציע, אַז דער מלווה אַליין קען וואַרפן דעם חרם, אָבער אויף אַ גאַנץ אָריגינעלן אופן: [36]

נאָך אַ דריימאָליקער וואָרענונג מצד דעם מלווה, אַז דער בעל־חוב זאָל אים באַצאָלן דעם וועקסל, אויב יענער האָט זיך נישט געמאַכט וויסנדיק (דאָס הייסט ער האָט נישט באַצאָלט און זיך נישט געשטעלט צום בית־דין), האָט דער באַזיצער פון שטר געמעגט אָנשלאָגן אַ ידיעה וועגן חרם אויף דער טיר פון שול. דידאָזיקע פאַרעפנטלעכונג האָט זיך גערופן „פתקא דשמתא" (אַ „חרם־צעטל"). האָט די „פתקא דשמתא" דורך 48 שעה גע־

האַנגען אויף דער טיר און דער חוב איז ווייטער נישט געוואָרן באַצאָלט, דאַן האָט דער מלווה געמעגט לאָזן אויסרופן אָפיציעל דעם חרם אויפן ווידערשפּעניקן בעל־חוב.

די שמשים זענען געוואָרן אַליין אויפגעפּאָדערט אונטער אַ חרם, אַז זיי זאָלן קיינעם נישט פרעגן וועגן אַ דערלויבעניש, נישט קיין דיין און נישט קיין ראש־הקהל. דער מלווה איז געווען באַרעכטיקט אַלץ צו טאָן. די פּרנסים זענען דורכן „וועד" געוואָרן געוואָרנט, אַז זיי זאָלן נישט מאַכן קיין שוועריקייטן ביים באַנוצן זיך מיטן חרם דורכן באַזיצער פון אַ שטר. נישט נאָר דאָס, נאָר זיי זענען אויך געווען פאַרפליכטעט נישט צו דערלאָזן, אַז אַ בעל־חוב, וואָס קעגן אים איז געוואָרן אויסגעהאַנגען אַ „פּתקא דשמתא", זאָל באַקומען וועלכן עס איז ערן־אַמט אין דער קהילה.

צוזאַמען מיטן געבן דעם באַזיצער פון שטר אַזעלכע געוואַלדיקע רעכט, איז געגאַנגען נאָך אַ ווייטערדיקע פאַרשטאַרקונג פון כוח פון חרם. די קאָנסעקווענצן פון חרם זענען געווען געגנוג האַרב מצד דעם דין. דער ליטווישער „וועד" האָט אָבער — ווי מיר האָבן עס שוין פריער דערמאָנט — באַלד אויף זיין ערשטער סעסיע אין יאָר 1623, באַשלאָסן, אַז דער זייטיקער מענטש, וואָס וועט נישט האַלטן דעם חרם לגבי אַ בעל־חוב, האָט די פליכט אַליין צו באַצאָלן דעם חוב.

אין קראָקע האָט מען נאָך אין יאָר 1595 געהאַט איינגעפירט, אַז איידער מען האָט צוגעלאָזט אַ בעל־חוב צו שווערן, אַז ער האָט „גאָרנישט", האָט מען אים געלייגט אין חרם אויף דריי טעג, דאַן איז ער געגאַנגען אין תפיסה אויף אַ וואָך אָדער דרייסיק טעג. ערשט שפּעטער האָט מען אים צוגעלאָזט צו דער שבועה. קודם האָט ער, הייסט עס, געדאַרפט פאַרזוכן דעם טעם סיי פון חרם, סיי פון תפיסה [37]).

נישט נאָר אין פּוילן אָדער ליטע איז געווען דערלויבט צו באַנוצן זיך מיט חרם, כדי איינצומאָנען אַ חוב. מיר ווייסן פון אַן ענלעכער פּראָצעדור אויך אין אַנדערע לענדער, למשל, אין מערן. אָבער דאָרט איז דאָס באַנוצן זיך מיטן חרם נישט געווען אַזוי לייכט ווי אין פּוילן און ליטע. אַ תנאי איז געווען, צווישן אַנדערע, אַז דער חוב מוז זיין לפּחות 500 גולדן הויך. דאַקעגן איז דאָרט געווען באַשטימט, אַז נאָך אַכט טעג פאַרבלייבן אין חרם דאַרף מען דעם בעל־חוב איינזעצן אין תפיסה.

זייער אינטערעסאַנטע באַשטימונגען זענען אין פּוילן געווען בנוגע באַנוצן זיך מיטן חרם לגבי באַנקראָטניקעס.

7. דער חרם אויף באַנקראָטניקעס

ווען אַלע געזעצלעכע מיטלען אויף אַרויסצובאַקומען אַ חוב גיבן זיך נישט איין, מוז דער שולדיקער דערקלערט ווערן אַלס באַנקראָט.

דידאָזיקע דערקלערונג האָט אַ צווייפּאַכיקן צוועק: ערשטנס, צו וואָרענען אַנדערע, אַז זיי זאָלן מער נישט מאַכן קיין געשעפטן מיט יענעם, וואָס צאָלן נישט זיינע חובות. צווייטנס, צו ליקווידירן אַלץ, וואָס דער באַנקראָטניק פאַרמאָגט, כדי צו קענען באַצאָלן, וויפל עס לאָזט זיך, די עקזיסטירנדיקע מאָנער.

דער „וועד ארבע ארצות" האָט אין יאָר שפ"ד (1624) זייער גענוי באַשטימט ווי אַזוי מען זאָל זיך נוהג זיין לגבי די מענטשן, וועלכע ווערן באַנקראָט. די באַשטימונגען זענען באַקאַנט אַלס „תקנות הבורחים", ווייל אַ באַנקראָטניק האָט זיך גערופן „בורח" (דאָס הייסט: איינער, וואָס „אַנטלויפט") אָדער „בעל־פליטה". אַמאָל פלעגט אַ מענטש, וואָס האָט נישט געקענט באַצאָלן זיינע חובות, אַנטלויפן אין דער פרעמד; פון דעם איז געבליבן דער נאָמען [38]).

דער ערשטער און וויכטיקסטער אַקט לגבי אַ באַנקראָטניק איז פעסטצושטעלן גענוי דעם דאַטום, פון ווען ער האָט דעם כאַראַקטער פון אַ „בורח".

די דאַטע האָט די גרעסטע באַדייטונג סיי פאַר די קרעדיטאָרן, סיי פאַרן „בורח" גופא, סיי פאַר די זייטיקע מענטשן, וואָס טרעטן דערנאָך אויף ביי די פּראָצעסן.

די קרעדיטאָרן וויסן, אַז פון טאָג פון באַנקראָטן קען דער באַטרעפנדיקער מענטש נישט מער פאַרפיגן איבער זיין פאַרמעגן. געוויסע געשעפטן ווערן אַנולירט אויך מיט אַ צייט פריער, ווייל מען קען אָננעמען, אַז דער באַנקראָטניק האָט געוואוסט וועגן זיין צושטאַנד און אַזוי פאַרפיגט איבער זיינע געלטער, אַז די, וועלכע ער איז געווען שולדיק, זיינען פון אים בכוונה באַשעדיקט געוואָרן.

דער „בורח" אַליין הערט פון טאָג פון באַנקראָט אויף צו זיין דער אָפיציעלער בעל־בית איבער זיין פאַרמעגן. אויף זיין אָרט טרעט אַריין דער פאַרוואַלטער, וואָס רופט זיך „נאמן", וועלכער האָט איין אויפגאַבע פאַר זיך: וואָס שנעלער צו באַזאָרגן, אַז די חובות זאָלן ווערן באַצאָלט.

די זייטיקע מענטשן האָבן די פליכט צוריקצוגעבן אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָך דער דאַטע פון באַנקראָט באַקומען פון „בורח". אין געוויסע פאַלן, וועגן וועלכע מיר וועלן באַלד דערציילן, מוזן זיי צוריקגעבן אַפילו ווען זיי האָבן עפּעס באַקומען פון באַנקראָטניק נאָך פאַר דער דאַטע פון באַנקראָט.

די תקנות פון „וועד ארבע ארצות" זאָגן, אַז זאָפאָרט נאָכדעם דערקלערן איינעם פאַר באַנקראָט דאַרף דער בית־דין פון זיין קרייז („גליל") פאַרעפנטלעכן, אַז קיינער טאָר גאָרנישט נעמען פון באַנקראָטניק. ווער עס האָט עפּעס גענומען — דאַרף עס צוריקגעבן צום בית־דין. אַלע קרעדיטאָרן האָבן אַ גלייכע תביעה צום פאַרמעגן, וואָס עקזיסטירט אין טאָג פון באַנקראָט.

אָבער אויב דער באַנקראָטניק האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער ביז מיט ניינציק טעג צוריק, פאַרן באַנקראָט, גייט דער נדן, וועלכן די טאָכטער

האָט באַקומען, אויף צו דעקן די חובות. דער אידעם מוז אים צוריקגעבן, ווייל מען קען נישט חתונה מאַכן קיין טאָכטער מיט פרעמד געלט.

נאָך ווייטער גייען די תקנות בנוגע די קליידער, וואָס דער באַנקראָטניק האָט געמאַכט זיין ווייב. אַלץ, וואָס זי האָט באַקומען במשך דעם לעצטן יאָר פאַרן באַנקראָט, געהערט צו די קרעדיטאָרן. מען האָט מיט דעם אויך געוואָלט באַוואָרענען, אַז אַ מענטש זאָל נישט גיין פליטה צוליב די איבער־מעסיקע אויסגאַבן אויף לוקסוסיעזער קליידונג.

דער טערמין פון ניינציק טעג פאַרן באַנקראָט האָט אַ באַדייטונג אויך פאַר אַן אַנדערן פאַל: אויב דער „בורח" האָט גענומען סחורה ביי וועמען עס איז און גייט פליטה במשך פון 90 טעג, דאָס הייסט, אַז שוין זייענדיק מאַטעריעל דורכגעפוילט מאַכט ער פרישע חובות, דאַן געהערט די סחורה צום פריערדיקן באַזיצער ווען זי געפינט זיך נאָך „בעין" (אין אַזאַ צושטאַנד ווי זי איז אַמאָל געווען, נישט פאַראַרבעט). דער, וואָס האָט זי געקויפט ביים „בורח" מוז זי צוריקגעבן. מען נעמט אָן, ווייזט אויס, אַז עס איז געווען עפּעס אַ הינטערליסטיקייט דערביי, כדי צוצונעמען די סחורה ביים ערשטן באַזיצער און דאַן צו באַנקראָטירן.

דאַקעגן אויב דער באַנקראָטניק האָט אַוועקגעגעבן וואָס עס איז צו אַן אַנדערן מענטש במשך די לעצטע 90 טעג פאַרן באַנקראָט, דאַן איז עס גאָרנישט ווערט. יענער מוז אַלץ צוריקגעבן אויף צו דעקן די חובות. נאָר איין אויסנאַם איז דערביי געמאַכט געוואָרן: אויב דער „בורח" האָט אַוועקגעגעבן עטוואָס בשעת אַ יריד, דאַן איז עס גילטיק. וואַרשיינלעך איז די סיבה פון דעם אויסנאַם געווען, אַז מען האָט געוואָלט פאַרפעסטיקן די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן ביי אַ יריד. צוליב דעם האָט מען נישט קוועסטיאָנירט אַ געשעפט, וואָס איז געוואָרן אָפּגעשלאָסן אויף אַ יריד, הגם דער כאַראַקטער פון געשעפט איז געווען אַ צווייפלהאַפטער. די סוחרים אויף אַ יריד האָבן נישט געדאַרפט גיין חוקר־ודורש זיין צי איז נישט ווער אַ קאַנדידאַט אויף אַ „בורח".

מיטן מאָמענט, ווען עס צעגייט זיך אַ קול, אַז איינער איז געוואָרן באַנקראָט, דאַרף זיין גאַנץ אומבאַוועגלעך פאַרמעגן ווערן פאַרהאַלטן דורך דער אָנפירערשאַפט פון זיין קהילה. דער באַנקראָטניק און זיין ווייב דאַרפן שווערן, אַז זיי האָבן נישט קיין מזומן געלט און אַז זיי האָבן גאָרנישט פאַרבאַהאַלטן. אַלץ גייט אַריבער אין רשות פון „נאמן". דאָס אומבאַוועגלעכע פאַרמעגן — אַ הויז אָדער אַ „שטאָט" (פּלאַץ) אין שול — דאַרפן ווערן במשך 30 טעג פריי געמאַכט פון באַנקראָטניק און דער נאמן דאַרף זיי פאַרקויפן במשך אַ האַלב יאָר צייט. דאָס געלט, וואָס קומט אַריין פון פאַרקויף, דאַרף ווערן פאַרטיילט צווישן די קרעדיטאָרן.

וועלכע פערזענלעכע קאָנסעקווענצן האָט אַ באַנקראָט געהאַט פאַרן „בורח"?

קודם־כל, אויב נאָכן פאַרקויפן פון אַלע זיינע זאַכן, איז נאָך אַלץ

פאַרבליבן אַ נישט־געדעקטער חוב, האָט מען אים געדאַרפט לייגן אין חרם פון איין יריד צום צווייטן. דאַן איז אים געקומען אַ שטראָף פון תפיסה לפחות פון דרייסיק טעג. אויב ער האָט געהאַט וועלכע געזעלשאַפטלעכע התמנות, האָט ער זי פאַרלוירן. מען האָט אים אויך נישט געדאַרפט פאַר־רעכענען צו קיין שום „דבר־שבקדושה" (געוויינטלעך האָט עס געהייסן, אַז מען האָט אים נישט געטאָרט געבן קיין עליה צו דער ספר־תורה).

אויב דער באַנקראָט איז פאָרגעקומען נישט צוליב אַ נאָרמאַלן האַנדלס־פאַרלוסט, נאָר צוליב פאַרתכלעווען דאָס געלט (למשל, אויף חתונה מאַכן אַ זון אָדער אַ טאָכטער איבער די כוחות), איז די תפיסה־שטראָף געווען אַ סך לענגער (אַ גאַנץ יאָר צייט), דער באַנקראָטניק איז געווען „פסול לעדות" און האָט אויך פאַרלוירן די „חזקה" אין דער שטאָט.

ביים אויסרופן דעם חרם קעגן אַ באַנקראָטניק אין שול האָט געדאַרפט זיין אַנוועזנדיק די פרוי און די קינדער. דאָס האָט נאַטירלעך געהאַט דעם צוועק צו פאַרשטאַרקן די מורא און אויך נישט צו דערלאָזן, אַז די נאָענטע משפחה זאָל עפּעס פאַרבאַהאַלטן (מען האָט אַנגענומען, אַז די משפחה וואָלט גיכער אַרויסגעגעבן די באַהאַלטענע זאַכן ווי דערלאָזט, אַז מען זאָל דעם מאַן אָדער פאָטער לייגן אין חרם אַריין).

זייער הומאַניטאַר איז געווען די פאַרשריפט, אַז אויב אַ מענטש איז געוואָרן באַנקראָט צוליב אַן אויסערגעוויינטלעכער קאַטאַסטראָפע („בידי־שמים"), למשל: אַ שריפה, גזילה אָדער גניבה, דאַן האָט מען אים נישט געדאַרפט דריקן מיט אַ חרם, נאָר לאָזן אים „ביז מען וועט זיך אויף אים מרחם זיין פון הימל".

אָבער אויב ער האָט געטענהט, אַז ער „האָט נישט" אָדער אַז „אַנדערע צאָלן אים נישט", דאַן איז אַנגעווענדעט געוואָרן די גאַנצע שטרענגקייט פון דער „בורחים"־פּראָצעדור.

דער דין פון איינעם, וואָס האָט געטענהט פשוט „אין לי" (איך האָב גאָרנישט), איז געווען כמעט דערזעלבער ווי פון אַן אָפיציעלן „בורח": אַ חרם פון יריד צו יריד. נאָך 30 טעג אין חרם, אויב ער גיט איבער אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, צום בית־דין און לאָזט זיך איבער נאָר דאָס ווינציקסטע צום לעבן, דאַרף מען אים באַפרייען פון חרם.

ווירקט דער חרם נישט און דער שולדיקער איז האַרטנעקיג, דאַן דאַרף מען אים נישט לייגן נאָך אַמאָל אין חרם, נאָר דערקלערן, אַז ער איז פסול צו זיין אַן עדות און צו אַ שבועה, אַז מען טאָר זיך מיט אים נישט משדך־זיין, אַז מען טאָר אים נישט מצרף־זיין צו אַ מנין, אַז מען טאָר אים נישט געבן קיין עליה, אַז מען טאָר זיך נישט מתעסק־זיין ביי זיי קבורה (אויב ער שטאַרבט) און אַז מען טאָר נישט זיין קיין מסדר־קידושין ביי זיינע קינדער.

וואָס זאָל מען טאָן, אַז דער „בורח" איז אַ „שטאַרקער מאַן", דאָס

הייסט: ער האָט פֿאַרשידענע איינפֿלוסן און מען קען אים נישט לייגן אָפֿיציעל אין חרם אַריין?

לגבי אַזאַ מענטש גייט נישט אָן דער כלל, אַז קיינער טאָר ביי אים גאַרנישט „כאַפּן", נאָר אַלץ, וואָס איז געווען זיינס, געהערט צו די קרעדי־טאָרן. אדרבה: ביי אַזאַ מענטש זאָל מען „כאַפּן"! ווער עס קען, זאָל ביי אים נעמען וואָס עס לאָזט זיך נאָר.

וואָס זאָל מען טאָן לגבי די קהילה־פֿאַרשטייער, וואָס ווייזן אַרויס פּאַרטייאישקייט און ווילן נישט לייגן אַ באַנקראָטניק אין חרם?

לגבי זיי איז פֿאַראַן זייער אַ שטאַרקע רוט: זיי זענען מחויב צו באַצאָלן דעם חוב. דאָס זעלבע אויב זיי העלפֿן צו איין קרעדיטאָר צו באַקומען מער ווי עס קומט אים פּראָפּאָרציאָנעל צו די אַנדערע. אויך אין דעם פֿאַל גייט איבער די תביעה פֿון די איבעריקע באַשעדיקטע קרעדיטאָרן אויף די קהילה־פֿאַרשטייער. דער אַלטער און אייגנטלעכער שולדיקער ווערט ניט פֿריי, נאָר די קרעדיטאָרן האָבן אַ ברירה: זיי קענען פֿאַרלאַנגען פֿון קהל דעם חוב אָדער ווייטער מאָנען ביים באַנקראָטן לווה.

זייער אינטערעסאַנטע באַשטימונגען האָט דער „וועד ארבע ארצות" אַרויסגעגעבן וועגן דעם, וויפֿל נדן עס קענען באַקומען די קינדער פֿון אַ באַנקראָטניק. דער העכסטער סכום איז געווען צוויי הונדערט גולדן און דאָס האָט געקענט נאָר זיין געגעבן פֿון קרובים אַלס אונטערשטיצונג. אויב קרובים זאָלן האָבן געגעבן מער, דאַן מוז דער חתן צוריקגעבן דעם עודף אויף צו דעקן די חובות פֿון זיין שווער (וועלכער האָט דעם נדן נישט געגעבן!), אַפֿילו אויב דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן נאָך איידער דער באַנקראָט איז פֿאַרגעקומען.

די תקנה פֿון „וועד ארבע ארצות" קען אויך אַזאַ זאַך ווי אַ „פֿאַרלענ־גערונג פֿון חוב". אין פֿאַל פֿון אַן אויסערגעוויינטלעכער קאַטאַסטראָפֿע (אַ שריפֿה אָדער אַ רויב־אָנפֿאַל) קען דער בית־דין דערקלערן אַ מין „מאָראַ־טאָריום" פֿאַרן לווה. סתם אַ פֿראָלאָנגירונג פֿון חוב קען געמאַכט ווערן נאָר אין אינטערעס פֿון די קרעדיטאָרן און ביי אַ געהעריקער גאַראַנטיע פֿאַר די נייע צאָלונגס־טערמינען, מצד דעם שולדיקן, וואָס געפֿינט זיך אין שווע־ריקייטן. דער כלל איז געווען, אַז דער מלווה האָט געדאַרפֿט ווערן וואָס שטאַרקער באַשיצט.

8. די אָפּגעשוואַכטע אויטאָריטעט פֿון חרם אין 17־טן יאָרהונדערט

עס איז פֿולשטענדיק קלאָר, אַז ביי אַזאַ וויט־פֿאַרצווייגטער פֿאַרוועג־דונג פֿון חרם דורכן „וועד ארבע ארצות", דורך די איינצלנע קהילות און אַפֿילו דורך יחידים — האָט זיין אויטאָריטעט געמוזט כסדר פֿאַלן. וואָס

מער מענטשן זענען געוואָרן מוחרם און מנודה — אַלץ ווינציקער האָט דאָס פּראַקטיש באַדייט.

מיר האָבן וועגן דעם אַ וויכטיקן היסטאָרישן דאָקומענט פון יאָר 1623. דעמאָלט האָט איינער פון די באַרימטסטע פּוילישע רבנים, ר' יואל סירקעס (דער מחבר פון „בית חדש" — דער ב"ח), געשריבן אַ בריוו צום „וועד ארבע ארצות", וועלכער האָט זיך פאַרזאַמלט אויף זיין רעגולערער סעסיע אין לובלין, און אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער געוואַלדיקער פּראָפּאַגאַציע פון חרם [39]).

ר' יואל סירקעס זאָגט אין זיין בריוו צום „וועד ארבע ארצות", אַז אין די יידישע צרות זענען אייגנטלעך שולדיק די יידן אַליין, און בעיקר די „מנהיגים וראשים", וועלכע וואַרפן אויף די ירידים דעם חרם דריי מאָל אין יאָר אויף מענטשן, „וואָס זענען צעשפּרייט איבער די שטעט און שטעטלעך". „עס איז באַקאַנט יעדן איינעם", שרייבט ווייטער ר' יואל סירקעס מיט ווייטאָג, „אַז נישט נאָר די מוחרמים אַליין זענען זיך נישט נוהג לויט די דינים פון חרם, נאָר אַפילו צדיקים און יראי־אלקים זינדיקן דערביי, טייל נישט־באַוואוסט — און דאָס איז אויך נישט גוט — און טייל פאַרפירט און אונטער צוואַנג".

אין בריוו ווערט דערמאָנט, אַז אָקאָרשט האָט דער „וועד ארבע ארצות" אַרויסגעגעבן אַ חרם אויפן כלל מיט זיבן ספרי־תורהס (ד"ה אַ תקנה אונטער אַזאַ שטאַרקן חרם) און דאָס איז אַ גרויסער פעלער. מען האָט זיך אַפילו נישט באַראָטן מיט די גדולי־החכמים, נאָר אויף אייגענער אחריות האָט דער „וועד ארבע ארצות" פאַרעפנטלעכט אַזאַ מין חרם. ר' יואל סירקעס איז שרעקלעך אויפגעבראַכט, פאַרוואָס מען האָט נישט צומאָל געפרעגט קיין עצה ביים לובלינער רב, ר' שמואל סג"ל, צי מען מעג וואַרפן דעם חרם [40]). עס קען זיין, אַז דער חרם האָט על־פּי־דין קיין ווערט נישט, און דעריבער איז אפשר נאָך בעסער, ווייל עובר זיין אויף אַזאַ חרם איז גרינגער. אָבער דער כלל יידן ווייסט נישט, אַז דאָס איז אַזוי און טראַץ דעם היטן די מענטשן נישט דעם חרם „במזיד וברצון".

די עצה איז: מבטל צו זיין אַלע חרמים. אַזוי האָט מען געטאָן אין קראָקע און אַזוי דאַרף מען טאָן איבעראַל.

ר' יואל סירקעס לייקנט נישט, אַז די תקנה איז פאַר זיך אַליין זייער וויכטיק. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן געשעפטן מיט מטבעות, וואָס דאָס האָט גורם געווען, אַז דער פּוילישער קעניג און זיינע באַאַמטע זענען געוואָרן אין כעס אוי די יידן, אָבער פאַר קיין פאַל האָט מען נישט געטאָרט וואַרפן אַ חרם אויף יענע, וואָס זענען עובר אויף דער תקנה. מען האָט געדאַרפט דראָען מיט אַנדערע שטראָפן: מיט געלט, מיט אַרויסטרייבן פון לאַנד אָדער איבערגעבן דעם מלכות.

די ווענדונג פון יאָר 1623, וועלכע באַציט זיך אויף אַ פריערדיקן קורצן בריוו פון יאָר 1622, איז זייער כאַראַקטעריסטיש. זי זאָגט עדות

אויף דעם, אַז די חרמים זענען נישט געווען רעספּעקטירט ביי יידן און אַז מען האָט געמוזט זוכן מיטלען, כדי צו באַגרענעצן דאָס באַנוצן זיך מיטן חרם.

מען קען אָננעמען, אַז די ווענדונג פון אַזאַ גאון ווי ר׳ יואל סירקעס האָט נישט פאַרפעלט צו מאַכן דעם געהעריקן איינדרוק. צוליב דעם, וואָס דער פּינקס פון „וועד ארבע ארצות״ איז פאַרלוירן געגאַנגען, קענען מיר באַטירלעך נישט פעסטשטעלן, וויאַזוי דער „וועד״ האָט רעאַגירט. אָבער די שוועסטער־אָרגאַניזאַציע פון „וועד ארבע ארצות״, דער „וועד מדינת ליטא״, האָט אין יאָר 1634 אָנגענומען אַ באַשלוס, וואָס האָט גענוי אַנטשפּראָכן דעם פאַרלאַנג פון ר׳ יואל סירקעס:

> „אַלע תקנות, וואָס מען האָט זיי באַזונדער פאַרשאַרפט מיט דער שטאָרף פון חרם... זענען מיר מבטל פון איצט פול־שטענדיק, אָבער די אָנפירער פון יעדער קהילה זענען מחוייב צו שטיין אויף דער וואַך, אַז די תקנות זאָלן ווערן אויס־געפירט אונטער אַ געלט־שטראָף״ [41].

עס קען זיין, אַז די תקנה פון „וועד ארבע ארצות״ פון יאָר 1624 „שלא יחרים שום רב לשום אדם ביחידות״ (אַז קיין רב זאָל אַליין נישט לייגן קיין מענטש אין חרם), שטייט אויך אין שייכות מיטן בריוו פון ר׳ יואל סירקעס צום „וועד״. דאָס איז נישט געווען קיין פולע באַריקזיכטיקונג פון זיין ווענדונג, אָבער עס איז געווען אַ סימן, אַז מען גייט אַביסל מער זיין איינ־געהאַלטן מיטן חרם.

פונדעסטוועגן, אויף לאַנג האָט די איינגעהאַלטנקייט זיך נישט געקענט האַלטן. די יידישע אויטאָנאָמיע אין פּוילן איז געווען פולשטענדיק אָפּהענגיק פון דער עקזעקוטיוו־מאַכט, וועלכע די רעגירונג פון לאַנד האָט פאַר איר באַשטימט. דידאָזיקע מאַכט איז געווען אַזוי ענג פאַרבונדן מיטן חרם, אַז עס איז פּשוט נישט געווען מעגלעך צו עקזיסטירן אָן דעמדאָזיקן כלי־זיין. דעריבער האָט דער „וועד ארבע ארצות״ און די איינצלנע קהילות כסדר געמאַכט געברויך פון אים. דאָס האָט ווידער גורם געווען, אַז דער חרם איז געוואָרן שוואַכער אין באַדייטונג. אַזוי האָט זיך דאָס געדרייט אין אַ בלינדן קרייז ביז צום צוזאַמענברוך פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט.

הערות :

1) היינריך גרעץ, געשיכטע דער יודען, באַנד 9 (לייפּציג 1866), זייט 79 (פון די צוגאַבן).

2) „דער יידישער חרם אין ליטע אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט", אַלס באַנד 10, העפט 4 פון דער זאַמלונג „פּאַמיענטניק היסטאָריטשנאַ פּראַוונע" אונטער דער רעדאַקציע פון פּשעמיסלאַוו דאַבקאָווסקי, לעמבערג 1932.

3) דעמדאָזיקן מקור האָט אַרויסגעגעבן שמעון דובנאָוו, קודם אין ביילאַגעס צו דער „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", אָנהייבנדיק מיטן יאָר תרס"ט, און דאַן אין אַ באַזונדערן בוך אין בערלין תרפ"ה („פּינקס המדינה או פּינקס וועד הקהילות הראשיות במדינת ליטא", 358 זייטן, מיט אַן אויסגעצייכנטן מבוא, 31 זייטן).

*3) די שטאָט יריחו איז געפאַלן דורך אַ חרם פון יהושען : „והיתה העיר חרם" (יהושע ו', י"ז). מען האָט געבלאָזן שופר און די מויער פון יריחו איז געפאַלן. דאַן : „ויחרימו את כל אשר בעיר מאיש ועד אשה מנער ועד זקן ועד שור ושה וחמור לפי חרב" (דאָרט, כ"א).

4) ווען אלישע איז געגאַנגען קיין בית־אל, האָט ער געטראָפן אויפן וועג קליינע יינגלעך, וועלכע האָבן פון אים אָפּגעשפּאָט. ער האָט זיי דעמאָלט געשאָלטן און זיי זיינען שרעקלעך באַשטראָפט געוואָרן (מלכים ב' ב', כ"ג־כ"ד).

5) אלישע האָט געשאָלטן גיחזין, אַז נעמנס צערת זאָל זיך אָן אים באַהעפטן אויף אייביק, און דאָס איז באַלד מקויים געוואָרן (מלכים ב' ה', כ"ז).

6) אין דער שירה פון דבורה און ברק בן אבינועם (שופטים ה') שטייט, אַז מען דאַרף שעלטן מרוז („אורו מרוז". און די גמרא זאָגט (מועד קטן, ט"ז), אַז ברק האָט מרוז אַריינגעלייגט אין חרם מיט 400 שופרות.

7) די גמרא (קידושין, ע') דערציילט, אַז ר' יהודה בר יחזקאל האָט אַריינגעלייגט אין חרם אַ מאַן, וואָס האָט אים באַליידיקט. ער האָט אים אויך דערקלערט פאַר אַן „עבד".

8) דאָ איז געקומען דער נאָמען פון מענטש, וואָס איז געלייגט געוואָרן אין חרם, אָדער סתם : יעדן, וואָס וועט עובר זיין אויף אַ תקנה אָדער אַ כרוז.

9) דאָ זענען אויסגערעכנט געוואָרן אַלע ווייטערדיקע חדשים מיט די נעמען פון זייערע מלאכים און מזלות, וועלכע האָבן געדאַרפט שעלטן דעם מענטש, וואָס איז אין חרם.

10) דאָ זענען אויסגערעכנט געוואָרן אַלע אַנדערע טעג מיט זייערע מלאכים, כדי זיי זאָלן אויך שעלטן דעם מענטש, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין חרם.

11) דאָ זענען אויסגערעכנט געוואָרן די אַנדערע דריי תקופות מיט זייערע מלאכים.

12) צום סוף זענען געקומען נאָך שרעקלעכע קללות וועגן מיתות־משונות, וואָס דער מענטש אין חרם דאַרף איינעמען.

*12) דער נוסח פון חרם איז גענומען געוואָרן פון ספר „כל בו", סימן קל"ט.

13) אין אַ „הגה" צום שולחן ערוך, יורה דעה, סימן של"ד, סעיף ב'.

14) פּינקס מדינת ליטא, סימן שע"ד.

15) פּינקס מדינת ליטא, סימן תקמ"ו.

16) זע וועגן דעם ביי לואיס לעווין, איין באַנפלוך, בערלין 1914.

17) זע אַדאָלף קעללער, „דער שאַרפריכטער אין דער דויטשען קולטורגעשיכטע", באָן און לייפּציג 1921, וואו עס ווערט באַשריבן, לויט קוויסטאָרפּס „גרונדזעצע דעס דויטשען פּיינליכען רעכטס", באַנד 1 (1789), זייט 614, דאָס „עזעלס־בעגרעבניס" ביי די דייטשן אין מיטלעלטער (פאַר זעלבסטמערדער).

18) פּינקס מדינת ליטא, סימן תתק"ח און תתקמ"ז.

19) זע וועטשטיין, קדמוניות מפנקסאות ישנים, קראָקע 1892, זייט 20.

20) פּינקס מדינת ליטא, סימן יז.

21) מען האָט דערביי אויסדריקלעך באַוואָרנט, אַז אויב דאָס נישט־צאָלן איז נישט

צוליבן וועלן עובר־זיין אויף אַ חרם, נאָר צוליב אָרעמקייט, דאַן „דין ישראל יעשו לו ולא יותר".

22) פינקס מדינת ליטא, סימן תקמ"ז.

23) זע וועגן דעם לעצטנס אין מיין בוך „יידן אין אַלטן פוילן", בוענאָס איירעס 1962, זייט 151.

24) פינקס מדינת ליטא, סימן תרט"ו.

25) פינקס מדינת ליטא, סימן י"ח.

26) פינקס וועד ארבע ארצות, סימן קכ"ט.

27) פינקס מדינת ליטא, סימן אלף כ"ט.

28) „יידן אין אַלטן פוילן", זייט 148 א"וו.

29) זע וועגן דעם מיין בוך „דער חרם אין ליטא", זייט 19 א"וו.

30) וועגן אַזאַ מין חרם רעדט זיך אין אַלטע פוילישע פריווילעגיעס פאַר יידן, למשל, אין דער פריווילעגיע פון קאַזימיר יאַגיעלאָ פון יאָר 1453 (זע: „דער חרם אין ליטע", זייט 21).

31) „שולחן ערוך", חושן המשפט, סימן פ"ז, סעיף כ"ב: „כל מי שנתחייב שבועה בין של תורה בין של דבריהם, אפילו היסת, יש לו להחרים סתם קודם שישבע על כל מי שטוען עליו דבר שאינו חייב בו כדי להשביעו חנם ויענה המשביעו אמן". זע אויך רמב"ם, יד החזקה, טוען ונטען, א', י"א.

32) פינקס מדינת ליטא, סימן רי"ב.

33) ציטירט פון באַלאַבאַן, די יידן פון לעמבערג, זייט 320.

34) עס רופט זיך: „שני וחמישי ושני", ד"ה אַ מאָנטיק, דאָנערשטיק און נאָך אַ מאָנטיק.

35) פינקס מדינת ליטא, סימן ל"א.

36) פינקס מדינת ליטא, סימן תתקכ"ו.

37) זע וועטשטיין, קדמוניות, זייט 23.

38) די „תקנות הבורחים" זענען איינציקע מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן. די אינטערפּרעטאַציע פון די תקנות איז אַ פּראָבלעם פאַר זיך. איך האָב דעמדאָזיקן פּראָבלעם אויך באַהאַנדלט אין מיין בוך וועגן חרם, ז' 32־34. די לעצטע פאָרשונגען זענען באַריקזיכט געוואָרן דורך היילפּרינען, וועלכער האָט אויך אָפּגעדרוקט די תקנות אַלס באַשטאַנד־טייל פון פינקס וועד ארבע ארצות, ז' 45־51.

39) דער בריוו פון ר' יואל סירקעס געפינט זיך אין די שאלות ותשובות בית חדש החדשות, קאָרעץ תקמ"ה, סימן מ"ג. היילפּרין האָט דעם בריוו אַריינגענומען אין פינקס וועד ארבע ארצות אַלס סימן ק"י.

40) די פּערזאָן פון ר' שמואל סג"ל, וועלכן ר' יואל סירקעס רופט אָן, דאַרף אויפגעקלערט ווערן. ר' יואל סירקעס זאָגט, אַז מען דאַרף פרעגן, לויט אַ פּסק פון ר' לוי חביב, אַ מענטש, וואָס איז „נודע בשם הגדולים אשר בדור ויהי' מנהיג בעיר". דאַן גיט ער צו: „והנה עמכם גדול הדור הגאון מוה"ר שמואל סג"ל אב"ד ור"מ דק"ק לובלין, הי' לכם להמתיק סוד ועצה עמו בחומר חרם הגדול אשר החרמתם". אַזאַ פּערזענלעכקייט איז אין יענער צייט געווען, אָן שום ספק, דער מהרש"א, וואָס האָט געהייסן ר' שמואל אליעזר בן ר' יהודה הלוי. דער מהרש"א האָט געלעבט פון 1555 ביז 1631. ער איז געווען רב צווישן אַנדערן אין כעלם, לובלין און אָסטראָה. אָבער עס איז פאַראַן אַ גרויסע שוועריקייט אין דאָזיקן ענין. די תשובה פון ב"ח הייבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „אנכי עבדכם החתום בשולי היריעה כבר באתי לעורר אתכם בכתב קטן בירוד שהי' בחודש כסליו שפ"ב על דבר החרמו' שהסכמתם לתקן תקנות ולהחרים ע"ז ועתה באתי להוסיף..." קומט אויס, אַז דער בריוו איז געשריבן נאָך דעם יאָר שפ"ב (1622). אין יענער צייט איז דער מהרש"א שוין פון לאַנג געווען רב אין אָסטראָה. צוליב דעם האָלט מ. מ. ביבער אין זיין בוך „מזכרת לגדולי אוסטראה" (בערדיטשעוו 1907), ז' 45, אַז דער

מהרש"א איז דעמאָלט געווען אויפן יריד אין לובלין און אַזויווי ער איז אַמאָל געווען רב אין לובלין רופט אים דער ב"ח מיטן טיטל „לובלינער רב". אָבער דאָס איז נישט וואַרשיינלעך. בכלל איז דאָס לובלינער רבנות פון מהרש"א אַ מיסטעריע. עס איז אַ פאַקט, אַז אויף איין הסכמה, וואָס ער האָט געגעבן אין יאָר שע"ה (אויפן ספר „יש נוחלין", וואָס איז געדרוקט אין פראַג אין יאָר שע"ה), האָט ער זיך אונטערגעשריבן: אב"ד ור"מ דק"ק לובלין. אָבער אין יענעם יאָר איז געווען רב אין לובלין אַן אַנדערער — דער מהר"ם. אין וועלכן יאָר דער מהרש"א האָט איבערגענומען די כסא־הרבנות אין אָסטראָה — איז נישט באַוואוסט.

איך האָב דעם איינדרוק, אַז די דאַטע אין די תשובות ב"ח החדשות קען אפשר זיין אַ טעות הדפוס. י. היילפּרין האָט אין „פינקס וועד ארבע ארצות" אַריינגענומען דעם דאָזיקן וויכטיקן בריוו מיט אַ דאַטע פון שפ"ג און ער זאָגט (ז' 45), אַז דאָס איז זיין השערה. איך וואָלט גיכער געווען נוטה אָנצונעמען, אַז די דאַטע שפ"ב אין דער תשובה איז געוואָרן שלעכט קאָפּירט פון דער אָריגינעלער תשובה פון ר' יואל סירקעס. עס קען זיין, אַז עס דאַרף זיין: שע"ב. דעמאָלט איז דער מהר"ם נאָך געווען רב אין לעמבערג. דאָס פאַרהעלטעניש צווישן די צוויי גרויסע רבנים, מהר"ם און מהרש"א, אין באַצוג צו דער לובלינער כסא־הרבנות איז אַ פּראָבלעם פאַר זיך. איך האָב וועגן דעם אַן אינטערעסאַנטע השערה אויפן סמך פון אַ כתב־יד פון אַ תשובה פון מהר"ם, וועלכע איך האָב געפונען אין דער באָדליאַן ביבליאָטעק אין אָקספאָרד, אָבער וועגן דעם האָף איך צו שרייבן באַזונדער ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט.

41) פינקס מדינת ליטא, סימן רפ"ה.

נ. קאַנטאָראָוויטש

* * * *

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן

אַריינפיר

פועלי־ציון (צ. ס.)

„פרייהייט״ — „דרור״

„התאחדות״

די לינקע פועלי־ציון

„השומר־הצעיר״

„החלוץ״

די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל

די א״י־קאָנפערענצן אין פוילן

אַריינפיר

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם זעלבשטענדיקן פּוילן האָט איינגעשלאָסן פאַרשידענע אידעאָלאָגישע גרופּירונגען. זי האָט אַנטהאַלטן פון איין זייט אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען געשטאַנען אין קעגנערשאַפט צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און זענען בכלל געשטימט לינק. אָבער אַפילו צווישן אָט־די ראַדיקאַלע גרופּן ווי די לינקע פועלי־ציון און דעם „השומר־הצעיר", וואָס האָט זיך ערשט שפּעטער אַנטוויקלט צו זיין לינקער שטעלונג, איז געווען אַ טיף־גייענדיקער אונטערשיד אין זייער באַציאונג צום גלות און צו דער אַזוי־גערופענער שפּראַכן־פראַגע. אויפן צווייטן עקסטרעם אין דער באַוועגונג האָט זיך געפונען „התאַחדות", וואָס איז בכלל ניט געווען געשטימט סאָציאַליסטיש און האָט זיך אַליין באַטראַכט נאָר אַלס יידישע אַרבעטס־פּאַרטיי.

צווישן דיביידע עקסטרעמען האָט זיך געפונען פועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ. ס.) און אויך דער רוב פון „החלוץ", וואָס זענען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם און ניט געטיילט די קעגנערשאַפט צו אים, פון דעם לינקן און אויך פון רעכטן פליגל פון דער באַוועגונג.

די אַלע אויסגערעכנטע פּאַרטייען האָבן אויך געהאַט זייערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ספּאָרט־קלובן, בילדונגס־געזעלשאַפטן אאַ"וו. און האָבן, צוזאַמען מיט זיי געבילדעט די פאַרשידנפאַרביקע און ברייט־פאַרצווייגטע ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן.

הצד השווה צווישן די אַלע באַזונדערע טיילן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג איז, וואָס זיי אַלע זענען געווען ציוניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און זענען, אין אונטערשיד פון אַנדערע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, געווען פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג, און באַזונדערס מיט דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, שטיצנדיק אירע העראָאישע באַציאונגען ביים אויפשטעלן דעם יידישן אַרבעטער־צענטער אין ארץ־ישראל, וואָס האָבן געבראַכט צו דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל.

אָבער אויך אין באַצוג צו דער אַרבעט אין ארץ־ישראל און דעם ציוניזם זענען געווען אונטערשידן צווישן די באַשטאַנד־טיילן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. די גרעסטע מערהייט פון דער באַוועגונג, מיטן אויסנאַם פון די לינקע פועלי־ציון, איז געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון „אַקטיוון ציוניזם", דאָס הייסט זי האָט זיך באַטייליקט אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן, געאַרבעט פאַר די א"י־פאָנדן און מיטגעאַרבעט מיט דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג אויפן פּאָליטישן און פינאַנציעלן געביט פאַרן אויפבוי פון יידישן צענטער אין א"י. נאָך טיפער איז געווען זייער מיטאַרבעט

מיט דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט און איר הסתדרות. פּועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ. ס.), „השומר־הצעיר", „התאַחדות" און „החלוץ", צו־זאַמען מיט זייערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער חלוצישער עליה קיין א"י, און האָבן געפירט די פיזישע און גייסטיקע הכשרה פון דער יידישער יוגנט פאַר עלייה און אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין לאַנד, ווי אויך געשטיצט די הסתדרות אין אַלע אירע אונטערנעמונגען. זיי אַלע האָבן געאַרבעט דורך דער הסתדרות און מפא"י פאַרן אַרבעטער־ציוניזם, באַטראַכטנדיק אים אַלס רעוואָלוציע אין יידישן לעבן, וואָס דאַרף ניט בלויז איבערפלאַנצן די יידישע יוגנט און אַרבעטער־מאַסן קיין א"י, נאָר אויך איבערשיכטן און קאָלאָניזירן זיי אין לאַנד אויף די יסודות פון קאָלעקטיווער אַרבעט און סאָציאַלן יושר.

אין דער הינזיכט איז די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן געגאַנגען אין די פוס־טריט פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט אין א"י, מיט וועלכע זי איז געווען אָרגאַניש פאַרבונדן.

די כוחות־פאַרהעלטעניש אינערהאַלב דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען לכתחילה גינסטיק פאַרן לינקן פליגל, די לינקע פּועלי־ציון. אין די 30ער יאָרן האָט זיך די פאַרהעלטעניש געענדערט לטובת די פּועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ. ס.) ווי אויך לטובת „החלוץ", וואָס איז באַזונדערס געוואַקסן פאַרן קריג.

פּועלי־ציון (צ. ס.)

וועגן ד"ר נחמן סירקין ווערט דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל כאַראַקטע־ריזירט פּועלי־ציון אַלס די באַוועגונג אין יידישן לעבן, וואָס האָט געצויגן „אָדער"ן. ביז פּועלי־ציון פלעגט מען אויף דער יידישער גאַס זאָגן: גלות אָדער ארץ־ישראל, — איז געקומען פּועלי־ציון, האָט אַרויסגעצויגן דעם „אָדער" און עס איז געוואָרן גלות און ארץ־ישראל; ביז פּועלי־ציון פלעגט מען אויך זאָגן, יידיש אָדער העברעאיש, — איז געקומען פּועלי־ציון און האָט ווידער אַרויסגעצויגן אַן „אָדער" און געמאַכט יידיש און העברעאיש; און ענדלעך האָט פּועלי־ציון אויך אַרויסגעצויגן דעם „אָדער" וואָס איז פריער געווען צווישן ציוניזם און סאָציאַליזם, און אַנשטאָט ציוניזם אָדער סאָציאַליזם, איז געוואָרן ציוניזם און סאָציאַליזם.

מיר ברענגען עס, כדי צו געבן אַ באַגריף וועגן דער באַוועגונג פון פּועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ. ס.), וואָס איז געווען טעטיק צווישן ביידע וועלט־מלחמות אין פּוילן, און האָט זיך דאָרטן ביסלעכווייז אַנטוויקלט צו איינער פון די וויכטיקסטע כוחות. די דאָזיקע באַוועגונג האָט עס, ווי דער־מאָנט, געשטרעבט צו פאַראייניקן אין איר פּראָגראַם און טעטיקייט ארץ־ישראל און גלות, יידיש און העברעאיש, ווי אויך דעם ציוניזם און סאָציאַ־

ליזם. איז אויב אין די ערשטע צוויי האָט מען ניט איינגעזען קיין שום סתירה, האָט אָבער אַ סתירה לייכט געקענט געפונען ווערן אין „ציוניזם און סאָציאַליזם". אויב דער ציוניזם האָט גערופן צום אַחדות אין יידישן פאָלק, צו אַ געמיינזאַמען נאַציאָנאַלן פראָנט און כלל־ישראל־פּאָליטיק פאַר אויסקעמפן דעם יידישן צענטער אין א"י, האָט דאָך דער סאָציאַליזם, אין זיין אָנגענומענער, געוויינלעכער פאַרעם, גערופן צום קלאַסן־קאַמף פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט קעגן יידישן בירגערטום, צו אַן איינהייטלעכן פראָנט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט מיטן אַרבעטער־קלאַס פון אַנדערע פעלקער, פאַרן קאַמף פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג. כלל־ישראל־פּאָליטיק לאָזט זיך ניט פאַרן מיט קלאַסן־פּאָליטיק. איינס שליסט אויס דאָס אַנדערע — האָבן געטענהט די אָנהענגער פון פסוק: ציוניזם אָדער סאָציאַליזם.

פּועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ. ס.) האָט גובר געווען אָט־דידאָזיקע סתירה דורך דעם, וואָס זי האָט אָנערקענט אַז די יידישע, ס'רוב אורבאַניזירטע מינדערדהייט, האָט זין אויסקריסטאַליזירט לויט סאָציאַלע, צעשיידנדיקע קלאַסן־ליניעס, — דאַרף דער פּאָליטישער און סאָציאַלער קאַמף פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן געפירט ווערן לויט קלאַסן־ליניעס, האַנט אין האַנט מיט אַלע אַנדערע יידישע אַרבעטער און מיט דער גאַנצער אַרבעטער־שאַפט פון לאַנד; אָבער אויפן געביט פון ציוניזם, וואו עס האַנדלט זיך וועגן די ספּעציפישע אינטערעסן פון דער יידישער מאַסע, וועגן זייער אייגענעם דראַנג און שטרעבונג פאַר פולער, נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, דורך שאַפן פאַר זיך אַ געזונטן אַרבעטער־צענטער אין א"י — דאַרף דער קאַמף גיין לויט אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע ליניעס, צוזאַמען מיט די אַנדערע קלאַסן פון יידנטום, וואָס זענען פאַר אַ יידישער א"י.

אַזוי־אַרום האָט פּועלי־ציון (צ. ס.) נאָכגעפאָלגט אין איר פּאָליטישער און סאָציאַלער אַרבעט אין פּוילן דער קלאַסן־ליניע, גערופן די אַרבעטער צום קאַמף קעגן דער הערשנדיקער אָרדענונג, געשטרעבט צו אַרבעטער־ליסטעס ביי וואַלן און צוגלייך אָנגענומען אַלע כללים און מיצוות פון דער ריין־ציוניסטישער אַרבעט, זיך באַטייליקט אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע פּאָליטישע און געלט־אַקציעס פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. פּועלי־ציון (צ. ס.) איז גלייכצייטיק געווען ראשה ורובה פאַרטאָן אין דער אַרבעט פון „החלוץ" און אין אַלע אַנדערע אונטערנעמונגען פון דער אָרגאַניזירטער א"י־אַרבעטערשאַפט.

צו דער צייט ווען פּוילן איז געוואָרן זעלבשטענדיק האָבן זיך אין פּועלי־ציוניזם אויסקריסטאַליזירט צוויי ריכטונגען. די מאַרקסיסטיש־באָראָכאָוויסטישע, וואָס איז בכלל געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, האָט געהאַלטן, אַז דער ציוניזם וועט רעאַליזירט ווערן דורכן „סטיכישן פּראָצעס" וואָס וועט באַוועגן די דעקלאַסירטע יידישע מאַסן צו זוכן זייער „סטראַטעגישע באַזע" אין א"י. קיין א"י וועט, בכן, פליסן דער יידישער קאַפּיטאַל, וועמען עס וועלן נאָכפאָלגן די דעקלאַסירטע און פוי־

פּעריזירטע יידישע מאַסן, און די אויפגאַבע פון פּועלי־ציון וועט זיין בלויז צו באַוואַכן אַט־דעם אַנקומענדיקן פּראָצעס און ריכטן אים לויט די ליניעס פון אַלגעמיינעם פּראָלעטאַרישן קאַמף פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג.

אין קעגנזאַץ צו אַט־דעם מאַרקסיסטיש־באָראָכאָוויסטישן קוק, האָט נחמן סירקין אַנטוויקלט זיין שיטה, לויט וועלכער די יידישע בורזשואַזיע, וואָס אַסימילירט זיך מיט דער אַרומיקער וועלט, איז ניט פאַראינטערעסירט אין ציוניזם, וואָס איז קודם־כל אַ באַוועגונג פון די פאַראָרעמטע יידישע מאַסן, וועלכע קענען געהאָלפן ווערן דורך אַ נאַציאָנאַלער אָנשטרענגונג און דורך נאַציאָנאַלע קאַפּיטאַלן, וואָס זייער אינוועסטיציע אין לאַנד וועט עס דער־מעגלעכן אַ קאָלאָניזאַציע פאַר און דורך די יידישע מאַסן און וועט רעאַלי־זירן דעם ציוניזם.

די ביטערע דערפאַרונג פון די מענטשן פון דער „צווייטער עליה" אין א"י, וואָס האָבן זיך ניט געקענט איינוואָרצלען אין דער פּריוואַטער לאַנד־ווירטשאַפט, וועלכע האָט געזוכט דווקא די ביליקע אַראַבישע אַרבעט, — האָט זיי איבערצייגט אין דער אילוזאָרישקייט פון וועלן בויען דאָס לאַנד דורכן פּריוואַטן קאַפּיטאַל און פון וואַרטן אויף דער „סטיכישער עמיגראַ־ציע", וואָס דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל וועט, זיכער, ניט פאַראורזאַכן. די אַרבעטער אין לאַנד, וואָס האָבן זיך געווענדעט צו קאָאָפּעראַטיווער, איי־גענער קאָלאָניזאַציע אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע און אויפגעשטעלט „דגניה", האָבן דאַן אויך געוואָרפן דעם געדאַנק פון דער חלוצישער עליה פון דער יידישער יוגנט און אַרבעטערשאַפט קיין א"י. דער ענטפער, וואָס איז געקו־מען פון גלות, מיט דער גרויסער חלוצישער באַוועגונג, וואָס איז אַנטשטאַ־נען אין רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917 און די אויסשפּריי־טונג פון חלוציזם אויף אַלע לענדער פון מזרח־אייראָפּע נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט, ווי באַקאַנט, געבראַכט צום קאַפּיטל פון דער דריטער עליה (1918—1924). צום פּאָליטישן און פּראַקטישן ציוניזם פון דער „הערצל־תקופה" איז דאַן צוגעקומען דער חלוצישער און אַרבעטער־ציוניזם פון „הגשמה עצמית" און פון בויען דאָס לאַנד אויף יסודות פון סאָציאַלער גע־רעכטיקייט.

*

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אירע ערשטע שריט אָנגע־הויבן שטעלן אונטערן צייכן פון שפּאַלטונג. די יאָרן 1918־19, ווען פּוילן איז אויפגעשטאַנען תחיית־המתים, זענען, ווי באַקאַנט, געווען שטורמישע יאָרן אין דער געשיכטע פון אייראָפּע. איבער דעם „אַלטן קאָנטינענט", וואָס איז נאָר־וואָס אַרויס פון די חורבנות פון ערשטן וועלט־קריג, האָט זיך גע־טראָגן דער שטורעם פון רעוואָלוציעס און נאַציאָנאַלע איבערקערענישן. די כוואַליע שפּאַלטונגען, וואָס האָט זיך דאַן געטראָגן איבער די אייראָפּעאישע אַרבעטער־פּאַרטייען, האָט אויך ניט אויסגעמיטן די ציוניסטישע אַרבעטער־

באַוועגונג אין פּוילן. וועגן דער שפּאַלטונג צווישן די פּועלי־ציון אין יאָר 1920 אין ווין, איז שוין זייער פיל געשריבן געוואָרן. דאַקעגן איז גאַנץ ווייניק באַקאַנט די סדרה שפּאַלטונגען צווישן די צעירי־ציון, וואָס איז אומגעפער אין דערזעלביקער צייט פאָרגעקומען סיי אין רוסלאַנד, סיי אין פּוילן. אמת, די שפּאַלטונגען ביי די צעירי־ציון זענען פאַראורזאַכט געוואָרן ניט דורך דער שטעלונג צו דער נייער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט דאַן, ווי באַקאַנט, געזיגט אין רוסלאַנד. ביי צעירי־ציון איז די שפּאַלטונג אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער שטעלונג צום סאָציאַליזם און צום סאָציאַלן קאַמף פון דער אַלוועלטלעכער אַרבעטערשאַפט. טראָץ די פילע באַמיאונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן סיי אין רוסלאַנד, סיי אין פּוילן איינצוהאַלטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע איינִיקייט פון דער שטאַרק־צעוואַקסענער דאַן צעירי־ציון־באַוועגונג, האָט אויך זי ניט אויסגעמיטן דעם פּראָצעס, וואָס אַלע אַרבעטער־באַוועגונגען האָבן דורכגעמאַכט.

די צעירי־ציון־באַוועגונג, וואָס איז בכלל אַנטשטאַנען מיט אַ יאָר 60 צוריק ווי אַ ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישער שטראָם אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און וואָס רעכנט איר אָנפאַנג פון דער גרינדונג פון „התחיה" אין וואַרשע און אין פּינסק (אין די יאָרן 1903—1905), האָט זיך אַנטוויקלט שפּעטער פּאַראַלעל צו פּועלי־ציון און אויך פיל געגנאָסן פון די אידעאָלאָגישע זוכענישן פון די לעצטע אין רוסלאַנד און פּוילן. הגם איר גייסטיקן אָנשפּאַר האָט זי לכתחילה געזוכט אין ארץ־ישראל, אין „הפועל־הצעיר" און אין דער גאַנצער א״י־אַרבעטערשאַפט.

אין האַרבסט 1918 איז אין וואַרשע פאָרגעקומען די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון צעירי־ציון. אין יאַנואַר 1919 האָט אָנגעהויבן דערשיינען איר וואָכנבלאַט „באַפרייאונג", אונטער דער רעדאַקציע פון ז. אייזנבערג (שפּעטער עולה־געווען און דערטרונקען געוואָרן אין א״י), א. איינהאָרן (שפּעטער באַקאַנטער מיטאַרבעטער פון „היינט"; אומגעקומען אונטער די נאַציס אין וואַרשעווער געטאָ) און יוסף גראַוויצקי (געשטאָרבן מיט איניקע יאָר צוריק אין מדינת־ישראל).

די רייבונגען צווישן די פאַרשידענע ריכטונגען ביי די צעירי־ציון האָבן זיך אַנטפּלעקט אויף זייער קאָנפערענץ אין 1919. דער קאַמף איז באַזונדערס שאַרף אָנגעגאַנגען צווישן דער סאָציאַליסטישער ריכטונג און אירע קעגנער. די קאָנפערענץ איז באַווירקט געוואָרן אויך פון ישראל מערעמינסקי, וועלכער איז דאַן געקומען פון רוסלאַנד קיין פּוילן און האָט געבראַכט דעם גרוס פון די צעירי־ציון אין רוסלאַנד, וואָס זענען נאָך דער רעוואָלוציע פון מאַרץ 1917 אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער באַוועגונג, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע טיילן פון אוקראַינע, רוסלאַנד, ווייסרוסלאַנד, ליטע און אַפילו אָנגעשפּאַרט צו טיילן פון קאַווקאַז און סיביר, באַזונדערס דאָרטן, וואו עס האָבן זיך באַזעצט פּליטים וואָס זענען בעתן קריג

אָנגעקומען פון די אַלטע יידישע יישובים פון תחום־המושב. אויף דער צווייטער אַלרוסישער קאָנפערענץ פון צעירי־ציון, אָפּגעהאַלטן אין פּעטראָ־גראַד אָנפאַנג זומער 1917, האָבן זיך אַנטפּלעקט שטאַרקע אידעאָלאָגישע חילוקי־דיעות, וואָס זענען געקומען צום אויסדרוק אין דריי ריכטונגען: אַ סאָציאַליסטישע, אָנגעפירט דורך פּאַרטוגאַלאָוו, אליעזר קאַפּלאַן און א. ריס, די „טרודאָוויקעס" — י. מערעמינסקי, א. לעווינסאָן און א. ברודני, און אַ דעמאָקראַטישע ריכטונג, אָנגעפירט דורך אַ מונטשיק און ח. גרינ־בערג.

די פּוילישע צעירי־ציון האָבן, אמת, אויסגעמיטן דידאָזיקע דרייאיקע צעגלידערונג, אָבער זייער קאָנפערענץ האָט ניט אויסגעמיטן דעם שאַרפן קאַמף צווישן די וואָס האָבן געוואָלט איינשליסן סאָציאַליזם אין זייער פּראָ־גראַם און די, וואָס זענען געווען קעגן דעם. די לעצטע, אָנגעפירט דורך יוסף און אברהם גראָוויצקי און יהודה אייגעס, האָבן, נאָך די ווערטער פון אליהו מונטשיק אַלס א"י־שליח, מסכים־געווען אַריינצוטרעטן אין בייעם צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַט אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע מער־היט. די שפּאַלטונג איז פאַרגעקומען, ווען דער נייער צ. ק. האָט באַשלאָסן אַז ער באַטייליקט זיך אין דער פאַרשטייענדיקער אַלגעמיינער ציוניסטישער קאָנפערענץ נאָר מיט אינפאָרמאַטיווע צוועקן, היות צעירי־ציון באַטראַכטן זי אַלס באַזונדערע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאָרמאַציע, וואָס גייט אַריין אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג אויף פעדעראַטיווע (ניט פּראַק־ציאָנעלע) יסודות.

די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, אָנגעפירט דורך מערעמינסקי, יצחק שוויי־גער, ד. קלעי און אַנדערע, האָבן, נאָכן אַרויסטריט פון זייערע קעגנער, גע־שאַפן דעם „מזרח־פאַרבאַנד פון צעירי־ציון". געווען איז עס אין יענע יאָרן, ווען פּוילן האָט זיך אויסגעשפּרייט (אויף אַ גאַנץ קורצער צייט) איבער אירע עטנאָגראַפישע גרענעצן און האָט אָקופּירט טיילן פון ליטע, ווייסרוס־לאַנד און אוקראַינע. דער געדאַנק פון „מזרח־פאַרבאַנד" איז געווען אָנ־צושליסן אָן אים די צעירי־ציון־באַוועגונג פון אָט־די געביטן. אויך דאָרטן איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף פאַר פאַרוואַנדלען די צעירי־ציון אין אַ ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און אַרויסגיין פון דער „דעמאָקראַטישער פראַק־ציע".

אַזוי איז געווען אין ווילנע, וואו עס האָט געווירקט באַזונדער אַ צ. ק. פון צעירי־ציון פאַר אַ טייל פון ליטע. אַזוי איז אויך געווען אין מינסק, וואו עס איז געווען אַ הויפּט־ביוראָ פון צעירי־ציון פאַר ווייסרוסלאַנד, גע־שאַפן אין זומער 1919. דידאָזיקעביידע צענטערן האָבן באַוויזן אויסצו־מיידן דעם ריס צווישן די ציוניסטן־סאָציאַליסטן און זייערע קעגנער, וואָס איז געשען אין וואַרשע. אָבער נאָך דער שאַפונג פון מזרח־פאַרבאַנד האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אָן אים. אַזויאַרום איז עס אין פרילינג 1920 געקומען צו אַ קאָנפערענץ פון אַלע באַשטאַנד־טיילן פון „מזרח־פאַרבאַנד" און עס

זענען אַריין אין זיין אָנפירונג: י. מערעמינסקי, י. שווייגער און נתן שוואַל־בע — פון קאָנגרעס־פּוילן, יחיאל האַלפּערן — פון קראָקע, אליהו רודניצקי — פון ווילנע, דער שרייבער פון די שורות — פון מינסק, אליעזר ברעגמאַן — פון פּינסק. „באַפרייאונג" איז געוועזן דער צענטראַל־אָרגאַן פון מזרח־פאַרבאַנד און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוקניפּן אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט די צעירי־ציון אין רוסלאַנד, וואָס האָבן אין יענער צייט דורכגעמאַכט די־זעלביקע מעטאַמאָרפאָזע וואָס זייערע חברים אין פּוילן און ליטע. וואָרעם אין יאָר 1920 איז אויך ביי זיי פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג און די מערהייט איז אַוועק מיט די ציוניסטן־סאָציאַליסטן. די שפּאַלטונג אין יאָר 1920 אויף דער קאָנפערענץ אין כאַרקאָוו האָט געבראַכט, בראש פון די צ. ס. צעירי־ציון, די ח"ח י. חפץ, צבי ראָזנשטיין, א. זאַבאַרסקי (געפינען זיך איצט אין ישראל), שמואל פרידמאַן (שפּעטער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין רוסלאַנד), אייזיק ברודני (שפּעטער דירעקטאָר פון בנק־הפועלים אין א"י), יונה גרינ־פעלד (די לעצטע דריי געשטאָרבן אין ישראל). אַ דעלעגאַציע פון די רו־סישע צעירי־ציון, אין באַשטאַנד פון: צ. ראָזנשטיין, י. חפץ און י. גרינ־פעלד איז אין יאָר 1921 אויך אָנגעקומען, נאָך גרויסע שוועריקייטן, קיין פּוילן און איז צוזאַמען מיט די שפּעטער געקומענע ישראל ריטאָוו און א. לעבטמאַן אַריין אַרבעטן אין „מזרח־פאַרבאַנד", וואָס האָט זיך אויך אין יאָר 1922, אויסגעבילדעט אין אַ וועלט־פאַרבאַנד פון צ. ס. צעירי־ציון, היות גרופּן פון צ. ס. צעירי־ציוניסטן זענען דאַן אויך אַנטשטאַנען אין דייטש־אין דייטשלאַנד, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע (באַזונדערס צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט, ספּעציעל פון מזרח־אייראָפּע, אין היכשולן), ווי אויך אין בעלגיע און אַפילו אין דער ווייטער אַמעריקע. די גרופּן אין מערב־אייראָפּע זענען קאָנסאָלידירט געוואָרן, נאָכן אָנקומען קיין בערלין פון שליח פון די רוסישע צ. ס. ישראל אידעלסאָן (איצט בר־יהודה, פירנדיקער חבר פון „אַחדות־העבודה" אין ישראל).

דער צווייטער, ניט־סאָציאַליסטישער טייל פון די צעירי־ציון אין פּוילן איז געבליבן עקזיסטירן אַלס „ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע", אָנגע־פירט דורך י. אייגעס, יוסף גראַוויצקי, משה גאָרדאָן, א. קליינמאַן, ד"ר מנשה, צו וועלכע עס איז צוגעקומען פון רוסלאַנד אברהם לעווינסאָן. זייער פּרעסע־אָרגאַן איז געוואָרן דער וואָכנבלאַט „פאָלק און לאַנד".

דער ריס צווישן ביידע טיילן פון צעירי־ציון איז אַרויס באַזונדערס בולט, ווען עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע: אָן וועלכער אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציע אין א"י שליסן זיך אָן די באַטרעפנדיקע טיילן פון דער צעשפּאַל־טענער צעירי־ציון־באַוועגונג. די „ראַדיקאַלן" זענען געבליבן, ווי פריער, ביים „הפועל־הצעיר". די צ. ס. האָבן געזוכט אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַ־ציע אין א"י, וואָס זאָל זיי אַנטשפּרעכן. עס איז דאַן אין א"י אַנטשטאַנען פון טיילן פון פּועלי־ציון און אומפּאַרטייאישע די סאָציאַליסטישע „אחדות־העבודה", בראש מיט ד. בן־גוריון, בערל קאַצענעלסאָן, ש. קאַפּלאַנסקי און

אַנדערע. איר פּלאַטפאָרם, פאַרעפנטלעכט אין זאַמלבוך „אחדות־העבודה“, האָט אויך געהאָלפן צו באַזייטיקן די רייבונגען, וואָס האָבן נאָך אַלץ גע־נורטעוועט אין די רייען פון צ. ס. צעירי־ציון, צווישן זייערע פאַרשידענע שאַטירונגען, אָנהייבנדיק פון עקסטרעמען מאַרקסיזם ביזן מעסיקן פאָלקס־סאָציאַליזם און אַפילו גאָר רעכטע „טרודאָוויקעס“, וואָס האָבן געלייקנט אין קלאַסן־קאַמף צווישן יידישע אַרבעטער און אין דער נויטווענדיקייט פון אָנשליסן זיך אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די פּלאַטפאָרם פון דער נייער ארץ־ישראלדיקער „אחדות־העבודה“, וואָס האָט אויסגעמיטן די עקס־טרעם־מאַרקסיסטישע פראַזעאָלאָגיע פון באָראָכאָוויסטישן פּועלי־ציוניזם און דעם אַנטיסאָציאַליזם פון „הפּועל־הצעיר“ און האָט באַטאָנט די נייטיקייט פון חלוציזם און אַקטיוון ציוניזם, איז געווען צוגעפּאַסט צו די אידעאָלאָגישע זוכענישן פון דער ניי־אַנטשטאַנענער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אָרגאַני־זאַציע און האָט אויך געשאַפן אין דער „אחדות העבודה“ די געהעריקע אָנשלוס־פּאַרטיי אין א״י, וואוהין עס דאַרפן אַריינטרעטן די צעירי־ציון, נאָכן אָנקומען זייערן אין לאַנד.

ווען עס איז, בכן, פאָרגעקומען אָנהייב 1920 אין פּראַג די שאַפונג פון פאַרבאַנד „התאחדות פון הפּועל־הצעיר און צעירי־ציון“, איז דער מזרח־פאַרבאַנד פון צעירי־ציון אַהין ניט אַריין. דאָסגלייכן אויף דער ציוניסטי־שער קאָנפערענץ אין יאָר 1920 אין לאָנדאָן — דעם ערשטן ציוניסטישן וועלט־צוזאַמענקום, נאָכן ערשטן וועלט־קריג — איז דער מזרח־פאַרבאַנד און זיין דעלעגאַציע געווען אָנגעשלאָסן אָן דער דעלעגאַציע פון דער סאָ־ציאַליסטישער „אחדות־העבודה“ צוזאַמען מיט די דעלעגאַטן פון פּועלי־ציון, בעת די ראַדיקאַלע צעירי־ציון פון פּוילן זענען געזעסן אין דער פראַקציע פון „הפּועל־הצעיר“. דער פּרוּוו פון אליעזר קאַפּלאַן, פּאַסטאַן און אַנדערע פון די רוסישע צעירי־ציון צונויפצובררענגען אין לאָנדאָן די ביידע טיילן פון צעירי־ציון, האָט קיין דערפאָלג ניט געהאַט.

עס האָט דאַן געקענט שיינען, אַז די סאָציאַליסטישע צעירי־ציון וועלן זיך פאַראייניקן מיט די פּועלי־ציון. אָבער ביי די לעצטע איז, ווי באַקאַנט, דאַן אָנגעגאַנגען דער שאַרפער קאַמף אַרום דער שטעלונג צום דריטן אינ־טערנאַציאָנאַל. אין האַרבסט פון יאָר 1920, באַלד נאָך דער ציוניסטישער יאָר־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, איז אויך פאָרגעקומען די וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון אין ווין, וואו עס איז געקומען צו דער שפּאַלטונג אין די פּועלי־ציון־רייען. דערביי איז דער גרעסטער טייל אַריבער צו די לינקע פּועלי־ציון. גאָר באַזונדערס שאַרף איז דער ריס געווען אין פּוילן, וואו די איבערוויגנדיקע מערהייט פון פּועלי־ציון איז געגאַנגען מיט די „לינקע“.

די צ. ס. צעירי־ציון, באַזירט אויף „אחדות־העבודה“, האָבן, בכן, באַ־קומען פאַר זיך דעם פּלאַץ אין פּוילן, וואָס איז געוואָרן פריי פאַרן אַקטיוון סאָציאַליסטישן ציוניזם, וואָס האָט זיך דאַן אַנטוויקלט צווישן דער חלוצי־שער יוגנט און דער ציוניסטיש־געשטימטער אַרבעטערשאַפט.

פּוילן אין דער „דריטער עלייה"

דעם קאַפּיטל פון דער „דריטער עלייה", וואָס מען האָט געמיינט אַז ער איז געעפנט געוואָרן דורך דער „רוסלאַן" — די ערשטע שיף, וואָס איז אָנגעקומען קיין א"י מיט עולים פון רוסלאַנד אין האַרבסט פון יאָר 1919, — איז פאַקטיש אָנגעהויבן געוואָרן פון פּוילן. אַ וואָך פאַרן אַנטשטיין פון זעלבשטענדיקן פּוילן, דעם 2טן נאָוועמבער 1918, האָט זיך געלאָזן קיין א"י אַ גרופּע יוגנטלעכע פון לאָדזש, צו וועלכער עס זענען צוגעשטאַנען גרופּן אויך פון בענדין, ראַדאָם און אַנדערע פּונקטן. די גרופּן האָבן אָנגעטראָפן אויף שוועריקייטן, אַזוי אַז זיי זענען אין דער צאָל פון 105 אָנגעקומען קיין א"י אין אדר תרע"ט און זענען, בכן, געווען די ערשטע גרופּע פון דער „דריטער עלייה". נאָך די 105 בענדינער זענען קיין א"י געקומען אַנדערע עולים פון רומעניע און רוסלאַנד. מערעמינסקי ווייזט־אָן, אַז די שיף „רוסלאַן", מיט 620 יידן פון קרים און דרום־רוסלאַנד בכלל, איז אָנגעקומען קיין א"י פון אָדעס נאָכן אָנקומען פון דער ערשטער פּוילישער חלוצים־גרופּע פון זאַגלעמביע. (זע אַרטיקל פון י. מערעמינסקי אין זאַמלבוך „אונזער קאַמף", אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1941, פון דער אויסלאַנדס־דעלעגאַציע פון פּועלי־ציון (צ. ס.) און התאחדות פון פּוילן.)

ל. רובינשטיין פון ניו־יאָרק, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער גרופּע, ווייזט־אָן, אַז איר קערן איז באַשטאַנען פון לאָדזשער צעירי־ציון, צו וועלכע עס זענען שפּעטער צוגעשטאַנען די „זאַגלעמביער". רובינשטיין אַליין איז, צוזאַמען מיט צבי ליבערמאַן, דעלעגירט געוואָרן דורכן „הפּועל־הצעיר" אין תל־אביב, אויפצונעמען די עולים פון דער שיף „רוסלאַן", וואָס איז אָנגעקומען מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער.

די עלייה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון פּוילן באַלד נאָך איר זעלבשטענדיקייט, האָט זיך שנעל אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן — סיי אינערלעכע סיי אויסערלעכע. די אינערלעכע זענען געקומען פון לאַנדאָן, וואו עס האָט דאַן געהערשט די מיינונג, אַז קיין א"י דאַרפן פאָרן נאָר פאַרמעגלעכע יידן, וואָס וועלן זיך קענען איינאָרדענען מיט זייערע מיטלען אין לאַנד. אַנדערע עלעמענטן, הייסט עס, דאַרפן ניט פאָרן, ווייל זיי וועלן נאָר פאַר־גרעסערן דעם כאָאָס אין לאַנד און אויך שאַפן שטערונגען פאַרן יידישן הויך־קאָמיסאַר, הערבערט סעמיועל, צו וועלכן מ'האָט דאַן אַרויפגעקוקט מיט זיכערער האָפענונג און גאָר גרויסע דערוואַרטונגען.

די יוגנט, וואָס האָט דאַן געשפּאַרט קיין א"י, האָט אָבער ניט געטיילט די מיינונג, אַז אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע און דעם מאַנדאַט פון א"י ליגט די „אתחלתא דגאולה". די לאָזונג איז געווען „הגשמה עצמית". עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברייטע יוגנטלעך־חלוצישע עלייה. נאָך בענדין איז געקומען די ריי אויף גראָדנע, לאָמזשע און אויף שטעט פון אוקראַינע. אין וואַרשע האָבן זיך באַוויזן עלייה־גרופּן פון פּראָסקוראָוו, סלאַוואוטע, זדאָלבו־

נאָוו, קאָרעץ. נאָך זיי איז געקומען די ריי פון צעירי־ציון פון גראָדנע און סואוואַלק, פון מינסק, ווילנע און פינסק. ספּאָנטאַן־געשאַפענע עלייה־קאָמי־טעטן פון צעירי־ציון און חלוצים פאָדערן באַלדיקע עלייה פון אַלעמען און ניט נאָר פון פּאַרמעגלעכע יידן. די יאָר־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן שאַפט, אונטערן דרוק פון צעירי־ציון, א״י־אַמטן, כדי רעגולירן און אויך דערמו־טיקן די עלייה אַלס אינסטרומענטן פון חלוצישער עלייה. חוץ וואַרשע, דורך וועלכער עס איז געגאַנגען דער הויפּט־שטראָם פון די עולים פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, זענען אַזעלכע אַרבעטס־אָפּטיילונגען געגרינדעט געוואָרן אויך ביי די „פּאַלעסטינע־אַמטן״ (ווי זיי האָבן דאַן געהייסן) אין ווילנע, ביאַליסטאָק, ראָוונע, לעמבערג, קראָקע און אַנדערע. געפאָרן זענען חסידי־שע בחורים און חלוצים, גימנאַזיסטן אין אָפּגעבליאַקעוועטע אוניפאָרם־מאַנטלען און פּשוטע האַנדלס־אָנגעשטעלטע, לערער און יונגע אַרבעטער, וואָס האָבן אָקאָרשט פאַרזוכט דעם ערשטן טעם פון אייגן גרינס פון אַ יונגן חלוץ־גאָרטן, צעירי־ציון, וואָס האָבן געפּריידיקט די לאָזונג פון אַ שלימות־דיקן לעבן און אַליין־אַרבעט אין א״י, קעמפנדיק צוגלייך פאַר רעכט פון די יידישע מאַסן אין פּוילן... אויב דאָס יאָר 1920 האָט געבראַכט קיין א״י העכער 8.000 עולים, מיט נאָך אַ העלפט פון דער צאָל וואָס איז געבליבן שטעקן אונטערוועגס, איז דער איבערוויגנדיקסטער טייל פון זיי באַשטאַנען פון חלוצים און צעירי־ציון.

די עלייה איז אָבער באַלד געשטערט געוואָרן. סוף 1920 איז איינגע־פירט געוואָרן דער סערטיפיקאַטן־סיסטעם. אין פרילינג 1921, נאָכן פּאָגראָם אין יפו, איז די עלייה בכלל אָפּגעשטעלט געוואָרן. דעם איסור פון עלייה האָט טעלעגראַפיש מיטגעטיילט דווקא זשאַבאָטינסקי. די אָפיציעלע ציוניס־טישע קרייזן האָבן, אויס לאָיאַליטעט צום יידישן הויך־קאָמיסאַר געמוזט מלמד־זכות זיין אויף די און אויך וויטערדיקע פאַרבאָטן און באַגרענעצו־גען פון דער יידישער איינוואַנדערונג. דעם קאַמף פאַר האַלטן אָפן די טויערן פאַר אומבאַשרענקטער עלייה האָבן דאַן געפירט די הסתדרות פון איין זייט, און די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין גלות, דאָס הייסט קודם־כל צעירי־ציון און שפּעטער מיט צעירי־ציון פאַראייניקטע פּועלי־ציון אין פּוילן.

די דריטע עלייה איז, צום אונטערשייד פון דער „צווייטער עלייה״, גע־ווען אַ מאַסן־עלייה. זי האָט אַריינגעבראַכט קיין א״י אַ יונגן חלוצישן עלע־מענט, וואָס איז געגאַנגען אויף די גרעסטע קרבנות און איז געווען באַגייס־טערט מיט די אידייען פון אַרבעטער־ציוניזם. זי האָט אויסגעפּילט די רייען פון דער נאָר־וואָס געשאַפענער הסתדרות, און האָט אונטער איר אָנפירונג דעראָבערט דעם עמק יזרעאל, באַווייזנדיק צוגלייך דעם וואונדער פון יידי־שער קאָלאָניזאַציע אויפן באָדן, דורך דער קאָלעקטיווער איניציאַטיוו פון דער אַרבעטערשאַפט. דאַן זענען אויך אַנטשטאַנען דער גדוד־העבודה, די חלוצים וואָס האָבן געפלאַסטערט וועגן און דורכגעלייגט כבישים. די יוגנט

איז בכלל אַריין אין נייע צווייגן פון שווערער, פיזישער אַרבעט, וואָס זע־נען איר פריער פרעמד געווען.

פּאַראַלעל האָבן צעירי־ציון אויך געפירט „קעגנוואָרטס־אַרבעט". די סיים־וואַלן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין יאָר 1922, האָבן די צ. ס. צעירי־ציון אַוועקגעשטעלט פאַר אַן אויסערגעוויינלעך־שווערער סיטואַציע. די „התאחדות" איז געגאַנגען מיטן גאַנצן בלאָק פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס י. גרינבוים האָט דאַן געשאַפן, כדי קעגנווירקן דעם נייעם וואַל־געזעץ פון די פּוילישע מושלים, וואָס איז געווען געווענדעט קעגן די נאַציאָנאַלע מיעוטים און האָט בכלל פּאַוואָריזירט גרויסע פּאַרטייען און וואַל־בלאָקן. די צ. ס. צעירי־ציון האָבן דאַן געשלאָסן אַ וואַל־בונד מיט די רעכטע פּועלי־ציון, הגם דער פירער פון די לעצטע, ד"ר י. שיפּער, איז אַוועק מיט דער ציוניסטישער ליסטע פון מינדערהייטן־בלאָק. די לאַגע פאַר צ. ס. מיט די רעכטע פּועלי־ציון איז געווען ניט קיין גינסטיקע. דער שרייבער פון די שורות האָט אַפילו דאַן פאָרגעשלאָגן, אַז די ביידע יונגע און שוואַכע שותּפים זאָלן זיך און זייער וואַל־אַרבעט באַגרענעצן בלויז מיטן דרייעק־קרייז פּינסק־בריסק־ביאַליסטאָק, וואו זיי האָבן געהאַט זייערע שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציעס. דער פאָרשלאָג איז אָבער ניט אָנגענומען געוואָרן. די וואַל־קאַמפּאַניע האָט זיך דעריבער פאַרוואַנדלט אין אַ ציילונג פון די אָנהענגער פון ציוניס־טישן סאָציאַליזם איבערן לאַנד.

די יוגנטלעכקייט פון די חברים, דער גרעסטער פאַרמעגן פון דער אָרגאַניזאַציע, איז אויך געווען דער חסרון פון דער אָרגאַניזאַציע בנוגע וואַלן. ווען עס איז, אַ שטייגער, אין יאָר 1924 געקומען צו וואַלן צו דער קהילה אין וואַרשע, און די צ. ס. צעירי־ציון, אין אונטערשיד פון אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך ניט באַטייליקט אין די וואַלן, היות די קהילות אין פּוילן זענען, כידוע, געווען יידיש־רעליגיעז, האָבן יאָ באַ־שלאָסן צו גיין צו די וואַלן, האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז אין די רייען פון צ. ס. אין וואַרשע איז ניטאָ קיין גענוגנדיקע צאָל פּערזאָנען איבער 28 יאָר, וואָס האָבן, לויטן געזעץ פון די „גמינעס", געהאַט פּאַסיווע וואַל־רעכט (אַקטיווע האָט מען געהאַט פון 18 יאָר אָן). די צ. ס. צעירי־ציון האָבן דעריבער געמוזט רעזיגנירן פון זייער באַשלוס, הגם אַקטיווע ווילער האָבן זיי געהאַט גענוג אין זייערע רייען און האָבן געקענט אויך צוציען גענוג מחוץ פאַר דורכפירן אַ געהעריקע פאַרטרעטערשאַפט אין דער קהילה, וועל־כע זיי האָבן באַטראַכט אַלס קערנדל פון אַ נאַציאָנאַלער קהילה און פאַר יידישער אויטאָנאָמיע אין לאַנד. מיט יאָרן שפּעטער איז אויך דער „בונד" אַוועק פון זיין דעמאָלטדיקער באַיקאָט־שטעלונג לגבי דער קהילה און האָט זיך באַטייליקט צו די וואַלן אין וואַרשע און אין אַ גרויסער צאָל שטעט אויף דער פּראָווינץ און דערמיט אָנגענומען דעם שטאַנדפּונקט פון צעירי־ציון בנוגע דער קהילה.

די פאַראייניקונג פון צ. ס. צעירי־ציון מיט פועלי־ציון

דער בלאָק צווישן צ. ס. צעירי־ציון מיט פועלי־ציון צו די סיים־וואַלן האָט באַוויזן, אַז צווישןביידע גרופּירונגען איז פּאַקטיש ניטאָ קיין שום באַדייטנדיקע מחיצה, און אַז די צייט איז רייף פאַר דער פולער פאַראייניקונג פון ביידע.

די פראַגע איז געווען, צי זאָל די פאַראייניקונג פּאָרקומען אין וועלט־מאַסשטאַב, צווישן ביידע וועלט־פאַרבאַנדן, אָדער בלויז אין פּוילן. די מערהייט פון צ. ק. האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף דורכפירן די פאַראייניקונג באַלד אויפן אָרט. אין דער פּאַרטיי גופא זענען אָבער די מיינונגען געווען געטיילט, און דער רוב איז געווען פאַר דער פאַראייניקונג פון די וועלט־פאַרבאַנדן, נאָך וועלכער עס זאָל פּאָרקומען דער איחוד אין פּוילן גופא. עס איז, בכן, געקומען צו אַ שפּאַלטונג, אָנגעפירט פון י. צ. קאַלטון (אומגעקומען שפּעטער אין רוסלאַנד, וואוהין ער איז געקומען פון א״י), ד. ב. מאַלקין (איצט אין ישראל), ד. מונדלאַק (געשטאָרבן שפּעטער אין א״י) און אַנדערע. אַ טייל אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פאַראייניקט מיט די „אומאָפּהענגיקע פועלי־ציון״, אָנהייבנדיק אויך אַרויסגעבן זייער אָרגאַן „אונדזער שטימע״. דאָס האָט אָבער אַרויסגערופן אומצופרידנקייט אין „אַחדות־העבודה״ אין א״י, וואָס האָט געוואָלט אַ פאַראייניקונג אין וועלט־מאַסשטאַב, ווי אויך אַ קלאָרע שטעלונג פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי אין די פראַגן פון „אַקטיוון ציוניזם״, וואו די צ. ס. האָבן מסכים געווען מיט „אַחדות־העבודה״.

כדאי דערביי אויך אָנצואווייזן, אַז צום אונטערשיד פון די גלות־לענדער, וואו די צייט נאָכן ערשטן וועלט־קריג איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון שפּאַלטונגען, איז די א״י־אַרבעטער־באַוועגונג דיזעלביקע תקופה נאָכן קריג געשטאַנען אונטערן לאָזונג פון אחדות. נאָך דער שאַפונג פון „אחדות־העבודה״ אין 1919 איז, ווי באַקאַנט, אין 1920 אַנטשטאַנען די „הסתדרות״, וואָס האָט איינגעשלאָסן פּראָפעסיאָנעל די גאַנצע א״י־אַרבעטערשאַפט, אָבער ניט בלויז צום שוץ פון די פּראָפעסיאָנעלע און סאָציאַלע אינטערעסן פון די אַרבעטער, וואָס זענען שוין דאָ אין לאַנד, נאָר נאָכמער — פאַר אויפנעמען אין אירע רייען די גרויסע מאַסן קינפטיקע עולים און פאַר שאַפן פאַר זיי באַשעפטיקונג אין די אייגענע אַרבעטער־קבוצות און קיבוצים, ווי אויך שטאָטישע אונטערנעמונגען, וואָס דאַרפן געגרינדעט ווערן דורך דער ווירטשאַפטלעכער זעלבסט־טעטיקייט פון דער הסתדרות. די לעצטע איז, בכן, געוואָרן מיט דער צייט דער אינסטרומענט פאַר רעאַליזירן דעם ציוניזם בכלל, היות זי האָט עס געשאַפן די אַרבעטער־מערהייט פון גאַנצן א״י־יישוב.

אָט־דידאָזיקע אידייען פון חלוציזם און אַרבעטער־זעלבסטטעטיקייט פאַר דער רעאַליזירונג פון ציוניזם, האָט „אחדות־העבודה״ געוואָלט דורכזעצן

אין דער וועלט־פֿאַראייניקונג פֿון צ. ס. צעירי־ציון און די רעכטע פּועלי־ציון. דאָס איז אויך דערגרייכט געוואָרן אויף דער פֿאַראייניקונגס־קאָנפֿערענץ אין יאָר 1925, בעתן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין. נאָכדעם איז שפּעטער געקומען צו דער פּולער פֿאַראייניקונג אין פּוילן. די צ. ס. צעירי־ציון זענען געוועזן רייף פֿאַרן איחוד, ווייל זיי האָבן נאָך פֿריער אָנערקענט דעם קלאַסן־קאַמף פֿאַר די יידישע אַרבעטער אין גלות; די פּועלי־ציון ווידער האָבן אונטערן דרוק פֿון „אחדות־העבודה" אָנערקענט דעם „אַקטיוון ציוניזם", וועלכער איז געוועזן אַ גרונט־פּרינציפּ פֿון די צ. ס. צעירי־ציון. עס זענען אַזויאַרום באַזייטיקט געוואָרן די ספיקות, וואָס האָבן געקענט נאָך זיין בייביידע צדדים וועגן דער פֿאַראייניקונג, און זי איז דורכגעפֿירט געוואָרן איבערן לאַנד טראָץ קליינע אָרטיקע רייבונגען.

די פֿאַראייניקונג פֿון צ. ס. צעירי־ציון האָט צוריקגעבראַכט אין די רייען פֿון דער נייער פּאַרטיי דעם פֿריער־אָפּגעשפּאָלטענעם טייל פֿון צעירי־ציון. די נייע פּאַרטיי פּועלי־ציון פֿאַראייניקט מיט צ. ס. צעירי־ציון האָט באַקומען אויך איר צענטראַלן פּרעסע־אָרגאַן אינעם וואָכנבלאַט, וואָס האָט אויך געטראָגן אַ פֿאַראייניקטן נאָמען „באַפֿרייאונג־אַרבעטער־שטימע". דער שרייבער פֿון די שורות איז געוואָרן איר הויפּט־רעדאַקטאָר, ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט פֿון צבי ראָזענשטיין, ד. ב. מאַלקין, ישראל ריטאָוו, יחיאל האַלפּערין, ל. שפּיזמאַן א"אַ. עס זיינען אויך געווען שטענדיקע קאָרעספּאָנדענטן אין א"י און פֿון פֿיל גרעסערע און קלענערע שטעט אויף דער פּראָווינץ.

דער אָנשלוס פֿון „דרור"

די פֿאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע איז צוגעטראָטן צו דער ווייטערדיקער אַרבעט מיט פֿאַרפֿילפֿאַכטע קרעפֿטן. דאָס האָט זיך באַלד געלאָזט פֿילן אין „החלוץ" וואו די אָרגאַניזאַציע האָט פֿאַרשטאַרקט אירע פּאָזיציעס, היות די צ. ס.־חלוצים און די פּועלי־ציון־חלוצים האָבן געשלאָסן די רייען האָבן זיי צוזאַמען ביסלעכווייז דעראָבערט די פֿירנדיקע שטעלונג אין די רייען פֿון „החלוץ", וואָס איז פֿון דאַן אָן און ווייטער שוין פֿאַרבליבן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די פֿאַראייניקטע חברים. צו דעם האָט אויך מיטגעהאָלפֿן דער פֿאַקט, וואָס אין דער פֿאַראייניקטער פּאַרטיי האָט זיך אויך באַלד אָנגעשלאָסן די גרופּע „דרור", וואָס איז אויך געווען ציוניסטיש־סאָציאַליסטיש געשטימט און האָט אָבער געהאַט אין דער שפּראַכן־פֿראַגע אַ דורכאויס העברעאיסטישע שטעלונג.

די דאָזיקע קליינע און הויפּטזעכלעך אינטעליגענטישע גרופּע, וואָס האָט געצויגן איר יסוד פֿון דעם „דרור", וואָס איז בעת דער רעוואָלוציע־צייט פֿון 1917 אַנטשטאַנען אין אוקראַינע, האָט געבראַכט דער פּאַרטיי אַ ריי אַקטיווע מיטאַרבעטער, אין דער פּערזאָן פֿון א. ביאַלאָפּאָלסקי, י. פּע־

טשעניק (ביידע געשטאָרבן אין א"י — דער ערשטער פאַרן צווייטן וועלט־קריג, דער צווייטער — נאָכן קריג, שוין אין מדינת ישראל), יהודה בראַגינסקי (איצט בן־יהודה), א. בערדיטשעווסקי, בענדערסקי (בן־דורי), חומע (נחמה) חיות (ביידע געשטאָרבן אין ישראל), א. קרייזמאַן, י. מינקאָווסקי, פאַליושקא (אַלע איצט אין ישראל) מיטן אויסנאַם פון ביאַלאָפּאָלסקי, וואָס איז שפּעטער אַריין גאָר אַקטיוו אין דער אייגנטלעכער פאַרטיי־אַרבעט און פון פאַליושקא וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער קולטור־ און שול־אַרבעט און איז שפּעטער געוואָרן לייטער פון איינער פון די בעסטע שולן פון „שול־קולט" (דער שול־ און קולטור־אָרגאַניזאַציע פון דער פאַרטיי, זינט 1929), זענען אַלע איבעריקע דערמאָנטע „דרור"־טוער געווען טעטיק אין „החלוץ", און זייער צוטריט צו דער פאַראייניקטער פאַרטיי האָט עס טאַקע אויך מיט־געהאָלפן צום וואוקס פון דער פאַראייניקטער פאַרטיי אינעם „החלוץ".

די פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1926. זי האָט פעסטגעשטעלט, אַז די פאַרטיי ציילט איצט 270 סניפים מיט העכער 6.000 מיטגלידער; די צווייטע קאָנפערענץ פון דער פאַראייניקטער פאַרטיי איז פאָרגעקומען אין מאַי 1930; די דריטע — אין מאַרץ 1936.

די פאַראייניקטע פאַרטיי האָט דאַן אויך אַרויסגעגעבן אַ טעאָרעטישן זשורנאַל „די נייע געזעלשאַפט" אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר יחיאל האַלפּערין.

די קאָנפערענצן האָבן אויך אַרויסגעבראַכט, אַז אין דער באַוועגונג גייט נאָך אָן אַ ויתרוצצו אַרום איניקע פראַגן, דער עיקר אַרום דער „שפּראַכן־פראַגע", ווי אויך אַרום דער פראַגע פון סאָציאַליסטישע, צי נאַציאָנאַלע ליסטעס ביי די וואַל־קאַמפּאַניעס.

דער מיעוט אין דער פאַרטיי וואָס איז געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון העברעאישער דערציאונג, האָט שטענדיק געלאָזט הערן זיין אומצופרידנקייט, מיט דער אַלגעמיינער שטעלונג, וואָס די פאַרטיי האָט געהאַט פון פריער, וועגן דערציאונג אין יידיש און פּאָליטישן קאַמף כלפּי חוץ פאַר אָנערקענען יידיש אַלס די שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין לאַנד.

וואָס שייך דעם צווייטן עניין, פלעגט זיך אָפּט אַרויסווייזן, אַז פירנדיקע „החלוץ"־חברים האָבן געפאָדערט, אַז די פאַרטיי זאָל ניט גיין אויף סאָציאַליסטישע ליסטעס ביי די וואַלן, נאָר אויף די אַלגעמיינע ליסטעס פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג, אָדער אויף ליסטעס פון יידישן נאַציאָנאַלן בלאָק, וואו אַזעלכע זענען געווען. די רייבונגען אַרום דעם לעצטן עניין פלעגן אויסגעגליכן ווערן פון מאָל צו מאָל, פון איין וואַל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער. וואָס שייך דער „שפּראַכן־פראַגע", האָט די וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון־צ. ס. און התאחדות אין דאַנציג אין יאָר 1932 באַשלאָסן, אַז אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטייען פאַר „תרבות", אָנערקענען די צוויי־שפּראַכיקע שולע, אָבער העברעאיש בלייבט ווייטער די איינציקע שפּראַך פון יידישן יישוב אין א"י.

די פּאַרטיי איז, בכן, מיט פרישע כוחות אַריין אין דער נייער תקופה. די טעטיקייט איז, ווי פריער, אַנגעגאַנגען אויף די צוויי שוין דערמאָנטע פלאַכן: ארץ־ישראל־אַרבעט און גלות־טעטיקייט. אַדאַנק דעם צופלוס פון די נייע עלעמענטן, האָט מען זיך געקענט געבן אַן עצה מיט די ביידע פראָנטן. די ניי־צוגעקומענע האָבן דערמעגלעכט אַ פּאַראַלעלע אַקטיווע אַר־בעט, סיי ביים אויסברייטערן די רייען פון „החלוץ" און פאַרגרעסערן די צאָל פון זיינע הכשרה־פּונקטן, סיי ביים אָרגאַניזירן די יוגנט און ציוינסטיש־סאָציאַליסטישע רייען פאַר וואַל־קאַמפּאַניעס צו שטאָט־ראַטן, צום סיים, אין די קהילות, שול־ און קולטור־טעטיקייטן, אַרבעט אין דער פּראָפעסיאָנע־לער באַוועגונג און אויך ביים שאַפן קאָאָפּעראַטיוון אד"גל. מ'קען אָבער ניט זאָגן, אַז די ביידע מינים טעטיקייטן זענען געווען שאַרף אָפּגעגרענעצט. שוין ניט ריידנדיק וועגן דעם, וואָס פיל חברים אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ זענען געווען גלייכצייטיק אַקטיוו סיי אין דער „קעגנוואַרטס־אַרבעט" (ס'הייסט אין גלות־אַקטיוויטעטן), סיי אין דער א"י־אַרבעט (אין און פאַרן „החלוץ", אין און פאַר דער עליה און הכשרה, אין דער שפּעטער־געשאַפענער ליגע פאַר אַרבעטנדיקן א"י אד"גל), האָט זיך אויך אָביעקטיוו געגומען שאַפן אַ סיטואַציע, אַז דווקא די א"י־אַרבעט האָט באַווירקט דעם גאַנג און עצם־דערפאָלג אָדער דורכפאַל פון דער גלות־אַרבעט.

פּוילן האָט דורכגעמאַכט עטלעכע עליות — די „דריטע", „פערטע" און „פינפטע" (איינגעשלאָסן די אַזוי־גערופענע „אומלעגאַלע", עליה ב'). די ערשטע צוויי עליות האָבן געהאַט זייער אויפשוואונג, וואָס האָט גע־דויערט עטלעכע יאָר און אויך אַ פאַלן צוריק, אָדער פולן אָפּשטעל, וואָס איז אויך באַגלייט געוואָרן מיט אַ ירידה וואָס פלעגט ברענגען פעסימיזם און אַנטוישונג. די עלייה און ירידה פלעגן זיך שטאַרק אָפּרופן אויף דער פּאַרטיי. אין צייטן פון עלייה האָט די פּאַרטיי געהאַט אַ צופלוס; אין די צייטן פון ירידה פלעגט זי ליידן פון אַן אָפּפלוס פון מיטגלידער, וואָס איז געווען באַזונדער שטאַרק נאָכן קריזיס אין דער „פערטער עליה" און דער אַנטוישונג וואָס עס האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך באַזונדערס די „גראַבסקי־עלעמענטן" פון דער עלייה.

ביי די סיים־וואַלן אין 1928 האָט פּועלי־ציון־צ. ס. גערופן די יידישע אַרבעטער צו שטימען פאַר אַרבעטער־ליסטעס, וואָס האָבן אויסזיכט און דערפאָלג. קיין אייגענע ליסטע איז ניט געווען.

כדי צו שטאַרקן די אַרבעט איז קיין פּוילן געקומען פון א"י אינזש. א. רייס, וואָס האָט פאַרנומען אַן אָנפירנדיקע פּאָזיציע אין דער פּאַרטיי. אויך ח' מלך ניישטאַט פון א"י (געשטאָרבן מיט אייניקע יאָר צוריק אין ישראל), וואָס האָט איבערגענומען די לייטונג פון דער ליגע פאַרן אַרבעטנ־דיקן א"י אין וואַרשע, האָט זיך שטאַרק באַטייליקט אין אַלע פּאַרטיי־אַקטי־וויטעטן. שפּעטער זענען אויך צוגעקומען די ח"ח ח. העניג (פון קראָקע), א. בערגמאַן (לעמבערג), י. טיגער (לאָדזש), אַרקע ווינער (פירנדיקער חבר

פון פּינסק) און יוחנן מאָרגענשטערן (פון זאַמאָשטש, אומגעקומען אין וואַר־שע, וואו ער האָט רעפּרעזענטירט די פּאַרטיי אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון געטאָ).

דער וואַל־קאַמף צום סיים אין 1930

דער וואוקס פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי האָט איר אויך געבראַכט אַ ניצחון אין די אינערלעך־פּאָליטישע פאַרהעלטענישן צווישן די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען. בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע צום סיים אין יאָר 1930 האָט דער „בונד" צום ערשטן מאָל אָנערקענט די עקזיסטענץ פון פּועלי־ציון אַלס פּאָליטישע קראַפט און אַלס אַרבעטער־פּאַרטיי און געשלאָסן מיט פּועלי־ציון (צ. ס.) אַ בלאָק צו די וואַלן, אין וועלכן עס איז אויך אַריין די קליינע גרופּע פון די „אומאָפּהענגיקע" פּוילישע סאָציאַליסטן. דער „בונד", וואָס האָט שטענדיק געקוקט אויף זיך ווי אויפן „איינציקן פאָרשטייער" פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אַלטער קעגנערשאַפט צום ציוניסטישן סאָציאַליזם און האָט אָנערקענט די פאַראייניקטע פּאַרטיי אַלס אַ חשובער פאַקטאָר אין יידישן אַרבעטער־לעבן, טראָצדעם וואָס די לינקע פּועלי־ציון זענען פון זיי אָפּגעשפּאָלטן און גייען זעלבשטענדיק צו די וואַלן. דער וואַל־בלאָק פון „בונד" און פּועלי־ציון (צ. ס.) האָט געבראַכט אויך צו דעם, אַז אין דער וואַל־פּלאַטפאָרם איז „בונד" איינגעגאַנגען אויף איינשליסן דעם פּונקט פון דער נויטיקייט פון קאָמפּאַקטער קאָלאָניזאַציע פאַר דער פּראָדוקטיוויזאַציע פון די יידישע מאַסן.

דער וואַל־בלאָק פון „בונד", פּועלי־ציון (צ. ס.) און די „אומאָפּהענגי־קע" האָט, ליידער, ניט געהאַט קיין הצלחה און האָט ניט באַוויזן דורכפירן קיין דעפּוטאַט אין סיים. וואָלטן אָבער די לינקע פּועלי־ציון זיך אָנגע־שלאָסן צוזאַמען מיט פּועלי־ציון (צ. ס.), אָן דעם געמיינזאַמען וואַל־בלאָק מיטן „בונד", דאַן איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אַ פאַראייניקטע ליסטע פון ביידע פּועלי־ציון־פּאַרטייען און דעם „בונד" וואָלט געקראָגן די נייטיקע צאָל שטימען און דורכגעפירט אַ יידישן אַרבעטער־דעפּוטאַט אין דעמזעל־ביקן פּוילישן סיים, וואָס האָט געוואוסט נאָר פון יידישע בירגערלעכע דע־פּוטאַטן, זינט דעם גרויסן יידישן וואַל־ניצחון אין יאָר 1922.

דאָס צוזאַמענגיין פון פּועלי־ציון מיטן „לינק־סאָציאַליסטישן בלאָק" האָט געבראַכט צו דעם, אַז די מאַכט האָט אָנגעהויבן גאָר שאַרף רודפן די פּועלי־ציון (צ. ס.) און פאַרפאָלגן זייער צענטראַל־אָרגאַן „באַפרייאונג". וויזט אויס, אַז די מאַכט האָט הויך געהאַלטן די וואַל־אויסזיכטן פונעם בלאָק און האָט ניט געוואָלט דערלאָזן צו זיין דערפאָלג. די כסדרדיקע קאָנפיסקאַציעס האָבן פשוט אונטערגעגראָבן דעם מצב פון „באַפרייאונג", וואָס האָט גע־ליטן נאָך פון פריערדיקע דעפיציטן. די פּרעסע־ און אַנדערע רדיפות האָבן זיכער געבראַכט פיל שאָדן דעם בלאָק.

דער דורכפאַל פון אַרבעטער־בלאָק איז אָפּגעשאַצט געוואָרן פון פּ. פּ. ס.־ישן „ראָבאָטניק", אַלס באַוויז פון דער שוואַכקייט פון אַרבעטער־קלאַס אין פּוי־לישן יידנטום בכלל (בפרט אַז „בונד" האָט אויך פריער ניט באַוויזן צו באַקומען אַ דעפּוטאַט אין סיים), היות עס באַשטייט ס'רוב פון מיטלשטאַנד און קליינבירגערטום. דידאָזיקע מיינונג איז נאָך פריער געווען פּאָפּולער צווישן געוויסע פּוילישע אַרבעטער־קרייזן, וואָס זענען געווען אונטערן איינ־פלוס פון אָרטאָדאָקסישן מאַרקסיזם, און זיך אויך געהאַלטן אַלס אָנהענגער פון קאַרל קויטסקי, וואָס האָט בשעתו, כידוע, געגאָלטן אַלס בעסטער אויס־טייטשער פון דער מאַרקסיסטישער דאָקטרין. טייל אָנפירנדיקע קרייזן פון פּ. פּ. ס. האָבן אויך געטיילט די מיינונג פון קויטסקין איבער דער נויטווענ־דיקייט פון אַסימילאַציע פון די יידן און האָבן אויך געהאַלטן, אַז אין די תנאים פון פולער פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג וועט קומען צו אַסימי־לאַציע אין פּוילן, פּונקט ווי עס איז געשען אין מערב־אייראָפּע (אַ שטאַנד־פּונקט וואָס איז אויך, אַגב, געטיילט געוואָרן דורך לענינען און סטאַלינען און איז שפּעטער אָקצעפּטירט געוואָרן דורכן גאַנצן באָלשעוויזם).

צום אונטערשיד פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָט שאַרף באַקעמפט די שטעלונג פון „בונד" אַלס „איינציקן פאָרשטייער" פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, האָט פּ. פּ. ס. אין נייעם פּוילן שטיל־שווייגנדיק מסכים געווען צו דער איינציקער פאָרשטייערשאַפט פון „בונד" (הגם אין אירע גרינדונגס־יאָרן האָט פּ. פּ. ס. געהאַט ביי זיך עפּעס אַ יידישע סעק־ציע און איר פירער פּילסודסקי האָט אַפילו אַרויסגעלאָזן יידישע פּראָקלאַ־מאַציעס, רופנדיק אין זיי די יידישע אַרבעטער צו קעמפן פאַר פּוילנס זעלבשטענדיקייט, וואָס עס וועט אויך ברענגען פרייהייט און גלייכע רעכט צו יידן).

דאָס צוזאַמענגיין מיטן „בונד" האָט באַוואויגן פּ. פּ. ס. צו אָנערקענען דאָס רעכט פון יידן אויף אַן אייגענעם שול־וועזן. עס איז אָבער פאַרבליבן אַ קעגנערשאַפט צום ציוניזם. נאָכן צוזאַמענגיין פון פּועלי־ציון מיטן „בונד" האָט די פּ. פּ. ס. אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט די ערשטע און מיט זייער אידעאָלאָגיע. אויף די שפּאַלטן פון „ראָבאָטניק" זענען דערשינען אַ פּאָר גאַנץ שוואַכע אַרטיקלען פון אַ פירער פון זייער יוגנט (דאַכט זיך, אויך פון יידישער אָפּשטאַמונג). דער אומדערפאַרענער שרייבער האָט אויך געוויד־מעט אַן אַרטיקל באָראָכאָוון, וועמען ער האָט כאַראַקטעריזירט אַלס „יידישן פּרודאָן", מיינענדיק דערמיט צו שטעמפּלען אים, לויטן באַקאַנטן אַלט־מאַרקסיסטישן מינהג, אַלס „קליינבירגערלעכן סאָציאַליסט". שפּעטער, מיטן וואוקס פון דער „פינפטער עליה" האָט אַ ריי פּ. פּ. ס.־טוער זיך דערנענ־טערט צו פּועלי־ציון. אַנדזשעי סטרוג, דער באַקאַנטער פּוילישער שרייבער און גייסטיקער פירער פון פּ. פּ. ס., האָט דער ערשטער זיך פאַראינטערע־סירט מיט פּועלי־ציון און אויך באַזוכט א"י, צוריקקומענדיק פון דאָרטן באַגייסטערט פאַרן אַרבעטנדיקן א"י און דער הסתדרות. פון די פּאָליטישע

טוער האָבן זיך שטאַרק דערנענטערט צו פּועלי־ציון: מ. ניעדזשאַלקאָווסקי, קוואַפּינסקי, י. באַרסקי (וואָס האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בראָשור צו גונסטן פֿון ציוניזם), י. שומסקי, דער פּ.פּ.ס. יוגנט־ און קולטור־טוער, א. גראָס (די לעצטעביידע פֿון קראָקע). חברים פֿון פּועלי־ציון פּלעגן אַרויסטרעטן אויף מאַי־דעמאָנסטראַציעס פֿון דער פּ.פּ.ס. און פֿאַרקערט, און די באַציאונגען צווישן ביידע פּאַרטייען זענען שפּעטער געוואָרן מער נאָענטע.

די שול־ און קולטור־טעטיקייט און די גרינדונג פֿון „שול־קולט"

די פּועלי־ציון (צ. ס.) האָבן געפֿירט זייער שול־ און קולטור־טעטיקייט דער עיקר אין יידיש. דאָס האָט אָבער בשום אופֿן ניט געהייסן, אַז זיי וואַרפֿן־אָפּ די טעטיקייט אין העברעאיש. פֿאַרקערט, די פּאַרטיי האָט אָנערקענט, אַז העברעאיש איז די שפּראַך פֿון יידישן יישוב אין א"י, און בהסכם מיט דעם איז די דערציאונגס־טעטיקייט פֿון דעם חלוציש, דעם באַדייטנדיקסטן טייל פֿון דער פּאַרטיי, געגאַנגען אין דער העברעאישער שפּראַך. צ. ס. צעירי־ציון האָבן, פֿאַר דער פֿאַראייניקונג מיט פּועלי־ציון, אויך אַרויסגעגעבן אַ מאָנאַט־שריפֿט אין העברעאיש, „העובד", אונטער דער רעדאַקציע פֿון צבי ראָזענשטיין און ישראל ריטאָוו, ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט פֿון גאַנצן „סטעף" פֿון יידישן וואָכנבלאַט „באַפֿרייאונג". פּועלי־ציון (צ. ס.) האָט זיך אָבער גערעכנט מיטן פֿאַקט, וואָס יידיש, אַלס די שפּראַך פֿון די יידישע מאַסן אין פּוילן, איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט פֿאַר דער שול־ און קולטור־אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי און די נאָענטסטע צו איר אָרגאַניזאַציעס. אַלס אומגאַנגס־שפּראַך איז פֿאַר יידיש אויך לייכטער געווען צו קעמפֿן פֿאַר אָנערקענונג אין די געזעצגעבערישע און אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען פֿון דער מלוכה־מאַכט, וואָס האָט זיך, כידוע, פֿאַרפּליכטעט, לויטן מינדערהייטס־טראַקטאַט פֿון ווערסאַילער שלום־אָפּמאַך פֿון יאָר 1919, צו אָנערקענען די רעכט פֿון די יידן אין פּוילן אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייט. עס איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרוואָס די פּועלי־ציון (צ. ס.) האָבן, גלייכצייטיק מיט זייער העברעאיזם אין באַצוג צו א"י און צו די חלוצישע און אַנדערע מאַסן, וואָס גרייטן זיך צו לעבן אין א"י, געפֿירט איר דערציאונגס־אַרבעט אויפֿן אָרט, אין פּוילן גופֿא, אין יידיש. די פּאַרטיי האָט אין דעם געביט אויך מיטגעאַרבעט מיט די פֿירנדיקע שול־ און דערציאונגס־צענטערן אין לאַנד, מיט צ.י.ש.אָ. (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע) אין וואַרשע און מיטן צ.ב.ק. (צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט) אין ווילנע.

אַ שינוי אין דער הינזיכט איז פֿאָרגעקומען, נאָך די טרויעריקע געשעענישן אין א"י אין 1929. די דאָזיקע געשעענישן האָבן אויפֿגעטרייסלט דעם יידישן ציבור אין פּוילן. אַן אויסנאַם איז געווען דער „בונד" און די

קאָמוניסטן, וואָס האָבן, צוליב זייער אַנטי־ציוניזם, אָנגענומען אַ שטעלונג לגבי די געשעענישן, וואָס האָט, לויט דער מיינונג פון דער ציוניסטישער וועלט, געגרענעצט מיט נאַציאָנאַלן פאַרראַט. די ענג־פּאַרטייאישע שטעלונג פון „בונד" איז שאַרף געשטעמפּלט געוואָרן דורך די פאָרשטייער פון פּועלי־ציון (צ. ס.), וואָס האָבן אויך געפאָדערט, אַז די צ. י. ש. אָ., אַלס געמיינזאַמע שול־אָרגאַניזאַציע פון „בונד" אוןביידע פליגלען פון פּועלי־ציון, זאָל זיך שאַרף אָפּגרענעצן פון דער שטעלונג פון „בונד", וואָס איז דאָרטן אויך גע־ווען די אָנפירנדיקע קראַפט. ווען דאָס איז ניט אָנגענומען געוואָרן, האָט פּועלי־ציון (צ. ס.) פאַרלאָזן די צ.י.ש.אָ. און האָט אַריבערגעפירט איר גאַנצע אַרבעט אין דעם „שול־קולט", וואָס איז זינט דאַן געוואָרן די שול־און קולטור־אָרגאַניזאַציע פון פּועלי־ציון (צ. ס.).

דער „שול־קולט" וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1928 דורך אַ גרופּע יידישע שרייבער און כלל־טוער אין פּוילן, וועלכע זענען ניט געווען איינפאַרשטאַנען מיטן קלאַסן־כאַראַקטער פון דער צ. י. ש. אָ. וואָס איז באַ־שטאַנען בלויז פון סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען, איז לכתחילה אָנ־געפירט געוואָרן דורך אַ פּאָר מיטאַרבעטער פון דער ציוניסטישער טאָג־צייטונג „היינט", וואָס האָבן איינגעזען די נויטווענדיקייט פון אַ שול־וועזן אין יידיש. דער געדאַנק איז דערביי געווען צו שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע פאַר אַ שול־ און קולטור־וועזן אין יידיש, אָבער ניט אויף אַ פּראָלעטאַרישער נאָר אַלגעמיין־יידישער באַזע. בראש פון „שול־קולט" זענען דאַן געשטאַנען: אברהם גאָלדבערג, אהרון איינהאָרן, איטשעלע (יאושזאָן) און אַנדערע באַ־קאַנטע ציוניסטישע שרייבער. אָבער די אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַנטוויקלט שוואַך. דער אַריינטריט פון פּועלי־ציון (צ. ס.) האָט געבראַכט דעם „שול־קולט" די נייטיקע געהעריקע באַזע, ווייל מיטן דאָזיקן אַריינטריט האָט זי באַקומען אַ צאָלרייכע מיטגלידערשאַפט פון די חברים און סימפּאַטיקער פון פּועלי־ציון (צ. ס.). די פאָרשטייער פון פּועלי־ציון האָבן אויך איבער־גענומען די אָנפירונג פון „שול־קולט". אין זיין פאַרוואַלטונג און ראַט זענען אַריין: יהושע חפץ, א. גראָדזענסקי (ביידע אין א"י), רחל שטיין, וו. קאָ־בינסקי, מ. כמעלניק,ביילע קלאָטניצקאַ, י. ישראלי (אַלע אומגעקומען בעתן צווייטן וועלט־קריג), ב. בורשטין (ווילנע), לייזער לעווין (לאָדזש), ד"ר מ. גראָספעלד (ביאַליסטאָק), ד"ר קאַגאַן (באַראַנאָוויטש) און אַנדערע. א. גראָ־דזענסקי איז געוואָרן סעקרעטאַר פון „שול־קולט", און היות די ערשטע איניציאַטאָרן פון „שול־קולט" זענען אָפּגעקילט געוואָרן אין זייער ברען פאַר יידיש, איז גאַנץ „שול־קולט" פאַקטיש אַריבער אין רשות פון פּועלי־ציון (צ. ס.).

דורכן „שול־קולט" האָט די פּאַרטיי ביסלעכווייז געשאַפן אַ נייעם טיפּ יידישע שול. ביז דאַן איז יידיש געווען פאַרבונדן דורך זיינע אַנטי־ציוניס־טישע טרעגער מיט קעגנערשאַפט צום ציוניזם און דער אויפבוי־אַרבעט אין א"י. די שולן פון צ. י. ש. אָ. זענען געשטאַנען דער עיקר אונטער דער

השפּעה פון אַנטי־ציוניסטישן „בונד" און האָבן פּשוט געווייכט פון ציוניזם, אַפילו פון דער אַרבעט וואָס עס האָט געפירט די א"י־אַרבעטערשאַפט און די הסתדרות. פּועלי־ציון (צ. ס.) האָט אָבער דורכן „שול־קולט" געשאַפן אַ שול, מיט יידיש אַלס אונטעריכטס־שפּראַך, אָבער גלייכצייטיק מיט אַ גרויסן פּלאַץ פאַר העברעאיש און פאַר דער ווידעראויפלעבונג פון יידישן לעבן אין א"י. טראָץ די רייבונגען וואָס זענען דאַן געווען צווישן פּועלי־ציון און דער א"י־אַרבעטערשאַפט אויפן שפּראַכן־געביט, האָבן די שליחים אירע, וואָס האָבן באַזוכט פּוילן, געהאַט אַ מעגלעכקייט צו איבערצייגן זיך, אַז די שולן פון „שול־קולט" זענען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון חלוציזם און דער הסתדרות. עס האָבן ניט געפעלט קיין פאַלן ווען אָנפירנדיקע חברים פון א"י האָבן, טראָץ זייער עקסטרעמער צוגעבונדנקייט צו עברית, געפונען ווערטער פון ליוב און דערמוטיקונג פאַר די שולן פון „שול־קולט".

„שול־קולט" האָט מיט דער צייט באַקומען איבערן לאַנד אַ נעץ פון העכער צוויי צענדליק שולן און אַ צאָל קינדער־היימען, ווי אויך ביבליאָ־טעקן, אָוונט־קורסן, קורסן פאַר העברעאיש, פאַר דערוואַקסענע אד"גל. וואַרשע האָט געהאַט אַ שול אויפן נאָמען פון שלום אַש, אָנגעפירט דורך י. טיגער (געשטאָרבן אַ קורצע צייט צוריק אין יגור),ביילע קלאַטניצקע און י. קאַנינסקי (שוואָגער פון עמנואל רינגלבלום; ביידע שול־טוער זענען אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ); די גלענצנדיקע שול אין הרוביעשאָוו איז אָנגעפירט געוואָרן פון פּ. פּאַליושקאַ (איצט אין ישראל); אַ מוסטער־שול אין בריסק; אין ווילנע האָט „שול־קולט" איבערגענומען די גרויסע שול פון „מפיצי־השכלה" מיט 8 קלאַסן און 14 אָפּטיילונגען, וואָס האָבן געהאַט 500 קינדער. פון די קינדער־היימען דאַרף דערמאָנט ווערן דאָס קינדער־היים אין סאָקאָלאָוו־פּאָדלאַסקי.

דער שטילשטאַנד אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיי איז געקומען אין סוף פון די 20ער און אָנהייב 30ער יאָרן. ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער ירידה פון די „גראַבסקי"־עלעמענטן פון דער „פערטער עלייה", וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך פּעסימיזם און ייאוש.

דער שפּעטערדיקער פאַרבאָט פונעם „פּאַסבילד־וויסבוך" אויף ווייטער־דיקער יידישער עלייה קיין א"י האָט מאָביליזירט די גאַנצע באַוועגונג צום קאַמף קעגן דער רשעותדיקער גזירה, וואָס איז, אגב, געקומען נאָך דערצו פון אַ זייט, פון וועלכער די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט האָט עס ניט דער־וואַרט — פון אַ מיניסטער פון דער „לייבאָר"־רעגירונג.

אין די ערשטע יאָרן פון דער „פינפטער עלייה", וואָס האָט זיך שפּעט־טער שטאַרק אויסגעברייטערט, איז אויך געקומען צו אַ נייעם אויפשוואונג אין דער פּאַרטיי־אַרבעט. די צאָל חברים האָט גענומען שטייגן. עס האָט זיך אויסגעברייטערט די אַרבעט פון „החלוץ", געוואַקסן די הכשרה־פּלעצער, די טעטיקייט צווישן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אַ גרויסן חלק אין דעם האָט געשפּילט די פּרשה „קאָמיסיע פון לאָרד פּיל", וואָס איז דאַן אינמיטן

פון די 30ער יאָרן אַראָפּגעקומען קיין א״י, כדי צו לייזן דעם קאָנפליקט צווישן יידן און אַראַבער, וואָס האָט אויפגעפלאַקערט נאָך די געשעענישן פון יאָר 1929. די קאָמיסיע איז, ווי באַקאַנט, געקומען צום אויספיר וועגן דער נויטווענדיקייט צו צעטיילן א״י און צו שאַפן דאָרטן אַ מלוכה פאַר יידן. אַט־דידאָזיקע דערפרייענדיקע ידיעה האָט אויף דער פאַראומערטער יידישער גאַס אין פוילן, וואָס איז דאַן געווען דערשטיקט פון דער וואַקסנדיקער אַנטיסעמיטישער כוואַליע אין לאַנד און די ביטערע ידיעות פון שכנותדיקן נאַצי־באַהערשטן דייטשלאַנד, אַריינגעבראַכט פרייד און מונטערקייט. די דיסקוסיע צווישן די „יאָ־זאָגער" און „ניין־זאָגער" בנוגע דעם פּלאַן פון דער פּיל־קאָמיסיע, וואָס האָט דאַן באַהערשט דעם גאַנצן ציוניזם, בעת אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג זענען די שטימען געווען כמעט האַלבירט, מיט אַ קליינעם רוב פאַר „יאָ", איז „עמד" אין דער איבערוויגנדיקער מערהייט געווען פאַרן פּלאַן — ווי עס האָבן, אַ שטייגער, באַוויזן אָפּשטימונגען אין אַ ריי פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון פועלי־ציון.

די אויסברייטערונג אין דער אַרבעט האָט געבראַכט אין צענטער אַ צאָל פירנדיקע פּראָווינץ־חברים, ווי יוחנן מאָרגנשטערן (פון זאַמאָשטש), מ. ל. שצופאַקעוויטש (פון ביאַליסטאָק; געווען סעקרעטאַר פון צ. ק. ביזן סאַמע קריג, איצט אין שיקאַגאָ), וו. ראַמאַנאָווסקי (פון סלאָנים, איצט אין ישראל), כאַצקל ראַבינאָוויטש (פון ווילנע, איצט אין ישראל). שפּעטער איז אין אַפּאַראַט פון צ. ק. אַריין אַרבעטן שלום גראַיעק (ח׳ סטעפאַן, מיטגליד פון דער אָנפירונג מיטן געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, איצט אין ישראל), יוסף סאַק (פון וולאָצלאַוועק, איצט אין ישראל).

די פאַראייניקונג פון „אחדות־העבודה" מיטן „הפועל־הצעיר" און די שאַפונג פון „מפא״י"

די א״י־אַרבעטערשאַפט האָט אויסגעאיבט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער קאָנסאָלידאַציע פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. אין דער הינזיכט איז די השפעה פון א״י געגאַנגען פונקט להיפך צו די שפּאַלטונגס־ און אָפּזונדערונגס־טענדענצן, וואָס זענען געווען אין די גלות־לענדער.

נאָך דער פאַראייניקונג פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פון פועלי־ציון און צעירי־ציון (צ. ס.) אין 1925, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך צו דער פאַראייניקונג פון צ. ס. צעירי־ציון מיט די רעכטע פועלי־ציון אין פוילן, איז אין 1930 געקומען אין א״י צום איחוד פון „אחדות־העבודה" און „הפועל־הצעיר", וואָס האָבן זיך ביידע פאַראייניקט אין איין אַרבעטער־פאַרטיי — מפא״י.

ווי אַ רעזולטאַט פון דעם איז אויך געקומען צו דער פאַראייניקונג פון

זייערע אַנטשפּרעכנדיקע אָרגאַניזאַציעס אין חוץ־לארץ, ד״ה פון פּועלי־ציון (צ. ס.) און „התאחדות״. אין פּוילן האָט אָבער די פּאַראייניקונג אָנגעטראָפן אויף שוועריקייטן. די פּועלי־ציון (צ. ס.), הגם זיי האָבן אין פּרינציפּ אָנערקענט די פּאָרגעקומענע קאָנסאָלידאַציע פוןביידע אַרבעטער־פּאַרטייען אין א״י אין דער איינהייטלעכער מפא״י און האָבן אויך גאָרניט געהאַט קעגן אַנטשפּרעכנדיקע איחודים פון פּועלי־ציון און „התאחדות״ דאָרטן וואו דאָס איז מעגלעך און געוואונטשן, האָבן זיי אָבער צוליב אַ ריי פּרינציפּיעלע סיבות ניט מסכים געווען אויפן איחוד אין פּוילן. די סיבות זענען געווען פאָלגנדיקע: פּועלי־ציון (צ. ס.) זענען אין פּאָליטישן לעבן געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון קלאַסן־קאַמף, פאָדערנדיק צו שאַפן איינהייטלעכע אַרבעטער־בלאָקן סיי ביי די וואַלן צום סיים, סיי ביי אָרטיקע מוניציפּאַלע וואַלן, בעת „התאחדות״ איז געווען פאַר אַ כלל־ישראל־פּאָליטיק; פּועלי־ציון (צ. ס.) האָט געהאַלטן, אַז איר קולטור־ און שול־אַרבעט דאַרף געפירט ווערן אין יידיש, בעת „התאחדות״ האָט געפירט איר קולטור־אַרבעט נאָר אין העברעאיש און בלויז דורך „תרבות״, וואָס האָט געהאַט נאָר העברעאישע שולן. היות „התאחדות״ האָט אין די ביידע פּונקטן ניט נאָכגעגעבן, איז אין פּוילן צו קיין איחוד ניט געקומען. ער איז אָבער יאָ צושטאַנד געקומען אין מזרח־גאַליציע, וואו „התאחדות״ איז געווען די שטאַרקערע אָרגאַניזאַציע.

אין פּוילן זענען דערווייל פּאָרגעקומען וויכטיקע שינויים. די הערשנדיקע „סאַנאַציע״, וואָס איר פירער פּילסודסקי האָט דורכגעפירט אין 1926 אַן איבערקערעניש אין לאַנד, כדי עס כלומרשט צו שיצן קעגן דער רעאַקציאָנערער ענדעציע מיט אירע דיקטאַטאָריש־פאַשיסטישע בייגונגען, האָט זיך אַליין פאַרוואַנדלט אין אַ פאַשיסטישן מושל. ניט קענענדיק דערגרייכן פאַר זיך קיין מערהייט אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן, האָט די „סאַנאַציע״ ביסלעכווייז אָפּגעשאַפט די פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיע און האָט לויטן מוסטער פון דייטשלאַנד איינגעפירט אַן איין־פּאַרטיי־סיסטעם, ביי די וואַלן צום סיים. די פּאָליטישע פּאַרטייען זענען ניט פאַרבאָטן געוואָרן, אָבער זייער ווירקונגס־קרייז איז באַגרענעצט געוואָרן בלויז צו די אָרטיקע מוניציפּאַלע וואַלן. אַדאַנק דעם ביסל פרייהייט האָבן אויך די יידישע פּאַרטייען געקענט עקזיסטירן צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען אין לאַנד. די יידן האָבן אָבער געהאַט אויסצושטיין דעם דראַנג און אָנגריף פון אַ באַנייטן, פּויליש־סאַנאַטאָרישן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט דערקלערט, אַז ער איז באמת קעגן פּאָגראָם־אַרויסטרעטונגען לגבי יידן, אָבער ער איז מיטן גאַנצן האַרצן פאַר דער פּאָליטיק פון אַרויסשטויסן די יידן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. די יידן זענען דערקלערט געוואָרן אָפיציעל פאַר בירגער פון אַ צווייטער מדריגה, קעגן וועלכע די פּוילישע באַפעלקערונג מעג און דאַרף פירן אַ שטילן „קאַלטן פּאָגראָם״ פון עקאָנאָמישער אויסראָטונג. די פּאָליטיק פון דער „סאַנאַציע״ האָט צוגעצויגן צו זיך אַנדערע אַנטי־

סעמיטישע עלעמענטן, איינשליסלעך יענע וואָס האָבן גראָד ניט געהאַלטן פון קעמפן קעגן די יידן אין „ווייסע הענטשקעס", וואָס האָבן זיך אָבער געלאָזט פילן אין דער סעריע פּאָגראָמען אין פּשיטיק, מינסק־מאַזאָוויעצקי, בריסק, טשענסטאָכאָוו אאַ"וו.

די פּועלי־ציון (צ. ס.), שטייענדיק פּנים־אל־פּנים מיט דעם כסדר־וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם פון די הערשנדיקע קרייזן, האָט ווייטער פאַר־געזעצט דעם קאַמף קעגן דער רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם, רופנדיק די יידישע מאַסן צום אָפּווער און צו עקאָנאָמישער זעלבסטהילף קעגן די פּרוואוון אַרויסצושטויסן זיי פון ווירטשאַפטלעכן לעבן. גלייכצייטיק אָבער האָט פּועלי־ציון (צ. ס.) געהאָלפן מיט אַלע מיטלען דער יידישער יוגנט, וואָס האָט געשטראָמט אין די רייען פון „החלוץ", פאַר ווירטשאַפטלעכער און גייסטיקער הכשרה פאַר א"י.

צום אונטערשיד פון „בונד" און אַנדערע גלות־גרופּירונגען האָט די פּאַרטיי ניט געזען קיין שום סתירה אינעם דאָזיקן צווייזייטיקן קאַמף: מיט איין האַנט האָט זי געטאָן וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזן פאַר שטאַרקן די פּאָזיציעס פון די באַדראָטע מאַסן און מיט דער אַנדערער האָט זי געהאָלפן דער עלייה־שטרעבונג פון דיזעלביקע מאַסן, בפרט פון דער יוגנט, איינ־זעענדיק אין דעם ניט בלויז אַ געזונטע תרופה פאַר די וואַקסנדיקע עקאָ־נאָמישע נויטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר אויך אַ וועג פאַר איר קאָמפּלעטער אויסלייזונג אין דעם אייגענעם צענטער אין א"י. אָט־דער צווייזייטיקער קאַמף פון דער פּאַרטיי האָט זי ביסלעכוויז געמאַכט באַזונדערס פּאָפּולער אויף דער יידישער גאַס, און האָט אויך געבראַכט צו דעם, אַז צום סוף פונעם דערמאָנטן פּעריאָד איז די פּועלי־ציון צ. ס. געוואָרן — ווי מ'קען זען פון די וואַלן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן — די אָנפירנדיקע קראַפט אין פּוילישן ציוניזם. היות קיין דעמאָקראַטישע וואַלן צום סיים זענען שוין ניט געווען, האָבן די קאָנגרעס־וואַלן אָפּגעשפּיגלט אַלץ מער, באַזונדערס צוליב דער שטייגנדיקער צאָל פון די באַטייליקטע, די כוחות־פאַרהעלטעניש אויף דער יידישער גאַס און דעם אויפשוואונג פון פּועלי־ציון (צ. ס.).

ווי אַן אַריינפיר צו אָט־דעם אויפשוואונג קען באַטראַכט ווערן דער ערשטער קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן א"י, וואָס איז אין יאָר 1929 אָפּגע־האַלטן געוואָרן אין בערלין. צו אָט־דעם קאָנגרעס איז געקומען אַ צאָלרייכע דעלעגאַציע פון פּועלי־ציון און „החלוץ", וואָס איז צאָלמעסיק געווען פיל שטאַרקער פון די אַנדערע דעלעגאַציעס פון אַרבעטנדיקן א"י ווי די לינקע פּועלי־ציון, „התאחדות", „השומר־הצעיר" און אַנדערע.

דער וואוקס פון די ציוניסטישע שטימונגען האָט אָבער גלייכצייטיק געבראַכט צום אויפשטייג פון דעם רעכט־ראַדיקאַלן פליגל אין ציוניזם — דעם רעוויזיאָניזם. דער לעצטער וואָס האָט אָנגעהויבן אָפּערירן מיטן לאָזונג פון „עוואַקואַציע" האָט באַלד געפונען די לייטזעליקייט אין די אויגן פון

די הערשנדיקע רעאַקציאָנערע פּוילישע קרייזן, וואָס האָבן אים שפּעטער אַפּילו געגומען פּאַוואָריזירן, היות די „עוואַקואַציע"־טעאָריע איז געלעגן אויף דער ליניע פון דער „סאַנאַציע", וואָס האָט שפּעטער אַפּילו גענומען זוכן אַ טעריטאָריע פאַר די ייִדן אין מאַדאַגאַסקאַר.

די שאַפונג פון דער טאָג־צייטונג „דאָס וואָרט"

דער רעוויזיאָניזם וואָס האָט געוואונען גרויסע טיילן פון ייִדישן ביר־גערטום האָט דאַן אויך באַקומען אַ שטאַרקע פּרעסע־טריבונע, פריער אין דער טאָגצייטונג „היינט", וואו זשאַבאָטינסקי איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער טראָצדעם וואָס די צייטונג האָט, כידוע, געגאָלטן אַלס פּרעסע־אָרגאַן פון די פּראָגרעסיווע ציוניסטן פון גרינבוימס גרופּע, און שפּעטער אין „מאָמענט", וואָס איז פריער געווען נאָענט צו דער גרופּע „ב" און מזרחי, איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעוויזיאָניסטישער צײַ־טונג. אויך דער קאָמיסאַר וואָס איז אַ יאָר פאַרן קריג אַריינגעזעצט גע־וואָרן דורך דער רעגירונג נאָכן באַנקראָט פון „מאָמענט", איז געווען אַ באַקאַנטער רעוויזיאָניסטישער טוער.

כדי קעגנווירקן דעם רעוויזיאָניזם האָט פּועלי־ציון (צ. ס.) געגרינדעט — ביי דער נאָענטסטער הילף פון מפא"י — די טאָגצייטונג „דאָס וואָרט", אַלס אָרגאַן פון גאַנצן פליגל פון אַרבעטנדיקן א"י. אינעם איניציאַטיוו־קאָמיטעט פאַר „דאָס וואָרט", וואָס איז אַנטשטאַנען אין אָנהייב פון יאָר 1933, זיינען, חוץ פּועלי־ציון (צ. ס.), אויך געווען פאָרשטייער פון „החלוץ", פון דער פאַראייניקטער התאחדות־פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין מזרח־גאַליציע און פון „השומר הצעיר". דער לעצטער האָט אויסגענומען פאַר זיך דאָס רעכט צו פאַרטיידיקן אין דער צייטונג זיין אייגענע שטעלונג אין דער שפּראַכן־פראַגע („השומר־הצעיר" איז געווען העברעאיסטיש עקסטרעם און האָט זיך באַטייליקט אין „תרבות") ווי אויך אין דער פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַל, וואו ער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט פּועלי־ציון (צ. ס.) און מפא"י צו־ליב זיין לינק־סאָציאַליסטישער שטעלונג און זיין קעגנערשאַפט צום סאָ־ציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין וועלכן ביידע דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס זענען געווען אָנגעשלאָסן. „דאָס וואָרט" האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם 5טן יולי 1933, ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט פון ד. בן־גוריון, וואָס האָט דאַן, אין שייכות מיט דער וואַל־קאַמפּאַניע צום 16טן ציוניסטישן קאָנגרעס, זיך געפונען אין וואַרשע און האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען אין די ערשטע נומערן פון דער צייטונג, סיי אונטער זיין נאָמען, סיי אונטער אַ פּסעוודאָנים. רעדאַקטאָר איז געווען — זלמן רובאַשאָוו (שזר). אין דער רע־דאַקציע־קאָלעגיע זענען אַריין: פון פּועלי־ציון — דער שרייבער פון די שורות, א. רייס, מלך ניישטאַט, הערצל בערגער, אַלס סעקרעטאַר (די לעצטע

צוויי זיינען געשטאָרבן ניט לאַנג צוריק אין ישראל) און ל. שפּיזמאַן, ה. קרוי (פון לאָדזש, געשטאָרבן אין ישראל); פון „החלוץ" — משה באַסאָק; פון „השומר־הצעיר" — יהודה גאָטהעלף (ביידע האָבן שפּעטער עולה געווען קיין א"י). אין דער לייטונג פון דער צייטונג זענען געווען באַזונדערס טעטיק די פאַרשטייער פון פּועלי־ציון (צ. ס.) א. ביאַלאָפּאָלסקי און יהושוע חפץ, וואָס איז מיט מ. ניישטאַט געווען באַזונדערס בייהילפיק ביים שאַפן דאָס נייטיקע געלט פאַר דער צייטונג.

נאָך דער וואַל־קאַמפּאַניע צום קאָנגרעס, ווען רובאַשאָוו איז אָפּגעפאָרן צוריק קיין א"י, איז די צייטונג ווייטער אָנגעפירט געוואָרן דורך דער אויבנדערמאָנטער קאָלעגיע. מיט דער אַדמיניסטראַציע האָבן אָנגעפירט די ח"ח י. אַראָנזאָן און א. גראָדזענסקי (ביידע שפּעטער עולה געווען קיין א"י, וואו דער ערשטער איז נאָך אַ געוויסער צייט געשטאָרבן אין חיפה).

„דאָס וואָרט" האָט צוליב מאַנגל אין געהעריקע געלט־מיטלען געהאַט בלויז איין אויסגאַבע, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דער פּראָווינץ, בעת אַלע אַנדערע יידישע צייטונגען אין וואַרשע האָבן געהאַט אויך אַ צווייטע אויסגאַבע, באַשטימט פאַר וואַרשע און אַ צאָל שטעטלעך נאָענט צו דער הויפּטשטאָט פון פּוילן. טראָצדעם האָט עס געשפּילט אַ גרויסע ראָל בעתן וואַל־קאַמף צום קאָנגרעס און האָט פיל מיטגעהאָלפן צום זיג פון אַרבעטנדיקן א"י, וואָס האָט געוואונען די גרעסטע צאָל שטימען און מאַנדאַטן צום קאָנגרעס (131 פון דער אַלגעמיינער צאָל פון 275). די באַוועגונג אין פּוילן האָט דערמיט געקענט געבן די געהעריקע אונטערשטיצונג אויפן קאָנגרעס דער מפּא"י, וואָס האָט אין א"י געוואונען 70 פּראָצענט פון אַלע מאַנדאַטן. צוזאַמען האָט די אַרבעטער־באַוועגונג געבילדעט די שטאַרקסטע פראַקציע אויפן קאָנגרעס און האָט באַוויזן אָפּצושלאָגן אַלע אַטאַקעס פון רעוויזיאָניסטישן פליגל, וואָס איז צייטנווייז געשטיצט געוואָרן דורך די רעכטע ציוניסטישע גרופּירונגען. דער זיג אין פּוילן האָט אויך געהאָלפן דער מפּא"י צו שאַפן ביים שלוס פון קאָנגרעס אַן עקזעקוטיווע אויף קאָאַליציע־יסודות מיט די פּראָגרעסיווע ציוניסטן פון דער גרופּע „א".

„דאָס וואָרט" האָט זיך צוליב מאַנגל אין מיטלען אָפּגעשטעלט נאָך 11 חדשים. די צייטונג איז אָבער באַנייט געוואָרן א"נ „דאָס נייע וואָרט", דעם 15טן מאַי 1935, אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר י. העלמאַן פון ריגע, וואָס איז דאַן געווען אין וואַרשע אַלס פּאַליטישער עמיגראַנט פון לעטלאַנד, וואו עס איז פאָרגעקומען אַ פאַשיסטישע איבערקערעניש. ז. רובאַשאָוו האָט דאַן ניט געקענט פאַרלאָזן ארץ־ישראל. די רעדאַקציע־קאָלעגיע פון דער באַנייטער צייטונג איז באַשטאַנען פון נחום קאַנטאָראָוויטש, ש. לע־ווענבערג פון ריגע, ל. שפּיזמאַן, ה. קרוי, יחיאל האַלפּערן (שפּעטער עולה געווען קיין א"י), א. ביאַלאָפּאָלסקי פון החלוץ, נ. בנארי. אינעם סטעף זענען אויך אַריין: פּרץ אָפּאָטשינסקי פון לאָדזש (אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ), מ. קאָכאַנסקי (איצט אין ישראל), מ. באַבאַד פון

לאָדזש, ח. זאַלעשינסקי (יערי, איצט מיטאַרבעטער פון „דבר" אין ישראל), מרדכי אַלטער (איצט אין דפנה, ישראל), מ. קיטאַי פון ריגע, ווו. ראַמאַנאָוו־סקי (איצט רימון, אין ישראל), און מ. ב. שטיין (שפּעטער עולה געווען קיין ישראל; געשטאָרבן מיט איניקע יאָר צוריק). יחיאל לערער, מחבר פון „מיין היים" (אומגעקומען מיט זיין משפחה אין וואַרשעווער געטאָ), איז געווען קאָרעקטאָר. מיט דער אַדמיניסטראַציע האָבן אָנגעפירט קאַרדאַש און קאָזלאָווסקי. „דאָס נייע וואָרט" איז דערשינען ביזן 24טן נאָוועמבער 1937 ווען עס האָט זיך אָפּגעשטעלט צוליב מאַנגל אין מיטלען.

די באַוועגונג איז אָבער ניט געבליבן אָן אַ טאָג־צייטונג. אַ צוויי חדשים פאַרן צווייטן וועלט־קריג האָט געגומען דערשיינען „דאָס פאָלקסוואָרט", אַלס נאָכמיטאָג־צייטונג. רעדאַקטאָר איז געבליבן י. העלמאַן, סעקרעטאַר איז גע־ווען ווו. ראַמאַנאָווסקי, דער איבעריקער פּערסאָנאַל איז געווען, ווי פריער, מיטן אויסנאָם פון ד"ר י. האַלפּערן און י. זאַלעשינסקי, וואָס האָבן עולה געווען קיין א"י. „פאָלקסוואָרט" איז נאָך דערשינען אין די ערשטע טעג פון צווייטן וועלט־קריג. בעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע האָט אַ דייטשע באָמבע חרוב געמאַכט די „באַראַכאָוו־היים" אויף געגשע 14, ווי אויך דעם הויף אויף נאַלעווקיס, קעגנאיבער דעם „מאָמענט", וואו עס האָט זיך גע־פונען די אייגענע דרוקעריי פון „פאָלקסוואָרט".

דער 18טער ציוניסטישער קאָנגרעס אין פּראַג איז בכלל געווען אַן איבערברוך־קאָנגרעס אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. זינט אים איז די אַרבעטערשאַפט געוואָרן די שטאַרקסטע פראַקציע אויף די קאָנגרעסן און אויך דער אָנפירנדיקער כוח אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס איז, זינט פּראַג, געשטאַנען אונטערן צייכן פון מפא"י און דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין חוץ לארץ. דער רעוויזיאָניזם האָט נאָכן 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס בכלל פאַרלאָזן די ציוניסטישע באַ־וועגונג, ניט זעענדיק קיין שום אויסזיכט פאַר באַהערשן זי. דער דעמאָ־קראַטישער כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז פאַרזיכערט געוואָרן אויף שטענדיק. געשען איז עס ניט אין אַ קליינער מאָס מיט דער הילף פון ציוניסטישן אַרבעטער־בלאָק אין פּוילן, וואָס האָט געוואונען: אין יאָר 1933 — 42,5% שטימען צום קאָנגרעס, אין 1935 — 54,1%, אין 1937 — 57,4% פון אַלע שטימען וואָס זענען אָפּגעגעבן געוואָרן צום קאָנ־גרעס אין ציריך, וואָס האָט באַהאַנדלט און אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע שטע־לונג צום פּלאַן פון דער פּיל־קאָמיסיע וועגן צעטיילן א"י און שאַפן דאָרט אַ אידישע מלוכה.

פּועלי־ציון צ. ס., וועלכע איז געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון אַקטיוון ציוניזם און איז געווען אָנגעשלאָסן אָן מפא"י, איז פאַקטיש געווען דער רוח־החיים פון גאַנצן פליגל פון אַרבעטנדיקן א"י אין פּוילן.

אין פּוילן גופא איז אָבער די לאַגע פון יידן געוואָרן אַלץ ערגער. היות דער סיים איז געווען באַזעצט דורך אייגענע מענטשן פון דער „סאַנאַציע"

און „אָזאָן", האָט די פּאָליטישע טעטיקייט אָנגענומען אַן אויסערפּאַרלאַמענ־טאַרישן כאַראַקטער. אַזוי איז אין מאַרץ 1936 דורכגעפירט געוואָרן אַ פּראָ־טעסט־שטרייק קעגן צעיושעטן אַנטיסעמיטיזם, אין שייכות מיט פּשיטיק, פאַרבאָט פון שחיטה און אַנדערע נגישות קעגן יידן. די פּועלי־ציון מיטן גאַנצן פליגל פון אַרבעטנדיקן א״י האָבן געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין שטרייק. סוף מאַרץ איז זיך אויך צונויפגעקומען, אונטערן פאָרזיץ פון א. רייס, די באַראַטונג וועגן דורכפירן די צוגעגרייטע וואַלן צום יידישן וועלט־קאָנגרעס, צוליב וועלכע עס האָט געווילט אין וואַרשע ב. צוקערמאַן, שליח פון וועלט־קאָנגרעס. אין לעצטן מאָמענט האָט אָבער די רעגירונג פאַרבאָטן די וואַלן.

צוליב דערזעלביקער סיבה זענען אויך ניט צושטאַנד געקומעןביידע „אַרבעטער־קאָנגרעסן צום קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם", וואָס זענען צונויפגערופן געוואָרן דורכן לאַגער פון אַרבעטנדיקן א״י פון איין זייט, און דורכן „בונד" מיט די לינקע פּועלי־ציון פון דער צווייטער זייט, הגם לכתחילה האָט געזאָלט זיין איין קאָנגרעס. די דופּליקאַציע איז געשען ווייל די לעצטע צוויי גרופּירונגען האָבן אויסגעשלאָסן פון פּראָגראַם פון קאָנגרעס די פראַגן פון עליה קיין א״י. דער סיכסוך צווישןביידע טיילן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט איז אַפילו פאַרהאַנדלט געוואָרן אויף אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג פון זשורנאַליסטן־ און ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, וואו דעם שטאַנדפּונקט פון „בונד" האָבן פאַרטיידיקט הענ־ריק ערליך און אַנדערע „בונד"־פאַרשטייער, און דעם שטאַנדפּונקט פון אַרבעטנדיקן א״י האָבן פאַרגעשטעלט דער שרייבער פון די שורות און י. האַלפּערין.

דעם 1טן מאַי 1938 האָט די פּאַרטיי שוין געפייערט צוזאַמען מיט די לינקע פּועלי־ציון, ביי וועלכע עס איז אַנטשטאַנען אַ גרופּע „אַקטיוויסטן", בראש מיט יצחק לעוו, י. סטאַלאַרסקי און אַנדערע, וואָס האָט זיך סאָלידאַ־ריזירט מיט פיל לאָזונגען פון „אַקטיוון ציוניזם". ביי לינקע פּועלי־ציון האָט זיך דאַן בכלל באַמערקט אַן אידייאישער איבערברוך, וואָס האָט זיי אויך באַוואויגן אָנטייל־נעמען אין לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין זשענעווע, האַרט פאַרן אויסברוך פון קריג.

אויפשוואונג אין דער באַוועגונג

דער אַלגעמיינער אויפשוואונג אין דער פּאַרטיי־אַרבעט האָט געבראַכט צו דעם, אַז אין וואַרשע זענען צו די אַלטע וועטעראַנען ווי יעקב־דוד סיט־נער, ד. פּערלמאַן (איצט — פּתח־תקווה), מנחם ביר, י. ראַפּאַפּאָרט (איצט אין ישראל), פּרץ טוימאַן, נתן רישמאַן פון אַמשינאָוו, דוב זיל־בערמאַן (איצט — תל־אביב), קאזעל, טיקולסקי, יאמין, פּעליע פלאַקסער

און י. פיר (איצט — ישראל) און אַנדערע, זענען צוגעקומען: א. גראָדזענסקי (איצט — חיפה), וו. ראָמאַנאָווסקי, ח. גאָלדבערג (איצט — חיפה), אינזש. נ. פערל, מ. בערמאַן ברודער פון כנסת־מיטגליד, אַדאָלף; אומגעקומען אין לאָמזשער געטאָ), ד״ר מנחם פערסטער (פון ראַדאָם, אומגעקומען אין געטאָ), י. ד. סיטנער, אַדוו. ב. קאַץ (באַגאַנגען זעלבסטמאָרד מיט פרוי און קינד אין וואַרשעווער געטאָ), ד״ר י. וויסאָצקי (פון ביאַליסטאָק, אומגעקומען אין געטאָ). אַדאַנק דעם פאַרגרעסערטן אַקטיוו האָט די פּאַרטיי אין וואַרשע באַוויזן דורכפירן ביי די לעצטע קהילה־וואַלן דריי פרנסים, מיט א. רייס בראש.

דער הויפּט־צענטער אין וואַרשע איז געווען די באָראָכאָוו־היים, אויף גענשע 14, וואָס האָט אויך איבערגענומען די גרויסע ביבליאָטעק פון אַמאָליקן „הזמיר״. דאָרטן זענען אויך געווען: די שולע פון „שול־קולט״, דער „הפועל״ און די רעדאַקציע פון „דאָס וואָרט״.

אויך אין דער פּראָווינץ האָט די פאַרשטאַרקטע פּאַרטיי־אַרבעט און דער אויפשוואונג פון פועלי־ציון געבראַכט רעזולטאַטן. די אַלגעמיינע צאָל ראַטמענער אין שטאָט־ראַטן און קהילות, וואָס די פּאַרטיי האָט באַוויזן אַדורכפירן זינט 1935, איז געשטיגן ביז אַ 170. א. טאַרטאַקאָווער איז געווען ראַטמאַן אין לאָדזש (אין בלאָק מיט „התאחדות״), ב. בורשטין — אין ווילנע, א. ברוידע — אין גראָדנע, י. פלידערבוים — אין פלאָצק, א. מאַלץ (איצט אין ישראל) — אין פּיעטרקאָוו, ד״ר א. בעלקא — פרנס אין גראָדנע, מ. כמיעלניק — לייטער פון קולטור־אָפּטייל אין דער ביאַליסטאָקער קהילה, ד״ר א. גראָספעלד — פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד, און א. מאַרקעוויטש — פרנס אין לאָמזשע. אין ווילנע האָבן די קהילה־וואַלן אין יאָר 1939 פאַרגרעסערט די פּועלי־ציון־פראַקציע ביז דריי, און צו ב. בורשטין זענען צוגעקומען ד״ר מ. דוואָרזשעצקי (געראַטעוועט פון אומקום; מחבר פון באַקאַנטן בוך איבער חורבן־ווילנע און אַנדערע חורבן־פאַרשונגען; איצט אין ישראל) און אַדוו. א. באַראַנטשוק (אומגעקומען אין געטאָ). ד״ר מ. מילקאַנאָוויצקי איז געווען פאָרזיצער פון דער קהילה אין ירושלים דליטא (אומגעקומען אין אַ לאַגער). אין פּינסק איז ה׳ אליעזר ברעגמאַן אויסגעוויילט געוואָרן אַלס וויצע־בירגערמייסטער. אין שכנותדיקן בריסק איז בירגערמייסטער געווען אַברהם לעווינסאָן פון „התאחדות״. אין ראָוונע איז יוחנן לעווין פון „התאחדות״ געווען לאַווניק, אַ פאַקט וואָס ווייזט די שטאַרקייט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אויף די „קרעסן״, די מזרח־געביטן פון פּוילן.

פון די ראַטמענער דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן: בן־ציון פּאַנטאַל און איטשע פּינטשוק אין דער קהילה פון קאָברין (ביידע אומגעקומען); א. זשוראַוויצקי — באַראַנאָוויטש; מירים רעזניק, ז. קרעמען און חיים זאַקין — פרנסים אין סלאָנים; אַבא זאַקין, פרנס אין באַראַנאָוויטש, יצחק קאָזשוך — ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט פון אָמשינאָוו, נפתלי איזראַילעוויטש — אין שטאָט־ראַט און דער קהילה פון ביאַלע־ראַווסקאַ, אַברהם קאַלמאַן אין ריפּין, יעקב פּאָזנאַנסקי — אין שטאָט־ראַט פון ראַוואַ־מאַזאָוויעצקאַ און

שיע גוטמאַן אין דער קהילה; משה חיימאָוויטש (איצט אין ישראל) איז געװען לאַנג־יאָריקער ראַטמאַן אין מאָגיעלניץ, וואו די קהילה האָט געהאַט אַ מערהייט פון פּועלי־ציון־חברים.

צו פּועלי־ציון צ. ס. איז אין יאָר 1938 אויך צוגעקומען די יידישע גרופּע פון די „אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן", בראש מיט זייער פירער ד״ר יוסף קרוק, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו די ס. ט. (איצט אין ישראל). אויך פיל פון אַנדערע גרופּירונגען זענען דאַן צוגעטראָטן צו פּועלי־ציון און החלוץ.

די אַרבעט אין פּויליש און דער צ. ס. אַקאַדעמישער קרייז

עטלעכע יאָר פאַרן קריג האָט די פּאַרטיי אויך אָנגעהויבן אַן אַרבעט אין פּויליש, ספּעציעל פאַר דער אַקאַדעמישער יוגנט און דער פּאָלאָניזירטער אינטעליגענץ, ווי אויך פאַר דער פּוילישער געזעלשאַפט.

עס האָט דאַן געקומען דערשיינען „נאַשע סלאָוואָ", אונטער דער רעדאַקציע פון יחיאל האַלפּערין; שפּעטער איינמאָליקע אויסגאַבעס רעדאַגירט פון יוסף סאַק. אין דער אַרבעט האָט פיל געהאָלפן דער צ. ס. אַקאַדעמישער קרייז, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט פון אַמאָליקן אַקאַדעמישן קרייז „חירות", געגרינדעט דורך ד״ר מנחם פּערסטער, י. קאָנינסקי, יחזקאל פּייערטאָג (ביידע אומגעקומען אין וואַרשע). אין נייעם קרייז, וואָס איז אָנגעפירט געװאָרן פון: זעלנפּרוינד, ש. אַראָנזאָן (ביידע געשטאָרבן אין א״י), חברה גרינבוים (איצט אין ישראל), זיינען שפּעטער צוגעקומען: מ. קאָבאָנסקי, א. שנער, ש. הערצבערג (אַלע לאָדזשער, איצט אין ישראל). באַזונדער זענען אויך געווען טעטיק: ש. לאַופּער, ש. מייעראָוויטש (ביידע אומגעקומען בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשע), ש. באַבאַד און דער דיכטער א. פּטאַשקין. פיל פון זיי האָבן מיטגעאַרבעט אין די פּוילישע אויסגאַבעס, פלעגן ריידן ביי פּ. פּ. ס., אויף די 1טע מאַי־דעמאָנסטראַציעס און אַנטוויקלט אַ פּרוכטבאַרע טעטיקייט.

אין קראָקע, וואו בראש פון דער פּאַרטיי־אַרבעט איז שטענדיק געווען א. וועלנער (איצט אין ישראל), האָט מיט דער טעטיקייט אין פּויליש אָנגעפירט מ. באָרוכאָוויטש (באָרוויטש), וואָס איז פאַרן קריג פּרעמירט געוואָרן פאַר זיינס אַ ליטעראַריש ווערק אין פּויליש, איז אַדאַנק זיין נאָענטקייט צו דער פּוילישער אינטעליגענץ און צו פּ. פּ. ס., אויך געראַטעוועט געוואָרן פון באַרימטן יאַנאָווער טויטן־לאַגער אין לעמבערג און איז שפּעטער געוואָרן קאָמענדאַנט פון די אונטערערדישע פּ. פּ. ס.־גרופּן אין מעכאָווער קרייז.

„העובד"

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט פּועלי־ציון (צ. ס.) געשאַפן ,לויט דער איניציאַטיוו פון דער הסתדרות, כדי צו באַזאָרגן די עלייה־ און הכשרה־

נויטן פון מיטליאָריקע אַרבעטער, האַנטווערקער, פּראָפעסיאָנאַלן און קליי־נע געשעפטס־לייט, וואָס האָבן, לויט זייער עלטער, ניט געקענט באַלאַנגען צום „החלוץ", וואָס האָט אַרומגענומען נאָר יוגנטלעכע. דער „העובד" איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ קאָמיטעט, וואו סעקרעטאַר איז געווען כאַצקל ראַבינאָוויטש (איצט אין ישראל). וועלכער פלעגט באַלייכטן די פּראָבלעמען פון „העובד" לכתחילה אין דער „החלוץ"־ביילאַגע פון „דאָס וואָרט" און שפּעטער, ווען „העובד" האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסן — אין דער אייגענער אָפּטיילונג, וואָס ער האָט באַקומען אין דער צייטונג.

„העובד" האָט אויך געהאַט אַ קאָנפערענץ אין וואַרשע, מיטן אָנטייל פון הונדערט דעלעגאַטן פון 80 שטעט, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט העכער זעקס טויזנט האַנטווערקער און פּאַכלייט, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו עלייה. די קאָנפערענץ האָט געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אויף די שפּאַלטן פון „דאָס וואָרט". 1933 האָט „העובד" געציילט 3525 מיטגלידער. אַ יאָר שפּעטער — ביי 5.000 און אין 1935 — קרוב 6.000 אין עלטער ביז 42 יאָר.

„הפועל"

„הפועל" איז דער נאָמען פון דער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע פון דער א"י־אַרבעטערשאַפט. לויט איר מוסטער האָט פּועלי־ציון צ. ס. געשאַפן אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע אויך אין פּוילן, וואָס האָט געהאַט צאָלרייכע צווייגן אין אַ גרויסער צאָל שטעט און שטעטלעך איבער פּוילן. בראש פון דעם „הפועל" אין פּוילן איז געשטאַנען אַ קאָמיטעט פון: ד"ר מאיר פּעקער, דוב און מיעטעק זילבערמאַן (אַלע איצט אין ישראל); חיים גלאַווינסקי (פון דאַנ־ציג). אין וואַרשע זענען געווען טעטיק די ברידער שטיינהאַרט, דער צווילינג פישלזאָן. בראש פון „הפועל" אין ווילנע איז געווען יחיאל דאבעקי־רער. אין ביאַליסטאָק האָט מיטן „הפועל" אָנגעפירט א. דאַבראַניעצקי. סעק־רעטאַר איז געווען דער באַקאַנטער ספּאָרטלער פון גראָדנע ח' פסח סערייסקי (אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ). פיל מיטגלידער פון „הפועל" האָבן זיך באַטייליקט אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. „הפועל" האָט זיך באַטייליקט אינעם פאַרבאַנד פון אַלע אַרבעטער־ספּאָרט־קלובן פון לאַנד און ער האָט געהאַט דעלעגאַציעס אויף פאַרבאַנד־קאָנפערענצן. ער האָט אויך איינגע־לאַדן אַ פּאָר מאָל קיין פּוילן דעם ארץ־ישראלדיקן „הפועל", וואָס האָט דורך זיין איניציאַטיוו געמאַכט טורן איבערן לאַנד. אין יאָר 1935 איז, מיטן אָנטייל פון דוד בן־גוריון פאָרגעקומען אין וואַרשע אַ גרויסער פעסטיוואַל פון ארץ־ישראלדיקן און פּוילישן „הפועל". די צאָל מיטגלידער אין פּוי־לישן „הפועל" האָט דערגרייכט העכער 5.000.

די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון פּועלי־ציון (צ. ס.)

אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין פּוילן האָט זיך געלאָזט באַמערקן אַן אַלץ גרעסערער אינטערעס צו א״י און באַזונדערס צו דער הסתדרות און צו איר אויפבוי־טעטיקייט אין לאַנד. לכתחילה איז די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג געווען באַהערשט דורך אַנטי־ציוניסטישע גרופּירונגען. דער „בונד" האָט דאַן אויך געהאַט ביי זיך אַן „אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ", ווייל ער האָט זיך גערעכנט מיט דעם, אַז די יידישע אַרבעטער צוליב זייער ספּעציפישער לאַגע האָבן ניט בלויז טאָג־טעגלעכע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, וואָס קענען און דאַרפן באַפרידיקט ווערן אויפן אָרט, נאָר אויך גרויסע עמיגראַציע־נויטן, פאַר וועלכע אַן אַרבעטער־פּאַרטיי דאַרף זאָרגן. אַ טייל פון די אַרבעטער איז אָבער געגאַנגען נאָך ווייטער: אויב עמיגראַציע, טאָ פאַרוואָס ניט קיין א״י? און פאַרוואָס זאָל א״י און די הסתדרות בכלל אויסגעשלאָסן ווערן פון קרייז אינטערעסן פון דעם יידישן אַרבעטער? פאַרוואָס זאָל מען זיי ניט שענקען די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט און הילף דאַן ווען זיי נויטיקן זיך אין דעם?

דערדאָזיקער אינטערעס צווישן די אַרבעטער צו דער פּועלי־ציון־באַוועגונג האָט געבראַכט צו דעם, אַז אין פּועלי־ציון האָבן זיך אָנגעשלאָסן גרופּן פּראָפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטע אַרבעטער, ווי אויך גאַנצע פאַראיינען. אַ ריי פאַראיינען זענען בכלל געשאַפן געוואָרן דורך פּועלי־ציון. אַט־אַזוי־אַרום איז עס געקומען צו דער אייגענער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון פּועלי־ציון (צ. ס.), וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ ראַט, בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען ח׳ א. ביאַלאָפּאָלסקי און אַלס סעקרעטאַר וו. ראַמאַנאָווסקי. שפּעטער זענען אַלס זיינע געהילפן צו אים צוגעקומען: א. בערקאָוויטש, פ. שטיינוואַקס און אַנדערע. די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג האָט געהאַט אַ פּעריאָדישע זייט אין „דאָס וואָרט", וואו עס זענען באַלויכטן געוואָרן די פּראָבלעמען פון די באַטרעפנדיקע אַרבעטער־פאַראיינען.

צו דער אָנפירונג פון פּראָפעסיאָנעלן ראַט האָבן אויך געהערט: אריה שטיין, ד״ר י. שאַלמאַן פון „התאחדות" (ביידע אומגעקומען); שמחה קאַץ (איצט אין ישראל); אריה אַרצי האָט אָנגעפירט מיטן פליישער פאַראיין אין לאָדזש; מ. ליכטשיין פון לובלין איז געווען סעקרעטאַר פון צאָל־רייכן טראַנספּאָרט־פאַראיין אין וואַרשע; גלאַסמאַן פון דערציערינס; מרדכי קירשענבוים (איצט אין ניו־יאָרק) איז געווען סעקרעטאַר פון די אָנגעשטעלטע אין די יידישע קרעדיט־אינסטיטוציעס.

אייגענע פאַראיינען האָט פּועלי־ציון געהאַט אין וואַרשע, בענדין, לאָדזש, מלאַווע, קיעלץ און אין אַ צאָל אַנדערע שטעט. די פּראָפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט פון די פּועלי־ציון צ. ס. האָט זיך אונטערשיידט פון די אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען מיט דעם, וואָס זיי האָבן געשטיצט

די הסתדרות און די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן א״י, זיך באַטייליקט אין די וואַלן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן און האָבן אויך געהאַט דעלעגאַטן אויף די וואַל־ליסטעס פון דעם בלאָק פון אַרבעטנדיקן א״י.

די פאַראייניגען האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דער עלייה קיין א״י און פלעגן באַקומען אַ צאָל עלייה־סערטיפיקאַטן פון יעדן „שעדיול". זיי פלעגן אויך העלפן דער הסתדרות מיט זייערע פאַכלייט. ווען די הסתדרות האָט זיך געגרינדעט אין פּאָרט־אַרבעטער פאַר חיפה, האָט אבא חושי, סעקרעטאַר פון דעם אַרבעטער־ראַט אין חיפה, געפונען קאַנדידאַטן פאַר דער פּאָרט־אַרבעט אין חיפה ניט בלויז צווישן די ייִדישע פּאָרט־אַרבעטער פון סאַלאָניקי, וואָס זענען מקדמת־דנא געווען באַשעפטיקט אין דעם פאַך, נאָר אויך צווישן די ייִדישע טרעגער, די אַזוי־גערופענע „פּלייצע־טרעגער" פון די „פּאַסטאַיעס" און וועגעלע־טרייבער (פּושקאַרטס) פון וואַרשע, וואָס זענען געווען אָנגעשלאָסן אין טרעגער־פאַראיין פון פועלי־ציון. אבא חושי איז צו דעם צוועק אויך אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע און אויסגעקליבן די נייטיקע צאָל מענטשן צווישן די פיל קאַנדידאַטן, וואָס האָבן זיך געמאָלדן צו דער אַרבעט קיין חיפה.

צוזאַמען זענען אין די פאַראייניגען פון פועלי־ציון (צ. ס.) געווען אָרגאַניזירט פאַרן קריג העכער 20 טויזנט אַרבעטער, וואָס האָבן געבילדעט אַ באַדייטנדיקן טייל אין דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און זיך באַטייליקט אין אַלע ארץ־ישראלדיקע און ציוניסטישע אַקטיוויטעטן.

„פרייהייט" — „דרור"

די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון פועלי־ציון האָט געהייסן „פרייהייט", און נאָכן פאַראייניקן זיך — אַ יאָר פאַרן קריג — מיטן „החלוץ־הצעיר" — „דרור".

אין זעלבשטענדיקן פּוילן האָט די פועלי־ציון־יוגנט גלייך געלאָזט זיך הערן מיטן דערשיינען אין 1918 פון איר אָרגאַן „דער יונגער קעמפער", רעדאַקטירט דורך ל. שפּיזמאַן. אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון דער אָרגאַניזאַציע, אין יוני 1919, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי ציילט 62 סניפים מיט קרוב צו 500 יוגנטלעכע, פון 16 ביז 19 יאָר אַלט. בעת דער קאָנפערענץ אין ווין אין יאָר 1920, ווען עס איז געקומען צו דער באַקאַנטער שפּאַלטונג, האָט אויך די יוגנט דורכגעמאַכט אַ שפּאַלטונג. די יוגנט־פאַראיינען פון די „אומאָפּהענגיקע פועלי־ציון" האָבן מיטגעאַרבעט מיטן „החלוץ", זיך באַטייליקט אין שקלים־פאַרקויף, אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן אד״גל. זייער אָרגאַן „ייִדישע אַרבעטער־יוגנט" איז אַרויס אין לעמבערג.

נאָך דעם איחוד פון פועלי־ציון מיט צ. ס. צעירי־ציון האָט זיך אויך

זייער יוגנט פאַראייניקט און געהאַט אַ צאָל פון 3.000 חברים, אומגעפער אַ העלפט פון יעדער גרופּע. די פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָנגע־רופן „פרייהייט". איר צייטונג „פרייהייט" איז דערשינען אין וואַרשע ביזן צווייטן וועלט־קריג.

די „פרייהייט" האָט אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע טעטיקייט אויף אַלע גע־ביטן פון יוגנט־לעבן. איר צאָל חברים איז כסדר געשטיגן. זי האָט געהאַט צאָלרייכע זומער־קעמפּס און אויך צענטראַלע און ראַיאָן־סעמינאַרן פאַר יוגנט. איינִיקע סעמינאַרן זענען פאָרגעקומען אין דער חלוצישער פאַרם אין גראָכאָוו — היות די אַרבעט איז בכלל געפירט געוואָרן לויט חלוצישע דערציאונגס־ליניעס און אין נאָענטער מיטאַרבעט מיטן „החלוץ־הצעיר".

אין 1927 איז ביי פרייהייט אַנטשטאַנען אַ גרופּע פון „פרייע סקויטן". צוזאַמען מיט זיי האָט „פרייהייט" אין יאָר 1933 דערגרייכט די ציפער פון 10 טויזנט יוגנטלעכע. די נייע אויסגאַבע „יונג און פריי" און שפּעטער „דער אויפגאַנג" זיינען געווען געווידמעט דער סקויטן־אַרבעט. די לעצטע האָבן זיך געטיילט אין צוויי שיכטן: „יוגנט" פון 15 ביז 18 יאָר און „עבודה" — פון 18 ביז 21 יאָר.

ווי געזאָגט איז „פרייהייט" געשטאַנען גאָר נאָענט צום „החלוץ". אין 1933 האָבן געהערט צום „החלוץ" 4.000 יוגנטלעכע פון „פרייהייט". אין 1935 האָבן זיך 2.000 פרייהייטאָווצעס באַטייליקט אין די הכשרה־פּונקטן פון „החלוץ".

אין 1925, נאָך דער שאַפונג פון פאַראייניקטן וועלט־פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון און צ. ס. איז אַנטשטאַנען אַ וועלט־פאַרבאַנד פון יידיש־סאָציאַליסטי־שער יוגנט, אָן וועלכן עס האָט זיך אָנגעשלאָסן אויך „פרייהייט". אין 1938 האָט „פרייהייט" געשאַפן צוזאַמען מיטן „החלוץ־הצעיר" איין אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געציילט פאַרן קריג ביי 20 טויזנט חברים. זייערע אָרגאַנען זע־נען געווען: „אונזער פרייהייט" אין יידיש און „החלוץ־הצעיר" אין העברע־איש. די עלטערע שיכט פון 19 ביז 22 יאָר איז געווען אָנגעשלאָסן אָן פּועלי־ציון צ. ס.

„התאחדות"

די ציוניסטישע אַרבעטס־פּאַרטיי „התאחדות", וואָס איז געווען אַן אינ־טעגראַלער טייל פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן, האָט קאָאָפּערירט מיט פּועלי־ציון צ. ס. „החלוץ" און „השומר־הצעיר" און באַ־זונדערס ביי וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

בעת די וואַלן צום סיים אין יאָר 1922 איז „התאחדות", ווי שוין דער־מאָנט, געגאַנגען מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן און „מזרחי" אויף דער ליסטע פונעם „בלאָק פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן", וואָס איז געשאַפן געוואָרן

דורך י. גרינבוים. „התאחדות" האָט דאַן אויך באַקומען דריי דעפּוטאַטן אין סיים — אברהם לעווינסאָן אין קאָנגרעס־פּוילן, א. זילבערשטיין און א. הע־לער — אין גאַליציע, און איין מיטגליד, בערקעלהאַמער, אין סענאַט.

די יוגנט פון „התאחדות" איז געווען אָרגאַניזירט אין „גורדוניה", וואָס האָט געהאַט אייגענע הכשרה־פּונקטן איבערן לאַנד און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין „החלוץ", ווי אויך אין דער אַזוי־גערופענער „אומלעגאַלער" עליה קיין א"י.

אויך ביי די וואַל־קאַמפּאַניעס צו די שטאָט־ראַטן און קהילות פלעגט „התאחדות" גיין צוזאַמען מיטן נאַציאָנאַלן, עווענטועל מיטן ציוניסטישן בלאָק, וואו עס פלעגן שטענדיק פיגורירן אָנפירנדיקע טוער פון „התאחדות": ד"ר א. טאַרטאַקאָווער, אברהם לעווינסאָן, משה טאַצא, אייגעס, משה גאַרדאָן, ד. ראַדונסקי, אברהם זילבערשיין. אין „גורדוניה" איז פאַרן קריג געווען טעטיק א. לוביאַניקער (איצט לבון, געוועזענער קריגס־מיניסטער און גע־נעראַל־סעקרעטאַר פון „הסתדרות").

באַזונדערס שטאַרק איז געווען „התאחדות" אין מזרח־גאַליציע, וואו איר השפּעה האָט זיך געצויגן פון די אַלטע „צעירי־ציון"־צייטן. נאָכן איחוד פון „הפועל־הצעיר" מיט „אחדות־העבודה" און דער שאַפונג פון דער איינהייט־לעכער מפא"י, האָט „התאחדות" אין מזרח־גאַליציע זיך אויך פאַראייניקט מיט די רעכטע פּועלי־ציון דאָרטן, בראש מיט א. טוניס, א. בערגמאַן און וואַקסמאַן, און געשאַפן די פאַראייניקטע פּאַרטיי פון „התאחדות און פּועלי־ציון", וואָס האָט שטאַרק אויסגעברייטערט איר אַרבעט און באַוויזן צו שאַפן אַ צאָל פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די פּאַרטיי איז אויך געווען טעטיק אין דער יידישער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין פּוילן. יוסף לעווי (אומגעבראַכט דורך די דייטשן) איז געווען לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. איר פּרעסע־אָרגאַן איז געווען „פאָלק און לאַנד". זי האָט אויך אַרויסגעגעבן אין יידיש אַ מאָנאָגראַפיע און ווערק פון א. ד. גאָרדאָן, אַרלאָזאָראָוו, בוסעל. אַ קורצע צייט איז אויך דערשינען איר העברעאישע צייטשריפט „המעבר". די וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון צ. ס. און „התאחדות" אין דאַנציג אין 1932 האָט באַשלאָסן, אַז מען דאַרף אַריינפירן אין די העברעאישע שולן דעם לימוד פון יידיש און יידישע ליטעראַטור. „התאחדות" האָט אָבער ניט אָנגענומען דעמדאָזיקן פּונקט. שפּעטער האָט אָבער אַ טייל פון „התאחדות", בראש מיט א. טאַרטאַקאָווער, באַשלאָסן דאָך צו פאַראייניקן זיך מיט פּועלי־ציון צ. ס., קעגן דעם ווילן פון אַן אַקטיווער פּאָזיציע. דאָס איז אָבער ערשט צושטאַנד געקומען נאָכן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג.

אָנפאַנג 1940 האָבן זיך דיביידע אָרגאַניזאַציעס פאַראייניקט אַלס פּליטים־גרופּן אין ווילנע.

די לינקע פּועלי־ציון

די „לינקע פּועלי־ציון אין פּוילן״ *) ציט איר יחוס־אָפּשטאַם פון דער אַמאָליקער רוסלענדישער „יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1906 אין פּאָלטאַווע, דורך בער באָראָכאָוו, זרובבל, יצחק בן־צבי און אַלעקסאַנדער כאַשין. אין פּוילן, סיי אין קאָנגרעס־פּוילן, סיי אין גאַליציע, זענען די ערשטע פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציעס אַנטשטאַנען אין די יאָרן 1903—1905.

דער ערשטער קאָנסטיטואירנדיקער צוזאַמענפאָר פון פּועלי־ציון אין דער פּוילישער רעפּובליק איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער 1918. במשך פון 1919 האָט די פּאַרטיי געגרינדעט פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פּראָדוקטיר־און געברויך־קאָאָפּעראַטיוון, ביבליאָטעקן, אָוונט־קורסן, טאָג־שולן, קינדער־היימען, דראַמאַטישע קרייזן און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. דער פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי איז געווען אַ המשך פון פּראָגראַם פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, וואָס האָט באַזירט „אויף רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף און דעם באָראָכאָוויסטישן צוגאַנג צו דער יידן־פראַגע, וואָס דאָס מיינט: פּאַראַלעל מיטן קלאַסן־קאַמף אויף די ערטער, צו פירן גלייכצייטיק דעם קאַמף פאַר פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם און שאַפן דעם טעריטאָריאַלן יידישן אַרבעטער־צענטער אין ארץ־ישראל״.

בעת די ערשטע וואַלן צום סיים אין 1919, האָט די פּאַרטיי דורכגעפירט אין וואַל־קרייז כעלם־הרוביעשאָוו איר קאַנדידאַט ד״ר מאַקס ראָזענפעלד. צוליב זיין טויט איז געוואָרן דעפּוטאַט דער באַקאַנטער היסטאָריקער ד״ר יצחק שיפּער, דאַן אַקטיווער טוער פון פּועלי־ציון (אומגעקומען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע פון פּוילן).

אין יאָר 1920, ווען די וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון אין ווין האָט זיך געשפּאָלטן, איז די מערהייט פון דער פּאַרטיי אין פּוילן פאַרבליבן ביי די „לינקע פּועלי־ציון״, בראש מיט זרובבל, נ. בוקסבוים, י. לעוו, שכנא זאַגאַן און אַנדערע. די מינדערהייט, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך ד״ר י. שיפּער, ל. שפּיזמאַן (אין וואַרשע), א. וועלנער, חיים העניג (קראָקע), לייזער לעווין (לאָדזש), האָט אין 1925 געשאַפן, צוזאַמען מיט צ. ס. צעירי־ציון די פּאַרטיי פּועלי־ציון צ. ס.

פּועלי־ציון האָבן געפירט אַן עקשנותדיקן קאַמף איןביידע דערמאָנטע געביטן: אין ציוניסטישן און אַלגעמיין־פּראָלעטאַרישן. אויפן ערשטן געביט זענען זיי, אין קעגנזאַץ צו די פּועלי־ציון אין א״י און אַמעריקע, געשטאַנען

*) יעקב קענער „קווערשניט״ (1897—1947), ניו־יאָרק, 1947. די מאַטעריאַלן צו דעם אַרטיקל זענען גענומען געוואָרן פון אַרטיקל איבער די „לינקע פּועלי־ציון״ אינעם בוך, ווי אויך פון דער אָפּהאַנדלונג פון יצחק לעוו אין בוך „ורשה״, חלק ב׳, ז״ז 89—125 (סעריע „אנציקלופדיה של גלויות״), ירושלים, 1953.

אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון „סטיכישן פּראָצעס", וואָס וועט ערשט ברענגען צו דער שאַפֿונג פֿון יידישן אַרבעטער־צענטער אין א"י. דאָס האָט אויך גע־בראַכט צו דער שפּאַלטונג אין דער וועלט־באַוועגונג פֿון פּועלי־ציון אין 1920, און האָט געפֿירט צום שאַפֿן פֿון דעם לינקן פּועלי־ציון־צענטער אין פּוילן און פֿון רעכטן, בראש מיט „אחדות־העבודה", אין א"י.

אויפֿן צווייטן, פּראָלעטאַרישן, געביט האָט די עקשנותדיקע שטעלונג, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער פּאַרטיי צום יידישן פּראָבלעם, אַלס נאַציאָנאַלן פּראָבלעם, געבראַכט צום אַרויסגיין פֿון „קאָמינטערן", וואָס איז געווען אויסגעשפּראָכן קעגן ציוניזם און יידישן אַרבעטער־צענטער אין א"י. דאַן זענען אויך אַוועק פֿון דער פּאַרטיי דער איצטיקער קאָמוניסטישער פֿירער פֿון פּוילן, זאַכאַריאַש און אַנדערע. די „שטורעם־ און דראַנג־פּעריאָדע" האָט זיך געענדיקט אין 1922.

פּוילן איז געוואָרן דער צענטער פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און די לינקע פּועלי־ציון האָבן זוכה געווען דאָרטן צו אַ גרויסער אַנטוויק־לונג. צו דער ערשטער פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ אין וואַרשע, מיטן אָנטייל פֿון ז. רובאַשאָוו פֿון בערלין, זענען געקומען: ד"ר י. שיפּער און א. ש. יוריס בראש פֿון דער דעלעגאַציע פֿון גאַליציע. דאַן זענען אויך צוגעקומען: זרובבל, ניר, ד. לייבל, יוסף ראָזען, מאַקס עריק, נ. וויניק, א. וואַקס און אַנדערע. בראש פֿון דער פּאַרטיי אין וואַרשע זיינען געשטאַנען י. לעוו און א. פּריינט שפּעטער — ראָזען, פּעטערזייל, ר. מאלער און ע. רינגלבלום.

אין ערשטן שטאָט־ראָט פֿון וואַרשע זענען פֿון פּועלי־ציון געווען: נ. ראַפּאַלקעס, י. לעוו און מ. יאַרבלום; אין צווייטן: נ. בוקסבוים, י. לעוו און מ. פּשעדעטש. אין יאָר 1922 האָט די פּאַרטיי אויך געהאַט אַ טאָג־צייטונג „דאָס לעבן" און שפּעטער „די אַרבעטער־צייטונג", וועכנטלעך.

די איינשטעלונג פֿון די לינקע פּועלי־ציון האָט גורם געווען, אַז ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן אויף זיי רדיפֿות, נגישות און רעפּרעסיעס מצד די מאַכט־אָרגאַנען. מ'האָט דאַן אַרעסטירט: נ. בוקסבוים אין לעמבערג, די ראַטמענער י. סלושני אין שעדלעץ און א. סאָלניק אין קאַליש, די פּאַרטיי־טוער: מ. ציטרינאָווסקי, י. סטאָליאַרסקי, י. גאָטליב, יוסף זילבערבאָרד פֿון לאָדזש, מעכל וואַרשניטער פֿון זאַראַמב און אַנדערע. עס זענען אויך פֿאָר־געקומען מאַסן־אַרעסטן צווישן דער יוגנט אין וולאָצלאַוועק און לאָדזש, פֿון פּאַרטיי־ און יוגנט־קאָמיטעט אין קראָקע, ווי אויך אין ראַדאָם און לובלין.

ניט געקוקט אויף די אַלע רדיפֿות און נגישות, האָט אָבער די פּאַרטיי אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע טעטיקייט, געהאַט קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון מיט אַן אייגענער קרעדיט־צענטראַלע, געשאַפֿן פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון פֿון שניי־דער, שוסטער, קאַמאַשן־מאַכער, סטאָליער, בעקער אאַ"וו, וואָס האָבן באַ־שעפֿטיקט פֿיל אַרבעטסלאָזע. אין לאָדזש זענען אויך אויפֿגעשטעלט געוואָרן פּרעכטיקע קאָאָפּעראַטיווע וואוינונגס־הייזער, וואו ס'האָבן געלעבט הונדער־טער אַרבעטער־משפּחות.

אויפֿן געביט פֿון בילדונג און קולטור האָט די פּאַרטיי געהאַט אַן אייגענע „געזעלשאַפֿט פֿאַר אָוונט־קורסן” מיט אָפּטיילונגען אין צאָלרייכע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן פֿאַרמאָגט לייען־זאַלן, ביבליאָטעקן, דראַמאַטישע קרייזן, ספּאָרט־קלובן. גרעסערע ביבליאָטעקן אין לאָדזש, וואַרשע, קראָקע, סאָסנאָוויץ, כעלם. צוזאַמען האָבן די ביבליאָטעקן פֿאַרמאָגט צענדליקער טויזנטער בענדער אין יידיש, פּויליש און העברעאיש און באַדינט אַ סך טויזנטער לייענער. דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר פֿון דער געזעלשאַפֿט איז געווען אין 1926. דער צווייטער — איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קולטור־קאָנגרעס מיט 300 דעלעגאַטן פֿון 200 שטעט און שטעטלעך. טראָצדעם וואָס די מאַכט האָט געשלאָסן די געזעלשאַפֿט אין 1930, איז די אַרבעט פֿאָרגעזעצט געוואָרן אויך ווייטער.

אויפֿן פּאָליטישן געביט האָט די פּאַרטיי באַוויזן אָפּהאַלטן גרויסע זיגן אין יאָר 1928, ווען זי האָט באַקומען בעת די שטאָט־ראָט־וואַלן אין וואַרשע 8.000 שטימען און 3 מאַנדאַטן; אין לאָדזש — העכער 7.000 שטימען און 3 מאַנדאַטן און איבער 140 מאַנדאַטן אין צענדליקער שטעט. צום צוזאַמענפֿאָר פֿון אַלע פּאַרטיי־ראַטמענער פֿון די שטאָט־ראַטן, קהילות, קראַנקן־קאַסעס. אין 1929 זענען געקומען העכער 300 חברים, וואָס האָבן זיך באַראַטן אין משך פֿון צוויי טעג. אין יאָר 1928 האָט די פּאַרטיי באַקומען אין לאַנד 31.080 שטימען („אנציקלופדיה של גלויות”, וואַרשע, באַנד א. ירושלים, ז״ז 413־485).

בעת די וואַלן צום סיים אין 1930 האָט די פּאַרטיי געשלאָסן אַ בלאָק אין צוויי געמישטע יידיש־אוקראַיִנישע וואַל־קרייזן, מיטן אוקראַיִניש־לינקן „סעלראָב”. אין יאָר 1932 האָבן די לינקע פּועלי־ציון אין מערב־גאַליציע געשלאָסן אַ בלאָק מיט דער ראַדיקאַלער פּוילישער פּויערים־פּאַרטיי, וואָס האָט שטאַרק אויפֿגעבראַכט די אַנטיסעמיטן.

בעת די לעצטע שטאָט־ראַט־וואַלן אין 1938־39 זענען די לינקע פּועלי־ציון אין 9 שטעט געגאַנגען צוזאַמען מיטן „בונד” און האָבן דאָרטן באַקומען 15 מאַנדאַטן. אין כעלם באַזונדער 8, אין פּולטוסק — 3, אין בזשעזשין און קאַלושין — צו איין מאַנדאַט.

אין 1929 האָט די פּאַרטיי פֿון די לינקע פּועלי־ציון זיך באַטייליקט אין די וואַלן צום אַלוועלטלעכן קאָנגרעס פֿאַרן אַרבעטנדיקן א״י, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין בערלין, און האָט באַוויזן דורכצופֿירן צום קאָנגרעס אַ צאָלרייכע דעלעגאַציע.

אַ יאָר פֿריער האָט די פּאַרטיי דורכגעפֿירט אַ פּראָטעסט־אַקציע קעגן ליקווידירן דורך דער ראַטן־מאַכט די פּאַרטיי פֿון לינקע פּועלי־ציון, אין ראַטן־פֿאַרבאַנד.

אַ באַזונדערס לעבעדיקע אַקטיוויטעט האָט די פּאַרטיי דורכגעפֿירט ביים אָרגאַניזירן פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען. אינעם „לאַנדראַט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען” אין פּוילן איז די פּאַרטיי געווען אָנגעשלאָסן מיט

אירע העכער 20 טויזנט אָרגאַניזירטע אַרבעטער. די פאַראיינען וואָס האָבן זיך געהאַט אָנגעשלאָסן אָן דער פועלי־ציון־באַוועגונג, האָבן זיך סאָלידאַרי־זירט מיט די לאַזונגען פון אַרבעטנדיקן א״י און אַפילו ממשותדיק געשטיצט די פאַרשידנסטע א״י־קאַמפּיינען. דאָס איז אויך צו זען פון דעם, וואָס צום אויבנדערמאָנטן קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן א״י זענען פאַרקויפט געוואָרן איבער 103.000 שטים־קאַרטן אין פוילן; העכער 76 טויזנט פּערזאָנען האָבן אויך געשטימט ביי די וואַלן פאַר פאַרשידענע אַרבעטער־ליסטעס.

אין וואַרשע איז אונטער דעם איינפלוס פון די לינקע פועלי־ציון גע־ווען דער האָלץ־אַרבעטער־פאַראיין; דער פאַראיין פון כעמישע אַרבעטער; די קעלנער און גאַסטראָנאָמישע אַרבעטער; דער צענטראַלער האַנדלס־אָנגע־שטעלטער פאַראיין. אין לאָדזש — דער טראַנספּאָרט־פאַראיין; די פאַראיי־נען פון נאָדל, טעקסטיל, לעדער און אַנדערע פאַכן. אין כעלם — די גאַנצע יידישע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג מיט אירע אַלע 12 פאַראיינען. דאָסזעל־ביקע אין ניי־סאַנץ. אין בריסק און קאָלאָמיי האָבן די לינקע פועלי־ציון געהאַט אַ מערהייט אין די דאָרטיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. געווען זע־נען זיי אויך אָנזעעוודיק אין סאָסנאָוויעץ, קאַליש, לעמבערג, ווענגראָוו, וולאָצלאַוועק, שעדלעץ, ראַדאָם, קעלץ, סטאַשעוו, אָטוואָצק, ווישעגראַד, לענ־טשיץ, בזשעזשין, אַלעקסאַנדער, אָסטראָוויעץ, וויעלון, ווישקאָוו, כמעלניק *).

דער פאַרבאַנד „יוגנט" האָט אויך געהאַט אַ סעקרעטאַריאַט פאַר די קינדער־אָרגאַניזאַציעס „יונגבאָר" (יונגע באָראָכאָוויסטן) און אַרויסגעגעבן די „פרייע יוגנט", אין 10־12 טויזנט קאָפּיעס, און די „קינדער־וועלט", 5־6 טויזנט קאָפּיעס —ביידע אונטער דער רעדאַקציע פון י. קענער. צוזאַמען האָט די לינקע פועלי־ציון־יוגנט געציילט ביי 16.000 יוגנטלעכע.

דער ספּאָרט־פאַרבאַנד „שטערן" האָט געציילט 146 אָפּטיילונגען איבערן לאַנד, מיט איבער 16 טויזנט מיטגלידער, און איז געווען אָנגעשלאָסן אָן דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער־ספּאָרט־פאַרבאַנד אין פוילן.

אויפן ארץ־ישראל־געביט האָט די פאַרטיי געפירט אַ זעלבסטשטענדי־קע אַרבעט זאַמלענדיק געלט פאַרן פאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד, אָדער פאַר איר שוועסטער־פאַרטיי אין א״י. אונטער דער רעדאַקציע פון י. לעוו איז אויך דערשינען „דאָס אַרבעטנדיקע פאַלעסטינע", אַרויסגעגעבן דורך דער „געזעלשאַפט פריינט פון אַרבעטנדיקן א״י". אין 1929 האָט די פאַרטיי אויך גערופן קיין וואַרשע אַ פּראָ־פאַלעסטינע־קאָנגרעס, מיטן אָנטייל פון הונ־דערטער דעלעגאַטן וואָס האָבן פאַרטראָטן צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, סימפּאַטיקער און פריינט.

אַ פּאָר יאָר פאַרן אויסברוך פון וועלט־קריג האָט די פאַרטיי אויסגע־ברייטערט איר א״י־טעטיקייט און אָנגעהויבן באַטייליקן זיך אויך אין די

---

*) זאַמלהעפט „בונדישע פּרעטענסיעס אוןווירקלעכקייט", אַרויסגעגעבן פון צ. ק. פון לינקע פועלי־ציון אין אַמעריקע. ניו־יאָרק, ז״ז 68—69 און ווייטער.

זאַמלונגען פון קרן־קיימת און קרן־היסוד, ווי אויך אין שקל־קאַמפּיין צום לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס, פאַר דעם קריג. די לינקע פּועלי־ציון האָבן דאַן פאַרשפּרייט 12.000 שקלים און געשיקט אַ דעלעגאַציע צום קאָנגרעס אין זשענעווע, האַרט פאַרן אויסברוך פון קריג, אין באַשטאַנד פון: עמנואל רינגלבלום, נתן בוקסבוים, שכנא זאגאן (אַלע דריי אומגעקומען אונטער די נאַציס אין פּוילן), י. קענער, י. סטאָלאַרסקי און ל. שמערלער.

אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג איז אין דער פּאַרטיי אַנטשטאַנען אַ גרופּע „אַקטיוויסטן", בראש מיט יצחק לעוו, י. סטאָלאַרסקי און אַנדערע, וואָס האָט געפאָדערט אויסצוברייטערן בכלל דעם גאַנצן פאַרנעם פון ציוניס־טישע אַקטיוויטעטן פון דער פּאַרטיי, אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום „החלוץ", אַקטיוון אָנטייל אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן אד"גל.

במשך פון די 20 יאָר פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט, האָט די פּאַרטיי פון די לינקע פּועלי־ציון אַרויסגעגעבן פּעריאָדישע צייטשריפטן אין יידיש און פּויליש. דער צענטראַלער אָרגאַן די „אַרבעטער־צייטונג" איז אַרויס צוערשט אונטער דער רעדאַקציע פון זרובבל, און שפּעטער — פון ש. זאגאן.

די דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע דעם ערשטן מאַי 1939 האָבן די לינקע פּועלי־ציון געפּייערט צוזאַמען מיט פּועלי־ציון צ. ס. און דעם גאַנצן פליגל פון אַרבעטנדיקן א"י, וואָס עס האָט אויך געבראַכט צום אויסדרוק דעם קאָנ־סאָלידאַציע־פּראָצעס אין די רייען פון דער גאַנצער פּועלי־ציון־באַוועגונג.

„השומר־הצעיר"

„השומר־הצעיר", וואָס איז אַנטשטאַנען פון דער פאַראייניקונג פון אגודות יידישע שילער און דער יידישער סקויטן־באַוועגונג, האָט געהאַט זיין גרינ־דונגס־קאָנפערענץ אין 1918 אין לאָדזש. די עלייה פון די ערשטע שומרים אין 1919 איז געווען אַ ווענד־פּונקט אין דער באַוועגונג. די קאָנפערענץ אין 1920 אין וואַרשע האָט באַשלאָסן צו פירן די דערציאונג פון דער יוגנט, אַנטשפּרעכנדיק צו די פאָדערונגען פון א"י. אין וואַרשע זענען דאַן אויך געגרינדעט געוואָרן וואַרשטאַטן פאַר סטאָלעריי און עלעקטריציטעט, כדי צו פּראָדוקטיוויזירן די שומרים. עס זענען אַנטשטאַנען 60 סניפים איבערן לאַנד מיט טויזנטער שומרים און שומרות, 80 פּראָצענט פון זיי שילער, צוויי דריטל יינגלעך און איין דריטל מיידלעך. אין א"י איז דאַן אויך אַנטשטאַנען דער ערשטער שומרישער קיבוץ בית־אלפא.

אין די רייען פון דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ גרוי־סער וויכוח וועגן איר כאַראַקטער. „השומר־הצעיר" האָט שטענדיק געשטיצט די פּראָגרעסיווע ציוניסטן אין פּוילן אין זייער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג פון די אידן אין פּוילן, פאַר וועלטלעכקייט און קעגן קלע־

ריקאַליזם. זיי האָבן אויך געשטיצט גרינבוימס יידישן בלאָק און די גאַנצע ליסטע פון נאַציאָנאַלע מיעוטים ביי די וואַלן צום סיים אין יאָר 1922, וואָס דער בלאָק איז געווען איר איניציאַטאָר.

אַ ווייטערדיקער שריט איז געמאַכט געוואָרן, ווען די אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם אַרבעטנדיקן א״י, געקויפט זיין שקל צום ציוניס־טישן קאָנגרעס און באַשלאָסן אויפשטעלן אַ שטענדיק לאַנדווירטשאַפטלעכע הכשרה פאַר אירע חברים, און שטרעבן צו זייער פּראָדוקטיוויזאַציע. די ערשטע הכשרה־פאַרם איז געווען אין קאַלושין, לעבן וואַרשע. די קאָנפע־רענץ אין 1924 האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן קאַפּיטאַליזם און אימפּעריאַ־ליזם און באַשלאָסן צו שטיצן די אונטערדריקטע קלאַסן אין דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג. דאָס האָט אַרויפגעלייגט דעם סאָציאַליסטישן שטעמפּל אויפן „השומר־הצעיר״, וועלכער איז ביסלעכווייז געוואָרן אַן אויס־געשפּראָכן סאָציאַליסטיש־חלוצישע אָרגאַניזאַציע.

נאָך דער שאַפונג פון „קיבוץ־ארצי פון השומר־הצעיר״ אין א״י, איז קיין פּוילן אָראָפּגעקומען אַ גרויסע דעלעגאַציע און איינגעשטעלט אַן ענגן קאָנטאַקט צווישן דער באַוועגונג אין פּוילן און די שומרים אין א״י. עס איז דאַן אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז יעדער בוגר מוז גיין אויפן וועג פון חלוציות. 300 בוגרים האָבן געענטפערט אויפן רוף, אָבער אַנדערע, דער עיקר סטו־דענטן, וואָס האָבן געהאַלטן ביים גראַדואירן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט. דאַן האָט זיך אויך אָפּגעטיילט דער „השומר־הלאומי״. אָבער עס זענען צוגעקומען צוויי פּאַלקסטימלעכע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס „טרומפּעלדאָר״ און „באַלפוריה״.

אַנשטאָט די פריערדיקע פאַרמעגלעכע עלעמענטן פון אַסימילירטע קרייזן, האָט די באַוועגונג אָנגעהויבן צוציען יוגנט פון קליינבירגערטום און פאָלק, פון די גימנאַזיעס „חינוך״, „אסכולה״, „לאור״, „חבצלת״ אין וואַרשע און פון ענלעכע לערן־אַנשטאַלטן איבער דער פּראָווינץ.

די פּוילישע שפּראַך, וואָס די שומרישע יוגנט האָט באַנוצט, איז פאַר־פלייצט געוואָרן מיט העברעאיש־חלוצישע ווערטער און באַגריפן. אין אָנ־הייב פון די דרייסיקער יאָרן האָט זיך אויסגעברייטערט די דערציאונג און אויפקלערונגס־אַרבעט אין העברעאיש דורך די אויסגאַבעס: „השומר־הצעיר״, די מאַנאַטשריפט „המיצפה״ און דעם „מדריך״.

די הויפּט־לייטונג האָט אויך דאַן אַרויסגעגעבן די אַנטאָלאָגיע „ספר השומרים״ און עטלעכע ביכער פון דער סעריע „לכול״, וואָס האָט שפּעטער געדינט אַלס סטימול פאַר דער „ספריית פועלים״ אין א״י. „השומר־הצעיר״ האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין „תרבות״, וואו זי איז געווען די שטאַרקסטע פראַקציע אויף דער קאָנפערענץ פון „תרבות״ אין 1931 (מיט 144 דעלע־גאַטן). ביי זיין 25־יאָריקן יובל, אין 1938, האָט „השומר־הצעיר״ געציילט, בלויז אין קאָנגרעס־פּוילן, 21 טויזנט חברים.

„החלוץ"

„החלוץ" האָט זיך אַנטוויקלט צו אַ זייער וויכטיקן טייל פון דער ציוניס־טישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן.

די מערהייט פון „החלוץ" איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון פּועלי־ציון צ. ס. אין לאַנד. דאָס וואָס עס האָט דעם „החלוץ" כאַראַקטערי־זירט, איז ניט בלויז דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך באַטראַכט, ווי זיין נאָ־מען זאָגט, אַלס אַוואַנגאַרד פון די וואָס ווען איר נאָכפאָלגן אין דער עלייה קיין א"י, און האָט דעריבער געוואָלט זיי דינען אַלס ביישפּיל מיט זיין לאָ־זונג פון „הגשמה עצמית", נאָר אויך וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז די חלוצי־שע טעטיקייט איז די איינציקע ממשותדיקע פאַרווירקלעכונג פון יידישן סאָציאַליזם. דער חלוץ רייסט איבער מיט דער אַלטער יידישער עקאָנאָמי־שער סטרוקטור און מיטן גאַנצן גלות־לעבן און פאַרבייט ניט בלויז די „אַלטע היים" אויף דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין א"י, נאָר גייט דאָרטן אויך איבער צו אַ נייעם, פּראָדוקטיוון לעבן, און דערמיט איז ער פּאַקטיש דער טרעגער פון דער רעוואָלוציע און פון אמתן יידישן סאָציאַליזם, וואָס קאָן געדייען נאָר אין אַן אייגענעם יידישן אַרבעטער־צענטער אין א"י.

„החלוץ" האָט צוגעצויגן צו זיך פילע פון דער יידישער יוגנט און איז ביסלעכוויז געוואָרן די צאָלרייכסטע יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, מיט פיל פּונקטן פאַר פיזישער און גייסטיקער הכשרה איבערן גאַנצן לאַנד. די וויכ־טיקסטע הכשרה־פּונקטן זענען געווען: די גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרם אין גראָכאָוו, ביי וואַרשע — דער עלטסטער הכשרה־פּונקט וואָס האָט אויך עקזיסטירט אַ געוויסע צייט אונטער דער נאַצי־אָקופּאַציע, ווען ער האָט זיך באַמיט צו באַזאָרגן מיט זיינע פּראָדוקטן יידן אינעם געטאָ; די גרויסע שטיינהאַקעריי אין קלאָסאָווע, וואָלין, געשלאָסן שפּעטער דורך דער רעגי־רונג פאַרן אַנטייל אין אַ פייערונג פון ערשטן מאַי; דער קיבוץ „תל־חי", וואָס האָט געאַרבעט אין ביאַליסטאָק און אומגעגנט, מיט 15 פּלוגות און מיט איבער 700 חברים; „שחריה", אַ קיבוץ, וואָס איז געווען טעטיק אין ראַיאָן פון ווילנע־באַראַנאָוויטש, מיט 30 פּלוגות און העכער 1500 חברים; „קיבוץ באָראָכאָוו", אין לאָדזש, דער גרעסטער אינדוסטריעלער קיבוץ מיט כלערליי וואַרשטאַטן, וואָס האָט פאַרמאָגט 39 פּלוגות מיט 1300 חברים און האָט אויך פאַרשפּרייט זיין טעטיקייט איבער דער געגנט פון קעלץ און בענדין.

זינט דעם מיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָבן פאַרשידענע אָרגאַני־זאַציעס זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן אַגריקולטור און מלאכה צווישן יידן. אין דייטשלאַנד — די „געזעלשאַפט צור פערדערונג דעס אַקערבויעס" אאַ"וו; אין רוסלאַנד — די „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן לאַנדווירטשאַפט און מלאכה צווישן דער יידישער באַפעלקערונג" („אָרט"). „אָרט" איז אויך גע־ווען טעטיק אין פּוילן, אין צוגאָב צו דער אַלטער טאָ(וואַזשיסטוואָ) פּאָ(מאָצי) ראָל(ניטשעי), וואָס האָט נאָך פון אַמאָל געשטרעבט צוציען די יידישע יוגנט

צו ערד־אַרבעט. די גרעסטע הצלחה אין דעם געביט האָט אָבער געהאַט צו פאַרצייכענען „החלוץ“, וועמענס אידעאַליסטישע מיטגלידער זענען אַריבער צו ערד־אַרבעט און אַנדערע פיזישע באַשעפטיקונגען מיט חדווה און באַ־גייסטערונג, זעענדיק אין דעם אַן אָנהייב פון דער געגאַרטער רעוואָלוציע אין זייער לעבן, וואָס וועט געפינען איר ענדגילטיקע ליזונג מיט דער עליה און קיבוצישער קאָלאָניזאַציע אין א״י. די הצלחה פון „החלוץ“ אויפן געביט פון אַגריקולטור האָט אויך באַוויזן דעם „אָרט“, וואָס איז אָנגעפירט גע־וואָרן פון ניט־ציוניסטן, אַריינגעמען די חלוצישע הכשרה־פּונקטן אין זיין רשימה פון אַגריקולטורעלער הילף.

וועגן דער אַנטוויקלונג פון „החלוץ“ זאָגן עדות פאָלגנדיקע ציפערן *):

	צאָל סניפים	חברים	אין הכשרה	אַרב.־עולים	אַלג. צאָל עולים
1924	71	1694		1620	7975
1925	232	4558	712	6759	17740
1926	364	9515	2449	5055	6809

לויטן באַריכט פון א״י־אַמט אין וואַרשע, וואָס האָט געהאַט די אויפ־זיכט איבער דער עליה, האָט זיך די חלוצישע באַוועגונג באַזונדערס פאַר־שטאַרקט אין די יאָרן 35־1931, ווען זי האָט אָנגעטראָפן:

	צאָל עליה־פּלוגות	חברים		צאָל עליה־פּלוגות	חברים
1931	44	2029	1933	186	4448
1932	84	2227	1934	169	7915

אין דערזעלביקער צייט האָט זיך אויך באַדייטנדיק אויסגעברייטערט די הכשרה־אַרבעט. די צאָל חברים אויף הכשרה האָט אָנגעטראָפן, לויט די ראַיאָנען:

	סוף 1933	סוף 1935
אין קאָנגרעס־פּוילן	9650	9727
אין מזרח־גאַליציע	3967	1823
אין מערב־גאַליציע	2332	1518
	15949	13068

בעת די וואַלן צו דער קאָנפערענץ פון „החלוץ“, אין אַפּריל 1934, האָט געזיגט די ליסטע פון „גוש חלוצי־כללי“, וואָס האָט איינגעשלאָסן חברים פון פּועלי־ציון צ. ס., „פרייהייט“, „החלוץ“ און „החלוץ־הצעיר“, און האָט

*) די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן „החלוץ“ זענען אַרויסגענומען פון אַרטיקל פון חיים ברלס „העלייה והמשרד הארצישראלי המרכזי“, אין באַנד א׳ ורשה (אנציקלופדיה של גלויות), ירושלים־תל־אביב, ז״ז 413—435.

באַקומען צוויי דריטל פון די אָפּגעגעבענע 30.000 שטימען. „השומר־הצעיר" האָט באַקומען 7.000 שטימען, „גורדוניה" — 2445 שטימען, „ריכוז־וויתקין" — 882 און דת־ועבודה (מזרחי־חלוצים) — 111 שטימען **).

אין גאַליציע איז די כוחות־פאַרהעלטעניש געווען אַן אַנדערע. בעת די וואַלן צו דער קאָנפערענץ פון „החלוץ" סוף 1933, זענען פון די 16.861 שטימען אָפּגעגעבן געוואָרן ***): 6321 שטימען — פאַרן „השומר־הצעיר", 5994 שטימען — פאַר „איחוד־הקבוצות", וואָס האָט איינגעשלאָסן די יוגנט־פאַרבאַנדן פון פועלי־ציון־התאחדות, 1452 שטימען — „דרור" (אַנהענגער פון „קיבוץ המאוחד" אין א"י); „וויתקיניה" — 1028 שטימען; „עקיבא" (אַלגעמיינע ציוניסטן) — 1961 שטימען; „השחר" (ראַדיקאַלע ציוניסטן) — 105 שטימען. די שטאַרק־צעוואַקסענע חלוצישע באַוועגונג האָט בכלל צו־געצויגן צו זיך די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס אויך פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און פון מזרחי („החלוץ הכלל־ציוני" און „דת־ועבודה"). די צאָל חלוצים פון די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס האָט דערגרייכט, האַרט ערב דעם קריג, ביז 60.000. גרויסע טיילן פון זיי האָבן עולה געווען אין די יאָרן פון דער „5טער עלייה", וואָס האָט אָנגעטראָפן אין:

1929	5249	1934	42,395
1930	4944	1935	61,854
1931	4075	1936	29,727
1932	9533	1937	10,536
1933	30,327	1938	12,868

פון די ציפערן איז אויך צו זען, אַז אין אייניקע יאָרן, ווען די עלייה האָט דערגרייכט דעם העכסטן פונקט (1934־35), האָט זי אויך איבערשטיגן דעם נאַטירלעכן צוואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן.

פועלי־ציון צ. ס. האָט, ווי געזאָגט, גענומען אַן אָנפירנדיקן אָנטייל אין „החלוץ"־„החלוץ־הצעיר". מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט די חברים, וואָס זענען געווען טעטיק: צבי ראָזענשטיין, ישראל ריטאָוו, יצחק פונט, י. בראַ־גינסקי, י. מינקאָווסקי, א. געוועלבער, בערדיטשעווסקי, פּ. בן־דורי, י. וואַ־שטשינא און אַנדערע. אהרון בעקער, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, און י. אַלמוגי (ישראל־מיניסטער) קומען אַרויס פון די רייען פון „פרייהייט" און „החלוץ־הצעיר"; פּ. לבון, געוועזענער גענעראַל־סעקרעטאַר — פון די רייען פון „גורדוניה".

אין ווילנע האָט מיטן „החלוץ" אָנגעפירט י. צוקערמאַן („אַנטעק", שפּע־טערדיקער אָנפירער פון געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, איצט אין ישראל); אין ביאַליסטאָק — מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו און טעמע שניידערמאַן

**) „דאָס וואָרט" (וואַרשע), אַפּריל 13, 1934.
***) „דאָס וואָרט" (וואַרשע), 21 דעצעמבער, 1933.

(ביידע אומגעקומען בעתן אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָק, וואָס דער ערשטער האָט אָרגאַניזירט). זיי אַלע זענען געווען חברים פון „פרייהייט" און „החלוץ־הצעיר", דאָסזעלביקע פרומקע פּלאָטניצקע (אומגעקומען ביים אויפשטאַנד אין בענדין), צביה ליובעטקין (זיך באַטייליקט אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, איצט אין ישראל), לאה (לאָניע) קאָזשעבראָצקי (פאַרבינדלערין פון די געטאָס, אומגעקומען דורך די נאַציס).

אויך אַ צאָל „אומפּאַרטייאישע" צווישן „החלוץ", ווי אליהו דאָבקין (איצט מיטגליד פון דער יידישער אַגענטור אין ירושלים), פּינחס קאָזלאָווסקי (איצט ספּיר, האַנדלס־מיניסטער אין דער ישראל־רעגירונג) און אַנדערע האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער פראַקציע פון פּועלי־ציון צ. ס. און „פרייהייט־דרור" אין דער „החלוץ"־באַוועגונג.

די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל

די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל האָט זיך אַנטוויקלט פון דעם „פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד" („קפא"י"), וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין א"י נאָך פאַרן ערשטן וועלט־קריג. נאָכן אַנטשטיין פון הסתדרות, האָבן די צעירי־ציון דורכגעפירט אין אָנהייב פון די 20ער יאָרן אַ דערפאָלגרייכן זאַמלונג־קאַמפּיין פון ווערקצייג און מכשירים פאַר דער א"י־אַרבעטערשאַפט, וואָס איז אָנגעגאַנגען עטלעכע יאָר.

די ליגע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט פון די אַקציעס פאַרן פ. אַ. פ. און פאַרן ווערקצייג־קאַמפּיין, איז אויסגעוואַקסן צום פירנדיקן אָרגאַן כמעט פון גאַנצן לאַגער פון אַרבעטנדיקן א"י. זי האָט אַרומגענומען, חוץ פּועלי־ציון, אויך „התאחדות", „החלוץ", „השומר־הצעיר", „העובד", שפּעטער אויך דעם ראַט פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ווי אויך „דת־ועבודה" און אַנדערע נאָענט שטייענדיקע אָרגאַניזאַציעס. כדי צו שטאַרקן די זאַמלונגס־טעטיקייט פאַר דער הסתדרות, פלעגט די ליגע איינלאַדן פון א"י שליחים. זיי פלעגן שפּעטער אויך אַראָפּקומען פאַר די וואַל־קאַמפּיינען פון בלאָק פון אַרבעטנדיקן א"י צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן. אַדאַנק דעם האָט די באַוועגונג געהאַט אַ מעגלעכקייט צו האָבן די הילף פון אַלע וויכטיקסטע פירער פון דער הסתדרות און מפא"י, ווי: דוד בן־גוריון, יצחק בן־צבי, בערל קאַצענעלסאָן, שלומה קאַפּלאַנסקי, חיים אַרלאָזאָראָוו, יוסף שפּרינצאַק, בערל לאָקער, זלמן רובאַשאָוו [איצט — שזר], ברוך צוקערמאַן, פּינחס ראַשיש [איצט — מעיאָר פון פּתח־תיקווה], א. ש. יוריס א"אַ.

די ליגע פלעגט אויך האָבן צוזאַמענפאָרן, מיטן אָנטייל פון אירע באַשטאַנד־טיילן. דער צוזאַמענפאָר מיטן אָנטייל פון עמיל וואַנדערוועלדע,

פּאַרזיצער פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין יאָר 1932, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע פאַר דער הסתדרות און דער אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י.

צווישן די סעקרעטאַרן פון דער ליגע דאַרפן דערמאָנט ווערן: אינזש׳ ב. בוימאַן און יצחק פונט [ביידע אין ישראל], מלך ניישטאַדט, וואָס האָט שפּעטער איבערגענומען די אָנפירונג פון דער ליגע, האָט אויסגעברייטערט אירע אַקטיוויטעטן, סיי אויפן זאַמלונגס־געביט און בפרט אויפן פּאָליטיש־ציוניסטישן געביט, ביים אָרגאַניזירן די וואַל־בלאָקן פון דער ליגע. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן דעם ליגע־אָרגאַן „דאָס אַרבעטנדע א״י״.

די א״י־קאָנפערענץ אין פוילן

אַ פּאָר יאָר פאַרן קריג, ווען די א״י־שטימונג אין פוילן, בפרט צווישן דער יידישער יוגנט, האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, און ווען אין אָנגעזיכט פון דער אָנקומענדיקער מלחמה און דער זיך דערנעענטערנדיקער קאַטאַ־סטראָפע, האָט דער רוב יידן געווענדעט זיינע אויגן צו דער אויסוואַנדערונג קיין א״י, איז לויט דער איניציאַטיוו פון פועלי־ציון און מיט דער אויטאָ־ריטעט פון אירע פירשפּרעכער, אינזש׳ א. רייס, ז. העלמאַן און לייב יאַפע פון ירושלים, גערופן געוואָרן, אָנשטאָט די געוויינלעכע יערלעכע קאָנפערענצן פון קרן־היסוד און קרן־קימת, גרויסע געמיינזאַמע ארץ־ישראל־קאָנפערענצן, צו וועלכע עס איז אויך צוגעשטאַנען די אָרטאָדאָקסישע „אַגודת ישראל״, וואָס האָט ביז דאַן זיך ניט באַטייליקט אין די זאַמלונגס־פאָנדן פאַר א״י, וואָס האָבן געהערט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די א״י־קאָנפערענץ אין וואַרשע, אין הערבסט פון יאָר 1938, מיטן אָנטייל פון כמעט אַלע אָרגאַניזאַציעס פון פּוילישן יידנטום, האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אויסערגעוויינלעכע דעמאָנסטראַציע פאַרן ציוניזם און א״י, וואוהין די יידן האָבן געדרענגט אויך דורך „אומלעגאַלער״ עליה, טראָץ דער אויסגעשפּראָכן־אַנטי־ציוניסטישער פּאָליטיק פון דער ענגלישער רעגי־רונג, וואָס האָט דאַן געהאַלטן ביים אַרויסלאָזן איר טרויעריק באַקאַנטן „ווייס־בוך״ קעגן יידישער עליה קיין א״י.

בעת אָט־דער אימפּאָזאַנטער דעמאָנסטראַציע פון כמעט דעם גאַנצן פּוילישן יידנטום, איז אויך אָנגעקומען די טראַגישע בשורה וועגן „זבאָנשין״, וואוהין די נאַציס האָבן ברוטאַל אַרויסגעשיקט פּוילישע יידן פון דייטשלאַנד. אַ דערדריקנדיקער שאָטן איז געפאַלן אויף די פאַרהאַנדלונגען פון דער קאָנ־פערענץ. די צאָלרייכע דעלעגאַטן האָבן דערפילט אינסטינקטיוו, אַז עס הייבט זיך אָן עפּעס אימהדיקס. אין אַ יאָר אַרום האָט זיך אָנגעהויבן דער מאָרד־מאַרש פון נאַציזם קעגן דער וועלט, וואָס האָט אויך פאַרשוווּנקט דאָס גרויסע, פיל־געפּרוּווטע פּוילישע אידנטום.

מרדכי וו. בערנשטיין

* * * *

דער „בונד" אין פוילן

1. פאָרבאַמערקונגען
2. דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אָנהייב
3. ערב דער ערשטער דייטשישער אָקופּאַציע
4. אונטער דער אָקופּאַציע
5. די ערשטע קאָנפערענץ פון „בונד" אין פוילן
6. די אידעאישע גרונט־יסודות פון פוילישן „בונד"
7. דער טעטיקייט־שטח פון „בונד"
8. אָנגעהעריקייט צום אינטערנאַציאָנאַל
9. דער „בונד" און די פוילישע אַרבעטער־ראַטן
10. סיים־וואַלן
11. דער „בונד" און די שטאָטראַטן
12. דער „בונד" און די קהילות
13. די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער
14. שול־ און דערציאונגס־אינסטיטוציעס
15. אין די קולטור־ און בילדונגס־אינסטיטוציעס
16. קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג
17. פרויען־באַוועגונג
18. ספּאָרט־באַוועגונג
19. יוגנט־ און קינדער־באַוועגונג
20. פּאָליטישער קאַמף און רעפּרעסיעס
21. קאַמף קעגן נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע און אַנטיסעמיטיזם
22. די פּרעסע פון „בונד"
23. סוף־פּסוק

ביבליאָגראַפיע

1. פאָרבאַמערקונג

די אַרבעט נעמט אַרום די אָרגאַניזאַציע און טעטיקייט פון „בונד" און זיינע אינסטיטוציעס אין פוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות.

די אויפגעקומענע בונדישע באַוועגונג אין פוילן איז געווען אַ המשך, סיי פון אידעאיש־פּרינציפּיעלן יסוד, סיי פון אָרגאַניזאַציאָנעלן שטאַם פון דעם „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער בונד פון רוסלאַנד, ליטע און פוילן", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע אין יאָר 1897. אין אונדזער אַרבעט פאַרנעמען מיר זיך אָבער נאָר מיט דעם פּעריאָד, וואָס מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט. אָן ספק וועלן מיר מוזן ביי געוויסע פּונקטן אָנרירן דעם „נעכטן" פון דער באַוועגונג. מיר ווילן טאַקע אויף דעם אָרט אונטערשטרייכן, אַז די טעטיקייט פון „בונד" אין דער צייט, אין דער געענדערטער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער און אַדמיניסטראַטיוו־געאָגראַפי־שער סיטואַציע איז ניט עפּעס אַ ניי־געשאַפענע באַוועגונג. עס איז געווען די קאָנטינואיטעט פון דעם פריערדיקן אַלרוסישן „בונד".

זיכער האָט די געענדערטע סיטואַציע געבראַכט נייעסן, געצוואונגען אָננעמען נייע פאָרמען און פּראַגמאַטישע אָנווענדונגען פון דעם אידעאָ־לאָגישן גרונט־יסוד פון בונדיזם. דאָס זענען געווען ענינים, וואָס די צייט און אָרט האָבן גורם געווען.

די באַוואָרעניש האָט אויך אַ שייכות צו דער געשיכטע פון דער בונ־דישער באַוועגונג אונטער דער נאַצישער הערשאַפט. אויך די אונטער־ערדישע טעטיקייט פון „בונד" איז געווען אַ המשך פון פריער, אָבער עס איז אַן אַנדער קאַפּיטל, וואָס וועט אויך דאַרפן באַזונדער באַהאַנדלט ווערן.

2. דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אָנהייב

ערב דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געקומען אַ גאַר אָנזעעוודיקער באַרג־אַרויף פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד. נאָך דעם שטילשטאַנד, וואָס האָט געהערשט אין רעזולטאַט פון דער דורכגעפאַלענער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך

*) די אויספירונגען פון דעם אַרטיקל זענען אויף דער אַחריות פון מחבר. דער חשובער שרייבער גיט ריכטיק איבער טעטיקייטן פון זיין פּאַרטיי דעם „בונד", פאַר־שוויגט אָבער די גלייכצייטיקע טעטיקייטן פון אַנדערע גרעסערע און איינפלוסרייכערע יידישע גרופּן אין פוילן, וואָס האָבן מיט מסירות־נפש געקעמפט פאַר די יידישע רעכט און קולטור, און עס באַקומט זיך אַן איינזייטיק בילד פונעם פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן פון פוילישן יידנטום.
רעד.

גאַר באַזונדער געלאָזט פילן אויף דער יידישער גאַס, וואו די צאַרישע רעאַקציע האָט דידאָזיקע רעוואָלוציע ממש דערטרונקען אין אַ ים בלוט פון פּאָגראָמען, איז די באַוועגונג געקומען צו זיך. דער „בונד" האָט צוריק אויפגעבויט זיינע אָרגאַניזאַציעס. עס האָט אָנגעהויבן צוריק דערשיינען אַ בונדישע פּרעסע („די צייט", פּעטערבורג). גאַר באַזונדער איז געוואָקסן דער פּרעסטיזש פון „בונד" צוליב דער ברייטער פּראָטעסט־אַקציע און שטרייק, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט קעגן דעם שענדלעכן ביילים־פּראָצעס. אין מיטן פון דערדאָזיקער אַנטוויקלונג איז אויסגעבראָכן די מלחמה פון יאָר 1914.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט זיך דאַן געפונען אין פּעטערבורג. פוילן איז געווען פון די וויכטיקסטע פונקטן פון דעם „בונדס" טעריטאָריע. פריער פאַר אַלץ וואַרשע, לאָדזש און די צענדליקער טעקסטיל־ און גאַרבער־שטעטלעך פון דאָזיקן ראַיאָן. אין נאָוועמבער 1914 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד", אָפּשאַצנדיק די סיטואַציע אויפן פראָנט, פאָראויסגעזען די מעגלעכקייט, אַז פוילן זאָל אַרונטערפאַלן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע און באַשטימט אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פאַר די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן, וואָס האָט געהאַט זיין באַצייכענונג „פּ"ק".

אין דאָזיקן קאָמיטעט זענען באַשטימט געוואָרן די טוער פון „בונד": יוזעף פּאָרטנאָי („נח"), וויקטאָר שולמאַן („לאַזאַר"), זדזיסלאַוו מושקאַט („זיגמונט"), לאַזאַר עפּשטיין („בן־יקיר"). היות לאַזאַר עפּשטיין איז אַ פּאָר טעג פאַרן פאַרנעמען וואַרשע אַוועק קיין רוסלאַנד איז אין קאָמיטעט אויף זיין אָרט אַריין דוד מייער.

דערדאָזיקער קאָמיטעט, וואָס איז לכתחילה באַשטימט געוואָרן ווי אַ מין געגנט־קאָמיטעט פון דעם אַלגעמיינעם „בונד" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם אָנפירנדיקן אָרגאַן פון דער אויפגעקומענער בונדישער באַוועגונג; פריער בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע און שוין שפּעטער אין דעם ניי־אויפגעקומענעם אומאָפּהענגיקן פוילן.

3. ערב דער ערשטער דייטשישער אָקופּאַציע

ווי געזאָגט, האָט דער אויסגעטיילטער קאָמיטעט פאַר דער בונדישער טעטיקייט אויפן פוילישן געביט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט ערב דער אָקופּאַציע פון די דייטשן. מיר האָבן טאַקע אַ ריי דאָקומענטן, וואָס דערדאָזיקער קאָמיטעט האָט, זעלבשטענדיק, אָדער געמיינזאַם מיט די אַנדערע פוילישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, דאַן אַרויסגעגעבן. עס איז דאַן געשאַפן געוואָרן אַ צווישן־פּאַרטייאישער ראַט אין וועלכן עס זענען געווען פאַרטראָטן די פוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און דער „בונד".

אַ חודש איידער די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע האָבן די קאָמיטעטן

פון פ.פ.ס. (לעוויצע), ס.ד.ק.פ.ל. און „בונד" אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף אין וואַרשע (דאַטירט יולי 1915) מיטן נאָמען „קעגן פאַרניכטן די פאַבריקן". עס איז כדאי פון דאָזיקן אויפרוף צו ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן, וואָס ווייזן די פּאָליטישע איינשטעלונג פון דער באַוועגונג. מיר לייענען אין אים:

„...אין דעם אַלגעמיינעם חורבן, ביי די שריפות פון די שטעט און דערפער, ביי די מאָרדן, וואָס די געשיכטע קאָן נישט, פייערט דעם אמתן ניצחון די הויט־שינדערישע פּאָליטיק פון דער רעגירונג. די שווידערלעכסטע פאַרוויסטונג, די ערגסטע געוואַלט־טאַטן, די פאַרשקלאַפונג פון הונדערטער טויזנטער מענטשן, אַלץ ווערט באַרעכטיקט דורך דער רעגירונג און דער בורזשואַזיע מיטן אויסרייד פון מלחמה־נויטווענדיקייט...

„...אויף דעם זעלבן אופן ווערט פאַרניכטעט די תבואה אויפן פעלד, ווערן צעשטערט און אונטערגעצונדן די דאָרפישע הייזער. די הייפן און שטעטלעך. עס ווערן צוגענומען די רעשטלעך פון דער באַפעלקערונג אין מיליטער, עס ווערן געשאַפן אַרבעטער־דרוזשינעס, וועלכע וועלן אַוועקגיין אונטער דעם שווערן מיליטערישן באַפעל, עס ווערן לסוף פאַרניכטעט די מאַשינען און פאַבריקן פון וואַרשע און אומגעגנט.

„דאָס פאַרטרייבן די באַפעלקערונג אין די מיליטערישע דרוזשינעס, דאָס פאַרניכטן די פאַבריקן, דאָס איז אַ קלאַפּ געצילט אין האַרצן פון וואַרשעווער אַרבעטער. עס ווערט פאַרניכטעט דער אַרבעטס־וואַרשטאַט און דאָס רעשט אַרבעטער וועלן זיך געפינען אויף דער גאַס און וואָכן וועלן אַדורך און קיין אַרבעט וועט נישט זיין...

„...און ווער דאַרף דאָס פאַרלייגן די תליה אויפן האַלדז פון וואַרשעווער אַרבעטער? ווער דאַרף עס וואָגן צו פאַרניכטן די אַרבעטס־ערטער פון הונדערטער טויזנטער מענטשן?

„דאָס דאַרף טאָן דער זעלבער אַרבעטער פאַר עטלעכע רובל, דורך אומוויסנקייט און נאַרישקייט גראָבט ער פאַר זיך אַליין אַ קבר!...

„...קיין שום באַוואוסטזיניקער אַרבעטער קאָן נישט אָננעמען דידאָזיקע תלינישע אַרבעט און וועט קיינעם נישט דערלויבן דאָס צו טאָן!..."

אונטערגעשריבן זענען די פריערדערמאָנטע דריי פאַרטייען.

עס האָט זיך אַזוי אַרום, שוין פאַר דער דייטשישער אָקופּאַציע, איינ־

געשטעלט אַ געוויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע געמיינשאַפט מיט דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז נאָך מער קאָנסאָלידירט געוואָרן בעת דעם אויפקום פון אומאָפּהענגיקן פּוילן.

4. אונטער דער אָקופּאַציע

די טוער פון דער באַוועגונג האָבן געוואוסט פון דער אַזוי־גערופענער „קאָנסטיטוציע" פון אָבערפירער פון דער דייטשישער אַרמיי פאַר די אָקופּירטע געביטן, מאַרשאַל הינדענבורג, וואו עס האָט זיך אין פּונקט 5 געזאָגט, אַז עס איז דערלויבט אין די אָקופּירטע געביטן צו שאַפן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און קולטור־אינסטיטוציעס, אָבער ניט קיין פּאָליטישע. די אָנפירער פון „בונד" האָבן טאַקע אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט. זיי האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָל ניט אויסקומען צו עפענען „נייע" פאַראיינען. אין דעם טאָג ווען מען האָט זיך געריכט אויף דעם אַריינמאַרש פון דער דייטשישער אַרמיי זענען אויף אַ ריי וואוינונגען אָנגעקלאַפּט געוואָרן שילדלעך פון פאַרשידענע פּראָפעסיאָנעלע פאַך־פאַראיינען, און עס האָט געהייסן, אַז דידאָזיקע האָבן שוין פון פריער עקזיסטירט און מען דאַרף גאָרניט אָנקומען צום חסד פון דער אָקופּאַנטישער קאָנסטיטוציע.

עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן 18 בראַנזשע־פאַראיינען פון יידישע אַרבעטער, וועלכע זענען צענטראַליזירט געוואָרן אין אַ צענטראַל־ביוראָ, אַן אָנפירנדיקע אינסטאַנץ, וואָס איז שוין די גאַנצע צייט פון דער שפּעטערדיקער עקזיסטענץ פון דער פּוילישער מלוכה געווען דער אָנפיר־אַפּאַראַט פון דער יידישער סינדיקאַלער באַוועגונג.

די דערמאָנטע „צענטראַל־ביוראָ" איז געווען צונויפגעשטעלט פון בונדיסטן (צו 2 פאָרשטייער פון יעדן פאַראיין) און דאָס האָט שוין אויך געלייגט דעם ווייטערדיקן חותם אויף דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, וואָס איז געווען אונטער דער בונדישער אָנפירערשאַפט.

אין דערזעלביקער צייט האָט מען אויך געשאַפן קולטור־אינסטיטוציעס. דער „בונד" האָט אויסגענוצט דעם צופאַל, וואָס אַ לעגאַלער סטאַטוט פון אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט נאָך עקזיסטירט פאַר די צאַרישע צייטן — „געזעלשאַפט צו באַקעמפן דעם אַנאַלפאַבעטיזם" האָט זיך געפונען אין די הענט פון בונדישע סימפּאַטיקער, און האָט אויפגעלעבט דידאָזיקע געזעלשאַפט ווי דעם צענטראַלן פּאַרטייאישן קלוב פון „בונד". שפּעטער איז דידאָזיקע געזעלשאַפט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם אָפענעם בונדישן אַרבעטער־קלוב אויפן נאָמען פון בראָניסלאַוו גראָסער.

דידאָזיקע טעטיקייט האָט זיך אויסגעבריייטערט איבער דעם גאַנצן שטח פון פּוילן. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די אָקופּירטע געביטן זענען דורך דער דייטשישער מאַכט איינגעטיילט געוואָרן אויף פאַרשידענע זאָנעס,

וועלכע זענען געווען אַפּילו אָפּגעצוימט מיט גרענעצן און דראָטן (ווילנע און ביאַליסטאָק האָבן, למשל, געהערט צום „עטאַפּן־געביט", לובלין און פּיעטריקאָוו צו דער עסטרייכישער אָקופּאַציע־מאַכט), איז דאָך איינגעשטעלט געוואָרן אַ צענטראַלע אָנפירונג, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער באַוועגונג אין דער פּראָווינץ.

אַזוי זענען אין לאָדזש געשאַפן געוואָרן 16 פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דאָ זענען די פאַראיינען שוין געווען געמישטע, וואו עס האָבן געהערט אויך פּוילישע און דייטשישע אַרבעטער. די רעפּרעזענטאַנטן פון די יידישע אַרבעטער זענען געווען בונדיסטן. דאָ איז די „האַרפע" — די קולטור־געזעלשאַפט, וואָס האָט נאָך עקזיסטירט פאַר דער מלחמה — געוואָרן דער צענטער פון דער פּאָליטישער און קולטור־טעטיקייט פון „בונד".

אין ווילנע האָט זיך דאַן געפונען דער פירער פון „בונד" בייניש מיכאַלעוויטש (יוסף איזביצקי). עס איז אויפגעבויט געוואָרן אַ נעץ פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קולטור־אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן פאַר סאָציאַלער הילף.

אין לובלין האָט זיך די ניי־געשאַפענע באַוועגונג גרופּירט אַרום דער „אַרבעטער־היים" — דער צענטער, וואו עס האָבן זיך געפונען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קיך וכדומה. דאָס זעלביקע איז געשען אין אַ ריי אַנדערע ייִדיש־פּראָלעטאַרישע צענטערן — ביאַליסטאָק, פּיעטריקאָוו, זאַ־גלעמביע.

דער „בונד" הויבט דאַן אָן אַרויסגעבן וועכנטלעך אַ צייטונג — די „לעבנספראַגן", וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן פון וולאַדימיר מעדעם. אויך דאָ איז גענוצט געוואָרן לגבי דער אָקופּאַציע־מאַכט אַ געוויסער טריק. מען האָט אָנגעגעבן, אַז די דאָזיקע צייטונג איז שוין דערשינען פריער, בעת דער צאַרישער מאַכט. דאָס איז טאַקע געווען ריכטיק, אָבער די דאָזיקע צייטונג איז בשעתו אויפן 2טן נומער דורך דער צאַרישער צענזור אָפּגע־שטעלט געוואָרן.

די צייטונג איז טאַקע געוואָרן די פאַרבינדלעך פון די באַזונדערע גרופּן און יחידים סימפּאַטיזירער פון „בונד" אין דער ברייטער פּוילישער פּראָווינץ. עס ווערן אויפגעבויט אָרגאַניזאַציעס אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון לאַנד. אַ געוויסע ראָלע אין דאָזיקן פּראָצעס האָבן געשפּילט די פּליטים פון דער פּראָווינץ, וועלכע די מלחמה האָט זיי געבראַכט אין די גרויסע שטעט און זיי זענען געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג. קומענדיק צוריק אין זייערע שטעטלעך זענען זיי געוואָרן די אָרגאַניזאַטאָרן פון פּאַרטייאישע גרופּן, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קולטור־אינסטיטוציעס אאַז"וו.

פון צופיל פרייהייט האָט אָבער די אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און די יידישע בפרט ניט גענאָסן פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, וועלכע האָט כסדר דורך פאַרשידענע מאַניפעסטן דערקלערט, אַז זי איז געקומען צו „באַפרייען

דאָס לאַנד פון צאַרישן באַרבאַריזם". וועגן דעם דערציילט טאַקע אַן אויפרוף פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד" וואָס איז דערשינען אַ קורצע צייט נאָך דער אָקופּאַציע. מיר וועלן פון אים ברענגען איין פראַגמענט:

„...עס איז אַוועק איין הערשער און עס איז געקומען אַ צווייטער. דאָס אָרט פון דער רוסישער רעגירונג האָט פאַרנומען די דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט. פאַר אונדז, אַרבעטער, האָט זיך אָבער די לאַגע ניט געביטן. די דייטשן זענען געקומען צו אונדז ווי „באַפרייער". זיי האָבן נישט בדעה קיין שום אַנעקסיעס, זייער ציל איז נאָר — באַשיצן דאָס פאָטערלאַנד, באַפרייען אייראָפּע פון שענדלעכן צאַריזם. „אַזוי רעדט מען. אָבער וואָס טוט מען?

„אונדזערע נייע „באַפרייער" טרייבן די זעלבע רויב־פּאָליטיק. וואָס עס האָט ניט באַוויזן אַוועקצורויבן די צאַרישע מאַכט, פּרעסט אַרויס די „קולטורעלע" דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט. מיר הונגערן, ווייל אונדזערע שפּייז־פּראָדוקטן זענען נייטיק פאַר די דייטשן. מען פירט אַרויס וואַגאָנענווייז קאַרטאָפל און אונדז לערנט מען שפּאָרן צו זיין אין קאָכן די צעפּוילטע קאַרטאָפּל צוזאַמען מיטן שאָלעכץ. מען באַשענקט אונדז מיט „פרייהייטן", אָבער זאָל עמעצער וואַגן אַרויסזאָגן אָפן אַ פרייע וואָרט — איז שוין פאַר אים אָנגעגרייט אַ מקום־מנוחה, אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער".

די דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט טאַקע אַלץ פעסטער און שטאַרקער גענומען דריקן די באַפעלקערונג, און פריער פאַר אַלץ גענומען אויסנוצן די אַרבעטס־קראַפט פון די אָקופּירטע געביטן. מען האָט אָנגעהויבן אויף אַ צוואַנגס־אופן ווערבירן אַרבעטס־הענט קיין דייטשלאַנד. דער דייטשישער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון פּוילן פּאָן באַזעלער האָט אַפילו אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע פאַראָרדענונג מיטן שרייענדיקן נאָמען „צו באַקעמפן דעם עקל צו אַרבעט". אויפן סמך פון דערדאָזיקער פאַראָרדענונג האָט זיך קיינער ניט געטאָרט אָפּזאָגן פון קיין שום אַרבעט וואָס די אָקופּאַציע־מאַכט גיט אים. פאַר ניט אויספאָלגן דידאָזיקע פאַראָרדענונג האָט געדראָט טורמע־שטראָף און מיט אַרויסגעשיקט צו ווערן אויף אַרבעט מיט געוואַלט.

אַלס ענטפער אויף דערדאָזיקער פאַראָרדענונג איז געקומען אַן אויפרוף פון דעם „קאָמיטעט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן", דאַטירט פון אָקטאָבער 1916. מיר לייענען אין דאָזיקן אויפרוף, וואָס איז אַגב דער ערשטער וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן שוין פון דער צענטראַלער בונדישער אָנפירונג אין פּוילן, צווישן אַנדערע די ווייטערדיקע שורות:

„...אַן עקל צו אַרבעט האָט דערזען דער הער פאָן בעזעלער ביי די אַרבעטסלאָזע פּראָלעטאַריער אין אונדזער לאַנד.

זאַט און פעט זענען זיי אַפּנים געוואָרן פון די עטלעכע לעפל צדקה־זופּ, פון קאַרגן ביסן טרוקענעם ברויט. וואָרעם און לוסטיק איז זיי אין די פינצטערע דירות, וואָס זענען פול מיט געוויין פון הונגעריקע קינדער, מיט זיפצן פון קראַנקע פרויען.

„ווער האָט פאַרמאַכט די פאַבריקן, אַרויסגעפירט די מאַ־שינען, סעקוועסטירט די בוי־מאַטעריאַלן און אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס הונדערטער טויזנטער אַרבעטער? ווער, אויב ניט די אָקופּאַציע־מאַכט? און איצט האָט זי די חוצפה צו זאָגן אונדז מוסר וועגן יעקל צו אַרבעטי.

„די דייטשישע קאַפּיטאַליסטן ווילן האָבן ביליקע און גע־האָרכזאַמע אַרבעטס־קנעכט, און מיט פּאָליציי־געוואַלט וויל מען צווינגען די אַרבעטער פון פוילן מאַסנווייז אַרויסצופאָרן קיין דייטשלאַנד. דאָרטן מוזן זיי שאַפן נייע מאַסן אַמו־ניציע, ביקסן און האַרמאַטן, כדי מעגלעך צו מאַכן ווייטער צו פירן די מלחמה.

„... מיר פאָדערן עס זאָלן אָפּגעשטעלט ווערן די צוואַנגס־מיטלען, עס זאָל אַ סוף ווערן צום אַרויספירן די שפּייז־פּראָדוקטן פון לאַנד, וואָס איז פול ביז איבער די ברעגעס מיט יאָמער, עלנט און נויט".

אין לאָדזש איז וועגן זעלביקן ענין „עקל צו אַרבעט" אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ געמיינזאַמער אויפרוף פון „בונד" און די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטייען (אָקטאָבער 1916).

אַ חודש שפּעטער נאָך דער פאַראָרדענונג פון באַקעמפן דעם „עקל צו אַרבעט" האָט די אָקופּאַציע־מאַכט צוגעוואָרפן אַ ביינדל. די אָקופּאַנטישע צענטראַל־מלוכות, אין זייער ווילן צו פאַציפירן די באַציאונגען אין אָקופּירטן פוילן, האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אַ „זעלבשטענדיקן" פוילן. דערדאָזיקער מאַניפעסט, אַרויסגעגעבן דעם 5טן נאָוועמבער 1916 פון דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן, וואָס איז באַקאַנט ווי דער „אַקט פון 5טן נאָוועמבער", האָט פאָראויסגעזען צו שאַפן אַ „פרייע" פוילן אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פון ביידע אָקופּאַציע־מאַכטן. תחילת איז געשאַפן געוואָרן אַ „רעגענטן־ראַט", דערנאָך אַ „מלוכה־ראַט" און עס איז אויך צוגעזאָגט געוואָרן דאָס שאַפן אַ פּאַרלאַמענט — דער סיים.

די פּוילישע אַרבעטערשאַפט, און בכלל די גאַנצע דעמאָקראַטיש־ליבעראַלע פּוילישע געזעלשאַפט, האָט זיך ניט געלאָזט פאַרפירן פון דער־דאָזיקער „אומאָפּהענגיקייט" מיטן חסד פון די אָקופּאַנטן און באַיקאָטירט דידאָזיקע פּראָטעקטאָראַטן. אויך דער „קאָמיטעט פון די בונדישע אָרגאַ־ניזאַציעס אין פוילן" האָט אַרויסגעבראַכט זיין נעגאַטיווע שטעלונג צו

דערדאָזיקער אָקופּאַנטישער מאַכערייקע אין אַן אויפרוף אונטערן נאָמען: „פאַלשע הבטחות און פאַלשע מתנות".

צום יאָרטאָג פון דערדאָזיקער אָפּנאַרערישער „אומאָפּהענגיקייט" האָט ווידער דער „קאָמיטעט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן" אַרויס־געלאָזט אַ זייער שאַרפן אויפרוף: „אַ יאָר אומאָפּהענגיקייט — אַ יאָר קנעכטשאַפט" (5טן נאָוועמבער 1917).

פעברואַר 1918 קומט־פאָר אַ ווייטערדיקער אַקט פון דער „אומאָפּ־הענגיקייט"־קאָמעדיע. עס עפנט זיך דער „מלוכה־ראַט" און עס קומט־פאָר די פייערלעכע איינשווערונג פון „רעגענטן־ראַט". אין דעזעלביקער צייט קומען־אָן קיין פוילן די ערשטע גרוסן פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וואו די דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער עלעמענטן האָבן אַראָפּגעזעצט דעם בלוטיקן צאַר ניקאָליי דעם 2טן און פּראָקלאַמירט רוסלאַנד ווי אַ דעמאָ־קראַטישע רעפּובליק. מען האָט נאָך דאַן ניט פאַראויסגעזען די שפּעטערדיקע באָלשעוויסטישע איבערקערעניש, וואָס האָט דערדאָזיקער באַפרייערישער רעוואָלוציע פאַרוואַנדלט אין אַ בלוטיקער דיקטאַטור.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן רעאַגירט אויף דידאָזיקע געשעענישן מיט אַ גרויסן אויפרוף אונטערן טיטל: „נידער מיט דער אָקופּאַציע און מיט אירע משרתים, רעגענטן־ראַט!"

מיר האָבן דערמאָנט די פריערדיקע דאָקומענטן, ווייל אין זיי קומט צום אויסדרוק די געשטאַלטונג פון דער באַנייטער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" אין פוילן. מיר האָבן דאָ די ערשטע קאָנטורן וויאַזוי עס האָבן זיך שפּעטער איינגעשטעלט סיי די פּאָליטישע יסודות, סיי די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַר־בינדונגען מיט דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג.

מיר האָבן באַמערקט, אַז אויפן לעצטן אויפרוף איז ביים נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע שוין פאַראַן דער צוגאָב „צענטראַל־קאָמיטעט". ער איז שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך דער ערשטער קאָנפערענץ פון די בונדישע אָר־גאַניזאַציעס אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער 1917 אין לובלין. וועגן דערדאָזיקער ערשטער, פאַקטישער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון „בונד" אין פוילן דאַרף מען זיך אָפּשטעלן.

5. ערשטע קאָנפערענץ פון „בונד" אין פוילן

ווי געזאָגט, איז די קאָנפערענץ פאָרגעקומען אין לובלין דעצעמבער 1917. דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך אין דער קאָנפערענץ האָבן געהאַט נאָר די שטעט וואָס געפינען זיך אונטער דער דייטשישער און עסטרייכישער אָקופּאַציע, און נאָר אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געהאַט מינימום 50 מיט־גלידער, האָבן געקענט שיקן דעלעגאַטן.

אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון: וואַרשע,

לאָדזש, טשענסטאָכאָוו, בענדין, סאָסנאָוויץ, לובלין, שעדלעץ, לוקאָוו, כעלעם, ראַדעם, וולאָצלאַוועק, פּיעטריקאָוו־טריבונאַלסקי, קאַליש, בסך־הכל 28 דע־לעגאַטן.

ווער עס קען נאָר אַביסל די געאָגראַפיע פון פוילן זעט, אַז חוץ 1 שטאָט (כעלעם) איז פון די אַנדערע שטעט לייכטער געווען צו קומען אויף אַ קאָנפערענץ קיין וואַרשע, וואו עס איז, אַגב, געווען די אָנפירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע. פאַרוואָס איז עפּעס אויסגעקליבן געוואָרן לובלין פאַר דעם באַראַטונגס־פּלאַץ?

דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס מען האָט די גאַנצע אונטערנעמונג געמוזט דורכפירן שטרענג געהיים, מען האָט זיך געמוזט אויסהיטן פאַר די נאָכשפּירונגען פון דער אָקופּאַציע־אַגענטור, וואָס האָט בכלל געהאַט אַ גאָר שאַרף־קעגנערישע באַציאונג צום „בונד" צוליב דער כסדרדיקער אַגיטאַציע קעגן דער אָקופּאַציע־מאַכט. אָן ספק האָט די דייטשישע געהיים־דינסט געוואוסט פון די בונדישע אויפרופן. עס איז דעריבער פאַרטראַכט געוואָרן איינצואָרדענען די קאָנפערענץ אין אַ שטאָט, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער עסטרייכישער אָקופּאַציע. בכלל איז דער רעזשים ביי די עסטרייכער געווען אַ לייכטערער, און עס זענען אויך געווען פאַלן, וואָס אין דער עסטרייכישער אָקופּאַציע־מאַכט האָבן זיך געפונען יידישע סאָציאַ־ליסטן אַפילו צווישן דעם אָפיצערן־קאָרפּוס. טאַקע אין איין שטאָט פון לובלינער קרייז, אין כעלעם, איז דער באַשטימטער פון דער עסטרייכישער אָקופּאַציע־מאַכט וויצע־בירגערמייסטער געווען ד"ר שיע פּענסטערבלוי, לייטענאַנט פון דער אַרמיי און טוער פון דער זש.פּ.ס. (גאַליציאַנער „בונד"). ניט געקוקט אויף זיין אַמט און אויף דעם שטרענגן פאַרבאָט זיך צו פאַר־נעמען אין מיליטער מיט פּאָליטישער טעטיקייט, האָט ער אין כעלעם אָנ־געהאַלטן קאָנטאַקט מיט די בונדיסטן און געהאָלפן דער אָרטיקער אָרגאַני־זאַציע אין איר טעטיקייט. אָט־די דאָזיקע סיטואַציע האָט עס מעגלעך געמאַכט, אַז די דאָזיקע קאָנפערענץ זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן אין לובלין, וואָס האָט זיך געפונען אין דער עסטרייכישער אָקופּאַציע־זאָנע און וואו עס איז געווען אַ גאָר גוטע בונדישע אָרגאַניזאַציע.

דער סדר־היום פון דער קאָנפערענץ איז געווען אַזאַ:

1) באַריכטן פון די ערטער און פון פּוילישן קאָמיטעט.

2) דער איצטיקער פּאָליטישער מאָמענט און די אויפגאַבן פון פּראָ־לעטאַריאַט.

3) די פּוילן־פּראַגע.

4) אונדזער אַרבעט: פּראָפעסיאָנעלע און קולטורעלע, ווירטשאַפטלע־כע, פּראָיעקט פון אַ פּאַרטיי־סטאַטוט.

5) שול־פּראַגע.

6) די אַרבעט אין די שטאָטראַטן.

7) די קהילה־פּראַגע.

8) אונדזער פּרעסע.
9) די באַציאונג צו אַנדערע פּאַרטייען.
10) פאָרשלאָגן.
11) וואַלן פון צענטראַל־קאָמיטעט.

דאָס איז געווען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די פּוילישע בונדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט יורידיש אַקצעפּטירט די פאַקטישע לאַגע, אַז דער „בונד" אין פּוילן איז אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע, איז ניט אָפּהענגיק פון דעם רוסישן „בונד" און באַשטימט אַליין זיינע ריכטליניעס.

פון די ספּעציפיש יידיש־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, וועלכע זענען אויף דער קאָנפערענץ באַהאַנדלט געוואָרן, וועלן מיר דערמאָנען די וויטערדיקע רעזאָלוציעס.

ביים פּונקט „פּוילן" געפינען מיר אין דער רעזאָלוציע דעם פאָלגנדיקן פּאַסוס:

„...די קאָנפערענץ שטעלט פעסט, דאָס דער מאַקסימום גאַראַנטיעס פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אויף וויפל מען קאָן בכלל ריידן וועגן אַזעלכע גאַראַנטיעס אין די ראַמען פון אַ קאַפּיטאַליסטישער אָרדע־נונג, קאָן געבן די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע.

„און דערום, אין איצטיקן מאָמענט, ווען די פּוילן־פראַגע, אין איר גאַנצן אומפאַנג, איז געשטעלט געוואָרן אויף דער טאָג־אָרדענונג, שטעלט אַרויס דער קלאַסן־באַוואוסטזיניקער יידישער פּראָלעטאַריאַט, צווישן אַנדערע, די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר דאָס יידישע פאָלק אין פּוילן, אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייט".

צום פּונקט „די באַציאונגען צו אַנדערע פּאַרטייען" איז אויף דער קאָנפערענץ אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער עס זאָגט זיך צווישן אַנדערע:

„...די קאָנפערענץ שטעלט פעסט, אַז די פאָלקיסטן זענען אַ גרופּע, וועלכע רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון דעם יידישן קליינבירגער, און פירט דורך... אירע אויסגעשפּראָ־כענע נאַציאָנאַליסטישע און טיילווייז אויך קלעריקאַלע טענ־דענצן...

„די קאָנפערענץ באַשליסט צו באַקעמפן דעם קלעריקאַליזם, וועלכער באַמיט זיך צו פאַרשפּרייטן זיין השפּעה אויפן געזעלשאַפטלעכן לעבן (יאַגודת האורטודקסים׳ און אַנדערע).

„בנוגע דעם ציוניזם, דערמאָנט די קאָנפערענץ די רעזאָ־לוציעס פון אונדזערע פריערדיקע צוזאַמענפאָרן וועגן דער

נויטיקייט צו באַקעמפן דעם ציוניזם אין אַלע זיינע געשטאַלטן און שאַטירונגען...

„אין קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער צוקונפט דאַרף דער יידישער אַרבעטער אין פוילן זיך שטיצן אויף זיין נאָענטן מיטהעלפער — דעם פוילישן פּראָלעטאַריאַט. אַנטוויקלענדיק דעם געפיל פון אינטערנאַציאָנאַלער אַחדות און סאָלידאַריטעט ביי דעם יידישן אַרבעטער, דאַרף אונדזער פּאַרטיי שטרעבן, ניט אָפּטרעטנדיק אַממינדסטן פון די פּרינציפּן פון אונדזער פּראָגראַם, עס זאָלן געשאַפן ווערן די נויטווענדיקע פאָרמען פאַר אַ געמיינזאַמער פּאַרטיי פון יידישן און פוילישן פּראָלעטאַריאַט".

צום פּונקט: „אונדזער אַרבעט" האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, פון וועלכער מיר וועלן ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן:

„1) אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט:

„א. די קאָנפערענץ רעקאָמענדירט אונדזערע חברים, מיטהעלפן צו שאַפן אין יעדן פּראָדוקציע־צווייג פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וועלכע דאַרפן שטיין אויפן שטאַנדפּונקט פון קלאַסן־קאַמף און וועלכע דאַרפן אַרומנעמען אַלע אַרבעטער פון גאַנצן לאַנד, אָן אונטערשייד פון געשלעכט, נאַציאָנאַליטעט, גלויבן און פּאָליטישע איבערצייגונגען.

„ב. אויף צו פירן די פּראָפעסיאָנעלע אויפקלערונגס־אַרבעט אין דער מוטער־שפּראַך פון די מיטגלידער, דאַרפן אין יעדן פאַראיין געבילדעט ווערן נאַציאָנאַל־קולטורעלע סעקציעס.

„2) אויפן קולטורעלן געביט:

„א. די קאָנפערענץ ווייזט אָן אויף דער נויטיקייט צו שאַפן וואו נאָר עס איז מעגלעך, אַרבעטער־קולטור־פאַראיינען, אין וועלכע די קולטורעלע אַרבעט זאָל געפירט ווערן אין אונדזער גייסט און וועלכע זאָלן דינען אַלס שטיצפּונקט און ווירקונגס־צענטער פאַר אונדזער פּאַרטיי".

אין ווייטערדיקע רעזאָלוציעס און באַשלוסן זענען נאָך געווען אַ ריי אַנדערע אָנווייזונגען וועגן שאַפן קיכן, טיי־האַלעס און אַנדערע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, ווי אויך אַ ריי אינערלעך פּאַרטייאישע אינסטרוקציעס.

6. די אידעאישע גרונט־יסודות פון פוילישן „בונד"

האָבנדיק פאַר זיך די פריער־געבראַכטע דאָקומענטן און די אויסצוגן פון דער ערשטער קאָנפערענץ פון „בונד" אין פוילן, ווערן בולט די ווײַטערדיקע פיר גרונט־יסודות פון דער בונדישער אידעאָלאָגיע, בײַ וועלכער די באַוועגונג האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע צײַט פון דער עקזיסטענץ אין פוילן צווישן בײדע וועלט־מלחמות. די יסודות זענען געווען:

1. דאָאיזם — דער „בונד" איז געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון אָנגעהעריקײט פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע צום וואוין־לאַנד, פאַרלאַנגענדיק גלײַכע רעכט ווי אַלע בירגער, טראַגנדיק די זעלביקע פליכטן.

2. יידיש־נאַציאָנאַל — ניט נאָר אין דעם פּרט פון שפּראַך, נאָר אין ברייטסטן זין פון וואָרט האָט ער זיך באַטראַכט ווי אַ טייל פון יידישן פאָלק, אַז די פאָדערונגען פון רעכט פאַר יידן קומט דעם פאָלק, אַז די פאַרלאַנגטע „נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע" געהערט דעם גאַנצן פאָלק, ווי אַ מינדערהייט אין לאַנד.

3. וועלטלעך — קעגן דער שטרעבונג פון דעם קלעריקאַליזם צו באַקומען די הערשאַפט אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

4. אינטערנאַציאָנאַליזם — אַרײַנפלעכטן די יידישע מאַסן אין דער אַלגעמיינער מחנה, וואָס קעמפט פאַר אַ גערעכטער וועלט — לויטן בליק פון „בונד", סאָציאַליסטישער וועלט. במילא דאַרף דער יידישער אַרבעטס־מענטש זײַן טאָג־טעגלעכע האָפענונג פאַרבינדן מיט דער צוקונפט־וויזיע פון סאָציאַליזם, וואָס מיינט געמיינזאַם סיי מיטן לאַנד־פּראָלעטאַריאַט, סיי אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב זײַן אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבונדן.

טרײַ דידאָזיקע פיר הויפּט־פּרינציפּן האָט דעריבער דער „בונד" אין זײַן טעטיקייט בויענדיק יידישע פּראָלעטאַרישע אינסטיטוציעס געפּרואווט זיי אָנשליסן אין די אַלגעמיינע לאַנד־צענטערס, אָדער צו שאַפן יידישע אָפּטיילן אין די אַלגעמיינע פאַראיינען. פון דאַנען די קעגנערשאַפט פון „בונד" צו יעדן מין עמיגראַציאָניזם, און באַזונדער דער גאָר שאַרפער קאַמף מיטן ציוניזם. פון דאַנען דער גאָר פאַרביסענער קאַמף מיט יעדן פּרואוו פון דער אָרטאָדאָקסיע צו אויזורפירן פאַר זיך די גאַנצע הערשאַפט אין דער יידישער סביבה. דעריבער האָבן אויך אין „בונד" פאַרנומען אַ גאָר וויכטיקן אָרט די פּראָבלעמען פון אָנגעהעריקייט צום אינטערנאַציאָנאַל. דער פאַרמלחמהדיקער „בונד" איז געווען אַ מיטגליד אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די מילחמה און שפּעטער די רוסישע און אַנדערע רעוואָלוציעס האָבן אַרײַנגעבראַכט גרויסע שינויים. עס איז אויפגעקומען דער 3טער, דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל. אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין גאָר דער וועלט האָבן דורכגעלעבט קריזיסן, אומעטום האָט זיך געשטעלט די פּראַגע פון אָנגעהעריקייט צום אינטערנאַציאָנאַל. געוויסע פּאַרטייען האָבן זיך געשפּאָלטן. אויך בײַם „בונד" איז דידאָזיקע פּראַגע

געווען דער אָביעקט פון לאַנגע וויכוחים און אינערלעכע שטרייטן, מיט וועלכע עס האָבן זיך פאַרנומען כמעט אַלע צוזאַמענפאַרן פון „בונד" אין פוילן. דידאָזיקע פראַגע האָט דורכגעמאַכט ביים „בונד" אַ גאַר גרויסע עוואָלוציע, וועגן וואָס עס וועט אויסקומען שפּעטער צו באַרירן.

7. דער טעטיקייט־שטח פון „בונד"

מען דאַרף פון אָנהייב זאָגן, אַז דער „בונד" אין פוילן האָט געהאַט אַ גוטן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן אַקטיוו, וואָס האָט אין משך פון יאָרן געהאַט די פּראַקטיק פון אָרגאַניזאַציאָנעלער טעכניק. ניט נאָר אָרטיקע טוער, דאָס הייסט אַזעלכע וואָס האָבן געשטאַמט און געווען טעטיק אויפן פּוילישן געביט. אין פּוילישן „בונד" האָבן פאַרנומען אַ גאַר אָנ־זעעוודיק אָרט אויסגעשולטע יחידים פון פריערדיקן אַלגעמיינעם יידישן „אַרבעטער־בונד". חוץ די פריערדיקע אָרטיקע עסקנים איז צוגעקומען אַ גאַר קענטיקע צאָל פון בונדישע טוערס פון רוסלאַנד, וועלכע זענען פון דאָרט אַוועק ווען די רעוואָלוציע האָט זיך פאַרנומען אויף באָלשעוויסטישע דרכים, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז עס איז דאָרטן נישטאָ קיין אָרט פאַר אַ פרייער, דעמאָקראַטישער סאָציאַליסטישער טעטיקייט.

פוילן, ריכטיקער די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט פון פוילן, האָט אַזוי־אַרום באַקומען גאָר ווערטיקע יחידים און גרופּן פאַר זייער טעטיקייט (אַגב, האָט דאָס אַ שייכות ניט דווקא צום „בונד"). צום „בונד" זענען אויך צוגעקומען יחידים פון אַנדערע פּאָליטישע גרופּירונגען, וואָס האָבן אויפגעהערט צו שפּילן אַ ראָלע. טייל גרופּן האָבן אַזוי צו זאָגן זיך פאַר־אייניקט מיטן „בונד" (ס"ס — סיימיסטן). עס זענען אויך צוגעקומען די טוער פון דעם גאַליציאַנער „בונד". עס האָבן זיך אין דער ווירקונגס־ספערע פון „בונד" געפונען יידישע שרייבער, דיכטער, שול־טוערס, קולטור־אַקטיוויסטן, וואָס האָבן, הגם זיי זענען ניט געווען אָפיציעלע פּאַרטיי־מיטגלידער, גאָר אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט דעם „בונד" אין די פאַרשידענע מינים אינסטיטוציעס, פאַראיינען און געזעלשאַפטן, וואָס דידאָזיקע באַוועגונג האָט אויפגעבויט אין פוילן. דער „בונד" האָט געהאַט אַ גאַר רייכן און אָרגאַניזאַציאָנעל גוט־צוגעגרייטן אַקטיוויסטן־קאָדער פאַר אַלע טעטיקייט־געביטן פון יידישן לעבן.

די ערשטע באַזע פון דער בונדישער ווירקונג איז געווען די פּראָפעסיאָ־נעלע באַוועגונג, נאָכדעם איז געווען די קולטור־ און שול־באַוועגונג, קאָ־אָפּעראַטיווע באַוועגונג, אַרבעט צווישן דער יוגנט, יוגנט־ און קינדער־אָרגאַניזאַציעס, ספּאָרט־פאַרבאַנדן וכדומה, פּאָליטישע אַקציעס ביי וואַלן צו די מלוכהשע און שטאָטישע אַמטן (סיים, שטאָטראַטן, קראַנקן־קאַסעס) און אין יידישן לעבן (קהילות). פון באַזונדערן באַדייט זענען די וואַלן און

דער אָנטייל אין די אַרבעטער־ראַטן, גלייך אין אָנהייב פון דער פאַרמירונג פון דער מלוכה. מיר וועלן זיך טאַקע ווייטער אויף יעדן פון דידאָזיקע געביטן אָפּשטעלן.

אינעוויייניק, אין דער פּאַרטיי גופא, האָט אַ גאַר וויכטיקן אָרט פאַרנומען די פראַגע פון אָנגעהעריקייט צום אינטערנאַציאָנאַל. כמעט אויף אַלע בונדישע צוזאַמענפאָרן אין פּוילן איז דידאָזיקע פּראָבלעם געווען די צענטראַלע. מיר וועלן טאַקע מיט דעמדאָזיקן קאַפּיטל אָנהייבן.

8. אָנגעהעריקייט צום אינטערנאַציאָנאַל

דידאָזיקע פראַגע האָט זיך געשטעלט גלייך פון די ערשטע טעג פון דער עקזיסטענץ פון דער פּאַרטיי און געוואָרן די צענטראַלע אַקס, אַרום וועלכער עס האָבן זיך געפירט די אידעאישע וויכוחים ערב און בעת די צוזאַמענפאָרן.

כדי שפּעטער, ניט נאָר ביי דער פראַגע, ווען מיר וועלן דערמאָנען די צוזאַמענפאָרן פון „בונד", ניט דאַרפן איבערחזרן די דאַטעס, ווען זיי זענען פאָרגעקומען, וועלן מיר דאָ ברענגען די רשימה פון דידאָזיקע צוזאַמענפאָרן לויט זייער כראָנאָלאָגישן סדר, ווען און וואו זיי זענען פאָרגעקומען.

חוץ דער דערמאָנטער ערשטער לובלינער קאָנפערענץ (דעצעמבער 1917), זענען פאָרגעקומען נאָך צוויי קאָנפערענצן: אין נאָוועמבער 1918 און אַפּריל 1919.

שפּעטער זענען פאָרגעקומען די ווייטערדיקע צוזאַמענפאָרן:

1. אַפּריל 1920 אין קראָקע. אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען די פאַראייניקונג פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס פון רוסיש־פּוילן מיט דער זש.פּ.ס. (זשידאָווסקאַ פּאַרטיאַ סאָציאַליסטיטשנאַ — „גאַליציאַנער בונד"). מען האָט דעם צוזאַמענפאָר גערופן דער קראָקעווער.
2. דעצעמבער 1921 אין דאַנציג, גערופן דער דאַנציגער.
3. פון 26טן ביז 28טן דעצעמבער 1924, אין וואַרשע.
4. פון 4טן ביזן 6טן יאַנואַר 1929, אין וואַרשע.
5. יוני 1930, אין לאָדזש.
6. פון 14טן ביז 16טן פעברואַר 1935 אין וואַרשע.
7. נאָוועמבער 1937 אין וואַרשע. גערופן יובל־ קאָנגרעס, ווייל ער איז געווען געווידמעט דעם 40טן יובל פון דער גרינדונג פון בונד: 1897 — 1937.

שוין אויף די קאָנפערענצן ביז דעם 1טן צוזאַמענפאָר האָט דער „בונד" באַהאַנדלט די פּראָבלעמען פון די „פאָרמען פון מאַכט, צו וועלכער ער דאַרף שטרעבן אין גאַנג פון דער רעוואָלוציע". די אויסווירקונג פון די רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך האָבן דעמאָלט שטאַרק באַ־

איינפלוסט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און האָט געשאַפן די שטימונג און איבערצייגונג, אַז מען שטייט שוין אויפן שוועל פון דער וועלט־רעוואָלוציע. נאָך מער האָט דידאָזיקע שטימונג באַווירקט די מאַסן פון די לענדער, וואָס זענען געלעגן גאָר נאָענט, ריכטיקער אין מיטן, פון דעם קאַמפּס־פּלאַץ.

אַרום דער פראַגע פון מאַכט — ריכטיקער וועגן דער פאָרם דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, און ווי אַ מאָדעל די רוסישע פאָרם, האָט זיך אין „בונד" געפירט אַ שטרייט און עס האָבן זיך אויסגעבילדעט באַזונדערע ריכטונגען — „לינקע", „רעכטע", „צענטריסטישע".

פאַר דער דריטער קאָנפערענץ איז דער וויכוח אין „בונד" געווען אַ גאָר שאַרפער. די קאָנפערענץ פון אַפּריל 1919, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע, האָט אָנגענומען אַ קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע, פון וועלכער מיר וועלן ברענגען אַ פּאָר פראַגמענטן:

„...אין די אָביעקטיווע באַדינגונגען, ביי וועלכע עס קומט־פאָר די סאָציאַלע רעוואָלוציע, האָבן זיך די דעמאָקראַטישע מאַכט־אָרגאַנען אין אַלגעמיין אַרויסגעוויזן אַלס אומפעאיק צו דערפילן די רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַרן אַרבעטער־קלאַס. דעריבער מוז די מאַכט פון פּראָלעטאַריאַט אָננעמען די פאָרם פון אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַטן פון שטאָט און דאָרף. דאָס אַקטיווע אָנטיילנעמען פון די ברייטסטע אַרבעטער־מאַסן אין דעם אויפבוי און פונקציאָנירן אין די ראַטן איז די בעסטע גאַראַנטיע, אַז די ראַטן־מאַכט איז אַ פאַרטייגיקע אָבער נויטווענדיקע און שאַפנדיקע רעגירונגס־פאָרם אין דער מיט פון דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע.

„שטייענדיק אויפן שטאַנדפּונקט: ידי גאַנצע מאַכט דעם אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַט פון שטאָט און דאָרף, באַשטימענדיק, אַז דערדאָזיקער געדאַנק דאַרף אומאויפהערלעך פּראָפּאַגאַנדירט ווערן און פּראָקלאַמירט ווערן פאַר די ברייטסטע אַרבעטער־מאַסן, באַשליסט די קאָנפערענץ, אַז אויפן וועג צו דער ראַטן־מאַכט דאַרפן די פּאַרלאַמענטאַרישע איינריכטונגען רעוואָלוציאָנער אויסגענוצט ווערן.
די גאַנצע טעטיקייט פון דער פּאַרטיי אויף אַלע געביטן דאַרף ווערן צוגעשפּיצט צו די באַדערפעענישן און לאָזונגען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע".

דער „קאָמפּראָמיס" איז געווען נאָר צווישן די „לינקע" און צענטריסטישע גרופּעס אין „בונד", וועלכע ביידע האָבן זיך געשטעלט אויף דער פּלאַטפאָרם פון „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" אין דער פאָרם פון אַרבע־

טער־ראַטן. די רעכטע גרופּע האָט בכלל אין דער פראַגע פאַרנומען אַ קעגנערישע שטעלונג, אָנערקענענדיק, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאַרף בשום אופן ניט אָננעמען קיין שום דיקטאַטאָרישע פאָרם.

דאָס איז געווען די שטימונג ערב דעם 1טן צוזאַמענפאָר פון „בונד", וואָס איז אויסגעפאַלן אין דערזעלביקער צייט פון דעם אויפקום און באַרג־אַרויף פון 3טן אינטערנאַציאָנאַל.

אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין קראָקע אַפּריל 1920, איז חוץ דער פאַראייניקונג מיטן „גאַליציאַנער בונד" אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, פאַרשטייט זיך מיט אַ מערהייט, וועגן דעם, אַז דער „בונד" דאַרף זיך אָנשליסן אין 3טן, קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַלטן, אַז דערדאָזיקער אינטערנאַציאָנאַל, דער קאָמאינטערן, וועט ווערן דער צענטער פון אַלע רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע כוחות אין דער וועלט.

אין דער צייט האָט דער 2טער קאָנגרעס פון קאָמאינטערן (יולי 1920) אָנגענומען די באַרימטע „21 פונקטן", וואָס עס האָבן געדאַרפט אָננעמען יענע פאַרטייען, וואָס האָבן געוואָלט אַריינטרעטן אין קאָמאינטערן. פאַרן „בונד" האָט זיך געשאַפן אַ נייע סיטואַציע, ווייל צווישן דידאָזיקע „פונקטן" זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס פאַרפליכטן דידאָזיקע פאַרטייען צו באַזייטיקן פון זייערע רייען אַלע וואַקלדיקע, רעכטע, צענטריסטישע פירער, וואָס נעמען ניט אָן מיט פולער איינשטימיקייט די קאָמאינטערנישע דאָגמעס. דאָס וואָלט געמיינט צו באַזייטיקן פון „בונד" אַלע זיינע פירער — ניט נאָר דעם „רעכטן" מעדעמען, נאָר אויך די פּיאָנערן, פירער און אידעאָלאָגן פון „בונד": נח, ערליך, אַלטער, מיכאַלעוויטש און אַנדערע.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט דעריבער אויף אַ זיצונג נאָוועמבער 1920, באַטראַכטנדיק די פראַגע קאָמאינטערן, אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואו עס זאָגט זיך צווישן אַנדערע:

„...דער פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר פון ׳בונד׳ אין פוילן (אַפּריל 1920) האָט זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנדפונקט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל דאַרף פאַראייניקן אַלע רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פאַרטייען, וועלכע אָנערקענען די פּרינציפּיעלע פּלאַטפאָרם פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל.

„דער צענטראַליסטישער פּרינציפּ, אויף וועלכן עס זענען געבויט דער סטאַטוט און די איינטריט־באַדינגונגען פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל, אַנטשפּרעכט אַ רעאַלע באַדערפעניש פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער איצטיקער עפּאָכע. אָבער דערדאָזיקער פּרינציפּ איז דורכגעפירט דורך דעם 3טן אינטערנאַציאָנאַל אויף אַ נישט־ריכטיקן אופן. נאָר אַ צענטראַליזם, וואָס איז געבויט אויף דעמאָקראַטישע

יסודות סיי אין גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל, סיי אין זיינע באַזונדערע באַשטאַנד־טיילן, איז מסוגל צו פאַרשטאַרקן די קאַמפּס־פעאיקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג..."

פעסטשטעלנדיק, אַז די „21 פונקטן" שאַפן אַף יעדע מיינונגס־פאַר־שיידנקייט און צעשטערן די דעמאָקראַטישע באַזע פון דער באַוועגונג, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט געהאַלטן, אַז זיי זענען פאַרן „בונד" ניט אָננעמ־באַר, און אַז דער ענין ווערט אַריבערגעטראָגן צום נאָענטן צוזאַמענפאָר.

דער „בונד" האָט אָבער אויך געהאַלטן פאַר נייטיק דידאָזיקע פראַגע אַריבערטראָגן אויפן פאָרום פון קאָמאינטערן גופא. דער „בונד" האָט דעריבער געשיקט 2 דעלעגאַטן, וויקטאָר אַלטער און חיים וואַסער, צום 3טן קאָנ־גרעס פון קאָמאינטערן (מאָסקווע יוני־יולי 1921). אַגב, האָבן די באָלשע־וויקעס דאָן אַרעסטירט איינעם פון די דעלעגאַטן פון „בונד" — וויקטאָר אַלטער — וואָס איז דורך זיי גופא פאַרבעטן געוואָרן צום קאָנגרעס.

די פראַגע „21 פונקטן" איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן צום צווייטן צו־זאַמענפאָר פון „בונד", וואָס איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער 1921 אין דאַנציג.

ערב דעם צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אַ גאָר הייסע דיסקוסיע אַרום דער פראַגע. אין צענטראַל־קאָמיטעט האָבן זיך געשאַפן צוויי גרופּן: אַ מערהייט, וואָס איז געווען פאַר אָננעמען נאָר 16 פונקטן פון די „21" — דידאָזיקע גרופּע האָט געהייסן די „זעכצענער", און שפּעטער געווען די „איינסער"־ריכטונג אין „בונד". אַ מינדערהייט פון צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען פאַר אָננעמען 19 און אַ האַלבן פון די „21" — שפּעטער געוואָרן די „צווייער"־ריכטונג, די אַ"ג „לינקע" גרופּע. עס איז אויך געווען אַ דריטע ריכטונג, וואָס האָט ניט געהאַט קיין פאָרשטייער אין צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז געווען פאַר אָננעמען אַלע „21 פונקטן" — דידאָזיקע גרופּע האָט עס שפּעטער באַשאַפן דעם „קאָמבונד".

חוץ דידאָזיקע 3 ריכטונגען איז נאָך געווען אַ פערטע גרופּע, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, וואָס האָט בכלל אָפּגעוואָרפן יעדן געדאַנק און פּרוּוו פון אָריענטירן זיך אויפן קאָמאינטערן. צוליב אַ ריי טאַקטישע טעמים איז דידאָזיקע גרופּע ניט אַרויסגעטראָטן ווי אַ באַזונדער ריכטונג. עס איז דאָן ניט געווען דער קלימאַט פאַר דעם.

אויפן צוזאַמענפאָר האָבן די „ניינצן־אַ־האַלבענער" געהאַט 26 דעלע־גאַטן, די „זעכצענער" — 17 דעלעגאַטן און 6 דעלעגאַטן האָבן געשטימט פאַר אַלע 21 פונקטן. דידאָזיקע 6 זענען אַרויסגעטראָטן פון „בונד", געשאַפן דעם „קאָמבונד" (קאָמוניסטישער בונד), וועלכער האָט ניט געהאַט קיין אַריכת־ימים. אַ טייל פון זיי איז שפּעטער צוריקגעקומען צום „בונד".

אין סך־הכל האָט די אָריענטאַציע אויפן קאָמאינטערן גאָרניט גע־בראַכט. זי האָט ניט געקענט רעאַליזירט ווערן.

אויפן וויטערדיקן, דריטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" (דעצעמבער 1924), שטייט ווידער די פראַגע אינטערנאַציאָנאַל אויפן סדר־היום, אָבער שוין אין אַן אַנדער פלאַן. די טעטיקייט פון קאָמאינטערן האָט אָפּגעקילט דעם ענטוזיאַזם פון אַ סך פריערדיקע אַנהענגער, בפרט אין די רייען פון „בונד", קעגן וועמען די קאָמוניסטן האָבן באַזונדער שאַרף און פאַרביטערט געקעמפט. ניט נאָר אַלגעמיין־פּאָליטישע פּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישער טאַקטיק האָט צעטיילט די אַנהענגער, עס האָבן זיך אויך אָנגעהויבן שאַרף באַווייזן די חילוקי־דיעות אין יידישע נאַציאָנאַלע ענינים.

אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז שוין די פריערדיקע „לינקע" מערהייט געוואָרן אַ מינדערהייט. די רעכטע („איינסער") האָבן אויפן צוזאַמענפאָר געהאַט 30 שטימען און די לינקע („צווייער") 24 שטימען. ביידע ריכטונגען זענען נאָך אָבער געווען אָריענטירט אויף דער פּלאַטפאָרם פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף באַקעמפן די „שעדלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות" פון קאָמאינטערן. דער אונטערשייד איז געווען וועגן די אופנים ווי צו קעמפן קעגן דער דאָזיקער שעדלעכער סטרוקטור. די רעכטע מערהייט האָט דאַן באַשלאָסן צו שאַפן אַ „פאַראייניקונג פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס", כדי צו רעפאָרמירן און רעאָרגאַניזירן דעם קאָמאינטערן. די לינקע ריכטונג האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז דער קאָמאינטערן וועט פון זיך אַליין זיך מיט דער צייט דעמאָ־קראַטיזירן.

אַ נייע ווענדונג האָט שוין אָנגענומען דער 4טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" (יאַנואַר 1929, וואַרשע). עס איז געעפנט געוואָרן דער וועג פאַרן אָנשלוס פון „בונד" אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די האָפענונגען אויף דער „פאַראייניקונג פון אַלע רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען" האָבן זיך ניט באַרעכטיקט. די דאָזיקע גרופּן האָבן ניט באַוויזן צו ווערן אַ צענטער. די איזאָלאַציע איז געוואָרן נאָך גרעסער. ערב דעמדאָזיקן צו־זאַמענפאָר האָט זיך געפירט אַ גאַרליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע. די מערהייט „איינסער" האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז עס מוז דערגרייכט ווערן אַ וועג פון אַ קאָנטאַקט פון די גרופּן, וואָס שטייען מחוץ דעם אינטערנאַציאָנאַל, מיט די לינקע גרופּן פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. קאָנקרעט זוכן אַ וועג צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די לינקע גרופּע („צווייער") זענען געווען פאַר דעם, אַז דער „בונד" זאָל בלייבן מחוץ ביידע אינטער־נאַציאָנאַלן. די מערהייט האָט באַקומען אויפן צוזאַמענפאָר 53 שטימען און די מינדערהייט 42.

מיט אַנדערהאַלבן יאָר שפּעטער איז אויפן 5טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" (לאָדזש, יוני 1930) מיט אַ מערהייט באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער „בונד" שליסט זיך אָן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אַזוי אַרום איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אַ זייער וויכטיקער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון פוילישן „בונד", אַ פּרינציפּיעלער וויכוח, וואָס האָט

זיך געצויגן לאַנגע יאָרן. אין אינטערנאַציאָנאַל איז דער „בונד" געווען אָנגעשלאָסן אויף „ספּעציעלע" יסודות. ווי אַ כלל געהערן צום אינטער־נאַציאָנאַל טעריטאָריעלע פּאַרטייען, פּאַרטייען וואָס פאַרטרעטן לענדער — דער „בונד" האָט פאַרטראָטן ניט קיין לאַנד, נאָר אַ פֿאָלק.

9. דער „בונד" און די פּוילישע אַרבעטער־ראַטן

דער דאָזיקער קאַפּיטל, אַרבעטער־ראַטן, איז אַ גאָר קורצער עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון דער פּוילישער מלוכה און געהערט טאַקע צו יענעם פּעריאָד, ווען די שטימונג אין גאָר דער וועלט, פריער פאַר אַלץ אין אייראָפּע, איז געווען אָנגעלאָדן מיט דעם אָפּקלאַנג פון די רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך און עס האָט זיך געדוכט, אַז די רעוואָלוציע „קלאַפּט אין די טירן פון פּוילן".

דער אָנטייל פון „בונד" אין די אַרבעטער־ראַטן איז געווען דער ערשטער עפנטלעכער אָנטייל פון דער באַוועגונג אין פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכן לעבן אין דער נייער מלוכה און דאַרף אָפּגעצייכנט ווערן. נאָך מער איז עס וויכטיק ווייל דערדאָזיקער פּעריאָד (סוף 1918 און אָנהייב 1919) האָט בכלל, צוליב אַ ריי סיבות, ניט באַקומען קיין שום תיקון אין דער יידיש־פּוילישער געשיכטע בכלל.

די אַרבעטער־ראַטן אין פּוילן, און פריער פאַר אַלץ אין דער הויפּט־שטאָט וואַרשע, זענען אַנטשטאַנען ניט ווי אין שכנותדיקן רוסלאַנד ווי אַ רעזולטאַט פון אַ זיגרייכן אויפברויז פון די אַרבעטער און פּאָלקסמאַסן, וועלכע האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם פריערדיקן רעזשים — דעם צאַריזם — און אויף זיין אָרט אויפגעשטעלט די נייע רעגירונגס־פאָרם — די אַרבעטער־ראַטן.

די אַרבעטער־ראַטן אין פּוילן קומען אויף שוין דאַן, ווען פּוילן האָט אַ נייע מלוכה־מאַכט, וואָס האָט זיך איינגעפעסטיקט.

די לכתחילהדיקע אויפגאַבן פון די געשאַפענע אין פּוילן אַרבעטער־ראַטן זענען דעריבער געווען אין זייער מערהייט נאָר פון לאָקאַלן כאַראַקטער, וואָס האָט בעיקר אַרומגענומען ווירטשאַפטלעכע ענינים, זיך באַשעפטיקט מיטן געביט פון סאָציאַלער הילף, פון שוץ פון דער דעראַבערטער פרייהייט, פון קאַמף פאַר זייער אויסברייטערונג.

גרויסע טיילן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן די אַרבעטער־ראַטן באַטראַכט נאָר ווי אינסטיטוציעס, וואָס דאַרפן אָרגאַניזירן און אָנפירן מיט די קאַמפן פון פּראָלעטאַריאַט פאַר זיינע טאָג־טעגלעכע נויטן — ניט האָבנדיק אין דער פּערספּעקטיוו, אַז דאָס איז אַן אינסטיטוציע פאַר דער־אָבערן די מאַכט.

אויך אין פּרט פון לייגן די גרונטשטיינער פון די אַרבעטער־ראַטן איז

אין פוילן פאַרגעקומען אַנדערש ווי אין די שכנותדיקע לענדער. דאָ זענען געשאַפן געוואָרן ניט אײנהייטלעכע ראַטן, נאָר פּאַראַלעלע, פון די באַזונדערע ווירקנדיקע פּאַרטייען צווישן פּוילישן פּראָלעטאַריאַט. אין טייל ערטער אַפילו באַזונדערע ראַטן פון די פאַרשידענע נאַציאָנאַלע גרופּן. אַזוי איז עס פאָר־געקומען אין גאַנצן לאַנד און באַזונדער איז עס געקומען צום אויסדרוק אין וואַרשע, אין צענטער פון דער נייער געשאַפענער מלוכה, וואו די צעשפּליטערונג איז באַזונדערס בולט געקומען צום אויסדרוק.

אַזוי ווי גרויסע טיילן פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן באַטראַכט די אַרבעטער־ראַטן ניט ווי מאַכט־אָרגאַנען, נאָר ווי אַ געוויסע דערגענצונג צו די שוין דאַן עקזיסטירנדיקע שטאָטראַטן און אַנדערע גע־זעלשאַפטלעך־ווירטשאַפטלעכע עפנטלעכע אינסטיטוציעס, האָט דאָס גע־בראַכט דערצו, וואָס אין די וואַלן צו די אַרבעטער־ראַטן האָבן זיך באַטייליקט אויך די געלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען און בולט רעאַקציאָנער־אַנטי־סעמיטישע אָרגאַניזאַציע ווי נ.ז.ר. (נאַראָדני זוויאָנזעק ראַבאָטניטשי).

די באַציאונג פון „בונד" צו דעם ענין איז געווען אַ קלאָרע. דעם 1טן דעצעמבער האָט זיך פאַרענדיקט די 2טע לאַנד־קאָנפערענץ פון „בונד" אין פּוילן, וואו עס איז צווישן אַנדערע אויך אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע וועגן דער פּאָליטישער סיטואַציע אין לאַנד. וועלן מיר פון דערדאָזיקער רעזאָלוציע ברענגען אַ פּאָר פראַגמענטן פון אַ ריי פּאַראַגראַפן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונדזער ענין:

„...פּונקט 4:

„אויסנוצנדיק די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס קאָנסטיטו־אַנטע, שטאָטראַטן אדג״ל, וועלכע וועלן אַנטשטיין אונטערן דרוק פון דעם אַרבעטער־קלאַס, דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט דעראָבערן וואָס מער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע מאַכט, כדי מיט מער דערפאָלג דערגרייכן דעם ענדציל פון זיין קאַמף — דעם סאָציאַליזם.

„פּונקט 5:

„דידאָזיקע אויפגאַבן וועט דער פּראָלעטאַריאַט קענען דער־פילן נאָר דורך דעם, וואָס ער וועט פון צווישן זיך אויסטיילן אַן אײנהייטלעכע געשלאָסענע אָרגאַניזאַציע, וועמענס אויס־דרוק עס זענען די אַרבעטער־ראַטן.

„פּונקט 6:

„די אַרבעטער־ראַטן, וועלכע וועלן דאַרפן פאַראײניקן די אַרבעטער אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי און נאַציע, וועלן אַרום זיך גרופּירן די ברייטסטע שיכטן פון שטאָטישן און דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט, און זיי וועלן אים צוגרייטן צו

יענעם מאָמענט, ווען ער וועט באַווייזן איבערצוצייגן אין די אייגענע הענט די גאַנצע מאַכט".

אויך אויף דער 3טער לאַנד־קאָנפערענץ פון „בונד" (מערץ 1919), איז געשטאַנען די פראַגע פון די אַרבעטער־ראַטן. אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע ווערט צווישן אַנדערע געזאָגט:

„...פונקט 5:

„ביי די אָביעקטיווע באַדינגונגען, ביי וועלכע עס קומט־פאָר די סאָציאַלע רעוואָלוציע, האָבן זיך די דעמאָקראַטישע אָרגאַנען אַרויסגעוויזן בכלל פאַר אומפעאיק צו דערפילן די רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַרן אַרבעטער־קלאַס. דערפאַר דאַרף די פּראָלעטאַרישע מאַכט אָננעמען די פאָרם פון אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַטן פון שטאָט און דאָרף.

„דער אָנטייל פון די ברייטסטע אַרבעטער־מאַסן אין דער בויאונג און פונקציאָנירונג פון די ראַטן איז די בעסטע גאַראַנטיע, אַז די מאַכט פון די ראַטן וועט זיין דער ריכטיקער אויסדרוק פון ווילן פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט.

„די מאַכט פון די ראַטן איז אַן איבערגייענדיקע אָבער אַ נויטווענדיקע און שעפערישע פאָרם פון הערשאַפט אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע".

אין די רייען פון פוילישן אַרבעטער־קלאַס איז אָבער געווען אַ גאַר שאַרפער ריס. פון איין זייט די פּ.פּ.ס. (פוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אַזוי גערופענע „פראַקציע"), וואָס איז געווען גאַר שטאַרק פאַרטראַטן אין דער אויפגעקומענער פוילישע מלוכה, וואָס איר פירער איז געווען מאָראַטשעווסקי, דער ערשטער פוילישער פּרעמיער, און פון דער צווייטער זייט 2 לינקע פּאַרטייען — די פּ.פּ.ס. לעוויצע (לינקע) און ס.ד.ק.פּ.ל. ,פון וועלכע עס איז שפּעטער אויפגעקומען די פוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

אין נאָוועמבער 1918 זענען אין וואַרשע אויפגעקומען צוויי באַזונדערע אַרבעטער־ראַטן. דעם 11טן נאָוועמבער — פוןביידע לינקע פּאַרטייען אונטערן נאָמען: „ראַט פון אַרבעטער־דעלעגאַטן פון וואַרשע און געגנט", און דער צווייטער, דעם 21טן נאָוועמבער, פון דער פּ.פּ.ס. (פראַקציאַ) אונטערן נאָמען: „וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט".

די אידישע אַרבעטערשאַפט איז געבליבן מחוץ ביידע אַרבעטער־ראַטן. די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען — „בונד", פּועלי־ציון און „פאַראייניקטע" — האָבן זיך אין די וואַלן פון דידאָזיקע ראַטן ניט באַטייליקט, סיי צוליב דעם, וואָס די וואַל־סיסטעמען זענען געווען באַזונדערע, סיי צוליב דעם, וואָס זיי זענען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון איין איינהייטלעכן, אַלגעמיינעם אַרבעטער־ראַט.

נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען איז באַשלאָסן געוואָרן דורכפירן וואַלן צו אַ נייעם, אַלגעמיינעם אַרבעטער־ראַט. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען זאָלן זיך אין די וואַלן באַטייליקן. די וואַלן זענען געוואָרן דורכגעפירט צווישן 13טן דעצעמבער 1918 און 6טן מערץ 1919. די וואַל־אָרדינאַציע האָט פּאָראויסגעזען צוויי באַזונדערע וואַל־קאָמיסיעס, אַ יידישע און אַ פּוילישע.

פון די אויסגעוויילטע 1163 דעלעגאַטן האָבן פּאַרטייאיש געהערט:

צו דער פּ.פּ.ס. — 391, צו די קאָמוניסטן — 338, צום „בונד" — 137, צו די „פּאַראייניקטע" — 41, צו די פּועלי־ציון — 32, די אַנדערע צו פאַרשידענע אַנדערע גרופּן.

אויף דער ערשטער זיצונג פון וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 14טן יאַנואַר 1919, האָט דער פאָרשטייער פון „בונד" אָפּגעגעבן אַ דעקלאַראַציע (ווי דאָס האָבן אַגב געטאָן אויך די אַנדערע גרופּירונגען), וואו נאָך אַ ברייטער אָפּשאַצונג פון דער פּאָליטישער סיטו־אַציע אין דער וועלט און אין לאַנד ווערן אַרויסגערוקט אַ ריי פּאָסטולאַטן און אויפגאַבן פון די אַרבעטער־ראַטן אין אַלגעמיין און ספּעציעל וועגן די פאָדערונגען פון די יידישע אַרבעטנדיקע. אין דאָזיקן טייל ווערט געזאָגט צווישן אַנדערע:

„...די יידישע אַרבעטער וועלן אין די געמיינזאַמע אַר־בעטער־ראַטן, האַנט ביי האַנט, מיט דעם פּוילישן אַרבעטער־קלאַס קעמפן פאַר זייער ענדגילטיקער באַפרייאונג, פאַרן סאָציאַליסטישן וועלט־סדר. אין די אַרבעטער־ראַטן וועלן זיי האָבן די הילף פון דעם פּוילישן אַרבעטער־קלאַס אין זייער קאַמף פאַר די נאַציאָנאַלע רעכטן פון דער יידישער שפּראַך און פאַר דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, קעגן וועלכער עס קעמפט אַזוי פאַרביסטן די פּוילישע בורזשואַזיע.

„אין דעם מבול פון נאַציאָנאַליזם, וואָס פאַרפלייצט פּוילן, דאַרפן די אַרבעטער־ראַטן ווערן דער סימבאָל פון פּראָלע־טאַרישער ברידערלעכקייט, די איינציקע גאַראַנטיע פאַרן ניצחון פון דער אַרבעטער־זאַך..."

אויף די זיצונגען פון די אַרבעטער־ראַטן האָט דער „בונד" אַריינ־געטראָגן אַ ריי פאָרשלאָגן פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער און אויך וואָס האָבן אַ שייכות צו דער יידישער לאַגע אין לאַנד. דעם 25טן מערץ 1919 האָט די דעלעגאַציע אַריינגעטראָגן אויפן פּלענום פון אַרבעטער־ראַט אַ רעזאָלוציע וועגן: „די לעצטע רעפּרעסיעס און פּאָגראָמען". עס זאָגט זיך דאָרטן צווישן אַנדערע:

„...אין דאָמבראָווע און אין בענדין האָט דאָס מיליטער,

אָנגעפירט דורך דער זשאַנדאַרמעריע, געשלאָגן און זיך גע־לאָזט וואוילגיין איבער די אַרבעטער, געשאָסן צו אַן אומ־באַוואָפנטן המון מאַניפעסטאַנטן, געשטאָכן מיט באַגנעטן פרויען און קינדער.

„אין דער זעלבער צייט האָט די רעאַקציע, כדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַסן פון זייערע אמתע נויטן, כדי צו דערטרינקען אין אַ כוואַליע פון ראַסנהאַס ... דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, אָרגאַניזירט אַ ריי אַנטי־יידישע פּאָגראָמען.

„שטעמפּלענדיק די מאָראַלישע און פיזישע אויספירער פון דידאָזיקע געוואַלט־אַקטן לגבי דעם אַרבעטער־קלאַס און דער שוצלאָזער יידישער באַפעלקערונג, וואָרנט דער וואַר־שעווער אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַט דעם פּוילישן אַרבעטער קעגן דער מיינונג, אַז די רעפּרעסיעס און דער טעראָר האָבן שוין אין לאַנד דערגרייכט זייער העכסטן פּונקט.

„... דער וואַרשעווער אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַט שטעלט־פעסט, אַז קיין שום טעראָר, קיינע רעפּרעסיעס וועלן ניט זיין בכוח צו דערשטיקן דעם פרייהייטס־קאַמף פון אַרבע־טער־קלאַס. די גרויסע היסטאָרישע באַוועגונג, וועלכע פירט אומאויפהערלעך צו דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם, קאָן נישט אָפּגעשטעלט ווערן — נישט דורך די היינט נאָך געהאָרכזאַמע דער בורזשואַזיע באַגנעטן, אָדער די מוסטערהאַפט־אָרגאַניזירטע זשאַנדאַרמעריע און אויך נישט דורך דער אויפגעבלאָזענער פּאָגראָם־אַקציע.

„... דער וואַרשעווער אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַט רופט דע־ריבער דעם פּראָלעטאַריאַט פון וואַרשע און פון גאַנצן לאַנד צו זאַמלען זיך אַרום די אָרגאַנען פון זייער קלאַסן־קאַמף, אַרום די אַרבעטער־ראַטן, כדי אין געשלאָסענע רייען פירן דעם קאַמף מיט דער בורזשואַזיע, קעגנשטעלנדיק דעם טעראָר לגבי דער אַרבעטער־באַוועגונג און דאָס פאַרשפּרייטן דעם נאַציאָנאַלן האַס, די אייגענע קלאַסן־סאָלידאַריטעט און דעם גלויבן אין דעם אומפאַרמיידלעכן ניצחון פון סאָ־ציאַליזם".

מיר האָבן ביז איצט דערמאָנט נאָר דעם וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט. די מאַטעריאַלן פון דערדאָזיקער אינסטיטוציע, הגם זי האָט ניט געהאַט קיין אַריכת־ימים, דערציילן אַז אויך אין דער פּראָווינץ האָט דער „בונד" געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין איר. עס זענען פאָרגעקומען אַ ריי לאַנד־באַראַטונגען פון די אַרבעטער־ראַטן. מיר האָבן די מאַטעריאַלן פון דער

לעצטער לאַנד־באַראַטונג פון די אַרבעטער־ראַטן אין 1919. עס האָבן זיך גע־זאָלט באַטייליקן 23 שטעט, וואו עס זענען געווען די גרעסטע אַרבעטער־ראַטן. דער צוזאַמענפאָר איז שוין ניט צושטאַנד געקומען, ווייל זיי זענען פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן. די דאָקומענטן גיבן איבער, אַז פון די 23 שטעט זענען אויסגעוויילט געוואָרן 3682 דעלעגאַטן. דער פּאַרטייאישער צוזאַמענ־שטעל פון זיי איז געווען פאָלגנדיקער:

פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי — 1404 דעלעגאַטן, קאָמוניסטן — 916, „בונד" — 502, אומפּאַרטייאישע — 246, פּועלי־ציון — 196, „פאַר־אייניקטע" — 74. די אַנדערע פון פאַרשידענע גרופּן.

די בונדישע דעלעגאַטן זענען געווען פון די אַרבעטער־ראַטן פון די וויטערדיקע 22 שטעט: וואַרשע, לאָדזש, לובלין, ראַדעם, מעזריטש, פּול־טוסק, כעלעם, שעדלעץ, פּעטריקאָוו, קאַלושין, ביאַלע־פּאָדלאַסק, טאָמאַשאָוו־מאַז., וולאָצלאַוועק, קינצק, קוטנע, טשענסטאָכאָוו, מאַקאָווע, קויל, זאַג־לעמביע, מינסק מאַזאָוויעצק, אָפּט, זשיראַרדאָוו.

10. סיים־וואַלן

פאַר דער צייט פון דער עקזיסטענץ פון פּוילן זענען פאָרגעקומען 5 מאָל וואַלן צום פּוילישן פּאַרלאַמענט (סיים). אין הסכם מיט דער פּרינצי־פּיעלער שטעלונג פון „בונד" זיך נישט בלאָקירן מיט קיין אַלגעמיין־נאַציאָ־נאַלע גרופּירונגען, אַרויסצוטרעטן נאָר מיט אַ קלאַסן־פּלאַטפאָרם, האָט דער „בונד" זיך ניט אַנגעשלאָסן אין קיין בירגערלעכע גרופּירונגען בעת די אַלע וואַלן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די יאָרן: 1919, 1922, 1928, 1930, 1935.

די ערשטע וואַלן אין וועלכע דער „בונד" האָט זיך באַטייליקט זעלבּ־שטענדיק איז געווען אין יאָר 1922, ווען עס האָבן זיך אין די וואַלן שוין אויך באַטייליקט די מיזרח־געביטן פון פּוילן (די „קרעסן", ווילנער געגנט, גאַליציע א"אַ). דער „בונד" האָט אַרויסגעשטעלט אייגענע, זעלבשטענדיקע ליסטעס און ניט אַריינגעגאַנגען אין דעם בלאָק פון די נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן, וואָס איז דאַן געשאַפן געוואָרן. ניט געקוקט, וואָס די ליסטעס פון „בונד" אין אַלע וואַל־קרייזן האָבן באַקומען בערך 80,000 שטימען, אַ צאָל, וואָס האָט געקענט אַריינברענגען עטלעכע דעפּוטאַטן ווען זיי זענען אין איין וואַל־קרייז, האָט דער „בונד" ניט באַקומען קיין איין דעפּוטאַט. די וואַל־אָרדינאַציע צום סיים האָט ניט פאָראויסגעזען, אַז מען זאָל צו־זאַמענגעמען די שטימען פאַר דער זעלביקער פּאַרטיי אין גאַנצן לאַנד. די שטימען פאַרן „בונד" זענען געווען צעזייט איבער די צענדליקער וואַל־קרייזן און אין קיין איינעם איז ניט געווען גענוג, כדי צו דורכפירן אַ מאַנדאַט.

אין יאָר 1928 האָט זיך דער „בונד" אויך ניט בלאָקירט מיט קיין

אַנדערע, בירגערלעכע וואַל־קאָמיטעטן. אין דעם וואַל־קרייז קאָוועל־וואָלין, וואו עס איז געשטאַנען אויפֿן ערשטן אָרט אַרטור זיגעלבוים, זענען גע־פּסלט געוואָרן די אוקראַינישע ליסטעס און עס איז געווען אַ פּאַרשטענדי־קונג, אַז אויף דער ליסטע פֿון „בונד" זאָלן אָפּגעגעבן ווערן די שטימען פֿון די ראַדיקאַלע אוקראַינער. דאָס צעטל פֿון „בונד" האָט טאַקע באַקומען אַ גרעסערע צאָל שטימען, אָבער ניט קיין מאַנדאַט. עס איז אויך געשאַפֿן געוואָרן אַן איינהייטלעכע וואַל־ליסטע אין ביאַליסטאָקער וואַל־קרייז, וואו עס איז געשלאָסן געוואָרן אַ וואַל־בלאָק צווישן „בונד", פּוילישע סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.) און דייטשישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין פּוילן. אויך דידאָזיקע וואַלן האָבן ניט געבראַכט דעם „בונד" קיין סיים־דעפּוטאַט.

די ווייטערדיקע וואַל־קאַמפּאַניע צום סיים איז געווען אין יאָר 1930, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „בריסקער וואַלן", ווייל זיי זענען פֿאָרגעקומען אין דער צייט פֿון דעם גאָר שאַרפֿן טעראָר פֿון דער פּילסודסקי־פּאַרטיי „סאַנאַציע", וואָס האָט פֿאַרשפּאַרט אַלע פֿירער פֿון דער פּוילישער דעמאָ־קראַטיע (סאָציאַליסטן און פּויערים־פּאַרטיי) אין בריסקער פֿעסטונג. ביי די וואַלן האָט דער „בונד" געשלאָסן אַ וואַל־בלאָק מיט די „פּועלי־ציון" (צ.ס.) און מיט דער „אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי". דער־דאָזיקער וואַל־בלאָק האָט געהייסן דער „לינקס־סאָציאַליסטישער בלאָק". אויך די וואַלן האָבן געבראַכט דעמזעלביקן רעזולטאַט ווי די פֿריערדיקע.

די לעצטע סיים־וואַלן, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין 1935, זענען באַי־קאָטירט געוואָרן פֿון גאַנצן דעמאָקראַטישן לאַגער אין פּוילן — ניט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, ניט די פּויערים־פּאַרטיי האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן. אין דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט איז אָנגעגאַנגען אַ וויכוח. דער רוב פֿון די יידישע גרופּן האָבן באַיקאָטירט די וואַלן. עס האָבן זיך נאָר באַטייליקט אין זיי די „אגודה" און סוחרים־פֿאַרבאַנד (אין קאָנגרעס־פּוילן). אין גאַליציע האָבן זיך די ציוניסטן יאָ באַטייליקט אין די וואַלן. דאַן איז געשען אַ כאַראַקטעריסטישער קוריאָז. היות מען האָט ניט געטאָרט פֿירן קיין פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר באַיקאָט, איז עמעץ פֿון דער „פֿאָלקסצייטונג" — דער צענטראַל־אָרגאַן פֿון „בונד" — געפֿאַלן אויף אַ שפּיצל. די וואַלן זענען פֿאָרגעקומען זונטיק, דעם אַכטן סעפּטעמבער 1935. האָט מען אין דער „פֿאָלקסצייטונג" אין די טעג פֿאַר די וואַלן אַריינגעגעבן דעם פּסוק פֿון חומש „וביום השמיני עצרת תהיה לכם, כל מלאכת עבודה לא תעשו" און געבראַכט גלייך דעם יידישן פּאַרטייטש לויט יהואשן: „אויפֿן אַכטן טאָג זאָל זיין אַ הייליקע איינזאַמלונג ביי אייך, קיין דינסטאַרבעט זאָלט איר ניט טאָן". דערדאָזיקער פּסוק איז נאָך באַגלייט געוואָרן מיט דעם מראה־מקום, אַז דאָס געפֿינט זיך אין במדבר, קאַפּיטל 29, פּסוק 35. אויף צומאָרגנס האָט עס די יידישע פּרעסע (דער „היינט") איבערגעדרוקט מיטן קעפּל: „אַ בונדישער פּסוק". אויך אין דעם אָרגאַן פֿון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער

פּאַרטיי, אין „ראַבאַטניק", איז דערדאַזיקער פּסוק „וועגן קיין שום דינסט־אַרבעט זאָל ניט געטאָן ווערן" אָפּגעדרוקט געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז דער צענזאָר, ווען ער וואָלט זיך געכאַפּט (און ער האָט זיך זיכער געכאַפּט), האָט דאָך ניט געקענט קאָנפיסקירן אַן „אומשולדיקן" פּסוק פון דער ביבל...

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער „בונד" איז אין סיים ניט געזעסן, האָט ער אָבער ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן רעאַגירט אויף פאַרשידענע האַנדלונגען אין סיים, און פריער פאַר אַלץ וועגן דער האַלטונג פון די יידישע דעפּוטאַטן. צוויי גרעסערע קאַמפּאַניעס האָט דער „בונד" דורכ־געפירט אַרום דער האַנדלונג פון די יידישע פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּרע־זענטאַנטן.

דאָס ערשטע מאָל איז געקומען אַ גאָר ברייטע קאַמפּאַניע קעגן דער יידישער סיים־רעפּרעזענטאַנץ, פּאָפּולער געוועזן מיטן נאָמען „קאָלאָ", ווען זי האָט 2 מאָל (דעם 7טן פעברואַר 1923 און דעם 10טן דעצעמבער 1924) געשטימט קעגן דעם פאַרשלאַג פון דעם דעפּוטאַט נח פּרילוצקי, דער סיים זאָל שטיצן די שולן מיט דער יידישער אונטעררי‌כט־שפּראַך. הגם די פראַגע איז געווען שייך צו דער שול־באַוועגונג, איז די קאַמפּאַניע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „בונדישע", ווייל דער צווייטער צד האָט געטענהט, אַז דאָס מיינט מען סובסידיעס פאַר „בונדישע" שולן *).

דאָס צווייטע מאָל אין יאָר 1925, נאָכדעם ווי דעם 4טן יולי 1925 האָט אַ גרופּע פון דער יידישער פּאַרלאַמענטאַרישער רעפּרעזענטאַנץ (רייך, טאָן און ראָזמאַרין) אונטערגעשריבן מיטן דעמאָלטיקן פּרעמיער־מיניסטער גראַבסקי אַן „אוגאָדע" (פּשרה־אָפּמאַך) צווישן די יידן און דער פּוילישער מלוכה, פון 42 פּונקטן. אויך מצד דעם איבעריקן טייל פון דער יידישער סיים־רעפּרעזענטאַנץ איז עס באַטראַכט געוואָרן ווי אַ ברוך פון יידישער איינהייטלעכקייט. דעמדאָזיקן פאַקט האָט גאָר שאַרף קריטיקירט דער „בונד", אַנטוויקלענדיק אַ גאָר שאַרפע קאַמפּאַניע קעגן דער פּאַרלאַמענטאַרישער „קאָלאָ". דאַן האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אַרויסגעגעבן אַ בראָשור פון א. ליטוואַק אונטערן נאָמען „שוואַרצע קונצן אָדער די פּויליש־יידישע פאַר־שטענדיקונג", וואָס איז דערשינען אין 2 אויפלאַגעס.

11. דער „בונד" און די שטאָטראַטן

ניט האָבנדיק די טריבונע פון סיים, איז פאַרן „בונד" איינע פון די וויכטיקסטע טעטיקייטן געווען די אַרבעט אין די שטאָטישע פאַרוואַלטונגען. דאַרף גלייך פון אָנהייב פעסטגעשטעלט ווערן, אַז אויפן געביט פון דער

---

*) דאָס איז געווען אַ דעמאָנסטראַטיווער פאַרשלאַג קעגן די העברעאישע שולן, וואָס האָט סייווי ניט געהאַט קיין שום אויסזיכט אָנגענומען צו ווערן. דער רעדאַקטאָר

שטאַטישער טעטיקייט איז דער קרייז פון בונדישע סימפּאַטיזירער געווען אַ גאַר ברייטער. גאַר אָפט פלעגט טרעפן, אַז אין דערזעלביקער שטאָט, וואו די ליסטע פון „בונד" האָט צום סיים באַקומען אַ גאַר באַשיידענע צאָל שטימען, פלעגט גאַר בעת וואַלן צום שטאָטראַט קריגן אַ גאַר גרויסע צאָל שטימען און אַ היפּשע פאַרטרעטערשאַפט. דער „בונד" האָט טאַקע אין אַ ריי שטעט געהאַט גוט אויסגעשולטע טוער אויפן געביט פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג. דער פאַקט, וואָס די טעטיקייט פון „בונד" האָט זיך קאָנ־צענטרירט אויף די אָרטיקע, אויף די דאָאיקע פּראָבלעמען, האָט זיך אין דער באַוועגונג אויסגעאַרבעט אַ פאַסיקער קאַדער פון טוערס, וואָס זענען געוואָרן גאַר פּאָפּולער צווישן דער יידישער אָרעמשאַפט אין די שטעט און שטעטלעך, ווייט אַריבער דעם פּראָלעטאַרישן עלעמענט.

שוין אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון „בונד" (לובלין 1917) האָט די אַרבעט אין די זעלבסטפאַרוואַלטונגען פאַרנומען אַ גאַר וויכטיקן אָרט. די ערשטע טעטיקייט פון „בונד" בעת דער אָקופּאַציע — דאָס מתעסק זיין זיך מיט די מלחמה־געליטענע און פּליטים, די אַקטיוויטעט פון די בונדיסטן אין די קיכן, דאָס שאַפן די טיי־האַלעס און אַנדערע דערנערונג־פּונקטן — האָט שוין דערדאָזיקער באַוועגונג אַרויסגערוקט ווי דעם שליח־ציבור פון די באַדערפטיקע.

געווען נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט פון דער פּאָפּולאַריטעט פון די בונ־דישע טוער. אין די שטאָטראַטן האָט מען געדאַרפט אָנקומען צו פאַרשידענע ניט־יידישע אַמטן, מען איז געווען אָפּהענגיק פון ניט־יידישע שטאָט־טאַטעס, און גאַר אָפט זענען עס געווען פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער קאָנטאַקט און די צוזאַמענאַרבעט פון „בונד" מיט דער ניט־יידישער פאַרשטייערשאַפט האָט אויך גורם געווען, אַז מען זאָל בעת די וואַלן בעסער שטימען פאַר דער ליסטע פון „בונד".

דער „בונד" האָט צום וואַל־אַקט צוגעגעבן אַ פּאָליטישן אינהאַלט. אין דער וואַל־קאַמפּאַניע איז טאַקע גערעדט געוואָרן וועגן דער נויט, וועגן די אָרטיקע באַדערפענישן, אָבער עס איז פאַרבונדן געוואָרן מיט העכערע, מיט ווייטערע צילן און וויזיעס. אין יענע ערשטע יאָרן פון דער פּוילישער מלוכהשאַפט איז אין דעם פּרט דער „בונד" געווען אין דער יידישער גע־זעלשאַפט די אַקטיווסטע און צאָלרייכסטע יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַפּעלירט אויך צו דער פּאָליטיש־אָריענטירטער מאַסע, וואָס איז געווען באַאיינפלוסט מיט די רעוואָלוציאָנערע ווינטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן קיין פּוילן.

שוין אונטער דער ערשטער דייטשישער אָקופּאַציע האָט דער „בונד" זיך באַטייליקט אין די ערשטע שטאָטראַט־וואַלן פון וואַרשע אין אַ גע־מיינזאַמען סאָציאַליסטישן בלאָק. עס איז דאַן צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ „סאָציאַליסטישער וואַל־בלאָק" פון „בונד" און פּ.פּ.ס. לעוויצע. די קאַנ־דידאַטן־ליסטע איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אויף אַן אמת אינטערנאַציאָ־

נאַליסטישן אופן: די 30 קאַנדידאַטן זענען געווען אויסגעשטעלט — איינער אַ פּאָליאַק, דער צווייטער אַ ייד; אַזוי כסדר, איינער איבער איינעם.

פון דער ליסטע איז אויסגעוויילט געוואָרן דער ערשטער קאַנדידאַט, יוזעף טשיזשעווסקי. פון דער פּ.פּ.ס. אויף דער ערשטער זיצונג פון וואַר־שעווער שטאָטראַט האָט ער אָבער זיין דעקלאַראַציע איבערגעלייענט אין נאָמען פון בלאָק פון פּ.פּ.ס (לעוויצע) און „בונד". אין זיין דעקלאַראַציע געפינט זיך צווישן אַנדערע אויך דער ווייטערדיקער פּאַראַגראַף, וואָס האָט אַ שייכות צו די יידן:

„...אין נאָמען פון אָט די פאָדערונגען, וועל איך קעמפן אויפן געביט פון שטאָטראַט קעגן יעדן פרואוו פון אָנגריף, אויף אונדזער רעכט צו זעלבסטפאַרוואַלטונג, קעגן יעדן פאָרם פון נאַציאָנאַליזם, קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּאָ־ליטיק פון דער פּוילישער בורזשואַזיע, קעגן שאָוויניזם פון דער פרעמדער דער אַרבעטער־קלאַס גרופּע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „פּוילישע סאָציאַליסטן", קעגן דער נאַציאָנאַ־נאַליסטישער פּאָליטיק פון דער יידישער בורזשואַזיע, וועלכע שפּרייט פונאַנדער אָפּאַרטעראישע לאָזונגען פון נאַציאָנאַלער איינהייט. בכדי צו פאַרזיכערן דער יידישער מינדערהייט, וועלן מיר פאָדערן צו שאַפן שטאָטישע שולן מיט יידיש אַלס אונטעררריכט־שפּראַך, גאַראַנטירן דאָס רעכט צו באַ־נוצן זיך אין שטאָטישע אינסטיטוציעס און באַקומען אַן ענטפער אין דער יידישער שפּראַך און אומבאַדינגטער פּובליקאַציע פון אַלע שטאָטישע מודעות אין יידיש..."

אין אָנהייב 1917 זענען פאָרגעקומען וואַלן פון שטאָטראַט אין דער צווייט־גרעסטער שטאָט אין פּוילן — אין לאָדזש. דאָ זענען עס אויך געווען די ערשטע וואַלן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע. דאָ איז דער „בונד" געגאַנגען זעלבשטענדיק און דער פאָרשטייער פון „בונד", ישראל ליכטענשטיין, האָט אויף דער ערשטער זיצונג פון שטאָטראַט געלייענט אַ דעקלאַראַציע, פון וועלכער מיר נעמען אַרויס דאָס וואָס האָט אַ שייכות צו די ספּעציפיש־יידישע פּאָסטולאַטן:

„...שטייענדיק אין פאַרטיידיקונג פון די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז צו דער אַנטוויקלונג פון זיינע כוחות און אָרגאַניזאַציע, באַדאַרף דער אַרבעטער־קלאַס אַ נישט־געשטערטע קולטור־רעלע אַנטוויקלונג, וועלכע וועט פאַרזיכערט ווערן דורך אַ נאַציאָנאַלער קולטור־אויטאָנאָמיע, וועל איך פאָדערן די פאַרטיידיקונג פון די יידישע קולטורעלע רעכט דורך:

„1. באַשטימען דורכן שטאָטראַט אַ געהעריקן טייל פון

בודזשעט צו באַפרידיקן די בילדונג־באַדערפעניש פון די יידישע מאַסן, שאַפן זיי דעמאָקראַטישע, וועלטלעכע פאָלקס־שולן מיט יידיש אַלס אונטעררריכט־שפּראַך. די פּוילישע שפּראַך דאַרף אין די שולן פאַרנעמען אַ געהעריקן אָרט, ווי אַ לערן־קענטשטאַנד.

„2. איבערגעבן די בילדונג־ענינים ספּעציעלע נאַציאָנאַלע שול־ראַטן, וועלכע זאָלן געוויילט ווערן דורך יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע אויף אַ ברייטער דעמאָקראַטישער באַזע.

„3. פאַרזיכערן דער יידישער באַפעלקערונג דאָס רעכט צו פאַרשטענדיקן זיך אין די שטאַטישע אינסטיטוציעס אין דער יידישער שפּראַך און פאַרעפנטלעכן אַלע אַמטלעכע ידיעות אויך אין יידיש.

„4. אָנערקענען פאַר אַלע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין האַנדל דאָס פאַקולטיווע רעכט אָפּצורוען שבת אָנשטאָט זונטיק . . ."

מיר האָבן געבראַכט דידאָזיקע פראַגמענטן פון דער דעקלאַראַציע, ווייל דאָס איז די פּאַקטישע פּראָגראַם פון דער טעטיקייט פון „בונד" אין די שטאָטראַטן, און דידאָזיקע דעקלאַראַציע איז געווען דער מאָדעל פאַר אַלע מינים דעקלאַראַציעס פון די בונדישע פאַרשטייער. ווי געזאָגט, האָבן די טריבונעס פון שטאָטראַטן פאַרטראָטן ביים „בונד" די פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיקייט. די פאַרשטייער פון „בונד" אין די שטאָטראַטן — די ראַטמענער און לאַווניקעס (די מיטגלידער פון די שטאָטפאַרוואַלטונגען) זענען געווען אין דער בחינה פון די פאַרלאַמענט־דעפּוטאַטן.

אין די שטאָטראַטן האָט טאַקע דער „בונד" געשיקט זיינע בעסטע און אָנערקענטע פירער. די טוער אין די שטאָטראַטן (און ווי מיר וועלן זען ווייטער אויך אין די קהילות) האָבן אויסגעאיבט אַ גאַר גרויסע השפּעה אויף די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער פאָלקסמאַסע.

די ערשטע ברייטע קאַמפּאַניע פון וואַלן אין די שטאָטראַטן שוין אין אומאָפּהענגיקן פּוילן איז פאָרגעקומען אין יאָר 1919. דאַן זענען זיי שוין פאָרגעקומען אויפן סמך פון אַ מער וויניק דעמאָקראַטישער וואַל־אָרדינאַציע. צום ערשטן מאָל האָט זיך דאַן דער „בונד" געשטעלט צו אַן עפנטלעכער פּאָליטישער קאַמפּאַניע ניט נאָר אין די גרעסערע שטעט, נאָר אין צענדליקער שטעט און שטעטלעך אין דער ברייטער פּראָווינץ. ניט נאָר צווישן דער אַרבעטערשאַפט (ווי דאָס איז געווען בעת די וואַלן צו די אַרבעטער־ראַטן), נאָר אויך ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

עס זענען דאַן אין 45 שטעט אויסגעוויילט געוואָרן 160 בונדישע ראַטמענער. אין טייל שטעט, וואו עס זענען געווען בונדישע אָרגאַניזאַציעס, האָט מען ניט געקענט אַרויסשטעלן קיין קאַנדידאַטן, ווייל דער עלעמענט

איז געווען אַ יוגנטלעכער. טייל עלטערע טוער זענען געווען אין דייטש־לאַנד אָדער עסטרייך אויף אַרבעט.

עס פעלט דאָ אויך גאַליציע, ווייל עס איז נאָך געווען פאַר דער פאַר־אייניקונג מיט דער זש.פ.ס. (זשידאָווסקאַ פּאַרטיאַ סאָציאַליסטיטשנאַ), וואָס מען האָט גערופן דער „גאַליציאַנער בונד".

אין משך פון די וויטערדיקע יאָרן זענען אין פּוילן פאָרגעקומען וויטערדיקע סעריעס פון וואַל־קאַמפּאַניעס צו די שטאָטראַטן. די צאָל שטאָטראַטן, וואו דער „בונד" האָט געהאַט פאָרשטייער איז געוואַקסן און אויך איז געוואַקסן די צאָל ראַטמענער. די וואַל־קאַמפּאַניע פון „בונד" בעת דידאָזיקע וואַלן זענען אַריבער די גרענעצן און מאָסן פון איינפאַכע פּראָפּאַגאַנדע פאַר ענינים פון דער מוניציפּאַליטעט. נאָר פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין ברייטע פּאָליטישע קאַמפּאַניעס, וואו עס זענען באַרירט געוואָרן די פּאָליטישע פּראָבלעמען אין לאַנד און די סיטואַציע פון די יידישע מאַסן. ביי דער קריטיק פון די אַנדערע יידיש־געזעלשאַפטלעכע גרופּירונג איז טאַקע פריער פאַר אַלץ געקומען געוואָרן ווי אַ ביישפּיל די האַלטונג און האַנדלונג פון דידאָזיקע פאָרשטייער אין פּוילישן סיים.

געווען אַ ריי שטעט אין לאַנד מיט סאָציאַליסטישע שטאָט־פאַרוואַל־טונגען, ווי לאָדזש, לובלין, פּיעטריקאָוו — דאָ איז דער „בונד" געווען מיטבאַטייליקט אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. אין אַ גאַר גרויסער צאָל שטעט זענען געווען בונדישע לאַוניקעס.

בעת דער לעצטער וואַל־אַקציע צו די שטאָט־ראַטן אין פּוילן, סוף 1938 און די ערשטע העלפט פון 1939, איז דער „בונד" געווען די פּאַרטיי צווישן די פּוילישע יידן, וואָס האָט אין אַ ריי גרעסערע יידישע יישובים צוגענומען די גרעסטע צאָל שטימען.

געווען איז עס אין דעם שווערסטן מאָמענט פון דער יידישער באַ־פעלקערונג פון פּוילן. די רעגירונג האָט אָנגענומען אַ ליניע פון שאַרפסטן אַנטיסעמיטיזם, פון עקסטערמינאַציע, כסדרדיקע פּאָגראָם־שטימונג און אַן אויפהער „עקסצעסן". דידאָזיקע וואַלן אין יענער צייט זענען געווען אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דערדאָזיקער אַנטי־יידישער פּאָליטיק.

יידישע מאַסן האָבן דאַן געזען אין „בונד" זייער פאָרשטייער (עס וועט אונדז וועגן דער צייט אויסקומען צו ריידן ביים קאַפּיטל — אין קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם) און מאַסנווייז געשטימט פאַרן „בונד". אין דער מערהייט ערטער איז דער „בונד" געגאַנגען זעלבשטענדיק. אין טייל ערטער צוזאַמען מיט די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס זענען אין זייער רוב געשטאַנען אונטער בונדישער השפּעה און אָנפירונג. אין לאָדזש זענען צום בלאָק פון „בונד" און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אויך געווען פאַר־אייניקט די לינקע פּועלי־ציון.

12. דער „בונד" און די קהילות

די פּאָזיטיווע באַציאונג פון „בונד" צו די יידישע קהילות שטאַמט נאָך פון די פריערדיקע, ערב־פּוילן ציַיטן. שוין אין דער צייט פון דער רוסישער הערשאַפט האָט דער „בונד" באַטראַכט דער יידישער קהילה ווי די יידישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע. אָנערקענענדיק דידאָזיקע אינסטיטוציע אין פּרינציפּ האָט אָבער דער „בונד" געקעמפט קעגן איר רעליגיעזן כאַראַקטער. די קהילה דאַרף זיין אַ וועלטלעכע, זי איז די יידישע אויטאָנאָמע זעלבסטפאַרוואַלטונג און דאָ דאַרף גילטן דערזעלביקער כלל ווי ביי דער אַלגעמיינער מלוכה: אָפּטיילן די מלוכה פון דער רעליגיע. רעליגיע איז אַ פּריוואַטע זאַך פון יעדן יחיד, אַ דבר־שבלב, און קען ניט אָנגעוואָרפן ווערן אויף אַלע.

דעם ערשטן דעקרעט וועגן די יידישע קהילות אין פּוילן האָט אַרויס־געגעבן דער פּוילישער מלוכה־ראַט דעם 7טן פעברואַר 1919, וועלכער איז געווען אונטערגעשריבן פון י. פּילסודסקי, פּאַדערעווסקי (פּרעמיער־מיניס־טער) און יאַן לוקאַשעוויטש (מיניסטער פון רעליגיעס און עפנטלעכער בילדונג). דערדאָזיקער דעקרעט האָט ווי אַ באַזע גענומען די פאַראָרדענונג פון דער דייטשישער אָקופּאַציע־מאַכט, אַרויסגעגעבן דעם 1טן נאָוועמבער 1916, אונטערגעשריבן פון דייטשישן אָקופּאַנטישן גענעראַל־גובערנאַטאָר פאָן באַזעלער. דער פּוילישער דעקרעט האָט אַריינגעבראַכט נאָר אַ ריי טעכנישע ענדערונגען. דער יסוד, אַז די קהילה איז אַ רעליגיעזע פאַר־איינִיקונג, איז געבליבן.

די ערשטע קהילה־וואַלן האָבן גענואַלט פאַרקומען זומער 1918. אין שייכות דערמיט האָבן אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע גרופּן פּובליקירט זייערע פּלאַטפאָרמעס וועגן דערדאָזיקער אינסטיטוציע. דידאָזיקע פּאָליטישע דעקלאַראַציעס זענען דערשינען ווי אַ ספּעציעלע פּובליקאַציע פון דער פּרעסע־ביוראָ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן (וואַרשע 1920, פּויליש). דאָרטן זענען פאַראַן די פּראָגראַמען פון: 1. ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציע, 2. פאָלקס־פּאַרטיי, 3. מזרחי, 4. אַגודת האורטודוקסים (שפּע־טערדיקע „אַגודת ישראל"), 5. „בונד", 6. פּועלי־ציון.

פון דערדאָזיקער פּובליקאַציע נעמען מיר אַרויס אַ פּאָר פראַגמענטן פון דער וואַל־פּלאַטפאָרם פון „בונד", וואָס האָט אַ שייכות צו אונדזער אַרטיקל. מיר לייענען דאָרטן נאָך אַ גאָר ברייטן אַנאַליז פון דער אַלגעמיינער פּאָליטישער סיטואַציע:

> „... ניט פאַרגעסנדיק אָן אונדזער ענדגילטיקן ציל — דעם סאָציאַליזם, וואָס נאָר ער קען מאַכן אַ סוף צו אַלע פּיינען, וואָס מאַטערן אַלע פעלקער — וועט דער יידישער אַרבעטער אין איצטיקן מאָמענט אויסאיבן זיין כוח כדי אָפּצושוואַכן דעם נאַציאָנאַלן קאַמף צווישן די פעלקער, וואָס איז פּאַק־

טיש אַ מין קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די בורזשואַזיעס פון די באַזונדערע פעלקער.

„דער בעסטער מיטל דערצו איז צו עלימינירן פון אונטער די קאָמפּעטענצן פון דער מלוכה און אירע אָרגאַנען און איבערגעבן עס צו אַן אויטאָנאָמישער אַלייןפאַרוואַלטונג פון די געגעבענע פעלקער אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו די קולטור־פראַגן פון געגעבענעם פאָלק. דאָס מיינט אָנערקענען אַלע פעלקער אַ קולטור־אויטאָנאָמיע.

„אין דערדאָזיקער ריכטונג וועט טאַקע זיין געצילט די טעטיקייט פון אונדזערע קאַנדידאַטן אין דער באַנייטער וואַרשעווער קהילה.

„דער פובליקירטער געזעץ וועגן דער קהילה האָט איינגעפירט אַ קוריע־סיסטעם, אַ וואַל־צענזוס, וואָס האָט באַזייטיקט פרויען פון וואַלרעכט און וואָס האָט באַגרענעצט די פונקציעס פון דער קהילה נאָר צו רעליגיעזע ענינים, געבנדיק פריווילעגיעס די באַזיצנדיקע קלאַסן, וואָס ברענגען אַז די קהילה זאָל זיין אָפּהענגיק פון זיי און זיי אונטערגעאָרדנט. דידאָזיקע סיסטעם באַפרידיקט ניט דער יידישער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע. דעריבער האָבן מיר ניט קיין שום אילוזיעס, אַז די ״רעפאָרמירטע״ קהילה וועט קענען באַפרידיקן די נויטן און באַדערפענישן פון די ברייטע שיכטן פון די אַרבעטער און פאָלקסמאַסן.

„אונדזערע קאַנדידאַטן וועלן ניט אָפּשטעלן דעם קאַמף פאַר דער פולער דעמאָקראַטיזירונג פון דעם קהילה־סטאַטוט, פאַר אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע, געהיימע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן אָן אונטערשייד פון געשלעכט. אַלעמען, צוגלייך מענער ווי פרויען, אין עלטער פון 20 יאָר, דאַרף געגעבן ווערן דאָס אַקטיווע און פאַסיווע וואַלרעכט צו דער קהילה.

...אונדזערע קאַנדידאַטן וועלן אונטערנעמען אין דער קהילה אַן ענערגישן קאַמף וועגן אויסשליסן פון דער קהילה־טעטיקייט די רעליגיעזע ענינים...

„רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך און די גלויביקע דאַרפן דעקן פון זייערע אייגענע פאָנדן די הוצאותן פון באַפרידיקן זייערע רעליגיעזע הצטרכותן...

„זיי וועלן פאָדערן אַן אינטענסיווע טעטיקייט אויפן פעלד פון פאָלקס־בילדונג און נעמלעך: שאַפן אַן איינהייטלעכן שול־טיפ פון אַ וועלטלעך־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער און אַן אַלגעמיינעם שול־צוואַנג".

אין דער פּלאַטפאָרם רעדט זיך נאָך וועגן יידיש אַלס די אונטעררריכט־שפּראַך, וועגן דעם, אַז די בילדונג דאַרף זיין פאַר דער ניט־פאַרמעגלעכער באַפעלקערונג אומזיסט, וועגן אָוונט־קורסן, פאָלקס־אוניווערסיטעטן, סובּסידיעס פאַרן יידישן טעאַטער און יידישע מוזעאומס. דערצו קומט אויך אַ פאָדערונג, אַז די הוצאות פאַר די יידישע קולטור־טעטיקייטן דאַרפן געדעקט ווערן פון דער אַלגעמיין־שטאַטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

עס ווערט אָנגעזאָגט אַ קאַמף קעגן דער קיצבה און פילאַנטראָפּיע־סיסטעם פון דער סאָציאַלער הילף.

די קהילה־שטייערן זאָלן זיין פּראָגרעסיוו. די קהילה־באַראַטונגען זאָלן זיין אָפענע פאַר אַלע קהילה־מיטגלידער אאַז״וו.

דער „בונד" האָט אין די קהילות, ניט געקוקט אויף זייער רעליגיעזן כאַראַקטער, געהאַט אַ גאַר אָנזעעוודיקע צאָל פאָרשטייער און טאַקע כמעט אומעטום געווען אין אָפּאָזיציע. די האָפענונגען, פון אינעווייניק רעפאָרמירן די קהילה, האָבן ניט געגעבן די געוואונטשענע רעזולטאַטן. די קהילה איז אָבער געווען אַ גאַר דאַנקבאַרע טריבונע פאַר די בונדישע ראַטמענער (אין טייל ערטער האָט דער „בונד" אַפילו געהאַט פאָרשטייער אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג).

דאָן איז צוגעקומען אַ מאָמענט, וואָס האָט בכלל גאָר באַגרענעצט די מעגלעכקייט פון זיין ווי אַן אָפּאָזיציע אין דער קהילה. אין 1928 איז דערשינען דער נייער דעקרעט פון דער פוילישער רעגירונג וועגן די קהילות, אין וועלכן עס האָט זיך אויך געפונען דער באַרימטער „פּאַראַגראַף 20", לויט וועלכן מען האָט געקענט שטרייכן פון די קאַנדידאַטישע ליסטעס ביי די וואַלן יעדן איינעם וואָס איז אַנטי־רעליגיעז. גענוג געווען אַן אָנקלאַגע אויף אַ געוויסן יחיד, אַז ער היט ניט שבת, אַז ער האָט ניט קיין כשרע קיך וכדומה, בכדי ער זאָל ניט קענען קאַנדידירן צו די וואַלן. אַזעלכע זענען בכלל געשטראָכן געוואָרן אויך פון די וויילער־רשימות.

דאַן האָט דער „בונד" באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן פון דידאָזיקע קהילות. דער אַרויסטריט איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ געהעריקער דעקלאַראַציע, וואו עס איז אויפגעקלערט געוואָרן פאַרוואָס עס ווערט געטאָן, אַז דאָס איז ניט קיין אַקט קעגן דער קהילה־אינסטיטוציע בכלל, נאָר אַ רעזולטאַט פון די פאַרקריפּלטע דעקרעטן און דער תקיפות פון די וואָס האָבן געהאַט די קהילה אונטער זייער אָנפירערשאַפט. אין יולי 1929 איז דער „בונד" אַרויסגעטראָטן פון דעם וואַרשעווער קהילה־ראַט און פאַרוואַלטונג. עס איז דערביי געלייענט געוואָרן אַ געהעריקע דעקלאַראַציע. דער אַרויסטריט פון דער וואַרשעווער קהילה האָט גורם געווען, אַז עס זאָל בכלל געשטעלט ווערן די פראַגע וועגן אָנטייל אין דער קהילה אין אַלגעמיינעם.

אין יאָר 1936 האָט אַ פאַרטיי־ראַט פון „בונד" באַשלאָסן צו רעווידירן דעם באַשלוס פון זיין מחוץ דער קהילה.

אין סעפטעמבער 1936 גייט דער „בונד" צו די ווארשעווער קהילה־וואלן. דער רעזולטאט איז געווען:

„בונד" — 10,767 שטימען און 15 מאנדאטן אין ראט (חוץ 5 אין דער פארוואלטונג).

„אגודה" — 8,256 שטימען און 10 מאנדאטן.

„נאציאנאלער בלאק" (ציוניסטן) — 6,982 שטימען — 9 מאנדאטן.

„מזרחי" — 2,205 שטימען און 3 מאנדאטן.

„פועלי־ציון" (צ"ס) — 2,046 שטימען און 2 מאנדאטן.

„פועלי־ציון לינקע" — 915 שטימען און 1 מאנדאט.

„פאלקספארטיי" (פרילוצקי) — 972 שטימען און 1 מאנדאט.

ניט נאר אין ווארשע איז דער „בונד" ביי די קהילה־וואלן געווארן די גרעסטע פראקציע, אזוי האט זיך עס איבערגעחזרט אין דער פראווינץ, למשל:

אין ווילנע האט דער „בונד" באקומען 1,157 שטימען און 5 מאנדאטן (אין 1928 — 566 שטימען און 3 מאנדאטן). דער בלאק פון „אגודה", „מזרחי" און אנדערע רעליגיעזע גרופן — 832 שטימען.

אין לובלין האט דער „בונד" באקומען 9 מאנדאטן (קרוב 2,000 שטימען). די „אגודה" — 8 מאנדאטן און דער ציוניסטישער בלאק — 3 מאנדאטן.

אין פיעטריקאוו האט דער „בונד" באקומען 669 שטימען 30% פון אלע שטימען) און 6 מאנדאטן. די „אגודה" 262 שטימען און 2 מאנדאטן, דער ציוניסטישער בלאק 162 שטימען און 1 מאנדאט,ביידע פועלי־ציון פארטייען צו 1 מאנדאט.

אויסער די שטאטראטן און קהילות האט נאך דער „בונד" געהאט זיינע פארשטייער, אויסגעוויילט, אויפן דעמאקראטישע וואלן אין די קראנקן־קאסעס, די אנשטאלטן פון דער סאציאלער פארזיכערונג. אין דידאזיקע אינסטיטוציעס איז אבער ניט אויסגעקומען לאנג צו האבן דעמאקראטיש־געוויילטע פארשטייער, ווייל די רעגירונג האט זיי פונאנדערגעלאזט און אריינגעזעצט קאמיסארן.

די וויכטיקייט פון דער ארבעט פון די בונדישע פארשטייער אין די דערמאנטע עפנטלעך־רעכטלעכע אינסטיטוציעס, און בכלל כדי צו פאר־איינהייטלעכן די טאקטיק פון די בונדישע פארשטייער, זענען פון צייט צו צייט גערופן געווארן לאנד־קאנפערענצן פון די בונדישע ראטעמענער אין די שטאטראטן, קהילות און קראנקן־קאסעס.

אין יאר 1925 איז פארגעקומען א לאנד־קאנפערענץ פון די בונדישע קהילה־ראטעמענער.

אין יאר 1926 איז פארגעקומען א לאנד־קאנפערענץ פון די בונדישע ראטעמענער אין די קראנקן־קאסעס.

אין יאר 1928 איז פארגעקומען א לאנד־קאנפערענץ פון די פארשטייער פון „בונד" אין די שטאטראטן און קהילות.

13. די פראַפעסיאָנעלע באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער

די פראַפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער זענען געווען די וויכטיקסטע באַזע פון דער בונדישער פּאָליטישער טעטיקייט. פון דאַנען האָט דער „בונד" ווערבירט זיינע אָנהענגער, דאָ דורכגעזעצט זיינע פּאָליטיש־פּרינציפּיעלע אידעען, פון דאַנען רעקרוטירט די פּעריפעריע פאַר ברייטע מאַסן אַקציעס.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט וועגן דעם „טריק", וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן די ערשטע דייטשישע אָקופּאַנטן אין יאָר 1915. איידער זיי זענען געקומען האָט מען שוין „אָרגאַניזירט" אָפּענע פראַפעסיאָנעלע פאַראיינען. ווען די אָקופּאַנטן זענען געקומען האָבן זיי שוין געפונען אין וואַרשע פאַראיינען — ריכטיקער שילדן אויף הייזער, אַז דאָ געפינען זיך „בראַנזשע פאַראיינען". די דייטשן האָבן אָנגענומען, אַז דאָס זענען אַזעלכע פאַראיינען, וואָס עקזיסטירן שוין פון לאַנג. דאַן איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער שפּעטערדיקער אין פוילן פאַרצווייגטער פראַפעסיאָנעלער באַוועגונג. דאַן האָבן זיך אַזוי „אָרגאַניזירט" די ווייטערדיקע פאַכן: לעדער, נאָדל, פּאַפּיר, האָלץ־גאַלאַנטעריע, לעדער־גאַלאַנטעריע, טעקסטיל, בוי, דער־נערונג, מעטאַל, בעקער. שפּעטער זענען צוגעקומען נאָך די פאַכן: מאָדע (היט), טאַבאַק און דרוקער. עס איז דאַן אויך אויסגעבילדעט געוואָרן אַ צענטראַלע ביוראָ פון די באַזונדערע בראַנזשע־פאַראיינען.

די גרינדער פון דידאָזיקע פאַראיינען זענען כמעט אין הונדערט פּראָ־צענט געווען בונדיסטן. בכלל איז געווען אַ טראַדיציע, אַז דער „בונד" איז געווען דער שאַפער פון די ערשטע פראַפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס ביי יידן. די ערשטע צענטראַליזירטע פאַראיינען שוין אין צאַרישן רוסלאַנד האָבן זיך אַפילו אין זייערע נעמען אידענטיפיצירט מיטן „בונד" — דער „גאַרבער־בונד", דער „בערשטער־בונד".

די פראַפעסיאָנעלע באַוועגונג איז אָבער אויך געווען דער פּלאַץ פון קעגנזייטיקע אידעאישע שטרייטן — סיי כדי צו באַווירקן די מיטגלידער, סיי בכדי צו האָבן די אָנפירערשאַפט אין די פאַראיינען.

נאָכדעם ווי עס האָבן שוין עקזיסטירט די פראַפעסיאָנעלע אָרגאַני־זאַציעס, וואָס זענען געווען אונטער דער ווירקונג און פירערשאַפט פון „בונד", האָבן זיך אויך געשאַפן, נאָך אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע, 2 אַנדערע פראַפעסיאָנעלע פאַראייניקונגען: פריער פון די פּועלי־ציון אונ־טערן נאָמען: „אומפּאַרטייאישע צענטראַל־ביוראָ פון די פראַפעסיאָנעלע פאַראיינען". עס האָבן צו דער פאַראייניקונג געהערט די פאַכן: קינסטלעכע בלומען, בלעטער־מאַכערינס, נייטאָרינס, קאָלדרע־מאַכערינס, קעלנער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע. אין 1916 האָט זיך געשאַפן אַ דריטע צענטראַלע אונטער דער השפעה פון די ס.ס. מיטן נאָמען: „צענטראַל־ביוראָ פון די

אומפּאַרטייאישע פאַך־פּאַראיינען". דאָ האָבן געהערט: פליישער, וועש־נייטאָרינס, קאָשולקע־מאַכערס, פריזירער און טרעגער. די צענטראַלעס האָבן זיך שפּעטער פאַראייניקט מיט דער צענטראַל־ביוראָ.

דער פאַקט איז אָבער געבליבן, אַז די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, הגם דאָ האָבן זיך אָפּגעשפּילט די פאַרביטערטסטע אידעאישע און אָפּטמאָל בלוטיקע קאַמפן, און וואָס עס האָבן עקזיסטירט עטלעכע צענטראַלעס (אַ פּאָר יאָר פאַרן אויסברוך פון דער 2טער וועלט־מלחמה האָבן אויך די פּועלי־ציון (צ"ס) געשאַפן אַ פּראָפעסיאָנעלן ראַט), איז געווען געפירט פון בונדיסטן.

די פאַרשידענע עטאַפּן פון דערדאָזיקער באַוועגונג פאַרלאַנגען אַ באַזונדער קאַפּיטל. דאָ שטעלן מיר זיך דאָך אָפּ אויפן אָנטייל פון „בונד" אין דער באַוועגונג. דער לאַנדראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען פון די יידן, אָנגעפירט פון „בונד" איז געווען אָנגעשלאָסן אָן דער צענטראַל־קאָמיסיע פון דער אַלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון דער פּ.פּ.ס. די פאָרשטייער פון די יידישער אַרבעטער אין דער צענטראַלער קאָמיסיע זענען געווען בונדיסטן: וויקטאָר אַלטער, חיים וואַסער, שרה שוועבער, אַרטור זיגעלבוים.

אין יאָר 1922 האָבן זיך די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פאַראייניקט מיט דער אַלגעמיינער פּוילישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. דאַן האָט דער יידישער לאַנדראַט פאַרמאָגט 7 צענטראַליזירטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען מיט 205 אָפּטיילונגען אין לאַנד. פאַר דער פאַראייניקונג מיט דער פּוילישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג איז פאָרגעקומען אַ פאַראייניקונג פון די באַזונדערע יידישע פאַראיינען. אויפן דאָזיקן יידישן פאַראייניקונג־צוזאַמענפאָר זענען געווען 39 דעלעגאַטן. לויט דער אַנקעטע וואָס איז דאַן אויסגעפילט געוואָרן פון די דעלעגאַטן האָבן פאַרטייאיש געהערט: צום „בונד" 29, צו די קאָמוניסטן — 5, צו די פּועלי־ציון און צו די צ.ס. צו 1.

אָט איז די רשימה פון די יידישע פאַראיינען, וועלכע האָבן זיך דאַן פאַראייניקט מיט די פּוילישע פאַראיינען:

	פאַראיין	אָפּטיילונגען	מיטגלידער
1.	דערנערונג	17	3,085
2.	דרוקער	10	1,774
3.	האָלץ	23	2,575
4.	באַקליידונג	79	14,680
5.	מעטאַל	10	2,040
6.	לעדער	54	10,972
7.	טעקסטיל	12	11,075
	צוזאַמען	205	46,201

די יידישע פראפעסיאנעלע באוועגונג איז כסדר געוואקסן. לאנד־קאנפערענצן פון פארשיידענע בראנזשעס און אלגעמיינע יידישע קאנגרעסן האבן אפגעצייכנט דעמדאזיקן וואוקס.

צום 6טן קאנגרעס פון די יידישע פראפעסיאנעלע פאראיינען אין 1937 זענען שוין געווען אין דעם לאנדראט ארגאניזירט 72 טויזנט יידישע אר־בעטער. אויפן דאזיקן קאנגרעס זענען געווען פארטראטן 253 דעלעגאטן. דער פארטייאישער צוזאמענשטעל איז געווען: בונדיסטן — 191, קאמוניסטן — 51, פועלי־ציון — 9, אומפארטייאישע — 2.

אין זעלביקן יאר, אפריל 1937, איז פארגעקומען דער לאנד־צוזאמענ־פאר פון די דערנערונג־ארבעטער פון גאנץ פוילן (בעקער, פליישער, צו־קערוואַרג־ארבעטער אאז"וו). צווישן די דעלעגאטן זענען געווען 20 יידן, פון זיי 17 בונדיסטן און 3 קאמוניסטן.

מיר האבן געוויסע ידיעות פון צוזאמענפארן פון פארשידענע פראַ־פעסיאנעלע פאראיינען אין משך פון די יארן 1934, 1935, 1936. עס איז כדאי דא צו אנגעבן די ציפערן פון דער אידעאישער אנגעהעריקייט פון די דעלעגאטן:

אין יוני 1934 איז פארגעקומען דער צוזאמענפאר פון דעם כאלופניקעס־פאראיין (היים־ארבעטער). פון 55 דעלעגאטן זענען 53 געווען בונדיסטן און 2 קאמוניסטן.

דעם 15טן פעברואר 1935 איז פארגעקומען דער צוזאמענפאר פון די האנדלס־אנגעשטעלטע. פון 55 דעלעגאטן זענען געווען 42 בונדיסטן, 12 קאמוניסטן אדער אומפארטייאישע און 1 פועלי־ציון.

דעם 30טן יוני 1935 איז פארגעקומען דער לאנד־צוזאמענפאר פון די לעדער־אינדוסטריע־ארבעטער (קאמאשנשטעפערס, שוסטערס, הענטשקע־מאכערס, בייטלמאכערס, רימערס א"א). פון די 50 יידישע דעלעגאטן זענען געווען 38 בונדיסטן, 7 קאמוניסטן, 3 פועלי־ציוניסטן און 2 אומפארטייאישע.

אין אקטאבער 1936 איז פארגעקומען דער לאנד־קאנגרעס פון די ארבעטער פון דער גרעסטער יידישער אינדוסטריע — באקליידונג־ארבעטער. פון די 77 יידישע דעלעגאטן האבן זיך 61 דעקלארירט ווי בונדיסטן, 15 ווי קאמוניסטן און 1 פועלי־ציוניסט.

אין מאי 1936 איז פארגעקומען דער לאנד־קאנגרעס פון די טעקסטיל־ארבעטער אין פוילן. אלע יידישע דעלעגאטן זענען געווען בונדיסטן.

אין דעצעמבער 1936 איז אין ווארשע פארגעקומען דער לאנד־צו־זאמענפאר פון אלע יידישע דרוקער־ און איינבינדער־ארבעטער. פון די 31 דעלעגאטן זענען 20 געווען בונדיסטן, 9 קאמוניסטן און אומפארטייאישע און 1 פועלי־ציון.

פון 1937 און ווייטער קומט פאר א ווייטערדיקער וואוקס און א קאנ־סאלידאציע פון דער יידישער פראפעסיאנעלער באוועגונג. די איינציקע

אַקטיווע, הגם קליינע, אָפּאָזיציע אין דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, די קאָמוניסטישע, פאַרשווינדט. דער קאָמאינטערן האָט דערקלערט דער פוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווי אַ פּאַרטיי פון פּראָוואָקאַטאָרן און פאַרעטער, און לאָזט פונאַנדער דערדאָזיקער פּאַרטיי.

אין רעזולטאַט דערפון געפינען זיך צענדליקער קאָמוניסטישע טוער אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין אַ זייער קאָמפּליצירטער לאַגע. אָפּגעגאַרט און באַליידיקט רוקן זיך טייל אַוועק פון אַקטיווער אַרבעט. אַ גאָר היפּשער טייל זעצט ווייטער וואָס די טעטיקייט אָבער שוין ניט ווי קאָמוניסטן, געוויסע עלעמענטן האָבן זיך דאַן דערנעענטערט צום „בונד״. אויפן „בונד״ ווערט אַרויפגעלייגט אַ גרעסערע אַחריות, ווייל אין יענער צייט איז די צאָל פון די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער אין די פאַראיינען דערגאַנגען ביז הונדערט טויזנט בערך.

אָט איז דער אָרגאַניזאַציאָנעלער צושטאַנד פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען צום 7טן לאַנד־קאָנגרעס פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס איז פאַרגעקומען אין 1939, פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה:

פאַראיין	אָפּטיילונגען	מיטגלידער
צושטאַנד אויפן 1טן יאַנואַר 1939		
1. באַקליידונג־פאַראיין	93	16,960
2. לעדער־פאַראיין	52	6,030
3. האַנדלסאָנגעשטעלטע־פאַראיין	27	12,514
4. רעפּרעזענטאַנץ פון לערער־פאַראיינען	56	2,842
5. טעקסטיל־פאַראיין	11	12,500
6. דערנערונג־פאַראיין	27	6,500
7. בוי־פאַראיין	19	5,000
8. טראַנספּאָרט־פאַראיין	35	5,641
9. פאַראיין פון עפנטלעכן געברויך (כעמישער, הויז־ווירטשאַפט, פוילישער מעטאַל־פאַראיין)	13	6,700
10. פריזירער־פאַראיין	18	4,750
11. דרוקער־פאַראיין	11	1,741
12. מעטאַל־פאַראיין	9	4,185
13. צייטונג־פאַרשפּרייטער־פאַראיין	5	307
14. כאַלופּניקעס־פאַראיין	110	11,550
15. לאָקאַלע קלענערע פאַראיינען	12	1,590
צוזאַמען	498	98,810

14. שול־ און דערציאונג־אינסטיטוציעס

דער „בונד" איז געווען פון די אַקטיווסטע אין דער בויאונג פון דער יידיש־וועלטלעכער שול־באַוועגונג.

שוין האַרט פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה איז אין וואַרשע געגרייט געוואָרן דאָס עפענען פון אַ יידישע שול מיט יידיש ווי די אונטער־ריכט־שפּראַך. די איניציאַטאָרן זענען געווען בונדיסטן. די מלחמה האָט דעם פּראָיעקט ניט דערלויבט צו רעאַליזירן.

גלייך אין ערשטן יאָר פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, אין 1915, ווערט אין וואַרשע דורך בונדיסטן דערעפנט די גראָסער קינדערהיים, וואָס איז געעפנט געוואָרן אין אָקטאָבער 1915. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אונטער דער דירעקטער בונדישער אָנפירערשאַפט. עס איז אויסגעוואַקסן מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַ גאַנצע גרופּע גראָסער־שולן אויפן נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם בונדישן פירער בראָניסלאַוו גראָסער.

אויך אין דער פּראָווינץ הויבן זיך אָן צו שאַפן טיפן שולן דורך די אָרטיקע בונדישע אָרגאַניזאַציעס. עס שאַפן זיך שולן און קינדערהיימען אין לאָדזש, ביאַליסטאָק, בריסק, כעלם, קאַליש, קאָלושין, שעדלעץ, פּיעט־ריקאָוו, טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק, פּינסק און אַנדערע.

אין אָנהייב 1919 האָבן די בונדישע טוער געפּרואווט ביי דער מאַכט צו לעגאַליזירן אַ סטאַטוט פאַר אַ שול־אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „אונדזע־רע קינדער", כדי צו צענטראַליזירן, פאַראייניקן און פאַראייןהייטלעכן די גאַנצע שול־באַוועגונג, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער פירערשאַפט פון „בונד".

דער „בונד" האָט זיך אָבער גלייך פון דעם אָנהייב פון דער דייטשישער אָקופּאַציע אויך באַטייליקט אין די אַלגעמיין־יידישע אַקציעס פאַרן שול־וועזן בכלל. דאָרטן האָט דער „בונד" אַרויסגעטראָגן זיין פּרינציפּיעלע שטעלונג צו דעם גאַנצן פּראָבלעם פון שול־וועזן.

אין יענער צייט איז טאַקע פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון לערער־גרופּן, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, כלל־טוער און שריפטשטעלער פון פאַר־שידענע ריכטונגען. פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ איז געווען דער ציוניסט אַדוואָקאַט אַבא אַלשוואַנגער. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ מעמאָראַנדום צו דער אָקופּאַציע־מאַכט וועגן יידישן שול־וועזן. אויף דער קאָנפערענץ זענען אַרויסגעטראָטן צוויי געגנעראַל־רעדנער: העשל פאַרבשטיין מצד די ציוניסטן און וולאַדימיר מעדעם מצד דעם „בונד". די מערהייט האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון מעדעמס פאָרמולירונג — מיט 44 שטימען קעגן 35 ווערט אָנגענומען די פאָרגעלייגטע דורך מעדעמען רעזאָלוציע, וואו עס זאָגט זיך:

„...1) שולצוואַנג מוז זיין אָבליגאַטאָריש פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, ווי פאַר דער אַלגעמיינער.

„2) איבערן פראָגראַם, אָרגאַניזירונג און לייטונג פון דער יידישער שול דעצידירט די יידישע באַפעלקערונג אַליין.

„3) צו דער צוועק ווערט געשאַפן אַ שולראַט, וואָס ווערט געוויילט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. די קעגנ־ווערטיקע פאַרטרעטער פון דער יידישער גמינע פון דער בילדונג־סעקציע ביים בירגער־קאָמיטעט, אַלס פערזאָנען, וואָס זענען פרעמד דעם יידישן פאָלק און זיין גייסט, קענען בשום אופן נישט רעפּרעזענטירן די יידישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג.

„4) די יידישע שולן דאַרפן אויסגעהאַלטן ווערן אויפן חשבון פון דער שטאָט־קאַסע.

„5) יעדער גרופּע פון דער יידישער באַפעלקערונג ווערט געגעבן די מעגלעכקייט צו עפענען שולן אין דער אונטער־ריכט־שפּראַך, וועלכע זי פאַרלאַנגט".

די יידישע צייטונגען האָבן פאַרעפנטלעכט די רעזאָלוציע, אָבער אָן די לעצטע, צוויי, פּרינציפּיעלע פּונקטן.

מיט אַ צייט שפּעטער, פעברואַר 1917, איז געשאַפן געוואָרן אַ געמיינ־זאַמער קאָמיטעט פון נייעם יידישן שול־וועזן, באַקאַנט אונטערן נאָמען „דינעזאָן־מעדעם־רייכמאַן־קאָמיטעט". אין דאָזיקן קאָמיטעט זענען געווען פאַרטראָטן: די יידישע ליטעראַטור — דינעזאָן, דער „בונד" — מעדעם און די פּועלי־ציון — רייכמאַן.

דערדאָזיקער קאָמיטעט האָט עקזיסטירט ביז דעם ערשטן שול־צוזאַ־מענפאָר אין יולי 1921, אויף וועלכן עס האָט זיך געגרינדעט די „צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע", באַקאַנט פון דעם קיצור „ציש״אָ".

דער פאָרזיצער פון ערשטן שול־קאָמיטעט איז געווען וולאַדימיר מעדעם. די פאָרזיצערס פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע, פון איר ערשטן צוזאַמענפאָר ביז 1939, זענען געווען: פון 1921 ביז 1928 — ביניש מיכאַלעוויטש; פון דאַן ביז 1935 — יוסף לעשטשינסקי (כמורנער); פון 1935 ביז דעם חורבן — ח. ש. קאַזדאַן. אַלע זענען זיי פון דעם פירנדיקן קאַדער פון „בונד".

דער ערשטער שול־צוזאַמענפאָר איז באַשטאַנען פון 4 פראַקציעס און די 376 דעלעגאַטן האָבן אָנגעגעבן זייער פּאָליטישע אידענטיפיקאַציע ווי ווייטער:

ליסטע 1, „פּאַראייניקטע" — 53 דעלעגאַטן.

ליסטע 2, „בונד" — 133 דעלעגאַטן.

ליסטע 3, אומאָפּהענגיקע שול־פּראַקציע — 63 דעלעגאַטן.

ליסטע 4, לינקע פּועלי־ציון — 126 דעלעגאַטן.

מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז גאָר אינגיכן איז דידאָזיקע צעטיילונג

געוואָרן ניט אַקטועל. די מערהייט פון די „פּאַראײניקטע" זענען אַרײנגעטראָטן אין „בונד". אויך אַ גאָר גרויסער טייל פון די אַ"ג „אומאָפּהענגיקע שול־פּראַקציע" איז באַשטאַנען פון עלעמענטן נאָענט צום „בונד" און וועלכע האָבן שפּעטער פאַרנומען גאָר וויכטיקע אַמטן אין דער בונדישער באַוועגונג. אַזוי למשל זענען צווישן די „אומאָפּהענגיקע" געווען: ש. מענדעלסאָן, ח. ש. קאַזדאַן, א. ליטוואַק א"אַ.

אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט די בונדישע פראַקציע געהאַט 111, וואָס מיינט 42 פּראָצענט (אויפן פריערדיקן נאָר 35 פּראָצענט). די געוועזענע „פּאַראייניקטע" האָבן פון 53 זיך רעדוצירט אויף 14 דעלעגאַטן.

דער יידישער לערער־סעמינאַר אין ווילנע האָט געטראָגן דעם נאָמען וולאַדימיר מעדעם. דער באַרימטער אַנשטאַלט פון דעם יידיש־וועלטלעכן סעקטאָר האָט געטראָגן דעם נאָמען פון מעדעמען — מיר מיינען דאָ די קינדער־סאַנאַטאָריע אויפן נאָמען פון וולאַדימיר מעדעם אין מיעדזשעשין.

דאַרף מען ביים דאָזיקן קאַפּיטל צוגעבן, אַז די יידיש־וועלטלעכע שול האָט ביים סתם־עולם געהייסן „בונדישע שולן", און מען דאַרף זאָגן, אַז דידאָזיקע באַצייכענונג איז געווען ריכטיק אין דעם פּרט, וואָס די טוער אין און אַרום די שולן זענען געווען בונדיסטן. די לערער פון די שולן זענען אויך אין צענדליקער שטעט געווען די טוער פון „בונד" (ראַטמענער אין שטאָטראַטן און קהילות). אַ גאָר גרויסער פּראָצענט פון דעם בונדישן נאַכוואוקס, די סקיפּיסטן, די מיטגלידער פון דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע, זענען געווען תלמידים פון די יידיש־וועלטלעכע שולן. לסוף, אין פיל ערטער זענען די שול־לאָקאַלן געווען אויך די פּאַרטיי־קלובן פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס.

15. אין די קולטור־ און בילדונג־אינסטיטוציעס

שוין פון די ערשטע טעג פון דער אַנטשטייאונג פון „בונד" איז די קולטור־טעטיקייט, די אויפקלערונג־אַרבעט געווען איינע פון די וויכטיקסטע עובדות. פאַרשפּרייטן וויסן, פּשוטן, עלעמענטאַרן וויסן, אָפּטמאָל לייענען און שרייבן, איז געווען אויפן סדר־היום פון דער באַוועגונג.

יידישע ביבליאָטעקן (און טאַקע אין געהיים) זענען געשאַפן געוואָרן דורך די אומלעגאַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין הונדערטער שטעטלעך פון „תחום־המושב" אין צאַרישן רוסלאַנד. ווען די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע, נאָך 1905, איז דורכגעפאַלן, און עס האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשטעלט יעדע פּאָליטישע אַרבעט, איז שטאַרק אויסגעוואָקסן די אַקטיוויטעט פון קולטור־אַרבעט. עס קומען אויף פאַרשידענע קולטור־ליטעראַרישע געזעלשאַפטן, אין וועלכע די בונדיסטן זענען פון די אַקטיווסטע.

די דאָזיקע טראַדיציע האָט געווירקט אין פוילן. שוין אין דער צייט

פון דער ערשטער דייטשישער אָקופּאַציע, איידער עס איז אויפגעקומען די פּוילישע נייע מלוכה, זענען אויפגעקומען אין פיל צענדליקער שטעט און שטעטלעך פאַרשידענע קולטור־אינסטיטוציעס. אָפט זענען די איניציאַטאָרן, אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפירערס געווען בונדיסטן.

עס זענען אויסגענוצט געוואָרן פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אַלטע, לעגאַליזירטע שוין פון פריער, אינסטיטוציעס, למשל, די „געזעלשאַפט צום קאַמף קעגן אַנאַלפאַבעטיזם" אין וואַרשע, די „האַרפע" אין לאָדזש, דער „הזמיר" אין טשענסטאָכאָוו אאַז"וו.

אויך האָבן זיך געשאַפן קולטור־קאָמיסיעס, קלובן און ביבליאָטעקן ביי די געגרינדעטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. מען האָט אויך פאַרוואַנדלט די אַרבעטער־קיכן, טיי־האַלעס און אַנדערע אַנשטאַלטן פון דעם מין אין קולטור־ווינקלען. אַן אַנקעטע, וואָס עס האָט דורכגעפירט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" סוף 1918 און אָנהייב 1919 וועגן די פאַרשידענע אינסטיטוציעס, פאַראיינען, געזעלשאַפטן, וואָס די אָרטיקע בונדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן דאַן פאַרמאָגט, האָט געגעבן אויך ידיעות וועגן די קולטור־געזעלשאַפטן.

עס האָבן בכלל געענטפערט 105 שטעט און שטעטלעך. עס פעלט כמעט גאַנץ גאַליציע און אַ טייל שטעט האָבן ניט צוגעשיקט די ענטפערס. נעמען מיר אַרויס פון די ענטפערס נאָר די ידיעות וועגן די קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס עס זענען דאָרט פאַראַן, מיר דערוויסן זיך, אַז עס זענען דאַן געווען אונטער דער אָנפירונג פון „בונד":

אין 33 שטעט — קלובן אויפן נאָמען „בראָניסלאַוו גראָסער".

אין 18 שטעט זענען געווען געזעלשאַפטן „צוקונפט" (ניט צונויפמישן מיט דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט").

אין 3 שטעט זענען געווען געזעלשאַפטן „קולטור". אין 2 שטעט — „פּראָגרעס", אין 2 שטעט — „פאָרווערטס", אין 2 שטעט — „הזמיר", אין 2 שטעט „געזעלשאַפט צום קאַמף קעגן אַנאַלפאַבעטיזם". אין אַ ריי שטעט האָבן עקזיסטירט „שול און בילדונג פאַראיין", „פּרץ־ביבליאָטעק", „האַרפע", „אַרבעטער־קולטור־פאַראיין", „יוגנט־פאַראיין", אאַז"וו. כמעט אומעטום זענען ביי די געזעלשאַפטן געווען ביבליאָטעקן און לייען־זאַלן. געווען דאָרטן כאָרן, דראַמאַטישע קרייזן און אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע.

אַלץ ווייטער האָט דידאַקטיקע אַרבעט פאַרנומען ביים „בונד" אַ גאָר גרויסן אָרט. די קולטור־און אויפקלערונג־טעטיקייט פון „בונד" איז געווען אַ צענטראַליזירטע און קאָאָרדינירטע. צוליב אַ ריי סיבות, און פריער פאַר אַלץ יורידיש־רעכטלעכע און אָפט אויך צוליב פּאָליציייאיש־ווילקירלעכע (פון וואָס עס האָבן אַגב אין אַ געוויסער מאָס געליטן אויך אַנדערע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס), האָבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן די אָרטיקע געזעלשאַפטן אויפן סמך פון לאָקאַלע סטאַטוטן. דער „בונד" האָט בכן געהאַט

אַ צענטראַלע קולטור־אינסטיטוציע, די געזעלשאַפט „קולטור־ליגע" (ניט פאַרבייטן מיטן פאַרלאַג אויפן זעלביקן נאָמען), וואָס האָט געהאַט די צענט־ראַלע אין װאַרשע און באַזעסן דאָס רעכט צו עפענען אָפּטיילונגען אין גאַר דער לאַנד. די בונדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן טאַקע געעפנט פיליעס פון דער „קולטור־ליגע". אין פילע שטעט און שטעטלעך זענען עס פאַקטיש געווען די קלובן פון „בונד".

ביי די קולטור־ליגעס האָבן עקסיסטירט ביבליאָטעקן און פאָלקס־אוניווערסיטעטן, כאָרן און דראַמאַטישע קרייזן. די צענטראַלע פון דער קולטור־ליגע האָט געהאַט אַ ביבליאָטעקן־צענטער, אין וועלכן עס זענען געווען אָנגעשלאָסן העכער 1,000 יידישע ביבליאָטעקן אין לאַנד. די צענט־ראַלע פון „קולטור־ליגע" האָט יאָר־יערלעך איינגעאָרדנט זומער־קאָלאָניעס אין די בערג, ביים ברעג פון ים און אַנדערע קור־ערטער, פון וואָס עס האָבן גענאָסן טויזנטער, אויספלוגן אין אויסלאַנד וכדומה.

אַ וויכטיקער אָפּשניט פון דערדאָזיקער טעטיקייט זענען געווען די עפנטלעכע רעפעראַטן, וואָס די שטעטלעך האָבן איינגעאָרדנט מיט לעקטאָרן פון דער פרעמד. דידאָזיקע אַרבעט איז שוין געשטאַנען אונטער דער די־רעקטער אָנפירונג פון סעקרעטאַריאַט פון בונדישן צענטראַל־קאָמיטעט. עס זענען געווען שטענדיקע אַרומפאָרנדיקע לעקטאָרן און כמעט יעדער בונדישער טוער, אָנפירנדיקע יחידים, שרייבער און ליטעראַטן, פלעגן סוף־וואָך אַרויספאָרן אין דער פּראָווינץ.

דער ביבלאָטעקן־צענטער ביי דער „קולטור־ליגע", אָנגעפירט פון בונ־דישן טוער הערמאַן קרוק, האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן ביולעטען מיט אָנווייזונגען און אינפאָרמאַציעס און האָט אויך אָרגאַניזירט ביבילאָטעקאַרן־קורסן.

חוץ אין אייגענע פאַרטייאישע קולטור־געזעלשאַפטן זענען בונדיסטן געווען פון אָנפירנדיקע און אַקטיווע יחידים אין אַלגעמיין־יידישע, צענט־ראַלע אָדער אָרטיקע, קולטור־אינסטיטוציעס, ווי צום ביישפּיל, דער יידיש־וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, סיי דער צענטראַלע אין ווילנע, סיי די פאַר־שידענע אָפּטיילן, פריינד און זאַמלער אין דער פּראָווינץ.

די אָנפירער פון דער ספּעציעלער אַלגעמיינער קולטור־ און בילדונג־אינסטיטוציע פאָרן ווילנער געגנט, „צ.ב.ק." (צענטראַלער בילדונג־קאָמיטעט) — זענען געווען פיאָנערן און אַקטיווע טוער פון „בונד" (ווירגילי קאַהאַן, אַננאַ ראָזנטאַל — די לעצטע איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די באָלשע־וויקעס אין 1940).

דער „בונד" האָט אַרויסגעגעבן ספּעציעלע צייטשריפטן פאַר קולטור און ליטעראַטור, פריער די „וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור" און נאָכדעם דעם „פאָראויס", וואָס איז דערשינען אין משך פון עטלעכע יאָר ביז דעם אויסברוך פון דער מלחמה אין 1939, אַרום וועלכע עס האָבן זיך גרופּירט

פיל פון די אין יידיש שאַפנדיקע שרייבער, דיכטער, עסייאיסטן אדג״ל, אַפילו ניט אָנגעהעריקע צום „בונד״.

בונדיסטן (טאָקע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט) האָבן אָנגעפירט מיט דעם יידישן ביכער־פאַרלאַג אין פוילן, פריער „קולטור־ליגע״ און שפּעטער „קולט־בוך״.

16. קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג *)

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג איז אויפגעקומען ביים סוף פון דער ערשטער דייטשישער אָקופּאַציע ווי אַ נויטווענדיקייט בעת דער דעמאָלטיקער נויט און מאַנגל אין פּראָדוקטן פון ערשטן באַנוץ. דער יקרות און די שפּעטערע קולאַציע האָט דיקטירט דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג אויפצושטעלן קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון, וואו די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג זאָל קענען באַקומען אין אַלגעמיין די נויטיקע פּראָדוקטן און בעיקר טאָקע אויף צוגענגלעכע פּרייזן. אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס איז דער „בונד״ דאָן געווען גאָר אַקטיוו אין אויפשטעלן אַ נעץ פון קאָאָפּעראַטיווע געוועלבער, אָנגעפירט פון אַ צענטראַלע, וואָס קויפט־איין און אָרגאַניזירט דעם פאַרקויף פון פּראָדוקטן, וואָס זענען אויפן פרייען מאַרק שווער געווען צו באַקומען. עס האָט געהייסן סיי קאַמף מיטן יקרות, סיי פשוט הילף קעגן הונגער.

אין דער פריער־דערמאָנטער אַנקעטע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אָנהייב 1919, באַקומען מיר אויך ידיעות וועגן דער צאָל קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זענען דאָן אָנגעפירט געוואָרן פון די בונדישע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און אָנגעשלאָסענע אין דער בונדישער קאָאָפּעראַטיווער צענטראַלע.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע פאַרשמעלערט געוואָרן, אָבער עס איז אויפגעקומען אַ פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע. דאָס איז געוואָרן נויטיק צוליב דעם, וואָס דער עקאָנאָמישער קריזיס פריער, און נאָך שפּעטער די אַנטי־יידישע עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק פון די פּוילישע רעגירונג־פאַקטאָרן, האָבן אַרויסגעשטויסן יידישע אַרבעטער און האַנטווערקער פון דער אינדוסטריע. עס קומען־אויף אַ ריי פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון פון פאַרשידענע אינדוסטריעס, וואָס ווערן אָנגעפירט פון „בונד״. עס זענען געשאַפן געוואָרן קאָאָפּעראַטיוון אין דער מעטאַל־אינדוסטריע, בערשטעריי, לעדער־אויסאַרבעטונגען (וואַלקערס), טעקסטיל וכדומה. דידאָזיקע אַרבעט איז געפירט געוואָרן צוזאַמען מיט דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

אין דער לעצטער פאַזע פון דערדאָזיקער קאָאָפּעראַטיווער טעטיקייט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט באַשעפטיקן די אַרויסגעשטויסענע פון דער פּראָדוקציע יידישע אַרבעטער צוליב דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק, ווי

---

*) זען אויך ד״ר שאַשקעס אַרטיקל וועגן דעם ענין אין דעם יאָרבוך.

אויך מיט דעראָבערן פאַרשידענע נייע פּראָדוציר־צווייגן, האָבן די קאָאָפּעראַטיוון געהאַט די אונטערשטיצונג פון דעם פּראָדוקטיוויזאַציע־פאָנד פון דעם „דזשאָינט". טייל טעטיקייטן זענען געפירט געוואָרן אויך ביי דער מיטאַרבעט פון דעם „אָרט".

בכדי צו פאַרלייכטערן די אַרבעט פון די קאָאָפּעראַטיוון, האָט עקזיסטירט אַ קרעדיט־אינסטיטוציע, „אַרבעטער־קרעדיט־צענטראַלע", אָנגעפירט פון וויקטאָר אַלטער און זדזיסלאַוו מושקאַט.

17. פרויען־באַוועגונג

אַ חשובן אָרט אין דער טעטיקייט פון „בונד" האָט געשפּילט די ספּעציעלע פרויען־אָרגאַניזאַציע „יאַף" — ראשי־תיבות פון פוילן נאָמען „יידישע אַרבעטער־פרוי".

טראַדיציאָנעל זענען שוין פרויען געווען פון די פירנדיקע עלעמענטן אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און גאָר באַזונדער אין דער יידישער, אין „בונד". שוין אויף דער ערשטער מאַי־פייערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אומלעגאַל אין ווילנע, אין יאָר 1892, זענען שוין צווישן די 4 רעדנערס געווען 2 פרויען.

אויפן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון „בונד" זענען צווישן די 13 פּיאָנערן געווען 2 פרויען.

צווישן די העלדן און קרבנות פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פאַרנעמען די יידישע פרויען, טעטיקע אין „בונד", אַן אָנגעזעענעם אָרט.

די טראַדיציע האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין פוילן. די יידישע פרוי איז געווען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן ניט נאָר גלייכבאַרעכטיקט, נאָר האָט אויך פאַרנומען אָנפירנדיקע אַמטן.

אַזוי איז שרה שוועבער, מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד", געווען אין משך פון 2 צענדליק יאָר, ביז דעם מלחמה־אויסברוך, די גענעראַל־סעקרעטאַרין פון דער גרעסטער יידישע פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע — דעם באַקליידונג־אַרבעטער־פאַראיין (איצט אין ניו־יאָרק).

אסתר איווינסקאַ איז אין משך פון לאַנגע יאָרן געווען ראַטמאַן פון „בונד" אין וואַרשעווער שטאָטראַט (געשטאָרבן 1963 אין בריסעל).

אַננאַ ראָזנטאַל, איינע פון די פּיאָנערן פון „בונד" און מיטגליד פון דעם פּאַרטיי־ראַט פון פוילישן „בונד", איז געווען די פּאָרזיצערין פון אַ ריי יידישע צענטראַלע אינסטיטוציעס אין ווילנע און אויך די פאָרשטייערין פון „בונד" אין דעם ווילנער שטאָטראַט (אומגעבראַכט דורך די סאָוועטן).

בעלאַ שאַפּיראָ איז געווען פון די פירערינס פון „בונד" אין לובלין (איינע פון די בונדישע פעסטונגען אין פוילן) און לאַנגע יאָרן דער בונדישער לאַווניק אין שטאָטראַט (אומגעקומען אין קאַצעט מיידאַנעק).

ראַזע אייכנער איז פון די אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין דעם „בונד" פון דער יידיש־פּראָלעטאַרישער לאָדזש. אַ רעדנערין, אַן אָרגאַניזאַטאָרין און איז ראַטמאַן אין לאָדזשער שטאָטראַט, ווי אַ שליח פון „בונד" (אומ־געקומען צוזאַמען מיט די קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע).

רבקה אַנטמאַן, אַ טעקסטיל־אַרבעטערין פון ביאַליסטאָק, געווען אַ מיטגליד פון דעם קאָמיטעט פון „בונד" זי איז אין דער פאַרוואַלטונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן טעקסטיל־אַרבעטער־פאַראיין, צו וועלכן עס געהערן אויסער די יידישע אַרבעטער אויך פּאָליאַקן, ווייסרוסן און דייטשן; זי איז אויך אויסגעוויילט געוואָרן אין ביאַליסטאָקער שטאָטראַט ווי אַ פאָרשטייע־רין פון „בונד" (אומגעבראַכט געוואָרן דורך די סאָוועטן).

סאָניע נאָוואָגרודזסקי איינע פון די זעלטענע פרויען אין דער בונדישער באַוועגונג אין משך פון צענדליקער יאָרן אַ לערערין און איינציייטיק פּאָליטיש אַקטיוו. שוין אין 1917 אַלס בונדישע אַקטיוויסטין ווערט זי פון די דייטשן דאָן פאַרשיקט אין אַ לאַגער. בעת דער איצטיקער דייטשער אָקופּאַציע — מיטגליד פון דעם אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" (אומגע־קומען אין טרעבלינקע).

מיר האָבן דאָ אָנגערופן נאָר אַ פּאָר געציילטע פרויען־נעמען וואָס האָבן פאַרנומען ווירדיקע ערטער אין דער בונדישער אָנפירונג. די צאָל אַקטיוויסטקעס טועריגס גרייכט אין די הונדערטער. פריער פאַר אַלץ אין די פאַראיינען וואו עס זענען געווען טעטיק יידישע אַרבעטערינס און גאָר באַזונדער איז גרויס זייער צאָל צווישן דער לערערשאַפט.

דידאָזיקע פרויען האָבן זיך געזעלשאַפטלעך־פּאָליטיש אויסגעגלייכט אין דער באַוועגונג. גאָר אָפט פלעגט דער מאַן אַריינגעצויגן ווערן אין דער באַוועגונג און די פרוי איז געבליבן אָפּגעפרעמדט, פאַרשטויסן, נישט פאַרשטאַנען דעם מאַן אָדער די קינדער. עס איז דעריבער געוואָרן נייטיק צו שאַפן אַ ספּעציעלע פרויען־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל דידאָזיקע עלעמענטן מקרב זיין, באַקענען זיי מיט דער באַוועגונג און טאָקע פון צווישן זיי ווערבירן נייע אָנהענגער פאַרן „בונד".

פון דערדאָזיקער באַשיידענער עובדה איז אָבער אויסגעוואָקסן אַ באַ־וועגונג. וואָס האָט אָנגעפירט אַ גאַנצע ריי טעטיקייטן. חוץ דער אויפקלערונג־אַרבעט אין קלובן, האָט דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע „יאַף" זיך גענומען צו אָרגאַניזירן פאַרשידענע אינסטיטוציעס פאַר דער אַרבעטנדיקער פרוי. אין טייל ערטער זענען איינגעשטעלט געוואָרן „יאַסלעס", קינדערהיימען פאַר די קינדער וועמענס מוטערס מוזן גיין צו דער אַרבעט, האַלב־קאָלאָניעס אין זומער. אויך באַראַטונג־שטעלעס וועגן הויז־ און משפחה־פּראָבלעמען.

פון די „יאַף־אָרגאַניזאַציעס זענען נאָכדעם אַרויסגעקומען זייער וויכ־טיקע טועריגס פאַר דער אַלגעמיינער באַוועגונג.

18. ספּאָרט־באַוועגונג

פון די גאָר נייע, און דאָך שטאַרק פּאָפּולערע אינסטיטוציעס, וואָס דער „בונד" האָט אויסגעבויט אין פוילן, איז געווען די יידישע אַרבעטער־ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „מאָרגנשטערן".

אַ גרופּע בונדישע טוער האָט אין די 30ער יאָרן גענומען אָרגאַניזירן די ספּאָרט־טעטיקייט. די כוונה איז געווען אַ דאָפּלטע — סיי צוליב דעם ענין גופא, „אין אַ געזונטן קערפּער אַ געזונטער גייסט", ווי אויך צוליב דעם, כדי צו פאַרהאַלטן ביי זיך די יוגנט, וואָס וועט גיין זוכן ספּאָרט ביי אַנדערע און אָפּגעפרעמדט ווערן דער אַרבעטער־באַוועגונג. מיט דער צייט איז די געשאַפענע אָרגאַניזאַציע „מאָרגנשטערן" אויסגעוואָקסן צו אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וואו עס זענען פּראַקטיצירט געוואָרן אַלע מינים ספּאָרט. גאָר פּאָפּולער זענען געוואָרן די עפנטלעכע טורנפעסטן פון דעם „מאָרגנשטערן", וואָס פלעגט צוציען טויזנטער אין וואַרשעווער צירק.

די „מאָרגנשטערניאַנער" זענען געווען אַריינגעצויגן אין דער קאָנקרעטער פּאָליטישער טעטיקייט פון „בונד". אין די לאָקאַלן פון „מאָרגנשטערן" האָבן דורכגעפירט די איבונגען די בונדישע מיליץ־גרופּן. די זעלבשוץ־קרייזן און דער „צוקונפט־שטורעם" — די פאַרמאַציעס, וואָס האָבן אָפּגעהיט די בונדישע לאָקאַלן און מאַניפעסטאַציעס פון אָנפאַלן, און די וואָס זענען גרייט געווען אָפּצושלאָגן די אַנטיסעמיטישע פּאָגראָם איבערפאַלן. זייער פיל פון די וואָס האָבן געאיבט אין „מאָרגנשטערן" זענען שפּעטער טאַקע געווען צווישן די קאָמענדאַנטן פון די געטאָ־אויפשטאַנדן אין וואַרשע, ווילנע און אין דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

דער „מאָרגנשטערן" האָט געהאַט זיין צענטראַלע אין וואַרשע און געעפנט אָפּטיילונגען אין גאַנצן לאַנד. אין טייל ערטער האָבן די „מאָרגנשטערן"־אָפּטיילונגען געהאַט אייגענע אָרקעסטערס און אויך אייגענע געביידעס (באַראַנאָוויטש).

19. יוגנט־ און קינדער־באַוועגונג

מיר וועלן דאָ ברענגען נאָר ראשי־פּרקים פון דערדאָזיקער באַוועגונג.

שוין גאָר אין די ערשטע יאָרן פון דעם אויפקום פון „בונד" האָבן זיך באַשאַפן גרופּן פון גאָר יונגע, וועלכע האָבן אין דער פּאַרטיי ניט געקענט אַריינגענומען ווערן און וועלכע האָבן זיך גערופן „קליינער בונד". דאָס זענען געווען שפּראָצונגען פון דער שפּעטערדיקער בונדישער יוגנט־באַוועגונג, וואָס איז געווען דער לעבעדיקסטער, דינאַמישסטער טייל פון דער בונדישער מחנה.

די בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין פוילן האָט געהייסן „יוגנט־בונד צוקונפט".

דעם נאָמען האָט די אָרגאַניזאַציע געירשנט פון אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט עקזיסטירט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. יענע אָרגאַניזאַציע איז ניט געווען קיין בולט בונדיש, האָט צווישן זיך געהאַט אַ גאַר אָנ־געזעענעם טייל פּראָ־בונדיסטן, אָבער אויך קעגנער. ערשט אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע (אין יאָר 1916) האָט די דעמאָלטיקע „צו־קונפט״־אָרגאַניזאַציע אויף אַ קאָנפערענץ אין וואַרשע מיט 27 שטימען קעגן 5, ביי 5 אָפּגעהאַלטענע, באַשלאָסן, אַז זי איז אונטער דער אָנפירונג פון „בונד״, איז אָבער אויטאָנאָם אין ראַמען פון איר טעטיקייט.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָט שוין די „צוקונפט״ געהאַט אָרגאַניזאַציעס אין בערך 250 שטעט און שטעטלעך פון פּוילן, די צאָל מיט־גלידער איז דערגאַנגען ביז 15,000.

דאָס געהערן צו דער „צוקונפט״ איז געווען פאָרמעל ביז 18 יאָר. נאָכדעם פלעגן די „צוקונפטיסטן״ אַריבערגעפירט ווערן אין דער פּאַרטיי — אין „בונד״. אין משך פון די 20 יאָר עקזיסטענץ פון דער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן זענען אין „בונד״ אַריינגעקומען טויזנטער, וואָס האָבן שוין זייער צוגרייטונג באַקומען אין דער „צוקונפט״.

די „צוקונפט״ איז געווען געבויט אין „קרייזן״ — יעדער קרייז האָט געהאַט זיין נאָמען. אַזוי זענען, למשל, אין 1939 די 2400 וואַרשעווער „צוקונפטיסטן״ געווען איינגעטיילט אין 95 קרייזן. געהאַט אויך אַ ספּעציעלן רעפערענטן־קרייז.

די „צוקונפטיסטן״ אויף די קרייזן האָבן באַקומען אַ סיסטעמאַטישע קולטור און דערציאונג אויף די קרייזן. זיי האָבן אויך געהאַט זייערע כאָרן, דראַמאַטישע קרייזן, אָנגעפירט מיט די אָוונט־קורסן פאַר יוגנטלעכע.

כדי צו פאַראיינהייטלעכן די קולטור־אַרבעט זענען פאָרגעקומען לאַנד־קאָנפערענצן פון יוגנט־טוער און רעפערענטן־שולן, וואו עס האָבן זיך באַ־טייליקט די רעפערענטן פון די קרייזן אין לאַנד.

די „צוקונפטיסטן״ האָבן אָנגעפירט מיט די יוגנט־סעקציעס ביי די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און מיט דער צענטראַלער יוגנט־אָפּטיילונג ביים לאַנדראַט פון יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

אַ וויכטיקער אַרבעט־געביט זענען געווען די צוזאַמענפליען פון די „צוקונפט״־אָרגאַניזאַציעס פון געוויסע געגנטן אין די קרייז־שטעט (און איין מאָל אַפילו אַ צענטראַלער צוזאַמענפלי אין וואַרשע, וואו עס זענען געקומען טויזנטער יוגנטלעכע פון דער פּראָווינץ). יעדן זומער האָט די אָרגאַניזאַציע איינגעאָרדנט זומער־לאַגערן, און אין די גאַר לעצטע יאָרן אויך ווינטער־לאַגערן און וואַנדער־לאַגערן.

די יוגנט האָט זיך באַטייליקט אין אַלע פּאָליטישע אַקציעס פון „בונד״, גאַר באַזונדער בעת די וואַל־קאַמפּאַניעס צום סיים, שטאָטראַטן און קהילות.

פון באַזונדערן באַדייט איז געווען די נייע פאָרמאַציע, וואָס איז גע־שאַפן געוואָרן ביי דער „צוקונפט״ אינמיטן די 30ער יאָרן — דער „צוקונפט־

שטורעם". דאָס איז געווען אַ גוט־אָרגאַניזירטע, דיסציפּלינירטע יוגנט־מיליץ, געהאַט אַן אייגענע אוניפאָרם, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אָפּהיטן די לאָקאַלן און פֿייערונגען פֿון דער באַוועגונג, די מאַי־מאַני־פעסטאַציעס און אַנדערע פֿון כוליגאַנישע אָנפאַלן, און בעיקר גענומען אַ גאַר טיכטיקן אָנטייל ביים אָפּשטויסן די פּאָגראָם־אַרויסטרעטונגען אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פֿון דער מלחמה.

די „צוקונפט" איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער בונדישער סטודענטישער אָרגאַניזאַציע „רינגען" און האָט אויך געהאַט אַ ספּעציעלע שילער־אָרגאַניזאַציע פֿון די פּוילישע שולן.

די „צוקונפט" האָט אַרויסגעגעבן אַ צוויוואָכן־זשורנאַל, „יוגנט־וועקער", ווי אויך אַ צייטשריפט אין פּויליש, „וואָלנאַ מלאָדזיעזש" (פרייע יוגנט), פאַר דער פּויליש־ריידנדיקער יוגנט. עס איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ צייטשריפט „נייע קולטור", ספּעציעל פאַר די טוער פֿון דער „צוקונפט" און דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע.

די בונדישע קינדער־אָרגאַניזאַציע, מיטן נאָמען „סקיף" — קיצור פֿון דעם פּולן נאָמען „סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד" — איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1926. די טוער אין „סקיף" זענען געווען אַ טייל לערער פֿון די שולן און בעיקר אַ גרופּע טוער פֿון דער „צוקונפט".

דער „סקיף" איז געווען אַ מין צוגרייטונג פאַר דער „צוקונפט". עס האָבן דאָרט שוין געהערט קינדער פֿון 8 יאָר אָן און ווייטער. די טעטיקייט און בוי איז געווען ענלעך צו דער אַרבעט פֿון דער „צוקונפט" — קרייזן, לאַגערן, ספּאָרט, זייער פיל עלעמענטן פֿון סקויטיזם.

פאַר דער מלחמה איז שוין כמעט ניט געווען קיין שום בונדישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד, וואָס זאָל ניט האָבן די דרייפאַכע אָרגאַניזאַציע־קייט: „סקיף"־„צוקונפט"־„בונד".

אין דער געשיכטע פֿון די ווידערשטאַנדן קעגן דעם נאַציזם פאַרנעמען די „צוקונפטיסטן" און „סקיפיסטן" אַ באַזונדערן ערנפולן פּלאַץ, סיי מיט דער צאָל פֿון זייער אָנטייל, סיי מיט דער גבורה וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן.

איינער פֿון די קאָמענדאַנטן פֿון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד — מאַרעק עדעלמאַן — איז אַ דערצויגענער „סקיפיסט". די אומגעקומענע אויף דער תליה אין ווילנע קוריערין פֿון דער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע, אַסיע ביג, איז געווען אַ טוערין פֿון „סקיף". דער קעמפער פֿון ביאַליסטאָקער געטאָ שמואליק טאַבאַטשינסקי, איז געווען אַ „סקיפיסט".

20. פּאָליטישער קאַמף און רעפּרעסיעס

פאַר דער גאַנצער צייט פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער פּוילישער מלוכה, איז דער „בונד" געווען אין אָפּאָזיציע צו דער הערשנדיקער מאַכט. ניט

האַבנדיק די טריבונע פון דעם פּאַרלאַמענט, איז די פּאַרשטייער פון „בונד" אויסגעקומען אַרויסבריינגען דידאָזיקע שטעלונג דאָרטן, וואו אַזעלכע מעג־לעכקייטן זענען געווען — פריער אין אַרבעטער־ראַט און שפּעטער אין די שטאָטראַטן. דערביי האָבן די אַרויסטרעטונגען פון „בונד" זיך ניט באַנוגנט נאָר מיט ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו דער פיינטלעכער באַציאונג צו דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר אויך מיט פראַגן וואָס זענען פון דעם רעאַקציאָנערן טייל פון די אָפיציעלע פאַקטאָרן באַטראַכט געוואָרן, ווי „פרעמדע" מישן זיך אַריין אין זייערע ענינים. מיר וועלן דאָ ברענגען איין כאַראַקטעריסטישן פאַל. עס איז אינמיטן פון דער פויליש־סאָוויעטישער מלחמה אין 1919. אין הסכם מיט זיין שטעלונג טרעט דער „בונד" אַרויס, דעם 4טן מערץ 1919, אויף דער זיצונג פון אַרבעטער־ראַט, קעגן דער מלחמה, און אין דעם אַריינגעטראָגענעם פאַרשלאַג זאָגט זיך צווישן אַנדערע:

„...דעריבער שטעמפּלט דער וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט יעטוועדע מלחמה, וואָס ווערט געפירט דורך די בורזשואַזע רעגירונגען, און אַזוי אַרום אויך די איצטיקע מלחמה, וואָס עס פירט די פּוילישע רעגירונג, בפרט אַז דידאָזיקע מלחמה מוז אין הסכם מיט די געזעצן און דער לאָגיק פון קאַפּיטאַליזם פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אימפּעריאַליסטישער מלחמה, ווערמענס הויפּטציל עס איז צו אונטעריאָכן און פאַרשקלאַפן פעלקער. דאָס איצטיקע בורזשואַזע פּוילן באַ־האַלט שוין ניט אירע פּלענער צו פאַרפעסטיקן די מאַכט פון די פּוילישע ערד־באַזיצער אין ליטע און אין ווייסרוס־לאַנד..."

אין זעלביקן גייסט איז אַרויסגעטראָטן ערליך אין וואַרשעווער שטאָטראַט און אַזוי אויך די אַנדערע בונדישע ראַטמענער אין די שטאָטראַטן פון פּוילן.

דידאָזיקע אַרויסטריטן זענען באַטראַכט געוואָרן ווי „אַנטי־פּוילישע". עס איז בכלל געפירט געוואָרן אַ העצע, אַז דער „בונד" איז שטענדיק געווען קעגן דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט, אַז ער איז מאָסקאָוואָפּיליש. דער „בונד" איז אין די שטאָטראַטן פון וואַרשע און לאָדזש אַרויסגעטראָטן קעגן אַנרופן גאַסן אויף פּילסודסקיס נאָמען.

קלאָר דעריבער, אַז די מאַכט־אָרגאַנען האָבן דעם „בונד" ניט גע־שאָנעוועט. און באמת איז טאַקע די גאַנצע צייט פון דער עקזיסטענץ פון „בונד" אין פּוילן געווען באַגלייט מיט אַ לאַנגער קייט פון כסדרדיקע שיקאַנעס און רדיפות, אַרעסטן פון יחידים, דאָס שליסן די לאָקאַלן, פונאַנ־דערטרייבן פאַרזאַמלונגען, קאָנפיסקירן צייטונגען און אַנדערע פּובליקאַציעס. אַ געוויסע צייט איז די עקזיסטענץ פון „בונד" געווען אַ האַלב־לעגאַלע.

מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן נאָר אויף אַ פּאָר געציילטע פאַקטן פון דעמדאָזיקן קאַפּיטל.

אין 1917 ווערן די אָנפירנדיקע טוער פון „בונד" דורך דער דייטשער אָקופּאַציע פאַרשיקט אין אַ געפאַנגען־לאַגער אין לאָובאַן. עס געפינען זיך דאָרט דער פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד נח פּאָרטנאָי, די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט חיים וואַסער און עמנואל נאָוואָגרודזקי, רעדאַקטאָר פון דער בונדישער „לעבנספראַגן", וויקטאָר שולמאַן, און די טוער: דוד מייער, גרשון זיבערט, סאָניע נאָוואָגרודזקי, נאַטאַן שאַפּראַן, אינזשיניער אליעזר העלער, יוסף ליפשיץ (באַסאַק).

אין 1918 ווערט אַ גרופּע בונדישע טוער איינגעזעצט אין מאָדלינער פעסטונג.

אין 1920, צוליב דער שטעלונג פון „בונד" אין דער פראַגע פון דער פויליש־רוסישער מלחמה, ווערט פאַרמאַכט די בונדישע פרעסע, עס ווערן געשלאָסן פאַראיינען, טייל בונדישע טוער אין וואַרשע אַרעסטירט. עטלעכע צענדליק טוער ווערן אַריינגעזעצט אין פוילישן לאַגער אין דאָמביע.

אין 1922 ווערט געשלאָסן די בונדישע געזעלשאַפט פאַר דערציאונג „אונדזערע קינדער". אַלע אָפּטיילונגען איבערן לאַנד ווערן פאַרמאַכט.

נאָכן אויפרייס אין ציטאַדעל אין וואַרשע, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי עפּעס אַ סאַבאָטאַזש־אַקט, ווערן ווידער הונדערטער טוער אַרעסטירט, פאַראיינען פאַרמאַכט. עס ווערן פאַרפירט פּראָצעסן אין לובלין פאַר געהערן צום „בונד". אויף די „קרעסן" — ממש אַ פּאָגראָם אויף די בונדישע אינ־סטיטוציעס.

דער הויכפּונקט פון דידאָזיקע רעפּרעסיעס איז געווען דאָס פאַרשיקן אין דעם טרויעריק־באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע אַ ריי בונדישע טוער, צווישן זיי צוויי מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט: ד"ר לעאָן פיינער פון קראָקע און אפרים־לאַזער זעלמאַנאָוויטש פון לאָדזש, ווי אויך די טוער יוסף גאָטאיינער (לאָדזש), הערש דאָבקאָווסקי (באַראַנאָ־וויטש), מענדל שעלובסקי (סלאָנים), שייקע שעכטאָוו (ראָוונע), א. גערצאָ־וויטש (וולאָצלאַוועק), ד"ר אַברהם פענזיק (סאַנאָק).

21. קאַמף קעגן נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע און אַנטיסעמיטיזם

איינע פון די וויכטיקע עובֿדות פון „בונד" אין פוילן פאַר דער גאַנצער צייט איז געווען דער קאַמף קעגן די אַנטי־יידישע דערשיינונגען סיי מצד די אָפיציעלע מלוכהשע און אָרטיקע אינסטאַנצן, סיי מצד די פאַרשידענע רעאַקציאָנער־אַנטיסעמיטישע גרופּן אין דער פוילישער געזעלשאַפט.

דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און דער שוץ פון דער באַדראָטער יידישער באַפעלקערונג איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין אַלע דעקלאַראַציעס

פון דער פּאַרטיי און איז געוואָרן אַ טייל פון דער קאָנקרעטער טעטיקייט פון דער גאַנצער באַוועגונג.

אויך דאָ מוזן מיר זיך באַנוגענען מיט ראשי־פּרקים.

אין דער אַנטי־יידישער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק האָט דעם ערשטן אָרט פאַרנומען די מלוכה. עס זענען כמעט ניט אָנגענומען געוואָרן קיין יידישע באַאַמטע און אַרבעטער אין די מלוכהשע ביוראָען און אונטער־נעמונגען. עס זענען אויך ניט אַריינגענומען געוואָרן קיין יידן אין די שטאָ־טישע אַמטן און אונטערנעמונגען. דאָס האָט אויך אַ שייכות צו אַ גאַנצער ריי אינדוסטריעס, וואו יידישע אַרבעטס־הענט זענען באָיקאָטירט געוואָרן.

דער „בונד" האָט דעריבער אַנטוויקלט אַ גאָר ברייטע אַקציע אונטער דער לאָזונג: „קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט". די בונדישע ראַטעמענער אין שטאָטראַטן, די בונדישע פאָרשטייער אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן דידאָזיקע פּראָבלעם אויפגעהויבן. ניט האָבנדיק קיין פאָרשטייער אין סיים, האָט דער „בונד" דורך די סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע קלובן אַריינגעטראָגן מעמאָראַנדומס וועגן דערדאָזיקער שרייענדיקער אומרעכט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, וואו די נויט איז כסדר געשטיגן אַדאַנק דעםווירטשאַפטלעכן קריזיס, וואָס האָט כסדר אָנגעהאַלטן אין לאַנד און אין דער ערשטער ריי געטראָפן דער שטאָטישער באַפעלקערונג.

לסוף איז אויף דער איניציאַטיוו פון „בונד", צוזאַמען מיטן לאַנדראַט פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פאַררופן געוואָרן אין מאַי 1926 אַ גרויסער קאָנגרעס אין וואַרשע אונטער דער לאָזונג „פאַר רעכט אויף אַרבעט".

עס זענען צום דאָזיקן קאָנגרעס צוגעשטאַנען אַלע יידיש־סאָציאַליסטישע גרופּן, ווי אויך טיילן פון יידישן מיטלשטאַנד. עס האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַטן פון גאַנצן לאַנד און פאָרשטייער פון דער גאַנצער פוילישער אַרבעטער־באַוועגונג. עס איז געווען איינע פון די גרעסטע פּאָליטישע דע־מאָנסטראַציעס פאַר די רעכטן פון די יידישע מאַסן, קעגן דער באַוואוסט־זיניקער אַנטי־יידישער דיסקרימינאַציע מצד די אָפיציעלע מלוכהשע און שטאָטישע פאַקטאָרן.

אין רעזולטאַט פון קאָנגרעס איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ ביוראָ „פאַר רעכט אויף אַרבעט", וואָס האָט אין ענגער פאַרבינדונג מיט די בונדישע פאָרשטייער אין די שטאָטראַטן און מיט דער יידישער און פוילישער פּראָפע־סיאָנעלער באַוועגונג געפירט אַ פּערמאַנענטע אַקציע פאַר אַריינבעמען יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין די ערטער וואו מען פלעגט זיי ביז דאַן ניט צולאָזן. אָנגעפירט מיט דער ביוראָ האָט נאַטאַן שאַפּראַן.

אין דער לעצטער צייט האָט די „ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט" איינגעשטעלט אַן ענגע פאַרבינדונג מיט דער פּראָדוקטיוויזאַציע־אָפּטיילונג פון „דזשאָינט" און מיטן „אָרט", און עס זענען געשאַפן געוואָרן אַ ריי

אַרבעטס־קאָלעקטיוון, פאַר יידישע אַרבעטער אַרויסגעשטויסענע פון דער פּראָדוקציע, אָדער אין אַזעלכע צווייגן וואוהין מען האָט יידן ניט צוגעלאָזן.

גאָר גרויס האָט זיך דידאָזיקע טעטיקייט אַנגעזען ביים אויסקעמפן, אַז די שטאָטראַטן זאָלן אַנגאַזשירן יידישע אַרבעטער ביי די פאַרשידענע עפנטלעכע אַרבעטן, וואָס עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין פאַרשידענע שטעט און געגנטן אין פוילן.

מיטן וואוקס פון אַנטיסעמיטיזם, נאָכן קומען פון היטלערן צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, האָט זיך גאָר שטאַרק פאַרשאַרפט דער עקאָנאָמישער באָיקאָט קעגן יידישן מסחר. די אַלטע ענדעקיש־אַנטיסעמיטישע „ראָזוואָי"־באַוועגונג, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַזוי־גערופענע קאַטוליש־קאָאָפּעראַטיווע געוועלבן אין קאַמף מיט יידישע הענדלער אונטער דער לאָזונג „סוואָי דאָ סוועגאָ" (אַן אייגענער צו די אייגענע), האָט באַקומען אָפיציעלע אָנערקענונג פון די אָפיציעלע מלוכהשע אָרגאַנען. דער באַרימטער זאָג פון פוילישן מיניסטער, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף קעגן יידן איז דערלויבט, דער באַרימטער „אָוושעם!" (אַדרבה!), האָט צוגעגעבן קוראַזש דער אַנטיסע־מיטישער באַוועגונג און עס איז אויסגעוואַקסן די טרויעריק־באַרימטע „פּיקעטן"־באַוועגונג. פאַרשידענע עלעמענטן פון דער אונטערוועלט, אָנ־געפירט פון די „אויפגעקלערטע" סטודענטישע אַנטיסעמיטישע און פאַ־שיסטישע גרופּן, פלעגן אַרומשטעלן די יידישע געוועלבער, טיילן אויפרופן „קויף ניט ביי יידן" און טעראָריזירן די פוילישע באַפעלקערונג, וואָס האָט גראָד געוואָלט אַריינגיין אין די יידישע געשעפטן. גאָר אַקטיוו זענען די־דאָזיקע פּיקעטן געווען אויף די ירידים און מערק אין די שטעט און שטעט־לעך. דידאָזיקע טעג פלעגן זיין די איינציקע פּרנסה־טעג אין די שטעטלעך. עס פלעגן קומען יידישע הענדלערס און בעלי־מלאכות מיט זייערע סחורות פון דער אומגעגנט. דאָ האָט אָבער אויף זיי געוואַרט די „פּיקעטן"־באַנדע. גאָר אָפט זענען די מאַרק־טעג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָגראָם־טעג, ווען יידיש האָב און גוטס איז צעראַבעוועט געוואָרן און יידישע קרעמער און קרע־מערינס זענען צעשלאָגן געוואָרן.

געליטן דערפון האָט פריער פאַר אַלץ די אָרעמע יידישע מאַסע, ווייל די ביידלעך און סטראַגאַנעס (שטאַנדן) אויף די מערק האָבן לרוב געהערט ניט צו קיין רייכע סוחרים און אויפן סטראַגאַן האָט זיך געפונען דאָס גאַנצע נעבעכדיקע פאַרמעגן פון דעם אייגנטימער. די פּאָליציי פלעגט זיך ניט מאַכן זעענדיק און וויסנדיק פון דעמדאָזיקן וואַנדאַליזם.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן מערן אָנפאַלן אויף יידן סתם אין די גאַסן, אָדער אין די גערטענער און פּאַרקן.

עס ווערט דערקלערט אַ קאַמף קעגן די יידישע סטודענטן אין די הויכ־שולן.

דער „בונד" באַשליסט דאַן צו גרינדן „זעלבשוץ־גרופּן", וואָס זאָלן

אָפּהיטן די באַדראָטע יידישע פּלעצער. עס איז אין דעם פאַל וואַרשע געווען דער וועגווייזער. די גוט־אָרגאַניזירטע בונדישע פּאַרטיי־מיליץ, די אַזוי־גערופענע „אָרדענער־גרופּע״ איז פאַרשטאַרקט און אויסגעברייטערט גע־וואָרן. עס איז אויפגעבויט געוואָרן דער „צוקונפט־שטורעם״ פון דער יוגנט און עס איז אין וואַרשע געקומען צו אָפּענע, עפנטלעכע פאַרמעסטן מיט די כולי־גאַנעס. מיט דער שוץ־אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעפירט בערנאַרד גאָלדשטיין.

ביי איינעם אַזאַ צוזאַמענשטויס, טאַקע אין זאַקסישן גאָרטן, האָט די עפנטלעכקייט, די יידישע ווי די פּוילישע, דערזען, אַז עס עקזיסטירט אַ גוט־אָרגאַניזירטע און דיסציפּלינירטע, און דער עיקר באַוואָפנטע, יידישע זעלבשוץ, וואָס לאָזט זיך ניט טעראָריזירן. דאָס איז געווען די זעלבשוץ פון „בונד״.

די אָרגאַניזירונג פון אַזעלכע שוץ־גרופּן ווערט אויך אַריבערגעטראָגן אין דער פּראָווינץ. דידאָזיקע גרופּן אַרבעטן אין ענגער פאַרשטענדיקונג מיט דער פּוילישער אַרבעטערשאַפט, מיט דער מיליץ פון פּ.פּ.ס.

געווען ערטער, וואו די פּוילישע אַרבעטער זענען געווען די יעניקע וואָס פלעגן דער יידישער זעלבשוץ אַרויסהעלפן מיט אינפאָרמאַציע און אָנווייזונגען וועגן די געגרייטע איבערפאַלן.

עס האָבן זיך געמערט די „עקסצעסן״, ווי מען האָט איידל גערופן די פּאָגראָם־אַרויסטריטן אין דער פּראָווינץ. עס קומען די פּאָגראָמען אין בריסק, אין טשענסטאָכאָוו, אין מינסק־מאַזאָוויעצק.

אין טייל ערטער — בריסק, למשל — איז אַ פּאָגראָם אָפּגעשטעלט געוואָרן אַדאַנק דעם קומען פון די אָנפירער פון דער וואַרשעווער זעלבשוץ און דער אָרגאַניזירונג דאָרטן פון דעם ווידערשטאַנד.

אין איין אָרט האָט די אַנטיסעמיטישע „פּיקעטן״־אַקציע בעת אַ מאַרק־טאָג דערפירט צו אַ פּאָגראָם אין פשוטן זין פון וואָרט. געשען איז עס אין שטעטל פּזשיטיק, ביי ראַדעם. עס איז געוואָרן באַוואוסט, אַז עס איז אין פּזשיטיק דורכגעפירט געוואָרן אַ פשוטער פּאָגראָם קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, ביי דער פולשטענדיקער גלייכגילטיקייט פון דער פּאָליציי. עס איז אויך באַוואוסט געוואָרן, אַז עס איז געקומען מצד דער באַפאַלענער יידישער באַפעלקערונג צו אַ זעלבסטפאַרטיידיקונג.

די געשעענישן זענען פאָרגעקומען מאָנטיק, דעם 9טן מערץ, און דאָ־נערשטיק, דעם 12טן מערץ 1936. עס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״, וואו עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו רעאַגירן אויף די פּזשיטיקער געשעענישן מיט אַ האַלב־טאָגיקן פּראָטעסט־שטרייק. דער טערמין פון דער אַקציע איז באַשלאָסן געוואָרן אויף דינסטיק, דעם 17טן מערץ, פון פרי ביז 2 נאָכמיטאָג.

צום דאָזיקן שטרייק־רוף האָט זיך אָנגעשלאָסן ניט נאָר דער לאַנדראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, נאָר אויך די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען: די פּועלי־ציון, רעכטע און לינקע.

עס האָבן אָנגענומען באַשלוסן צוצושטיין צום שטרייק דער פאַראיין פון די גמינע־אָנגעשטעלטע, די אַמבולאַטאָריעס, אַפילו די בית־עולם־אָפּטיילונג האָט דערקלערט, אַז ביז 2 אַזייגער וועלן ניט דורכגעפירט ווערן קיין לוויות.

עס האָבן אַרויסגעגעבן אַ סאָלידאַריטעט־רוף צום שטרייק דער יידישער ליטעראַטן־ און שרייבער־פאַראיין און דער יידישער פּען־קלוב.

די יידישע סטודענטן־ און שילער־פאַראייניקונגען באַשליסן צוצושטיין צום שטרייק — זיי וועלן ניט באַזוכן די שולן.

אַ ריי פּוילישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס גיבן אַרויס סאָלידאַריטעט־דערקלערונגען צום שטרייק און אין טייל ערטער רופן די פּוילישע אָרגאַניזאַציעס, אַז אין אונטערנעמונגען, פאַבריקן, ביוראָען, וואו עס זענען באַשעפטיקט יידישע אַרבעטער, זאָלן די פּוילישע אַרבעטער, ווי אַ צייכן פון סאָלידאַריטעט, מיטשטרייקן.

אין דערזעלביקער צייט ווען עס האָבן געבושעוועט די אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס איבער די שטעט און שטעטלעך, האָט דער סיים באַטראַכט דעם פאָרשלאַג פון דער מאַדאַם פּריסטאָר צו פאַרבאָטן די „בישט־הומאַניטאַרע" יידישער שחיטה.

אויך אין דער פראַגע האָט דער „בונד" אַרויסגעזאָגט זיין שטעלונג. ער האָט אָנגעוויזן, אַז מאַדאַם פּריסטאָרס פאָרשלאַג אין סיים גייט גאָרניט וועגן דעם „הומאַניטאַרן" אופן פון קוילענען די בהמות, נאָר וועגן אַרויסרייסן ביי צענדליקער טויזנטער יידן זייער פּרנסה. כמעט אין אַלע קרוב 1,000 שטעט און שטעטלעך אין פּוילן איז די פליישׁ־פּראָדוקציע געלעגן אין יידישע הענט. ניט נאָר קצבים, נאָר אויך פי־הענדלער. דערצו זענען געווען אַ ריי קרובהשע פאַכן — פעל־הענדלער, קעמל־מאַכער, ביינער־אויפקויפער וכדומה, וואָס האָבן געצויגן חיונה פון פליישערײַ.

צום דאָזיקן פּראָקלאַמירטן שטרייק, אַ שטרייק אונטער בולט־סאָציאַליסטישע לאָזונגען, איז צוגעשטאַנען די גאַנצע יידישע פאָלקסמאַסע. עס האָבן מיטגעשטרייקט די יידישע בעלי־מלאכות, פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, עס האָבן געשלאָסן זייערע געשעפטן די יידישע קליינהענדלער און אַפילו גרויסע סוחרים.

דער שטרייק אין גאַנצן לאַנד איז געווען אַ פולשטענדיקער. דאָס האָט אַרויסגערופן אָנערקענונג אַפילו ביי די קעגנער. אַפילו פירנדיקע זשורנאַליסטן פון דער יידישער בירגערלעכער פּרעסע האָבן אויסגעדריקט אָנערקענונג דעם „בונד" פאַר דער געלונגענער שטרייק־אַקציע.

דער „בונד" האָט אויך געגעבן די איניציאַטיוו צו רופן אַן אַרבעטער־קאָנגרעס קעגן אַנטיסעמיטיזם.

דערדאָזיקער פאָרשלאַג איז געוואָרן אונטערשטיצט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון אַ ריי יידישע שול־, קולטור־ און בילדונג־אָרגאַניזאַציעס.

עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן די פּועלי־ציון (לינקע), די „אומאָפּהענגיקע סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטיי" (פון ד"ר י. קרוק). אויך די קאָמוניסטן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און קולטור־אינסטיטוציעס האָבן אָקצעפּטירט די איניציאַטיוו.

עס איז שוין געווען באַשטימט די דאַטע פון קאָנגרעס — דעם 13טן יוני 1936.

צום קאָנגרעס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גאָר ברייטע ליבעראַלע וואַל־אינסטרוקציע, וואָס האָט דערמעגלעכט אַלע ריכטונגען און באַוועגונגען, קרייזן און שיכטן פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג זיך אין אים צו באַטייליקן.

ביז דעם 11טן יוני זענען אין הויפּט־קאָמיטעט אָנגעקומען די וואַל־פּראָטאָקאָלן פון 300 שטעט, וואו עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן 1,800 דעלעגאַטן. אינטערעסאַנט איז די צעגלידערונג אויף גרופּן פון דער דעלע־גאַטן־מאַסע. 500 דעלעגאַטן זענען געווען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פון די קולטור־אָרגאַניזאַציעס — 250 דעלעגאַטן, ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער און אַרבעטס־מענטשן — 730 דעלעגאַטן, ראַטמענער פון שטאָטראַטן און קהילות — 120, די רעשט זענען געווען דעלעגאַטן פון דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ, האַנטווערקער, קליינהענדלער, לאָקאַטאָרן־פאַראיינען אאַז"וו.

דאָס איז גערעדט געוואָרן וועגן יידישע דעלעגאַטן. דער קאָנגרעס האָט אויך באַקומען אָנשלוסן פון פופציק שטעט, וואו עס זענען געוויילט געוואָרן 400 ניט־יידישע אַרבעטער־דעלעגאַטן צום דאָזיקן קאָנגרעס, וועלכע האָבן געוואָלט קומען זיך סאָלידאַריזירן מיט דעם קאַמף פון די יידישע אַרבעטער קעגן אַנטיסעמיטיזם.

צום קאָנגרעס איז דערשינען אַ ספּעציעלע פּובליקאַציע „אַרבעטער־קאָנגרעס צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם", וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין פינף הונדערט שטעט און שטעטלעך אין העכער הונדערט צוואַנציק טויזנט עקזעמפּלאַרן.

אָבער דעם 10טן יוני, 3 טעג פאַרן עפענען דעם קאָנגרעס, האָט דער וואַרשעווער רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט געמאָלדן, אַז דער קאָנגרעס איז פאַר־באָטן.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַשטימען אַ צווייטע דאַטע — דעם 27טן יוני. אָבער די מאַכט־אָרגאַנען האָבן דעם קאָנגרעס ניט געוואָלט דערלויבן.

עס האָט דאַן דער הויפּט־קאָמיטעט פון צוגרייטן דעם קאָנגרעס אויף אַ ספּעציעלער זיצונג אָנגענומען אַ ריי דעקלאַראַציעס און אַ מאַניפעסט קעגן אַנטיסעמיטיזם. דערדאָזיקער דאָקומענט איז אַריין אין דער געשיכטע פון דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן ווי דער „מאַניפעסט פון שטומען קאָנגרעס".

אין יאָר 1938 האָט די יידישע באַפעלקערונג באַקומען אַ ווייטערדיקע

געפאַר־סיטואַציע. די רעגירונג־פּאַרטיי, דער „אָזאָן" (אָבאָז זיעדנאַטשעניאַ נאַראָדאָוועגאָ — דער לאַגער פון דער פאָלקס־פאַראייניקונג), וואָס איז אַוועק אויף היטלערישע דרכים, האָט אָנגענומען די טרויעריק־באַרימטע „13 פּונקטן", צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען די פּונקטן פון פולשטענדיקער עקסטערמינאַציע לגבי דער יידישער באַפעלקערונג.

אין אויגוסט 1938 ווערט פאַרעפנטלעכט אַ דעקלאַראַציע צו אַ נייעם קאָנגרעס, וואָס זאָל גערופן ווערן. דער קאָנגרעס האָט געדאַרפט טראָגן דעם נאָמען: „קאָנגרעס פון קאַמף פאַר די רעכט פון דער יידישער באַ־פעלקערונג אין פוילן".

אָבער אויך דערדאָזיקער קאָנגרעס איז ניט צושטאַנד געקומען — ער איז פון דער רעגירונג פאַרווערט געוואָרן.

22. די פּרעסע פון „בונד"

אויב עס איז ריכטיק, אַז די פּרעסע איז די אָפּשפּיגלונג פון דער געזעלשאַפטלעכקייט אין דער געגעבענער תקופה, איז עס אַוודאי ריכטיק לגבי דער פּרעסע פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, פון די פּאָליטישע פּאַרטייען און בכן אויך פון „בונד".

פון שטענדיק אָן (נאָך פון די פריערדיקע, רוסישע צייטן) איז די פּרעסע געווען איינער פון די וויכטיקסטע כלי־זין פון דעם „בונד". די אומלעגאַלע פּרעסע פון „בונד" האָט געצייכנט דעם קאַמפּס־וועג פון דער־דאָזיקער באַוועגונג.

די ערשטע צייטונג פון „בונד" אין פוילן האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דעם 4טן פעברואַר 1916 — דאָס איז געווען דאָס וואָכנבלאַט „לעבנספראַגן" אונטער דער רעדאַקציע פון וולאַדימיר מעדעם. תחילת איז ניט מעגלעך געווען צוצוגעבן צום קעפּל אַז דאָס איז אַ פּאַרטייאישער אָרגאַן; עס איז אָנגעגעבן געוואָרן: „וועכנטלעכע אַרבעטער־צייטונג".

די „לעבנספראַגן" איז געוואָרן דער צענטער פאַר דער גאַנצער באַוועגונג אין פוילן.

דעם 1טן מאַי 1916 האָט מען געענדערט דאָס אונטערקעפּל אויף: „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־צייטונג". ערשט דעם 18טן אָקטאָבער 1918 האָט זיך באַוויזן דאָס אונטערטיטל: „דאָס פּראָגראַם פון 'לעבנספראַגן' איז דאָס פּראָגראַם פון 'בונד'". פון 15טן נאָוועמבער ווערט דאָס קעפּל פאַרביטן אויף אַן אַנדער: „צענטראַל־אָרגאַן פון 'בונד' אין פוילן". דעם 6טן דעצעמבער הייבט־אָן די צייטונג צו דערשיינען ווי אַ טאָגצייטונג.

די טעגלעכע „לעבנספראַגן" האַלטן זיך ביז דעם 23טן מערץ 1920. אין שייכות מיט די דעמאָלטיקע רעפּרעסיעס קעגן „בונד" ווערט די צייטונג געשלאָסן, קעגן די רעדאַקטאָרן ווערט פאַרפירט אַ פּראָצעס.

אויף צומאַרגנס, דעם 24טן מערץ, הייבט אָן צו דערשיינען אַ נייע טאָגצייטונג פון „בונד", די „אַרבעטער־שטימע". אויך זי ווערט דעם 28טן אַפּריל פאַרמאַכט, די רעדאַקציע פאַרחתמעט, דער רעדאַקטאָר מ. אָזשעך (אומגעקומען דורך די נאַציס) אַרעסטירט.

עס ווערט געעפנט אַ נייע טאָגצייטונג, „נייע אַרבעטער־שטימע". זי האַלט זיך פון 14טן מאַי ביז 8טן יוני 1920. אויך די צייטונג ווערט געשלאָסן אויך איר רעדאַקטאָר (פּינק) ווערט אַרעסטירט.

אין צווישן דערשיינען פאַרשידענע איינטאָג־צייטונגען: „אַרבעטער־טאָג", „נייער אַרבעטער־טאָג", „פרייער טאָג", „פרייער אַרבעטער־טאָג", „אונדזער אַרבעטער־טאָג", „אונדזער פרייער טאָג" און אַזוי כסדר. שפּעטער אַ סעריע „צייט־פראַגן", „צייט־שטימען" וכדומה.

אין 1921 הייבט אָן צו דערשיינען די טעגלעכע „פאָלקסצייטונג", וואָס ווערט אָפט קאָנפיסקירט, פאַרמאַכט, און מוז משנה־שם זיין אויף „נייע פאָלקס־צייטונג", וואָס דערשיינט ביז די לעצטע טעג, ווען וואַרשע האָט זיך נאָך אינמיטן סעפּטעמבער 1939 פאַרטיידיקט קעגן דער נאַצישער אַרומ־רינגלונג.

די „פאָלקסצייטונג" איז געווען די איינציקע יידישע צייטונג, וואָס איז דערשינען ביז אַ באַמבע האָט פאַר דעם 20טן סעפּטעמבער צעשטערט די געביידע פון דער דרוקעריי. אין דידאָזיקע טעג פון וואַרשעווער באַלאַגערונג איז דער רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקסצייטונג" געווען דער שפּעטערדיקער קדוש אַרטור זיגעלבוים.

חוץ דער טעגלעכער צייטונג האָט דער „בונד" נאָך אַרויסגעגעבן אַ טעאָרעטישן דריי־חדשים־זשורנאַל „אונדזער צייט", און אויך אַ צייטונג אין דער פּוילישע שפּראַך: פריער „וואלקאַ" שפּעטער „נאַווע פּיסמאָ", און ווען דידאָזיקע צייטונג האָט זיך דורך דער מאַכט געשלאָסן, איז פון 1935 ביז 1938 אַרויס די צייטשריפט „מישל סאָציאַליסטיטשנאָ". ווען דידאָזיקע איז אויך פון דער צענזור געשלאָסן געוואָרן, איז דערשינען ביזן סוף פון דער מלחמה „נאַווע זשיציע".

אויסער דער צענטראַלער פּרעסע זענען דערשינען סטאַביל בונדישע וואָכצייטונגען אין אַ ריי פּראָווינץ־שטעט: „לובלינער שטימע" — לובלין; „גראָדנער שטימע" — גראָדנע; „פּיאָטריקאָווער וועקער" — פּיאָטריקאָוו־טריבונאַלסקי; „אונדזער געדאַנק" — ווילנע; „אַרבעטער־צייטונג" — טשענ־סטאָכאָוו, און אַנדערע.

אויך די בונדישע יוגנט האָט געהאַט איר אייגענע פּרעסע, ווי אויך אַ ריי פאַראיינען און אינסטיטוציעס האָבן אַרויסגעגעבן זייערע פּובליקאַציעס.

דאָס פאַרשפּרייטן די פּאַרטיי־פּרעסע איז געווען פון די וויכטיקע עובדות פון דער באַוועגונג. דאָס איז דאָך געווען דער וויכטיקסטע קאַנאַל דורך וועלכן מען האָט דערגרייכט צו מער מענטשן, וואָס מען האָט געוואָלט באַווירקן.

פון גאַר וויכטיקייט זענען געווען די ספּעציעלע „פּראָטעסט־טעג", ווען עס פלעגן פאַרקויפט ווערן צענדליקער טויזנטער נומערן פון „פאָלקסצייטונג".

23. סוף־פסוק

אונטערן גזר פון פאַרטיליקונג איז צוזאַמען מיטן גאַנצן ייִדישן כלל פון פוילן אויך אַרונטערגעפאַלן דער „בונד" און זיין צעצווייגטע ערב דער מלחמה באַוועגונג. דער „בונד" האָט געטיילט דעם גורל פון פאָלק, פון די מיליאָנען ייִדן אין פוילן.

געהערט די צייט פון דער נאַצישער באַוועלטיקונג פון פוילן — די אָקופּאַציע און די פאַרטיליקונג, דער העראָאיזם און מאַרטירערטום — צו אַן אַנדער קאַפּיטל, וואָס דאַרף באַזונדער באַהאַנדלט ווערן.

מיר ווילן דאָ נאָר איבערגעבן וועגן גורל פון דער בונדישער אָנפירערשאַפט, פון לעצטן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אין פוילן. אין זייער גורל שפּיגלט זיך אָפּ די גאַנצע ווידערשטאַנד־ און פּיין־עפּאָכע פון פאָלק.

אין לעצטן צענטראַל־קאָמיטעט זענען געווען די מיטגלידער: יקותיאל פּאָרטנאָי, נח" — „יוזעף", 2. חיים וואַסער, 3. עמנואל נאָוואָגרודזסקי, 4. הענריק ערליך, 5. וויקטאָר אַלטער, 6. אַרטור זיגעלבוים, 7. שרה שוועבער, 8. שלמה מענדעלסאָן, 9. לייוויק האָדעס, 10. וולאַדימיר קאָסאָווסקי, 11. עמנואל שערער, 12. אפרים־לאַזער זעלמאַנאָוויטש (לאַדזש), 12. ד"ר לעאָן פיינער (קראָקע), 14. שאול גאָלדמאַן (ביאַליסטאָק).

פון זיי זענען: ערליך און אַלטער אומגעבראַכט געוואָרן דורך די קאָמוניסטן דורך אַ ברוטאַלן יוסטיץ־מאָרד. אויך ש. גאָלדמאַן פון ביאַליסטאָק איז דורך די קאָמוניסטן צוגענומען געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע בונדיסטן אין ביאַליסטאָק, און עס איז פון אים ניטאָ קיין שום ידיעה. משמעות ערגעץ אין אַ סטאַליניסטישן לאַגער אָדער תפיסה פאַרפייניקט געוואָרן.

אַרטור זיגעלבוים, וועלכער איז געווען דער שליח פון „בונד" אין פוילישן גלות־פאַרלאַמענט, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער גלייכגילטיקייט פון דער וועלט צו דער נאַצישער פאַרטיליקונג פון די ייִדן. זיין אָרט האָט נאָכדעם פאַרנומען ד"ר עמנואל שערער.

לעאָן פיינער האָט געשפּילט אַ וואונדערלעך־העלדישע ראָלע אין דעם אונטערגרונד אין נאַצישן פוילן. ער איז דאָס געווען דער לעגענדאַרער „פּאַן מיקאָלאַי" פון דעם קאָאָרדיניר־קאָמיטעט צווישן ייִדישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און דעם „בונד" בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע. ער האָט אמת דערלעבט די באַפרייאונג, אָבער ניט לאַנג געלעבט נאָך איר.

אַלע איבעריקע זענען אַוועק פון פוילן אויף די פאַרשידנסטע וועגן פון נע־ונד, דורכגעשניטן מדינות און ימים — איבער ליטע, יאַפּאַן, זיך

דערשלאָגן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן — געגאַנגען מיטן פֿײַן־וועג פֿון די הונדערטער טויזנטער פּליטים.

עס לעבן ניט: נח — יוזעף פּאַרטנאָי, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, שלמה מענדעלסאָן, ה. וואַסער, ל. האָדעס. זיי האָבן ווייטער ממשיך געווען צו שפּינען די אידעאַישע פֿעדעם פֿון דער בונדישער אידעע ביז זייער לעצטן אָטעם־צוג.

עס לעבן, שטייען ווייטער, הגם ביי גאָר אַנדערע באַדינגונגען, אין די ערשטע רייען פֿון דער באַנייטער בונדישער באַוועגונג אין דער וועלט: עמנואל נאָוואָגרודזסקי, עמנואל שערער, שרה שוועבער, אפרים־לאָזער זעל־מאַנאָוויטש.

מיר האָבן געזאָגט באַנייטער באַוועגונג פֿון „בונד" אין דער וועלט, ווייל עס איז טאַקע ניי פֿון זייער פֿיל שטאַנדפּונקטן. דאָס געהערט אָבער צו אַן אַנדער קאַפּיטל. וואָס עס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן איז, אַז די איצטיקע טעטיקייט פֿון „בונד" איז פֿריער פֿאַר אַלץ אַנדערש ניט נאָר צוליב דער געענדערטער סטרוקטור פֿון דער סביבה און אויך אַנדערע פּאָליטישע קאָנ־סטעלאַציע פֿון דער וועלט. פֿריער פֿאַר אַלץ — עס האָט זיך געענדערט דאָס פּנים פֿון יידישן פֿאָלק. געקענצייכנט האָבן דידאָזיקע ענדערונג צוויי געשעענישן, וואָס ליגן אויף צוויי ווייטע פּאָליוסן: דער אומקום פֿון די זעקס מיליאָן יידן, די כמעט־אָפּווישונג פֿון אייראָפּעאישן יידנטום, פֿריער פֿאַר אַלץ פֿון פּוילישן יידנטום, די וויכטיקסטע באַזע פֿון „בונד"; און דער אויפֿקום פֿון מדינת־ישראל — אַ נייע געשעעניש אין דער יידישער גע־שיכטע, אַ יידישע מדינה ביי דער עקזיסטענץ פֿון יידישע תפוצות, וואָס בילדן אַ מערהייט פֿון פֿאָלק.

די טאַקטישע לאַגע פֿון „בונד" איז דעריבער אויך אַ געענדערטע — נייע אויפֿגאַבן און נייע טעטיקייט־געביטן און פֿאָרמען.

פֿריער פֿאַר אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אונדזער טעמע — עס איז ניטאָ דער „בונד" אין פּוילן, פּונקט ווי עס איז כמעט ניטאָ אין פּוילן קיין יידישע פֿאָלקסמאַסע. עס זענען דאָ בונדיסטן פֿון פּוילן, וואָס האָבן אויפֿ־געבויט דעם קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט — אין גאָר דער וועלט, וואו עס זענען דאָ יידישע יישובים, וואָס ציען זייער חיות פֿון דער פּוילישער גייסטיקער ירושה.

זענען טאַקע די אָנפֿירער פֿון דעם קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פֿון „בונד", ווי די אָנפֿירער פֿון די באַזונדערע בונדישע לענדער־אָרגאַניזאַציעס — פֿון אַמעריקע ביז אויסטראַליע, פֿון אַרגענטינע ביז מדינת־ישראל, פֿון פּאַריז ביז יאָהאַניסבורג — אומעטום און אַלע זענען עס די, וואָס זענען אַרויסגעקומען פֿון דעם פּוילישן „בונד".

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע :

יידיש :

1. צוויי קאָנפערענצן, וואַרשע, 1917.
2. ארבעטער־לוח, וואַרשע, יאָרגענג : 1920 — 1927.
3. מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג (וועגן דעם אָנשלוס־פּראָיעקט פון „בונד“ אין קאָמינטערן). וואַרשע, 1921.
4. מאַטעריאַלן און דאָקומענטן (וועגן די 21 איינטריטס־באַדינגונגען פון 3טן אינ־טערנאַציאָנאַל). וואַרשע, 1921.
5. ערשטער יידישער שול־צוזאַמענפאָר — דריי ביולעטינען, יוני 1921, וואַרשע.
6. 25 יאָר, וואַרשע, 1922.
7. פיר יאָר ארבעט און קאַמף, וואַרשע, 1929.
8. באַריכט צום 6טן צוזאַמענפאָר — 1929 — 1935 (מימיאָגראַפירט).
9. פערטער צוזאַמענפאָר פון אַלג. ייד. ארבעטער־בונד אין פוילן. וואַרשע, 1929.
10. מאַטעריאַלן צו דער פאַרצוזאַמענפאָר־דיסקוסיע, צוויי פּראָיעקטן פון אַ פּרינציפּן־דעקלאַראַציע, וואַרשע, 1934.
11. פּרינציפּן־דעקלאַראַציע פון אַלגעמיינעם יידישן אַרב. בונד אין פוילן (אָנ־גענומען אויפן 6טן צוזאַמענפאָר). וואַרשע, 1935 (צווייטע אויפלאַגע נאָך דער קאָנפיסקאַציע).
12. דער יידישער אַרבעטער־קלאַס אין יאָר 1936 (געוואָרן קאָנפיסקירט אין וואַרשע און אָפּגעדרוקט געוואָרן אין לאָדזש אָן דעם וויסן פון דער צענזור).
13. איינמאָליקע אויסגאַבעס : אַרבעטער־קאָנגרעס צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואַרשע, מאַי 1936, און צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואַרשע, יולי 1936.
14. ח ש. קאַזדאַן : יוסף לעשטשינסקי (י. כמורנער), וואַרשע, 1937.
15. עמנואל פּאַט : די סקיפּ־גרופּן, וואַרשע, 1938.
16. י. ש. הערץ : די געשיכטע פון אַ יוגנט, ניו־יאָרק, 1946.
17. ח. ש. קאַזדאַן : די געשיכטע פון יידישן שול־וועזן אין אומאָפּהענגיקן פוילן, מעקסיקע, 1947.
18. ש. מ. זיגעלבוים : די יידישע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין פוילן, אין „זיגעל־בוים־בוך“, ניו־יאָרק, 1947.
19. היסטאָרישער זאַמלבוך, וואַרשע, 1948.
20. הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, זאַמלבוך, ניו־יאָרק, 1951.
21. דורות בונדיסטן, 2 בענד, ניו־יאָרק, 1956.
22. כמורנער־בוך, ניו־יאָרק, 1958.
23. בערנאַרד גאָלדשטיין : צוואַנציק יאָר אין וואַרשעווער „בונד“ (1919 — 1939), ניו־יאָרק, 1960.
24. לייוויק האָדעס — ביאָגראַפיע און שריפטן, ניו־יאָרק, 1962.

פּויליש :

25. Henry Bich, *Rady Delegatów Robotniczych w Polsce* 1918-1919, Moskwa, 1934.

26. *Wiadomości Rady Delegatów Robotniczych w. Warszawy,* 1919.

27. *Biuletyn Warszawskiej Rady Delegatów Robotniczych,* 1919.
28. *Deklaracja ideowa "BUNDU,"* Warszawa, 1935.
29. Materjały w sprawie żydowskiej w Polsce. Żydowski Samorząd Gminny. Biuro prasowe organizacji sjonistycznej w Polsce. Warszawa, 1920.

דייטש:

30. *Unser Weg,* Wien, 1931.

אַרויסגעגעבן פון דער דעלעגאַציע פון „בונד" צום קאָנגרעס פון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

ווי אויך די פּעריאָדישע פּובליקאַציעס פון דער באַוועגונג פאַר דערדאָזיקער צייט.

ד״ר הלל זיידמאַן

* * * *

צו דער געשיכטע פון דער וואַרשעווער קהילה

1. דער „דאָזאָר באָזשניטשי"
אַן איבערברוך
די „זאָרג" פאַר די שולן
די דיפערענצירונג פון יידישן ציבור
די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן
קאַמף קעגן עצם עקזיסטענץ פון קהל
„די בקשה פון יידן"
דער „דאָזאָר באָזשניטשי"
אַ וויכטיקער פאַקטאָר פון יידישן לעבן אין פוילן

2. די פיר וואַרשעווער הויפּט־רבנים
א. רבי שלמה־זלמן ליפשיץ
ב. הרב חיים דאַווידזאָן
ג. הרב בעריש מייזעלש
ד. הרב יעקב געזונדהייט

דער „דאָזאָר באָזשניטשי"

אַן איבערברוך

דאָס יאָר 1821 איז אַן איבערברוך אין דער געשיכטע פון דער דעמאָלט נאָך יונגער יידישער קהילה אין וואַרשע. אין דעם יאָר האָט עס די רעגירונג געשאַפן אין וואַרשע, ווי אין גאַנצן קעניגרייך פּוילן, דעם „דאָזאָר באָזשניטשי", וואָס האָט געדאַרפט זיין אַן ערזאַץ פאַר דער קהילה, וועלכע מ'האָט טאַקע שפּעטער אָפּגעשאַפט.

„דאָזאָר באָזשניטשי" מיינט אין פּויליש „אויפזיכט איבער שולן". דאָס האָט עס געדאַרפט זיין — נאָך דעם ווילן פון דער רוסישער רעגירונג. פּאַקטיש איז דער „דאָזאָר" (מיר וועלן אים ווייטער אַזוי אָנרופן צוליב פאַרקירצונג, און אַזוי האָבן די יידן אים טאַקע גערופן) געוואָרן, לויטן ווילן פון יידן, די קהילה, ניט ווייניקער אויב ניט מער. דער „דאָזאָר" האָט מיט דער צייט איבערגענומען און צוגענומען אַלע פונקציעס, אויפגאַבן און רעכט פון דער „אָפּגעשאַפטער" קהילה — נאָך מיט אַן עודף אַריבער. דער „דאָזאָר", וועמענס אויפגאַבע, לויטן געזעץ, האָט געדאַרפט זיין אין דער בחינה פון אַ שמש און ניט מער, איז געווען די ברייטע און אויטאָריטאַטיווע יידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג און אָנפירונג, אויף אַלע געביטן פונעם יידישן לעבן — אַפילו אויפן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן. אויפן געביט פון שולן, דעם איינציקן געביט, וואָס איז פאַרגעזען געוואָרן דורכן געזעץ, האָט דער „דאָזאָר" אַפילו ניט געפּרוווט זיך מישן, און האָט דאָרטן ניט געהאַט קיין דעה.

אַ פּאַראַדאָקסאַלער מצב

דאָס איז געווען טאַקע איינע פון די משונהדיקסטע דערשיינונגען פונעם דעמאָלטיקן יידישן לעבן. און אַלע, אויך די רעגירונג, האָבן שלום געמאַכט מיט אָט־דעם פּאַראַדאָקסאַלן ווידערשפּרוך צווישן דעם רעכטלעכן און פּאַקטישן מצב.

דער איינציקער שפּור פון דעם דאָזיקן יורידישן מצב זענען געווען די וואַלן פונעם „דאָזאָר". היות זיין איינציקע אויפגאַבע האָט געדאַרפט זיין, לויטן געזעץ, אַכטונג צו געבן איבער די שולן און שטיבלעך, איז דאָך געווען מער ווי רעכט, אַז ער זאָל געוויילט ווערן דורך דידאָזיקע בתי־תפילה.

אָבער דערצו איז קיינמאָל ניט געקומען, ווייל פּאַקטיש האָט דער „דאָזאָר", דער „אויפזעער איבער די שולן", קיינמאָל ניט געהאַט קיין אויפזיכט איבער די שולן.

דאָס האָבן געוואוסט סיי די יידן און סיי די רעגירונג. אַ סימן, ווען אין די יאָרן 1861—1863, בעתן פּוילישן אויפשטאַנד קעגן צאַר, האָבן די יידן,

וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין אויפשטאַנד קעגן רוסישן רעזשים, געהאַט זייערע „באַזעס" אויך אין געוויסע שולן; אָבער די רעגירונג האָט אָנגענומען די טענה פונעם „דאָזאָר", אַז ער האָט ניט קיין דעה איבער די שולן. אָבער וועגן דעם ווייטער.

אַן אויסרייד

אין יאָר 1821, ווען די רוסישע רעגירונג האָט פּראָיעקטירט מבטל צו מאַכן דאָס „קהל", ווי ס'האָט די קהילה געהייסן אויך אין רוסיש און פּויליש, האָט זי געוואָלט פאַרמיידן אַ חלל בנוגע אויפזיכט איבער די בתי־תפילות — וואָס דאָס איז געווען איינע פון די פונקציעס פונעם קהל, האָט זי פריער נאָך געשאַפן דעם „דאָזאָר".

פריער, און ניט שפּעטער, ווי געוויסע היסטאָריקער שרייבן, אַז „מ'האָט אָפּגעשאַפט קהל און אויף זיין אָרט געגרינדעט דעם 'דאָזאָר באָזשניטשי'" [1]).

ס'איז אמת, אַז די כוונה מבטל צו מאַכן דעם קהל האָט שוין עקזיסטירט פון פריער, איידער מ'האָט אָפּגעשאַפט דעם „דאָזאָר", אָבער די אויספירונג איז ערשט געקומען שפּעטער.

קהל איז געווען צו־טיף איינגעוואָרצלט אין יידישן לעבן; צו־ענג איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער ווירקלעכקייט און צו־נאָענט איז ער געווען באַהעפט מיט דער מלוכה און מיט דער אַדמיניסטראַציע. און די רעגירונג, אַפילו אַזאַ דעספּאָטישע ווי די רוסישע, האָט ניט געקענט מיט איין פעדערשטריך מבטל מאַכן אַזאַ אינסטיטוציע — אָן צו טראַכטן וועגן אַ נאָכפאָלגערשאַפט צי אַן ערזאַץ.

די רעגירונג אין קעניגטום פּוילן, און די צענטראַלע רעגירונג אין פּעטערסבורג, אָן וועמענס צושטימונג אַזאַ שריט האָט ניט געקענט געמאַכט ווערן — האָט זיך פריער גוט מיישב געווען, איידער זי האָט זיך גענומען מבטל צו מאַכן קהל.

און ווען די רעגירונג באַשליסט שוין דעם דאָזיקן שריט, מאַכט זי אים פאַמעלעך און פאָרזיכטיק. אַ שטאַפּל דערצו איז דעריבער געווען די גרינדונג פונעם „דאָזאָר באָזשניטשי".

די „זאָרג" פאַר די שולן

פלוצים דערמאָנט זיך די רעגירונג, אַז ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל זאָרגן וועגן די שולן, בתי־מדרשים און שטיבלעך; קהל גיט ניט אַכטונג אויף זיי.

---

1) ד"ר יצחק שיפּער: „יידן אין פּוילישן קעניגטום", וואַרשע, 1932, זייט 15. דאָרע שטערנקאָץ: „דאָס אָפּשאַפן קהל און דאָס שאַפן דעם דאָזאָר", וואַרשע, 1937. ד"ר יוסף מייזעל: געשיכטע דער יודען אין פּוילען, בערלין, 1928.

ווייטער דערמאָנט זיך די רעגירונג, אַז ס׳זענען „נישטאָ קיין שום געזעצלעכע פאַרשריפטן, וואָס זאָלן פאַרזיכערן אַ פאָנד אויסצוהאַלטן דעם רעליגיעזן קולט״. באַשליסט זי דעם חלל אויסצופילן. זי שטעלט איין דעם „דאָזאָר באָזשניטשי״ און גיט אַרויס פאַרשריפטן, וואָס רעגולירן די פראַגע פון פאָנדן אויסצוהאַלטן שולן, רבנים און אַנדערע כלי־קודש.

ווי פון זיך אַליין שווימט אַרויף די פראַגע: אויב צו זאָרגן פאַר רעלי־גיעזע באַדערפענישן פון די יידן איז פאַראַן אַ ספּעציעלע אינסטיטוציע — דער „דאָזאָר״ — און קעגן פריערדיקן קהל זענען פאַראַן אָנקלאָגערס פון די יידן גופא, אַז ער זאָרגט ניט ווי געהעריק וועגן אָט־די ענינים, טאָ צו וואָס באַדאַרף מען דעם קהל? בפרט אַז דער „קאָהאַל״ איז גורם צום „סעפּאַראַ־טיזם״ פון יידן, וואָס די רעגירונג באַטראַכט עס פאַר אַ גרויסן חסרון.

ס׳איז ניט שווער געווען פאַר דער רעגירונג צו „געפינען״ אויף דעם אַן ענטפער, וועלכן זי האָט שוין געהאַט גרייט פון פריער...

באַשולדיקונגען קעגן קהל

אין די יאָרן 1817—1820 האָבן די אָנקלאָגעס און באַשולדיקונגען קעגן קהל, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געפעלט, אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער, ווי עס איז צו זען פון די דאָקומענטן וואָס מיר האָבן געטראָפן אין די רעגירונגס־אַרכיוון פון יענער תקופה. וואַרשיינלעך זענען ניט אַלע געווען אינגאַנצן גרונטלאָז, הגם געוויס שטאַרק איבערטריבן. די אויספאָרשונגען האָבן זיי ניט באַשטעטיקט. זיי זענען אָבער אַרויסגעוואַקסן פון אַן אַנדערן גרונט, מיט וועלכן מ׳דאַרף זיך פאַרנעמען, ווען מ׳וויל דערגיין די סיבה פונעם פאַלן פון קהל.

די דיפערענצירונג פון יידישן ציבור

ביז דעמאָלט איז דער יידישער ציבור געווען כמעט אַן איינהייטלעכער בנוגע אידעאישע איינשטעלונגען, הגם ס׳זענען געווען בולטע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אונטערשידן. אין אָנהייב פונעם 19טן יאָרהונדערט האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן אַרויסצושיילן אידעאישע און קולטורעלע אונטערשידן, וואָס האָבן צעטיילט די יידישע באַפעלקערונג:

פון איין זייט די אַלט־איינגעזעסענע אָרטאָדאָקסיע, וועלכע איז געווען געטיילט אויף מתנגדים און חסידים; און פון דער אַנדערער — די משכילים און אַסימילאַנטן. דיזאָיקע גרופן האָבן געקעמפט צווישן זיך וועגן דער אָנפירערשאַפט פון קהל.

אַחוץ דעם האָבן אונטערגעגראָבן דעם קהל די פאַרשידענע גרופן און

קליקעס פון אַמביציעזע עשירים און מאַכט־דורשטיקע תקיפים, פון רייך־געוואָרן פאַדריאַטשיקעס פאַרן מיליטער און פאַקטער פון „יידישע" שטייערן אויף „כשר", וואָס זענען ניט תמיד געווען כשר...

ס'האָבן ניט געפעלט בעלנים אויפן כבוד און השפעה וואָס ס'האָט געגעבן דאָס זיצן צווישן די ראשי־הקהל. די „דרויסנדיקע", וואָס האָבן ניט געקענט אַריין, האָבן געשטורעמט די פעסטונג און — אונטערגעגראָבן די יסודות פון איר עצם עקזיסטענץ. די באַשולדיקונגען קעגן די ראשי־הקהל האָבן אָפט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ מסירה קעגן קהל אַלס אַזעלכן.

דער שטורעם פון די אָרעמע

פון דער אַנדער זייט האָט דאָס אָרעמע פאָלק, די בעלי־מלאכות און קליינע קרעמער — וועמען די גבירים און תקיפים האָבן ניט צוגעלאָזט צו דער „קהלשער שיסל" — אויך געוואָלט אַ שטיקל דעה און אַביסל כבוד.

די אָרעמע שיכטן האָבן זיך באַקלאָגט ניט בלויז אויף דעם פאַרשליסן פאַר זיי די טויערן פון קהל, נאָר אויך, אַז די גבירים רייטן אויף דער אָרעמער „קהלשער קליאַטשע"; באַרייסן די אָרעמע און נוצן אויס זייערע אַמטן פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן און פאַר זייערע קרובים און פריינט.

די „פאַרגעשריטענע" ווידער האָבן געזען אין דעם קהל אַ „פעסטונג פון פינצטערניש".

פונדעסטוועגן זענען די אַנגריפן אויף קהל ניט געווען די איינציקע, און אַפילו ניט די וויכטיקסטע סיבה פון זיין אונטערגאַנג. ס'זענען געווען נאָך אַנדערע סיבות — טיפערע.

אין אומאָפּהענגיקן פוילן, איידער דאָס לאַנד איז פאַרנומען געוואָרן דורך די דריי מאַכטן — רוסלאַנד, פּרייסן און עסטרייך — האָט קהל פאַרמאָגט אַ ברייטע און פאַרשידנאַרטיקע מאַכט. לאָמיר נאָר דערמאָנען איין הויפּט־פאַקטאָר: די אינערלעכע דיסציפּלין, באַגרינדעט אויף דעם שלימותדיקן רעליגיעזן לעבן.

אַחוץ דעם האָט די פּוילישע רעגירונג געגעבן דעם קהל ברייטע קאָמ־פּעטענצן. דאָס איז ניט געווען צוליב אידעאַליסטישער ליבעראַלער פּאָליטיק, צי צוליב דעמאָקראַטישע פּרינציפּן — הגם די רעגירונג האָט זיך דעמאָלט באַצויגן צו יידן מיט גרויסער טאָלעראַנץ, וואָס מ'האָט ניט געקענט אין אַנדערע לענדער. דאָס צוטיילן גרויסע רעכט דעם קהל איז דער עיקר געווען צוליב אייגענע אינטערעסן — צוליב די שטייער־הכנסות.

דאָס פאַרטיילן און איינקאַסירן פון די פאַרשידענע שטייערן, וואָס האָבן געלאַסטעט אויף יידן, האָט געקענט דורכגעפירט ווערן בלויז דורך אַ יידישן אָרגאַן, דורך קהל.

אויך אַנדערע פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט זענען איבערגעגעבן געוואָרן צו דער יידישער באַפעלקערונג נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון קהל.

די יידן האָבן געלעבט אַן אייגן און אָפּגעשלאָסן לעבן; אָפּגעשלאָסן מיט הויכע מויערן פון „געטאָ" — הגם דאָרטן זענען נישט געווען קיין פיזישע מויערן — וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין משך פון דורות. די־דאָזיקע מויער איז אויפגעשטעלט געוואָרן מער פון אינעווייניק ווי פון דרויסן; מער ווי אַ שוץ איידער ווי אַ תפיסה.

דער יידישער יחיד, וואָס איז ניט געווען רעגיסטרירט אין די אָפיציעלע ציווילשטאַנד־ביכער אָדער אין וועלכע עס איז אַנדערע רעגירונגס־רעגיסטערן, האָט אַפילו ניט פאַרמאָגט קיין פאַמיליע־נאָמען — וואָס איז געגעבן געוואָרן ערשט שפּעטער — און איז פאַר רעגירונגס־אַמטן געווען ניט־דערגרייכבאַר. ווען די רעגירונג האָט עפּעס פאַרלאַנגט פונעם יידישן יחיד, אָדער פונעם ציבור, האָט זי ניט געהאַט קיין אַנדערע מעגלעכקייט צוצוקומען צו זיי ווי דורך קהל.

כדי קהל זאָל קענען דערפילן די אויפגאַבע, אין וועלכער די רעגירונג איז געווען פאַראינטערעסירט, האָט מען יידן געמוזט באַוואָפענען מיט רעכט און קאָמפּעטענצן, מיט פּריווילעגיעס און פונקציעס אויף פאַרשידענע און ברייטע געביטן: אַדמיניסטראַטיווע, פּאָליצייאישע, געריכטלעכע, גייסטיקע, עקאָנאָמישע און — וואָס ס׳איז געווען פאַר דער רעגירונג אַמוויכטיקסטן — פיסקאַלע.

ווען פּוילן איז צעטיילט געוואָרן דורך די דריי מאַכטן, האָבן די דאָזיקע „יורשים" אויך אָנערקענט אַלע אָדער אַ טייל פון די רעכט פון קהל — צוליב דיזעלביקע טעמים, פון דער פריערדיקער פּוילישער מאַכט.

אַזוי למשל האָט קעניג ווילהעלם פרידריך פון פּרייסן געגעבן דעם קהל גרויסע רעכט אין אַ פאַראָרדענונג פונעם 17טן אַפּריל 1797: „וועגן דער אַלגעמיינער איינאָרדענונג פון די יידן אין די פּראָווינצן פון דרום און דרום־מזרח פּרייסן".

די ענדערונגען

אונטער דער רוסישער אָקופּאַציע, וועלכע האָט פאַרנומען וואַרשע, זענען אַריינגעקומען תוכיקע ענדערונגען אויף דעם געביט. קודם־כל זענען די רעגירונגס־שטייערן שטופנווייז און סיסטעמאַטיש אַרויסגענומען געוואָרן פון דער יוריסדיקציע פון קהל. די רעגירונג באַמיט זיך אויף דעם געביט, ווי אויף אַנדערע, צוצוקומען דירעקט צו די יידישע יחידים, אָן דער פאַרמיטלונג פון קהל.

די רעגירונגס־קאָמיסיע פאַר הכנסות און פינאַנצן איז מודיע דעם „נאַמיעסטניק" (שטאַטהאַלטער) פון אָקופּירטן פּוילן נאָך אין יאָר 1817, אַז פון די צוויי „יידישע" שטייערן, — פון כשר־פלייש און פאַר מיליטער — איז דער

ערשטער אַ קאָנסומציע־שטייער און איז במילא אַ דירעקטער, און דער צווייטער ווערט אויך איינקאַסירט דירעקט פון די יחידים. וויבאַלד די רעגירונג אײַנקאַסירט דירעקט די שטייערן, פאַלט במילא אַוועק די הויפּט־סיבה פונעם אינטערעס פון דער רעגירונג אין קהל. קהל ווערט איבעריק, ווערט בטל די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פאַר קהל — פונעם שטאַנדפּונקט פון דער מאַכט.

די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן

דאַן איז געווען די אַלגעמיינע טענדענץ אין גאַנץ אייראָפּע צו מאַכן פון די יידן „בוצלעכע בירגער", דורך „איינגלידערן זיי אין דער געזעלשאַפט", ווי ס'גייט די מליצה. דאָס איז דאָך געווען די נאָך־נאַפּאָלעאָנישע צייט, פון די „סנהדרין"־פּרוואון, און ערב־עמאַנציפּאַציע דורך — אַסימילאַציע.

דער געדאַנק פון „אומוואַרפן די מויערן פונעם געטאָ" — הייבט אָן אַריינצודרינגען אין דריי פאַרשידענע שיכטן גלייכצייטיק: ערשטנס, אין די רעגירונגס־קרייזן (אין די רוסישע ווי אין די פּוילישע), וועלכע האָבן געהאַט אָנזעעוודיקע אויטאָנאָמיע; צווייטנס, ביי דער פּוילישער אינטעליגענץ; דריטנס, ביי דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע הייבט זיך אָן אַרויסצושיילן פון די יידישע עשירים, וואָס קומען־אויף מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און קאַפּיטאַליזם. דער רייכער יידישער שיכט, וואָס איז געקומען ס'רוב פון דייטשלאַנד, אָדער וואָס איז דורכגעדרונגען מיט דער השכלה פון דייטשלאַנד, מיט וועלכער ס'ווערן אָנגעהאַלטן האַנדלס־פאַרבינדונגען, איז געווען דער אַוואַנגאַרד פון אַסימילאַציע.

די אַלע שיכטן האָבן געשטרעבט אָפּצושאַפן די „מחיצות" צווישן יידן און פּאָליאַקן, אַזוי, אַז — ווי ס'האָט דערקלערט פּירסט אַדאַם טשאַרטאָריסקי — „מיטן אויסנאַם פון דער פאַרשידנקייט פון מיינונגען וועגן העכסטן באַשעפער, זאָל ניט זיין קיין שום אונטערשיד צווישן די אונטערטאַנען פון איין שטאַט" [2]).

פאַרשידענע וועגן האָבן געדאַרפט פירן צו דער פאַרווירקלעכונג פון אָט־דעם ווייטגייענדיקן אַסימילאַציע־פּלאַן. ערשטנס, בילדונג; צווייטנס, זיך קליידן „ווי אַלע אַנדערע אין לאַנד"; דריטנס, גלייכבאַרעכטיקונג — פּולשטענדיקע לויט די יידישע פאָדערונגען, און טיילווייז — לויט די פּאָליאַקן און רוסן; פערטנס, זיך באַשעפטיקן מיט „אַ פּראָדוקטיוון פאַך", ווי אַגריקולטור, האַנטווערקערטום אד"ג (האַנדל איז באַטראַכט געוואָרן ווי „ניט־פּראָדוקטיוו"); פינפטנס — און דאָ קומען מיר צום אייגנטלעכן עניין פון אונדזער פאָרשונג — די אָפּשאַפונג פון קהל.

---

2) אַקטן אין אַלטן אַרכיוו אין וואַרשע, נר. אַ־3721, „דאָס אָפּשאַפן פון קהל".

„צעשמעטערן די מויערן פון געטאָ"

אין דעם פּרט זענען די אַלע דערמאָנטע שיכטן געווען אייניק. „מ'דאַרף צעשמעטערן די דאָזיקע כינעזישע מויער — דעם קהל" — האָט מען געהאַלטן אין איין טענהן — „וועלכע רינגלט אַרום די יידישע באַפעלקערונג, פאַרשליסט זי הערמעטיש און מאַכט פון איר אַ מלוכה אין אַ מלוכה; מ'דאַרף אַפּראַמען די דאָזיקע מחיצה, אין וועלכער עס שלאָגן זיך אָפּ אַלע אָנשטרענגונגען פון די געבילדעטע איזראַעליטן, און אַפילו פון דער רעגירונג, אויפן וועג צו ציוויליזירן די יידן. די דאָזיקע מחיצה איז דער קהל" [3].

די אָנגריפן קעגן קהל

פון פיר זייטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַטאַקעס קעגן קהל. ערשטנס, פון דעם אָרעמען שיכט; צווייטנס, פון יענע רייכע יחידים וואָס זענען ניט צוגעלאָזט געוואָרן צו דער מאַכט; דריטנס, פון די באַעוולהטע, אָדער כלומרשט באַעוולהטע גבירים, ביים אויסמעסטן די שטייערן; פערטנס, פון די „פאָרגעשריטענע", פּראָגרעסיווע עלעמענטן, די משכילים און אַסימילאַנטן.

שוין אין 1817 הייבט זיך אָן דער ערשטער קאָנצענטרירטער אָנגריף. זיין פאַרלויף איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די דעמאָלטיקע פאַרהעלטענישן, אַז ס'איז כדאי זיך ספּעציעל צו באַקענען מיט אָט־דעם אָנגריף.

אין אַן אָנקלאַגע פונעם 29טן יוני 1817 ווענדן זיך די אָנגעזעענע וואַרשעווער בירגער צום „מאַגיסטראַט" (שטאָט־פאַרוואַלטונג), וואָס איז געווען די דירעקטע אויפזיכט־מאַכט פון קהל. די אָנקלאַגע איז אונטערגעשריבן פון רייכע סוחרים, ווי סאַלאָמאָן אייגער, וועלכער איז ניט קיין אַנדערער ווי דער באַרימטער גאון ר' שלמה אייגער, דער מחבר און מפרש פון ש"ס, דער זון פון רבי עקיבא אייגער; ווי אויך סאַלאָמאָן מאַרקוס פּאָזנער, וואָלף־מיכאל קאָהן, און אַנדערע.

זיי קלאָגן זיך, אַז קהל ריכטעט זיך נישט לויט די געזעצלעכע רעגולירונגען און נישט לויטן יושר ביים אויסמעסטן שטייערן.

די אָנקלאַגע ברענגט דעם געוואונטשטן רעזולטאַט. דער מאַגיסטראַט באַפעלט קהל נאָכצוקומען די פאָדערונגען פון די אונטערגעשריבענע בעלי־בתים. דערביי ווערט באַפוילן דעם קהל אָפּצוגעבן רעכענונג פון די פינאַנצן. ס'גייען פאַרביי צוויי חדשים און קהל מאַכט זיך ניט־וויסנדיק.

ס'קומט דעריבער די צווייטע ווענדונג (פון 24טן סעפּטעמבער 1817) פון דיזעלביקע, וועלכע זאָגן, אַז „אין משך פון 10 יאָר האָט קהל ניט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג פון זיין ווירטשאַפט, און אין משך פון אָט־דער צייט זענען

---

3) אין אַלטן אַרכיוו אין וואַרשע, „די אינטערעסן פונעם פּאָלק פונעם אַלטן טעסטאַמענט", נר. אַ־526.

דורכגעפירט געוואָרן אַ ריי „אומרעגלמעסיקייטן", פון וועלכע דאָס ערגסטע איז וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט און דערלאָזן ניט צו קיין וואַלן, זיי איגנאָרירן לגמרי דעם דעמאָקראַטישן פּראָצעס".

דער מאַגיסטראַט גיט אַרויס, נאָך אַ חודש, אַ שטרענגע אינסטרוקציע צו קהל, ער זאָל אין משך פון פיר וואָכן אָפּגעבן חשבון פון זיין ווירטשאַפט, אַנישט וועט ער דערוויטערט ווערן פון זיין אַמט. ס׳פאַרגייען די פיר וואָכן און — גאָרנישט.

די פאַרעקשנטע אָפּאָזיציע ווענדעט זיך ווידער צום מאַגיסטראַט מיט אַ פאָדערונג, אַז ס׳זאָלן געצויגן ווערן קאָנסעקווענצן קעגן קהל. דערביי שלאָגן זיי פאָר, אַז ניט קהל, נאָר אַ ספּעציעל־געוויילטע קאָמיסיע זאָל אויף להבא אויסמעסטן שטייערן.

ניט די שולדיקע, נאָר די באַשולדיקער ווערן באַשטראָפט

דער פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען. אָבער קהל סאַבאָטירט די נייע שטייער־קאָמיסיע, און אין רעזולטאַט דערפון ווערט אויפגעלייזט... די קאָמיסיע!

דער דאָזיקער פּאַראַדאָקסאַלער באַשלוס פאַלט אַראָפּ ווי אַ דונער פונעם הימל אויף דער אָפּאָזיציע. אין ערשטן מאָמענט זענען זיי געפּלעפט. וואָס הייסט? דאָס איז די „שטראָף" פאַרן שטענדיקן איגנאָרירן און סאַבאָטירן דורכן קהל די פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט? מ׳באַשטראָפט די באַשולדיקער... אָנשטאָט די שולדיקע!

נאָך דעם דאָזיקן שווערן און פּלוצימדיקן קלאַפּ, רעזיגנירט שוין די אָפּאָזיציע פון וויטערע אַטאַקעס קעגן קהל. זי זעט זיין איינפלוס ביי דער מאַכט און פּרוּווט ניט מער זיך באַפרייען פון זייער הערשאַפט.

דאָס איינציקע וואָס די אָפּאָזיציע טוט יאָ, איז צו שיצן זיך וויניקסטנס פון דער נקמה פון קהל; די אָפּאָזיציע שרעקט זיך בעיקר פאַרן אויסמעסטן די נייע שטייערן.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן דורכפאַל דער ערשטער גרעסערער פּרוּוו אומצוּוואַרפן די מאַכט פון קהל.

פונדעסטוועגן לאָזט די אָפּאָזיציע פאָרט ניט נאָך. פאַרקערט, זי קעמפט מיט מער ביטערניש. זי דערגרייכט נאָך פאַרשידענע אָנשטרענגונגען אַ געוויסן דערפאָלג. דער מאַגיסטראַט פאַראָרדנט צו קאָאָפּטירן צו קהל פאַר־שטייער פון דער אָפּאָזיציע: מיכאל עטינגער־ראַוויסקי, סאַלאָמאָן ניימאַרק, ישראל הירשזאָן און נחום פייגענבלאַט. דידאָזיקע רעזיגנירן אָבער באַלד פון זייערע מאַנדאַטן. זיי ווילן ניט מיטאַרבעטן מיט די ביזאיצטיקע ראשי־הקהל.

דער מאַגיסטראַט נעמט אָבער ניט אָן זייער רעזיגנאַציע — און דער קאָנפליקט גייט אָן.

צום סוף געווינט די אָפּאָזיציע אַ פולשטענדיקן זיג. די ביזאיצטיקע ראשי־הקהל ווערן אַראָפּגעזעצט, און אויף זייער אָרט ווערן נאָמינירט די פירער פון דער אָפּאָזיציע. אָבער די נייע ראשי־הקהל האָבן אויך ניט קיין רו. ס׳גיבן זיך אַ שיט אויף זיי אָנקלאָגעס פון פאַרשידענע צדדים, אין וועלכע ס׳שטעקט אויך די האַנט פון די פריערדיקע באַזייטיקטע קהל־פירער.

אין וואָס דער נייער קהל ווערט באַשולדיקט

די פריערדיקע ראשי־הקהל זענען געווען בעסער ווי די איצטיקע, ווערט אָנגעוויזן אין די אָנקלאָגעס —

א) זיי זענען נושא־פנים די עשירים ביים אויסמעסטן שטייערן;

ב) דער פשוטער מענטש האָט ניט קיין צוטריט צו זיי;

ג) זיי לייגן אַרויף נייע שטייערן, וואָס זענען אומבאַגרינדעט;

ד) זיי טוען גאָרנישט פאַר די באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג.

די אונטערגעשריבענע רוקן אַרויס פאָלגנדיקע פאָדערונגען:

א) צוימען די הערשאַפט פון די רייכע;

ב) צולאָזן צו דער פאַרוואַלטונג די פאָרשטייער פון די אָרעמע;

ג) אויסמעסטן די שטייערן יושרדיק, לויטן פאַרמעגן פון די באַשטייערטע;

ד) אויסשרייבן נייע וואַלן.

די ראשי־הקהל ווערן מיד פון דעם שטענדיקן קאַמף, און זאָגן זיך אָפּ פון זייערע מאַנדאַטן.

ענדלעך ווערט די אויפזיכט־מאַכט, די שטאָט־פאַרוואַלטונג (מאַגיסטראַט), געצוואונגען אויסצושרייבן וואַלן צו קהל. נאָך לאַנגע אָפּשלעפּענישן און צוגרייטונגען קומען פאָר וואַלן דעם 26טן סעפּטעמבער 1819. ס׳זענען אויסגעקליבן געוואָרן סיי פון די פריערדיקע ראשי־הקהל, סיי פון די לעצטע. צווישן די ניי־געווילטע ראשי־הקהל זענען פאַראַן דער גאון רבי שלמה אייגער, דער זון פון רבי עקיבא אייגער; רבי חיים דאַווידזאָן, דער שפּעטערדיקער וואַרשעווער רב, און רפאל־בער פּערל, דער זיידע פון פעליקס פּערל, דער פירער פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.).

ס׳וואָלט זיך געדאַכט, אַז היות ס׳זענען געווילט געוואָרן פון ביידע קעמפנדיקע צדדים וואָלט איצט דער קאַמף זיך געדאַרפט ענדיקן, אָבער ס׳איז ווייט דערפון. דאָס קהלשע קעסל האַלט אין איין קאָכן. טייל רעזיגנירן, אַנדערע פאַרנעמען זייערע ערטער. ס׳חזרן זיך איבער די אָנקלאָגעס.

קאַמף קעגן עצם עקזיסטענץ פון קהל

בעת די אַלע אַנגריפן זענען קעגן דער אַדמיניסטראַציע און ניט קעגן דער עצם אינסטיטוציע פון קהל ווי אַזעלכע, הייבן זיך אָן צו באַווייזן אַנגריפן פון אַן אַנדערן סאָרט. זיי זענען געצילט קעגן דער עצם עקזיסטענץ פון קהל. זיי קומען צוערשט פון די אַ״ג „דייטשן״, דאָס הייסט די פּראָגרעסיסטן פון דער בערלינער השכלה, און שפּעטער פון אַסימילאַנטן פון אַ פּראָ־פּוילישער טענדענץ.

זיי האָבן זיך אַראָפּגענומען אַ ביישפּיל פון דעם מערב־אייראָפּעאישן יידנטום פון דער נאָך־נאַפּאָלעאָנישער עפּאָכע. יענע זענען געווען גרייט צו באַצאָלן פאַר דער עמאַנציפּאַציע מיט זייער נאַציאָנאַלן „איך״ און אינערלע־כער אויטאָנאָמיע — פאַרוואָס זאָלן דאָסזעלביקע ניט נאָכטאָן די וואַרשעווער פּראָגרעסיווע? האָבן זיי דאָך באַקומען צוגעזאָגט אין דעם קאָנסטיטוציע־געזעץ פונעם וואַרשעווער פירשטנטום פונעם 22טן יולי 1807 גלייכבאַרעכ־טיקונג, און דער דעקרעט פונעם זאַקסישן קעניג און פירשט פון וואַרשע, פונעם 17טן אָקטאָבער 1808, האָט בלויז אָפּגעלייגט די עמאַנציפּאַציע „ביז צו דער צייט, און אונטערן באַדינג, פון ציוויליזירן די יידן״...

אָט־די „פּראָגרעסיווע״ יידן זענען געווען מאַטעריאַליסטן, האָבן גע־זאָרגט בלויז פאַר באַקוועמלעכקייט און זיך געיאָגט נאָך אַמטן. דאָס אָפּזאָגן זיך פון יידישער אייגנאַרט איז פאַר זיי סיווי ניט געווען קיין צו־הויכער פּרייז פאַר עמאַנציפּאַציע. אַ סך פון זיי, ווען זיי זענען געשטאַנען פאַר דעם אויסוואַל פון אָפּזאָגן זיך פון יידישער אמונה, כדי צו דערגרייכן עמאַנציפּאַציע, האָבן זיי אָן וואַקלענישן באַצאָלט אויך דעם פּרייז.

איצט האָט זיך זיי געדאַכט, אַז צו דעם צוועק וועט זיין גענוג אַ גע־וויינלעכע אַסימילאַציע, ניט „ביז צו דער לעצטער קאָנסעקווענץ״, ניט דווקא שמד.

זיי האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט פון „ציוויליזירן די מאַסן וואָס זינקען אין פינצטערניש״ דורך אַסימילאַציע. זיי האָבן אָבער אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד. קודם־כל מצד די אָרטאָדאָקסישע יידן פונעם אַלטן שניט, די בית־המדרש־יידן, די שול־יידן. דאַן, און אין אַ נאָך שטאַרקערער מאָס, מצד די חסידים, וועלכע האָבן דעמאָלט אין וואַרשע אָנגעהויבן וואַקסן אין צאָל און השפּעה. און בעיקר מצד קהל.

„אַ מלוכה אין אַ מלוכה״

די „אויפגעקלערטע״, ווי מ׳האָט זיי גערופן, האָבן געהאַלטן, אַז קהל איז „אַ מלוכה אין אַ מלוכה״, אַז זיין מאַכט איז צו גרויס און ברייט. זיי האָבן אויך געהאַלטן, ניט אָן באַרעכטיקונג, אַז קהל האַלט צוזאַמען אין אייזערנע ראַמען דעם יידישן ציבור, און קיינער קען זיך ניט אַרויסרייסן פון אָט־די

ראַמען. דעריבער האָבן די „אויפגעקלערטע" זיך פאַרנומען צו צעברעכן אָט־די ראַמען. היות זיי זענען געווען צו־ווייניק און צו־שוואַך זיך צו פאַרמעסטן מיטן מעכטיקן קהל, האָבן זיי זיך פאַרבונדן מיטן צווייטן עקסטרעם, מיט דער אָרעמקייט, מיטן פשוטן פאָלק, וואָס האָט זיך געבונטעוועט קעגן דער דיקטאַטור פון קהל.

די אָפּאָזיציע טרעט אַזוי אַרויס אין אַ דאָפּלטער ראָלע פון אַפּאָסטאָלן פון פאַרשריט און פון פאָלקס־טריבונען.

פונדעסטוועגן וואַגט ניט די אָפּאָזיציע זיך איינצורייסן אָפן מיט די מאַכטהאָבער. זיי באַהאַלטן זיך אונטער אַנאָנימע דרוקן.

„די בקשה פון יידן"

אין 1819 דערשיינט אַ בראָשור אין פּויליש א"נ „די בקשה אָדער פאַרענטפערונג פונעם פאָלק פונעם אַלטן טעסטאַמענט אין קעניגרייך פּוילן" [4].

דאָרט ווערן אַרויסגערוקט שווערע באַשולדיקונגען קעגן קהל, קעגן די רבנים און אויך קעגן דער חברה־קדישאָ, „וועלכע זענען אַלע פאַרבונדן אין איין אינטערעס".

צווישן די באַשולדיקונגען ווערט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן, אַז די ראשי־הקהל:

א) האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט כדי זיך צו באַוואָרענען פון צאָלן גרעסערע שטייערן, הגם זיי זענען עשירים;

ב) זיי באַגייען מיסברויכן ביים ווירטשאַפטן מיט קהלשע געלטער;

ג) זיי שטרעבן צו זיין אַליין־פאַכטער פון קהלשע שטייערן;

ד) זיי האַלטן דאָס פאָלק אין פינצטערקייט.

ווי די בראָשור אינפאָרמירט, האָט קהל געהאַט זיין פאַרמעג 181,161 זלאָטעס. (די סומע איז שטאַרק איבערטריבן אין ליכט פון די אַנדערע מקורות, וואָס מיר האָבן אויסגעפאָרשט אין די פאַרשידענע אַרכיוון פון יענער צייט.)

אין סך־הכל פאַרלאַנגט דער מחבר פון דער דערמאָנטער בראָשור:

א) שוין אויפצולייזן דעם קהל און די חברה־קדישאָ, און, אַז די יידן זאָלן אונטערליגן דער אַלגעמיינער שטאָט־פאַר־וואַלטונג און רעגירונגס־מאַכט;

ב) אויסצופאָרשן די פינאַנציעלע ווירטשאַפט פון קהל און אויסהערן די ראשי־הקהל אונטער אַ שבועה;

ג) אָפּצושאַפן דעם שטייער אויף כשר־פלייש.

אַזוי איז דער קאַמף קעגן די ראשי־הקהל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין

4) ווי מ'האָט זיך שפּעטער דערוואוסט איז דער אויטאָר פון אָט־דער בראָשור געווען פינחס־אליהו ליפשיץ פון אָפּאַטשנע.

אַ קאַמף קעגן קהל בכלל, קעגן זיין עצם עקזיסטענץ; דאָס הייסט, קעגן דער יידישער אויטאָנאָמיע.

די בראָשור האָט דאָן ניט דערגרייכט דעם ציל. פאַרקערט, קהל באַזיצט נאָך גענוג כוח זיך נוקם צו זיין אין זיינע קעגנער. ער האָט נאָך גענוג השפעה ביי דער מאַכט צו לאָזן פילן דער אָפּאָזיציע זיין קראַפט.

די לייזונג — אויפלייזונג

די אָפּאָזיציע ווענדעט זיך אין 1819 צום מיניסטעריום פון רעליגיעזע אמונות און עפנטלעכער בילדונג, מיט אַ בקשה אָפּצושאַפן קהל, און שרייבט אַזוי:

„מיטן דערשיינען פונעם ביכל יבקשה צו פאַרנוטפערן זיך פון דעם פאָלק פונעם אַלטן טעסטאַמענטי איז דער רעזולטאַט געווען אַ פאַרקערטער ווי מיר האָבן געהאָפט, וואָרעם מיר זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אויף נקמה און פאַרביסענע רדיפות פון קהל... צום קרימינעלן געריכט האָט מען ניט אַרויסגערופן די באַשולדיקטע ראשי־הקהל זיי זאָלן אָפּגעבן חשבון, נאָר גאָר די באַשולדיקער"...

דער הויפּט־וואָפן פון קהל איז געווען דער חרם. די אָפּאָזיציע באַמיט זיך צו מאַכן אומשעדלעך דעם דאָזיקן וואָפן. אמת, די רעגירונג האָט פאַר־ווערט זיך צו באַנוצן מיטן חרם. אָבער קהל באַנוצט אים ווייטער.

די אָפּאָזיציע איז חושד דאָס געריכט אין איינזייטיקייט. זיי פרעגן: „פאַרוואָס איז ניט אויסגעפירט געוואָרן דער אורטייל פון שטראָף פון 1,000 זלאָטעס קעגן מ. ט. פאַר לייגן אין חרם?"

זיי טענהן, אַז די בעסטע לייזונג פון די אַלע פּראָבלעמען איז די אויפ־לייזונג פון קהל. זיי ווייזן אָן אויפן ביישפּיל פון קראָקע, וואו קהל איז אָפּגע־שאַפט געוואָרן, און טענהן, אַז אויב דאָס וועט געשען אין וואַרשע, „וועט בילדונג הערשן אומעטום..." אין דער דערמאָנטער „בקשה" לייענען מיר צווישן אַנדערן:

„ווען עמעצער שטעלט זיך קעגן קהל, רודפן אים די ראשי־הקהל מיט אויסערגעוויינלעכע גרויסע שטייערן; אונטער־דריקן זיין פרנסה; שעדיקן זיין קרעדיט און אין פאַל פון ווייטערדיקן ווידערשטאַנד קומען די רבנים מיט אַ חרם. אַפילו נאָכן טויט יאָגט נאָך די נקמה פון קהל. מ'פאַרשרייבט דעם קעגנער אין אַ שוואַרצן בוך, און מ'וואַרט אויף זיין טויט. דעמאָלט פאַרלאַנגט מען פון דער משפחה אַ סך געלט, און מ'איז אים מקבר אויף אַ ניט־פּאַסיק אָרט אויפן בית־הקברות".

זיי ענדיקן זייער אָנקלאָגע מיט דעם, אַז אַפילו ווען די ספּעציעלע שטייערן אויף יידן וועלן פאַרלייכטערט ווערן, און אַפילו ווען יידן וועלן דערגרייכן גלייכבאַרעכטיקונג — וועט דאָס אַלץ ניט העלפן כל־זמן קהל וועט ניט אָפּגעשאַפט ווערן.

אַ לאַנג־פאַרצויגענע אויספאָרשונג

צוערשט איז די איינציקע רעאַקציע פון דער רעגירונג אויף דידאָזיקע פאַרלאַנגען געווען — רדיפות קעגן די באַשולדיקער. אויך קהל האָט זיי ניט געשאַנעוועט. ווען זיי האָבן זיך אָבער געמערט, האָט די רעגירונג מער ניט געקענט זיך „ניט־וויסנדיק מאַכן", און האָט אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג, וועלכע האָט זיך אָבער געצויגן יאָרן. אַזוי לאַנג, אַז זי האָט איבערגעלעבט קהל. די אויספאָרשונג האָט זיך, נעמלעך, געענדיקט אין יאָר 1823, נאָכן אויפלייזן פון קהל — און מיטן דערקלערן פאַר אומשולדיק די אַלע ראשי־הקהל.

די רעגירונג איז געקומען צו דער מסקנה, אַז מ'דאַרף טאַקע אויסנוצן די באַשולדיקונגען, וואָס קומען פון יידן אַליין, ווי אַן אויסרייד אָפּצושאַפן דעם קהל, וועלכער איז געוואָרן אומבאַקוועם פאַר דער צאַרישער מאַכט. די רעגירונג האָט דערביי געקענט אַרויסטרעטן ווי אַ פאַרטיידיקערין פון די „אונטערדריקטע מאַסן קעגן די אונטערדריקער", זייערע אייגענע ראשי־הקהל.

די רעגירונג איז אָבער צוגעטראָטן צו דער אָפּעראַציע פאָרזיכטיק און וואַקלדיק. זי האָט געהאַלטן, אַז די מיסברויכן פון יחידים קעגן אַ קערפּער־שאַפט זענען נאָך ניט קיין גענוגנדיקער גרונט אויפצולייזן אָט־די קערפּער־שאַפט. ס'איז דאָך גענוג צו באַזייטיקן די שולדיקע אין די מיסברויכן און אויסצובעסערן די אינסטיטוציע.

די „פאָרגעשריטענע" האָבן אָבער געהאַט אַן אַנדערע מיינונג. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מ'דאַרף בכלל מבטל מאַכן די יידישע אויטאָנאָמיע.

די מורא פאַרן חלל

אין די אויסרעכענונגען פון דער רעגירונג איז אָבער אַריינגעקומען נאָך אַן אַנדערער פאַקטאָר. זי האָט מורא געהאַט פאַר דעם חלל, דעם וואַקואום, נאָכן באַזייטיקן דעם קהל. די רעגירונג האָט פאָראויסגעזען דעם כאַאָס אין יידישן לעבן, וואָס וועט מעגלעך אַנטשטיין אין רעזולטאַט דערפון.

דער קהל איז דאָך געווען אַ גרויסער אַדמיניסטראַטיווער בניין, וועלכער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין משך פון יאָרהונדערטער; איז אויסגעבויט געוואָרן דורך פאַרשידענע פּריווילעגיעס און טראַדיציעס; מיט קאָמפּעטענצן

און פונקציעס, וועלכע האָבן זיך טיף איינגעוואָרצלט אין יידישן און אויך אין אַלגעמיינעם לעבן.

די רעגירונג האָט זיך דעריבער באַמיט צו שאַפן פאָראויס עפּעס אַן ערזאַץ, וואָס זאָל אויספילן די ליידיקייט נאָכן באַזייטיקן קהל.

דער „ערזאַץ"

אַזאַ מין ערזאַץ האָט עס טאַקע געדאַרפט זיין דער „דאָזאָר באָזשניטשי", וואָס מיינט ווערטלעך: „שולן־אויפזיכט". זיין איינציקע אויפגאַבע האָט גע־דאַרפט זיין צו האָבן די אויפזיכט אויף די שולן.

שוין אין אָנהייב 1819, ווען ס'איז אויפגעשוואומען אויף דער סיים־סעסיע די פראַגע פון „יידישן סעפּאַראַטיזם", איז געבראַכט געוואָרן די מיינונג פונעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, אַז „די רעפאָרמירונג פון יידן קען ניט דורכ־געפירט ווערן נאָר דורך גרויסע געזעצגעבערישע מיטלען; ס'זענען דערצו אויך נייטיק אַדמיניסטראַטיווע מיטלען". איינע פון דיזאָזיקע מיטלען האָט גע־דאַרפט זיין, ווי מיר זעען ווייטער, דאָס באַזייטיקן קהל.

די דאָזיקע פראַגע איז צוגעטיילט געוואָרן צו דער „רעגירונגס־קאָמיסיע פאַר רעליגיעזע אמונות און עפנטלעכער בילדונג", מיטן מאָטיוו, אַז „די רעליגיעזע מיינונגען זענען בעיקר די סיבה פון סעפּאַראַטיזם" [5].

די דאָזיקע קאָמיסיע באַטראַכט זיך אָבער פאַר ניט־קאָמפּעטענט צו דעצידירן אין דער פראַגע פון קהל און ווענדעט זיך צו דער קאָמיסיע פון הכנסות און פינאַנצן, וואָרעם, ווי זי באַמערקט ריכטיק:

> „די פאַרשידענע שטייערן, וועלכע יידן צאָלן, דאַרפן ניט אַרויפגעלייגט ווערן אַרביטראַר, נאָר דאַרפן ריכטיק צעטיילט ווערן צווישן די קהילות און צווישן די יידישע יחידים, און דורך זיי אַריינגעבראַכט ווערן אין דער רעגירונגס־קאַסע. אַנישט וועט קהל זיין אַ מלוכה אין אַ מלוכה און וועט תמיד שטערן דאָס איינגלידערן זיך פון די יידן אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט".

ווי מיר זעען, האָט די רעגירונגס־קאָמיסיע אָנגעשלאָגן דעם ריכטיקן טאָן: דאָס אַרויפלייגן שטייערן איז דער הויפּט־געווער פון קהל, און צוגלייך זיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג — פונעם שטאַנדפּונקט פון דער רעגירונג. האָלט זי דעריבער, אַז מ'דאַרף ביי קהל צונעמען אָט־די פונקציעס און דער־מיט וועט ממילא זיין עקזיסטענץ ווערן אינגאַנצן איבעריק.

איידער די פינאַנץ־קאָמיסיע נעמט אָן אַ דעפיניטיווע שטעלונג אין דער

---

5) פּראָטאָקאָל פון דער סיים־סעסיע פונעם 20טן פעברואַר 1819. די אַקטן פון דעם אַדמיניסטראַטיוון ראַט. דער אַרכיוו פון אַלטע אַקטן, באַנד אַ־3721.

פראַגע, איילט זיך שוין צו דער רעליגיעס־מיניסטער סטאַניסלאַוו פּאָטאָצקי, און מיט פיר טעג שפּעטער, דעם 24טן פעברואַר 1819, ווענדעט ער זיך צום שטאַטהאַלטער מיט אַ פאָרשלאַג צו שאַפן אַ „דאָזאָר באָזשניטשני", כדי „אויפ־צוברעכן שטייערן אויסצוהאַלטן די שולן".

דער „דאָזאָר באָזשניטשי"

נאָך צוויי יאָר דיסקוסיעס און באַראַטונגען ווערט ענדלעך דעם 20טן מערץ 1821 אַרויסגעגעבן די פאַראָרדענונג פונעם שטאַטהאַלטער פונעם פוילישן קעניגרייך וועגן „דאָזאָר באָזשניטשי".

שוין אין אַריינפיר צו דערדאָזיקער פאַראָרדענונג שיילן זיך אַרויס צוויי הויפּט־פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געפירט צום שאַפן פונעם „דאָזאָר"; דער ערשטער איז געווען דער אויסרייד צום צווייטן. דהיינו: די אָנקלאַגעס פון דער אָפּאָזיציע קעגן קהל, און דער פּלאַן פון דער רעגירונג אָפּצושאַפן קהל.

נאָכדעם ווי דער „דאָזאָר באָזשניטשי" איז געוואָרן איינגעפירט, האָט נאָך אַלץ עקזיסטירט קהל. ביז ס'האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַ פאָרשלאַג פון דער „וואָיעוואָודזקע קאָמיסיע" פון צויזמיר (סאַנדאָמיר), לויט וועלכן, נאָכן איינפירן דעם „דאָזאָר באָזשניטשי" זאָל קהל גענצלעך אָפּגעשאַפט ווערן.

אויף דעם האָט נאָר געוואַרט דער רוסישער מאַכטהאָבער, וואָס האָט געטראָגן דעם טיטל שטאַטהאַלטער פונעם קעניגרייך פוילן. ער האָט צונויפ־גערופן די דריי קאָמיסיעס: פון רעליגיע, פינאַנצן און אינערלעכע ענינים, און האָט זיי באַאויפטראַגט אויסצואַרבעטן אַ פאַראָרדענונג אָפּצושאַפן קהל.

די אַלע פונקציעס פון קהל, בפרט דאָס אויסמעסטן שטייערן, האָבן גע־ירשנט די דערמאָנטע קאָמיסיעס. בלויז „די שטראָף וואָס קהל האָט אַרויפ־געלייגט פאַר עובר זיין אויף דעם כשר־שטייער" איז איבערגעגעבן געוואָרן צום „דאָזאָר".

אין דער באַגרינדונג פון אויפלייזן קהל ווערט געזאָגט, אַז קהל איז שעדלעך פאַר דער יידישער באַפעלקערונג און פאַר דער רעגירונג.

דער קאַמף פון די אַסימילאַנטן

מיר ווערן דערביי געוואויר, אַז די „פאָרגעשריטענע" האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צום אויפלייזן קהל. אין דער דערמאָנטער פאַראָרדענונג פונעם שטאַט־האַלטער ווערט בפירוש געזאָגט, אַז „ס'איז אָנגעפרעגט געוואָרן די מיינונג פון די געבילדעטע איזראַעליטן". און וואָס איז געווען די מיינונג פון אָט־די אַסימילירטע יידן?

„דאָס איינפירן קהילות", האָבן זיי דערקלערט, „איז געשען אין ניט־

לאַנגער צייט (?) און זיי האָבן גאָרניט קיין געמיינזאַמס מיט די זיבן פּרנסים, וועלכע פלעגן אַמאָל אויסגעוויילט ווערן (שבעה טובי העיר), וועלכע האָבן געזאָרגט וועגן די ענינים פון די קהילות".

פריער, זאָגן די אַסימילאַנטן, האָט קהל אויסגעפירט אַ צאָל נוצלעכע פונקציעס. איצט אָבער האָבן די שולן זייערע גבאים. מיט קבורה פאַרנעמט זיך די חברה־קדישא; פאַר קהל איז דעריבער געבליבן בלויז אַרויפצולייגן שטייערן פאַר אירע אייגענע באַדערפעניש, און פאַרן פינאַנץ־מיניסטעריום.

„קהל איז פאַראינטערעסירט צו דערהאַלטן די יידן אין פינצטערקייט און דערנידעריקונג, וואָרעם בלויז אויף אַזאַ אופן קען ער בלייבן ביי זיין מאַכט. דעריבער דערהאַלטן זיי פינצטערקייט און שטעלן זיך אַקעגן יעדע נוצלעכע רעפאָרמע. ... דער פאַקט וואָס דאָרט וואו יידן זענען צוגעפירט געוואָרן צו אַ העכערן שטאַפּל פון ציוויליזאַציע עקזיסטירט ניט קיין קהל באַווייזט, אַז קהל קען אָפּגעשאַפט ווערן אָן שאָדן, און אפילו מיט נוצן פאַר דעם יידישן כלל. ... אויב אין טייל שטעט פאַרנעמט זיך קהל מיט שולן, ווערט דאָס שוין געטאָן דורך דעם דאָזאָר באָזשניטשי..."

צום סוף קומט דער אַממייננסטן־איבערצייגנדיקער אַרגומענט, פונעם שטאַנדפּונקט פון דער רעגירונג: אויב קהל איז געווען נוצלעך צוליב דעם וואָס ער האָט איינגעמאָנט שטייערן פאַר דער רעגירונג, איז איצט, ווען דאָס ווערט געטאָן דורך דער פינאַנץ־קאָמיסיע פון דער רעגירונג, איז דאָך קהל בכלל איבעריק.

דערמיט איז געחתמעט געוואָרן דער גורל פון קהל. דעם 20טן דעצעמבער 1821 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן „אוקאַז" (באַפעל) פונעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם ערשטן אָפּצושאַפן קהל.

אין אַריינפיר צום אוקאַז לייענען מיר אַ באַגרינדונג, וועלכע ס'איז כדאי דאָ צו ברענגען:

„ווענדיק אויסמיידן די אָנקלאַגעס פון יידן פון פאַרשידענע צדדים קעגן דער אונטערדריקונג פון אָרעמע מצד קהל; נעמענדיק אין באַטראַכט די פאָרשלאָגן פון די רעגירונגס־קאָמיסיעס, וועגן באַדאַרף אויפצולייזן קהל נאָך דעם ווי עס איז איינגעפירט געוואָרן דער דאָזאָר באָזשניטשי, האָבן מיר באַשלאָסן..."

און דאָ קומט דער ערשטער פאַראַגראַף, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר דעם תמצית פונעם „אוקאַז":

„פונעם טאָג פונעם פאַרעפנטלעכן אָט־דעם באַפעל הערט אויף צו עקזיסטירן קהל אין אַלע יידישע געמיינדעס" [6].

6) „טאָגבוך פון די געזעצן פונעם קעניגרייך פוילן", באַנד VIII, זייט 155.

די וויטערדיקע באַשטימונגען פונעם דערמאָנטן באַפעל האָבן פאַרגעזען, אַז די אַקטן פון קהל גייען איבער צו דער אויפזיכט־מאַכט פון דער רעגירונג.

אײן באַשטימונג אין דערמאָנטן „אוקאַז" זאָגט, אַז מיטן אויסמעסטן שטייערן אויף יידן וועלן זיך פאַרנעמען די וואָיעוואָדישע קאָמיסיעס אין לאַנד, און אין וואַרשע די שטאָט־פאַרוואַלטונג, דער „מאַגיסטראַט". דאָס אַרטיקל 3 פונעם באַפעל באַשטימט דערביי, אַז „דער דאָזאָר באַזשניטשי וועט אויסגענוצט ווערן ביים אויסמעסטן שטייערן".

דאָ געפינט זיך דאָס קערנדל פון דער פאַרזעצונג פון דער עקזיסטענץ פון קהל — אונטערן נאָמען „דאָזאָר באָזשניטשי". מיט דער צייט האָט דער „דאָזאָר" איבערגענומען אַלע פונקציעס פון קהל, און — אין צוגאָב ברייטע קאָמפּעטענצן און אַקטיוויטעטן וואָס קהל האָט קיינמאָל ניט פאַרמאָגט!

אַ וויכטיקער פאַקטאָר פון יידישן לעבן אין פוילן

דער „דאָזאָר" איז אויסגעוואַקסן צו אַ וויכטיקן פאַקטאָר פון יידישער אויטאָנאָמיע אין פוילן, צום מיטלפונקט פונעם יידישן ציבור־לעבן. די אָנפירער פונעם „דאָזאָר" זענען אָפט געווען פערזענלעכקייטן פון הויכן קאַליבער, מענטשן מיט ענערגיע, שוואונג און אונטערנעמונגס־גייסט. צווישן זיי זענען געווען גרויסע עשירים און נדבנים, וועלכע האָבן זיך געלאָזט קאָסטן פאַר קהלשע צוועקן, האָבן אויפגעשטעלט אינסטיטוציעס און זיי אויסגעהאַלטן.

אויך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די קהילה איז דעמאָקראַטי־זירט און אויסגעברייטערט געוואָרן — אַזוי אַז, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן וואַרשע, איז דער קהילה־ראַט געווען אַ מין יידישער פּאַרלאַמענט — איז די פאַרוואַלטונג פון דער קהילה, די עקזעקוטיווע, וועלכע האָט געהייסן אויף פויליש „זאַזשאָנד", אַדמיניסטראַציע, גערופן געוואָרן אין דער יידישער אומגאַנג־שפּראַך דער „דאָזאָר". אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע האָט אויך געטראָגן דעם נאָמען „דאָזאָר", און מיט שטאָלץ. אַ „וואַרשעווער דאָזאָר" איז געווען אַ הויכער ערן־טיטל. דער „דאָזאָר" צוזאַמען מיטן קהילה־ראַט האָבן געהאַט אין זייערע רייען די וויכטיקסטע לאַנד־פירער פונעם פוילישן יידנטום, פּרעזידענטן פון יידישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס, ווי די ציוניסטישע, אגודת־ישראל, מזרחי, „בונד", פועלי־ציון, אין צוגאָב צו די לאָקאַלע יידישע עסקנים און פירער איןווירטשאַפטלעכע און וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס.

דאָס „אָפּשאַפן" קהל דורך דער צאַרישער מאַכט אין 1821 איז געווען ניט מער ווי אַ פאָרמעלער אַקט, אָן ממשותדיקערווירקלעכקייט. די ענדערונג אין נאָמען האָט ניט געענדערט דעם פאַקטישן מצב פון אַן אַקטיווער, לעבע־דיקער אַלץ־אַרומנעמענדיקער יידישער אויטאָנאָמיע. די דאָזיקע אויטאָנאָמיע איז געווען די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם פון דעם יידישן פאָלק אין פוילן, מיט

אַלע אַטריבוטן פון אַ פאָלק, הגם אָן אַן אייגענער טעריטאָריע און אָן אַן אייגענער מלוכה.

דידאַקטיקע אויטאָנאָמיע האָט, ניט געקוקט אויף די פאַרמעסטן קעגן איר פון דרויסן און אינעווייניק, עקזיסטירט און געווירקט אַזוי לאַנג ווי ס׳האָט געלעבט דאָס פּוילישע יידנטום, ביז דער גרויליקער פאַרטיליקונג פון די יידן אין פּוילן דורך די דייטשן, ימ״ש.

די פיר וואַרשעווער הויפּט־רבנים

אין דער געשיכטע פון דער וואַרשעווער קהילה האָבן פאַרנומען דעם אַמט פון הויפּט־רב בלויז פיר רבנים: הרב שלמה־זלמן ליפּשיץ, באַקאַנט אונטערן נאָמען פון זיין ספר „חמדת שלמה״; הרב חיים דאַווידזאָן, הרב בעריש מייזעלש און הרב יעקב געזונדהייט.

מיר וועלן דאָ אָנצייכענען זייערע ביאָגראַפישע שטריכן אויפן יסוד פון די אַקטן און דאָקומענטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין „אַרכיוו פון די אַלטע אַקטן״ אין וואַרשע, און אין קהילה־אַרכיוו.

א. רבי שלמה־זלמן ליפּשיץ

רבי שלמה־זלמן ליפּשיץ איז געבוירן אין 1765 אין פּויזן. ער האָט געשטאַמט פון אַ רייכער, אַריסטאָקראַטישער משפחה, מיט רבנישן ייחוס, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנגע דורות. צווישן די אורעלטערן פון הרב ליפּשיץ איז געווען הרב שלמה־זלמן אַוערבאַך, דער באַרימטער מקובל פונעם 17טן יאָרהונדערט, וועמענס נאָמען ס׳האָט געטראָגן הרב ליפּשיץ.

ער האָט באַקומען די געוויינלעכע רעליגיעזע דערציאונג, אין חדר, ביי מלמדים און אין דער פריעסטער יוגנט האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין התמדה און חריפות. פּויזן איז אין יענער צייט, אין 18טן יאָרהונדערט, געווען אַ מקום־תורה. ר׳ שלמה־זלמן האָט געלערנט ביים דאָרטיקן רב און ראש־ישיבה ר׳ יוסף, וועלכער איז געווען באַרימט ניט בלויז מיט זיין גדלות אין תורה, נאָר אויך מיט זיין צידקות, אַזוי אַז מ׳האָט אים גערופן יוסף־הצדיק.

ביי אָט־דעם רבין איז ר׳ שלמה־זלמן ניט בלויז געוואַקסן אין תורה, נאָר אויך אין מידות און יראת־שמים, מיט וואָס ער האָט שפּעטער געשמט.

ער האָט, נאָך דעם דעמאָלטיקן מנהג, יונג חתונה געהאַט. ער האָט גענומען די טאָכטער פון אַ רייכן סוחר יקיר אין פּויזן, וועלכער האָט אים צוגעזאָגט „אייביקע קעסט״, כדי ער זאָל זיין פריי פון דאגות־פּרנסה און זאָל

זיך קענען ווידמען נאָר צו לערנען תורה. ר׳ שלמה־זלמן האָט פאַרגעזעצט זיין התמדה אויך נאָך דער חתונה.

מיט רבי עקיבא אייגער און רבי יעקב ליסא

אין זיין היימשטאָט האָט ער געהאַט צוויי חברים צום לערנען, וועלכע האָבן געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפעה. דאָס זענען געווען די שפּעטער־באַרימטע גאונים רבי עקיבא אייגער און רבי יעקב ליסא, דער „חוות דעת״. דער ערשטער איז שפּעטער געווען רב אין פּויזן, און דער צווייטער — אין ליסע, אויף פּויליש לעשנא, פון דאַנען זיין נאָמען.

דער עלטסטער צווישן זיי איז געווען רבי עקיבא אייגער. אַלע דריי זענען געווען אין זייער צייט די העכסטע אויטאָריטעטן, צו וועלכע מ׳האָט זיך גע־ווענדעט מיט שאלות פון אַלע יידישע תפוצות.

רבי עקיבא אייגער האָט זייער מכבד געווען הרב ליפשיץ, און אָפט, ווען מ׳האָט זיך צו אים געווענדעט מיט אַ שאלה, האָט ער אין זיין תשובה געשטעלט אַ באַדינג, אַז הרב ליפשיץ זאָל מיט אים מסכים זיין; בלויז דעמאָלט, האָט רבי עקיבא געשריבן, זאָל זיין תשובה זיין בינדנדיק[7]. ר׳ עקיבא שרייבט צו ר׳ שלמה־זלמן ליפשיץ געבנדיק אים דעם טיטל „גאון״, וואָס דאָס איז ביי אים געווען אַ זעלטענע זאַך.

אַן אַנערקענטער פּוסק

פון די חידושים און שאלות־ותשובות פונעם „חמדת שלמה״ זעט זיך אַרויס זיין ברייטע בקיאות און זיין לאָגישע הסברה. ער איז דעריבער אַנער־קענט געווען פאַר אַ פּוסק אײדער ער איז נאָך געוואָרן אויסגעוויילט אויף דעם אַמט פון וואַרשעווער רב. ווען ער איז נאָך געווען רב אין דעם קליינעם שטעטל נאַשעלסק, ווי מ׳זעט עס פון די שאלות, וואָס זענען צו אים געשריבן געוואָרן קיין נאַשעלסק.

ר׳ שלמה־זלמן האָט זיך ניט געפילט „היימיש״ אין פּויזן. ער האָט דאָרט ניט געהאַט די פּאַסיקע סביבה, ניט פאַר זיך און ניט פאַר זיינע קינדער. וואָרעם נייע ווינטן האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן צו בלאָזן אין דעם דאָזיקן מערב־טייל פון פּוילן, וועלכער איז אַלעמאָל מער אַרונטערגעפאַלן אונטער דער קולטורעלער און פּאָליטישער השפּעה פון דייטשלאַנד.

אין נאַשעלסק

אין אָנהייב פונעם 19טן יאָרהונדערט הייבן זיך אָן בולטער צו מערקן די סימנים פון דער שפּעטערדיקער איבערקערעניש אין דייטשן יידנטום.

---

7) שאלות ותשובות רבי עקיבא איגר, וואַרשע, 1885, סימן צ״ז.

די השכלה און עמאַנציפּאַציע באַהערשט אַלץ מער דאָס ציבור־לעבן אין פּויזנער געגנט און אויך אין גרויספּוילן, וועלכע איז געווען אונטער דער דייטשער מאַכט.

ר׳ שלמה־זלמן האָט מורא, אַז זיינע אונטערוואַקסנדיקע קינדער זאָלן ניט אַרונטערפאַלן אונטער דער פרעמדער השפעה, און ווען ס׳ווערט פריי דער פּאָסטן פון רב אין נאַשעלסק, אין קאָנגרעס־פּוילן, מעלדעט ער זיין קאַנדידאַטור, און ווערט דאָן געוויילט אויפן דאָזיקן אַמט.

ער הייבט אָן צו שמען סיי מיט זיין גדלות אין תורה און סיי מיט זיין צידקות. ער צייכנט זיך אויס באַזונדער מיט זיין צדקה־געבן; וואָס ער האָט פאַרמאַגט האָט ער אַוועקגעגעבן פאַר אָרעמע. זיין אייניקל הרב ל. מענדעלסאָן דערציילט, אַז ווען מ׳האָט אים אויפגענייט אַ נייַ פוטער, האָט ער באַלד דעם ערשטן טאָג ווען ער האָט אים אָנגעטאָן דערזען אַן אָרעמען יידן ציטערנדיק פאַר קעלט — האָט ער אויסגעטאָן דעם פוטער און עס אַוועקגעגעבן דעם אָרעמען [8].

פונדעסטוועגן האָט ער ניט געהאַט קיין מנוחה אין נאַשעלסק. די חסידים האָבן געוואונען אַלץ מער השפעה און מאַכט אין דער קהילה. דער „חמדת שלמה״ איז געווען אַ מתנגד, הגם ניט קיין קעמפנדיקער מתנגד. די חסידים זענען אָבער יאָ געווען קעמפעריש, און זיי האָבן ניט שלום־געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז אין אַ קהילה, וואו זיי בילדן אַ גרויסן כוח, זאָל אַ מתנגד פאַר־נעמען דעם אַמט פון רב.

דער רב איז געוואָרן אַ ציל־ברעט פון מחלוקת, און היות ער איז בטבע געווען אַ גוטער, אַ געמעסיקטער, און האָט געוואָלט אויסמיידן סיכסוכים, האָט ער פאַרלאָזט זיין רבנות אין נאַשעלסק.

אין פּראַגע ביי וואַרשע

ער האָט זיך דאָן איבערגעצויגן קיין פּראַגע, די פאָרשטאָט פון וואַרשע, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן פאַר רב אין 1819. אין פּראַגע זענען דעמאָלט אויך געווען חסידים, אָבער זיי זענען ניט געווען פיל אין צאָל און אויך ניט קעמפעריש ווי אין נאַשעלסק.

צוויי יאָר פאַרנעמט ער דאָס רבנות־אַמט אין פּראַגע, צו דער צופרידנ־קייט פון דער קהילה. ער דערפילט זיינע פונקציעס מיט גרויס פּינקטלעכקייט און איבערגעבנקייט. זיין גרויסקייט אין תורה און אין כאַראַקטער רופט אַרויס פאַרערונג און באַוואונדערונג.

אין דערזעלביקער צייט פאַרנעמט ער אויך דעם אַמט פון פאַרטרעטער פון רב אין וואַרשע, וואו ס׳איז קיין רב ניט געווען. דידאָזיקע פונקציע פון

8) הקדמה צו „חמדת שלמה״, וואַרשע, 1894.

הרב ליפשיץ ווערט אָפיציעל באַשטעטיקט אין אַ שריפטלעכער ווענדונג פון קהל צום „דאָזאָר באָזשניטשי".

אין משך פון אַכט חדשים און צען טעג האָבן פונקציאָנירט, איינצייטיק, ביידע דאָזיקע אינסטיטוציעס — קהל און דער „דאָזאָר"; דער ערשטער ערב דער אויפלייזונג, דער צווייטער גראָד ביי זיין אַנטשטיין. דאָס איז געווען די צייט פונעם 20טן מערץ 1821, ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן דער „דאָזאָר", ביזן 1טן יאַנואַר 1822, ווען ס'איז בטל געוואָרן קהל.

דעם 9טן דעצעמבער 1821, דאָס הייסט, דריי וואָכן פאַרן אויפגעלייזט ווערן, ווענדעט זיך קהל אין וואַרשע צום „דאָזאָר באָזשניטשי" מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער איז אים מודיע אָפיציעל, אַז הרב ליפשיץ איז „אויפן יסוד פון דעם הסכם פון די חשובסטע בעלי־בתים פון דער געמיינדע, רב אין פראַגע און שטעלפאַרטרעטער פון רב אין וואַרשע" [9].

דאָס איז, אגב, דער איינציקער בריוו פון קהל צום „דאָזאָר", וואָס מיר האָבן געפונען אין קהילה־אַרכיוו פון וואַרשע.

צום בריוו איז בייגעלייגט דער „קאָנסענס" (דער הסכם), וועלכער איז אונטערגעשריבן פון די חשובסטע בעלי־בתים פונעם דעמאָלטיקן וואַרשע: בערעק שמואל, דער זון פון דעם לעגענדאַרן שמואל זביטקאָווער, וועלכער האָט געשמט מיט זיין רייכטום און נדבנות; שלמה־מרדכי פּאָזנער, לוי שאול־סאָן, וואָלף־מיכאל קאָהן — אַלע ראשי־הקהל; ישראל־נחמן פרענקעל, גרויסער באַנקיר; שמואל־הערש קראָנענבערג, דער פאָטער פון דעם „פּרינץ פון דער פּוילישער אינדוסטריע", וועלכער האָט אויפגעבויט פאַבריקן און אינסטיטוציעס אין גאַנץ פּוילן; איזאַק ראָזען, דער באַנקיר, פאָטער פונעם באַוואוסטן מאַטיאַס ראָזען, שפּעטערדיקן ראש־הקהל פון וואַרשע; לוי סאַ־לינגער, דער פירער פון די אַסימילאַנטן; יעקב עפּשטיין, דער גרויסער גביר און ראש־הקהל, און אַנדערע איינפלוסרייכע פּני פון וואַרשע.

ערשטער רב פון וואַרשע

הרב ליפשיץ האָט געוואוינט אין דער פאָרשטאָט פּראַגע, און פלעגט עטלעכע מאָל אין דער וואָך אַריבערפאָרן מיט אַ שיפל איבער דער ווייסל (די בריק איז נאָך דעמאָלט ניט אויפגעבויט געוואָרן) קיין וואַרשע, כדי דאָרט צו דערליידיקן די רבנישע ענינים. דאָס איז טאַקע געווען זייער שווער פאַרן רב, ווייל די קאָמוניקאַציע צווישן פּראַגע און וואַרשע איז אין יענע צייטן געווען ניט קיין לייכטע.

האָט דער „דאָזאָר באָזשניטשי" דעריבער באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף

---

9) בריוו פון די „עלטסטע פונעם פאָלק פון משהס גלויבן", ווי קהל האָט געהייסן, צום „דאָזאָר באָזשניטשי" פון דער הויפּט־שטאָט וואַרשע פונעם 9טן דעצעמבער 1821, אונטערגעשריבן פון ל. שאולסאָן און סעקרעטאַר שכנא ניידינג. — אַרכיוו פון דער קהילה אין וואַרשע.

צום דאָזיקן ניט־נאָרמאַלן מצב און האָט אויפגענומען הרב ליפשיץ פאַר רב אין וואַרשע. ער האָט באַקומען אַ פּענסיע פון 5,000 זלאָטעס אַ יאָר, וואָס דאָס איז געווען אין יענע צייטן אַ גאַנץ אַנזעעוודיקע סומע. הרב ליפשיץ האָט זיך איבערגעצויגן קיין וואַרשע.

דאָס אויפנעמען פון הרב ליפשיץ איז ניט צוגעגאַנגען אַזוי לייכט, און ניט אַזוי גיך. ס׳האָבן גענומען גאַנצע 16 חדשים זינט דעם באַשלוס אויפצונעמען דעם רב ביז דער באַשטעטיקונג מצד דער אויפזיכט־מאַכט, די „רעגירונגס־קאָמיסיע פאַר רעליגיעזע אמונות און עפנטלעכער בילדונג״.

דעם 2טן מערץ 1825 שרייבט דער „דאָזאָר״ צו דער רעגירונגס־קאָמיסיע, און ערשט דעם 23טן יוני 1926 קומט אָן די באַשטעטיקונג אויף דעם אויפנעמען פונעם רב [10]).

באַלד נאָכן איבערנעמען זיין אַמט, ווערט דער רב זייער אַקטיוו אין עפנטלעכן לעבן. ער פירט אָן אַ קאַמף קעגן דער השכלה און אַסימילאַציע. ווען ס׳קומט אויף דער געדאַנק פון אַ ראַבינער־שולע איז הרב ליפשיץ פון די אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון אָט־דער שולע.

אין 1831, בעת דעם אויפשטאַנד קעגן דער צאַרישער מאַכט, איז הרב ליפשיץ קעגן דער באַטייליקונג פון יידן אינעם אויפשטאַנד. הרב ליפשיץ פאַרבאָט אויך די יידישע מיטגלידער פון דער שטאָטישער גוואַרדיע זיך צו גאָלן די בערד.

הרב ליפשיץ האָט זיך פאַרנומען קעגן די פאַרווילונגען פון יידישער יוגנט, וועלכע ער האָט באַטראַכט ווי אויסשרייטונגען קעגן יידישקייט. די שמשים האָבן געהאַט די מאַכט צו שטערן דידאָזיקע צוזאַמענקונפטן אין די שענק אָדער אין פעלדער אויסער דער שטאָט, און האָבן עס געטאָן מיט דער גאַנצער האַרבקייט. די פּאָליציי איז געקומען צו־הילף די שמשים, ווייל זי האָט דידאָזיקע צוזאַמענקונפטן באַטראַכט פאַר פּאָליטישע, געווענדעט קעגן דעם רוסישן מאַכטהאָבער פּאַסקעוויטש.

הרב ליפשיץ האָט אונטערגענומען שריט קעגן חילול־שבת אין די פאַבריקן, וואו ס׳האָבן געאַרבעט יידן, און וועלכע האָבן געהערט צו יידן. ער האָט זיך געווענדעט צו הערמאַן עפּשטיין, איינעם פון די רייכע ראשי־הקהילה, ער זאָל שבת באַפרייען די יידישע אַרבעטער אין זיין פאַבריק. עפּשטיין האָט עס נאָכגעגעבן, הגם ער אַליין איז ניט געווען קיין שומר־שבת. (שפּעטער איז דאָס פּראָבלעם פון יידישע אַרבעטער ביי יידישע, אַפילו אָרטאָדאָקסישע, פאַבריקאַנטן אין לאָדזש, געווען אַ זייער אַנגעווייטיקטער. דידאָזיקע פאַבריקאַנטן האָבן ניט געוואָלט אַננעמען קיין יידישע אַרבעטער, ווייל זייערע פאַבריקן זענען, לויט אַ „שטר־מכירה״, געווען טעטיק שבת...)

ר׳ שלמה־זלמן ליפשיץ איז געשטאָרבן אין 1839. זיין לוויה איז געווען

10) אָפּטיילונג „גייסטלעכע״, באַנד 1, אַרכיוו פון דער יידישער קהילה.

אַ גרויסע רעליגיעזע דעמאָנסטראַציע. הספדים זענען געהאַלטן געוואָרן אין פאַרשידענע שטעט.

זייענדיק אַליין אַ מתנגד, האָט ער אָבער געוואונען די אָנערקענונג אויך פון די חסידים, ווייל ער איז געווען אין פריינטלעכע באַציאונגען מיטן ערשטן גערער רבין, דעם „חידושי הרי״ם״, און האָט אָפּגעשאַצט זיין גאונות אין תורה.

ב. הרב חיים דאַווידזאָן

ר׳ חיים דאַווידזאָן איז געבוירן 1760 אין וואַרשע, ביי רייכע עלטערן. זיין פאָטער איז געווען אַ סוחר און למדן. ער האָט באַקומען די געוויינלעכע רעליגיעזע דערציאונג, און האָט אַרויסגעוויזן גרויס התמדה אין לערנען תורה. אין פריען עלטער האָט ער שוין געשמט פאַר אַ למדן. ער האָט זיך אָבער פאַרנומען שפּעטער מיט מסחר און מיט קהלשער טעטיקייט. ער איז געווען אַ מענטש מיט אוימגעהייערער ענערגיע, וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אַזוי אין זיינע אייגענע געשעפטן ווי אין כלל־אַרבעט.

צווישן קהל און „דאָזאָר באָזשניטשי״

ר׳ חיים דאַווידזאָן קען באַצייכנט ווערן ווי איינער פון די הויפּט־רינגען צווישן קהל און דעם „דאָזאָר באָזשניטשי״.

דער אָנהייב פונעם 19טן יאָרהונדערט איז געווען די איבערגאַנג־צייט פון קהל צום „דאָזאָר באָזשניטשי״. קהל איז אויפגעלייזט געוואָרן אין 1821 און דער „דאָזאָר״ האָט אין אַ קורצער צייט איבערגענומען אַלע טעטיקייטן פון קהל, און נאָך דערצו פאַרברייטערט און פאַרשטאַרקט זיינע פונקציעס און קאָמפּעטענצן.

איינע פון די וויכטיקסטע כוחות, וואָס האָט דאָס מעגלעך געמאַכט, איז טאַקע געווען דער מענטשן־פאַקטאָר. דער רוב פון די פריערדיקע ראשי־הקהל זענען געוואָרן די אָנפירער פונעם איצטיקן „דאָזאָר״. הגם דער נאָמען און די געזעצלעכע רעגולאַציעס זענען געענדערט געוואָרן, זענען אָבער די מענטשן, וואָס האָבן אויסגעפילט די אַלט־נייע רעגולאַציעס, געבליבן כמעט אַלע דיזעלביקע.

איינער, וואָס האָט געשפּילט אַ הויפּט־ראָלע אין קהל און דאַן אין „דאָזאָר״, איז געווען ר׳ חיים דאַווידזאָן.

שוין אין 1801, ווען ער איז געווען אַלט קוים 27 יאָר, איז ר׳ חיים אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן הויפּט פון „ביקור־חולים״, פונעם קהלשן שפּיטאָל און אויך פון דער „חברה־קדישא״. דידאָזיקע אינסטיטוציעס זענען געווען

די וויכטיקסטע אין דער קהילה, און דער ראש פון זיי איז געווען אַ מין צווייטער „ראש־הקהל״.

אין די אַקטן פונעם שפּיטאָל [11]) געפינען מיר באַריכטן פון דער איבער־געבענער טעטיקייט פון דאַווידזאָנען פאַר העלפן קראַנקע, אָרעמע, און פאַר דערהאַלטן דידאַקטיקע וויכטיקע אינסטיטוציע, וועלכע האָט עקזיסטירט ביז 1942, ווען די נאַציס, ימ״ש, האָבן אויסגעהרגעט קאַלטבלוטיק אַלע קראַנקע (צווישן זיי ר׳ הלל ציטלין, הי״ד).

פערציק יאָר אין כלל־אַרבעט

זינט 1801 שטייט ר׳ חיים אין משך פון 40 יאָר אין מיטלפּונקט פונעם עפנטלעכן לעבן אין וואַרשע, און אָפט אין צענטער פון קאָנפליקטן אין דער קהילה.

שוין בעת די ערשטע וואַלן צום „דאָזאָר״, וועלכע זענען פאָרגעקומען דעם 12טן יוני 1821, ווערט ר׳ חיים דאַווידזאָן געוויילט ווי אַ מיטגליד פונעם „דאָזאָר״, און ער פאַרנעמט דעם אַמט, מיט קליינע הפסקות, ביז 1839. ער יאָגט זיך ניט נאָכן מאַנדאַט, פאַרקערט, ער רעזיגנירט עטלעכע מאָל פון זיין אַמט. נאָר די קאָלעגן זיינע אין „דאָזאָר״ שאַצן אַזוי הויך זיין אַרבעט, אַז זיי באַמיען זיך שטענדיק ער זאָל צוריקציען זיין רעזיגנאַציע.

ר׳ חיים איז אַ פירער פון די מתנגדים, וועלכע האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין יענער צייט אין וואַרשע. אָבער ער געווינט אויך אַנערקענונג ביי די חסידים, וועלכע הייבן אָן צו פאַרשטאַרקן זייער השפּעה. ער געווינט אויך רעספּעקט ביי די „פאָרגעשריטענע״ און די משכילים, הגם ער קומט טיילמאָל אין קאָנפליקט מיט זיי, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן רעליגיעזע ענינים. וואָרעם אין פראַגן פון דת און טראַדיציע איז ער געווען קאָמפּראָמיסלאָז, און שטעלט זיך אַקעגן יעדן פּרואוו פון ענדערונג אָדער רעפאָרם.

ד״ר יצחק שיפּער, דער באַרימטער היסטאָריקער פונעם פּוילישן יידנטום, שרייבט אין זיין בוך „די יידישע בית־עלמינס אין וואַרשע״ (אין פּויליש, זייט 22), אַז הרב דאַווידזאָן „האָט געהאַט פאַרשטענדעניש פאַרן גייסט פון דער צייט״. אונדזערע פאָרשונגען אין די אַרכיוו־אַקטן ווייזן דאַקעגן, אַז ער איז אָפט געקומען אין קאָנפליקט מיט די „פאָרגעשריטענע״ וועגן די מינדסטע פּרואוון פון ענדערונגען אין טראַדיציע. ער שטעלט זיך אַקעגן, למשל, ווי דער הויפּט פון דער „חברה־קדישא״, קעגן יעדער ענדערונג אין די מינהגים און אָרדענונגען ביי לוויות און קבורה. ווען ס׳ברעכט אויס אין 1831 דער אויפשטאַנד קעגן דער צאַרישער מאַכט, שטעלט ער זיך, צוזאַמען מיטן דעמאָלטיקן וואַרשעווער רב, ר׳ שלמה־זלמן ליפשיץ, אַקעגן באַטייליקונג פון יידן אין דער „שטאָטישער גוואַרדיע״, ווייל זיי וועלן זיך מוזן אָפּגאָלן די בערד.

---

11) „שפּיטאָל סטאַראָזאַקאָנני״, אַרכיוו פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע.

וואַרשעווער הויפּט־רב

אין 1839 שטאַרבט דער ערשטער וואַרשעווער רב הרב שלמה־זלמן ליפּשיץ, און דער אַמט פון רב ווערט ליידיק. דער „דאָזאָר" קלייבט אויס אַ קאָמיטעט פון 30 חשובסטע בעלי־בתים, כדי זיי זאָלן אויפנעמען אַ רב. אין דעמדאָזיקן קאָמיטעט איז אויך אַריין דאַווידזאָן, וועלכער האָט ביי די וואַלן באַקומען די גרעסטע צאָל שטימען. שפּעטער ווערט די צאָל מיטגלידער פונעם קאָמיטעט פאַרקלענערט אויף 15, און ווידער איז דאַווידזאָן איינער פון זיי.

אין דאָזיקן קאָמיטעט אויסצואוויילן אַ רב איז אויך דער ערשטער גערער רבי, ר׳ יצחק־מאיר אַלטער, דער „חידושי הרי״ם", וועלכער שפּילט אַן אַקטיווע ראָלע אין קהלשן לעבן אין וואַרשע, און וועלכער ווערט שפּעטער אַליין אַ קאַנדידאַט אויף אַ מיטגליד אין בית־דין פון וואַרשע.

אינצווישן ווערט דאַווידזאָן געבעטן ער זאָל צייטווייליק דערפילן די פונקציעס פון רב־הכולל פון וואַרשע.

די וואַלן פון רב־הכולל פון וואַרשע זענען ניט געווען קיין לייכטע. ס'האָבן געמוזט איינשטימען אויף איר די וויטערדיקע פיר צדדים: די חסידים, די מתנגדים, די „פאַרגעשריטענע" און די רעגירונג. צו געפעלן ווערן אַלע צדדים, וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק באַקעמפט, איז געווען זייער שווער. די חסידים, וואָס זענען אין 1819, ביי די וואַלן פונעם ערשטן רב, דעם „חמדת שלמה", געווען אַ קליינע, אומבאַדייטנדיקע גרופּע, זענען ביז צום 1839 אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן כוח. הרב ליפּשיץ איז אויך געווען אַ מתנגד. אָבער אַדאַנק זיין אויטאָריטעט ווי אַ גאון, און זיין צידקות און מידות, איז אים געלונגען איינצושטעלן פריינטלעכע באַציאונגען מיט די חסידים, וועמענס מנהיג, דער „חידושי הרי״ם", איז אויך געווען אַנערקענט פאַר אַ גדול אין תורה, און הרב ליפּשיץ האָט אָנגעהאַלטן פריינטשאַפט מיט אים.

ר׳ חיים דאַווידזאָן איז אָבער געווען אַ מענטש פון אַן אַנדערער נאַטור, און איז אויך געווען אַן אַקטיווער קהילה־פירער ווי אַ מנהיג פון די מתנגדים. אַחוץ דעם האָבן די חסידים באַלד נאָך די שלושים פון הרב ליפּשיץ אַרויס־גערוקט די קאַנדידאַטור פונעם „חידושי הרי״ם" אויף רב־הכולל פון וואַרשע.

נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען איז סוף־כל־סוף, דורך אַ קאָמיטעט פון 15 פאָרשטייער פון די שולן, הרב חיים דאַווידזאָן אויפגענומען געוואָרן פאַר רב. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 80 יאָר, אָבער איז געווען פול מיט יוגנטלעכער ענערגיע און מיט אונטערנעמונגס־גייסט.

הרב דאַווידזאָן האָט געוואונען די שטיצע פון די חסידים דורך אויפנעמען שפּעטער דעם „חידושי הרי״ם" ווי אַ מיטגליד פונעם בית־דין אין 1839, הגם ער איז ערשט באַשטעטיקט געוואָרן פיל שפּעטער, צוליב דער קעגנער־שאַפט פון דער מאַכט.

הרב דאַווידזאָן האָט באַלד ליקווידירט זיינע פאַרצווייגטע געשעפטן,

און זיך אײנגאַנצן אָפּגעגעבן מיט רבנות. כדי צו זײן נאָענט מיט די ײדישע מאַסן, האָט ער זיך איבערגעצויגן אין האַרץ פונעם ײדישן קוואַרטאַל, אויף נאַלעווקי 32, וואו ער האָט אויך געעפנט אַן אייגן בית־המדרש.

נײַע תקנות אין רבנות

דער נײַער רב האָט אײנגעפירט אָרדענונג אין רבנות און אין די אַנדערע אינסטיטוציעס. זײענדיק אויסגעבונדן אין משך פון 38 יאָר מיט דער קהילה, מיטן שפּיטאָל, „חברה־קדישא" און מוסדות פון צדקה, האָט ר׳ חיים געקענט אַלע שרײַפּלעך פון דער קהלשער מאַשין. ער האָט אויך געקענט די קהלשע מענטשן. ער האָט דעריבער אויסגענוצט זײַנע לאַנג־יאָריקע דערפאַרונגען און זײַנע פאַרצווייגטע באַציאונגען פאַר אויסבעסערן די פונקציעס פונעם רבנות און קהלשע מוסדות.

מיט דער צײַט האָט ער געוואונען דאָס פאַרטרויען און פרײַנטשאַפט פון אַלע צדדים און שיכטן. ער איז נאָך פון פריער געווען אַ נאָענטער פרײַנט פונעם „חידושי הרי"ם", הגם ער אַליין, ר׳ חיים, איז געווען אַ מתנגד.

אויך די משכילים האָבן אים געשאַצט, וואָרעם ער האָט אויך געהאַט אינטערעס פאַר מאָדערנער ליטעראַטור. אַזויאַרום האָט ר׳ חיים, אין פאַר־גלײַך צו זײַן פאָרגענגער, דעם „חמדת שלמה", געקענט גילטן ווי מער פאָרגעשריטן.

פון דער רשימה פון זײַן ביבליאָטעק איז צו זען, אַז ער האָט געהאַלטן געוויסע וויסנשאַפטלעכע ביכער, זײַענדיק אַ גרויסער ליבהאָבער פון אַלערליי ספרים. ער פלעגט מיט אַ ברייטער האַנט שטיצן מחברים פון לומדישע ספרים. מיר געפינען זײַן נאָמען צווישן די „פרענומעראַנטן" (פאָראויס־באַצאָלער) פון אַ גרויסער צאָל ספרים. ער האָט אויך גערן געגעבן הסכמות אויף לומדישע ספרים און ניט געקאַרגט קיין לויב פאַר מחברים־לומדים.

פופצן יאָר רבנות — די גאָלדענע תקופה

ר׳ חיים האָט אײנגעפירט אַ צאָל נײַע אָרדענונגען אין דער שחיטה. ער האָט אָרגאַניזירט דאָס כשרות און איבערגענומען די השגחה אויף דעם גאַנצן געביט. פיל צײַט, ענערגיע און געלט האָט ער געווידמעט דעם חינוך. ער האָט אָרגאַניזירט די „תלמוד־תורהס" פאַר אומפאַרמעגלעכע קינדער און גע־זאָרגט פאַר זייער אויסהאַלטונג.

ער האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דער וואַקסנדיקער ײדישער באַפעלקערונג. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ טייל ײדן דאַרפן זיך באַזעצן אין גרעסערע גרופּן אויפן לאַנד און זיך פאַרנעמען

מיט ערד־אַרבעט. ער האָט אין דעם זין אַרויסגעגעבן אַ קול־קורא, צוזאַמען מיטן „חידושי הרי״ם״, דעם וואָרקער רבין ר׳ יצחק און אַנדערע.

זייענדיק אַן עושר, האָט ער זיך אויסגעצייכנט ווי אַ נדבן מיט אַ ברייטער האַנט. זיין זון, ר׳ נפתלי, אַ למדן און אַן עושר פאַר זיך, אַן איידעם פונעם באַוואוסטן וואַרשעווער באַנקיר ר׳ לייבוש חלפן, האָט אים צוגעהאָלפן אין רבנות.

הרב דאַווידזאָן האָט רעאָרגאַניזירט דאָס רבנות, צוגעטיילט רבנים צו די באַזונדערע קוואַרטאַלן, איינגעאָרדנט די קאַנצעלאַריע פון בית־דין און אַנגאַזשירט אַ סעקרעטאַר, וואָס האָט אויך געקענט פויליש.

די 15 יאָר פון זיין רבנות, 1839—1854, זענען געווען אַ „גאָלדענע תקופה״ פון וואַרשעווער ראַבינאַט און פון דער וואַרשעווער קהילה. ווען ער איז נפטר געוואָרן, י״ז אדר תרי״ד (1854), אין עלטער פון 94 יאָר, איז ער באַוויינט געוואָרן פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

ג. הרב בעריש מייזעלש

הרב דוב־בעריש מייזעלש (מיר באַנוצן אָט־דעם אויסלייג פון זיין נאָמען, ווייל אַזוי שרייבט ער זיך אונטער אין זיינע בריוו און ספרים) איז ווי זיין פאָרגענגער, הרב חיים דאַווידזאָן, איידער ער איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַר וואַרשעווער רב, געווען אַ רייכער סוחר און באַנקיר.

ער איז געבוירן אין שטשעקאָצין, אין 1800 (ניט אין 1798, ווי ס׳ברענגען יעקב שאַצקי און פיל אַנדערע). אין פּראָטאָקאָל פון זיין פאַרהער ביז מ׳האָט אים אַרעסטירט — וואָס געפינט זיך אין אונדזער רשות — פון 9טן אָקטאָבער 1861, איז פאַרנאָטירט, אַז ער איז אַלט 61 יאָר. אגב, ער גיט דאָרט איבער, אַז ער האָט קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך.

זיין פאָטער איז געווען ר׳ יצחק מייזעלש, רב פון קאַמעניץ, מחבר פון ספר „חוסן ישועות״ (ערשטער חלק 1808, צווייטער 1868) אויף יבמות, בבא בתרא א״א.

דער יונגער בעריש מייזעלש האָט באַקומען אַ רעליגיעזע דערציאונג. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט התמדה און אין די גאָר יונגע יאָרן האָט ער זיך דערוואָרבן אַ סך בקיאות. ער האָט פרי באַקומען אַ שם פאַר אַ למדן און אויך בעל־מידות.

דער גביר ר׳ זלמן באַרנשטיין פון קראָקע, וועלכער איז אויך געווען אַ גרויסער למדן, נעמט אים פאַר אַן איידעם פאַר זיין עלטערער און געראָטענער טאָכטער פייגל. זי איז געווען אינטעליגענט, באַגאַבט, שיין און, פאַרשטייט זיך, זייער פרום, ווי אַלע קינדער פון ר׳ זלמן באַרנשטיין. זי האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

די באַנק „באַרנשטיין און מייזעלש״ אין קראָקע

ר׳ בעריש מייזעלש איז נאָך דער חתונה געוואָרן אַ שותף צו זיין שווערס געשעפטן. באַרנשטיין האָט געהאַט אַ גרויסע באַנק אין קראָקע, האָט געהאַלטן אין פּאַכט די זאַלץ־גרובן אין וויעליטשקע און האָט פאַרמאָגט נאָך אַנדערע גרויסע געשעפטן. מייזעלש האָט זיך פאַרנומען מיט דער באַנק „באַרנשטיין און מייזעלש״ אין קראָקע, צוזאַמען מיט זיינע שוואָגערס. ער האָט צווישן אַנדערע אויך געליפערט אַמוניציע צו דער פּוילישער רעגירונג.

ביי דעם אַלעמען האָט ער געלערנט מיט התמדה און האָט מחבר געווען חידושים אויף שס און פּוסקים. ס׳איז ביי אים געווען, ווי דער אַנגענומענער אויסדרוק גייט, „תורה וגדולה במקום אחד״.

ר׳ זלמן באַרנשטיין האָט געטאָן „גרויסע שידוכים״. ער האָט זיך דריי מאָל משדך געווען מיט איינעם פון די וויכטיקסטע כלל־טוער און גבירים פון וואַרשע. באַרנשטיינס אַ טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט דוד פּאָזנער, דעם זון פון איינעם פון די איינפלוסרייכסטע וואַרשעווער ראשי־הקהל, דעם גביר און למדן שלמה־זלמן פּאָזנער. באַרנשטיינס צווייטע זין זענען שפּעטער געוואָרן איידעמס ביי דעם זעלבן פּאָזנער. פּאָזנער איז געווען לאַנגע יאָרן אַ פירנדיקער מיטגליד פונעם „דאָזאָר באָזשניטשי״, און האָט אויסגעאיבט אַ גרויסע השפעה סיי אַליין און סיי דורך זיינע פריינט פאַרבינדעטע אין דער קהילה.

דער פּרט איז דאָ וויכטיק, ווייל דידאָזיקע מחותנישאַפט איז געווען אַ גרויסער פאַקטאָר ביים שפּעטערדיקן אויסוויילן פון מייזעלשן ווי דער רב־הכולל פון וואַרשע.

מייזעלשס „באַטייליקונג״ אין פּוילישן אויפשטאַנד פון 1831

בעתן פּוילישן אויפשטאַנד קעגן דער רוסישער מאַכט אין 1831, האָט מייזעלש, וועלכער האָט געליפערט אַמוניציע צו די פּאָליאַקן, פאַרלוירן אַ גרויסן טייל פון זיין פאַרמעגן און איז אַריינגעפאַלן אין פינאַנציעלע שוועריקייטן. די פּוילישע רעגירונג האָט אים ניט באַצאָלט פאַר זיינע צושטעלונגען פון אַמוניציע און אַנדערע קריגס־ליפערונגען. ער פאַרלאָזט דאַן זיינע מסחרים און ווערט רב אין קראָקע. ער איז אָבער ניט געווען דער רב פון דער גאַנצער קהילה. זיין מאַטעריעלער מצב איז געווען אַ געדריקטער.

ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן סאָציאַלן באַוואוסטזיין. ער איז געווען, פּונקט ווי זיין שווער און שוואָגערס, אַ גרויסער בעל־צדקה. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז מיט צדקה אַליין וועט מען ניט לייזן די פּראָבלעם פון אָרעמקייט, וועלכע האָט במשך פון יאָרן געפּייניקט די קראָקעווער יידן. דעריבער האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיטן עקאָנאָמישן מצב פון די יידן פון זיין קהילה

און איז געקומען צו דער מסקנה, אַז ס'זענען נייטיק עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און אויך פּאָליטישע רעפאָרמען אין דעם געבוי פון דעם לאַנד. זיין טיף יושר־געפיל, וואָס דריגגט אַרויס פון זיינע בריוו און אויפרופן, האָט אים געמאַכט פילבאַר אויף די רעוואָלוציאָנערע אויפטרייסלונגען אין די יאָרן 1846—1848, אין דעם פעלקער־פרילינג, וואָס האָט דעמאָלט דורכגעשטורעמט איבער גאַנץ אייראָפּע. זיין האַרץ איז געווען אויף דער זייט פון די רעוואָלוציאָנערן.

פון אַלטן שטייגער און אַ וועלט־מענטש

דאָס אַליין איז געווען אַ מין רעוואָלוציע. מייזעלש איז געווען אַ רב פונעם אַלטן שטייגער. אַ פּאַרצייטישער גדול־בתורה, האָט ער פאַרמאָגט וויניק וועלטלעכע בילדונג; האָט ניט באַהערשט קאָרעקט ניט פּויליש און ניט דייטש — די צוויי שפּראַכן פונעם דעמאָלטיקן פּאָליטישן לעבן. דאָך האָט ער האָט געהאַט פאַרשטענדעניש, און אַ קלאָרע ליניע, לגבי די געשעענישן אין דער גרויסער וועלט. ער איז ווייט ניט געווען קיין וועלטלעכער מענטש — אָבער ער איז געווען אַ „וועלט־מענטש".

דאָס הייסט ניט, אַז ער איז געווען אַן אַקטיווער רעוואָלוציאָנער. ווייט דערפון. דאָס מיינט אויך ניט, אַז ער איז פאַקטיש געווען באַטייליקט שפּעטער אין אויפשטאַנד פון 1861—1863 ווי דער וואַרשעווער רב. ער איז געווען ניט מער ווי אַ סימפּאַטיקער (זע ווייטער דעם פּראָטאָקאָל פון זיין פּראָצעס). אָבער מיט איין זאַך האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין זיין רבנות — מיט פירערשאַפט. בעת די רבנים אין גאַליציע און אין פּוילן, אין קעגנזאַץ צו די רבנים אין ליטע, זענען בדרך־כלל ניט געווען קיין פּאָליטישע מנהיגים, איז עס הרב מייזעלש יאָ געווען.

ער האָט זיך ניט פונאַנדערגעקליבן געגוי אין די פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָגראַמען פון די רעוואָלוציאָנערן, אָבער ער האָט געפילט, אַז פיל פונקטן אין זיי זענען גוט פאַרן געדריקטן, אָרעמען מענטש, און דעריבער זענען זיי „גוט פאַר יידן".

דערביי האָט אים אונטערגעשפּילט די דעמאָלטיקע פּאָליטישע קאָנסטעלאַציע אין גאַליציע. די פאַרגעשריטענע און משכילים זענען געווען, מיט קליינע אויסנאַמען, פון פאַרפּוילישטע אַסימילאַנטן, צענטראַליסטן. זיי זענען געווען פאַר אַ צענטראַלן עסטרייכישן רעזשים. מייזעלש איז געווען אויף דער זייט פון די פּוילישע אויטאָנאָמיסטן, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט זעלבסט־פאַרוואַלטונג פאַר גאַליציע אונטער פּוילישע באַאַמטע און מיט אַ פּוילישן לאַנד־סיים (פּאַרלאַמענט).

די שטעלונג פון מייזעלשן איז געווען מחמת זיין קעגנערשאַפט צו דער בערלינער השכלה און רעפאָרם. ער האָט דערביי אויך ניט נאָכגעגעבן די פּראָ־פּוילישע אַסימילאַנטן. ווען ס'איז אויפגעקומען די פראַגע פון שול־

ווען, האָט ער געקעמפט פאַר סעפּאַראַטע יידישע רעליגיעזע שולן מיט לשון־קודש.

אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט

ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ צאָל פּאָליטישע דעקלאַראַציעס — וועגן וועלכע מ'האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיי ניט געלייענט — אָבער זיי האָבן געהויבן זיין פּרעסטיזש ביי די יידן און ביי די פּאָליאַקן, מיט זייער דעמאָקראַטישן צוגאַנג און סאָציאַלער פאַרשטענדעניש.

מיט דער צייט איז ער אויסגעוואַקסן צו אַ לעגענדאַרער געשטאַלט פון אַ רב, אַ פּוילישן פּאַטריאָט, אַ געשטאַלט וואָס מ'האָט ביז דעמאָלט ניט געזען אין פּוילן.

אַזוי האָט הרב מייזעלש ביי די וואַלן אין קראָקע צום עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, דעם 22טן דעצעמבער 1848, באַזיגט סיי דעם יידישן אַסימי־לאַטאָרישן קאַנדידאַט און סיי דעם פּוילישן קאַנדידאַט גראַף אַדאַם פּאָטאָצקי, און איז געוויילט געוואָרן ווי אַ דעפּוטאַט.

אין דער צייט פון זיין מיטגלידערשאַפט אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט האָט ער קיין איין מאָל דאָס מויל ניט געעפנט. ער האָט ניט באַהערשט די שפּראַך. אָבער ער איז דאָך באַטראַכט געוואָרן ווי אַ העלד און רעוואָלוציאָ־נערער פּאַטריאָט. די וואַלן האָבן אים צוגעגעבן פיל פּרעסטיזש.

זיין כלל־טעטיקייט

מייזעלש האָט געהאַט אַ טיפן אינטערעס אין יידישע כלל־ענינים. ער האָט געהאָלפן דעם יישוב ארץ־ישראל, בפרט ווי אַ רב אין וואַרשע. ער האָט זיך געווענדעט מיט אויפרופן צו זאַמלען געלט פאַר די באַדערפטיקע יידן אין ארץ־ישראל. צוזאַמען מיטן „חידושי הרי״ם" און מיט ר' יעקב געזונדהייט, זיין שפּעטערן נאָכפאָלגער, האָט ער געבילדעט אַ קאָמיטעט פאַר אָט־דעם צוועק.

ער האָט געהאָלפן דער געזעלשאַפט „מקיצי נרדמים" אויסצוזוכן און אַרויסגעבן אַלטע מאַנוסקריפּטן אין וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס.

אין קראָקע איז ער אַרויסגעקומען מיט פּלענער וויאַזוי צו העלפן עקאָ־נאָמיש די פאַראָרעמטע יידישע מאַסן דורך פּראָדוקטיוויזאַציע. זיין צוגאַנג איז געווען פון אַ מאָדערנעם עקאָנאָמיסט, דאַן אַ זעלטנהייט ניט בלויז צווישן רבנים, נאָר אויך צווישן יידישע עסקנים בכלל.

וואַרשעווער רב

ער איז אָבער פינאַנציעל געפאַלן אַ קרבן פון דער רעוואָלוציע. די קהילה אין קראָקע האָט אים ניט געצאָלט קיין שכירות, ווייל ער איז ניט

געווען קיין אָפּיציעלער רב פון דער קהילה. די פּראָ־עסטרייכישע אַסימילאַנטן און משכילים האָבן אים באַקעמפט, סיי פאַר זיינע פּראָ־פּוילישע סימפּאַטיעס, סיי פאַר זיינע אַנטי־משכילישע אַרויסטרעטונגען.

אין דעם מצב איז אים צונוץ געקומען זיין מחותנישאַפט מיט ר׳ שלמה־זלמן פּאָזנער, איינער פון די איינפלוסרייכסטע וואַרשעווער ראשי־הקהל, וועלכער האָט פאַרסירט זיין קאַנדידאַטור פאַר וואַרשעווער רב, אַ פּאָסטן וואָס איז געווען ליידיק זינט 1854, נאָך דער פּטירה פון ר׳ חיים דאַווידזאָן.

דידאָזיקע קאַנדידאַטור האָט אָבער אָנגעטראָפן אויף שאַרפע קעגנער־שאַפט מצד די חסידים צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, איז מייזעלש געווען אַ מתנגד; צווייטנס, האָבן די חסידים געהאַט אַן אייגענעם קאַנדידאַט, רבי יצחק־מאיר אַלטער, דער ערשטער גערער רבי, דער „חידושי הרי״ם״.

דער „חידושי הרי״ם״ האָט געהאַט דריי וויכטיקע קוואַליפיקאַציעס פאַרן דאָזיקן אַמט: ערשטנס, איז ער געווען מער למדן ווי מייזעלש; ער איז אַנערקענט געוואָרן ווי אַ גאון דורך די ערשטע צוויי רבנים, דעם „חמדת שלמה״ און ר׳ חיים דאַווידזאָן. ער איז נאָך געווען קאַנדידאַט אין 1839, ווען ר׳ שלמה־זלמן ליפשיץ איז געשטאָרבן. צווייטנס, איז ער געווען אַ וואַרשעווער, און זייער אַקטיוו אין די אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע און קהלשע ענינים, און אויך פאַר ארץ־ישראל. לסוף, ער איז אויך געווען זייער געאַכטעט ביי די פאַרגעשריטענע און אַסימילאַנטן.

טראָצדעם איז אָבער ר׳ בעריש מייזעלש אין 1854 געוויילט געוואָרן פאַר וואַרשעווער רב. די וואַלן זענען, פאַרשטייט זיך, מצד די חסידים ניט אויפ־גענומען געוואָרן מיט גרויס התלהבות. דער נייער רב האָט אָבער מיט זיין טאַקט און באַשיידנקייט באַלד זיך גענומען צו ליקווידירן די מחלוקתן, און דאָס איז אים אין אַ גרויסער מאָס געלונגען.

זייענדיק אַ מענטש מיט אַ ברייטערן בליק און מיט כלל־פאַראינטערע־סירונג, איז ער אויך בטבע געווען אַ רודף־שלום. ער האָט אויך ניט גע־שטעלט אויף זיך אין לומדות — אין קעגנזאַץ צו זיין נאָכפאָלגער ר׳ יעקב געזונדהייט — און זיך שטענדיק באַראַטן מיט די מורי־הוראהס פון זיין בית־דין, צווישן וועלכע ס׳זענען געווען גרויסע לומדים. ער האָט זיך באַצויגן מיט באַזונדערן דרך־ארץ צום „חידושי הרי״ם״, ווען ער האָט געוואָלט אויפנעמען ווי איינעם פון די אָפּיציעלע רבנים.

ער האָט דערמיט געוואונען דעם רוב פון די חסידים, זיינע פריערדיקע הויפּט־קעגנער. די מתנגדים זענען במילא געווען מיט אים, און די אַסימי־לאַנטן האָבן אין אים געזען אַ מענטש מיט פאַרגעשריטענע אידייען, וואָס איז אַנערקענט און רעספּעקטירט געוואָרן אויך ביי די פּוילישע שררות.

זיין פּאָליטישע ראָלע

מייזעלש האָט באַלד אָנגעהויבן שפּילן אַ גרויסע פּאָליטישע ראָלע ניט

בלויז אין וואַרשע, נאָר אויך אין גאַנצן לאַנד. ער איז געשטאַנען אין פאַר־בינדונג מיט די פירער פון די פּאָליאַקן, גראַף אַנדזשעי זאַמאָיסקי און גראַף א. וויעלאָפּאָלסקי. ער איז געווען דער שתדלן פאַר יידן פונעם גאַנצן לאַנד; פאַרן כלל ווי פאַר איינצלנע קהילות, און אויך פאַר יחידים.

ער האָט אונטערגעשריבן די פּעטיציע צום צאַר וועגן אויטאָנאָמיע פאַר פּוילן. דערמיט איז אויך געקומען צום אויסדרוק זיין סטאַטוס ווי אַ רעפּרע־זענטאַנט פון דער יידישער קהילה בכלל.

דאָס יאָר 1861 איז געווען אַן אָנהייב פון רעוואָלוציאָנערע אַנטי־רוסישע אויסברוכן אין וואַרשע, אין וועלכע יידן האָבן געפילט סימפּאַטיע צו די פּוילישע אויפשטענדלער. הרב מייזעלש אַליין האָט געטיילט דידאַזיקע סימ־פּאַטיעס און האָט זיי אויסגעדריקט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

די פאַנטאַזיע פונעם פאָלק און פון שרייבער, און די אינטערעסן פון די פּוילישע אויפשטענדלער, האָבן זיך צונויפגעלייגט צו מאַכן פון הרב מייזעלש שיער ניט דעם אָנפירער פונעם פּוילישן אויפשטאַנד און געשוואוירענעם רעוואָלוציאָנער. דאָס אַרעסטירן אים מצד די רוסן האָט אים צוגעגעבן דעם אַרעאָל פון אַ מאַרטירער פאַר דער רעוואָלוציע. דאָס איז אָבער אַ היפּש־ביסל איבערגעטריבן. מייזעלש איז, ביי זיין גאַנצן פּאָליטישן חוש, געווען אַ רב פונעם דעמאָלט־אָנגענומען שטייגער, און האָט געהאַט פאַר די אויגן בלויז די יידישע אינטערעסן. „וואָס ס'איז גוט פאַר יידן" איז געווען זיין איינציקע ריכטליניע.

וואָס איז דער אמת וועגן זיין „באַטייליקונג" אין אויפשטאַנד פון 1861־1863?

לאָמיר קודם־כל הערן פון אים אַליין. דער בעסטער היסטאָרישער דאָקו־מענט איז דער פּראָטאָקאָל פון זיין אויספאָרשונג דורך די רוסישע ריכטער. אַ קאָפּיע פון דעמדאָזיקן פּראָטאָקאָל — אַן איינציקער עקזעמפּלאַר נאָכדעם ווי דער אָריגינאַל איז פאַרשוואונדן געוואָרן מיטן פאַרברענען די אַרכיוון פון דער וואַרשעווער קהילה און פון די „אַלטן אַקטן" אין וואַרשע — געפינט זיך אין מיין באַזיץ, ווי אַן אַנעקס צו מיין שטודיע־אַרבעט וועגן דער וואַרשעווער יידישער קהילה אין די יאָרן 1820—1870.

מייזעלש האָט געוואָלט באַפרייט ווערן און האָט דעריבער געטענהט, אַז ער איז ניט שולדיק. אויך אַנדערע קוואַלן באַווייזן, אַז זיינע טענות שטימען מיטן אמת.

דער פּראָטאָקאָל איז געשריבן אין פּויליש, וועלכע איז שוין דעמאָלט געווען די אַמטלעכע שפּראַך אין פּוילן. מייזעלש האָט געענטפערט קורץ און זאַכלעך. ער האָט ניט פאַרהוילן זיינע פּאָליטישע שריט, נאָר ער האָט זיי געשטעלט אין דער ריכטיקער פּערספּעקטיוו. די באַשולדיקונג איז געגאַנגען אין דער ריכטונג, אַז ער האָט געהאָלפן די פּוילישע רעוואָלוציאָנערן קעגן דער רעגירונג.

פּראָטאָקאָל פונעם פאַרהער פון הרב מייזעלש דורך דער רוסישער אויספאָרשונג

וואָס האָט מייזעלש געענטפערט אויף די פראַגן פונעם רוסישן אויס־פאָרשער?

לאָמיר דאָ ברענגען אויסצוגן פונעם פּראָטאָקאָל פונעם פאַרהער [12]).

דער ערשטער פאַרהער פון הרב מייזעלש איז פאָרגעקומען דעם 9טן נאָוועמבער 1861 אין דער וואַרשעווער אַלעקסאַנדראָווסקע ציטאַדעל, וואו ער איז געזעסן אַרעסטירט. דאָס זענען די פראַגן און ענטפערס אין פּראָטאָקאָל:

באַשולדיקונג:

פונעם סאַמע אָנהייב זינט סיהאָבן זיך באַוויזן אומרועז אין פוילישן קעניגרייך, האָט איר אויסשליסלעך באַאיינ־פלוסט צו פאַרשפּרייטן צווישן יידן פיינטלעכקייטן קעגן דער רעגירונג, וואָס איר האָט געטאָן מיט דער הילף פון ק ר אַ מ ט ש י ק ן, דעם פּרעדיקער פון דער סינאַגאָגע אויף נאַלעווקי־גאַס און פון י אַ ס ט ר אָ וו ן, דעם פּרעדיקער פון דער סינאַגאָגע אויף דער דאַנילאָוויטשאָווסקאַ־גאַס.

ענטפער:

ניט אמת. דידאָזיקע סינאַגאָגעס געפינען זיך ניט אונטער דער אויפזיכט פונעם „דאָזאָר באָזשניטשי".

באַשולדיקונג:

באַלד נאָך די אינצידענטן דעם 15טן פעברואַר 1861 האָט איר גוטוויליק זיך אָנגעשלאָסן אין דער דעלעגאַציע, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַרן פאַרשטאָרבענעם שטאַטהאַלטער פירשט גאָרטשאַקאָוו מיט אַנטי־געזעצלעכע פאָדערונגען.

ענטפער:

איך האָב זיך ניט באַטייליקט אין דערדאָזיקער דעלעגאַציע.

באַשולדיקונג:

שפּעטער האָט איר זיך באַמיט מיט אַלע כוחות, אַז די יידן זאָלן זיך פאַראייניקן מיט די פּאָליאַקן און צוזאַמען זיך אַקטיוו באַטייליקן אין זייערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען; צוליב דעם זענט איר אָפט געווען ביים גראַף אַנדזשעי זאַ־מאָיסקי און ער איז אויך געווען אָפט ביי אייך.

---

12) דער פּראָטאָקאָל איז אָפּגעשריבן פון דעם אַקטן־באַנד אין „אַרכיוו פון אַלטע אַקטן" אין וואַרשע פונעם באַנד א"נ „ענייני'ם פון דער ספּעציעלער קאַנצליי פאַר קריגס־צושטאַנד", נר. V וואָל. 32/25.

ענטפער:

פריער איז געווען אַ גרויסע שנאה צווישן פּאָליאַקן און ייִדן. ס'האָט זיך אויך געפירט דערוועגן אַ פּאָלעמיק אין די צייטונ־גען. די אַגראַר־געזעלשאַפט האָט דורכן גרינדן קאָמיסיאָנס האַנדלס־הייזער באַזייטיקט ייִדן פון האַנדל און דערמיט באַדראָט זייער עקזיסטענץ.

נאָך די אינצידענטן דעם 27טן פעברואַר 1861, ווען מ'האָט פאַרפאַסט אַ פּעטיציע צום צאַר, האָט מיך באַזוכט דער בוכהענדלער הענריק נאַטאַנסאָן און מיר זענען ביידע געפאָרן צו גראַף זאַמאָיסקי. איך געדענק ניט צי נאַטאַנסאָן האָט מיר געזאָגט וועגן צוועק פונעם באַזוך. דאָרט האָט מאַטיאַס ראָזען מיך פאָרגעשטעלט פאַר גראַף זאַמאָיסקי. איך האָב דאָרט געטראָפן דעם גובערנאַטאָר מאַשטשינסקי, גראַף פרי־דעריק סקאַרבעק, קראָנענבערג, קעניגן און אַנדערע.

דעמאָלט האָט קעניג [ער איז געווען דער מוזיקאַלישער קרי־טיקער פון דער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ", וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע ערב דער אַ"ג „ייִדישער מלחמה" אין 1859.] זיך אָנגערופן צו מיר: דער האַס צווישן קאַטאָליקן און ייִדן דאַרף אויפהערן; די איינוואוינער פון איין לאַנד דאַרפן לעבן בשלום צווישן זיך. מ'האָט מיך דעמאָלט געבעטן איך זאָל אונטערשרייבן די פּעטיציע צום צאַר. האָב איך געפרעגט צי דער אַרציבישאָף פיאַלקאָווסקי וועט אונטערשרייבן. דערויף האָט מען מיר געענטפערט, אַז ניט בלויז ער וועט אונטערשרייבן, נאָר ער וועט אַפילו אַליין איבערגעבן די פּעטיציע דעם שטאַטהאַל־טער. דערויף האָב איך אונטערגעשריבן די פּעטיציע.

איך האַלט ניט, אַז די דערנענטערונג צווישן די פּאָליאַקן און ייִדן איז די אַרבעט פון איין פּערזאָן, נאָר, אַז די קאַטאָליקן האָבן זיך איבערצייגט, אַז זיי האָבן מיט אומרעכט גערודפט ייִדן, און די ייִדן האָבן זיי קיינמאָל ניט געהאַסט.
גראַף זאַמאָיסקי האָט מיך צוריק באַזוכט.

באַשולדיקונג:

אין מערץ 1861 האָט איר אַרויסגעגעבן אַן אַנאָנימע פּראָק־לאַמאַציע אין העברעאיש־אַראַמעאיש, רופנדיק צו פּויליש־ייִדישער דערנענטערונג.

ענטפער:

ניט אמת. ס'וואָלט געווען אונטער מיין כבוד אַרויסצוגעבן אַנאָנימע אויפרופן.

באשולדיקונג:

איר האָט אַקצעפּטירט און אַפּילו באַאיינפלוסט, אַז דאָס זאָל דערגרייכן די העכסטע שטופע; דאָס זינגען פּאַטריאָטישע רעליגיעזע פּאָליטישע לידער אין די שולן. טראָצדעם וואָס מיט אייער מאַכט האָט איר געקענט באַזייטיקן אַזאַ אומ־געזעצלעכע אָפּאָזיציע, האָט איר אָבער זיך קאַטעגאָריש אָפּ־געזאָגט דאָס צו טאָן, טראָצדעם וואָס די מאַכט האָט זיך געווענדעט צו אייך איר זאָלט עס טאָן.

ענטפער:

איך האָב ניט קיין השפעה אויף די שולן. דער פאַרטרעטער פונעם שטאַטהאַלטער סוכאָזאָמיל האָט מיך אויפגעפאָדערט צו פאַרביטן דאָס זינגען פון פּאַטריאָטישע לידער אין די סינאַגאָגעס. דערויף האָב איך אים געענטפערט, אַז איך בין נאָר הויפּט־רב פון די אָרטאָדאָקסן און אויף די סינאַגאָגעס האָב איך ניט קיין השפעה.

באשולדיקונג:

איר האָט זיך באַטייליקט אין דער לוויה פונעם אַרציבישאָף פיאַלקאָווסקי, וועלכע איז געווען אַ ריין־פּאָליטישע דע־מאָנסטראַציע.

ענטפער:

איך האָב עס באַטראַכט פאַר אַ רעליגיעזן אַקט. ווען דאָס פּובליקום אויפן פּלאַץ באַנקאָווי האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר דער יידישער דעלעגאַציע און גערופן: „שליסט זיך אָן!“ האָבן מיר ניט געקענט זיך אָפּזאָגן.

צווייטער פאַרהער דעם 14טן אָקטאָבער 1861

פראגע:

וויאַזוי איז עס געווען מיט דער פאָן און מיטן שליסן די שולן?

ענטפער:

איך בין געווען קעגן פאָנען [אויפהייבן די פּוילישע נאַציאָ־נאַלע פאָן אויף דער לוויה פונעם ארציבישאָף פיאַלקאָווסקי], און איך האָב ניט דאָס רעכט צו עפענען אָדער שליסן סינאַגאָגעס.

[נאָך געוויסע אַרעסטן אין די קלויסטערס אויף רעוואָלוציאָנערער יוגנט, האָט מען ווי אַ פּראָטעסט פאַרמאַכט די קלויסטערס. פּויליש־פּאַטריאָטישע

יידן האָבן דאַן געפּאַדערט, אַז די יידן זאָלן פאַרמאַכן די שולן — ווי אַ סאָלידאַריטעט־אויסדרוק מיט די פּאָליאַקן. מייזעלש האָט אויפן פאַרלאַנג פונעם פּאָליציי־מייסטער אונטערגעשריבן אַ פאַרפליכטונג, אַז ער וועט די שולן ניט פאַרמאַכן. דאָס איז געווען דעם 16טן אָקטאָבער 1861. שפּעטער האָט מייזעלש זיך דערוואוסט, אַז פּוילישע און יידישע רעוואָלוציאָנערן גרייטן זיך אויף דעמאָנסטראַציעס אין די שולן, האָט ער די שולן יאָ געשלאָסן.]

פראַגע:

צי האָט איר ניט געהערט וועגן דעם, אַז דער וואַרשעווער רבי פון חסידים [געמיינט דעם גערער רבין, דעם „חידושי הרי״ם”] האָט אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף קעגן דער רוסישער רעגירונג?

ענטפער:

ניין.

פראַגע:

וויאַזוי איז עס געווען מיט די באַזוכן ביי גראַף זאַמאָיסקי?

ענטפער:

אַחוץ דעם קעגן־וויזיט האָט גראַף זאַמאָיסקי מיך באַזוכט נאָכאַמאָל און דאָס אין פאָלגנדיקן ענין:

ניט ווייט פון קאָוונע [אין שאַוועל, ווי מיר וויסן עס פון אַנדערע קוואַלן] זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן בילבולים קעגן יידן וועגן אַן עלילת־דם, און מ׳האָט אַרעסטירט אַ סך יידן, צווישן זיי דעם אָרטיקן רב. האָט מען זיך צו מיר געווענדעט פון ווילנער קהל, איך זאָל אויספּועלן אַ בריוו ביים אַרציבי־שאָף פיאַלקאָווסקי צום בישאָף אין ווילנע, קעגן עלילת־דם. איך האָב געהאַט בדעה זיך משתדל צו זיין וועגן דעם ביים אַרציבישאָף פיאַלקאָווסקי דורך גראַף זאַמאָיסקי; צו דעם צוועק בין איך געגאַנגען צו אים. איך האָב אים אָבער ניט גע־טראָפן אין דער היים. ווען גראַף זאַמאָיסקי האָט זיך דער־וואוסט וועגן מיין באַזוך ביי אים, איז ער געקומען צו מיר. איך האָב אים פאָרגעלייגט דעם ענין, און ער האָט עס גיסנטיק דערליידיקט.

פראַגע:

ווען איר האָט זיך געווענדעט צום אָבער־פּאָליציי־מייסטער מיט אַ פאָרשלאָג צו שליסן די שולן, כלומרשט כדי אויסצו־מיידן דאָס זינגען דאָרט פּוילישע הימנען, האָט איר ניט דערמיט באַוויזן, אַז איר האָט דאָס רעכט צו שליסן די סינאַגאָגעס?

ענטפער:

איך בין געגאַנגען צום אָבער־פּאָליציימייסטער אין דער גע־
זעלשאַפט פון די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע פאַר שולן.

[נאָכדעם קומט אַ דערקלערונג פונעם אָבער־פּאָליציימייסטער, אין וועלכער ער לייקנט, אַז ער האָט מסכים געווען צו פאַרמאַכן די שולן. פאַרקערט, ער האָט עס דעם רב שטרענג פאַרבאָטן.]

דער אונטערגרונט פון מייזעלשס ענטפערס

דאָ דאַרף קומען אַן אויפקלערונג וועגן אָט־דער בולטער סתירה צווישן דעם פּאָליציימייסטער און הרב מייזעלש בנוגע די שולן.

ווען די פּאָליאַקן האָבן געשלאָסן זייערע געבעטהייזער, ווי אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס די פּאָליציי האָט זיך אַריינגעריסן אין די קלויסטערס און דאָרט אַרעסטירט רעוואָלוציאָנערע יוגנט, האָט די פּאָליציי מורא געהאַט, אַז יידן זאָלן זיך ניט סאָלידאַריזירן מיט די פּאָליאַקן. כדי דאָס צו פאַרמיידן האָט די פּאָליציי געשיקט רופן מייזעלשן און פון אים פאַרלאַנגט אַ שריפטלעכע פאַרפליכטונג, אַז דאָס וועט ניט געשען. מייזעלש האָט, ווי אויבנגעבראַכט, אַזאַ התחייבות אונטערגעשריבן.

ווען ער האָט שפּעטער באַשלאָסן יאָ צו שליסן די שולן, איז עס געווען ניט ווי אַ סאָלידאַריטעט מיט די פּאָליאַקן, נאָר פונקט פאַרקערט, כדי אויס־צומיידן רעוואָלוציאָנערע צוזאַמענקונפטן אין שולן. היות ער האָט געהאַט אונטערגעשריבן דעם 16טן אָקטאָבער 1861 אַ פאַרפליכטונג צו לאָזן אָפן די שולן, האָט ער געמאָלדן דער פּאָליציי וועגן אָט־דעם געענדערטן באַשלוס זיינעם, און האָט אָנגעגעבן דעם מאָטיוו.

דאָ אָבער האָבן די רעוואָלוציאָנערע פּראָ־פּוילישע טוערס אויסגעפירט אַ געשיקטן מאַנעוור, וועלכער האָט געגעבן דעם רבס באַשלוס אַ פונקט פאַרקערטן כאַראַקטער. זיי האָבן אַזוי געטאָן, אַז די פּאָליציי איז ניט איינ־פאַרמירט געוואָרן וועגן דעם רבס באַשלוס און וועגן זיין מאָטיוו. ווי אַ רעזולטאַט דערפון איז דאָס פאַרשליסן די שולן, באַלד נאָכדעם ווי ס'זענען געשלאָסן געוואָרן די קריסטלעכע געבעטהייזער, ממילא באַטראַכט געוואָרן ווי אַ יידישער אַקט פון סאָלידאַריטעט מיט די פּוילישע פּאַטריאָטן.

דאָס איז טאַקע געווען איינע פון די סיבות פון אַרעסטירן הרב מייזעלשן.

בעת דעם אַרעסט, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 9טן נאָוועמבער 1861 (לויטן פּראָטאָקאָל, וואָס געפינט זיך אין מיין בוך — און ניט, ווי ד"ר יעקב שאַצקי שרייבט, דעם 10טן נאָוועמבער 1861), האָט מען געפונען אַרום טויזנט בריוו, קוויטלעך און דאָקומענטן, אַלע אין העברעאיש. דער צענזאָר, יעקב טוגענטהאלד, האָט דעריבער געהאַט ניט קיין לייכטע אַרבעט זיי צו איבערזעצן.

די השתדלותן פאַר — און קעגן זיין באַפרייאונג

בעת מ׳האָט געהאַלטן הרב מייזעלש אין אַרעסט, זענען געמאַכט געוואָרן פאַרשידענע השתדלותן, אויך אין אויסלאַנד, דורך ראָטשילד און אַנדערע — כדי אים צו באַפרייען. אָבער גלייכצייטיק איז געווען אַ גרופּע אין שטאָט, וועלכע האָט זיך געמיט, אַז ער זאָל בלייבן אין תפיסה. דידאָזיקע גרופּע האָט געוואָלט, אַז דער רב ר׳ לייבוש היידער, וועלכער האָט פאַרטראָטן הרב מייזעלשן צייטווייליק, זאָל בלייבן רב אויף שטענדיק.

זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר מסירות קעגן אַרעסטירטן רב. איינע אַזאַ מסירה, וואָס מיר האָבן געפונען אין די „אַקטן פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע״ פונעם יאָר 1861 [13], לייענט זיך אַזוי:

„כבר כמה פעמים פנינו לכבוד השר יר״ה, אבל כולם נשתקעו כמים שאין להם סוף.

בשנת 1856 באנו בבקשה שלא למנות עלינו הרב מייזעלס מקראקא, יען מה? יען ידענו שלבו נגד הממשלה, כאשר נודעו מעשיו ותהליכותיו הרעים והמסוכנים אשר עשה בשנת 1848. אבל בעוה״ר נתמנה איש זדון הזה לרב בפה ווארשא ע״י אנשי בליעל פורקי עול. והנה עתה נתוודע להממשלה האדירה זדון לבו, אשר קשר הרב מייזעלס נגד הממשלה להתאחד עם קושרי קשר, ונפח בלבם רוח חירות וחפשית בדברים אשר אין קץ, ומשך לבם אחריו ואחרי דעתו לבקש חירות...

כי מאז אשר יצאה הפקודה מאת האדון לידערס למנות להרב לייבוש היידער במקום הרב מייזעלס, הלכו אליו מיד הדאָזאָר עם הסעקרעטאַר [יעקב] ראטוואנד והזהירו אותו שלא יקבל הרבנות, ובאם לא ישמע עליהם יהיי ללעג ובזיון, שלא יקבל הרבנות, ובאם לא ישמע אליהם יהיי ללעג ובזיון, ויהיי מורדף. והאדון הנשיא לידערס [רוסישער שטאַטהאַל־טער] בחכמתו הגדולה ובדעתו הרמה, אם יש את נפשו ישלח אחרי הרב לייבוש היידער ולשאל לו ובלתי־ספק יגיד ולא יכחיש. ואולם אם ישבע, תהיי לו שבועתו לכסות עינים נגד אנשים, אשר אנסוהו על זה ודי להחכם הגדול...

וכל חפצי הדאָזאָר להרוס ולהעביר את הרב היידער מהרבנות שלו, ומשפילים אותו בכל השפלה, ובדבר שקר הבודים עליו, כי בדעתם לחזור הרב מייזעלס על פקודתו.

והוא האיש מייזעלס הזה העיז לפעור פיו בפני קבוץ גדול יהודי שהיי יחד בקבוץ, ואמר שיסיר את הציצעדעלע [ציטאַ־

---

13) נר. 23 [25], באַנד 5 אין „אַרכיוו פון די אַלטע אַקטן״ אין וואַרשע.

דעלע] אשר בעיר װארשא, — וכאשר שמעו המסובים את הדבר הזה שיצא מפיו הרמי והשפל, נפל פחד ורעדה עליהם. כל אחד ואחד לא ידע איך לשמוט עצמם ממנו, אבל כאשר ראה הרב מייזעלס שכולם יחד נבעתו וחרדו על הבל פיו ודבריו המזיקים והמסוכנים, אז הפסיק המורד השוטה הזה לדבר עוד מזה, ובסיבת דבריו הנשחתים הללו נתפרץ (נתפר־צה) המסיבה הראויה והנאותה לשעתה, וכהנה וכהנה דבריו המבהילים אוזן שומע, אשר אין ראוי להעלותם על הכתב. אז היו המבקשים בהפראַשבע כמתנבאים כי כל עוד אשר יהיי אנשי הדאָזאָר מאותם הפורקים עול דת יהודית, יניעו לב היהודים ולב בניהם שיהיי בקושרים וינטעו בלבם רוח חירות וחפשית, ובזמן כזה יצא דברינו כאור.

וגם עוד רעה גדולה אשר אנחנו בה, כי יאספו הדאָזאָר ממון רב בעבור הרב המורד מייזעלס ומשלחים לו. וכל איש אשר יתנגד לזה יוכיחו אותו על פניו לאמור, איך לא תבוש בפני הרב מייזעלס, שיבוא במהרה ובקרוב אלינו ועל מקומו, ובזה האופן כבר קבצו איזה אלפים רו"כ בעבורו, — לא כן כשיהיי הכל גלוי וידוע מאת כבוד אדוננו השטאַטהאַלטער יר"ה, שתקותם אבדה, ושלא ישוב עוד מייזעלס לממלכת עולם פולין עד עולם, נפטר מהם וממזימותיהם.

(—) בשם כל ישראל עבדי המלך"

װאָס לערנט אונדז דער פּראָטאָקאָל פונעם פאַרהער?

פון די אַלע אַרכיװ־דאָקומענטן, װאָס אַ גרויסער טייל פון זיי געפינט זיך אין אונדזער רשות אין אָפּשריפט, און װאָס װערן דאָ צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט, שיילט זיך אַרויס אַ בילד פון מייזעלשס באַטייליקונג אין די פּוילישע פּאַטריאָטישע באַװעגונגען. דאָסדאָזיקע ריכטיקע בילד זעט אויס אַ היפּש ביסל אַנדערש פון די שילדערונגען אין דער פּרעסע און פון די לעגענדעס צװישן פּאָלק דעמאָלט און שפּעטער. די אַרכיװאַלע דאָקומענטן שפּיגלען אָפּ די װירקלעכקייט און ניט די מיטציײטלערישע פּראָפּאַגאַנדע.

און װאָס איז דער היסטאָרישער אמת?

מייזעלש איז בטבע געװען אַ ליבעראַלער מענטש. ער האָט געהאַט אַ פיינפילנדיקן חוש פאַר גערעכטיקייט, אויך פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט. ער האָט אויך, אין קעגנזאַץ צום גרויסן רוב רבנים פון זיין צייט, געהאַט אַן אינטערעס פאַר פּאָליטישע פּראָבלעמען און באַװעגונגען, װי פאַר כלל־ענינים אין אַלגעמיין.

ממילא האָט ער געפילט אַ סימפּאַטיע פאַר די פּוילישע נאַציאָנאַלע באַװע־

גונגען. ווען דידאָזיקע האָבן אין 1848 אין עסטרייך און אין 1861 אין פּוילן אָנגענומען אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, האָט מייזעלש זיין סימפּאַטיע פאַר זיי ניט פאַרהוילן. אַדרבא, זיין יושר־געפיל האָט אים דיקטירט אָפענע פריינטלעכקייט לגבי גערודפטע.

קומענדיק קיין ווארשע מיט אַ שם פון אַ פריינט פון די פּאָליאַקן, האָבן די אַסימילאַנטן, ווי הענריק נאַטאַנסאָן, קראַמשטיק און יאַסטראָוו, אים געקענט לייכט באַוועגן צו געוויסע שריט וואָס האָבן אויסגעדריקט שטיצע פאַר די פּאָליאַקן און צו געוויסע פאַרבינדונגען מיט זייערע פירער, ווי גראַף אַנדזשעי זאַמאָיסקי.

פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס ליגט אין די אינטערעסן פון יידישן כלל און ער האָט געהאָפט, אַז דורכדעם וועלן אייַנגעשטעלט ווערן פריינטלעכע באַציאונגען צווישן פּאָליאַקן און יידן.

די לערע פון דער געשיכטע

דידאָזיקע האָפענונג איז געווען באַגרינדעט סיי אויף דער געשיכטע, סיי אויף די דעמאָלטיקע באַדינגונגען.

אַוודאי זענען אויך אין פּוילן געווען אַ סך אַנטיסעמיטן, און פון צייט־צו־צייט זענען אויסגעבראָכן אָנפאַלן אויף יידן. ס׳איז אויך געווען אַ שטענדיקע שנאת־ישראל ביי אַלע שיכטן פון די פּאָליאַקן. אָבער אין פאַרגלייך צו אַנדערע שכנותדיקע פעלקער, פון מזרח און מערב — אוקראַאינער און דייטשן — קומען אַרויס די פּאָליאַקן כמעט ווי „יידן־פריינט״. ס׳איז ניט געווען אין דער געשיכטע פון פּוילן ניט קיין גזירת ת״ח — שווידערלעכע אוקראַאינישע כמיעלניצקי־פּאָגראָמען פון 1648 — און ניט קיין קרייץ־צוגן ווי אין דייטשלאַנד אין 11טן און 12טן יאָרהונדערט. ס׳זענען אויך ניט געווען אַזעלכע אַכזריותדיקע גירושים פון יידן ווי אין בעהמען און מעהרן, אין דייטשלאַנד און עסטרייך, און אַוודאי ניט ווי גירוש ספרד פון 1492 מיט די גרויליקע אינקוויזיציעס. (און לאָמיר צוגעבן, ערשט די דייטשן, ימ״ש, האָבן מאַבּי־ליזירט די פּאָליאַקן צו העלפן זיי אויסמאָרדן די יידן, און פאַרוואַנדלט זיי, די פּאָליאַקן, אין מאָרד־בעסטיעס ווי זיי אַליין!)

פון אָט־דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, פון וועלכער מייזעלש האָט ניט פאַרפעלט צו בליקן, האָט ער געזען, אַז אַ פריינטלעכע פאַרבינדונג צווישן פּאָליאַקן און יידן, אין אַן עת־צרה פאַר די ערשטע, וועט זיין אַ מעגלעכקייט פון אַ ווענדע־פּונקט אין די באַציאונגען צווישן אָט־די צוויי פעלקער.

אָבער פון די באַטראַכטונגען ביז צו באַטייליקונג אין אויפשטאַנד איז נאָך אַ גרויסער מהלך. ערשטנס, האָבן די פּאָליאַקן אַליין געהאַט ספיקות צי ס׳איז כדאי אָפן אויפצוהייבן די פאָן פון רעוואָלוציע קעגן צאַר. זיי האָבן געצווייפלט, און מיט רעכט, צי זיי האָבן אַ שאַנס אויף דערפאָלג. צווייטנס, אַלץ וואָס ס׳איז דעמאָלט געטאָן געוואָרן — ווי למשל דאָס אונטערשרייבן

די פעטיציע צום צאַר דורך מייזעלשן, פאַרוואָס ער איז שפּעטער באַשולדיקט געוואָרן — איז געטאָן געוואָרן אין לעגאַלע ראַמען. דריטנס, אַפילו ווען ס׳איז שוין אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד, האָט ער אַרומגענומען אַ פאַר־העלטנישמעסיק קליינע טייל פון די פּאָליאַקן, און גאָר אַ מינימאַלע צאָל יידן זענען אין אים אַריינגעצויגן געוואָרן.

מייזעלש איז ניט געווען צווישן זיי.

די אויסערלעכע פּוילישע קאַמפן און דאָס אינערלעכע יידישע לעבן

פּונקט ווי ס׳איז ניט געווען צווישן זיי דער גרויסער רוב פון יידישן פאָלק אין פּוילן, וועלכע איז געווען פאַרנומען מיט זיינע אייגענע ענינים. בעת ס׳האָט זיך געפירט דער פּוילישער קאַמף קעגן דער רוסישער מאַכט, אין די הייסטע יאָרן פונעם אויפשטאַנד פון 1861־63, האָבן יידן געהאַט זייערע אייגענע „מלחמות״: ס׳האָבן קאָנקורירט גאַנצע פיר אויסגאַבן פון ש״ס, און זייערע אַרויסגעבער האָבן געפירט אַ קעגנזייטיקן ביטערן קאַמף; איינער האָט ביים אַנדערן אַנטדעקט חסרונות און גרייזן, און געלאָזט עס וויסן אין באַ־צאָלטע מודעות אין די צייטונגען. די פיר ש״סן זענען געווען: דער באַרימטער ווילנער ש״ס פון ראָם; די אויסגאַבע פון זוסמאַן יעביץ; די וואַרשעווער אויסגאַבע פון ש״ס פון יואל נעבענס אין אָקטאָווע, אין 1867, און די מאָנו־מענטאַלע אויסגאַבע פון שמואל אָרגעלבראַנד — דעם גרעסטן יידישן דרוקער אין וואַרשע — וועלכע איז דערשינען אין די סאַמע אויפשטאַנד־יאָרן 1859—1864 מיט דער הסכמה פונעם „חידושי הרי״ם״. (ער האָט אויך אַרויסגעגעבן פּראַכט־אויסגאַבעס פון דעם תנ״ך, די „מקראות גדולות״ מיט אַ סך פירושים, און אַנדערע וויכטיקע ספרי־קודש.)

אָרגעלבראַנדס ש״ס איז געדרוקט געוואָרן מיט פּרעכטיקן דרוק אויף טייער פּאַפּיר, און איז פאַרקויפט געוואָרן אויך אויפן סיסטעם פון אַבאָנענטן (סובסקרייבערס, אָדער פּרענומעראַנטן). מ׳האָט געקענט אויסצאָלן דעם פּרייז אין באַקוועמע ראַטן. טראָץ דער קאָנקורענץ פון די דריי אַנדערע דערמאָנטע אויסגאַבעס אין דערזעלביקער צייט, איז דערדאָזיקער ש״ס געוואָרן אַ „בעסט סעלער״; גאַנצע 12 טויזנט סעטס זענען פאַרקויפט געוואָרן אין אַ קורצער צייט. אָרגעלבראַנד האָט געמאַכט אַ פאַרמעגן פונעם ש״ס.

כדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן דעם, מיט וואָס יידן האָבן דעמאָלט זיך פאַרנומען — אין די הייסע רעוואָלוציע־יאָרן — און אויך, כדי אָפּצומעסטן דעם דעמאָלטיקן קולטור־ניוואָ פון די צוויי פעלקער, יידן און פּאָליאַקן, איז כדאי צו ברענגען דאָ דעם פּאָלגנדיקן פאַקט:

דערזעלביקער ש״ס־פאַרלעגער אָרגעלבראַנד איז אויך געווען דער אַרויס־געבער פון דער ערשטער פּוילישער ענציקלאָפּעדיע: „ענציקלאָפּעדיאַ פּאָוו־

שעכנאַ אָרגעלבראַנדאַ", וועלכע איז געווען אין משך פון צענדליקער יאָרן די איינציקע. וויאַזוי איז דידאָזיקע גרעסטע פּוילישע קולטור־אונטערנעמונג פינאַנצירט געוואָרן? דורך די רווחים פונעם ש״ס! אָרגעלבראַנד האָט פאַר־דינט ריזיקע סומעסביים ש״ס, וועלכע ער האָט דערלייגט צו דער פּוילישער ענציקלאָפּעדיע.

אַזוי איז אויסגעקומען, אַז די גמרא־יידן האָבן ניט־ווילנדיק פינאַנצירט די גרעסטע פּוילישע נאַציאָנאַלע קולטור־אונטערנעמונג.

דערדאָזיקער עפּיזאָד ווערט דאָ געבראַכט, כדי גלייכצושטעלן דעם באַלאַנס צווישן אינערלעכן יידישן לעבן אין יענע צייטן און צווישן די ספּאָראַדישע פּאָליטישע אויסברוכן און זייער אָפּקלאַנג ביי יידן. דערדאָזיקער באַלאַנס איז שטאַרק פאַרגרייזט געוואָרן דורכן צופיל לייגן געוויכט אויף די איינצלנע פּאָליטישע פּאַסירונגען, בפרט אַרום מייזעלשן.

לעגענדע אוןווירקלעכקייט

דער וואַרשעווער רב איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ מאַרטירער. אין אויסלאַנד האָט די פּראָ־פּוילישע פּראָפּאַגאַנדע פאַרשפּרייט ידיעות, אַז זיין לעבן איז באַדראָט. ער איז שיער ניט געוואָרן דער סימבאָל פון גערודפטן פּוילן. פּאָעטן האָבן באַזונגען זיין העראָאישקייט, שריפטשטעלער האָבן גע־שילדערט זיין מאַרטירערטום.

פאַקטיש איז ער אין תפיסה באַהאַנדלט געוואָרן מיט גרויס איינזעעניש. מ׳האָט אים געלאָזט דאָרט האָבן ספרים און אויך בענטשן חנוכה־ליכט. מ׳האָט אים געלאָזט זיצן צוזאַמען מיט יאַסטראָוון, ס׳זאָל אים ניט זיין אומעטיק. דעם 12טן פעברואַר 1862 האָט מען אים אַרויסגעלאָזט פריי, און דעם צווייטן טאָג האָט ער פאַרלאָזט וואַרשע.

אַ דאַנק די השתדלותן דורך די ראָטשילדס איז אים שפּעטער דערלויבט געוואָרן צוריקצוקומען קיין וואַרשע און ווידער איבערנעמען דאָס רבנות, אין סעפּטעמבער 1862. ער האָט אונטערגעשריבן אַ פאַרפליכטונג, אַז ער וועט זיך ניט מישן אין פּאָליטיק — און האָט זיין התחייבות געהאַלטן.

ער האָט זיך פיל אָפּגעגעבן מיט אינערלעכע ענינים פון דער קהילה. און מיטן אַרויסגעבן דעם צווייטן חלק פון זיין פאָטערס ספר „חוסן ישועות", וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין 1868, גאַנצע 60 יאָר נאָכן דערשיינען פונעם ערשטן חלק, אין 1808. ער האָט אויך דעמאָלט אַרויסגעגעבן זיין אייגן ספר חידושים.

הרב מייזעלש איז געשטאָרבן דעם 15טן פעברואַר 1870, ט״ו אדר א׳ תר״ל, אין עלטער פון 70 יאָר. זיין לוויה איז געווען איינע פון די גרעסטע דעמאָנסטראַציעס וואָס וואַרשע האָט אַמאָל געזען. די צענזור האָט אָבער פאַרבאָטן צו שרייבן וועגן דער לוויה. בלויז די אויסלענדישע צייטונגען האָבן אויספירלעך באַריכטעט וועגן די ריזיקע מאַסן וואָס האָבן זיך באַטייליקט.

דער באַרימטער וואַרשעווער מגיד, בנימין־דוד ראַבינאָוויטש, האָט אים מספּיד געווען און דער הספד איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ קונטרס „דובב שפתי ישנים" (וואַרשע, תר"ל).

הרב מייזעלש איז געווען אַ גרויסע פיגור ניט בלויז אין דער וואַרשע־ווער קהילה, נאָר פונעם פוילישן יידנטום בכלל.

ד. הרב יעקב געזונדהייט

ר' יעקב (ר' יוקעלע) געזונדהייט, דער לעצטער וואַרשעווער רב־הכולל, איז געווען אַ קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט. די דריי יאָר פון זיין רבנות, פון 1870 ביז 1873, זענען געווען די שטורעמדיקסטע רבנות־תקופה אין וואַרשע, הגם זיי זענען אויסגעפאַלן אין רואיקע צייטן.

ער איז געווען אַ גאון, אַריינגעטאָן אינגאַנצן אין תורה. אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט געפירט פאַרצווייגטע מסחרים, האָט ער געווידמעט רוב פון זיין צייט צו לערנען; מחדש זיין חידושים און זאָגן שיעורים אין דער ישיבה, וועלכע ער האָט אַליין אויסגעהאַלטן. ער איז געווען סיי אַ גרויסער בקי, סיי אַ חריף און אויפטוער אין לערנען, אויף וואָס ס'זאָגן עדות זיינע מיטצייטלער, וואָס האָבן אים קיינמאָל ניט געפּעלשט. זיינע ספרים, „תפארת יעקב", זענען אָנערקענט געוואָרן דורך דער לומדישער וועלט.

ער איז געווען אַ זייער אויפריכטיקער און שאַרפער מענטש. האָט ניט געוואוסט פון „דיפּלאָמאַטיע". האָט זיך ניט אָפּגעגעבן מיט „דערהאַלטן באַציאונגען" מיט איינפלוסרייכע מענטשן צי גרופּן, דאָס וואָס מ'רופט היינט „יחסי־ציבור" אָדער „פּאַבליק־רילייישאָנס". ער איז געווען אַ שאַרפער מתנגד און, אין קעגנזאַץ צו זיינע דריי פאָרגענגער אין וואַרשעווער רבנות, ר' שלמה־זלמן ליפשיץ, ר' חיים דאַווידזאָן און ר' בעריש מייזעלש — וואָס זענען עס אויך געווען — האָט ער, ר' יוקעלע געזונדהייט, ניט באַהאַלטן זיין התנגדות און ניט אָנגעהאַלטן קיין פריינטלעכע באַציאונגען מיט רביים און חסידים. זייענדיק אַן אויסגעשפּראָכענער מענטש, און אַ גביר, וואָס האָט צו קיינעם ניט געדאַרפט אָנקומען — און וואָס האָט פריער קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן רבנות — האָט ער אָפן אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגן חסידות און חסידים, וואָס איז ניט געווען קיין פּאָזיטיווע.

מיט דערזעלביקער אָפנהאַרציקייט האָט ער געהאַנדלט קעגן די פאַר־שידענע פאָרגעשריטענע, פּראָגרעסיווע, משכילים און אַסימילאַנטן. ער אַליין האָט ניט געקענט קיין שום אַנדערע שפּראַך, אויסער יידיש — און, פאַרשטייט זיך, לשון־קודש, צו לערנען און שרייבן — און האָט „ניט גורס געווען" קיין אַנדערע שפּראַכן און קיין וועלטלעכע בילדונג.

„הרב געזונדהייט איז געווען אַ מענטש פון שטאָל און ניט פון טייג" — האָט מיר געהאַט געזאָגט מיין לערער ד"ר יצחק שיפּער, וועלכער האָט, אין

געטאָ וואַרשע, געפּאַרשט די וואַרשעווער רבנים. „אַזעלכע רבנים רופן אַרויס רעספּעקט", האָט מיר געזאָגט מיט התפעלות אַט־דער קעמפנדיקער פירער פון ראַדיקאַלן ציוניזם, אָבער אויך אַ גרויסער היסטאָריקער.

באמת איז גאָרנישט געווען קיין בויגעוודיקייט אין הרב געזונדהייטס כאַראַקטער און אין זיין טעטיקייט. ער איז געווען גראַדליניק און קאָנסעקווענט ביז גאָר. ער האָט קיינמאָל ניט אָפּגענויגט פון זיינע מיינונגען און פּרינציפּן. אויב ער האָט געהאַלטן, אַז דער דעת־תורה, אָדער זיין דעת־תורה, איז אַזוי, האָט ער ניט געוואוסט פון קיין פּשרות. דערביי איז ער ניט געווען קיין קעמפער. ער איז גיכער געווען אַ פּאַסיווער ווידערשטענדלער איידער אַן אַגרעסיווער אָנגרייפער. ער האָט ניט געזוכט קעמפעריש קיין אויסבעסערונגען, אָבער ער האָט געהיט דעם „יש", דאָס וואָס ס'איז דאָ. ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך מיט זיין גאַנצער אויסגעהאַלטנקייט און ענערגיע, ניט בלויז אויף יעדן דין, נאָר אויך אויף יעדער טראַדיציע און מינהג. אויב מ'האָט געוואָלט אַריינברענגען אַ מינדסטע ענדערונג, האָט מען אָנגעטראָפן אויף אַן אייזערנער וואַנט פון ר' יאַקעלעס פעלדזנפעסטן ווילן — וואָס האָט זיך ניט געבויגן פאַר קיינעם. ער האָט ניט געוואוסט וואָס ס'הייסט איינגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס. זיינע חסידישע און אַסימילאַטאָרישע קעגנער האָבן עס אָנגערופן — עקשנות.

דידאָזיקע אייגנשאַפט האָט זיך גענומען פון דריי קוואַלן: ערשטנס, פון זיין כאַראַקטער, וואָס איז געווען שטאַרק, ניט געהאַט אין זיך קיין טראָפּן עלאַסטישקייט; צווייטנס, פון זיין אָנערקענען די אַבסאָלוטע און אויסשליס־לעכע סוּווערעניטעט פון תורה, אָן שותפות און תערובות מיט וואָסער ס'איז אַנדערן עלעמענט; דריטנס, פון זיין פינאַנציעלער אומאָפּהענגיקייט. ער איז געבוירן געוואָרן ביי אַ רייכער סוחרישער משפחה, און אַליין אויך געפירט גרויסע געשעפטן און געווען אַן עושר. האָט ער ניט געדאַרפט אָנקומען צו דער מיינונג פון אַנדערע, יאָ געדאַרפט פרעגן, ווען ער איז געוואָרן וואַר־שעווער רב און די ראשי־הקהל זענען געווען תקיפים, איינפלוסרייכע עסקנים, מיט ד"ר לודוויג נאַטאַנסאָן, דעם דינאַמישן פירער פון די אַסימילאַנטן, אין דער שפּיץ.

זיין לעבנס־וועג

ר' יעקב געזונדהייט איז געבוירן געוואָרן אין 1815 אין פּראַגע, די פאָר־שטאָט פון וואַרשע, ביי סוחרישע, פאַרמעגלעכע עלטערן. זיין פאָטער ר' יצחק איז געווען אויך אַ למדן. ער האָט געלערנט מיט זיין זון און האָט אים געשיקט צו גרויסע לומדים. צווישן בר־מיצווה און 15 יאָר איז ער געווען אַ תלמיד־מובהק פון ר' ארי'־לייב צינץ, באַוואוסט ווי דער פּלאָצקער גאון, וועל־כער איז דעמאָלט געווען רב אין פּראַגע. רא"ל צינץ איז דער מחבר פון „שִׂמחַת יוֹם־טוֹב" און אַנדערע לומדישע ספרים.

ר' יעקב געזונדהייט האָט שוין אין די ייִנגסטע יאָרן אַרויסגעוויזן גרויס חריפות און איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַן עילוי. ווען ער איז אַלט געוואָרן 16 יאָר האָט ער שוין געזאָגט שיעורים פאַר תלמידים. אין עלטער פון 19 יאָר האָט ער אָנגעהויבן מחבר זיין זיין ספר „תפארת יעקב" אויף חושן־משפט.

פונדעסטוועגן האָט ער כלל ניט געטראַכט צו זיין אַ רב, נאָר האָט זיך אָפּגעגעבן מיט מסחר און האָט דערגרייכט דערפאָלג און רייכטום, פונקט ווי זיינע צוויי פאָרגייערס אויפן כסא־רבנות, רבי חיים דאַווידזאָן און רבי בעריש מייזעלש, איידער זיי זענען געוואָרן רבנים.

זייענדיק פאַרנומען מיט זיינע פאַרצווייגטע געשעפטן, האָט ער אָבער פיל געלערנט, אַליין און אויך מיט תלמידים אין דער ישיבה, וועלכע ער האָט אַליין אויסגעהאַלטן. ער האָט אויפגעשטעלט תלמידים גרויסע לומדים, צוויי פון זיינע תלמידים, ר' דוד געלבלום און ר' מרדכי קראַנענטאַל, האָבן אַרויסגעגעבן זיין ספר „תפארת יעקב". דער דאָזיקער ספר אין דריי גרויסע בענדער אַנטהאַלט חידושים אויף פוסקים און שאלות־ותשובות אין אַלע געביטן פונעם „שולחן ערוך" און אויך חידושים אויף מסכתות אין ש"ס.

„תפארת יעקב"

אויפן ספר „תפארת יעקב" זענען פאַראַן הסכמות פון די דעמאָלטיקע גדולים. דער לעמבערגער רב, הגאון רבי יוסף־שאול נאַטאַנזאָן, שרייבט אין זיין הסכמה:

„דער מחבר באַווייזט וואונדער דערמיט, וואָס ער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין איין ווינקל וואָס ער האָט ניט אויסגעפאָרשט. זיין שיטה איז טיפקייט און גראָדליניקייט, עמקות און ישרות".

אויך רבי יהושעלע קוטנער, דער באַרימטער גאון, רימט שטאַרק דעם ספר.

דער דאָזיקער ספר, וואָס איז דערשינען צום ערשטן מאָל אין 1858, איז ווידעראַמאָל אַרויסגעגעבן געוואָרן אין תש"י דורך דעם מחברס ברודערס אייניקל, ר' יעקב געזונדהייט, אין תל־אָביב, דורך דער איניציאַטיוו פון הרב ר' מענדל כשר פון ניו־יאָרק.

אין די קורצע ביאָגראַפישע שטריכן אין דער דאָזיקער צווייטער אויס־גאַבע פון אַן אַנאָנימן מחבר, ווערט געשילדערט ווי בעתן באַזוך פון רבי עקיבא אייגער אין וואַרשע, וואַרשיינלעך ביי זיין זון ר' שלמה אייגער, איז דער גאון פון פויזן געפאָרן אין קאָטש צוזאַמען מיטן וואַרשעווער רב ר' חיים דאַווידזאָן און מיט ר' יעקב געזונדהייט, דעמאָלט נאָך אַ יונגערמאַן, און זיי האָבן זיך אַלע דריי מפלפל געווען אין הלכה. דאָס באַווייזט, אַז ר' יעקב געזונדהייט איז שוין דעמאָלט אַנערקענט געוואָרן פאַר אַ גרויסן למדן.

פון די שאלות צו אים זעט מען אַ מערקווירדיקע זאַך. גרויסע, באַרימטע רבנים האָבן זיך געווענדעט צו אים, דעם סוחר, מיט שאלות, און ער האָט

געגנטפּערט. אין קעגנזאַץ צו זיין פאַרגייער ר׳ בעריש מייזעלש, וואָס האָט ניט געשטעלט אויף זיך, האָט ר׳ יעקב יאָ געשטעלט אויף זיך.

דער ערשטער חלק פון „תפארת יעקב״ איז דערשינען אין וואַרשע אין 1842, ווען דער מחבר איז אַלט געווען סך־הכל 37 יאָר. דער ספר איז באַלד אָנערקענט געוואָרן דורך די לומדים.

אויך אין זיין צוגאַנג מפרש צו זיין ש״ס און פוסקים האָט ער אַרויס־געוויזן זיין כאַראַקטעריסטישע אומאָפּהענגיקייט, וועלכע איז געווען שפּעטער אַזוי טיפּיש פאַר זיין רבנות. אין דער הקדמה צום צווייטן חלק „תפארת יעקב״ (וואַרשע, 1858) קריטיקירט ער שאַרף די פּחדנים, וואָס האָבן מורא אַרויסצוזאָגן אַ פּירוש, אַ חידוש, אָדער אַ פּסק, טאָמער וועט עס ניט זיין איינשטימיק מיט די פריערדיקע גדולים. ער שרייבט דאָרט:

> "...ס׳זאָלן געזאָגט ווערן זאַכן וואָס מ׳דאַרף זאָגן פאַרן אמת וועגן. אַזוי האָבן זיך געפירט די חכמים פון די פריער־דיקע דורות, איינער האָט געבויט, אַ צווייטער האָט סותר געווען, אַלץ, כדי צו דערגיין דעם אמת פון תורה.
> אָבער אין איצטיקן דור האָט כמעט אויפגעהערט דידאָזיקע מתנה. וואָרעם ס׳זענען אויפגעקומען געוויסע ווייך־האַרציקע פּחדנים, וועלכע האָבן אַליין, צוליב מאַנגל אין דעת, ניט גע־קענט מחדש זיין. זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק צו מחדש זיין, וואָס ס׳איז קעגן דעם וואָס זיי געפינען ביי פריערדיקע מחברים, אַפילו פון די אחרונים, און אַוודאי ווען דידאָזיקע מחברים זענען געווען מיט אַ לאַנגער צייט פריער. דידאָזיקע פּחדנים זאָגן, אַז מיר דאַרפן זיך האַלטן בלויז ביי דעם וואָס די פריערדיקע מחברים האָבן געשריבן בקיצור אין זייערע פּסקים, און ס׳טאָר ניט צוגעגעבן ווערן צו זיי אָדער אַראָפּגע־נומען ווערן. דידאָזיקע האַלטן גלייך ווי די תורה איז בלויז אין הימל, און איז ניט געגעבן, ח״ו, צו אונדז...
> און אויב זיי וועט עפּעס קשה זיין אין די רייד פון די פריער־דיקע מחברים, וועלן זיי זיך צווינגען צו פאַרענטפערן שטאַרק בדוחק. דידאָזיקע געוואוינהייט ווערט אַ צווייטע נאַטור אַראָפּצוגיין פונעם גלייכן וועג פון אמת..."

ער האָט זיך סומך געווען אויף ש״ס און רמב״ם, און אָפט איגנאָרירט אַפילו קדמונים. ער איז צוגעגאַנגען גלייך צום מקור און זיך באַמיט אויס־צומיידן „פאַרמיטלער״ — מעגן עס זיין די גרעסטע. אין זיינע חידושים און תשובות האָט אים אויך ניט פאַרפעלט קיין מוט אַרויסצוזאָגן זיך קעגן אַנדערע גדולים.

ער האָט פיל געשריבן, האָט מחבר געווען אַ צאָל חיבורים, טראָץ זיינע טירדות און מסחרים. אין דער דערמאָנטער הקדמה לייענען מיר, אַז ער האָט

אין כתב־יד חיבורים אויף הלכות קידושין און גיטין, שחיטה און טריפות, און קדשים. אָבער ער פאַרנעמט זיך ניט דערמיט, ווייל, ווי ער שרייבט מיט אַ טאָן פון באַקלאָגן זיך אויף זיינע פינאַנציעלע זאָרגן:

„איך בין ניט פאַרנומען בלויז דערמיט, וואָרעם פיל טרדות ליגן אויף מיר צוליב דעם עול פון פרנסה, וואָס קיינער העלפט מיר ניט, און דאָס באַשווערט מיר זייער".

שפּעטער האָט ער זיך פאַרוויקלט אין געשעפטן און פאַרלוירן אַ סך געלט און געוואָרן אַ בעל־חוב. ווען ער איז געוואָרן רב, האָבן די חסידים אים באַשולדיקט, אַז ער האָט באַנקראָטירט און איז געבליבן שולדיק אַ סך געלט אויך צו אָרעמע משפחות.

זיינע מסחרים האָבן אים געבראַכט אין באַרירונג מיט די הויכע באַאַמטע, צווישן זיי מיטן רוסישן שטאַטהאַלטער בערג, וועלכער האָט געהאַט אַ חלק אין זיינע געשעפטן.

טרעפנדיק זיך מיטן שטאַטהאַלטער אין געשעפטלעכע ענינים, איז אויך געקומען צו רייד וועגן געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פראַגעס. דער שטאַטהאַלטער, וועלכער האָט געהאַט געזעצלעך אַ דעה וועגן די רבנות־וואַלן, האָט זיך אַזויאַרום באַקאַנט מיט די פּאָליטישע מיינונגען פון הרב געזונדהייט, און דאָס האָט געהאַט אַ השפּעה אויף זיין שפּעטערדיקן געווײלט ווערן פאַר וואַרשעווער הויפּט־רב.

די וואַלן אויף הויפּט־רב

ווען ר' בעריש מייזעלש איז נפטר געוואָרן אין 1870, און מ'האָט זיך געגרייט צו וויילן אַ נייעם רב, זענען געקומען אין באַטראַכט פאָלגנדיקע דריי קאַנדידאַטן: קודם־כל דער זון פונעם פאַרשטאָרבענעם רב — ר' ישראל מייזעלש; דער רב אין שעדלעץ, און ר' בערישס שוואָגער און פריערדיקער שותף אין דער באַנק „באַרנשטיין און מייזעלש", ר' ישראל באַרנשטיין פון קראָקע. ביידע האָבן געהאַט אַ צד צוליב דער מחותנישאַפט מיט די ראשי־הקהילה מצד ר' שלמה־זלמן פּאָזנער און זיינע קינדער, שותפים און פריינט. דאָך האָט מען באַלד אָפּגעוואָרפן דידאָזיקע קאַנדידאַטורן צוליב פאַרשידענע טעמים.

אַן ערנסטער קאַנדידאַט איז געווען הרב צבי הירש אָרנשטיין, אַ גאון און קנאי, וועלכער איז געווען רב אין לעמבערג און זינט 1855 אין בריסק. ער איז געווען באַפריינדעט מיטן ערשטן גערער רבין, דעם „חידושי הרי"ם", קומענדיק אָפט קיין וואַרשע. די חסידים האָבן אים געשטיצט, הגם ער איז ניט געווען קיין חסיד, און די מתנגדים, פאַרשטייט זיך, אויך. אָבער אויך זיין קאַנדידאַטור איז אָפּגעפאַלן. שפּעטער מיט פיר יאָר האָט הרב אָרנשטיין פאַרלאָזט בריסק און איז ווידער געוואָרן רב אין לעמבערג.

בעת ס'האָט זיך געקאָכט וועגן די וואַלן פון אַ רב האָט מען זיך ניט געכאַפּט, אַז אייגנטלעך האָט די הויפּט־דעה דער שטאָטהאַלטער („נאַמיעסט־ניק”), וואָס איז דעמאָלט געווען גראַף טעאָדאָר טעאָדאָראָוויטש בערג. דער־דאָזיקער האָט ניט געקענט סתם אָנוואָרפן אַ מענטש אַן גרויסע רבנישע קוואַ־ליפיקאַציעס, אָבער בנוגע אַנדערע סאָרטן קוואַליפיקאַציעס — פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע — האָט ער יאָ געקענט דעצידירן.

די רוסישע מאַכט האָט נאָך די דערפאַרונגען מיט הרב מייזעלש ניט געוואָלט האָבן אַ רב אַ פּאָליטיקער, און אַוודאי ניט פון מייזעלשס שיטה. דעריבער האָט זי לכתחילה אָפּגעוואָרפן יעדן קאַנדידאַט וואָס איז געשטיצט געוואָרן דורך די אַסימילאַנטן — וועלכע זענען דעמאָלט געווען פּראָ־פּויליש — און פון דער פּוילישער פּרעסע, וועלכע האָט זיך אויך אַריינגעמישט, באַ־טראַכטנדיק דעם אַמט אויך פאַר אַ פּאָליטישן.

אין דער קהילה האָט זיך געקאָכט וועגן די פאַרשידענע קאַנדידאַטן, אָבער דער שטאָטהאַלטער בערג האָט זיי מודיע געווען, אַז ער האָט שוין פאַר זיי אויסגעקליבן אַ קאַנדידאַט. ער האָט דערצו געהאַט אויך אינסטרוקציעס פון פּעטערבורג. דער קאַנדידאַט איז געווען ר' יעקב געזונדהייט. וועגן זיין גאונות איז ניט געווען קיין ספק. אויך די חסידים, זיינע שאַרפסטע קעגנער, האָבן געמוזט מודה זיין דעריין. בערג איז דורך זיינע יידישע „באַראַטער” געווען גוט אינפאָרמירט וועגן דעם. פון זיינע געשעפטלעכע באַציאונגען מיט הרב געזונדהייט האָט בערג געוואוסט וועגן זיין קעגנערשאַפט צו דער „פּוילישער פּאַרטיי” און צו די אַסימילאַנטן. האָט ער אים נאָמינירט פאַר הויפּט־רב אויפן יסוד פון די רעגירונגס־רעגולאַציעס פון 1868, וועלכע האָבן דעם שטאָטהאַלטער געגעבן די קאָמפּעטענץ אויפצונעמען אַ רב.

היות הרב געזונדהייט איז אויפגענומען געוואָרן דורך דער מאַכט, האָבן זיינע קעגנער פון פריער געטענהט, אַז ער איז ניט דער רב פון דער קהילה, און האָבן אָרגאַניזירט אַ באָיקאָט קעגן דעם רב.

דער אָנגריף איז געקומען פון צוויי זייטן, פון די חסידים און פון די אַסימילאַנטן. די ערשטע האָבן אים ניט געקענט מוחל זיין זיין שאַרפע התנגדות, וואָס ער האָט ניט פאַרפעלט אויסצודריקן; און די צווייטע — זיין קעגנערשאַפט צו יעדער רעפאָרם און וועלטלעכע אויפפירונגען. ביידע גרופּן, ווי ווייט זיי זענען ניט געווען איינע פון די צווייטע, האָבן געשלאָסן אַ פּאַקט אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג. אין רעזולטאַט דערפון האָבן די צווייטע געוואונען די אָנפירונג אין „דאָזאָר”, אין וועמענס שפּיץ ס'איז דעמאָלט אויפגעקומען דער אַסימילאַנט ד"ר לודוויק נאַטאַנסאָן, אַן עסקן און נדבן, וועלכער האָט געבויט קהלשע אינסטיטוציעס; בפרט די האַנדווערקער־שולע, וועלכע האָט געטראָגן זיין נאָמען, און האָט עקזיסטירט ביזן חורבן אין 1942.

דער רב האָט, אמת, געהאַט די שטיצע פון אַ צאָל חשובע בעלי־בתים, מתנגדים, וואָס האָבן געהאַט אַ השפּעה אין דער קהילה. אָבער די חסידים זענען געווען שטאַרקער אין צאָל און אין השפּעה, און מער קעמפעריש. זייער

מאַכט איז שטאַרק געוואַקסן זינט די צייטן פון ר׳ חיים דאַווידזאָן און ר׳ בעריש מייזעלש. הרב געזונדהייט האָט זיך אָבער כלל ניט גערעכנט מיט זיי. ער האָט ניט געהאַט קיין באַרירונג מיט אַנדערש־דענקענדיקע מענטשן, ער איז געווען אַ פּרוש און אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין זיין לערנען און אין זיינע חיבורים.

די ניי־געוויילטע קהילה, וועלכע האָט איבערגענומען דעם אַמט אין 1870, האָט געהאַט אַ מערהייט אַסימילאַנטן, אָבער די השפּעה פון די חסידים אויף זיי, און ממילא אויף דער אַדמיניסטראַציע, איז געווען זייער אַנזעעוודיק, און זיי האָבן זי אויסגענוצט אין זייער אָפּאָזיציע צום רב.

אין דער היץ פונעם קאַמף קעגן דעם רב האָט מען געלאָזט פאַלן דעם געדאַנק, אַז דער גאַנצער אַמט פון הויפּט־רב איז איבעריק און מ׳דאַרף אים אָפּשאַפן. דער רב איז אויפגענומען געוואָרן לויטן געזעץ אויף דריי יאָר — און די חסידים האָבן ניט געהאַט קיין קאַנדידאַט אויף נאָך דעם סוף פון די דריי יאָר, איז במילא פאַר זיי געווען רעכט מבטל מאַכן דעם דאָזיקן אַמט גופא.

די אַסימילאַנטן ווידער האָבן געזען, אַז וואָסער הויפּט־רב ס׳זאָל ניט זיין, וועט ער ניט זיין קיין אָנהענגער פון זייערע אידייען. זיי האָבן, אין די וואַרשעווער באַדינגונגען, ניט געקענט אַפילו חלומען וועגן אַ פאָרגעשריטענעם הויפּט־רב, פון זייער לאַגער. איז אויך ביי זיי רייף געוואָרן דער געדאַנק פון אָפּשאַפן דעם אַמט.

הרב געזונדהייטס קעגנער האָבן זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויפן סוף פון זיין קאַדענץ. זיי האָבן אים גערודפט מיט אַלערליי מיטלען. לויט די קהילה־רעגולאַציעס פון 1851 איז דער רב געווען אַ מיטגליד פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג („דאָזאָר באָזשניטשי״) מיט שטים־רעכט. אָבער די ראשי־הקהילה האָבן זיך אָפּגעזאָגט אים איינצולאַדן מיטן מאָטיוו, אַז די רעכט פונעם רב זענען גילטיק בלויז אויף רעליגיעזע ענינים, בעת די קהילה האָט זיך באַשעפטיקט מיט פיל אַנדערע ענינים.

די קהילה האָט זיך פאַרנומען אָפּצושאַפן די אָרגאַניזאַציע פון דער שחיטה און געוואָלט איינפירן, אַז יעדער שוחט וואָס האָט קבלה זאָל מעגן שעכטן. דער רב האָט זיך קעגנגעשטעלט, האַלטנדיק, אַז ערשטנס, וואָלט עס פאַר־אורזאַכט הפקרות אין כשרות; צווייטנס, וועט עס חרוב מאַכן פּרנסות פון אַ סך משפחות.

דער רב האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַנאָנימע בראָשור, אין וועלכער ער האָט ביטער קריטיקירט די ראשי־הקהילה. דאָס האָט נאָכמער פאַרשאַרפט די באַציאונגען. נאָכדעם האָט אויפגענומען אַ סעקרעטאַר פאַרן ראַבינאַט, ניט פרעגנדיק ביים רב־הכולל. דער סעקרעטאַר האָט געפירט די אַקטן אויף פויליש. די פונקציעס פונעם רב, וועלכע זענען סיווי ניט געווען אָנגע־צייכנט געזעצלעך, זענען אַ סך מער באַגרענעצט געוואָרן. דער בית־דין, וועלכער איז באַשטאַנען פון 10 מורי־הוראה, האָט אויסגעפירט אַלע רבנישע טעטיקייטן.

די ראשי־הקהילה, וועלכע האָבן ניט צוגעלאָזט דעם רב צו קיין טעטי־קייטן, האָבן גלייכצייטיק אין זייערע חודשלעכע באַריכטן צו דער אויפזיכט־מאַכט, צום שטאָטהאַלטער, ניט פאַרגעסן מודיע צו זיין, אַז „דער רב טוט גאָרנישט״.

דער רב פון זיין זייט האָט אָבער אַרויסגעוויזן זיין אַקטיוויטעט און פעסטקייט, ווען מ׳האָט געוואָלט אָנרירן אַ מינהג צי אַן אָנגענומענע טראַדיציע. וועגן צוויי אַזעלכע פאַלן האָב איך געטראָפן אייניקע בעמדער אַקטן אין וואַרשעווער קהילה־אַרכיוו. דאָס איז געווען ווען מ׳האָט געוואָלט איינפירן געווויסע ענדערונגען אין בית־עלמין און בנוגע קבורה. זיי האָבן געוואָלט אויסקריצן אויף דער מצבה פון אַנטאָני אייזענבאַום, דעם דירעקטאָר פון דער ראַבינער־שולע, זיין נאָמען אין פויליש, אין צוגאָב צו דער העברעאישער אויפשריפט. אָדער ווען מ׳האָט געפּרואווט איינפירן אַ דעקאָרירטע עגלה געשלעפּט פון פערד פאַר לוויות (מ׳פלעגט טראָגן דעם מת צום בית־עלמין). איןביידע פאַלן האָט געזונדהייט זיך קעגנגעשטעלט, און ער האָט געפירט דעם קאַמף אויף זיין שטייגער, אָן נאָכגיביקייט, אָנשפּאַרנדיק אַזש קיין פּעטער־בורג. ער האָט זיינס אויסגעפירט.

די אַסימילאַנטן, מיט דער שטיצע פון די חסידים, האָבן זיך סוף־סוף געווענדעט צום שטאָטהאַלטער, אַז מ׳זאָל אָפּזאָגן דעם רב פון זיין אַמט, נאָך איידער ס׳האָט זיך געענדיקט די געזעצלעכע קאַדענץ פון דריי יאָר. זיי האָבן עס געפּועלט.

אָפּגעזאָגט פונעם רבנות

אין יולי 1873 איז הרב געזונדהייט אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין אַמט. אָבער דער דאָזיקער באַשלוס איז געווען אַזוי זעלטן און אַזוי אויפטרייסלענדיק, אַז מ׳האָט עס אָפיציעל ניט מודיע געווען דעם רב. ערשט מיט איבער אַ האַלב יאָר שפּעטער, דעצעמבער 1873, האָט דער סעקרעטאָר פונעם ראַבינאַט, לעאָן גראָסגליק, איבערגעגעבן דעם רב דעם באַשלוס און פאַרלאַנגט פון אים דעם שטעמפּל פון זיין אַמט. ר׳ יעקב געזונדהייט האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך געריכט דערויף און האָט רויִק איבערגעגעבן דעם שטעמפּל דעם סעקרעטאָר.

נאָכן אָפּזאָגן אים פון זיין אַמט, האָט ר׳ יעקב געזונדהייט זיך צוריקגעצויגן פונעם עפנטלעכן לעבן. ער האָט זיך אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין זיינע חיבורים און זיך פאַרשלאָסן אין זיין גרויסער משפּחה, וואָס איז באַשטאַנען פון פיר זין און דריי טעכטער און פיל אייניקלעך. ער איז קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן י״ג אלול, תרל״ז (1878), אין עלטער פון 63 יאָר.

די לוויה איז געווען אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע פון פאַרערונג פאַרן גרויסן גאון. צען טויזנט יידן האָבן זיך באַטייליקט. ס׳האָט אים רירנדיק מספּיד געווען רבי יאָשע־בער סאָלאָווייטשיק, דעמאָלט רב פון סלוצק. די

יידישע צייטונגען האָבן אים געווידמעט פּאָזיטיווע אָפּשאַצונגען.

מיט אים האָט זיך אָפּגעשלאָסן די תקופה פון הויפּט־רבנים פון וואַרשע, פון וועלכע ער איז געווען דער לעצטער.

אַזוי איז בטל געוואָרן דער אַמט פון רב פון וואַרשע. מער קיין הויפּט־רב איז אין וואַרשע ניט געווען. נאָך דער דערפאַרונג מיט הרב געזונדהייט האָבן די ראשי־הקהילה אין וואַרשע „מורא באַקומען" פאַר אַ הויפּט־רב.

אין די יאָרן 1935—1939 זענען ווידער געמאַכט געוואָרן פּרוּוון מצד דער „אגודת־ישראל" אויפצונעמען אַ הויפּט־רב פון וואַרשע — וואָס דאָס קהילה־געזעץ האָט בפירוש פאַרגעשריבן. די „אגודה" האָט אויף דעמדאָזיקן אַמט אַרויסגערוקט די קאַנדידאַטור פון הרב ר' אהרן לעווין, געוועזענער סיים־דעפּוטאַט און מחבר פון לומדישע ספרים, „ברכת אהרן" און „הדרש והעיון". אָבער דאָס איז ניט צושטאַנד־געקומען צוליב דער אָפּגעער אָפּאָזיציע פון די אַנדערע פּאַרטייען און דער שטילער אָפּאָזיציע פון די וואַרשעווער רבנים.

נאָכבאַמערקונגען וועגן די קוואַלן פון דער אַרבעט

די אַרבעטן „צו דער געשיכטע פון דער וואַרשעווער קהילה" און „די 4 וואַרשעווער הויפּט־רבנים" זענען ביידע באַזירט אויף מיין דאָקטאָר־דיסערטאַציע א"ג „די געשיכטע פון דער קהילה אין וואַרשע", בפרט אויפן צווייטן באַנד א"נ „דאָזאָר באָזשניטשי", וואָס נעמט אַרום דעם האַלבן יאָרהונדערט 1870 — 1820. איך האָב זיך בעיקר געשטיצט אויף די אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך צי אין תוכן פונעם מאַנוסקריפּט צי אין די אַנעקסן.

מיין פּראָפעסאָר אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט און אין יודאַאיסטישן אינסטיטוט אין וואַרשע ד"ר מאיר באַלאַבאַן, הי"ד, האָט געשריבן דאָס פאָרוואָרט צו אָט דער אַרבעט. אַן אָפּשריפט פון דער אַרבעט געפינט זיך אין מיין באַזיץ.

די דיסערטאַציע איז טאַקע אָנגעשריבן געוואָרן אונטער דער אויפזיכט און אין אוניווערסיטעט־סעמינאַר פון פּראָפ' באַלאַבאַן, אויף וועמענס פאָרשלאָג די עקזאַמען־קאָמיסיע האָט זי באַשטעטיקט.

זייערנדיק אין געטאָ דער דירעקטאָר פונעם קהילה־אַרכיוו, צו וועלכן ס'איז געווען — פיקטיוו — „פאַרבונדן" ד"ר יצחק שיפּער (כדי באַפרייט צו ווערן פון אַרבעט און זיך צו ראַטעווען פון „אויסזידלונג", ווי מ'האָט געמיינט), האָב איך געגעבן די אַרבעט דורכצוקוקן ד"ר שיפּער. ער האָט אויף מיין מאַנוסקריפּט נאָטירט פאַרשידענע באַמערקונגען און קאָרעקטורן, און, אויף מיין בקשה, זיך אונטערגעשריבן אונטער זיי.

דעם מאַנוסקריפּט האָבן די דייטשן פאַרשלעפּט קיין מינכען, און נאָך דער מלחמה, אין 1945, האָב איך באַזוכט מינכען און ממש על־פּי־נס געפונען מיין מאַנוסקריפּט, וועלכן כ'האָב צוריקבאַקומען. זייענדיק אין פּאַריז האָט יצחק גרינבוים, דער ציוניסטישער פירער פון פּוילן, שריפטלעך באַשטעטיקט, דעם 31־טן אויגוסט 1945, די אונטערשריפט פון ד"ר שיפּער.

דידאָזיקע אַרבעטן האָבן דעם ציל צו באַלייכטן געוויסע תקופות און שטחים פון דער וואַרשעווער קהילה, ווי אַ בייטראָג צו איר געשיכטע, וואָס דאַרף ערשט אָנגעשריבן ווערן.

איצט עטלעכע ווערטער וועגן דעם מאַטעריאַל, פון וועלכן איך האָב געשעפּט צו דערדאָזיקער אַרבעט.

די דאָקומענטן, אויף וועלכע דידאָזיקע אַרבעט איז געבויט, זענען נישט בלויז מאַטעריאַלן וועגן געשיכטע; זיי פאַרמאָגן אַליין אויך אַ געשיכטע; זיי האָבן דורכגעמאַכט דעם גורל פון דער חרוב־געוואָרענער קהילה, און זענען היינט אויך „פאַרגאַנגענהייט". זיי פאַרדינען עטלעכע ווערטער פון אויפקלערונג וועגן זייער כאַראַקטער און היסטאָריע.

די אַרבעט איז געבויט היופּטזעכלעך אויף אַרכיוו־דאָקומענטן. פּשוט דערפאַר ווייל די געדרוקטע באַאַרבעטונגען זענען אָדער נישט־גענוגנדיק, אָדער פול מיט גרויסע בלויזן און טעותן, וואָס אין אַנבליק פון די אַרכיוו־מאַטעריאַלן קומען זיין אַרויס נאָך בולטער. בעת די קהילות פון קראָקע, לעמבערג, ווילנע און לובלין האָבן געפונען זייערע מאָדערנע היסטאָריקער (באַלאַבאַן, שאָר, קלויזנער), וועלכע האָבן זיי פאַראייביקט אין מאָנומענטאַלע אָדער געוויינלעכע מאָנאָגראַפיעס, איז די קהילה אין וואַרשע געבליבן פאַרהוילן אין די אַרכיוון. מיר שטרייכן אונטער „קהילה", ווייל ד״ר יעקב שאַצקי האָט באַהאַנדלט אין זיינע גרויסע דריי בענדער דאָס אידישע וואַרשע בכלל, די קהילה ווי אַן אינסטיטוציע באַרירט ער בלויז פאַרבייגייענדיק.

אונזער אַרבעט פאַרנעמט זיך מיט דער קהילה אַלס אינסטיטוציע אין ערשטן טייל, און מיט דער געשיכטע פון די 4 וואַרשעווער רבנים — אין צווייטן.

די אַרכיוון, פון וועלכע מיר האָבן געשעפּט אונזער מאַטעריאַל זענען: קודם־כל דער אַרכיוו פון דער וואַרשעווער קהילה, פון וועלכן דער שרייבער פון די שורות איז געווען דער דירעקטאָר אין די יאָרן 1936 — 1943, דאָס הייסט ביזן סאַמע סוף פון איר קיום.

דערדאָזיקער אַרכיוו האָט זיך געפונען אין קעלער אָדער „בעיסמענט" פון דער קהילה־געביידע אין וואַרשע, אויף גזשיבאָוו־גאַס נר. 22־24. ס׳זענען דאָרט געווען די פּראָטאָקאָלן פון די קהילה־זיצונגען („דאָזאָר באָזשניטשי") אָנהויבנדיק פון 1820, ד״ה ווען דער דאָזאָר איז געשאַפן געוואָרן. די פּראָטאָקאָלן זענען געווען אין פּויליש און געבונדן אין בענדער לויט די יאָרן — יעדער יאָר אַ באַנד.

אַחוץ דעם האָבן זיך געפונען דאָרט פיל אַנדערע וויכטיקע אַקטן וועגן פאַרשידענע קהילה־עניינים, וועלכע זענען דורך מיר באַנוצט געוואָרן צוזאַמען מיט די פּראָטאָקאָלן. פון די יאָרן 1831 און 1861־1863 האָבן אָבער געפעלט דאָקומענטן. ס׳איז אָנצונעמען, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט די אויספאָרשונגען בנוגע דער באַטייליקונג פון דער קהילה אין די פּוילישע אויפשטאַנדן, זענען זיין זייערצייט קאָנפיסקירט געוואָרן, און זענען קיינמאָל נישט צוריקגעגעבן געוואָרן.

מיר האָבן טאַקע געפונען אַ צאָל פּראָטאָקאָלן פון דער קהילה אין דעם אַלגעמיינעם פּוילישן „אַרכיוו פאַר אַלטע אַקטן" („אַרכיוואום אַקט דאַווניך"), וואָס האָט זיך געפונען אין אַ בנין אין דער וואַרשעווער אַלט־שטאָט.

דערדאָזיקער אַרכיוו, וועלכער האָט אַנטהאַלטן אוצרות מיט מאַטעריאַלן וואָס זענען נוגע דער יידישער געשיכטע, איז בשעתו פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה צוריקגעשיקט געוואָרן קיין פּוילן דורך סאָוועט־רוסלאַנד אויפן יסוד פונעם ריגער טראַקטאַט פון 1921. אין „אַרכיוו פאַר אַלטע אַקטן" האָבן זיך געפונען די אַקטן פון די פאַרשידענע דעפּאַרטאַמענטן (קאָמיסיעס אָדער מיניסטעריומס) פון דער האַלב־אויטאָנאָמער אינערלעכער פאַרוואַלטונג פון „קרולעסטוואָ" — „פּוילישן קעניגטום". איין אַ״ג „קאָמיסיע", נעמלעך, די „רעגירונגס־קאָמיסיע פאַר רעליגיעזע אמונות און עפנטלעכער בילדונג", האָט געהאַט די אויפזיכט אויך אויף די קהילות. דעריבער האָבן זיך געפונען צווישן אירע אַקטן וויכטיקע מאַטעריאַלן בנוגע די קהילות. פון זיי האָב איך פיל גענוצט אין דערדאָזיקער אַרבעט.

אין זעלבן אַרכיוו האָבן זיך אויך געפונען די אַקטן פון דער מיליטערישער אויס־פאָרשונגס־קאָמיסיע פון 1831, און פון דער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע פון די יאָרן 1863־1861.ביידע האָבן אַנטהאַלטן אַ סך יידישע מאַטעריאַלן. אין די אַקטן פון דער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע פון 1863־1861 האָב איך געפונען דעם פּראָטאָקאָל פונעם פאַר־הער פון הרב בעריש מייזעלש, פון וועלכן איך באַניץ אַן אָפּשריפט.

אויסער דעם האָב איך געשעפּט פון דעם שטאָטישן אַרכיוו פון וואַרשע; פונעם בילדונגס־אַרכיוו, ווי אויך פון יעקב טוגענהאָלדס פּאַפּירן, וועלכע האָבן זיך געפונען ביי דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע אין וואַרשע.

אַלע דידאָזיקע אַרכיוון עקזיסטירן נישט מער. דער קהילה־אַרכיוו איז אין סעפּטעמבער 1942 אַריבערגעפירט געוואָרן פון דעם קהילה־בנין אויף גזשיבאָווסקע 24־22 צו דעם בנין פונעם יידנראַט אויף זאַמענהאָף־גאַס 19. בעתן אויפשטאַנד אין געטאָ אין אַפּריל 1943 איז דערדאָזיקער אַרכיוו אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן.

אויך דער „אַרכיוו פון אַלטע אַקטן" און די אַנדערע אַרכיוון זענען פאַרניכטעט געוואָרן בעת די קאַמפן און שריפות אין וואַרשע. אַזוי אַז דידאָזיקע דאָקומענטן, וואָס מיר ברענגען אין אונזער אַרבעט, און די אַנדערע פון אונזער דיסערטאַציע, זענען ס'רוב זייערע איינציקע שפורן.

ד״ר חיים שאָשקעס

* * * *

די

קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג

אין פּוילן

אַריינפיר

פאַרוואָס איז קרעדיט־קאָאָפּעראַציע געווען די הויפּט־פאָרם ביי די פוילישע יידן

די קאָאָפּעראַציע פאַר די יידן אין פוילן איז געווען דער עקאָנאָמישער זעלבשוץ־פראָנט

„רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד" פון 1925 — "פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פוילן"

די פינאַנציעלע צענטערן פון דער יידישער קאָאָפּעראַציע

די לאַגע אין די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה

אַנדערע פאָרמען פון יידישער קאָאָפּעראַציע אין פוילן:

1. קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון
2. פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון
3. לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון
4. פאַרלאַגס־קאָאָפּעראַטיוון

אַריינפיר

די יידישע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט פאַרנומען אַ חשובן אָרט אין לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג. זי האָט זיך טיף פאַרוואָרצלט אין גאַנץ אייראָפּע: אין פּוילן, ליטע, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיי (קאַרפּאַטן־רוסלאַנד), לעטלאַנד, עסטאָניע און אונגאַרן. אויך אין בולגאַריע און גריכנלאַנד האָבן עקזיסטירט איינצלנע יידישע קאָאָפּעראַטיוון.

איצט עקזיסטירן ניט קיין יידישע קאָאָפּעראַטיוון אין די אַלע אויסגערעכנטע לענדער, אַפילו ניט אין רומעניע, וואו עס זענען פאַראַן קרוב 200,000 יידן און אין אונגאַרן מיט בערך 70,000 יידן. פּוילן מיט אירע בערך דרייסיק טויזנט יידן פאַרמאָגט אייניקע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, ספּעציעל אין די דעראָבערטע פון דייטשלאַנד מערב־געביטן (נידער־שלעזיע און שטשעשינער געגנט). דאָס זענען פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, אַרטעלן פון קליין־אינדוסטריע, בעיקר פון באַקליידונג, וועלכע זענען „יידיש״ דערמיט, וואָס זייער מיטגלידערשאַפט באַשטייט בעיקר פון יידן. פאַקטיש, אָבער, זענען דידאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון אַן אינטעגראַלער טייל פון אַלגעמיינעם פּוילישן קאָאָפּעראַטיוון־סיסטעם אָן דעם אידעאישן אינהאַלט, וואָס פאָדערט זיך פון אַ נאַציאָנאַלן טיפּ קאָאָפּעראַטיוו. אין דער דאָזיקער אַרבעט וועל איך פּרוּוון קאָנדענסירן די אַנטוויקלונגס־עטאַפּן פון דער יידישער קאָאָפּעראַציע אין פּוילן ביזן חורבן און איר באַדייטונג פאַרן עקאָנאָמישן לעבן. איך וועל זיך אויך באַמיען צו באַלייכטן די ענדערונגען, וואָס די קאָאָפּעראַציע האָט אַריינגעטראָגן אין דער פּסיכיק פון דעם דורכשניטלעכן יידישן מיטגליד, וועלכער איז פון אַן אויסגעשפּראָכענעם אינדיווידואַליסט, לאַנגזאַם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַוואוסטזיניקן מיטגליד פון אַ קאָלעקטיוו. דאָס איז געקומען אין רעזולטאַט פון קאָאָפּעראַטיווער פּראַקטיק און דערציאונג אין משך פון אַ ריי יאָרן.

באַמערקונג: דער מחבר פון דאָזיקן אַרטיקל, ד״ר חיים שאָשקעס, איז ביזן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג געווען דער וויצע־פּרעזידענט און עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון דער צענטראַלער קאָאָפּעראַטיווער באַנק אין וואַרשע („אינקאַסאָ־צענטראַלע״). פון 1923 ביז 1933 איז ער געווען אינספּעקטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פון קאָאָפּעראַטיוון־פאַרבאַנד. פון יאָר 1921—1923 איז ער געווען אינספּעקטאָר פון דעם אויפבוי־אָפּטייל פון „דזשאָינט״ אין פּוילן. פון 1917 ביז יאָר 1920 איז ער געווען דער דירעקטאָר פון דער כאַרקאָווער קאָאָפּעראַטיווער פאָלקסבאַנק (אין רוסלאַנד). די גאַנצע צייט פון זיין זיין אין פּוילן איז ער געווען רעדאַקציע־מיטגליד פון דער צייטשריפט „די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג״. ער האָט פּובליקירט אַ ביכל (אין 1928) „וואָס איז אַזוינס קרעדיט־קאָאָפּעראַציע״. אויסער דעם — פיל אַרטיקלען אויף דערדאָזיקער טעמע אין משך פון זיינע 18 יאָר טעטיקייט אין פּוילן.

פּאַרוואָס איז קרעדיט־קאָאָפּעראַציע געווען די הויפּט־פאָרם ביי די פּוילישע יידן?

יעדער טיפּ פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער עקאָנאָמישער סטורקטור פון געגעבענעם פאָלק. אַ פּאָר ביישפּילן: אין ענגלאַנד, מיט איר ריזיקן פּראָלעטאַריאַט פון קוילן־גרעבערס, פאַבריק־אַרבעטער, האָט זיך בעיקר אַנטוויקלט די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע. אַגב, דאָרט טאַקע, אין ענגלאַנד, איז זי (אין ראָטשדעל, נאָך אַ לאַנגן פאַבריק־שטרייק) מיט מער ווי מיט הונדערט יאָר צוריק געבוירן געוואָרן.

אין דענעמאַרק און האָלאַנד, מיט זייער הויך־אַנטוויקלטן ניוואָ פון אַגראַר־פּראָדוקציע, איז אַנטשטאַנען און בליט נאָך איצט אַממייסטן די אַגראַר־קאָאָפּעראַציע.

אין דייטשלאַנד, מיט איר געוואַלדיקן וואוקס פון מיטלשטאַנד, איז געבוירן געוואָרן די קרעדיט־קאָאָפּעראַציע (שולצע־דעליטש־טיפּ), וועלכע האָט דערגרייכט איר העכסטן דערפאָלג אין די פאַר־היטלער־יאָרן.

אין פּוילן, וואו צוויי דריטל פון דער באַפעלקערונג זענען געווען (און זענען נאָך איצט) אָנגעוויזן אויף לאַנדווירטשאַפט, האָט זיך אַנטוויקלט די קאָאָפּעראַציע פון לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער. אין די דערפער איז דאָס געווען אויך מיט אַ געמיש פון קרעדיט־אָפּעראַציעס (די סטעפּטשיק־קאַסעס). אויך די שטאָטישע קאָנסום־קאָאָפּעראַציע אין פּוילן האָט זיך אין אירע הויכע שטאַפּלס (ראַיאָן־צענטערס) געאייניקט מיט דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע.

יידן אין פּוילן זענען געווען כמעט אַן אויסשליסלעך־שטאָטישער עלע־מענט. נאָך די ניט־גענויע ציפערן, מיט וועלכע מען האָט זיך באַנוצט אין פּוילן ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה (די לעצטע גענויע סטאַטיסטיק האָט זיך באַזירט אויף די ציפערן פון 1921), זענען צווישן די קרוב 33 מיליאָן איינוואוינער געווען קרוב דריי און אַ האַלבן מיליאָן יידן. דאָס האָט אויסגעמאַכט אַרום צען פּראָצענט.

די עקאָנאָמישע סטורקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך אין די יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות וויניק געביטן. אין קיילעכדיקע פּראָ־צענטער האָט זי אויסגעזען ווי ווייטער:

קליינהענדלער	45	פּראָצענט
האַנדווערקער	36	"
אינדוסטריע־אַרבעטער	5	"
גרויסע סוחרים, פאַבריקאַנטן...........	7	"
פרייע פּראָפעסיעס....................	5	"
לאַנדווירטן	2	"
צוזאַמען	100	"

זיי אַלע האָבן אין זייער מערהייט פאַרגעשטעלט דעם שטעטלשן און שטאָטישן עלעמענט. אַ פערטל פון אַלע אײדן האָבן געלעבט אין די זעקס ווייטערדיקע שטעט: וואַרשע, ווילנע, לאָדזש, לובלין, לעמבערג, קראָקע.

די אויבגעבראַכטע עקאָנאָמישע סטרוקטור האָט שוין במילא דיקטירט דעם כאַראַקטער פון דער קאָאָפּעראַטיווער פאָרם, וואָס איז געווען אַמבעסטן צוגעפּאַסט פאַר די יידן אין פּוילן — די פאָרם פון קרעדיט־קאָאָפּעראַציע.

די קאָאָפּעראַציע פאַר די יידן אין פּוילן איז געווען דער עקאָנאָמישער זעלבשוץ־פראָנט, פונקט ווי די פּאַרלאַמענטאַרישע יידישע רעפּרעזענטאַנץ איז געווען דער פּאָליטישער קאַמפּ־אינסטרומענט.

פאַרן יידישן ווירטשאַפטלעכן לעבן, וואָס איז געווען באַיקאָטירט און דיסקרימינירט, האָט געמוזט באַשאַפן ווערן אַן אָפּוועער־פראָנט, כדי דער סוחר, קליינהענדלער, בעל־מלאכה זאָלן נישט אָפּגעשניטן ווערן פון די קוואַלן פון ביליקן לעגיטימען קרעדיט; זאָלן ניט פאַלן אַ קרבן פון די ליכווע־פּראָצענטער, וואָס קיין שום ווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזם קאָן נישט בײַשטיין. אַלע די עלעמענטן זענען געווען אַרויסגעשטויסן פון ביליקן מלוכהשן קרעדיט, איגנאָרירט דורך די גרויסע פּוילישע אַקציען־באַנקן און באַלאַסטעט מיט ספּעציעלע הויכע מלוכהשע שטייערן. דער יידישער בירגער איז גלייך ווי עס איז אַנטשטאַנען די אומאָפּהענגיקע פּוילן געבליבן אומבאַהאָלפן. די איינציקע אינסטיטוציע, וואָס האָט דעם יידן דערמעגלעכט אײנהאַלטן זיין ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציע איז געווען די יידישע (קאָאָפּעראַ־טיווע) פאָלקסבאַנק.

אמת, דער דורכשניטלעכער קרעדיט איז דאָרטן געווען ניט מער ווי הונדערט אָדער הונדערט פופציק דאָלאַר. אָבער אויב ער איז גענומען אויף קליינע פּראָצענטער און ווערט אַרויסגעגעבן אויסצוצאָלן אין קליינע ראַטעס — איז ער געווען גענוג צו דערמעגלעכן דעם יידן איינצוהאַלטן זיין גאָר באַשיידענעם ווירטשאַפטלעכן מעמד.

דאָס האָבן פאַרשטאַנען די שאַפער און בויער פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין פּוילן. לאָמיר דאָ טאַקע דערמאָנען כאָטש אייניקע נעמען פון די ראשונים, פון דער איניציאַטיוו־גרופּע אין יאָר 1921: ד״ר מ. קלומעל, דעפּוטאַט העשל פאַרבשטיין, סענאַטאָר רפאל שערעשעווסקי, אַברהם פּראַוואָלסקי, ח. דאַרפמאַן, לעאָן מיכעלסאָן, אַברהם שמויש און ד״ר חיים שאָשקעס. אַלע, אויסער די צוויי לעצטע, וועלכע לעבן אין ניו־יאָרק, זענען מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דער ענערגישער דירעקטאָר פון אַמע־

ריקאַנער „דזשאָינט", א. לאַנדעסקאָ, וועלכער האָט אין 1921 באַזוכט וואַרשע און צוזאַמען מיטן אָרטיקן דירעקטאָר, מיכאל פּרווינד, געקומען צום באַשלוס, אַז פּוילישע יידן וועלן ניט געראַטעוועט ווערן דורך די ביליקע קיכן און פאַרטיילן פון אַלטע קליידער, נאָר דורך אַ גוט־אָרגאַניזירטער סיסטעם פון זעלבסטהילף, ספּעציעל דורך אַ נעץ פון קאָאָפּעראַטיוון אין דורך אירע פאַרשידענע פאָרמען, פריער פאַר אַלץ דורך קרעדיט־קאָאָפּעראַציע.

אמת, דער „דזשאָינט" האָט נאָך ווייטער פאָרגעזעצט זיין הילף־טעטיקייט אין פּוילן פאַר יתומים און אויפן געביט פון פאָלקס־געזונט. דער הויפּט־טראָפּ איז אָבער געשטעלט געוואָרן אויף דער אויפבוי־אַקציע פון יידישן ווירטשאַפטלעכן לעבן דורך זעלבסטהילף. עס זענען אַרומגעפאָרן פון די 1922—1923 אינסטרוקטאָרן פון „דזשאָינט" איבער די שטעט און שטעטלעך פון פּוילן. מען האָט אָנגעהויבן לערנען די יידן וויאַזוי מען דאַרף אָרגאַניזירן אַ קאָאָפּעראַטיוו, מען האָט לעגאַליזירט די סטאַטוטן, געגעבן קרעדיטן אויפן באַזיס „פיפטי־פיפטי" — פופציק פּראָצענט האָט מען געזאַמלט צווישן די מיטגלידער אַלס „פּאַיען" (גרינדונגס־אַקציעס) און די צווייטע פופציק פּראָצענט האָט געגעבן די אויפבוי־אָפּטיילונג פון „דזשאָינט" אין וואַרשע.

ביז דער פּוילישער „מאַרק", די אומזאַך־מטבע ביזן אָנהייב פון 1924, האָט געשנעלעך געקראַכט און איז פאַרביטן געוואָרן אויפן „זלאָטי", זענען שוין אין פּוילן, אין די יאָרן 1922—1923, אָרגאַניזירט געווען 237 קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון מיט 103 טויזנט מיטגלידער. אַ מיטגליד האָט געקענט ווערן נאָר דער הויפּט פון דער משפּחה. רעכענענדיק אַז אַ משפּחה איז באַשטאַנען דורכשניטלעך פון 5 נפשות, דאַרף מען אָננעמען, אַז שוין גלייך אין די ערשטע יאָרן האָבן בערך אַ האַלבן מיליאָן יידן דירעקט אָדער אומדירעקט גענאָסן פון קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט.

די גאַנצע פּוילישע געלט־סיסטעם האָט זיך אין משך פון דער דערמאָנטער צייט (1922—1923) איינגעבראָכן און מיט איר „בראַך" איז אויך צייטווייליק איינגעבראָכן געוואָרן די יידישע קאָאָפּעראַציע. די ווייטערדיקע ציפערן וועלן דאָס גאָר בולט אילוסטרירן.

אין יאָר 1922 האָט מען דעם דאָלאַר געביטן לויטן קורס: איין דאָלאַר — דריי טויזנט פּוילישע מאַרק. דעם ערשטן יאַנואַר 1924 האָט מען שוין געביטן פאַר זעקס און אַ האַלבן מיליאָן פּוילישע מאַרק.

מיט אַנדערע ווערטער: די פּוילישע וואַלוטע איז געוואָרן ממש ווערטלאָז. מיט דעם זענען אויך געוואָרן ווערטלאָז אַלע אָנגעזאַמלטע אייגענע קאַפּיטאַלן, רעזערוון, פקדונות (דעפּאָזיטן) און אויך די גאַנצע סאַלדאָ פון די הלוואות, וואָס די קאָאָפּעראַטיוון האָבן אַרויסגעגעבן. מיר וועלן עס אילוסטרירן מיט דער ווייטערדיקער טאַבעלע (אין דאָלאַרן):

	צאָל בענק	מיטג.	אייגענער קאַפּיטאַל	פּקדונות	באַקומענע קרעדיטן	הלוואות
יאַנואַר, 1923	110	58,910	15,345	11,245	91,158	$137,655
יאַנואַר, 1924	237	102,297	3,678	3,678	5,118	20,027

די גאַנצע געביידע פֿון דער קאָנסטרוקטיווער הילף, די געוואַלדיקע אָרגאַניזיר־קראַפֿט וואָס איז אין איר אַריינגעלייגט געוואָרן, איז פֿולשטענדיק צעפֿאַלן געוואָרן.

דער דזשאָינט האָט דאַן אָפּגעשטעלט זיין דירעקטע הילף אין פּוילן און מיט זיין הילף איז געגרינדעט געוואָרן די „באַנק פֿאַר קאָאָפּעראַטיוון", וועלכע האָט עקזיסטירט ביזן יאָר 1930. שפּעטער איז זי ליקווידירט געוואָרן צוליב שלעכטערווירטשאַפֿט. די קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייט איז איבער־געגאַנגען צום „אינקאַסאָ באַנד" און „רעוויזיאָנס־פֿאַרבאַנד". וועגן דעם לעצטן איז כדאי צו אינפֿאָרמירן.

„רעוויזיאָנס־פֿאַרבאַנד", פֿון 1925 „פֿאַרבאַנד פֿון די יידישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפֿטן אין פּוילן".

פּוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות איז נישט געווען באַקאַנט אין דער וועלט אַלס לאַנד פֿון ליבעראַלער געזעצגעבונג. אָבער אין וויכטיקער אויס־נאַם איז געמאַכט געוואָרן בעת די פֿאַרשידענע רעזשימען: דעם פּאַרלאַ־מענטאַרישן, ביז מאַי 1926, און דעם שפּעטערדיקן האַלב־מיליטערישן — און דאָס איז געווען די קאָאָפּעראַטיווע געזעצגעבונג.

דער קאָאָפּעראַטיווער געזעץ פֿון 29טן אָקטאָבער 1920, וועלכער האָט געווירקט ביזן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין סעפּטעמבער 1939, איז פֿאַררעכנט געוואָרן צו די אַממערסטן ליבעראַלע אין דער וועלט.

דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס בעת פּוילן איז געווען צעטיילט אונטערן יאָך פֿון אַנדערע מלוכות, איז די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג ביי די פּאָליאַקן געווען דער איינציקער געביט, וואו עס זענען געקומען צום אויסדרוק זייערע עקאָנאָמישע, ווי אויך צום גרויסן טייל די נאַציאָנאַל־קולטורעלע, אַספּיראַציעס.

פֿיל שפּעטער־באַרימטע קירכע־ און מלוכה־פֿירער (ווי צום ביישפּיל בישאָף אַדאַמסקי און פּרעזידענט וואָיציעכאָווסקי) האָבן זייער קאַריערע אונ־טער די אָקופּאַציעס אָנגעהויבן ווי קאָאָפּעראַטיווע אַקטיוויסטן.

ווען פּוילן איז געוואָרן זעלבשטענדיק האָט דערדאָזיקער היסטאָרישער פֿאַקט געבראַכט צום ליבעראַלן קאָאָפּעראַטיוון געזעץ, פֿון וועלכן עס האָבן שוין אויך גענאָסן די מינדערהייטן — די יידן, אוקראַינער, דייטשן. פֿאַר

זיי אַלע איז די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אויך געוואָרן דער צענטער פון זייער עקאָנאָמיש־קולטורעלן אויפבוי און „אויסדויער", ווי דאָס איז געווען בשעתו פאַר די פּאַליאַקן אונטער די פאַרשידענע אָקופּאַציעס.

דריי וויכטיקע זאַכן האָט דערדאָזיקער געזעץ אויפגעטאָן:

1. יעדע גרופּע פון צען בירגער האָט דאָס רעכט צו באַ־קומען אַ מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן אַ קאָאָפּעראַטיוו און אַריינטראָגן זיין סטאַטוט אין געריכט, וועלכער האָט אים אויטאָמאַטיש רעגיסטרירט. אין די רוסישע צייטן, למשל, האָט זיך פאַר דער פּראָצעדור געפאָדערט אַ „דערלויבעניש" פון גובערנאַטאָר.

2. יעדע גרופּע קאָאָפּעראַטיוון האָבן זיך געקענט אָרגאַ־ניזירן אין אַ פאַרבאַנד (רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד), וועלכער אויב דער מלוכהשער קאָאָפּעראַטיווער ראַט האָט דאָס גע־פונען פאַר פּאַסיק, באַקומען מלוכהשע רעוויזיע־רעכט אין די קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זענען געווען אין אים אָנגעשלאָסן. געהייסן האָט עס, אַז די מלוכה, די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט, האָט קיין רעכט ניט געהאַט קאָנטראָלירן, אינטערווענירן, אָדער אין יעדן אַנדערן אופן זיך מישן אין די טעטיקייטן פון אַ פאַרבאַנדס־קאָאָפּעראַטיוו. נאָר נאָכדעם, ווי דער פאַרבאַנדס־רעווידענט (אינספּעקטאָר) האָט אַנטדעקט אַ קרימינעלן פאַרברעכן, האָבן מלוכהשע אָרגאַנען אויף דעם פאָרשלאַג פון אינספּעקטאָר געהאַט דאָס רעכט און פליכט אַננעמען מיטלען, פאָראויסגעזען דורכן געזעץ אין אַזעלכע פאַלן.

3. אַלע פאַרבאַנדס־קאָאָפּעראַטיוון זענען באַפרייט געוואָרן פון מלוכהשע און קאָמונאַלע דירעקטע שטייערן.

דאָ איז אין *1921*, אויפן סמך פון דאָזיקן ליבעראַלן געזעץ, געגרינדעט געוואָרן דורך אַ פּאָר צענדליק עקזיסטירנדיקע קאָאָפּעראַטיוון דער יידישער „רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד".

די ערשטע אינספּעקטאָרן פון „רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד" זענען געווען: א. פּראָוואַלסקי, ה. דאָרפּמאַן, ד"ר חיים שאַשקעס, און שפּעטער זענען צוגעקומען: ד"ר י. שאַלמאַן, לעאָן מיכעלסאָן, א. גאָלדפּאַרב און אַברהם שמויש. אויפן געביט פון ווילנער און גאַליציאַנער געגנטן האָבן געאַרבעט: י. קליאַנסקי, י. מעכאַניק, שפּינדלער, האָראָוויץ. די אָנפירער פון גאַליציאַנער צענטער זענען געווען די סיים־דעפּוטאַטן א. זילבערשיין און ד"ר ה. ראָזמאַרין, און אַנדערע.

אַלע אינסטרוקציעס וויאַזוי צו שאַפן קאָאָפּעראַטיוון, די גאַנצע פּראָ־

פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור, איז לכתחילה אויסגעאַרבעט געוואָרן דורכן „דזשאָינט" צוזאַמען מיטן „רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד".

עס איז געגעבן געוואָרן דער מעכטיקער שטויס, אַז די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין פּוילן זאָל זיך אָנהויבן אַנטוויקלען. עס איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך, ווייל, ערשטנס, איז שווער געווען איבעראַנדערשן די אינדיווידואַליסטישע פּסיכיק פון קליינשטעטלדיקן קרעמער און בעל־מלאכה און איינשפּאַנען אים, הגם טיילוויז, אין קאָאָפּעראַטיוון (קאָלעקטיוון) סיסטעם פון דיסציפּלין. און צווייטנס, האָט דער קליינשטעטלדיקער, זעלבשטענדיקער ייִד אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה געמוזט אָנקומען צו פילאַנטראָפּישער הילף (עסן, קליידונג און דאָס גלייכן), און דאָס האָט פאַרטעמפּט די אַקטיווע געפילן פון זוכן אַנדערע קאָנסטרוקטיווע וועגן, כדי זיך אויסהאַלטן און אויפבויען, מיט אייגענע כוחות, זיין עקזיסטענץ.

די לאָזונג פון „הילף דורך זעלבסטהילף" האָבן געטראָגן פון שטעטל צו שטעטל די אינספּעקטאָרן פון „רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד", אַרויסטרעטנדיק אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען, ריידנדיק מיט ענגע קרייזן, וועקנדיק דעם האַנטווערקער און קליינהענדלער ער זאָל שאַפן דעם געהעריקן אַקציען־קאַפּיטאַל („פּאַיען") און דעלעגירן זייערע בעסטע מענטשן אין די ראַטן און פאַרוואַלטונגען פון די געשאַפענע קאָאָפּעראַטיוון.

דער „פאַרבאַנד" איז בהדרגה אויסגעוואַקסן אין אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם, וואָס האָט געשפּילט אַ צענטראַלע ראָלע אין ייִדישןווירטשאַפטלעכן לעבן.

צום סוף פון יאָר 1938 (דער לעצטער יאָר ווען מען האָט געמאַכט דעם באַלאַנס פון אַלע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון) האָט דאָס זיך אויסגעדריקט אין די ווייטערדיקע ציפערן:

צאָל קאָאָפּעראַטיוון — 460;

צאָל מיטגלידער — 104,091;

די סאַלדאָ פון קרעדיטן איז געווען: 49,717,038 זלאָטעס (אַכט זלאָטעס אַ דאָלאַר).

מיט אַנדערע ווערטער: איבער זעקס מיליאָן דאָלאַר זענען ערב דער מלחמה אַריינגעגאָסן געוואָרן אין דער ייִדישער ווירטשאַפט אין פּוילן דורך דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג.

דער „פאַרבאַנד" האָט אויך זינט דאָס יאָר 1921 ביז ערך דעם מלחמה־אויסברוך, אין אויגוסט 1939, פּובליקירט אַ צייטשריפט אונטערן נאָמען: „די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג", אין ייִדיש און אין פּויליש. זי האָט זיך דערוואָרבן אַ נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן נאָמען, ווי אַ מקור פון טעאָרעטישע און פּראַקטישע ידיעות פאַר קאָאָפּעראַטיווע פירער, באַאַמטע און מיטגלידער. פון 1932 איז די דאָזיקע צייטשריפט רעדאַקטירט געוואָרן פון אינזש' יוסף יאַשונסקי.

דער „פאַרבאַנד" האָט אויך אַרויסגעגעבן לערן־ביכער פאַר קאָאָפּעראַ־

טיוון, פון אינסטרוקטאַרישן און בוכהאַלטערישן כאַראַקטער, ווי אויך אַ פּאָפּולערע צייטשריפט — „פאַרן פאָלק".

עס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז דער „פאַרבאַנד" האָט אויך געפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע אַקציע וועגן אָפּשפּאָרונגען אין די קאָאָפּעראַטיווע בענק. זי האָט געטראָגן סיי אַ דערציערישן, סיי אַ פינאַנסיעלן כאַראַקטער. אַרום 15,000 אָפּשפּאָרער מערסטנטייל קליינע קינדער, האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער אַקציע.

עס דאַרף באַצייכנט ווערן, אַז אויסער דעם נאָר־וואָס באַשריבענעם „פאַרבאַנד" זענען אויך געווען אַנדערע צוויי יידישע פאַרבאַנדן:

דער לעמבערגער, וועלכער האָט זיך אין יאָר 1932 אַריינגעגאָסן מיט זיינע קאָאָפּעראַטיוון אין אַלגעמיינעם „פאַרבאַנד" אין וואַרשע, און דער אַגודהשער, וועלכער איז לכתחילה געגרינדעט געוואָרן דורך אַ גרופּע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס דער אַלגעמיינער „פאַרבאַנד" האָט נישט געוואָלט אַריינעמען, ווייל זיי זענען ניט געווען צוגעפּאַסט סיי געזעלשאַפטלעך (דאָס זענען געווען די אַזוי־גערופענע „פאַמיליע־קאָאָפּעראַטיוון") און סיי פינאַנסיעל. דער אַגודהשער פאַרבאַנד האָט אָבער געהאַט די פּאָליטישע שטיצע פון דער רעגירונג און דעריבער האָט ער באַקומען „מלוכהשע רעכט". דער־דאָזיקער „אַגודהשער פאַרבאַנד" האָט זיך אָבער קיינמאָל נישט דערהויבן צו אַ וויכטיקער ווירטשאַפטלעכער פּאָזיציע. ער האָט געהאַט 56 קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט 8,069 מיטגלידער מיט אַ געמיינזאַמער סאַלדאָ פון אַרויסגעגעבענע הלוואות פון אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר. ווי געזאָגט, זיינען זיינע הויפּט־פעלערן געווען: די פּאָליטישע שטיצע פון דער רעגירונג, אַ זאַך וואָס מוז זיין פרעמד דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, און דער ניט גענוג געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער פון אַ צאָל איינצלנע קאָאָפּעראַטיוון, אין וועלכע עס האָבן דאָמינירט געוויסע משפחות. ווי אַ קוריאָז וועל איך ברענגען אַן אויסצוג פון אַ פּראָטאָקאָל פון אַ צוזאַמענפאָר פון די אַגודהשע בענק, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם 24טן נאָוועמבער אין וואַרשע אין יאָר 1936:

דער דעלעגאַט פון גריצער „פאָלקסבאַנק" האָט צווישן אַנדערע געזאָגט: „מיר דאַרפן האָבן אַן אָרטאָדאָקסישע באַנק, כדי בעת פּאָליטישע וואַלן זאָלן מיר קענען באַאיינפלוסן זייער רעזולטאַט..."

דער דעלעגאַט פון יענדזשעיעוו זאָגט: „מיר דאַרפן אויסבילדן אַ קאַדער פון אָרטאָדאָקסישע באַאַמטע, וועלכע זאָלן זיצן אין די בענק אין היטלען און גיין לאַנג געקליידט..."

דער פירער פון דער „אַגודה", דער שפּעטערדיקער ישראל־מיניסטער הרב יצחק־מאיר לעווין, האָט דאַן באַמערקט: „אַ, ניין! מיר טאָרן נישט פאַרוואַנדלען קאָאָפּעראַטיווע בענק אין אַ פּאָליטישן אינסטרומענט. מיר טאָרן פון די בענק נישט מאַכן קיין חדר..."

די פינאַנציעלע צענטערן פון דער יידישער קאָאָפּעראַ־ציע: די „באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון" און שפּעטער די „אינקאַסאָ צענטראַלע".

עס איז געוואָרן צייטיק דער געדאַנק, אַז די יידישע קאָאָפּעראַטיוון זאָלן האָבן אַן אייגענע פינאַנץ־צענטראַלע.

אַזויווי די פּוילישע רעגירונג (דאַן אַן ענדעקיש־אַנטיסעמיטישע) האָט ניט געוואָלט אַרויסגעבן אַ קאָנצעסיע אויף אַ באַנק, האָט דער „דזשאָינט" אָפּגעקויפט אַ באַנק־פירמע, וואָס האָט שלעכט פּראָספּערירט, און פון איר געמאַכט די „באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון".

דאָס איז געווען אין יאָר 1923. צום 1טן יולי 1926 (עפּעס מער ווי 2 יאָר שפּעטער ווי די באַנק האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן) האָבן שוין די קרעדיט־סאַלדאָס פון דער באַנק אויסגעזען ווי ווייטער:

523	קליין־קרעדיט קאָאָפּעראַטיוון	$668,000
20	מיטלשטאַנדס־בענק	125,000
2	אַרבעטער־צענטראַלעס	90,000
2	פאַרלאַגס־קאָאָפּעראַטיוון	2,000
3	לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון	3,000
1	האַנדווערקער־קאָאָפּעראַטיוו	1,000
	צוזאַמען	$889,000

די אַנטוויקלונג פון דער באַנק וואָלט געקענט גיין אויך ווייטער מער דערפאָלגרייך, ווען באַלד פון אָנהייב וואָלטן ביי דער אַרבעט פון באַנק ניט אַנטשטאַנען צוויי באַזונדערע ריכטונגען:

איינע האָט געהאַלטן, אַז הגם די באַנק איז לויטן נאָמען פון אַ פינאַנץ־אינסטיטוציע, אָבער לויטן אינהאַלט איז זי געזעלשאַפטלעך־קאָאָפּעראַטיוו, דאַרף זי זיך דעריבער ניט פאַרנעמען מיט קיין שום פּריוואַט־געזעלשאַפט־לעכע אָפּעראַציעס און מוז בלייבן בלויז אַן אינסטיטוציע פאַר פאַרטיילן קרעדיטן צו קאָאָפּעראַטיוון.

די צווייטע ריכטונג האָט געהאַט אַ קעגנזעצלעכע מיינונג: די באַנק טאָר ניט זיין אָפּגעריסן פון טאָג־טעגלעכן ווירטשאַפטלעכן לעבן. זי מוז דעריבער דערפילן אַלע נויטיקע באַנק־אָפּעראַציעס. מיט אַנדערע ווערטער: די באַנק דאַרף האָבן דאָס רעכט אַרויסצוגעבן קרעדיטן אויך צו פּריוואַטע פּערזאָנען און פירמעס; זי דאַרף אויך ווערן אַ מיטגליד פון דער „בירזשע" (סטאָק־עקסטשענדזש), האַנדלען מיט אַקציעס און אָבליגאַציעס, איינקאַסירן אויסלענדישע טשעקן און דאָס גלייכן.

ליידער, האָט געזיגט די צווייטע ריכטונג, און די „באַנק פאַר קאָאָפּע־

ראַטיוון" ווערט אין 1926 אַ פינאַנציעלע אינסטיטוציע מיטן רעכט פאַר אַלערליי פּריוואַטע טראַנזאַקציעס.

דאָס איז געווען אַ פאַטאַלע דעציזיע, וועלכע האָט אין 1930 דערפירט דערצו, אַז די באַנק זאָל פאַקטיש אָפּשטעלן אַלע אירע אַקטיווע אָפּעראַציעס, דאָס הייסט, זי האָט געהאַט פאַרפרוירן אירע קאַפּיטאַלן און קרעדיטן, וואָס זענען נישט צוריקגעצאָלט געוואָרן.

דאַן האָט דער „דזשאָינט" (די פונדיישאַן) איבערגעריסן די באַציאונגען מיט דער באַנק, טאָקע צוליב די פּריוואַטע געשעפטן, וואָס זי האָט געפירט.

וואָלטן די פּוילישע מלוכה־בענק געעפנט קרעדיטן פאַר דער „באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון", ווי זיי האָבן עס געטאָן אין באַצוג צו די „קריסטלעכע" פינאַנציעלע צענטראַלעס, וואָלט דער איבעררייס מיטן אַמעריקאַנער „דזשאָינט" ניט געווען אַזוי געפערלעך פאַרן קיום פון דער באַנק, אָבער לײדער איז אין די פּוילישע מלוכה־ספערן אָנגעגאַנגען דער עקאָנאָמישער באָיקאָט לגבי דער יידישערווירטשאַפט, און מען איז ניט געקומען צו הילף דער „באַנק פון די קאָאָפּעראַטיוון" אין דער שעה פון איר „ערב־גסיסה".

עס האָבן זיך, בכן, פאַר די קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס געשטעלט שווערע פּראָבלעמען. עס האָט געדאַרפט געזאָרגט ווערן, אַז די געצוואונגענע ליקווידאַציע פון דער „באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון" זאָל פאָרקומען בהדרגה, רואיק, מיט כבוד, אַז קיין שום פּריוואַטע פּערזאָן אָדער אינסטיטוציע זאָל ניט קענען פאַרוואָרפן, אַז די קאָאָפּעראַציע האָט ביי איר עפּעס צוגענומען.

דאָס האָט זיך איינגעגעבן: די באַנק האָט אויסגעצאָלט אַלעמען ביז אַ גראָשן און — אוועק פון דער וועלט.

אָבער די הונדערטער קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס האָבן זיך גענויטיקט אין אַ פינאַנציעלער צענטראַלע, וואָס זאָל אַקומילירן אַלע אינקאַסאָ־אָפּעראַציעס פון די קאָאָפּעראַטיוון, צעשאָטענע איבער דער פּראָווינץ. דער גאַנצער האַנדלס־אויסטויש אין פּוילן איז געווען באַזירט אויפן ריזיקן „פּאַפּירענעם בריק" פון וועקסלען אויף טערמינען. צום טערמין פלעגן די וועקסלען צוריקגעשיקט ווערן אין וואוין־אָרט פון בעל־חוב, כדי זיי זאָלן דאָרט אויפגעמאָנט ווערן. די צאָלרייכע יידישע פאָלקס־בענק, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון לאַנד, זענען געוואָרן דער נאַטירלעכער אַדרעס פאַר אַזעלכע וועקסלען. צו זיי האָבן געשיקט די אינקאַסעס סיי אַלע אַנדערע קאָאָפּעראַטיוון, סיי אויך מלוכהשע פּריוואַטע בענק, וועלכע האָבן קיין קאָרעספּאָנדענט ניט געהאַט אין די קלענערע שטעט און שטעטלעך.

מען האָט געמוזט איינהאַלטן דעם דערוואָרבענעם, מיט אַזויפיל מי, „קאַפּיטאַל פון צוטרוי" צו אונדזערע יידישע אינסטיטוציעס. דעריבער האָט דער „קאָאָפּעראַטיווער פאַרבאַנד" נאָך בעת דעם ליקווידאַציע־פּראָצעס פון „באַנק פון קאָאָפּעראַטיוון" געגרינדעט אַ נייע פינאַנציעלע צענטראַלע, „די פאַרבאַנדישע אינקאַסאָ־צענטראַלע".

דאָס מאָל האָבן די קאָאָפּעראַטיווע טוער באַשלאָסן זיך צו האַלטן נאָר ביים געזעלשאַפטלעכן פּרינציפּ און קיין שום פּריוואַטע קרעדיטן נישט אַרויסגעבן.

צו־אָפּטימיסטיש איז מען נישט געווען ביים גרינדן די נייע באַנק אויף די חורבות פון דער אַלטער. אָבער ווידעראַמאָל איז מקוים געוואָרן דער גאָלדענער כלל:

„גוטע מענטשן מאַכן אויפבליען אַפילו שלעכטע געשעפטן,
שלעכטע מענטשן קאָנען רואינירן אַפילו די בעסטע אונטער־
נעמונגען".

די יונגע גרופּע ענטוזיאַסטן פון וואַרשע און פּראָווינץ האָט אין אַ שלעכטער צייט פאַר דער קאָאָפּעראַציע אויסגעבויט אַ געזונטע פינאַנציעלע צענטראַלע.

לאָמיר כאָטש דערמאָנען אייניקע נעמען פון די בויער: סענאַטאָר רפאל שערעשעווסקי, וואַרשע; שמואל גאָלדשטיין, מזרחי־פירער, טשענסטאָכאָוו; סטאַניסלאַוו פּרושיצקי, סוחרים־פאַראיין, טשענסטאָכאָוו; מ. דאָבזשינסקי, האַנטווערקער־טוער, זדונסקע־וואָליע; י. פּערל, תרבות־טוער און מאַגיס־טראַט־מיטגליד, קאָוועל־וואָלין; לעאָן מיכעלסאָן, קאָאָפּעראַטאָר, בונדישער טוער, וואַרשע; זיי אַלע זענען שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. אַברהם שמויש, קאָאָפּעראַטאָר; ע. טאַרטאַן, קאַטאָוויץ; ד"ר חיים שאָשקעס.

שווער איז געווען אין די ערשטע יאָרן גובר צו זיין דעם פּסיכאָלאָגישן ווידערשטאַנד צו דער נייער פינאַנץ־אינסטיטוציע, אַפילו צווישן די יידישע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע האָבן פריער געהאַט אַזויפיל טרויעריקע דערפאַרונגען מיט אינקאַסאָ־געלטער, וואָס זענען נישט באַצאָלט געוואָרן אין צייט. מען האָט געמוזט סיסטעמאַטיש באַקעמפן דאָס פּאַנישע אַנטלויפן פון די קאָאָפּע־ראַטיוון, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די האַנדלס־ און אינדוסטריע־ספערן. און אויב מען קען איצט באַצייכענען די כמעט זיבן יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון דער „צענטראַלע" פאַר אַ שטויגנדיק־וואַקסנדיקן דערפאָלג — איז דאָס אַ באַווייז, וואָס גוטע אָרגאַניזאַטאָרן קענען דערגרייכן מיט אָרנסט־לעכקייט און מיט אידעאַל.

זאָל די פאָלגנדיקע טאַבעלע דערציילן די געשיכטע פון דעם אַנטוויק־לונגס־פּראָצעס פון דער פינאַנציעלער צענטראַלע: (זייט 292).

נעמענדיק דעם דעמאָלטיקן קורס פון 8 זלאָטעס פאַר אַ דאָלאַר, באַ־קומען מיר דעם אומזאַץ פון דער יונגער צענטראַלע ביז סוף פון יאָר 1937 דעם סך־הכל פון 2,000,000 מיליאָן דאָלאַרן.

דער פריידיקער וואוקס פון דער טאַבעלע איז געווען נישט דאָס שטייגן פון די אַבסאָלוטע ציפערן, נאָר די אינערלעכע פאַרטיילונג פון די באַזונדערע סעקטאָרן, וואָס האָבן דורכגעפירט די פינאַנץ־אָפּעראַציעס. מיר זעען, אַז אויב אין יאָר 1936, למשל, האָבן די קאָאָפּעראַטיוון געשיקט 56.7% פון זייערע דאָקומענטן, די מלוכהשע און אַקציאָנערע בענק — 26.4% און

דאָקומענטן

יאָר	קאָאָפּ. צאָל	%	בענק צאָל	%	האַנדלס־פירמעס צאָל	%	צוזאַמען צאָל	%	זלאָטעס
1933	34,742	78.8	5,084	11.2	4.418	10.0	44,244	100	7,609,178
1934	86,961	65.7	27,720	21.1	17,656	13.2	132,337	100	20,970,854
1935	109,799	57.0	48.830	25.5	33,892	17.5	192,521	100	30,429,882
1936	187,271	56.1	87,914	26.4	58,492	17.5	333,677	100	48,722,552
1937	260,741	51.5	145,346	29.0	99,262	19.5	505,349	100	70,784,815
סך־הכל	679,514		314,894		213,720		1,208,128		178,517,278

פּריוואַטע פירמעס — 17.5%, האָבן אין יאָר 1937 די יידישע קאָאָפּעראַטיוון געגעבן 51.5%, דערפאַר האָבן די אַקציען־בענק (קריסטלעכע) געגעבן גאַנצע 30% פון פּאָרטפעל.

דעם ענדגילטיקן באַריכט פון דערדאָזיקער פינאַנציעלער צענטראַלע געפינען מיר אין לעצטן נומער פון דער צייטשריפט „קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג" (יולי־אויגוסט 1939). דאָרט לייענען מיר:

„...די צאָל דאָקומענטן שטייגן איבער זיבעציק טויזנט יעדן חודש (כמעט דאָפּלט ווי אין פריערדיקן באַריכט). אונדזער צענטראַלע איז איצט דער גרעסטער אינקאַסאָ־צענטער אין פּוילן (ניט נאָר ביי יידן, נאָר בכלל אין לאַנד). דער רעזערוו־קאַפּיטאַל איז אין משך פון יאָר כמעט פאַר־דאָפּלט געוואָרן. מיר אַרבעטן מיט אַ ריינעם ריווח פון פינף טויזנט דאָלאַר אַ חודש. די הוצאות זענען נאָר אַ דריטל פון ריינעם ריווח..."

אַט אַזוי איז אונטערגעשניטן געוואָרן אין סאַמע בלי אַ יידישע קאָאָפּע־ראַטיווע צענטראַלע אָדער קרעדיט־הילף, און וועמענס אַנטוויקלונגס־ליניע האָט קלאָר געוויזן די טענדענץ צו ווערן דער וויכטיקסטער פינאַנציר־אינסטרומענט פון פּוילישן יידנטום.

די לאַגע אין די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה

מיר האָבן אויבן געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם צושטאַנד פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג נאָכן סטאַביליזירן די פּוילישע וואַלוטע (דער אויסטויש פון מאַרק אויף דעם דאָלאַר, דעם 1טן יאַנואַר 1924). מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז צוליב דער דעוואַלואַציע איז צונישט־געוואָרן די

גאַנצע גרויסע אָנשטרענגונג פון די דריי יאָר 1921 — 1923 און די אָנ־געזאַמלטע קאַפּיטאַלן, סיי די אייגענע, סיי פון „דזשאָינט", זענען כמעט אינגאַנצן דעוואַלוּאירט געוואָרן. פון דעם פערטל מיליאָן דאָלאַר, וואָס דער „דזשאָינט", למשל, האָט אַריינגעלייגט אין 237 קאָאָפּעראַטיוון מיט העכער הונדערט טויזנט מיטגלידער, איז געוואָרן דעם 1טן יאַנואַר 1924 ניט מער ווי 5,118 דאָלאַר.

מען האָט אָנגעהויבן אויף דאָס ניי ווידער דערוועקן דעם צוטרוי פון די יידישע מאַסן זיי זאָלן אויסקויפן נייע „פּאַיען" (אַקציעס) און אויך דורך אַן אָפּשפּאָרונגס־אַקציע (קליינע סטאַבילע פּקדונות) זאָלן זיך פאַרגרעסערן די אומזאַץ קאַפּיטאַלן.

אויף הילף פון די רעגירונגס־בענק איז, ווי פריער, ווי שטענדיק אין פּוילן — גאָרניט געווען צו האָפן.

מען האָט געדאַרפט דעם אידעאַליזם, דעם ענטוזיאַזם פון דער יונגער גרופּע קאָאָפּעראַטיווע טוער אין וואַרשע און אויף די ערטער, כדי צוריק־צושטעלן די נעץ פון קאָאָפּעראַטיוון.

מיט זעקס יאָר שפּעטער, אין יאָר 1930, האָט די באַוועגונג ווידער דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון אַנטוויקלונג. די צאָל קאָאָפּעראַטיוון איז דערגאַנגען כמעט צו פינף הונדערט. די צאָל מיטגלידער האָט איבערגע־שטיגן 200,000 און די סאַלדאָ פון אַרויסגעגעבענע הלוואות האָט באַטראָפן אַרום ניין מיליאָן דאָלאַר (דערמאָנט זיך: אין אָנהייב יאָר 1924 איז די זעלבע סאַלדאָ געווען נאָך דער דעוואַלוּאַציע ניט מער ווי צוואַנציק טויזנט דאָלאַר !).

אָבער דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דער שרעקלעכער ווירטשאַפטלעכער וועלט־קריזיס פון דעם אָנהייב דרייסיקער יאָרן. מען האָט אָנגעהויבן אַרויס־ציען די דעפּאָזיטן (עלף מיליאָן אין 1930, זיבן מיליאָן אין 1931, פינף מיליאָן אין 1933 און וויניקער ווי פיר מיליאָן אין 1934 — אַלץ אין דאָלאַרן).

דעמאָלט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער „קריזיס פון צוטרוי" און אַ גרויסע צאָל בענק האָבן זיך איינגעבראָכן (עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען דעם „באַנק־קריזיס" אין אַמעריקע, ווען פ. ד. רוזוועלט האָט איבערגענומען אין 1933 די פּרעזידענטור).

דעמאָלט האָט מען מיט דער הילף פון „דזשאָינט" איינגעאָרדנט אין פּוילן די נעץ פון גמילות־חסדים־קאַסעס, דאָס הייסט די פילאַנטראָפּישע פאָרם פון קרעדיט, וואָס איז אַ קעגנזאַץ צו דער זעלבסטהילף־קאָאָפּעראַטיווער סיסטעם. עס זענען דאַן געגרינדעט געוואָרן מער ווי טויזנט קאַסעס פון טראַדיציאָנעלן גמילות־חסד־טיפּ, אָן פּראָצענטער פאַר די קליינע הלוואות.

אָבער די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג האָט ווייטער געבויט און מיט נייער ענערגיע באַמיט זיך איינצוהאַלטן דווקא די פּראָדוקטיווע און ניט די פּי־לאַנטראָפּישע פאָרם פון קרעדיט. עס זענען טאַקע געפאַלן הונדערטער איב־

סטיטוציעס ווי אַ רעזולטאַט פון קריזיס, אָבער די וואָס זענען געבליבן האָבן מיט אַ באַזונדערער עקשנות זיך אויפגעבויט פון דאָס נײַ און אַט זענען די רעזולטאַטן:

אין חודש אויגוסט 1939, דאָס הייסט אין די טעג האַרט פאַר דער וועלט־קאַטאַסטראָפע — דער פאַרבאַנד האָט דאַן פאַרמאָגט 431 קאָאָפּע־ראַטיוון, פון וועלכע 121 זענען געווען „קראַנקע", דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס זענען ניט אויפגעריכט געוואָרן נאָכן קריזיס.

די אייגענע קאַפּיטאַלן אין 310 קאָאָפּעראַטיוון האָבן באַטראָפן איין מיליאָן מיט הונדערט טויזנט דאָלאַר. די פּקדונות אַרום פיר מיליאָן (זיי זענען געשטיגן אין די לעצטע חדשים פאַרן קריג אויף אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר, אַ סימן פון וואַקסנדיקן צוטרוי פון דער באַפעלקערונג). דער אומזאַץ מיט הלוואות איז ווידער געווען מער ווי פינף מיליאָן דאָלאַר.

די מיטגלידערשאַפט האָט איבערגעשטיגן די צאָל פון הונדערט צוואַנציק טויזנט, דאָס הייסט, אַז מיט די משפּחה־מענטשן האָבן אַ האַלבן מיליאָן נפשות געניאָסן פון דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע.

כאָטש דידאָזיקע ציפערן זענען קלענערע ווי די וואָס מיר האָבן גע־בראַכט פאַרן יאָר 1930, איז אָבער די באַוועגונג אַלס אַזעלכע געשטאַרקט געוואָרן און מער געוואָרן מיר קאָנצענטרירט.

ספּעציעל דאַרף דערמאָנט ווערן דער פאַקט, אַז אין די יאָרן 1930 — 1939 איז קיין שום הילף פון דרויסן, סײַ פון אַמעריקאַנער געלטער, סײַ פון די מלוכה־בענק אין פּוילן, ניט געקומען. די בענק זענען געווען אָנגע־וויזן נאָר אויף זייערע אייגענע כוחות און די יידן האָבן אויף זייער עקאָנאָמישן זעלבשוץ־פראָנט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

עס זענען געווען אַלע באַדינגונגען פאַר דעם, אַז דער וואוקס פון דאָזיקן פראָנט וועט זיך ווייטער פאַרשטאַרקן אין כמות און אין איכות.

דידאָזיקע האָפענונג איז אָבער צעשמעטערט געוואָרן. דעם 1טן סעפּ־טעמבער 1939, ווען אויף וואַרשע זענען געפאַלן די ערשטע נאַצי־באָמבעס, האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרטיליקונג פון פּוילישן יידנטום.

אַנדערע פאָרמען פון יידישער קאָאָפּעראַציע אין פּוילן

אויסער דער שוין באַשריבענער קרעדיט־פאָרם פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג צווישן די יידן אין פּוילן האָבן אויך עקזיסטירט צווישן ביידע וועלט־מלחמות אויך די ווײַטערדיקע אונטערנעמונגען:

1. קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון,
2. פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון,
3. לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון,
4. פאַרלאַגס־קאָאָפּעראַטיוון.

געווען זענען אויך פּרואוון צו שאַפן האַנטווערקער־ און קליינהענדלער־פּאַרקויף־צענטראַלעס, אָבער זיי האָבן זיך שנעל געענדיקט מיט אַ דורכפאַל, ניט קענענדיק ביישטיין די עפעקטיווע און ביליקע קאָנקורענץ פון יידישן פאַרמיטלער, וואָס האָט זיך באַנוגנט מיטן קלענסטן מינימום פאַרדינסט ביים פאַרקויפן.

מיר וועלן מיט איניקע ווערטער כאַראַקטעריזירן דעם צושטאַנד פון די אַלע אויסגערעכנטע פיר סעקטאָרן פון דער קאָאָפּעראַציע.

1. קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון:

זיי זענען געווען אַ ירושה פון די יאָרן פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. די קאָאָפּעראַטיוון, געשטיצט מיט אַמע־ריקאַנער געלטער, זענען דאַן געשאַפן געוואָרן צו באַקעמפן די שפּעקולאַציע מיט פּראָדוקטן.

צום ענדע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען שוין אין פּוילן געווען מער ווי הונדערט יידישע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון. צוויי דריטל פון זיי זענען געווען אָרגאַניזירט דורך דעם „בונד״, איין דריטל דורך די „פּועלי־ציון״. אָבער ווען די שפּייז־באַגרענעצונגען אין פּוילן זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן, נאָך דער מלחמה, און דער פרייער האַנדל איז אַריין אין זיין פולשטענדיקער קראַפט, איז געקומען דער קריזיס פאַר אַלע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון בכלל און פאַר די יידישע בפרט.

די פּוילישע קאָנסום־קאָאָפּעראַציע איז יאָ אויפגעריכט געוואָרן דורך קאָלאָסאַלע רעגירונג־קרעדיטן און געוואָרן אַ מין קאָנקורענץ־סיסטעם קעגן יידישן האַנדל און פאַרמיטלונג. די יידישע קאָאָפּעראַטיוון זענען דאַקעגן ליקווידירט געוואָרן, ווייל אַזעלכע קרעדיטן זענען פאַר זיי נישט געווען בנימצא. זיי זענען ליקווידירט געוואָרן אונטער דעם נאַטירלעכן דרוק פון פרייען מאַרק־קאָנקורענץ.

2. פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון:

עס האָבן אויך ניט געהאַט קיין הצלחה די צען קאָאָפּעראַטיווע בעקע־רייען, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַראָרדענונג וועגן אָבליגאַטאָרישן מעכאַניזירן די פּריוואַטע בעקערייען.

דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות פון איינקויפן נייע מאַשינען, אויף וואָס דער אינדיווידועלער בעקער האָט אָפטמאָל ניט געהאַט קיין גענוגנדיקע מיטלען.

אין די ניי־אָרגאַניזירטע בעקערייען האָט געפעלט אַ קוואַליפיצירטע טעכנישע אָנפירונג. עס זענען אויך ניט געווען גענוג אומזאַץ־מיטלען. נאָך אַ פּאָר יאָר מאַטערן זיך מיט די אַלע שוועריקייטן, זענען אַלע צען קאָאָפּע־ראַטיווע בעקערייען געשלאָסן געוואָרן.

אַן איינגעגעבענער פּרואוו פון פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע איז געווען אין

דער שטאָט מעזעריטש ביי די בערשטער. זייער קאָאָפּעראַטיוו האָט זיך גוט אַנטוויקלט, אויסגעאַרבעט און עקספּאָרטירט חזיר־האָר. ער האָט אויך געהאַט געגוג אומזאַץ־מיטלען און איז געווען פינאַנציעל שטאַרק.

עס האָט אויך עקזיסטירט אַ הענטשקע־קאָאָפּעראַטיוו אין בריסק, וועלכער האָט די פּראָדוקציע עקספּאָרטירט אין אויסלאַנד.

אין וואַרשע האָט עקזיסטירט אַ גרעסערע קאָאָפּעראַטיווע מעטאַל־ פאַבריק „מעטאַלאָוויעץ״, ווי אויך אַ גוט־אָוועקגעשטעלטער, פאַכמענישער און מאַטעריעלער וואַלקער־קאָאָפּעראַטיוו.

אין אַ ריי ערטער אין לאָדזשער טעקסטיל־ראַיאָן זענען אויפגעקומען פאַרשידענע טעקסטיל־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זענען געשטיצט געוואָרן דורכן „אָרט״ און איניציאירט געוואָרן דורך דער ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט,ביים לאַנדראַט פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען.

דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט דידאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון צעשטערט.

3. לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון:

אין געוויסע פּונקטן, ספּעציעל אין מיזרח־גאַליציע, וואו עס האָט זיך געפונען אַ גרעסערע צאָל יידישע לאַנדווירטן און גערטנער, זענען לויט דער איניציאַטיוו פון „אָרט״ און מיט דער פינאַנציעלער הילף פון „ייקאָ״ (און טיילווייז אויך פון „דזשאָינט״) אָרגאַניזירט געוואָרן לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון. זייער צאָל איז אין יאָר 1934 געווען דרייסיק. זייער מיטגלידערשאַפט האָט דערגרייכט 2,500. אָבער לויטן פּוילישן געזעץ האָבן לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון געמוזט זיך אָנגעשלאָסן אין „פאַרבאַנד פאַר פּוילישער קאָאָפּעראַציע״.

זייערע פונקציעס זענען געווען: איינקויפן זריעות און באַמיסטיקונג, אָרגאַניזירן אַזעלכע אונטערנעמונגען ווי מילכערייען און קעז־פאַבריקן און אָנפירן מיט זיי. אין יאָר 1932 האָבן אַלע אונטערנעמונגען פון מילך און קעז־פּראָדוקציע געגרינדעט אין לעמבערג אַ קאָאָפּעראַטיווע האַנדלס־צענטראַלע „חמאה״ (פּוטער), וואָס האָט שוין געהערט צום פאַרבאַנד פון יידישע קאָאָפּעראַטיוון און עקזיסטירט אויף אַ צופרידנדיקן אופן ביז דעם אויסברוך פון דער מלחמה.

4. פאַרלאַג־קאָאָפּעראַטיוון:

זיי זענען געווען אַ רעזולטאַט פון פינאַנציעלן קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין דער יידישער (און באַזונדער אין דער יידיש־פּוילישער) טעגלעכער פּרעסע צוליבן אָנווערן אַבאָנענטן און אַנאָנסן. די אייגנטימער פון די צייטונגען, ניט זייענדיק ביכולת צו טראָגן די הוצאות פון פּערסאָנאַל און געשעפט, האָבן איבערגעגעבן די מיטאַרבעטער (שרייבער, זעצער און אַדמיניסטראַציע־באַאַמטע) די גאַנצע צייטונג, מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן אַ קאָאָפּעראַטיוו.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די גאַנצע יידישע פּרעסע האָט אָנגע־נומען די קאָאָפּעראַטיווע פאָרם, דערביי האָבן די געוועזענע אייגנטימער (פּרילוצקי, יאַצקאַן, פינקלשטיין א״אַ) געזאָלט באַקומען פון קאָאָפּעראַטיוו אַ פיקסירטע סומע אויף זייער פּערזענלעכער אויסהאַלטונג.

אַלע דאָזיקע צייטונג־קאָאָפּעראַטיוון מיט די אַזוי שטאָלצע און פּאָפּולע־רע נעמען: „היינט״, „מאָמענט״, „עקספּרעס״, „פאָלקסצייטונג״ און „נאַש פשעגלאָנד״ האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַלס מיטגלידער אין „פאַרבאַנד פון יידישע קאָאָפּעראַטיוון״ און אַלע האָבן צופרידנשטעלנדיק עקזיסטירט ביזן אויסברוך פון דער מלחמה.

יצחק גאָטליב

* * * *

פּוילישע יידן אין דער פאַרמירונג פון לאַטיין־אַמעריקאַנער קהילות

אַריינפיר

די קאָלאָניזאַציע־עמיגראַציע

„אגודת אחים" און פאַרבאַנד

פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

אורוגוואַי

טשילע

בראַזיל

באָליוויע

פערו

ווענעזועלא

פאַראַגוואַי

צענטראַל־אַמעריקע

מעקסיקע

קובאַ

אַרייַנפיר

די עקאָנאָמישע לאַגע און רדיפות אין די צאַרישע צייטן האָבן געברענגט דערצו, אַז אַ גרויסע צאָל פון פוילישע יידן אָנגעהויבן זוכן אַ מקום־מיקלט אין אַנדערע לענדער. אַ באַדייטנדיקער טייל פון זיי זענען אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, אָבער פילע האָבן געפונען אַ נייע היים אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, באַזונדערס אין אַרגענטינע. אין דעם פעריאָד פון אומאָפּהענגיקן פוילן האָט דער כסדר וואַקסנדיקער אַנטיסעמיטיזם נאָכמער פאַרשטאַרקט די עמיגראַציע.

די פוילישע יידן, וואָס זענען מערסטנטייל געקומען פון די קליינע שטעטלעך, האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט די איינגעוואָרצלטע יידישע טראַ־דיציעס, געזעלשאַפטלעכע דערפאַרונג און אַ טיפן נאַציאָנאַלן געפיל, און דאָס האָבן זיי בייגעטראָגן צו דער פאַרמירונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין די נייע יישובים. אין פילע מקומות האָבן שוין אויך פריער עקזיסטירט יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, אָבער די פוילישע יידן האָבן אין זיי אַריינגעגעבן אַ נייעם גייסט און אינהאַלט.

יידן פון פוילן האָבן פיל בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער יישובים, אָבער קיין אויספירלעכע שטודיעס זענען וועגן דעם ביז איצט ניט געוואָרן געמאַכט. דעריבער זאָל די אַרבעט באַ־טראַכט ווערן ווי אַן ערשטער פרואוו אויף דעם געביט.

די קאָלאָניזאַציע־עמיגראַציע קיין אַרגענטינע

צווישן די ערשטע גרופּן פון קאָלאָניסטן, וועלכע זענען אָנגעקומען קיין אַרגענטינע און געשאַפן די קאָלאָניעס פון באַראָן הירש, זענען אויך געווען פוילישע יידן. זיי זענען אָנגעקומען אַהינצו אין רעזולטאַט פון דער גרויסער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן אין מיזרח־אייראָפּע דורך דער „ייקאַ“־געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן אַראָפּברענגען און איינ־אָרדענען די קאָלאָניסטן. ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען די אויסגאַבעס פון דער „ייקאַ“ פאַר דעם צוועק, „די רייזע נאָך אַרגענטינע“ פון יעקב יעד־באָוניק און א. ז. העלמאַן און „דער יידישער פעלד־אַרבעטער, וועגווייזער וויאַזוי צו באַאַרבעטן ערד“ פון מיכאל וועבער, ביידע דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1891. פילע פון די קאָלאָניסטן האָבן זיך ניט געקענט צופּאַסן צו די שווערע לעבנס־באַדינגונגען און זיינען אַוועק קיין בוענאָס־איירעס, וואו זיי האָבן געשפּילט אַ פּראָמינענטע ראָלע אין אויספאָרמירן דאָס פאָלקס־טימלעכע נאַציאָנאַלע יידישע אַרגענטינע, וואָס איז היינט צו טאָג. אָבער נאָך

אין יאָר 1941 געפינען מיר אַ באַדייטנדיקע צאָל פון פּוילישע יידן ביי דער ערד־אַרבעט. זי האָט דאַן באַטראָפן איין פינפטל פון אַלע יידישע קאָלאָניסטן. און די קאָלאָניע „וויזשאַ אַלבאַ" איז אַנטשטאַנען אַדאַנק זיי. ערב דער לעצטער וועלט־מלחמה גייט דער שטראָם פון יידישער איינוואַנדערונג אין די שטעט, וואו זיי אָרדענען זיך איין אַלס אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און הויזירער, א״ג „קוועניקעס".

מיט דער ערשטער אַזוי־גערופענער גראָדנער גרופּע פון קאָלאָניסטן, וועלכע האָט אין יאָר 1894 געשאַפן די קאָלאָניע מאָזעסוויל, איז געקומען דער אויגוסטאָווער, הרב ראובן סיני. ער איז געווען אַ תלמיד־חכם, אַ באַגאַבטער רעדנער און פול מיט געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיווע. אַלס לערער האָט ער געשאַפן די ערשטע יידישע שולע אין דער קאָלאָניע. פאַר פילע יאָרן איז ער געווען דער גייסטיקער מדריך פון די יידן. שפּעטער האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין בוענאָס־איירעס, וואו ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן געדאַנק. ער איז געווען דער גרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „זכרון שמואל", און זיך באַטייליקט אין אַ ריי יידישע זשורנאַלן.

פון דער גרויסער צאָל קאָלאָניסטן האָט זיך אויסגעטיילט דער ייד יעקב לאַכאָוויצקי, געבוירן אין אַ דאָרף ביי סלאָנים, וועלכער איז געווען פון די גרינדער פון דער „יידישער צייטונג" און אַרויסגעבער פון „ביכער פאַר אַלעמען", אין וועלכע ער האָט געשילדערט דאָס לעבן פון די יידישע קאָלאָניסטן. ער ווערט פאַררעכנט פון די ראשונים פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע.

אַ גרויסע ראָל האָט אין יענעם פּעריאָד געשפּילט פּראָפעסאָר עמיל מאיירסאָן, וועלכער שטאַמט פון לובלין. ער איז געווען פאַר לאַנגע יאָרן טעטיק אין דער „ייקאָ". שפּעטער איז ער אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז, וואו ער האָט געהאַט אַ קאַטעדרע אין דעם סאָרבאָנער אוניווערסיטעט.

„אַגודת אַחים" און פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

עס איז כמעט ניטאָ קיין יידישע אינסטיטוציע אין בוענאָס־איירעס, אין וועלכער פּוילישע יידן זאָלן ניט זיין פון די מיטגרינדער. זיי האָבן געשאַפן די „הכנסת־אורחים", וואָס האָט פיל מיטגעהאָלפן דעם יידישן אימיגראַנט אין זיינע ערשטע חדשים אין לאַנד. עס איז געווען נאַטירלעך, וואָס פאַר אַלעמען האָבן די פּוילישע יידן זיך אַליין גענומען אָרגאַניזירן אין פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפטן, דורך וועלכע זיי האָבן זיך שפּעטער פאַראייניקט אין דעם פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, וועלכער איז ביי זיי אַנט־

שטייאונג אין יאָר 1915 געווען באַקאַנט אַלס „אַגודת־אַחים". דעלעגאַטן פון דעם פאַרבאַנד האָבן אָנטייל גענומען אין די וועלט־צוזאַמענפאָרן פון פוילישע יידן, און זייערע פאָרטרעטער דוד הירש און ב. ווײנשטאָק האָבן געלאָזן הערן זייער שטים אין די אינטערעסן פון דעם יידישן קאָלעקטיוו אין פוילן אין צוזאַמענהאַנג מיט די שריט פון דער פוילישער רעגירונג, צו באַרויבן די יידן פון זייערע פּאָליטישע רעכט און אַרויסשטויסן זיי פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט דער פאַרבאַנד גענומען אויף זיך די אויפגאַבע פאַראייביקן די גייסטיקע ירושה פון פוילישן יידנטום און געשאַפן דעם פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום", וועלכער איז היינט מיט די שוין אַרויסגעגעבענע 160 ביכער, דער גרעסטער יידישער פאַרלאַג אין דער וועלט. דער פאַרלאַג ווערט אָנגעפירט דורך מאַרק טורקאָוו און אַברהם מיטלבערג, ביידע פאַרנעמען אָנגעזעענע פּאָזיציעס אין דעם אַרגענטינער יידישן לעבן. טורקאָוו איז דער פאָרטרעטער פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס און קאָאָרדינירט די טעטיקייטן פונעם יישוב אויפן פּאָליטישן געביט. מיטלבערג ווידער איז פאַר פילע יאָרן דער פאָרזיצער פונעם פאַרבאַנד פון פוילישע יידן און באַטייליקט זיך אַקטיוו אין די אָנפירנדיקע טעטיקייטן פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה.

צווישן דער גרויסער צאָל פון געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס שטאַמען פון פוילן, דאַרפן דערמאָנט ווערן: אַלתר הירש, קאַסירער פון דער קהילה, הערש טריוואַקס (ביאַליסטאָק), פאָרשטייער אין דער „דאַיאַ" (פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פון אַרגענטינער יידנטום) און פירער פון דער פּועלי־ציון, מ. קאָסטרינסקי (פּינסק), היינט אין ישראל, ד"ר יונה קאָוואַענסקי פון אַ יישוב ביי סלאָנים, שול־טוער און פירער פון דער „אַחדות־העבודה", נחמן געזאַנג, פון גאַליציע, פירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. דער ביי־טראָג פון פוילישע יידן אויפן געביט פון יידישער דערציאונג קומט צום אויסדרוק דורך דער נעץ פון די שלום־עליכם־שולן, אין שפּיץ פון וועלכע עס שטייט חיים פינקעלשטיין, וועלכער שטאַמט פון בריסק, איינער פון די באַוואוסטע זאַכקענער אויפן געביט פון יידישער דערציאונג.

אַן אָנגעזעענעם אָרט פאַרנעמען יידן פון פוילן אין דער אַרגענטינער יידישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק. צו די, וואָס האָבן די ערשטע געבראַכט דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט צו די יידן אין אַרגענטינע, געהערט פאַביאַן שרייבער הלוי, געקומען פון פּלאָצק. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דעם „יידישן פאָנאָגראַף", אַ צייטשריפט, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1898. צו די ערשטע אין דער יידישער פּובליציסטיק געהערט אַהרן־לייב שוסהיים פון ראַדמינאַ, פירער פון דער פּועלי־ציון, וועלכער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון אַ ריי פּועלי־ציוניסטישע זשורנאַלן. ער האָט זיך פיל אָפּ־געגעבן מיט דער געשיכטע פון אַרגענטינער יידישן יישוב. צווישן דער יידישער זשורנאַליסטיק האָבן פאַרנומען און פאַרנעמען דעם אויבן־אָן: פּינחס

וואַלד פון טאָמאַשאָוו מאַז., רעדאַגירט אין יאָר 1913 די צייטונג „אונדזער וואָרט", יוסף האָרן פון מעזריטש, שמואל ראָזשאַנסקי פון וואַרשע, זלמן וואַסערצוג פון לובין לעבן וולאָצלאַוועק, ש. פריילין פון מעזריטש און יעקב פּאַלאַטיצקי פון ביאַלע פּאָדלאַסק, פאַר אַ לענגערער צייט דער רעדאַק־טאָר פון דעם פּועלי־ציוניסטישן וואָכנבלאַט „די נייע צייט".

אויפן געביט פון שיינער ליטעראַטור האָבן געשאַפן: פּינחס ביזבערג פון זגיערזש, דער טראַגיש־אומגעקומענער בערל גרינבערג פון וואַרשע, שניאור וואַסערמאַן פון כעלם, מענדל פּזשעפּיורקאַ פון ווענגראָוו, אַבא קליגער פון לוצק, שמואל צעסלער פון זאַבלודעווע און ה. וואָלף פון לאָמזשע, משה קאַץ פון קוזמיר, מ. פּאַרישעווסקי און אַביגדור שפּריצער פון גאַליציע, משה גראַניטשטיין פון קאָוועל און נחמיה צוקער פון קראָקע, וועלכער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון גאַליציאַנער פאַרבאַנד. אין משך פון די לעצטע יאָרן וואוינען אין בוענאָס איירעס די שרייבער יצחק יאַנאָ־סאָוויטש, היינט רעדאַקטאָר פון דער „נייער צייט", און יוסף אָקרוטני, ביידע פון לאָדזשער געגנט, און משה קנאַפּהייס. צו דער גרויסער רשימה דאַרף צוגערעכנט ווערן לייב מלאך פון זוואָלין, וועלכער האָט געוואוינט אַ לענגערע צייט אין אַרגענטינע און אָנגעשריבן אַ ריי דערציילונגען פון אַרגענטינער לעבן. אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט שלמה סוסקאָוויטש פון שאַרקוישטיזנע, דער רעדאַקטאָר פון דעם איינציקן פילאָזאָפן זשורנאַל אין יידיש „דווקא". אין אַרגענטינע האָבן אויך געלעבט און געשאַפן די מאָלער משה פייגענ־בלום פון וואַרשע און מאָריצי מינקאָווסקי פון לאָדזש.

צווישן די וויסנשאַפטסלייט געפינען מיר ד"ר מאַקס אַבשלום, פּראָפעסאָר פון כעמיע אין טוקומאַנער אוניווערסיטעט, ד"ר לעאָן דוכאָווני, וועלכער פאַרנעמט די קאַטעדרע פון פילאָזאָפיע אין בוענאָס־איירעסער אוניווערסיטעט, און באָלעסלאַוו לעווין (לאָדזש), פאָרשער פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע און פון דער געשיכטע פון יידן אין לאַטיין־אַמעריקע אין די קאָלאָניאַלע צייטן.

פּוילישע יידן אין אַרגענטינע זענען באַטייליקט אין אַלע געביטן פון דאָרטיקןווירטשאַפטלעכן לעבן. זיי זענען געווען די פּיאָנערן פון דער וועבעריי־אינדוסטריע, אין וועלכער די ברידער פאַניעמאַן פון ביאַליסטאָק ווי אויך די ברידער קאַליש און עפּשטיין פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט. צווישן די אָנגעזעענע פאַבריקאַנטן דאַרפן דערמאָנט ווערן אויך משה באַנעט פון פּאַביאַניץ און אָשר גראָקאָף, וועלכער איז דער קאַסירער פונעם ועד־הקהילות. די טריקאָטאַזש־אינדוסטריע איז אַנטוויקלט געוואָרן כמעט אויס־שליסלעך פון פּוילישע יידן. די פאַבריקאַנטן זענען אָרגאַניזירט אין דעם שטריקער־פאַראיין, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1936 דורך דער איניציאַטיוו פון יצחק בענעק, ש. גראָדזשיצקי (קאַלושין), שמואל ראָזנבערג, ג. געליבטער פון ווענגראָוו. יצחק קופּערבערג און ברוך וואַרשאַווסקי זענען

געווען די, וואָס האָבן אויפגעבויט די ערשטע פאַבריקן אין לאַנד פון לעדער־גאַלאַנטעריע.

די ספּעציפישע באַדינגונגען אין לאַנד האָבן גורם געווען דאָס שאַפן פון אַ ריי יידישע פינאַנציעלע און קרעדיט־אינסטיטוציעס, אין וועלכע פוילישע יידן זענען פראָמינענט פאַרטראָטן. דוד הירש און באַריס קנאָבל ע״ה זענען די מיטגרינדער פון דער גרעסטער יידישער באַנק אין בוענאָס־איירעס, די „באַנקאָ איזראַעליטאַ״ און געשטאַנען אין שפּיץ פון דעם יידישן האַנדלס־קאַמער.

אורוגוואַי

אויך אין שכינותדיקן אורוגוואַי האָבן פוילישע יידן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם געשטאַלטן פונעם יישוב. דער אורוגוואַיער יישוב איז באַ־דייטנדיק יינגער ווי דער אַרגענטינער און האָט זיך אַנטוויקלט אין אַנדערע, מער דעמאָקראַטישע באַדינגונגען. דער טעמפּ פון דעם אַרומיקן טאָג־טעגלעכן לעבן האָט געגעבן אַ מער לאַנגזאַמען גאַנג צו די געזעלשאַפטלעכע אַק־טיוויטעטן.

דער ערשטער ייד פון פוילן, וואָס איז אָנגעקומען קיין מאָנטעווידעאָ (אין יאָר 1914), איז געווען משה טינסקי פון שערפּץ. אַדאַנק זיין איניציאַטיוו איז געגרינדעט געוואָרן די יידישע קהילה, פון וועלכער ער איז געווען איר ערשטער פּרעזידענט. ער האָט געהערט אויך צו די גרינדער פון דער געזעלשאַפט „אָרט״. אַ גרעסערע צאָל יידן זענען אָריינגעקומען אין לאַנד צווישן ביידע וועלט־מלחמות. זיי האָבן זיך אין אָנפאַנג באַשעפטיקט מיט פּעדלעריי, וואָס דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע יידישע איינ־וואַנדערער אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. דאָס לעבן אין אַ פרעמ־דער סביבה, די בענקשאַפט צו אייגענע און די שווערע פּרנסה האָבן גורם געווען דאָס שאַפן אין יאָר 1925 דעם פאַרבאַנד פון פוילישע יידן.

פּונקט ווי פאַרשידנאַרטיק ס׳איז געווען דאָס יידישע לעבן אין פוילן מיט זיינע פּאָליטישע גרופּירונגען, אַזוי איז אויך דער אורוגוואַיער יישוב געטיילט אין פאַרשידענע גרופּן. מיט אַ סך מי איז געלונגען זיי צו פאַר־אייניקן אין אַ ראָם, וואָס איז היינט צו טאָג די יידישע קהילה. ביי דער אַרבעט שטייען פּערזאָנען, וועלכע האָבן מיטגעבראַכט פון פוילן זייער ערנסטן צוגאַנג צו יידישע פּראָבלעמען און דעם ווילן צו שפּינען ווייטער די פּעדעם פון דער אומגעבראַכטער פּויליש־יידישער וועלט. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן די פּערזאָן פון משה וויינראַך ע״ה (פון קרינקי), וועלכער איז געווען זייער געשעצט אינעם יישוב צוליב זיין פּשטות און איניציאַטיוו. ער איז געווען אַ מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז דער רעפּרעזענטאַטיווער אָרגאַן פונעם אורוגוואַיער יישוב, און פאַר לאַנגע יאָרן דער פירער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס־קאָמיטעט.

אין דער שפּיץ פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין מאַנטעווידעאָ שטייען אַ ריי עסקנים, וועלכע שטאַמען פון פּוילן. עקיבא סטריקאָווסקי פון פּאַביאַניץ איז געווען פּרעזידענט פון דער קהילה, אַנגעפירט מיט די טעטי־קייטן פונעם פּוילישן פאַרבאַנד און פאָרזיצער פון די מגבית־קאַמפּיינס. יצחק בורשטין פון טשיזשעוו איז דער אָנפירער פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי און געווען רעדאַקטאָר פון דער „מאָנטעווידעער שטימע" און פון „דאָס יידישע לעבן". פּסח גזשיוואַטש פון וואַרשע איז דער פאָרזיצער פון קרן־היסוד. בנימין מיאַדאָוויק ע"ה (פון קאַלושין) איז געווען דער מיטבויער פון דער שלום־עליכם־שולע און איינער פון די פירער פון פּוילישן פאַרבאַנד. דער רעוויזיאָניסטישער טוער שמואל סאָכאַטשעווסקי (סאָקאָלאָוו־פּאָדלאַסקי) איז אַקטיוו אין דער אָנפירונג פון דער קהילה און אין „אָרט". מרים קראַ־שינסקי פון זשיכלין און קלאַראַ בערגשטיין (בעלז, גאַליציע) זענען די אָנפירער פון דער פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע. ד"ר נעלאַ ראָסט פון קראָקע איז די לייטערין פון ביוראָ פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, און איז טעטיק צווישן אורוגוואַיער אינטעלעקטואַלן און פּאָליטישע קרייזן. אליה וויינראָך (פון קרינקי) איז פירער פון „מזרחי" און פאָרזיצער פון ציוניסטישע קאַמ־פּיינס.

אויפן געביט פון מאָדערנעם יידישן שול־וועזן האָט פיל געלייסטעט חיים וואַרזאַגער פון דוביענקאָ, דירעקטאָר פון דער שלום־עליכם־שולע און דער פירער פון דער „אחדות־העבודה"־גרופּע.

אַ באַדייטנדיקן בייטראַג צו דער יידישער ליטעראַטור און זשורנאַליס־טיק האָבן געגעבן יידן וואָס שטאַמען פון פּוילן. נאָך אין יאָר 1931 האָט משה אָרזשוך (פון ווילנע) אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם „טאָג", וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער טאָגצייטונג „פּאַלקסבלאַט", אין וועלכער זיין ברודער דוד איז אַן אָנגעזעענער מיטאַרבעטער. שלום סטאַ־ראַשעווסקי (פון קאָסאָוו־טעלאַקי) איז דער רעדאַקטאָר פון דער „אומאָפּ־העגניקער טריבונע", וואָס איז דורך אים אַרויסגעגעבן אַ סך יאָרן און וועלכע האָט קריטיש רעאַגירט אויף פאַרשידענע דערשיינונגען אין יידישן לעבן.

אין יאָר 1938 האָבן יהודה לעווי (וואַרשע) און שמאי גרינבערג (פּינסק) אַרויסגעגעבן אין יאָר דעם זשורנאַל „די קאָמערציעלע וועלט". שמאי גרינ־בערג רעדאַגירט לעצטנס אַ חודש־צייטשריפט „דאָ". דער פירער פון דער גרופּע פון אַלגעמיינע ציוניסטן יעקב לעשטש פון אָסטראָוו־מאַזאָוויעצקי איז דער רעדאַקטאָר פון דער „ציוניסטישער טריבונע". נחמן טשערוואָנאַ־גורא איז דער רעדאַקטאָר פון דעם פּועלי־ציוניסטישן זשורנאַל „דאָס וואָרט". פון די יידישע שרייבער דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן אינזש. יואל גאַק פון ראָוונע, ליטעראַטור־קריטיקער און מיטרעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „דאָ", ד"ר אליעזר שענקמאַן — שרייבער און איבערזעצער, ד"ר מאיר וושעבאָר (פון אָסטראָוו־מאַזאָוויעצקי) — פּובליציסט און שלמה זיטנער (פון קאָסאָוו)

— ראַמאַניסט. אין מאָנטעווידעאָ האָט אויך געוואוינט דער באַקאַנטער דיכ־טער עלי ווערבלון (ווילנע), איצט אין ישראל.

די יידישע שרייבער זענען אָרגאַניזירט אין דעם שרייבער־פאַראיין, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט דער איניציאַטיוו פון לעאָן האַלפערן (פון יעוויע). האַלפערן איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון „אָרט" און פון מושב־זקנים.

צווישן די שפּאַניש־יידישע שרייבער געפינען מיר משה־בנציון גערבער (פון קראַסנאָשעלץ), זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר פון „גאַסעטאַ איזראַעליטאַ", אַברהם האַלפערן (פון סטאַניסלאַוואָוו) — רעדאַקטאָר פון דער „רעוויסטאַ פאַמיליאַר איזראַעליטאַ" און סאָניע גראַבשטיין (פון גראַיעווע).

די יידן אין מאָנטעווידעאָ האָבן געשאַפן אַ ריי יידישע פינאַנציעלע אינסטיטוציעס, צווישן וועלכע די גרעסטע איז די „באַנקאָ פּאַלעסטינאַ־אורוגוואַזשאַנאַ". געהאָלפן גרינדן די באַנק האָבן די יידן חיים מיגדאַל (פון בראָק), אריה שלאָפּראָק (פון זאַמאָשטש) און יואל בערגשטיין (פון בעלז), אַגב אויך מיטגרינדער פון דעם סוחרים־ און אינדוסטריעלער־פאַראיין, און שכנא אייזנבערג (פון וואַרשע), מיטגרינדער פון דעם מושב־זקנים.

טשילי

אָפּגעטיילט דורך די ריזיקע אַנדעס־בערג פון אַרגענטינער יישוב, אין טשילי, איז פאַראַן דער אַממייסטן שפּראַכלעך־אַסימילירטער יישוב אין לאַטיין־אַמעריקע. די פּוילישע יידן האָבן גענומען אויף זיך די פליכט פון אָפּהיטן די יידישע שפּראַך און די ירושה פון פּוילישן יידנטום. נאָך אין יאָר 1932 האָבן זיי אָרגאַניזירט דעם פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, דאַן אונטער דער פירערשאַפט פון י. דימענטשטיין, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין אַריכת־ימים. ערשט אין צען יאָר שפּעטער, אונטער דעם דרוק פון די געשעענישן אין פּוילן, איז געשאַפן געוואָרן אויפסניי דער פאַרבאַנד, אָנגעפירט דורך ד"ר יונה אַלערהאַנד פון לעמבערג און דורך דעם סעקרעטאַר שלמה באַכראַך (פון פּראָסניש). דער פאַרבאַנד גיט זיך אָפּ מיט איינאָרדענען אונטערנעמונגען און פירט דורך יערלעך אַקאַדעמיעס צום יאָרטאָג פון וואַר־שעווער געטאָ־אויפשטאַנד. אָנגעפירט פאַר אַ לאַנגער צייט מיטן פאַרבאַנד האָט ירוחם ראַפּאַלאָווסקי (פון זאַבלודאָווע). ער איז אויך געווען דער גרינדער פון „הזמיר".

אַ גרויסע ראָל אינעם יישוב שפּילט אַבבל וויוואָוויטש, וועלכער האָט דערגרייכט אַ בכבודיקע פּאָזיציע אינעם פּאָליטישן לעבן אין לאַנד. ער איז געווען אַ דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט, און איצט פאַרנעמט ער דעם פּאָסטן פון אַ סענאַטאָר. זיין ברודער כואַן האָט פיל געלייסטעט פאַרן יישוב אַלס פּערזידענט פון דעם „סירקולאָ איזראַעליטאַ" (יידישער צענטער).

פון די פּויליש־יידישע שרייבער און עסקנים זענען באַקאַנט משה־דוד גיסער (פון ראַדאָם) — אַן אָנגעזעענער דיכטער, און יעקב פּילאָווסקי — נאָוועליסט. אויפן געביט פון יידישער דערציאונג איז טעטיק מתתיהו שאַפּירא (פון סאָקאָלקע). אין דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַרנעמט יעקב שטיינסאַפּיר אַ פּראָמינענטע פּאָזיציע. זיין פרוי ווידער איז די פּרעזידענטין פון דער „וויצאָ"־אָרגאַניזאַציע. סענדער פּילאָווסקי איז אַ מיטגליד פון דעם רעפּרעזענטאַטיוון קאָמיטעט פונעם יישוב. אַ זייער חשובע ראָל האָט געשפּילט איזידאָר דימאַנד ע"ה, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט דעם יידישן וועלטקאָנגרעס, געווען פּרעזידענט פון דעם רעפּרעזענטאַטיוון קאָמיטעט און איינער פון די גרינדער פון דער „באַנקאָ איזראַעליטאַ".

בראַזיל

אין צווייטן גרעסטן יישוב אין דרום־אַמעריקע, אין בראַזיל, געפינען מיר פּוילישע יידן אין אַ ריי פון אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אין יידישן לעבן. נאָך אין יאָר 1931 האָט די קליינע צאָל איינוואַנדערער פון פּוילן געשאַפן אין ריאָ דע זשאַנעיראָ דעם ערשטן לאַנדסמאַנשאַפטן פאַראיין, וועלכער איז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אויסגעוואַקסן צום פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן. איינער פון די וויכטיקסטע עסקנים פונעם פאַרבאַנד איז געווען יעקב רעכטהאַנד ע"ה, וועלכער איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „אונדזער וואָרט".

אין דער אָנפירונג פון דעם יישוב אין ריאָ שטייען ישראל סאָבעל, פילמאָליקער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פאַראייניקונג און פון די מגבית־קאַמפּיינען, חוה לעווינזאָן, וועלכע איז די פּרעזידענטין פון דער פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע, ד"ר י. גאַרטענבערג, ישראל דינעס (פון ראַוונע), אָנפירער פון דעם „האיאָס", בערל פוקס (פון פּזשיסכע), פאָרשטייער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, נטע שטראַסענבערג, וויצע־פּרעזידענט פון דער פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן, און לייב שמעלצינגער (פון בראָק), באַוואוסטער יידישער פּעדאַגאָג.

די יידישע וואָכנבלעטער, וואָס דערשיינען אין ריאָ, ווערן אַרויסגעגעבן פון פּוילישע יידן. יעקב פרנס (פון קאַליביעל) איז דער רעדאַקטאָר פון דער „יידישער צייטונג" און דוד מאַרקוס (פון בראָק) גיט אַרויס „די יידישע פּרעסע".

אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער בראַזיליאַנער קונסט האָט פאַרנומען דער מאָלער־עקספּרעסיאָניסט לאַזאַר סגל, וועלכער שטאַמט פון ווילנע. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1957.

דער צענטער פון דער בראַזיליאַנער אינדוסטריע, סאַאָ פּאַאָלאָ, האָט זיך געלייגט זיין חותם אויף דער אָרגאַניזירונג פון דעם שטאָטישן 45־

טויזנטדיקן יידישן יישוב די פילע יידישע אָרגאַניזאַציעס פון סאָציאַלער הילף, דערציאונג און אויך די פּאָליטישע גרופּירונגען זענען פּאַראייניקט אין דער פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן. פוילישע יידן האָבן פיל בייגעהאָלפן צו אָט דער אָרגאַניזאַציע פונעם יישוב. הערשל בידלאָווסקי ע״ה (פון סטאַשעוו) איז געווען דער גרינדער פון דער „לינת־הצדק״ און אָנגעפירט מיטן פאַרבאַנד פון פוילישע יידן, אַדאָלפאָ וואָלף איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט פון דער פּאָליקליניק. ד״ר משה קאַהאַן איז דער פאָרזיצער פון דער פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן און פון דער אָרגאַניזאַציע „מכבי״. ער איז דער מחבר פון אַ ריי ביכער וועגן דער געשיכטע פון יידן אין בראַזיל. איינער פון די גרינדער פון דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ישראל און פון „מכבי״ איז געווען דער שעדלעצער ייד שלמה טרעזמעלינאַ, וועלכער פאַרנעמט היינט דעם פּאָסטן פון פּרעזידענט פון דער יידישער קהילה. אויפן געביט פון ציוניסטישער טעטיקייט פאַרנעמט אַ וויכטיקע פּאָזיציע לעאָן פעפער (פון לוצק), ערן־קאָנסול פון ישראל אין בראַזיל. ער איז איינער פון די פּיאָנערן פון דער פּאַפּיר־אינדוסטריע אין לאַנד. א. וויינגאַרטן (פון סטאַשעוו) איז דער פירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. חיים־פּיוול נאַפּאַרסטעק (פון בעלכאַטאָוו) איז דער פאָרזיצער פון דער בונדישער גרופּע. איגנאַציאָ מייעראָוויטש איז איינער פון די הויפּט־לייטערס פונעם מגבית־קאַמפּיין און זיין ברודער יעקב פירט אָן מיט דער „אחדות־העבודה״ גרופּע. צו די דינאַמישע פיגורן געהערט י. כאַרמאַץ (אָסטראָווצע), וועלכער פירט אָן מיט דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי.

דאָס איינציקע יידישע וואָכנבלאַט וואָס דערשיינט אין סאַאָ פּאַאָלאָ, „דער בייער מאָמענט״, ווערט אַרויסגעגעבן פון הערש אָסטראָוויעצקי און רעדאַגירט פון יצחק באָרענשטיין, ביידע פון וואַרשע, און דער באַקאַנטער עסייאיסט מאיר קוטשינסקי (פון וולאָצלאַוועק).

נאָכמער אָנגעזעען איז די ראָל פון פוילישע יידן אין די קלענערע יישובים, וואָס געפינען זיך אין בראַזיל. זיי זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן אין פּאָרטאָ אַלעגראָ אַרויסגעגעבן נאָך אין יאָר 1915 דעם ערשטן יידישן וואָכנבלאַט „די מענטשהייט״. אַן אָנפירנדיקע ראָל אין דעם יישוב אין פּאָרטאָ אַלעגראָ, וואָס ציילט איבער צוועלף טויזנט נפשות, האָבן געשפּילט דער קרינקער ייד יהושע דרייזיק, סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער פּאַראייניקונג און דער גרינדער פון דער יידישער ביבליאָטעק. בערנאַרדאָ לעווגאָי (פון לעמבערג) איז געווען דער גרינדער פון יידישן צענטער „יוניאָן איזראַעליטאַ״, מאַרקאָס לערער (פון הרוביעשאָוו) איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן געשאַפן דעם „סירקולאָ סאָסיאַל איזראַעליטאַ״, פון וועלכער ער איז אויך געווען פּרעזידענט. ער האָט אויך פיל געלייסטעט פאַרן יידישן שול־וועזן און אָנגעפירט מיט די קאַמפּיינס פאַר ישראל. ד״ר יצחק באַס (פון ווילנע) איז גרינדער פון דער רעוויזיאָניסטישער גרופּע.

פון דער געשיכטע פונעם קליינעם יישוב אין קוריטיבאַ, אין דרום

פון בראַזיל, איז דער ערשטער פּוילישער ייד, וואָס האָט זיך דאָרט באַזעצט נאָך אין יאָר 1889 געווען יוסף פלאַקס. אין דעם קוריטיבער יישוב, וואָס ציילט אַרום צוויי טויזנט נפשות, האָט פּאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט מאַקס ראָזענמאַן (פון גאַליציע). אַדאַנק זיין איניציאַטיוו איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1913 די ערשטע יידישע אָרגאַניזאַציע „אגודת ישראל בפאראנא", פון וועלכער ער איז געווען פּרעזידענט. פון די אַנדערע פּוילישע יידן, וואָס האָבן געהאָלפן אין דער אַנטוויקלונג פונעם יישוב, דאַרפן דערמאָנט ווערן: דער טאַרנאָפּאָלער ייד יוסף קנאָפּהאָלץ, פירער פון דער פועלי־ציון־התאחדות און פּרעזידענט פונעם יידישן צענטער, זשוליאָ שטאָלצענבערג פון קאַמיאָנקאַ־סטרומילאָווע, דעלעגאַט צום ציוניסטן־קאָנגרעס אין יאָר 1921, יוסף וואַלד־מאַן (פון דובנע) און פּראָפעסאָר שמואל כאַמעצקי, וועלכער האָט פּאַרנומען אַ קאַטעדרע אין דעם פּאַראַנאַ אוניווערסיטעט.

אין דער אַמאָליקער הויפּטשטאָט פון בראַזיל, אין סאַלוואַדאָר, געפינט זיך אַ קליינער יישוב פון קוים צוויי הונדערט משפחות. זיי זענען אָרגאַניזירט אין דעם „בראַזיליאַנער יידישן צענטער", וועלכער איז אָנגעפירט פון שלמה אַדלער. אין שפּיץ פון די פּאַרשידענע ציוניסטישע טעטיקייטן שטייט שלמה פּאַסטערנאַק. ביידע שטאַמען פון קאַמיאָנקאַ־סטרומילאָווע.

פון די אַנדערע שטעט אין בראַזיל, וואו עס געפינען זיך יידישע יישובים און וואו פּוילישע יידן שטייען אין שפּיץ פון קהלישן לעבן, דאַרף דערמאָנט ווערן רעסיפע און בעלאָ האָריזאָנטע. אין רעסיפע איז טשאַרלס שוואַרץ (פון דראָהאָביטש) דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פאַראייניקונג און יעקב קאַהאַן (פון כעלם) פירט אָן מיט דעם מגבית־קאַמפּיין. אין בעלאָ האָריזאָנטע איז יעקב דיקער (פון נאַראָל) געווען איינער פון די גרינדער פון „יוניאָן איזראַעליטאַ" אין יאָר 1922.

באָליוויע

אין שווערע באַדינגונגען, הן קלימאַטישע, הן עקאָנאָמישע, איז אויס־געקומען צו בויען דאָס יידישע לעבן אין דער הויך־בערגיקער באָליוויע, אינעם סאַמע־אָפּגעשטאַנענסטן לאַנד אין דרום־אַמעריקע. פּוילישע יידן האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן צו באַזעצן אין יאָר 1929. די יידן וואָס זענען אָנגעקומען קיין באָליוויע און זיך קאָנצענטרירן אין איר הויפּטשטאָט, לאַ פּאַז, האָבן געמוזט לעבן אין אַ גאָר פרעמדער סביבה, מיט אַ נידעריקן קולטור־ניוואָ פון אַן אינדיאַנישער באַפעלקערונג. זיי האָבן געזוכט אָנצוהאַלטן די פאַר־בינדונג מיטן יידישן פאָלק און מיט יידישער קולטור. כדי דאָס צו דערגרייכן האָבן זיי אין יאָר 1935 אויסגעבויט אַ גרויסע געביידע, אין וועלכער עס געפינען זיך אַלע יידישע אינסטיטוציעס. אויפגעטאָן פאַר אויפהאַלטן דעם גייסטיקן יידישן לעבן האָבן מ. צימערמאַן (פון גאַליציע, היינט אין סאַנ־

טיאַגאָ דע טשילי), וועלכער איז געווען דער אָנפירער פונעם יישוב, הירש לעדערמאַן (פון וואַרשע), פערנאַנדאָ ראַטשטיין (פון קראָקע) און לעאָן שערף, פאַר די לעצטע יאָרן פרעזידענט פון דעם יידישן צענטער. אויפן געביט פון פאַרשפרייטן יידישע קולטור זענען געווען טעטיק אַברהם וויסמאַן, וועלכער האָט געשאַפן ביים יידישן צענטער לייען־קרייזן און אַ יידישן טעאַטער. צוליב די געשעענישן אין יאָר 1935 איז דער יישוב געוואָרן פאַר־קלענערט און ציילט היינט צו טאָג ניט מער ווי צוויי טויזנט נפשות. דער גראָדזשיסקער ייד בערל פישער האָט דורך זיין איניציאַטיוו געשאַפן אַ יידישע קהילה אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל אין באָליוויע, אין קאָטשאַ־באַמבאַ, וואו עס וואוינען אַרום 700 יידן.

פערו

דער אַמאָליקער יישוב אין פערו האָט אַריינגעשריבן אַ טרויעריק קאַ־פיטל אין דער יידישער געשיכטע אין די צייטן פון די אינקוויזיציע־פאַר־פאָלגונגען. היינט צו טאָג וואוינען אין גאַנצן לאַנד איבער דריי טויזנט יידן. פוילישע יידן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַזעצן אין לאַנד ניט לאַנג צוריק. זיי האָבן געשאַפן דעם ערשטן קולטור־צענטער אין לימאַ. די גרינדער זענען געווען פעליפע גאָלדענבערג און יצחק ראַטשטיין (פון אָסטראָוויעץ). אויך דער ערשטער רעליגיעזער ועד איז געשאַפן געוואָרן אַדאַנק זלמן ביטערמאַן (פון הרוביעשאָוו).

צווישן די טוער, וועלכע האָבן סטימולירט די געזעלשאַפטלעכע טע־טיקייטן פונעם יישוב זענען: טשאַרנע גאָלדענבערג ע״ה, פרעזידענטין בון דער פיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע, מיטשל ראַדזינסקי, וועלכער האָט פיל אויפגעטאָן אויפן געביט פון אינוועסטיציעס אין ישראל, הערש צווייליך — באַקאַנט מיט זיינע שילדערונגען פון פערואַנער יידישן לעבן, יוסף שמערלער פון גאַליציע און י. זוסמאַן, פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

קאָלאָמביע

אין קאָלאָמביע, וואו די צאָל פוילישע יידן איז אַ באַדייטנדיקע, פירט זיך יעדע קהילה אין לאַנד איר באַזונדערן לעבן און ס׳איז ביז איצט דאָרט ניט געלונגען אויפצושטעלן אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זיין דער וואָרטזאָגער פונעם יישוב. אין דער הויפּט־שטאָט, אין באָגאָטאַ, ווערט דער יידישער צענטער אָנגעפירט דורך פוילישע יידן. דער איצטיקער פרעזידענט איז דער וואַרשעווער ייד יעקב קאָפּעק, וויצע־פרעזידענט אין ד״ר אַהרן ראָלעוויטש און דוד־מאיר רובינשטיין. איינער פון די עלטסטע

תושבים, ד״ר י. גריצהענדלער (פון וואַרשע), איז יאָרנלאַנג געווען דער וואָרטזאָגער פונעם יישוב. אינעם ציוניסטישן לעבן פאַרנעמען אַ פּראָמי־נענטן אָרט די ברידער ישראל און חיים מעקלער און י. פּיינבוים. אליהו רויטמאַן איז פאַר אַ לאַנגער צייט געווען דער פּרעזידענט פון דער יידישער שולע. יצחק און שפּעטער זיין ברודער אליעזר צעלניק זענען די רעדאַקטאָרן פון דעם איינציקן שפּאַניש־יידישן חודש־זשורנאַל אין קאָלאָמביע „מנורה״. אַ באַדייטנדיקע ראָל אין באָגאָטאַנער יישוב שפּילט שמעון גובערעק (פון זשעלעכאָוו), וועלכער איז געווען פילע יאָרן פּרעזידענט פון יידישן צענטער. דער יישוב האָט אַרויסגעגעבן דעם שרייבער שלמה בראַנסקי ע״ה (פון זשעלעכאָוו), וועלכער האָט אין זיינע דערציילונגען געשילדערט דאָס יידישע לעבן אין דער אַלטער היים און דעם בראשית פון דער יידישער איינוואַנ־דערונג אין קאָלאָמביע. פילע פון זיינע שאַפונגען זענען באַקאַנט אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור.

די קהילות אויף דער קאָלאָמביאַנער פּראָווינץ געהערן צו די בעסטע אָרגאַניזירטע אין לאַטיין־אַמעריקע. דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען די פּוילישע יידן, וועלכע האָבן דידאַזיקע קהילות געשאַפן און פירן אָן מיט זייערע טעטיקייטן. אין באַראַנקיליאַ שטייען אין שפּיץ פון דער קהילה: ישראל פּאַנצער, בערנאַרדאָ וואַטענבערג און קאַרלאָס קאַלושין, וועלכער איז, אַגב, דער פּיאָנער פון דער פּלאַסטיק־אינדוסטריע אין לאַנד.

אין מעדעלין ווערט דער יידישער צענטער אָנגעפירט דורך כוליאָ פּאַרביאַזש און לוי רעזניק (פון לאָדזש). אין קאַלי האָט דער ווילנער ייד יצחק גילינסקי פיל בייגעשטייערט צו דער אַנטוויקלונג פון דער קליינער אָבער רירעוודיקער קהילה. ער איז פאַר יאָרנלאַנג געווען איר פּרעזידענט און אויך אָנגעפירט מיט די ציוניסטישע טעטיקייטן און זאַמלונגען. שמואל קירזשנער איז געווען דער גרינדער פון דעם יוגנט־קלוב „מכבי״.

ווענעזועלאַ

אין קאַראַקאַס, אין דער הויפּטשטאָט פון דער שכינותדיקער ווענעזו־עלאַ, האָט דאָס אָרגאַניזירטע יידישע לעבן אָנגעטראָפן אויף גרויסע שווע־ריקייטן צוליב אינערלעכע חילוקי־דעות, וועלכע זענען ענדלעך באַזייטיקט געוואָרן. אַ גרויסן חלק האָבן אין דער אַנטוויקלונג פון דעם יישוב: מיגעל ראַטענבערג, וועלכער איז פאַר אַ לאַנגער צייט געווען דער פּרעזידענט פונעם יידישן צענטער, עדוואַרדאָ זאַבענשיין (פון קראָקע), און וואָלטער טשענסטאָ־כאָווסקי (פון לאָדזש), וועלכער האָט קאָנסאָלידירט די ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציע. אַ באַדייטנדיקן בייטראָג צו פאַרשטאַרקן דעם יישוב האָבן געגעבן לעאָן שניידערמאַן און מאַקסימאָ שלעזינגער. אַ סלאָנימער ייד קלמן לו־באָווסקי, שטייט אין שפּיץ פון דער אַרבעט פאַר אינוועסטירונגען, וועלכע

די קראַקאָסער יידן האָבן מיט אַ ברייטער האַנט געמאַכט אין ישראל. ער האָט אויך אָנגעפירט מיט די מגבית־ און באָנד־קאַמפּיינען. ער און זיין שוואָגער י. מישקין (פון דערעטשין) זענען געווען די פּיאָנערן פון דער טריקאָ־אינדוסטריע און פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דעםווירטשאַפטלעכן לעבן.

פּאַראַגוואַי

אין דעם קליינעם יישוב אין פּאַראַגוואַי, וועלכער ציילט אַרום טויזנט נפשות, ראַנגלען זיך די יידן מיט גרויסע שוועריקייטן סיי צוליב דער עקאָנאָמישער לאַגע, סיי צוליב דער פּאָליטישער איזאָלאַציע פונעם לאַנד פון זיינע אַרומיקע שכנים. די יידן, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין דער הויפּט־שטאָט אַסונסיאָן, גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן געשאַפן דעם יידישן צענטער „אַליאַנסאַ איזראַעליטאַ", וועלכער ווערט אָנגעפירט דורך דעם פּוילישן ייד מאַקס לינטשעווסקי. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מאַוריסיאָ שיפּערבאַו, וועלכער שטאַמט פון גאַליציע, געשאַפן דעם קלוב „העבראַיקאַ". די צאָל יידן האָט זיך פאַר די לעצטע צען יאָר אַביסל פאַרגרעסערט מיטן באַזעצן זיך פון אַ גרעסערער צאָל יידיש־פּוילישע פּליטים.

צענטראַל־אַמעריקע

די קליינע אין צאָל יידישע יישובים, וואָס זענען פאַראַן אין צענטראַל־אַמעריקע און אויף די אינדזלען פונעם קאַריבעאישן ים, וואָלטן שוין לאַנג פאַרשוואונדן אָדער אויסגעהוילט פון יידישן איהאַלט, ווען ניט דאָס, וואָס פּוילישע יידן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין די לענדער מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, וואָלטן ניט אַריינגעגעבן אין זיי אַ נייעם לעבן.

אויפן אינדזל קוראַסאַאָ, וואו עס געפינט זיך איינער פון די עלטסטע יישובים אין לאַטיין־אַמעריקע, האָבן די פּוילישע יידן אויסגעבויט דעם יידישן צענטער „קלוב יוניאָן", וועלכער איז ניט לאַנג צוריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער „אַשכנזישער קהילה", אַרום וועלכער עס גרופּירן זיך די מיזרח־אייראָפּעאישע יידן. די גרינדער פונעם קלוב זענען געווען יעקב גרויסמאַן, י. פּרוכטער און הערמאַן גערטנער. דער איצטיקער וויצע־פאַרזיצער פון דער קהילה, ש. דיאַמאַנט, פירט אָן מיט די קולטור־טעטיקייטן און איז געווען דער איניציאַטאָר פון אַ יידישן דראַמאַטישן קרייז.

אַ קליינע צאָל יידן זענען פאַרוואָגלט געוואָרן נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה אויף דעם אינדזל באַרבאַדאָס. אויך דאָרט איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישער צענטער, אָנגעפירט דורך ד"ר אָסקאַר פּילערסדאָרף (פון לעמבערג)

און משה אַלטמאַן (פֿון לובלין). אַדאַנק זייערע באַמיאונגען איז געלונגען צוריק אויפֿצושטעלן דעם אַלטן בית־עולם, וועלכער האָט אַ גרויסן היס־טאָרישן ווערט פֿאַר דער געשיכטע פֿון יידן אין דעם טייל פֿון דער וועלט.

די יידן אויפֿן אינדזל סאַן דאָמינגאָ, וועלכע זענען ניט מיטגעריסן געוואָרן מיטן געדאַנק פֿון באַזעצן זיך אין דער סאָסואַ־קאָלאָניע, האָבן אין דער הויפּט־שטאָט פֿון לאַנד געשאַפֿן אַ יידישע קהילה „פֿאַראַקיאַ איזראַע־ליטאַ", וועלכע איז געווען אָנגעפֿירט דורך כוליאַ לעדערבערג פֿון גאַליציע. אַ צייט האָט אָנגעפֿירט דאָרטן מיט די ציוניסטישע טעטיקייטן יוסף קאָרגער (היינט אין ניו־יאָרק).

פֿון די לענדער אין צענטראַל־אַמעריקע זיינען דאָ יידישע יישובים אין קאָסטאַ ריקאַ און גוואַטעמאַלאַ, ביידע זייער יונג.

